STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06901

DER IDYOT

Fyodor Dostoyevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. דאסטאיעווסקי

דער אידיאָט

«ИДIОТЪ»

ראמאן אין 4 טיילען

איבערזעצט פון
ח. גוטמאן (דער לעבעדיגער)

צווייטער באנד

ארויסגעגעבען פון
Farlag: MAX JANKOVITZ
179 E. Broadway New York

צווייטער באַנד

דריטער טהייל.

ערשטער קאפיטעל

אַלע ווײַלע הערט מען ביי אונז קלאַגנען, אז ביי אונז פעהלען פראַקטישע מענשען; אז למשל, פּאָליטישע מענשען האָבען מיר גענוג, גענעראַלען אויך; פארשיידענע פאַרוואַלטער, וויפיעל מען זאָל ניט באדאַרפען, קען מען גלייך געפינען וועלכע מען וויל — אָבער קיין פּראַקטישע מענשען זיינען ניטאָ. אמווינציגסטענס באַקלאָגען זיך אַלע אז עס איז ניטאָ. מען זאָגט אפילו, אז אַ ריכטיגער ארבייטער אויפ'ן אייזענבאַהן איז אויך ניטאָ, געפינען אַ נישקשדיגע אדמיני־סטראַציע פאַר אַ שיפען־געזעלשאַפט, קען מען אויך ניט. דאָרט, הערסטו, אז אויף אַ ניי ענטדעקטע ליניע האָבען זיך וואַגאָנען צו־זאַמענגעשטויסען אָדער ארונטערגעפאַלען אויפ'ן בריק; דאָרט, שרייבט מען אז אַ צוג איז שיעור ניט געבליבען שטעקען צווישען שנעע־פעל־דער: מען איז אָפּגעפאָהרען עטליכע שטונדען און פינף טעג אָפּגע־שטאַנען אין שנעע; דאָרט דערצעהלט מען, פוילען טויזענדער פודען סחורה אויף איין פּלאַץ צו צוויי און צו דריי מאָנאַטען, וואַרטענדיג אז מען זאָל עקספּעדירען. און דאָרט, רעדט מען, (איבעריגענס, עס גלויבט זיך אפילו ניט), אז אַ געוויסער אדמיניסטראַטאָר, ד. ה. אַ מין אויפזעהער, האָט עפּעס אַ סוחרישען פּריקאַזשטיק, וועלכער איז צו איהם צוגעשטאַנען מיט דער עקספּעדיציע פון זיינע סחורות, אנשטאָט אַן עקספּעדיציע, אריינגעפּאָהרען אין די ציין, און ער האָט נאָך ערקלעהרט זיין אדמיניסטראַטיווע האַנדלונג מיט דעם, אז ער האָט עס געטאָן פון „כעס.“ עס דוכט זיך, מיר האָבען אזוי פיעל אַנגעוועזענדע פּלעצער פון דער רעגירונגס־דינסט, אַזש עס נעהמט אָן אַ שווידער; אַלע האָבען געדיענט, אַלע דיענען, אַלע זיינען גרייט צו דיענען — ווי אזוי קען מען דאָך פון אזא מאַטעריאַל ניט אויפשטעל־

לען א נישט קשה'דיגע, אנשטענדיגע קאָמפּאַניע פאַר א שיפען־אַד־מיניסטראַציע?

אויף דערויף גיט מען גאַנץ אָפט א זעהר איינפאַכען ענטפער: אויף אַזוי פיעל איינפאַך, אַז עס גלויבט זיך אַזש ניט, אזא ערקלעה־רונג. אמת, זאָגט מען, ביי אונז האָבען אַלע געדיענט אָדער דיענען און שוין צוויי הונדערט יאָהר ציהט זיך עס אַזוי לויט דעם סאַמע בעסטען דייטשען מוסטער, פון די עלטער זיידעס ביז צו אייניקלאַך — נור די מענשען וואָס שטעהען אין דיענסט זיינען דאָך די סאַמע אונפּראַקטישע, און עס איז געקומען דערצו אַז די אַבסטראַקציע און דאָס פעהלען פון פּראַקטישען וויסען האָט זיך גאָר ניט לאַנג גערע־כענט צווישען די דיענסט־מענשען אליין אלץ די בעסטע מעלות און רעקאָמענדאַציעס. איבעריגענס האָבען מיר אומזיסט זיך צורעדט וועגען דיענסט־מענשען, מיר האָבען אייגענטליך געוואָלט רעדען וועגען פּראַקטישע מענשען. דאָ איז שוין קיין צווייפעל ניט, דאָס די שרעקעדיגקייט און דער פעהלער פון אייגענער איניציאַטיווע האָבען זיך שטענדיג ביי אונז גערעכענט אלס דער גרעסטער און בעסטער סמן פון א פּראַקטישען מענשען — אפילו איצט רעכענט מען נאָך אויך אַזוי. נור פאַר וואָס באַשולדיגען נור זיך — אויב מען קען נור רעכע־נען אונזער מיינונג אלס באַשולדיגונג? — דאָס פעהלען פון אָריגי־נאַליטעט איז אומעדום, אויף דער גאַנצער וועלט, פון זינט די וועלט איז וועלט, זיך גערעכענט אלס די ערשטע מעלה און בעסטע רעקאָ־מענדאַציע פון א זאַכליכען, געשעפטליכען און פּראַקטישען מענשען און אַמווינציגסטענס ניין און ניינציג פּראָצענט פון מענשען, (דאָס איז שוין אַמווינציגסטענס), האָבען אלע אַזוי געדענקט און אפשר נור איין פּראָצענט פון הונדערט האָט שטענדיג געקוקט און קוקט אַנדערש.

ערפינדער און גאונים האָבען כמעט אלע מאָל ביים אָנפאַנג פון זייער טהעטיגקייט (און גאַנץ אָפט אויך ביים ענד), זיך גערעכענט אין דער געזעלשאַפט ניט מעהר ווי אלס נאַראָנים — דאָס איז שוין די אויסגעדראָשענסטע באַמערקונג, שוין צופיעל צו אלעמען באַקאַנט. זען למשל אלע האָבען אין פאַרלויף פון צעהנדליגער יאָהרען געטראָ־גען זייער געלט אין לאָמבאַרד און אהין אַנגעטראָגען מיליאָרדען אויף פיער פּראָצענט, דאַן איז שוין זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז ווען דער לאָמבאַרד באַנקראָטירט, און אלע בלייבען מיט זייערע איינענע

איניציאַטיווען, דאַן האָט די גרעסטע טהייל פון די דאָזיגע מיליאָנען אונבאַדינגט געמוזט פאַרלאָרען געהן אין דער אָקציאָנערנער קאַבע־ניש, און אין די הענט פון שווינדלער, — און דאָס האָט זיך אפילו געפאָדערט אין נאָמען פון אַנשטענדיגקייט און פיינעם כאַראַקטער. הויפטזעכליך פיינעם כאַראַקטער. ווען די פיינע כאַראַקטערישע שרע־קעניש און דאָס אַנשטענדיגע פעהלען פון אָריגינאַליטעט האָבען ביי אונז ביז איצט פאַרנעשטעלט, לויט דער אַנגענומענער איבערצייגונג, די אונפאַרמיידליכע מעלה פון אַ זאַכליכען און אַנשטענדיגען מענ־שען, וואָלט שוין געווען צופיעל ניט זאַכליך און אפילו ניט אַנשטענ־דיג, ווען דאָס זאָל זיך מיט אַמאָל ענדערן. וועלכע, למשל, מוטער, וואָס ליעבט איהר קינד, וועט זיך ניט דערשרעקען און וועט ניט קראַנק ווערען פון שרעק, ווען איהר זון אָדער טאָכטער וועלען קוים קוים אַראָפּ פון דרך הישר: „ניין, שוין זאָל ער שוין בעסער זיין גליקליך און אָפּלעבען אָין פאַרגעניגען אָהן אָריגינאַליטעט.“ דענקט יעדע מו־טער פאַרוויגענדיג איהר קינד. און אונזערע ניאַנקעס, פאַרוויגענדיג קינדער, רעדען און זינגען צו פון זינט די וועלט איז וועלט: „דו וועסט געהן אין גאָלד געקליידט, און אַ גענעראַלסקען טשין טראָגען!“ און אַזוי איז האָט זיך אפילו ביי אונזערע ניאַנקעס, אַ טשין פון גענע־ראַל גערעכענט, אַלס דער גרענעץ פון רוסישען גליק, און דאַרום איז ער געוואָרען דער סאַמע פּאָפּולערער נאַציאָנאַלער אידעאַל פון רוהיגער און פיינער צופרידענהייט. און באמת'ן: אויסהאַלטענדיג אַ מיטעל־מעסיגען עקזאַמען און אָפּדינענדיג פינף און דרייסיג יאָהר — איז ווער האָט עס, ענדליך, ניט געקאָנט ווערען ביי אונז קיין גענעראַל און ניט אָבשפּאָרען אַ באַוואוסטע סומע אין לאָמבאַרד? אויף אַזאַ אופן האָט דער רוסישער מענש, גאָר אָהן אַנשטרענגונג ענדליך, דערגרייכט דעם נאָמען פון אַ וויכטיגען און פּראַקטישען מענשען. אין גרונד גענו־מען, האָט ביי אונז ניט צו ווערען קיין גענעראַל געקאָנט בלויז איי־נער — דער אָריגינעלער מענש, מיט אַנדערע ווערטער, דער אומרו־היגער מענש. מעגליך אַז דאָ איז דאָ אַ שטיקעל מיספאַרשטענדניס; אָבער רעדענדיג אין אַלגעמיין איז דאָס, דוכט זיך, ריכטיג. אין אונ־זער געזעלשאַפט האָט געהאַנדעלט גערעכט, מיט איהר באַשטימונג, וואָס איז אַ פּראַקטישער מענש.

אַזוי צו אַזוי, האָבען מיר דערווייל אַנגערעדט אַ סך איבעריגע

רעד; מיר האָבען אייגענטליך בלויז געוואָלט זאָגען עטליכע ערקלעה־רענדע ווערטער, וועגען דער אונז באַקאַנטער פאַמיליע עפּאַנטשינס, אָט די דאָזיגע מענשען, אָדער אַמווינציגסטענס, די מעהר באַדענק־ליכע מיטגליעדער פון דער דאָזיגער פאַמיליע, האָבען שטענדיג געלי־טען פון איין כּמעט אַלגעמיינער פאַמיליען מעלה, פּונקט אַ ווידער־שפּרעכענדע צו יענע טוגענדען וועגען וועלכע מיר האָבען אויבען באַ־טראַכט. ניט פאַרשטעהענדיג דעם פאַקט אין גאַנצען, (ווייל איהם איז געווען שווער צו פאַרשטעהן), האָבען זיי פונדעסטוועגען אָפט גע־קוקט מיט חשד, אַז אין זייער פאַמיליע געהט עפּעס ניט אַזוי ווי ביי אַלעמען. ביי אַלעמען איז גלאַט, ביי זיי שטרומפּיג; אַלע פאָהרען רוהיג אויף די רעלסען און זיי שפּרינגען אַרונטער פון די רעלסען; אַלע ציטערען יעדע ווײַלע, מאַראַליש, און זיי ניט. אמת, ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט שוין אפילו צופיעל געציטערט, נור פונדעסטוועגען איז דאָס ניט געווען יענע מאַראַלישע וועלטליכע ציטערניש, נאָך וועלכער זיי האָבען געבענקט. איבעריגענס, קען געבען, אַז נור איין ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט זיך באַאומרוהיגט: די מיידלאַך זייַ־נען נאָך געווען יונג — כאָטש אַ זעהר שאַרפזיניגע און איראָנישע חברה, און דער גענעראַל כאָטש ער האָט דורכגעדרונגען וואָס דאָ טוט זיך (איבעריגענס ניט אָהן אָנשטרענגונג). אָבער אין שווערע צייטען האָט ער בלויז געזאָגט: ה מ! און האָט סוף כּל סוף געלעגט זיינע גאַנצע האָפנונגען אויף ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. דאָס באַדייט, אַז אויף איהר איז אויך געלעגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט. און ניט דערפאַר, למשל, ווייל די פאַמיליע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט עפּעס אַ באַזונדערן אונטערנעהמונגס־גייסט, אָדער איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פון די רעלסען צוליעב זייער באַוואוסטזיניגער שטרעבונג צו אָריגינאַליטעט, דאָס וואָלט שוין געווען אין גאַנצען ניט אַנשטענדיג. אַ, ניין! דאָס אַלעס, איז אין אמת׳ן ניט געווען, דאָס הייסט, קיין שום באַוואוסטזיניג־געשטעלטער צוועק. און פונדעסטוועגען, איז סוף כּל סוף אויסגעקומען אַזוי, אַז די פאַמיליע עפּאַנטשינס, כאָטש זעהר אַ בכבוד׳יגע, דאָך איז עפּעס געווען ניט דאָס וואָס עס דאַרף בכלל זיין, אַ בכבוד׳יגע פאַמיליע. אין דער לעצטער צייט האָט לי־זאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ אָנגעהויבען באַשולדיגען אין אַלץ בלויז זיך אַליין און איהר „אומגליקליכען" כאַראַקטער — פון וואָס איהרע

לײדען האָבען זיך נאָך מעהר פאַרגרעסערט. זי האָט זיך יעדע װײלע טיטולירט מיט „נאַרישער, אונאַנשטענדיגער טשודאַטשקע,“ און האָט זיך געפּײניגט פון אײנרעדעניש, אָהן אױפהער פאַרלאָרען דעם קאָפּ, ניט געפונען קײן אױסװעג אין א װעלכען ס׳ניט איז געװעהנליכען צוזאַמענשטױס פון זאַכען און יעדע מינוט האָט זי איבערטריבען דעם אומגליק.

נאָך אין אָנהױב פון אונזער ערצעהלונג, האָבען מיר דערמאָנט, אַז די עפּאַנטשין׳ס זײנען געװען געעהרט פון אַלעמען. אפילו דער גענעראַל איװאַן פיאָדאָראָװיטש אַלײן, א מענש פון נידעריגער אָפּ־שטאַמונג, פלעגט אױפגענומען װערען מיט כבוד אומעדום, און דעם כבוד איז ער װערטה געװען, ערשטענס, אַלס רײכער מענש, און ניט קײן „לעצטער“ און צװײטענס, אַלס א מענש א פאָלקאָם אָרענטלי־כער, כאָטש ניט קײן גרױסער חכם, נור א געװיסע טעמפּקײט פון שכל, איז דוכט זיך, א נױטװענדיגע מעלה אױב ניט פון יעדען ערנ־סטען כלל טוער, אַמװײנציגסטענס פון יעדען ערנסטען געלט־זאַמלער. און נאָך אַלע זאַכען, האָט דער גענעראַל באַזעסען פײנע מאַניערען, געװען עניות׳דיג, געקענט שװײגען, און אין דער זעלבער צײט ניט לאָזען זיך אָנטרעטען אױף די הינער־אױגען. און ניט נור בלױז צו־ליעב זײן גענעראַלסטװאָ, נור אפילו װי אַן אָרענטליכער און װיר־דיגער מענש.

װיכטיגער פון אַלץ איז געװען דאָס, װאָס ער איז געװען א מאַן פון שטאַרקע פּראָטעקציע. און װאָס שײך ליזאַװעטאַ פּראָקאָפּיעװנאַ איז זי, װי עס איז אױבען ערקלעהרט, געװען אי פון פײנער אָפּשטאַ־מונג, כאָטש בײ אונז קוקט מען אױף דער אָפּשטאַמונג ניט זעהר שטאַרק, װען ס׳איז דערבײ ניטאָ קײן נױטיגע פאַרבינדונגען. נור בײ איהר זײנען אױך געװען די נױטיגע פאַרבינדונגען; מען האָט זי געאַכטעט און ענדליך האָבען זי אָנגעהױבען צו ליבען אַזעלכע מענ־שען, אַז נאָך זײ, האָבען שױן נאַטירליך, איהר אַלע גענומען אַכטען און אױפנעהמען. קײן צװײפעל, אַז איהרע פאַמיליען־צרות זײנען געװען גרונדלאָזע. די אורזאַכע איז געװען א נישטיגע, און ביז לע־כערליכקײט איבערטריבען; נור אױב אײנער האָט א באָראָדאָװקע אױפ׳ן נאָז אָדער שטערן, איז דוכט זיך דאָך יענעם אױס, אַז אַלע

אין דער וועלט האָבען בלויז איין באַשעפטיגונג, צו קוקען אויף אייער באַראַדאַווקע, לאַכען פון איהר און אייך באַדערען צוליעב איהר, כאָטש ווי ער וואָלט דערביי ענטדעקט אמעריקאַ. קיין צווייפעל נים אויך אין דעם, אז אין דער געזעלשאַפט האָט מען ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעווגאַ'ן טאַקע געהאַלטען פאַר אַ „טשודאַטשקע"; נור דערביי האָט מען זי זיכער געאַכטעט — אין וואָס ס'איז באַשטאַנען דער גאַנצער אומגליק. קוקענדיג אויף איהרע טעכטער, האָט זי זיך געמוטשעט מיט דעם חשד, אז זי האַלט נור אין איין שעדיגען זייער קאַריערע, אז איהר כאַראַקטער איז אַ קאָמישער, ניט קיין פּאַסיגער און אַן אונערטרעגליכער, — פאַר וואָס זי האָט זעלבסט פאַרשטענדליך, באַשולדיגט טאַקע איהרע טעכטער זעלבסט און איוואַן פיאָדאָראָוויטש'ן, און גאַנצע טעג האָט זי זיך מיט זיי אַרומגעריסען. אין דער זעלבער צייט ליבענדיג זיי ביז זעלבסט־פאַרגעסונג און שיעור ניט ביז ליידענשאַפט.

מעהר פון אַלץ האָט איהר געפּייניגט דער חשד, אז אויך איהרע טעכטער ווערען פּונקט אַזעלכע „טשודאַטשקעס" ווי זי, און אַזעלכע מיידלאַך ווי זיי איז גאַר אויף דער וועלט ניטאָ, און עס קען ניט געבען. „עס וואַקסען ניהיליסטקעס און פאַרטיג!" האָט זי יעדע ווייליע גערעדט צו זיך, דעם לעצטען יאָהר און הויפּטזעכליך אין דער גאָר לעצטער צייט, האָט דער דאָזיגער טרויערדיגער געדאַנק זיך אין איהר אַלץ מעהר און מעהר געגומען פאַרשטאַרקען. „ערשטענס, וואָרום האָבען זיי ניט חתונה?" האָט זי זיך יעדע ווייליע געפרעגט. „כדי אָנצוטאָן יסורים דער מוטער, אין דעריין זעהן זיי דעם צוועק פון זייער לעבען און אין דעם זיינען זיכער שולדיג די נייע אידעען, די פרויען־פראַגע! איז דען אַגלאַיאַ מיט אַ האַלב יאָהר צוריק נים איינגעפאַלען אָפּצושניידען זיך איהרע פּראַכטפאָלע האָר? (גאָט מיינער, איך אין מיין צייט האָב דאָך גאָר אַזעלכע האָר ניט געהאַט!) און די שער איז דאָך שוין געווען אין די הענט. און זי האָט דאָך בלויז שטעהענדיג אויף די קניע זי אייגגעבעטען! נו, איז זאָלען מיר זאָגען, אז זי, האָט עס געטאָן פון שלעכטסקייט, כדי צו פּייניגען דער מאַמע, ווייל זי איז זעהר אַ שלעכטע, און אונגעהאַרכזאַמע, און אַ צובאַלעוועטע, נור הויפּזעכליך, אַ שלעכטס, אַ שלעכטס, אַ שלעכטס! אָבער האָט דען די דיקע אַלעקסאַנדראַ איהר ניט געוואָלט נאָכטאָן, און אויך אָפּשניי־

דען די צעפּ? און שוין ניט צוליעב שלעכטסקייט, צוליעב אַ קאַפּריז, נור אויפריכטיג ווי אַ נאַר, וועלכער אַגלאַיאַ האָט איינגעשמועסט, אַז אָהן האָר וועט זי שלאָפען רוהיגער, און דער קאָפּ וועט ניט וועה טאָן? און וויפיעל, וויפיעל, וויפיעל — אָט איז שוין געוואָרען פינף יאָהר — האָבען זיי שוין איבער געהאַט חתנים? און דוקא מענשען פיינע. און אפילו די שעהנסטע מענשען זיינען אויך געוועזן! וואָס זשע וואַרטען זיי, פאַר וואָס געהן זיי ניט חתונה האָבען? כדי נור די מוטער צו ערגערן — מעהר איז ניטאָ קיין אורזאַכע! קיין אור־זאַכע! קיין!

ענדליך איז אויפגעגאַנגען די זון אויך פאַר איהר מוטער־האַרץ; כאָטש איין טאָכטער, כאָטש אַדעלאַידאַ וועט זיך ענדליך איינאָרדע־נען: „כאָטש איינע פון די פּלייצעס ארונטער" האָט געזאָגט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, ווען ס'איז אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם אין דער הויך (פאַר זיך האָט זי זיך אויסגעדריקט אסך עדעלער). און ווי פיין און ווי אַנשטענדיג די גאַנצע אַנגעלעגענהייט איז געשלאָסען געוואָרען. אפילו אין דער געזעלשאַפט האָט מען אָנגעהויבען רעדען וועגען דעם מיט אַכטונג. אַ מענש אַ באַוואוסטער, אַ פירשט, אַ וואָהלהאָבענדער, אַ מענש אַ פיינער, און צו דעם אַלעמען האָט זי איהם נאָך ליעב אויך, וואָס וואָס דוכט זיך, קען זיין בעסער? נור פאַר אַדעלאַידאַ'ן האָט זי זיך אויך פריהער געשראָקען ווענינער ווי פאַר די איבעריגע טעכטער. כאָטש איהרע אַרטיסטישע נייגונגען האָ־בען גאַנץ אָפט אויפגערודערט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ'ס אונאויפ־הערליך צוויייפלענדעס האַרץ. „דערפאַר איז זי אָבער אַ פרעהליכע און דערצו אַ קלוגע, — דאָס מיידעל וועט אַלזאָ ניט פאַרלאָרען געהן!" האָט זי זיך סוף כל סוף געטרייסט. מעהר פאַר אַלעמען, האָט זי זיך געשראָקען פאַר אַגלאַיאַ'ן. און וואָס שייך די עלטערע אַלעקסאַנ־דראַ, האָט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ אַליין ניט געוואוסט וואָס זאָל זי טאָן; זאָל זי זיך שרעקען אָדער ניט? דאָס האָט זיך איהר אויס־געדוכט, אַז דאָס מיידעל איז שוין אין גאַנצען „אַ פאַרלאָרענע": איהר איז שוין געוואָרען פינף און צוואַנציג יאָהר — און דאָס מיינט, אַז זי וועט שוין בלייבען אַ מיידעל. „און ביי אַזאַ שעהנקייט!" ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט אפילו זי באַוויינט, אין די נעכט, אין דער צייט, אין די זעלבע נעכט איז אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ גע־

שלאָפֿען מיט דעם סאַמע רוהיגסטען שלאָף. „אָבער וואָס איז זי אַזוינס, — אַ ניהיליסטקע, אָדער גלאַט אַ נאַר!“ — אַז זי איז ניט קיין נאַר, איז דעם, איבעריגענס, האָט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונא ניט געצווייפֿעלט: זי האָט זעהר געאַכטעט די מיינונגען פֿון אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונא און ליעב געהאַט מיט איהר זיך צו באַראַטהען. אָבער אַז זי איז אַ „צוקראַכענער נפש“ איז אין דעם קיין צווייפֿעל ניט: זי איז אַזאַ רוהיגע, אַז מען קען זי אַזש ניט אויפֿוועקען. איבעריגענס, זיי־נען אויך די „צוקראַכענע נפשות“ ניט רוהיג.—„פֿוי! איך בין צוליעב זיי אין גאַנצען צוטומעלט!“ ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונא האָט געהאַט עפּעס אַזאַ רחמנות׳דיגע ליעבשאַפֿט צו אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ, מעהר אפילו ווי צו אַגלאַיאַ׳ן, וועלכע איז געווען איהר געץ. אָבער די גאַליגע אַרויסטרעטונגען, (פֿון וועלכע, הויפּטזעכליך, ס׳איז באַ־שטאַנען איהרע מוטערליכע זאָרגען און סימפּאַטיען). דאָס טשעפּען זיך איהר׳ס, אַזעלכע צונעמעני־שען ווי „צוקראַכענער נפש“, האָבען בלויז אַלעקסאַנדראַ׳ן געמאַכט צום לאַכען. אָפּטמאָל איז געקומען דערצו, אַז די סאַמע פּוסטע זאַכען האָבען אַריינגעבראַכט אין כעס ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ׳ן, און שרעקליך אויפֿגעבראַכט. אַלעקסאַנדראַ איוואַ־נאָוונאַ, צום ביישפּיעל, האָט ליעב צו שלאָפֿען זעהר לאַנג, און גע־וועהנליך זעהן אַ סך חלומות; נור איהרע חלומות האָבען זיך שטענ־דיג אויסגעצייכענט מיט זייער פּוסטקייט און אומשולדיגקייט, וועלכע וואָלטען געפּאַסט פֿאַר אַ זיבען יאָהריגען קינד; זיי האָבען אפילו אַט די דאָזיגע אומשוולדיגקייט פֿון די חלומות אויך אויפֿגערעגט דער מאַמען. איינמאָל האָט אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ געזעהן אין חלום ניין הינער און דערפֿאַר איז אַרויסגעקומען אַן אמת׳ער קריג צווי־שען איהר און דער מוטער — פֿאַר וואָס? ס׳איז שווער צו ערקלעה־רען. נור בלויז איינמאָל האָט זיך איהר איינגעגעבען צו זעהן אין חלום עפּעס וואָס אָריגינעלעס — זי האָט געזעהן אַ מאָנאַך אין אַ פֿינסטערן צימער אַזאַ, אין וועלכען זי האָט אַלץ מורא געהאַט אַריינ־געהן. דער חלום איז תיכף איבערגעגעבען געוואָרען מיט פֿרייד צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ דורך די לאַכענדע צוויי שוועסטער; די מאַמע איז ווידער געוואָרען אין כעס און האָט אַלע דריי אָנגערופֿען, נאַראָנים. המ! זי איז רוהיג ווי אַ נאַר און קוקט אויס אין גאַנצען ווי אַ „צוקראַכענער נפש,“ מען קען דאָס ניט אויפֿוועקען און איז דאָך אומע־

טיג. אָפטמאָל קוקט זי אויס אַן אומעטיגע. ווענען וואָס זאָרגט זי, ווענען וואָס?" איינציגע מאָל האָט זי די דאָזיגע פראַגע אויך גע־שטעלט צו איוואַן פיאָדאָראָוויטש, און ווי איהר שטייגער, אויף אַ היסטערישען אופן, און מיט צאָרן און מיט דער ערוואַרטונג פון אַ שנעלען ענטפער.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט געהימקעט, זיך געכמורעט, געדריקט מיט די אַקסלען און ענדליך, צופיהרענדיג מיט די הענט, באַשלאָסען:

— זי דאַרף אַ מאַן!

— נור זאָל איהר גאָט צושיקען ניט אַזאַ ווי איהר איוואַן פיאָ־דאָראָוויטש, האָט ענדליך געפלאַצט ווי אַ באָמבע ליזאַוועטאַ פּראָ־קאָפּיעוונאַ — ניט אַזאַ אין זיינע געדאַנקען און אורטהיילען, ווי איהר איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ניט אַזאַ גראָבען גרוביאַן ווי איהר איוואַן פיאָדאָראָוויטש...

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט זיך גלייך געראַטעוועט. און ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט זיך נאָך איהר פּלאַצען בארוהיגט. עס פאַרשטעהט זיך, אין דעם זעלבען טאָג צו אָבענד צו, איז זי אונ־פאַרמיידליך געוואָרען זעהר געהאָרכזאַם, שטיל, גוט און אַכטונגס־פאָל צו איוואַן פיאָדאָראָוויטש, צו „איהר גראָבען גרוביאַן", איוואַן פיאָדאָראָוויטש, צו איהר גוטען, וואוילען און פאַרגעטערטען איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ווייל זי האָט דעם גאַנצען לעבען געליעבט און אפילו געווען פאַרליעבט אין איהר איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ווענען וואָס עס האָט גאַנץ גוט געוואוסט אויך איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

נור איהר הויפּטזעכליכע און שטענדיגע מוטשעניש איז געווען אַגלאַיאַ.

— זי איז אינגאַנצען געראַטען אין מיר, מיין בילד אין אַלע באַ־ציהונגען, — האָט גערעדט פאַר זיך ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. — אַן אונגעהאָרכזאַמער, פאַסקודנער טייוועלע! אַ ניהיליסטקע, אַ טשו־דאַטשקע, אַ משוגענע, אַ שלעכטס, אַ שלעכטס, אַ שלעכטס! אָ, גאָט מיינער, ווי אומגליקליך זי וועט עס זיין!

און ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט די אויפגעהענדע זון גרינ־גער געמאַכט און באַלויכטען אויף אַ ווייל'ע. ס'איז כמעט געווען אַ מאָנאַט אין ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ'ס לעבען, אין וועלכען זי האָט

זיך אײנגאַנצען געװען אָפּגערוהט פון איהר אומרוהיגקייט. צוליעב דער נאָהענטער חתונה פון אדעלאיאַרא, האָט מען אין דער געזעלשאַפט אויך אָנגעהויבען רעדען װעגען אגלאיאַ'ן. און דערביי האָט זיך אגלאיאַ אומעדום געהאַלטען אַזוי פיין, אַזוי גלייך, אַזוי קלוג, אַזוי טריאומ־פירענד, אביסעלע מיט גאוה, אָבער דאָס האָט דאָך איהר אַזוי גוט געפאַסט! זי איז דעם גאַנצען מאָנאַט געװען אַזוי ליעבליך און פריינד־ליך צו דער מוטער! (אמת, אָט דעם דאָזיגען װוגעני פּאַװליטש דאַרף מען גוט באַטראַכטען, מען דאַרף איהם צובייסען און אגלאיאַ, דוכט זיך, שענקט איהם ניט מעהר אויפמערקזאַמקייט װי צו אַנדערע). פונדערסטװעגען איז זי מיט אַמאָל געװאָרען אַזאַ טהייער מיידעל — און װי שעהן זי איז, גאָט מיינער, װי שעהן! זי װערט שעהנער מיט יעדען טאָג! און אָט...

און אָט װי נור עס האָט זיך באַװיזען אָט דער פּאַסקודנער פירשטעל, אָט דער מיאוסער אידיאָטעל, און אַלץ איז װידער קאַליע געװאָרען, און אַלץ אין הויז איז שוין װידער איבערגעקעהרט גע־װאָרען.

— װאָס־זשע האָט אייגענטליך פּאַסירט?

פאַר אַנדערע װאָלט אודאי גאָר ניט פּאַסירט, נור מיט דעם האָט זיך דאָך ליזאַװעטאַ פּראָקאָפּיעװנאַ אויסגעצייכענט, אַז אין דער קאָמ־בינאַציע, אין דער פאַרפּלאָנטערניש פון די סאַמע געװעהנליכע זאַ־כען, דורך איהר שטענדיג באַזיצענדער אומרוהיגקייט — האָט זי שטענדיג אויסגעפיעט דערבליקען עפּעס אַזעלכעס, װעלכעס האָט איהר אָפּט געשראָקען ביז קראַנק װערען, מיט דעם סאַמע אייגגערעדטען, מיט דעם סאַמע אונערקלעהרליכען שרעק, און דאָס מיינט, מיט דעם סאַמע שרעקליכען. װי זשע האָט זי זיך געפיהלט, װען פּלוצלינג האָט איצט, דורך דעם גאַנצען טומעל און לעכערליכע און אונבאַגרינדעטע אומרוהיגקייטען, טאַקע אויף אַז אמת'ען אָנגעהויבען אַרויסקוקען עפּעס, װאָס האָט טאַקע אין אמתען אויסגעקוקט אַלס װיכטיג, עפּעס, װאָס איז אין אמת'ען װערטה דעם אומרוה, צװייפעל און חשדים.

— און װי האָט מען געװאָגט, װי האָט מען געװאָגט מיר אָנשריי־בען דעם דאָזיגען פאַרפלוכטען אַנאָנימען בריף װעגען דער דאָזיגער באַשעפעניש, אַז זי איז אין באַציהונגען מיט אגלאיאַ'ן? — האָט ליזאַװעטאַ פּראָקאָפּיעװנאַ געטראַכט די גאַנצע װעג, ביז װאַנען זי

האָט נאָך זיך געשלעפּט דעם פירשט, און אין דער היים, ווען זי האָט איהם באַזעצט ביים קיילעכדיגען טיש, ארום וועלכען עס איז געווען צונויפגעזאַמעלט דאָס גאַנצע הויזגעזינד; ווי האָט זי זיך גאָר געוואָגט אַ טראַכט צו טאָן וועגען דעם? איך וואָלט דאָך אַוועקגעשטאָרבען פון שאַנדע, ווען איך וואָלט געגלויבט אפילו בלויז אויף אַ האָר, אָדער ווען איך וואָלט דעם בריעף אַגלאַיאַ'ן געוויזען? וואָס פאַר אַ חוזק מען מאַכט עס פון אונז. די עפּאַנטשינס! און אַלץ, אַלץ צוליעב איוואַן פיאָדאָראָוויטש. אַך, פאַר וואָס האָבען זיי זיך ניט אריבערגעקליבען אויף דעם עלאַגין אינזעל, איך האָב דאָך אָבער געזאָגט אַז אויף דעם עלאַגין! ס'קען געבען, אַז דאָס האָט וואַרקאַ אָנגעשריבען דעם בריעף, איך ווייס אָדער אפשר קען געבען... און אַלץ, און אַלץ איז צוליעב איוואַן פיאָדאָראָוויטש! דאָס האָט די ב אַ ש ע פ ע נ י ש מיט איהם געמאַכט דעם שפּאַס, צום אַנדענקען פון די פריהערדיגע פאַרבינדונגען, כדי איהם מאַכען צום נאַר, פּונקט ווי זי האָט פריהער פון איהם, ווי פון אַ נאַר, געלאַכט, פאַר'ן נאָז געפיהרט, ווען ער האָט איהר נאָך פּערל געפיהרט... און סוף כל סוף זיינען מיר דאָך פאַרמישט. פונדעסטוועגען זיינען דאָך אייערע טעכטער, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, פאַרמישט אין דעם, מיידלאַך, פרייליַנס, פון דער בעסערער געזעלשאַפט, כלות; זיי האָבען זיך דאָ געפונען, דאָ געשטאַנען, אַלץ אויסגעהערט, און אפילו אין דער געשיכטע מיט די אינגלאַך זיינען זיי אויך פאַרמישט. פרעהרט זיך, זיי זיינען דאָ אויך געווען און געהערט! איך וועל ניט פאַרצייען, ניט פערצייען אָט דעם דאָזיגען פירשטעל. קיינמאָל ניט פאַרצייען! און פאַר וואָס איז אַגלאַיאַ דריי טעג געווען אין היסטעריקע, פאַר וואָס האָט זי זיך מיט די שוועסטער שיעור ניט צוקריגט. אפילו מיט אַלעקסאַנדראַ'ן. וועלכער זי פלעגט אַלע מאָל קושען די הענט, ווי אַ מוטער,—אַזוי האָט זי געאַכטעט? פאַר וואָס האָט זי דריי טעג אַלעמען אַ רעטעניש פאַרגעבען? וואָס טוט דאָ גאַווריַלאַ איוואָלגין? פאַר וואָס האָט זי נעכטען און היינט אַלץ גאַווריַלאַ איוואָלגין'ען לויבען גענומען און דערביי זיך צעוויינט? וואָס איז וועגען דעם דאָזיגען, דעם פאַרשאָלטענעם, „דעם ריטער דעם אָרימען" אין דעם אַנאָנימען בריעף דערמאָנט, און ווען זי האָט דעם פירשט'ס בריעף אפילו צו די שוועסטער ניט געצייגט? און פאַר וואָס... פאַר וואָס, פאַר וואָס בין איך צו איהם ווי אַ משוגענע קאַץ געלאָפען און אַליין איהם אַהער

געבראכט צו שלעפען? גאט מיינער, איך בין ארונטער פון זינען. וואס האב איך דאס איצט אנגעארבייט! מיט א יונגען מענשען וועגען דער טאכטער'ס געהיימניסע רעדען, און נאך... און נאך פון אזעלכע נעהיימניסע, וועלכע זיי ריהרען שיעור איהם אליין אן! גאט מיינער, נאך גוט, וואס ער איז אן אידיאט און... און א הויז־פריינד! נור איז דען מעגליך, אז אגלאיא זאל זיך פארליעבען אין אזא קריפעל! גאט מיינער, וואס פלוידער איך! טפוי, מיר זיינען טשיקאווע מענשען... מען דארף אונז אלעמען אונטער א גלאז ווייזען, מיך די ערשטע, צעהן קאפיקעס פאר אן איינטריט. איך וועל דאס אייך ניט פערצייען, איוואן פיאדאראוויטש, קיינמאל אין לעבען ניט פארצייען! און פאר וואס ענטלויפט זי איצט ניט פון איהם? זי האט צוגעזאגט ענטלויפען פון איהם, און ענטלויפט ניט? אן האט זי אויף איהם אויסגעשטעלטביידע אויגען, שווייגט, געהט ניט אוועק, שטעהט, און זי אליין האט דאך איהם ניט געהייסען קומען... ער זיצט אינגאנצען א בלאסער. און דער פארשאלטענער פלוידערזאק עווגעני פאוליטש רעדט שוין פאר אלעמען. זעהט נור ווי ער האט זיך עס צוגאסען, לאזט קיינעם קיין ווארט ניט אויסרעדען. איך וואלט גלייך וועגען אלץ זיך דערוואוסט, מען דארף נור ארויספיהרען אויפ'ן געשפרעך...

דער פירשט איז טאקע געזעסען ביים קיילעכדיגען טיש, כמעט א בלאסער, און עס האט געדוכט, אז ער איז געווען אין איינער און דער זעלבער צייט אין גרויס שרעק, און מינוטענווייז אין א צו איהם אליין אונפארשטענדליכער נשמה־פארכאפענדער פרייד. א, ווי ער האט זיך עס געשראקען א קוק טאן אין יענער זייט, אין יענעם ווינקעל, פון וואנען עס האבען אויף איהם צודרינגליך געקוקט די צוויי באקאנטע שווארצע אויגען, און אין דער זעלבער צייט איז ער, ווי געשטארבען פון גליק, וואס ער זיצט שוין ווידער צווישען זיי און ער וועט הערהערען די ליעבע שטימע, נאך דעם ווי זי האט איהם אנגעשריבען. „גאט מיינער, וואס וועט זי איצט זאגען"! ער אליין האט נאך ניט אויסגערעדט קיין איין ווארט און ער האט מיט אויפמערקזאמקייט געהערט עווגעני פאולאוויטש, וועלכער האט זיך אזוי „צעלאכט", וועלכער איז זעהר ניט אפט געווען אין אזא צופרידענער און באגייסטערטער שטימונג, ווי איצט אין דעם דאזיגען אווענט. דער פירשט האט איהם געהערט און ער האט לאנג כמעט ניט פארשטאנען

קיין איין וואָרט. חוץ איוואַן פּיאָדראָוויטש'ן, וועלכער איז נאָך נים צוריקגעקומען פון פּעטערבורג, זיינען אַלע געווען, פּירשט שטש. איז אויך אַנוועזענד געווען. ס'דוכט זיך, מען האָט זיך אויפגעקליבען אַביסעלע פריהער איידער מען סערווירט טהיי, כדי צו הערען מיוזיק. דער איצטיגער געשפּרעך, האָט זיך, קענטיג, פאַרבונדען איידער דער פּירשט איז נאָך געקומען. באַלד איז דורכגעלאָפען איבער דער טער־ראַסע, דער פון ערגעץ פלוצלינג געקומענער קאָליא. „הייסט עס, אַז מען נעהמט איהם נאָך דאָ אויף ווי אַ פריהער," האָט אַ טראַכט געטאָן דער פּירשט פאַר זיך.

די דאַטשע פון די עפּאַנטשין'ס איז געווען אַ רייכע, אין דעם געשמאַק פון אַ שווייצארישער הייזקע, אַ גלענצענד פאַרפּוצטע פון אַלע זייטען מיט בלומען און בלעטער. פון אַלע זייטען האָט זי אַרומ־גערינגעלט ניט קיין גרויסער, נור שעהנער בלומען־גאָרטען. געזעסען זיינען אַלע אויף דער טערראַסע, אַזוי ווי ביים פּירשט, נור די טער־ראַסע איז געווען אַביסעל אַ גרעסערע און פיינער איינגעריכטעט.

די טעמא פון דעם אָנגעהעדען געשפּרעך איז, דוכט זיך, געווען ווענינ פון די פאַרזאַמעלטע, צום הארצען; דער געשפּרעך, ווי מען האָט זיך געקענט אָנשטויסען, האָט זיך אָנגעהויבען צוליב אַן אומגעדול־דיגע דעבאַטע, און זיכער, אַז אַלעמען האָט זיך געוואָלט איבעררייסען דעם סוזשעט. נור ס'האָט זיך געדוכט, אַז עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט זיך אַלץ מעהר איינגעשפּאַרט און ניט גענומען אין אַכט דעם איינ־דרוק; דאָס קומען פון פּירשט האָט איהם ווי נאָך מעהר צעקאָכט. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט זיך אָנגעברוגזט. כאָטש זי האָט נים אַלץ פאַרשטאַנען. אַגלאַיאַ, וועלכע איז געזעסען אָן אַ זייט, כמעט אין ווינקעל, איז ניט אַוועק, געהערט און איינגעשפּאַרט געשוויגען.

— ערלויבט מיר, האָט מיט היץ גע'טענה'ט עווגעני פּאַוולאָ־וויטש — איך רייד גאָרנישט אַנטקעגען ליבעראַליזם. ליבעראַליזם איז ניט קיין חטא, דאָס איז אַ נויטיגער טהייל פון דעם גאַנצען, וועלכער וועט אַהן איהם זיך צעפאַלען, אָדער טויט ווערען; דער ליבעראַליזם האָט אויף אַזוי פיעל רעכט צו עקזיסטירען, ווי דער סאַמע בעסטער קאָנסערוואַטיזם; נור איך פאַל אָן אויף דעם רוסישען ליבעראַליזם, און איך ווידערהאָל נאָכאַמאָל, אַז איך פאַל אויף איהם אייגענטליך אָן, ווייל דער רוסישער ליבעראַל איז ניט קיין ר ו ס י ש ע ר ליבעראַל,

נור ער איז אַ נ י ט־ר ו ס י ש ע ר ליבעראַל. גיט מיר אַ רוסישען ליבעראַל און איך וועל איהם תיכף פאַר אייערע אויגען נעבען אַ קוש.

— אויב ער וועט נור וועלען מיט אייך זיך קושען, — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ, וועלכע איז געווען אונגעוועהנליך אויפגעקאָכט. אפילו איהרע באַקען האָבען זיך ביי איהר צעדרויטעלט מעהר ווי געוועהנליך.

— אָט האָסטו דיך, — האָט אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך ליזאַוועטאַ פראָקאָפּיעוונאַ, — אָדער זי שלאָפט און עסט און קענסט זי ניט אויפוועקען, אָדער אָט הויבט זי זיך אויף מיט אַמאָל און צורעדט זיך, אַז דו גלויבסט קוים דיינע אויערען!

דער פירשט האָט בליץ־שנעל באַמערקט, אַז אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ'ן דוכט זיך, איז זעהר ניט געפעלען וואָס עווגעני פּאַוולאָוויטש רעדט צו פרעהליך, רעדט אויף אַן ערנסטע טעמאַ און דוכט זיך, ווי ער וואָלט זיך געהיצט און אין דער זעלבער צייט האָט אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט געשפּאַסט.

— איך האָב נור וואָס, איידער איהר זייט געקומען, באַהויפּטעט, פירשט, — האָט פאָרטגעזעצט עווגעני פּאַוולאָוויטש, — אַז ביי אונז זיינען ביז איצט געווען ליבעראַלען בלויז פון צוויי שיכטען: דער פון די פריהערדיגע גוט־באַזיצער, (איצט זיינען זיי שוין ניטאָ) אָדער פון די סעמינאַריסטען, און אַזוי ווי ביידע שטאַנדען האָבען זיך ענדליך פאַרוואַנדעלט אין אמת'ע קאַסטעס, אין עפּעס וואָס שטעהט אינגאַנצען באַזונדער פון פאָלק און וואָס ווייטער אַלץ מעהר, פון דור צו דור, דאָן הייסט עס, אַז אַלץ דאָס וואָס זיי האָבען געטאָן און טוען, איז געווען אינגאַנצען ניט נאַציאָנאַל...

— ווי? דאָס מיינט, אַז אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרען, איז ניט רוסיש? — האָט געפרעגט פירשט שטש.

— ניט נאַציאָנאַל, כאָטש עס איז רוסיש, אָבער דאָך ניט נאַציאָנאַל; און אונזערע ליבעראַלען זיינען ניט קיין רוסישע און די קאָנסערוואַטיווע ניט קיין רוסישע, אַלץ... און זייט זיכער, אַז דאָס פאָלק וועט גאָרנישט ניט אָנערקענען פון דעם וואָס ס'איז געטאָן געוואָרען פון גוטס־באַזיצער און סעמינאַריסטען, ניט איצט און ניט שפּעטער...

— אָט דאָס איז פיין! ווי קענט איהר מאַכען אַזאַ פּאַראַדאָקס, אויב איהר מיינט עס נור ערנסט. איך קען ניט צולאָזען אַזעלכע חכמות אויפ'ן חשבון פון רוסישען גוטס־באַזיצער, איהר זייט דאָך אַליין אויך אַ רוסישער גוטס־באַזיצער, — האָט היציג געענטפערט דער פירשט טשש.

— אָבער איך רעד דאָך ניט פון דעם שטאַנדפּונקט וועגען דעם רוסישען גוטס־באַזיצער, ווי איהר נעמט עס אויף. דער שטאַנד איז אַן אַנשטענדיגער, כאָטש שוין מיט דעם אַליין, וואָס איך באַלאַנג צו איהם; דערהויפּט איצט, ווען עס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קאַסטע...

— איז דאָך מעגליך, אַז אין דער ליטעראַטור איז גאָר נישט געווען קיין נאַציאָנאַלעס? — האָט איבערגעשלאָגען אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ.

— איך בין אין ליטעראַטור ניט געניט. אָבער אויך די רוסישע ליטעראַטור, לויט מיין מיינונג, איז ניט קיין רוסישע, אויסער אפשר לאָמאָנאָסאָוו, פּושקין און גאָגאָל.

— ערשטענס, איז דאָס ניט ווייניג, און צווייטענס, איז איינער פון פאָלק, און די איבעריגע צוויי זיינען גוטס־באַזיצער, — האָט געלאַכט אַדעלאַאידאַ.

—ס'איז אַזוי, אָבער טריאומפירט נאָך ניט. אַזוי ווי נור בלויז די דריי איז פון אַלע רוסישע שריפטשטעלער ביז איצט געלונגען צו זאָגען עפּעס באמת זייערס, זיין אייגענס, ביי קיינעם ניט נאָכגעמאַכט, און דערמיט אַליין זיינען די דריי געוואָרען נאַציאָנאַל. ווער פון רוסישע מענשען וועט זאָגען, אָנשרייבען, אָדער טאָן עפּעס אייגענעם, אייגענעם ניט קיין גענומענע און ניט קיין נאָכגעמאַכטע, יענער ווערט אונבאַדינגט נאַציאָנאַל, כאָטש ער זאָל רעדען אַ שלעכטע רוסיש. דאָס איז ביי מיר אַן אַקסיאָמע. נור מיר האָבען אָנגעהויבען רעדען ניט וועגען ליטעראַטור, מיר האָבען זיך צורעדט וועגען סאָציאַליסטען און צוליעב זיי האָט זיך אָנגעהויבען דער געשפּרעך; נו, איז וויל איך באַהויפּטען, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין איין רוסישער סאָציאַליסט, ניטאָ און איז ניט געווען, (ווייל אַלע אונזערע סאָציאַליסטען קומען אויך פון די גוטס־באַזיצער אָדער סעמינאַריסטען) אַלע אונזערע באַוואוסטע גוט־אָנאָנסירטע סאָציאַליסטען, ווי די היגע, אַזוי אויך די אויסלענדישע, זיינען ניט מעהר ווי ליבעראַלען פון די גוטס־באַזי־

צער, פון די צייטען פון פּאַנשטשינע. וואָס לאַכט איהר? גיט מיר
זייערע ביכער, גיט מיר זייערע תורות, זייערע מעמואַרען, און איך, ניט
זייענדיג קיין ליטעראַטור־קריטיקער, נעהם זיך אונטער אָנצושרייבען
די איבערצייגסטע ליטעראַטור־קריטיק, און וועלכער איך וועל באַוויי־
זען אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז יעדער זייטעל פון זייערע ביכער, בראָ־
שורען, מעמואַרען איז אינגאַנצען אָנגעשריבען פון דעם פריהערדיגען
רוסישען גוטס־באַזיצער, זייער כעס, צאָרן, שאַרפזין, — איז אַ גוטס־
באַזיצערישער (אפילו ביז די פאַמוסאַוויער!); זייער פרייד, זייערע
טרערען, אפשר ריכטיגער, אויפריכטיגע טרערען — אָבער גוטס־באַ־
זיצערישע! גוטס־באַזיצערישע אָדער סעמינאַרישע... איהר לאַכט
ווידער און איהר אויך פירשט? איהר שטימט אויך ניט איין?

— איך קען נאָך אַזוי גלייך ניט זאָגען, צו איך שטים איין, צי ניט,
—האָט ארויסגעזאָגט דער פירשט, פּלוצלינג אויפהערענדיג צו שמייכ־
לען און אַ ציטער טוענדיג מיט דעם אויסזעהן פון אַ געכאַפּטען שוהל־
אינגעל. — אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז איך הער אייך אויס מיט
דעם גרעסטען פאַרגעניגען...

דאָס זאָגענדיג, האָט ער זיך שיעור ניט דערוואָרגען. אַ קאַלטער
שוויים איז איהם אפילו ארויסגעטראָטען אויפ'ן שטערען. דאָס זיי־
נען געווען די ערשטע ווערטער, וועלכע ער האָט ארויסגעזאָגט, פון דער
צייט וואָס ער איז דאָ געזעסען. ער האָט געווען געפּרובט זיך אומקור־
קען, אָבער ער האָט ניט געוואַגט; יעווגעני פּאַוולאָוויטש האָט באַ־
מערקט זיין זשעסט און האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איך וועל אייך, מיינע הערען, דערצעהלען אַ פאַקט, — האָט
ער פאָרטגעזעצט אין פריהערדיגען טאָן, דאָס הייסט, ווי מיט אַן אונ־
געוועהנליכער באַגייסטערונג און היץ, און אין דער זעלבער צייט שיעור
ניט לאַכענדיג, מעגליך פון זיינע אייגענע ווערטער, — אַ פאַקט,
אַ בעאָבאַכטונג, און אפילו אַן ענטציקונג, וועלכע איך האָב די עהרע
צוצושרייבען אויף מיין רעכענונג און טאַקע אויף מיינער; אומווינ־
ציגסטענס, איז וועגען דעם אין ערגעץ נאָך ניט געזאָגט און געשריי־
בען געוואָרען. אין דעם דאָזיגען פאַקט דריקט זיך אויס דער גאַנצער
וועזען פון דעם רוסישען ליבעראַליזם פון יענעם סאָרט, וועגען וועלכען
איך רייד, ערשטענס, וואָס איז ליבעראַליזם אין אַלגעמיין, אויב ניט

אַז אַנפּאַל (אַ קלוגער אָדער אַ טעות'דיגער, דאָס איז אַן אַנדער פראַ־גע) אויף דער עקזיסטירענדער אָרדנונג? ס'איז דאָך אַזוי? דאָן באַשטעהט מיין פאַקט אין דעם, אַז דער רוסישער ליבעראַליזם איז ניט קיין אַנפּאַל אויף דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, נור ער איז אַן אַנפּאַל אויף דעם סאַמע וועזען פון אונזערע ענינים, אויף די ענינים זעלבסט. און ניט בלויז אויף דער אָרדנונג, ניט אויף די רוסישע אָרדנונגען, נור אויף רוסלאַנד זעלבסט. יעדער אומגליקליכער, ניט איינגעגעבענער רוסישער פאַקט, ערוועקט אין איהם געלעכטער און שיעור ניט קיין פרייד. ער האַסט די פאָלקס מנהגים, די רוסישע געשיכטע, אַלץ. אויב עס איז פאַר איהם דאָ אַ בערעכטיגונג, איז נור אין דעם, וואָס ער פאַרשטעהט ניט וואָס ער טוט, און זיין שנאה צו רוסלאַנד נעהמט ער אויף ווי דעם סאַמע פּראָדוקטיווען ליבעראַליזם. (אַ, איהר וועט ביי אונז גאַנץ אָפט באַגעגענען אַ ליבעראַל, וועלכען די איבעריגע אַפּלאַ־דירען און וועלכער איז אין גרונד גענומען, דער סאַמע אומגעלומפּער־טער, דער סאַמע טעמפּער און געפעהרליכער קאָנסערוואַטאָר און ער אַליין ווייס דאָס ניט!). אָט די דאָזיגע שנאה צו רוסלאַנד, האָבען נאָך גאָר ניט לאַנג, פיעלע פון אונזערע ליבעראַלען אויפגענומען שיעור ניט ווי וואַהרע ליעבע צום פאַטערלאַנד און שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיי זעהען בעסער ווי אַנדערע אין וואָס זי דאַרף באַשטעהן; נור איצט איז מען שוין געוואָרען פיעל אָפענער און אפילו מיט די ווערטער „ליעבע צום פאַטערלאַנד" האָט מען זיך אויך אָנגעהויבען שעהמען. אפילו דעם באַגריף האָט מען פאַריאָגט און דערווייטערט, ווי אַ שעד־ליכען און אומנויטיגען. דער פאַקט איז אַן אמת'ער, און איך באַשטעה אויף איהם. און... מען האָט דאָך אַמאָל געדאַרפט ארויסזאָגען דעם פולען אמת, איינפאַך און אָפען; נור אין דער זעלבער צייט איז דער פאַקט זעלבסט אַזאַ, וועלכער איז אין ערגעץ און קיינמאָל ניט, זינט די וועלט איז וועלט, און ביי קיין פאָלק, ניט געווען און ניט פאַסירט, און דאָס מיינט, אַז דער פאַקט איז אַ צופעליגער און קען פאַרשווינ־דען. איך שטים איין, אַז אַ ליבעראַל קען אין ערגעץ ניט געבען, אַ לי־בעראַל, וועלכער זאָל האַסען זיין אייגענעם פאַטערלאַנד, מיט וואָס־זשע זאָל מען דאָס ביי אונז ערקלעהרען? מיט דאָס זעלבע וואָס פריה־ער — מיט דעם, וואָס דער רוסישער ליבעראַל איז נאָך דערווייל קיין רוסישער ליבעראַל ניט. ווייטער מיט גאָרנישט, לויט מיין מיינונג.

— איך נעהם אָן אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט, פאַר אַ שפּאַס, יעווּ־געני פּאַוולאָוויטש, — האָט ערנסט געענטפערט פירשט שטש.

— איך האָב אַלע ליבעראַלען ניט געזעהן און נעהם זיך ניט אונטער צו אורטהיילען, — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ, — נור דאָך האָב איך אויסגעהערט אייער געדאַנק מיט צאָרן: איהר האָט גענומען אַן איינצעל־פאַל און פון איהם געמאַכט אַן אַלגעמיינעם געזעץ, און דאָס מיינט, אַז איהר האָט געמאַכט אַ בלבול.

— אַן איינצעל פאַל? אַ? ס'רעדט זיך נור אַזוי, — האָט אונ־טערגעכאַפּט עווגעני פּאַוולאָוויטש, — ווי דענקט איהר, פירשט, איז דאָס אַן איינצעל פאַל, אָדער ניין?

— איך מוז אייך אויך זאָגען, אַז איך האָב ווייניג געזעהן און ווע־ניג וואו געווען... מיט ליבעראַלען, — האָט געזאָגט דער פירשט, — נור מיר דוכט, אַז איהר, קען געבען, האָט אביסעל רעכט, אַז דער רו־סישער ליבעראַליזם, וועגען וועלכען איהר האָט גערעדט, איז באמת טהיילווייז געניגט צו האַסען גאַנץ רוסלאַנד, און ניט נור איהר אָרד־נונג, געוויס איז דאָס טהיילווייז... אוודאי קאָן דאָס ניט זיין אמת פאַר אַלעמען...

ער האָט זיך פאַרקווייקעלט און ניט פאַרענדיגט, ניט אַכטענדיג אויף זיין אויפרעגונג, איז ער געווען זעהר פאַראינטערעסירט מיט דעם געשפּרעך. דער פירשט האָט פאַרמאָגט איין בעזונדערן שטריך, וועל־כע איז באַשטאַנען אין דער פולער נאַאיוויטעט און אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער ער האָט שטענדיג געהערט אַ זאַך, וואָס האָט איהם אינ־טערעסירט, און די ענטפערס, וועלכע ער האָט געגעבען, ווען מען האָט דערביי זיך געווענדעט צו איהם מיט פראַגען. אויף זיין פּנים און אפילו אויף זיין גוף האָט זיך ווי אָפּגעשפּיגעלט אָט די נאַאיוויטעט, דער דאָזיגער גלויבען, וועלכער האָט ניט פאַרדעכטיגט קיין שפּאָט און קיין הומאָר. נור כאָטש עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט שוין זיך צו איהם פריהער געווענדעט ניט אַנדערש ווי מיט אַ געוויסען שמייכעלע, אָבער איצט, ביי זיין ענטפער, האָט ער גאַנץ ערנסט אויף איהם אַ קוק געטאָן, פונקט ווי ער וואָלט גאָר פון איהם ניט ערוואַרטעט אַזאַ ענטפער.

— אַזוי... איהר האָט פונדעסטוועגען עפּעס מאָדנע, האָט ער

ארויסגערעדט — און זאָגט דעם אמת, האָט איהר, פירשט, ערנסט מיר געענטפערט?

— יע, האָט איהר דען מיך ניט ערנסט געפרעגט? — האָט יע־נער געענטפערט אין פארוואונדערונג.

אַלע האָבען זיך צעלאַכט.

— גלויבט איהם ניט, — האָט געזאָגט אדעלאידא, — עווגעני פּאוולאָוויטש מאַכט אַלע מאָל חוזק! ווען איהר וואָלט געוואוסט ווע־גען וואָס ער רעדט אַמאָל מיט דער ערנסטסטער מינע!

— ווי איך דענק, איז דאָס אַ צו שווערע פראַגע, און מען האָט זי גאָר ניט געדאַרפט אויפהויבען, — האָט שאַרף באַמערקט אַלעקסאַנ־דרא, — מיר האָבען דאָך געוואָלט געהן שפּאַצירען...

— און מיר ווילען געהן! דער אָוועגט איז אַ פּראַכטפאָלער! — האָט אויסגעשריען עווגעני פּאוולאָוויטש — נור אום צו באַווייזען אייך, אז דאָס מאָל האָב איך גערעדט זעהר ערנסט, און די הויפּטזאַך צו באַווייזען דאָס דעם פירשט, (איהר פירשט האָט מיך זעהר פאַר־אינטערעסירט און איך שווער אייך, אז איך בין נאָך גאָר ניט אַזאַ פּוסטער מענש, ווי איך שטעל זיך פאַר צו זיין, — כאָטש איך בין אין אמת'ען אַ פּוסטער מענש!) און... ווען איהר ווילט, מיינע הערען, ערלויבען, וועל איך שטעלען דעם פירשט נאָך איין לעצטע פראַגע, צוליעב אייגענער נייגעריגקייט, מיט דעם ווילען מיר ענדיגען. אַט די דאָזיגע פראַגע איז ווי אומישנע מיר אריינגעפאַלען אין קאָפּ מיט אַ פּאָר שטונדען צוריק (איהר זעהט, פירשט, אז איך דענק אַמאָל וועגען גאַנץ ערנסטע זאַכען. איך האָב צו ענטשיידען, נור מיר ווילען זעהן, וואָס ס'ווערט זאָגען דער פירשט). אַט ערשט האָט מען גערעדט וועגען אַן „איינצעל פאַל“, דער דאָזיגער ווערטעל איז ביי אונז אַ באַריהמט ווערטעל, ס'קומט אוים איהם אַפּט צו הערען. ניט לאַנג האָבען אַלע גערעדט און געשריבען וועגען דעם שרעקליכען מאָרד פון די זעקס מענשען דורך דעם... יונגען מענשען און די מאָדנע רעדעס פון אדוואָ־קאַט, וואו עס זאָגט זיך, אז ביי דעם פרייען צושטאַנד פון דעם פאַר־ברעכער, האָט איהם, נ א ט י ר ל י ך, געמוזט קומען אין קאָפּ צו דער'הרג'ענען די זעקס מענשען. דאָס איז ניט בוכשטעבליך, נור דער געדאַנק, איז דוכט זיך, דער זעלבער, אָדער עהנליך צו איהם, לויט מיין פערזענליכער מיינונג, איז דער אדוואָקאַט, ערקלעהרענדיג דעם

דאָזיגען מאָדנעם געדאַנק, געווען אין דער פולסטער איבערצייגונג, אַז ער זאָגט דאָ אַרויס די סאַמע ליבעראַלסטע, הומאַנע און פּראָגרעסיווע זאַך, וועלכע מען קען נור אַרויסזאָגען אין אונזער צייט, איז ווי דענקט איהר: אַט די איבערפיהרונג פון מיינונגען און איבערצייגונגען, אַט די דאָזיגע מעגליכקייט פון אַזאַ קרומען און אויסגעצייכענטען בליק אויף דער אַנגעלעגענהייט, איז דאָס אַן איינצעל־פאַל, אָדער אַן אַל־געמיינער?

אַלע האָבען זיך צעלאַכט.

— אַן איינצעלנער, פאַרשטעקט זיך אַן איינצעלנער, — האָט זיך צעלאַכט אַלעקסאַנדראַ און אַדעלאַאידאַ.

— און ערלויב מיר ווידער צו דערמאָהנען, עווגעני פּאַווליטש,— האָט צוגעגעבען פירשט שטש, — אַז דיין שפּאַס איז שוין צו אַלט!

— ווי דענקט איהר, — האָט ניט דערהערט עווגעני פּאַוולאָוויטש, כאַפּענדיג אויף זיך דעם נייגעריגען און ערנסטען בליק פון פירשט לעוו ניקאָלאַיעוויטש. — ווי דענקט איהר: איז דאָס אַן איינצעל־פאַל, אָדער אַן אַלגעמיינער? איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאָס ספּעציעל פאַר אייך אויסגעטראַכט די פראַגע.

— ניין, ניט קיין איינצעלנער, — האָט שטיל, נור פעסט אַרויס־געזאָגט דער פירשט.

— וואָס רעדט איהר, לעוו ניקאָלאַיעוויטש! — האָט מיט אַ גע־וויסער ערגערניש אויסגעשריען פירשט שטש. — זעהט איהר דען ניט, אַז ער וויל אייך אַריינכאַפּען. ער לאַכט זיכער, און טאַקע נור אייך וויל ער כאַפּען אויפ'ן צאָהן!

— איך האָב געדענקט, אַז עווגעני פּאַווליטש רעדט ערנסט, — איז רויט געוואָרען דער פירשט און אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

— ליבער פירשט, — האָט פאָרטגעזעצט פירשט שטש. — דער־מאָהנט זיך נור, וואָס מיר האָבען מיט אייך איינמאָל גערעדט, מיט דריי מאָנאַטען צוריק; מיר האָבען דאַן טאַקע גערעדט וועגען דעם, אַז אין אונזערע יונגע און ערשט געעפענטע געריכטס־הייזער קען מען שוין אָנווייזען אויף פיעל אויסגעצייכענטע און טאַלאַנטירטע אַדוואָ־קאַטען! און וויפיעל זיינען דאָ העכסט אויסגעצייכענטע אורטהיילען פון געשוואָרענע? ווען איהר האָט זיך געפרעהט, האָב איך דאַן קוי־קענדיג אויף אייער פרייד, זיך אויך געפרעהט... מיר האָבען דאַן גע־

רעדט, אז מיר האבן מיט וואס צו שטאָלצירען... און די ניט איינגע־
געבענע פארטהיידיייגונג, אט דער דאַזיגער מאָדנער ארגומענט, איז
בלויז א צופאַל, איינער פון טויזענד.

פירשט לעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט א טראכט געטאָן, נור מיט א
זעהר איבערצייגטען אויסזעהן און האָט, כאָטש שטיל און אפילו ווי
מיט שרעק ארויסרעדענדיג, געענטפערט:

— איך האב בלויז געוואָלט זאָגען, אז די איבערפיהרונג פון אי־
דעען און פארשטענדניסען (ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט עווגעני
פאַוולאָוויטש), באגעגענט מען זעהר פיעל און איז צום אומגליק א
מעהר אַלגעמיינער ווי אן איינצעלנער פאַל, און אויף אזוי פיעל, אז
ווען די איבערפיהרונג וואָלט ניט געווען אזא אַלגעמיינע, וואָלטען
אפשר ניט געווען מעגליך אזעלכע פארברעכענס ווי די...

— אונמעגליכע פארברעכענס? אבער איך פארזיכער אייך,
אז פונקט אזעלכע פארברעכענס און אפשר, נאָך שרעקליכערע, זיינען
אויך געווען פריהער און זיינען שטענדיג געווען און ניט נור ביי אונז,
נור אומעדום. און לויט מיין מיינונג, וועלען זיי זיך נאָך גאַנץ אָפט
ווידערהאָלען. דער אונטערשיעד איז אין דעם, וואס פריהער איז ביי
אונז געווען וועניגער עפענטליכקייט און איצט האָט מען אנגעהויבען
רעדען אין דער הויך, און אפילו שרייבען וועגען זיי, דערפאַר, דוכט
זיך עס אויס, אז די דאַזיגע פארברעכער זיינען דאס ערשט געוואָרען.
אָט אין וואס איהר מאכט א טעות, און א נאַאיווען טעות, פירשט, איך
פארזיכער עס אייך, — האָט שפּאָטיש א שמייכעל געטאָן פירשט שטש.

— איך ווייס אַליין, אז פארברעכענס זיינען אויך אמאָל געווען
זעהר פיעל, און טאקע אזעלכע שרעקליכע; איך בין ניט לאַנג געווען
אין טורמע און מיר האָט זיך איינגעגעבען צו באקאַנען זיך מיט איינ־
גע פארברעכער און אנגעקלאַגטע, עס זיינען אפילו דאָ שרעקליכערע
פארברעכער ווי דער, וועלכער האָט ערמאָרדעט די צעהן מענשען, אָהן
קיין שום חרטה. נור איך האב אָט וואס באמערקט דערביי: אז דער
סאַמע איינגעוואָרצעלטער פארברעכער ווייס, אז ער איז א פ א ר־
ב ר ע כ ע ר. דאס הייסט, ער רעכענט געוויסענהאַפט, אז ער האָט
ניט גוט געהאַנדעלט, כאָטש ער האָט ניט קיין חרטה. און אזוי איז
יעדער פון זיי, און אָט די, וועגען וועלכע עווגעני פאַוולאָוויטש האָט גע־
רעדט, ווילען זיך אפילו ניט רעכענען פאַר פארברעכער און זיי דענ־

קען פאר זיך, אז זיי האבען געהאט רעכט... און אפילו גוט געהאנדעלט. אט דאס איז דאך כמעט אזוי, אט אין דעם באשטעהט, לויט מיין מיינונג, דער גאנצער שרעקליכער אונטערשיעד, און מערקט זיך, אז דאס איז אלץ די יוגענד, דאס הייסט, דער עלטער, פון וועלכען מען קען אלץ גרינגער און אונבאשיצבארער ארייןפאלען אונטער דעם איינפלוס פון פארדרעהטע אידעען.

פירשט שטש. האט שוין מעהר ניט געלאכט און האט מיט פארוואונדערונג אויסגעהערט דעם פירשט. אלעקסאנדרא איוואנאוונא, וועלכע האט שוין לאנג עפעס געוואלט באמערקען, איז אנשוויגען געווארען, פונקט ווי עפעס א וואונדערליכער געדאנק וואלט זי אפגעהאלטען. עווגעני פאוולאוויטש אבער האט געקוקט אויפ׳ן פירשט מיט אמת׳ע פארוואונדערונג און דאס מאל שוין אהן קיין שום סמן פון אבשפאטונג.

— וואס קוקט איהר אויף איהם ווי אויף א בייז וואונדער, מיין הערר, — האט אונערווארטעט זיך אריינגעמישט ליזאוועטא פראקאפיעוונא, — וואס האט איהר געדענקט, אז ער איז נארישער פון אייך, וואס? און ער קען ניט אורטהיילען וועגען זאכען פונקט ווי איהר?

— ניין, איך האב ניט דערפאר, — האט געזאגט עווגעני פאוולאוויטש, — אבער אויב ס׳איז אזוי, פירשט, אויב איהר קוקט און באמערקט אזוי, (ענטשולדיגט פאר דער פראגע), טא ווי האט איהר געקענט (ענטשולדיגט מיך נאכאמאל) אין דער מאדנער אנגעלעגענהייט... וואס איז געשעהן די לעצטע טעג... מיט בורדאווסקען, דאכט זיך... ווי אזוי זשע האט איהר ניט באמערקט די זעלבע פארדרעהונג פון אידעען און מאראלישע איבערצייגונגען? דוכט זיך, פונקט דאס זעלבע! מיר האט זיך דאן געדוכט, אז איהר האט עס גארניט באמערקט?

— איהר ווייסט גאר וואס, טאטעלע, — האט זיך צעהיצט ליזאוועטא פראקאפיעוונא, — אט האבען מיר אלץ באמערקט, מיר זיצען דא און באריהמען זיך פאר איהם, און אט האט ער היינט ערהאלטען א בריעף פון איינעם פון זיי, פון דעם סאמע הויפטלינג זייערען, דעם פרישטשעוואטען, געדענקסט אלעקסאנדרא? אין בריעף בעט ער ביי איהם פארצייאונג, כאטש אויף זיין שטייגער, און לאזט וויסען, אז

ער האט יענעם חבר אויך אוועקגעווארפען, יענער וועלכער האט איהם דאן אונטערגעהעצט, געדענקסט, אלעקסאנדרא? — און אז איצט, גלויבט ער שוין מעהר דעם פירשט, נו, און מיר האבען נאך אזא בריעף ניט געקראגען, טא זאלען מיר כאטש פאר איהם ניט פארררייסען די נעזער.

— און אויך איפאליט האט זיך איבערגעקליבען צו אונז אויף דער דאטשע! — האט אויסגעשריען קאליא.

— ווי? ער איז שוין דא? — האט זיך באאומרוהיגט דער פירשט.

— תיכף ווי איהר זייט נור מיט ליזאוועטא פראקאפיעוונא אוועק.

— איז ער געקומען; איך האב איהם געבראכט!

— נו, איך וועל זיך מיט אייך וועטען,— איז פלוצלינג ווי אויפגעוואַכט געווארען ליזאוועטא פראקאפיעוונא, אינגאנצען פארגעסענדיג, אז אט ערשט האט זי דעם פירשט געלויבט, — איך וועל זיך וועטען, אז ער איז נעכטען געפאהרען צו איהם אויפ'ן בוידעםשטיבעל און שטעהענדיג פאר איהם אויף די קניע, פארצייאונג געבעטען, אז דער דאזיגער סם זאל איהם אנטאן דעם כבוד און זיך איבערקלייבען אהער. ביזטו נעכטען געפאהרען? דו האסט זיך דאך אליין מודה געווען פריהער, אזוי צו ניט? ביזטו געשטאנען אויף די קניע, אדער ניט?

— ער איז גארניט געשטאנען, — האט אויסגעשריען קאליא, — נור פונקט פארקעהרט: איפאליט האט נעכטען געכאפט דעם פירשט'ס האנט און צוויי מאל א קוש געטאן, איך האב אליין געזעהן, דערמיט האט זיך געענדיגט די גאנצע ערקלעהרונג, און חוץ דעם, וואס דער פירשט האט גאנץ איינפאך געזאגט, אז ער וועט זיך פיהלען בעסער אויף דער דאטשע, און יענער האט אויגענבליקליך איינגעשטימט זיך אריבערצוקלייבען, ווי נור עס וועט איהם ווערען בעסער.

— איהר האט עס ניט געדארפט, קאליא... — האט אויסגעמורמעלט דער פירשט, אויפשטעהענדיג און כאפענדיג זיך פאר'ן הוט.

— צוליעב וואס דערצעהלט איהר עס, איך...

— וואוהין? האט איהם אפגעשטעלט ליזאוועטא פראקאפיעוונא.

— באאומרוהיגט זיך ניט, פירשט, — האט פארטגעזעצט דער

צוהיצטער קאַליא, — געהט ניט און טשעפּעט איהם ניט, ער איז א מיעדער פון וועג, איינגעשלאָפען; ער איז זעהר צופריעדען; איז ווייסט איהר, פירשט, לויט מיין מיינונג, איז פיעל גלייכער, ווען איהר וועט זיך היינט ניט באַגעגענען. ס'איז אפילו בעסער, ווען איהר לעגט עס אָפּ ביז מאָרגען, ווען ניט וועט ער זיך ווידער פאַרשעהמען. ער האט היינט אין דער פריה געזאָגט, אז שוין א גאַנצען האלבען יאָהר האט ער זיך ניט געפיהלט אזוי גוט און אזוי קרעפטיג; ער הוסט אפילו א סך וועניגער.

דער פירשט האט באַמערקט, אז אַגלאַיא האט פּלוצלינג געלאָזען איהר פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען צום טיש. ער האט ניט געוואַגט אויף איהר א קוק צו טאָן, נור ער האט דערפילט, מיט זיין גאַנצען וועזען, אז אין דעם אויגענבליק קוקט זי אויף איהם, און מעגליך, אז זי קוקט בעז, אז איהרע שווארצע אויגען זיינען אוּנבאַדינגט פול מיט צאָרן, און דער געזיכט איז פאַרפלאַמט.

— און מיר, ניקאַלאַי ארדאַליאָנאָוויטש, דוכט זיך, אז איהר האט איהם אומזיסט אהער געבראַכט, אויב דאָס איז דער זעלבער שווינד־זיכטיגער אינגעל, וועלכער האט זיך דאָן צעוויינט און איינגעלאַדען צו זיך אויף דער לויה, — האט באַמערקט עוועני פּאַוולאָוויטש, — ער שכנ'ישער הויז, אז ער וועט זיך אומבאַדינגט פאַרבענקען נאָך דער האט דאָן אזוי שעהן ־רעדנעריש גערעדט וועגען דער וואַנט פון דער דאָזיגער וואַנט, איהר קענט זיין זיכער.

— עס איז אַן אמת: ער וועט זיך צוקריגען, זיך צורייסען מיט דיר און אוועקפאָהרען — אָט דאָס וועט געשעהן!

און ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האט ווירדיג צוגערוקט צו זיך דאָס קערביל מיט איהר גענעה, פאַרגעסענדיג, אז אַלע קלייבען זיך שוין געהן שפּאַצירען.

— איך דערמאָהן זיך, אז ער האט זיך מיט דער דאָזיגער וואַנט זעהר באַרימט, — האט ווידער אונטערגעכאַפּט עוועני פּאַוולאָוויטש. — אָהן דער דאָזיגער וואַנט וועט ער ניט קענען שעהן־רעדנעריש שטאַרבען און ער וויל שטאַרבען שעהן־רעדנעריש.

— נו, איז וואָס? — האט א מורמעל געטאָן דער פירשט, — אויב איהר וועט איהם ניט וועלען מוחל זיין, וועט ער אויך אָהן אייך שטאַרבען... איצט איז ער אהער געקומען צוליעב די בוימער.

— אָ, איך פון מיין זייט בין איהם אַלעם מוחל; איהר קענט עס איהם איבערגעבען.

— דאָס דאַרף מען ניט אַזוי פאַרשטעהן, — האָט שטיל און ווי אַהן חשק געענטפערט דער פירשט, פאַרטזעצענדיג צו קוקען אין איין פונקט אויפ'ן דיל און ניט אויפהויבענדיג די אויגען. — מען דאַרף מאַכען אַזוי, אַז אויך איהר זאָלט איינשטימען אַנצונעהמען פון איהם די פאַרצייאונג.

— וואָס האָב איך דאָ וואָס צו טאָן? אין וואָס האָב איך זיך פאַר איהם פאַרשולדיגט?

— אויב איהר פאַרשטעהט עס ניט, איז... אָבער איהר פאַר־שטעהט דאָך יאָ; איהם האָט זיך דאַן געוואָלט... אונז אַלעמען בענ־שען און פון אייך אַ ברכה קריגען, אָט דאָס איז אַלץ...

— ליבער פירשט, — האָט אַזוי ווי מיט פּאַרזיכטיגקייט אונ־טערגעכאַפּט שנעלער דער פירשט שטש., איבערוואַרפענדיג זיך מיט בליקען מיט אייניגע פון די אַנוועזענדע, — אַ גן עדן אויף דער ערד קאָן מען ניט אַזוי שנעל מאַכען; און איהר רעכנט אָביסעלע וועגען גן עדן. מאַכען אַ גן עדן איז אַ שווערע זאַך, פירשט, פיעל שווערער ווי עס דוכט זיך אויס אייער גוטען האַרץ. נור לאָז זיין גענוג, ווען ניט, וועלען מיר זיך ווידער פיהלען ניט גוט.

— קומט הערען מוזיק, — האָט שאַרף אַרויסגעזאָגט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, אויפהויבענדיג זיך מיט כעס פון פלאַץ.

נאָך איהר האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט.

צווייטער קאַפּיטעל

פלוצלינג איז דער פירשט צוגעגאַנגען צו עווגעני פּאַוולאָוויטש.

— עווגעני פּאַוולאָוויטש, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מאָדנער היציגקייט, אָננעהמענדיג איהם ביים האַנט, — זייט זיכער, אַז איך

רעכעז אייך פאַר דעם סאַמע אַרענטליכסטען און בעסטען מענשען, ניט קוקענדיג אויף גאַרנישט, זייט אין דעם זיכער...

עוונעני פּאוולאָוויטש האָט אפילו געמאַכט אַ טראַט צוריק פון פאַרוואונדערונג. אַ ווײַלע האָט ער זיך קוים איינגעהאַלטען פון אַן אַנפאַל פון געלעכטער, אָבער צוקוקענדיג זיך געהענטער, אַז דער פירשט איז ווי געווען ניט מיט זיך, אַמווינציגסטען, אין אַ באַזונדערען צו־שטאַנד.

— איך וועל זיך מיט אייך ווענען, פירשט, — האָט ער אויס־געררופען, — אַז איהר האָט גאָר ניט דאָס געוואָלט זאָגען, און אפשר גאָר ניט מיר... אָבער וואָס איז מיט אייך? פיהלט איהר ניט גוט?

— עס קען געבען, עס קען זעהר געבען, און איהר האָט זעהר דין באַמערקט, אַז ס'איז מעגליך, אַז איך האָב גאָר געוואָלט ניט צו אייך צוגעהן!

דאָס זאָגענדיג, האָט ער עפּעס אַזוי מאָדנע און אפילו קאָמיש אַ שמייכעל געטאָן, אָבער פּלוצלינג האָט ער ווי צוהיצענדיג זיך, אויס־געשריען:

— דערמאָהנט מיר ניט וועגען מיין האַנדלונג מיט דריי טעג צוריק, איך האָב זיך די גאַנצע דריי טעג זעהר געשעהמט... איך ווייס אַז איך בין שולדיג...

— יע... אָבער וואָס פאַר אַזעלכע שרעקליכע זאַכען האָט איהר געטאָן?

— איך זעה, אַז איהר שעהמט זיך מעהר פון אַלעמען פאַר מיר, עוונעני פּאווליטש; איהר ווערט רויט, דאָס איז אַ סמן פון אַ גוט האַרץ. איך געה באַלד אוועק, זייט זיכער.

— אָבער וואָס איז מיט איהם! הויבען זיך אפשר ביי איהם אַן די אַנפאַלען? — האָט זיך ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ מיט שרעק גע־ווענדעט צו קאָליאַ'ן.

— באַאומרוהיגט זיך ניט, ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, איך האָב ניט קיין אַנפאַל; איך וועל באַלד אוועק געהן. איך ווייס, אַז איך בין... געקריוודעט פון דער נאַטור. איך בין פיער און צוואַנציג יאָהר געווען קראַנק, ביז דעם פיער און צוואַנציגסטען עלטער, פון געבורט אַן. נעהמט זשע אויך איצט אַז אַלץ ווי איך וואָלט געווען קראַנק, איך וועל באַלד אוועקגעהן, זייט זיכער, אַז באַלד. איך שעהם זיך ניט —

— נײן אַזױ ? דעם איז דאָך גאָריש צו שעהמען זיך. װײל צוליעב אָבער אין דער געזעלשאַפט בין איך אַן איבעריגער... איך זאָג דאָס ניט פון אײגענליבע... איך האָב פאַר די דרײ טעג איבערגעטראַכט און באַשלאָסען אַז איך דאַרף אײך אױפריכטיג און עהרליך לאָזען װיסען בײ דעם ערשטען פאַל. עס זײנען דאָ אידעען, גרױסע אידעען, פון װעלכע איך טאָר ניט אָנהױבען רעדען, װײל איך װעל אונבאַדינגט מאַכען אַלעמען צו לאַכען; פירשט שטש. האָט מיר װעגען דעם נור װאָס דערמאָנט... איך האָב ניט קײן אַנשטענדיגען זשעסט, דעם גע־פיהל פון פּראָפּאָרציע האָב איך ניט; איך האָב אַנדערע װערטער, און ניט פּאַסענדע געדאַנקען, און דאָס איז אַן ערנידערונג פאַר די דאָזיגע געדאַנקען, און דערפאַר האָב איך ניט קײן רעכט... און דער־צו בין איך נאָך אײנגעבילדעט אױך, איך... איך בין איבערצײגט, אַז אין דער הױז קען מען ניט באַלײדיגען און מען האָט מיך ליעב מעהר װי איך בין װערטה, אָבער איך װײס, (איך װײס דאָך דאָס אױף זיכער), אַז נאָך צװאַנציג יאָהר קרענקען, האָט אונבאַדינגט עפּעס געמוזט בלײבען, אַזױ דאָס עס איז אונמעגליך ניט צו לאַכען פון מיר.... אַפּטמאָל... ס'איז דאָך אַזױ ?

ער האָט װי געװאַרט אױף אַן ענטפער און באַשלוס, אומקוקענדיג זיך אױף אַלע זײטען. אַלע זײנען געשטאַנען שװער פאַרװאונדערט פון דער דאָזיגער אונערװאַרטעטער, קרענקליכער און עס האָט געדוכט, אַז אױך אומזיסטער סצענע, נור די דאָזיגע סצענע האָט געמאַכט מעגליך אַ מאָדנעם עפּיזאָד.

— צו װאָס רעדט איהר דאָס דאָ אַלץ ? האָט מיט אַמאָל אױס־געשריען אַגלאַיאַ — פאַר װאָס זאָגט איהר עס ז י ץ ? זײ! זײ!

עס האָט זיך געדוכט, אַז זי איז געװען אין דער לעצטער שטופּע פון כעס. איהרע אױגען האָבען געװאָרפען פונקען. דער פירשט איז געשטאַנען פאַר איהר אַ שטומער און שװײגענדער און פּלוצלינג איז ער בלאַס געװאָרען.

— דאָ איז ניטאָ קײן אײנער, װעלכער איז װערטה אַזעלכע װער־טער! האָט אַרױסגעפּלאַצט אַגלאַיאַ — דאָ זײנען אַלע, אַלע ניט װערטה דעם קלענסטען פינגער אײערן, שױן ניט רעדענדיג, פון אײער שכל און האַרץ! איהר זײט אָרענטליכער פון אַלעמען, אַנשטענ־דיגער פון אַלעמען, בעסער פון אַלעמען, און קלוגער פון אַלעמען! דאָ

זיינען דאָ מענשען וועלכע זיינען ניט ווערטה אויפצוהויבען די טיכעל וועלכע איהר האָט ערשט ארונטערגעלאָזט... פאַר וואָס זשע ערנידריגט איהר זיך און שטעלט זיך נידעריגער פון אלעמען? פאַר וואָס האָט איהר אלץ אין זיך צודרעהט, פאַר וואָס פאַרמאָגט איהר ניט קיין שטאָלץ?

— גאָט מיינער, האָט מען זיך געקענט ריכטען? האָט א פּאַטש געטאָן מיט די הענט ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא.

— אַרימער ריטער! הורראַ! האָט אויסגערופען אין ענטציקונג קאָליא.

— שווייגט! ווי וואַגט מען עס צו באַלעדיגען מיך דאָ אין אייער הויז! איז אַגלאַיא מיט אַמאָל אָנגעפאַלען אויף ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא, שוין אין יענעם היסטערישען צושטאַנד ווען מען קוקט שוין ניט אויף גאָרנישט, און מען מיידט אויס אלע שטערונישען. — פאַר וואָס פּייניגען מיך דאָס אלע! פאַר וואָס, פירשט, טשעפּען זיי זיך צו מיר די גאַנצע דריי טאָג צוליעב אייך? איך וועל פאַר קיין גליק אין דער וועלט מיט אייך ניט חתונה האָבען! ווייסט, אז פאַר קיין גליק אין דער וועלט ניט און קיינמאָל ניט! קען מען דען חתונה האָבען מיט אזא קאָמישען מענשען ווי איהר זייט? איהר גיט א קוק איצט אין שפּיגעל אויף זיך, ווי איהר שטעהט עס איצט אזוי! פאַר וואָס, פאַר וואָס רייצען זיי מיך, אז איך זאָל פאַר אייך חתונה האָבען? איהר דאַרפט עס וויסען! איהר זייט דאָך אויך מיט זיי אין דער פאַרשווערונג!

— קיינער האָט קיינמאָל ניט גערייצט! האָט דערשראָקען א מורמעל געטאָן אדעלאַידא.

— קיינער האָט עס גאָר ניט גערענקט, און אזא וואָרט איז ניט געזאָגט געוואָרען! האָט אויסגעשריען אלעקסאַנדרא.

— ווער האָט זיך מיט איהר גערייצט? ווען האָט מען זי גערייצט? ווער האָט עס איהר געקענט זאָגען? רעדט זי עס פון היץ אָדער ניט? האָט ציטערענדיג פון כעס זיך געווענדט צו אלעמען ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא.

— אלע האָבען גערעדט. אלע ביז איינעם, די גאַנצע דריי טאָג! איך וועל קיינמאָל מיט איהם ניט חתונה האָבען!

דאָס אויסשרייענדיג האָט אַגלאַיאַ זיך צעוויינט, פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט אַ טיכעל און אַ וואָרף געטאָן זיך איז שטוהל.

— אָבער ער וויל דאָך דיך גאָר ניט...

— איך האָב אייך ניט געבעטען, אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, האָט זיך פּלוצלינג ארויסגעריסען ביים פירטש.

— וואָ־אָס? האָט מיט פאַרוואונדערונג, כעס, און שרעק פּלוצ־לינג אויסגעצויגען ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ: — וואָס איז דאָ? זי האָט איהרע אויערן ניט געוואָלט גלויבען.

— איך האָב געוואָלט זאָגען... איך האָב געוואָלט זאָגען, האָט גע־רעדט מיט ציטערניש דער פירשט — איך האָב בלויז געוואָלט ער־קלעהרען צו אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, אַז איך האָב גאָר קיינמאָל ניט גע־דענקט... צו האָבען די עהרע צו בעטען איהר האַנט... אפילו ווען ס'ניט איז... איך בין אין דעם גאָר ניט שולדיג, ביי־גאָט, איך בין אין דעם גאָר ניט שולדיג, אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ! איך האָב קיינמאָל ניט גע־וואָלט, און כ'האָב קיינמאָל ניט געהאַט אין געדאַנק, און איך וועל קיינמאָל ניט וועלען, איהר וועט עס אליין זעהן: זייט זיכער! דאָ האָט עפּעס אַ שלעכטער מענש אויף מיר אָנגערעדט! זייט זיכער!

דאָס זאָגענדיג, איז ער צוגעקומען נעהענטער צו אַגלאַיאַ. זי האָט אַוועקגענומען דאָס טיכעל מיט וועלכען זי האָט פאַרדעקט דאָס געזיכט, האָט האַסטיג אויף איהם אַ בליק געטאָן און אויף זיין גאַנ־צער צעשראָקענער פיגור, האָט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער און פּלוצ־לינג אויסגעשאָסען אַ געלעכטער גלייך איהם אין די אויגען אריין. — אַזאַ פרעהליכען און ניט קאָנטראָלירבאַרען געלעכטער, אַזאַ קאָ־מישען און שפּאַטישען געלעכטער, אַז אַדעלאַידאַ האָט די ערשטע ניט אויסגעהאַלטען, באַזונדערס, ווען זי האָט אויך אַ בליק געטאָן אויפ'ן פירשט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער שוועסטער, זי ארומגענומען און זיך צעלאַכט אויך מיט אַזאַ אונקאָנטראָלירבאַרע, שוהליג־פרעהליכען געלעכטער ווי יענע. אויף זיי קוקענדיג האָט פּלוצלינג אויך אָנגעהויבען שמייכלען דער פירשט און מיט אַ פרעה־ליכען און גליקליכען אויסדרוק האָט ער אָנגעהויבען חזר'ען:

— נו, אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט!

דאָ האָט שוין אויך אַלעקסאַנדראַ ניט אויסגעהאַלטען און האָט

זיך צעלאַכט פון גאַנצען האַרצען. עס האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז צו דעם לאַכען פון די דריי וועט גאַר קיין עק ניט נעהמען.

— נו, משוגעים! האָט אַרויסגעמורמעלט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ — אַט וואַרפען זיי אַן אַ שרעק און אַט...

עס האָט שוין אָבער אויך געלאַכט דער פירשט שטש., געלאַכט האָט אויך עווגעני פּאַוולאָוויטש, עס האָט געכאַכאַטשעט אָהן אַן אויפהער קאָליאַ, ס׳האָט אויך געלאַכט קוקענדיק אויף אַלעמען דער פירשט.

— קומט שפּאַצירען! קומט שפּאַצירען! האָט אויסגערופען אַדעלאַידאַ — אַלע צוזאַמען און אויך אונבאַדינגט דער פירשט. איהר האָט ניט קיין אורזאַכע צו אַוועקגעהן ליבער מענש. וואָס פאַר אַ ליבער מענש ער איז אַגלאַיאַ? ניט אמת מאַמעניו? און דערצו, מוז איך איהם אונבאַדינגט, אונבאַדינגט אַ קוש טאָן און אַרומנעהמען פאַר... פאַר זיין איצטיגער ערקלעהרונג מיט אַגלאַיאַ׳ן. מאַמעניו ליבע, ערלויבסט איהר מיר איהם אַ קוש טאָן? אַגלאַיאַ! ערלויב מיר אַ קוש טאָן דיין פירשט! האָט אויסגערופען די שטיפערקע און זי איז טאַקע צוגעשפּרונגען צום פירשט און איהם אַ קוש געטאָן אין שטערן. יענער האָט געכאַפּט איהרע הענט, פעסט אַ דריק געטאָן, אַזוי דאָס אַדעלאַאידאַ האָט שיעור אַ געשריי ניט געטאָן, האָט מיט אונענדליכער פרייד אויף איהר אַ קוק געטאָן און מיט אַמאָל האַסטיג צוגעטראָגען איהר האַנט צו די ליפּען און אַ קוש געטאָן דריי מאָל.

— קומט זשע! האָט גערופען אַגלאַיאַ — פירשט איהר וועט מיך באַגלייטען. מעג מען מאַמעניו? אַ חתן וואָס האָט מיך ענטזאַגט? אַ יאַ, איהר האָט זיך שוין פון מיר אויף אויביג אָפּגעזאָגט פירשט? אָבער ניט אַזוי, ניט אַזוי גיט מען אַ דאַמע די האַנט. ווייסט איהר דען ניט, ווי אַזוי מען דאַרף נעהמען אונטער׳ן האַנט אַ דאַמע? אַט אַזוי. קומט, לאָמיר געהן פאָראויס פון אַלעמען, ווילט איהר געהן פאָראויס פון אַלעמען? Tete-e-tete?

זי האָט גערעדט אָהן אַן אויפהער, צייטענווייז נאָך לאַכענדיג.

— אַ דאַנק גאָט! אַ דאַנק גאָט! האָט גע׳חזר׳ט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, ניט וויסענדיג זעלבסט פאַר וואָס זי פרעהט זיך אַזוי.

— „זעהר מאָדנע מענשען!“ האָט אַ טראַכט געטאָן פירשט טשט. מעגליך שוין צום הונדערטען מאָל זינט ער האָט זיך מיט זיי צוזאַמענגעקומען, נור... איהם זיינען געפעהלען געוואָרען די דאָזיגע מאָד־

נע מענשען, און וואָס ס'איז שייך דעם פירשט, איז מעגליך, אז ער איז איהם ניט זעהר געפעהלען געוואָרען; פירשט שטש, איז געווען אביסעל אָנגעכמורעט, און ווי פארזאָרגט, ווען אַלע זיינען ארויס אויפ'ן שפּאציר.

עווגעני פּאוולאָוויטש, איז דוכט זיך, געווען אין דער סאַמע פרעהליכסטער שטימונג, די גאנצע וועג ביז'ן וואָגזאַל האָט ער געמאַכט צום לאַכען אַלעקסאנדרא'ן און אדעלאַידא'ן, וועלכע האָבען מיט אזא מאָדנער בריי‌טליכקייט געלאַכט פון זיינע וויצען, אויף אזוי פיעל, אז ער האָט אָנגעהויבען פארביי‌געהענדיג חושד זיין, אז עס ס'איז מעגליך, אז זיי הערען איהם אין גאַנצען גאָר ניט. פון דעם דאָזיגען געדאַנק, האָט ער פּלוצלינג, און ניט ערקלעהרענדיג זיך די אורזאַכען, ענדליך זיך צעלאַכט גאַנץ אויפריכטיג (אזא מענש איז דאָס געווען!) די שוועסטער, וועלכע זיינען איבעריגענס געווען אין דער סאַמע יום טוב'דיגער שטימונג האָבען כסדר געקוקט אויף אַגלאַיא'ן און דעם פירשט, וועלכע זיינען געגאַנגען פאַראויס; עס איז געווען צו מערקען, אז די קלענסטע שוועסטער האָט זיי פארגעבען א גאַנץ היבשע רעטעניש. פירשט שטש. האָט זיך אַלץ געמיהט צו פארפיהרען א שמועס מיט ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא, וועגען זייטיגע זאַכען, מעגליך אום זי צעשטרייען, און ער האָט איהר שרעקליך צוגעגעסען. זי איז דוכט זיך געווען אין גאַנצען מיט צושלאָגענע געדאַנקען, און האָט געענטפערט ניט צום פּונקט, און אייניגע מאָל אפילו גאָר ניט געענטפערט. נור אַגלאַיא איוואַנאָוונא'ס רעטעניש האָט זיך נאָך היינטיגען אָוונט ניט געענדיגט. דאָס לעצטע איז אויסגעפאַלען בלויז אויף דעם פירשט'ס חלק, ווען מען איז אַפּגעגאַנגען א הונדערט טריט פון דאַטשע, האָט אַגלאַיא מיט א האַסטיגען האַלב־שעפּטשען געזאָגט צו איהר איינגע'עקשנ'ט שווייגענדען קאַוואַליער:

— גיט נור א קוק אויף רעכטס!

דער פירשט האָט א קוק געטאָן.

— קוקט אויפמערקזאַמער, זעהט איהר אָט יענע באַנק, אין פּאַרק, דאָרט וואו עס זיינען די דריי הויכע בוימער?... א גרינע באַנק?

דער פירשט האָט געענטפערט אז ער זעהט.

—געפעהלט אייך דער פּלאַץ? איך קום אהער אַפט זיצען גאַנץ פריה, א זייגער זיבען אין פריהמאָרגען, ווען אַלע שלאָפען נאָך.

דער פירשט האָט אַ מורמעל געטאָן אַז דער פּלאַץ איז אַ פּראַכט־פאָלער.

— און איצט טרעט פון מיר אָפּ, איך וויל מעהר מיט אייך ניט געהן געאַרעמט. אָדער בעסער געהט געאַרעמט, אָבער רעדט מיט מיר גאָרנישט. איך וויל דענקען אַליין, פאַר זיך.

די וואָרנונג איז אַלענפאַלס געווען אַן איבעריגע: דער פירשט וואָלט זיכער אויך אָהן אַ באַפעהל, די גאַנצע וועג, ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. זיין האַרץ האָט שרעקליך אָנגעהויבען קלאַפּען ווען ער האָט געהערט וועגען דער באַנק. אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך באַדענקט און האָט מיט בושה פאַרטריבען פון זיך דעם נאַרישען געדאַנק...

אויף דעם פּאַוולאָווסקי וואָגזאַל קלייבט זיך אויף אין מיטען וואָד, ווי באַקאַנט און אַמווינציגסטענס ווי ס'באַהויפּטען אַלע, אַ פּובליקום, אַז „אויסערוועהלטע," ניט ווי אין די זונטאָגס און ימים טובים, ווען עס פאָהרען אַן „פאַרשיעדענע מענשען" פון שטאָט. די טואַלעטען זיינען ניט קיין יום טוב'דיגע — אָבער פּראַכטפאָלע. ס'איז אַ מנהג אַז צו דער מוזיק דאַרף מען זיך צונויפקלייבען. דער אָרקעסטער, איז מעגליך טאַקע דער בעסטער פון אַלע אונזערע גאָרטען־אָרקעסטערס. מען שפּיעלט נייע זאַכען. אַנשטענדיקייט און פיינקייט הערשט אַרומעדום, ניט קוקענדיג אויף אַ געוויסען אַלגעמיינעם אויסזעהן פון היימליכקייט און אַפילו אינטימיטעט. די באַקאַנטע, אַלע דאַטשניקעס, קלייבען זיך צונויף צו באַקוקען איינער דעם צווייטען. אַנדערע פיהרען עס דורך מיט אמת'ן פאַרגעניגען און קומען בלויז צוליעב דעם; נור עס זיינען דאָ אויך אַזעלכע וועלכע געהען בלויז צוליעב דער מוזיק. סקאַנדאַלען קומען געוועהנליך פאַר זעהר וועניג, כאָטש זיי פּאַסירען אַפילו אין די וואָכעדיגע טעג אויך. נור אָהן דעם איז דאָך אונמעגליך.

דאַסמאָל איז געווען אַ פּראַכטפאָלער אָוונט, און אויך אַ גרויסע פּובליקום. אַלע פּלעצער ביי דעם שפּילענדען אָרקעסטער זיינען געווען פאַרנומען. אונזער קאָמפּאַניע האָט זיך צוזעצט אויף שטוהלען, אַ ביסעל אָן זייט, נאָהענט צום לינקען אַרויסגאַנג פון וואָגזאַל. דער עולם, די מוזיק, האָבען אַביסעל אויפגעלעבט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ און צעשטרייט די מיידלאַך; זיי האָבען אוספּיעט איבערוואַרפען זיך

מיט בליקען מיט אייניגע באַקאַנטע, און פון ווייטען, ליעבליך א שאָקעל געטאָן צו עמיצען מיט׳ן קאָפּ; זיי האָבען אוספּיעט צו באַקוקען די קאָסטיומען, באַמערקען וואו ניט וואו מאָדנעקייטען, זיך איבערשמועסען וועגען דעם און שפּאַטיש שמייכלען. עוועגני פּאַוולאָוויטש האָט זיך אויך גאַנץ אָפּט באַגריסט. אויף אַגלאַיאַ׳ן און דעם פירשט, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען צוזאַמען, האָט מען זיך שוין אומגעקוקט. באַלד זיינען צו דער מוטער און טעכטער צוגעקומען באַקאַנטע יונגע לייט; צוויי אָדער דריי זיינען געבליבען שמועסען; אַלע זיינען געווען פריינד מיט עוועגני פּאַוולאָוויטש. צווישען זיי האָט זיך געפונען איינער א יונגער און זעהר שעהנער אָפיצער, זעהר א פרעהליכער, זעהר א רעדעוודיגער; ער האָט זיך געאיילט פאַרפיהרען א געשפּרעך מיט אַגלאַיאַ׳ן און מיט אַלע קרעפטען זיך געמיהט צוצוציהען איהר אויפמערקזאַמקייט.

אַגלאַיא איז געווען מיט איהם זעהר פריינדליך און זעהר וויציג. עוועגני פּאַוולאָוויטש האָט געבעטען ביים פירשט ערלויבעניש צו באַקאַנען איהם מיט דעם דאָזיגען פריינד; דער פירשט האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון איהם, אָבער די באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסען געוואָרען,ביידע האָבען זיך באַגריסט און דערלאַנגט איינער דעם צווייטען די הענט. עוועגני פּאַוולאָוויטש׳ס פרייינד האָט געשטעלט א פראַגע; נור דער פירשט, האָט דוכט זיך אויף איהר ניט געענטפערט, אָדער האָט אַזוי מאָדנע עפּעס ארויסגעשטאַמעלט פאַר זיך, אז דער אָפיצער האָט אויף איהם א קוק געטאָן זעהר דורכדרינגענד, דערנאָך א קוק געטאָן אויף עוועגני פּאַוולאָוויטש, און האָט גלייך פאַרשטאַנען צוליעב וואָס יענער האָט עס זיי באַקאַנט געמאַכט. קוים, קוים א שמייכעל געטאָן און זיך ווידער געווענדט צו אַגלאַיאַ׳ן. איין עוועגני פּאַוולאָוויטש האָט באַמערקט אז אַגלאַיא איז דערביי פּלוצלינג רויט געוואָרען.

דער פירשט האָט אפילו ניט באַמערקט דאָס, וואָס אנדערע פאַרברענגען מיט אַגלאַיאַ׳ן. צייטענווייז האָט ער אפילו פאַרגעסען וואָס ער אליין זיצט לעבען איהר. אָפּטמאָל האָט זיך איהם געוואָלט אוועקגעהן ערגעץ־וואו, אין גאַנצען פאַרשווינדען פון דאַנען און איהם וואָלט אפילו געפעהלען געוואָרען אַן אומעטיגער, פּוסטער פּלאַץ,

בלויז נור, כדי ער זאָל קענען זיין אליין מיט זיינע געדאנקען, און אז קיינער זאָל ניט וויסען וואו ער געפינט זיך. אָדער אמווינציגסטענס, זיין ביי זיך אין דער היים, אויף דער טעררּאַסע, אָבער אזוי אז קיי־נער זאָל דערביי ניט זיין, ניט לעבעדעוו, ניט די קינדער; זיך וואַר־פען אויף זיין סאָפע, פארוקען דעם פנים אין קישען און אזוי אָפּ־ליגען א טאָג, א נאַכט, און נאָך א טאָג.

מינוטענווייז האָט זיך איהם אויך גע'חלום'ט בערג. און באַ־זונדערס א געוויסער פונקט אויף די בערג, וועלכען ער האָט אלע מאָל ליעב געהאַט צו דערמאָנען, און וואו ער האָט ליעב געהאַט צו געהן, ווען ער האָט נאָך געוואוינט דאָרטען, און קוקען פון דאָרטען ארונטער אויפ'ן דאָרף, אויף דעם קוים באַמערקבארען אונטען פליסענדען וואַסערפאַל, אויף די ווייסע וואָלקען, אויף דעם פארלאָזענעם אלטען שלאָס.

אָ, ווי וואָלט ער איצט געוואָלט זיך געפינען דאָרטען און טראַכ־טען בלויז וועגען איין זאַך — דאָס גאַנצע לעבען בלויז וועגען דעם — עס וואָלט אויף טויזענד יאָהר געקלעקט! און זאָל מען איהם דאָ אין גאַנצען פארגעסען, זאָל מען. דאָס איז אפילו נויטיג. ס'איז אפילו בעסער ווען מען וואָלט איהם דאָ גאָר ניט געקענט. און די דאָזיגע גאַנצע זעהונג וואָלט בלויז געווען א חלום. און איז דען ניט אלץ איינס וואָס איז חלום, וואָס אין דער ווירקליכקייט! אָפּטמאָל האָט ער מיט אמאָל גענומען זיך צוצוקוקען צו אַגלאַיאַ'ן, און צו פינף מינוט צייט, האָט ער ניט אָפּגעריסען זיין בליק פון איהר געזיכט; אָבער זיין בליק איז געווען זעהר א מאָדנער: עס האָט זיך גערוכט, אז ער האָט געקוקט אויף איהר ווי אויף א זאַך וואָס געפינט זיך פון איהם מיט צוויי מייל וויטער, אָדער ווי אויף איהר פּאָרטרעט און ניט אויף איהר אליין.

— וואָס קוקט איהר אויף מיר אזוי, פירשט? האָט זי פּלוצלינג געזאָגט, איבעררייסענדיג דעם פרעהליכען געשפרעך און געלעכטער מיט די ארומיגע. — איך שרעק זיך פאר אייך; מיר דוכט זיך אלץ, אז איהר ווילט אויסשטרעקען אייער האַנט און זיך צוריהרען צו מיין גע־זיכט מיט'ן פינגער, כדי איהם אָנצוטאַפּען. איז ניט וואָהר, עווגעני פּאַוולאָוויטש, אז ער קוקט אזוי?

דער פירשט האָט דוכט זיך, אויסגעהערט, אין פארוואונדערונג,

וואָס מען האָט זיך צו איהם געווענדט. ער האָט באַגריפען, כאָטש ער האָט אפשר ניט אין גאַנצען פאַרשטאַנען, ניט געענטפערט, נור זעהענדיג, אז זי און אויך אלע לאַכען, האָט ער פּלוצלינג צועפּענט דעם מויל און אליין אויך אָנגעהויבען לאַכען. דער געלעכטער האָט זיך פאַרשטאַרקט פון אלע זייטען; דער אָפיצער, ווייזט אויס, א ווי־ציגער מענש, האָט זיך איינפאַך געקייקעלט פון געלעכטער. אַגלאַיא האָט פּלוצלינג א שעפּטשע געטאָן פאַר זיך:

— אידיאָט!

— גאָט מיינער! איז דען מעגליך אז זי זאָל א זעלכען... איז דען מעגליך זי יאָל אין אמת'ן ארונטער פון זינען? האָט געקריצט מיט די ציין פאַר זיך, ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא.

— דאָס איז א שפּאָס. דאָס איז דער זעלבער שפּאָס, ווי דאַן מיט דעם „ארימען ריטער," האָט איהם פעסט אריינגעשושקעט אויפ'ן אויער אלעקסאַנדרא — און מעהר גאָר נישט! זי האָט אויף איהר שטייגער איהם ווידער גענומען אויף דער האָצקע, נור דער שפּאָס איז שוין אוועק צו ווייט; מען דאַרף עס ניט דערלאָזען ווייטער געהן, מאַמעניו! פריהער האָט זי געשפּיעלט ווי אן אקטריסע, האָט אונז אלעמען צוליעב א שטיפעריי אָנגעשראָגען...

— נאָך גוט, וואָס זי האָט אָנגעטראָפען אויף אזא אידיאָט, האָט זיך מיט איהר דורכגעשושקעט ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא. דער טאָכ־טער'ס באַמערקונג האָט פונדעסטוועגען פיעל גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ.

דער פּרינץ האָט פונדעסטוועגען געהערט ווי מען האָט איהם אָנ־גערופען אידיאָט און ער האָט א ציטער געטאָן, נור ניט דערפון וואָס מען האָט איהם אָנגערופען אידיאָט. דעם „אידאָט" האָט ער תיכף פאַרגעסען. נור אין דאָס פּובליקום ניט ווייט פון פּלאַץ וואו ער איז געזעסען, ערגעץ פון דער זייט, — ער וואָלט בשום אופן ניט געקענט אָנווייזען באַשטימט אויף וועלכען פּלאַץ און אין וועלכען פּונקט—האָט א שוועב געטאָן א געזיכט, א בלאַס געזיכט, מיט געקרויזטע שוואַרצע האָר, מיט באַקאַנטע, זעהר באַקאַנטע שמייכעל און בליק — א שוועב געטאָן און איז פאַרשוואונדען. מעגליך, אז דאָס האָט זיך איהם בלויז אויסגעדוכט; פון דער גאַנצער ערשיינונג האָבען זיך ביי איהם בלויז אָפּגעשטעלט אין זכרון, א קרומער שמייכעל, אויגען און א העל־

גרינע פראַנטסקע קראַוואַט, וועלכער דער פאַרשוואונדענער הערר האָט געטראָגען. איז דער דאָזיגער הערר פאַרשוואונדען צווישען פובלי־קום, אָדער ער האָט זיך אריינגעכאַפּט אין וואָגזאַל, האָט דער פירשט אויך ניט געקענט באַשטימען.

נור א מינוט שפּעטער האָט ער פּלוצלינג האַסטיג און אומרוהיג זיך גענומען אומקוקען אין אַלע זייטען; אַט די דאָזיגע ערשטע ער־שיינונג האָט געקענט זיין דער אָנזאָגער און פאָרגענגער פון א צוויי־טער ערשיינונג. דאָס האָט זיכער געמוזט זיין. איז דען מעגליך, אז ער האָט פאַרגעסען וועגען דער מעגליכקייט פון א באַגעגעניש ווען ער איז אוועק צום וואָקזאַל? אמת, ווען ער איז געגאַנגען צום וואָק־זאַל, האָט ער דוכט זיך, גאָר אינגאַנצען ניט געוואוסט, אז ער געהט אהער — אין אזא צושטאַנד איז ער געווען. ווען ער וואָלט געקענט זיין אויפמערקזאַמער, וואָלט ער נאָך מיט א פערטעל שטונדע צוריק געקענט באַמערקען, אז אַגלאַיא האָט פון צייט צו צייט און אויך מיט אומרוהיגקייט, זיך ארומגעקוקט, פונקט ווי זי וואָלט אויך עפּעס גע־זוכט ארום זיך. איצט ווען זיין אומרוהיגקייט איז געוואָרען זעהר באַמערקבאַר, איז אַגלאַיא'ס אויפגערעגקייט און אומרוהיגקייט געוואַק־סען, און ווי נור ער האָט זיך אומגעקוקט אהינטער זיך, האָט זי זיך אויך באַלד אומגעקוקט. די לייזונג פון דער אומרוהיגקייט איז באַלד געקומען. פון דעם סאַמע יענעם זייטיגען ארויסגאַנג פון וואָקזאַל, ארום וועלכען עס זיינען געזעסען דער פירשט און די קאַמפּאַניע עפּאַנטשין'ס, האָט זיך אומגעריכטהייט באוויזען א גאַנצע חברה, אמווינציגסטענס, א מאַן צעהן. פאָראויס דער חברה זיינען געגאַנגען דריי פרויען; צוויי פון זי זיינען געווען אויסערגעוועהנליך שעהן, און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס נאָך זיי זיינען נאָכ־געגאַנגען אזוי פיעל פאַרעהרער. נור אי די פאַרעהרער אי די פרויען — זיינען געווען עפּעס פון א באַזונדער מין, עפּעס אזעלכעס וואָס האָט זיי אונטערשייד פון דאָס גאַנצע פּובליקום, וועלכע האָט זיך צו־נויפגעקליבען צו דער מוזיק.

זיי זיינען באַלד כמעט באַמערקט געוואָרען פון אַלעמען. נור דער גרעסטער טהייל האָט זיך געמיהט צו באַווייזען, אז זיי מערקען זיי גאָר ניט. און בלויז נור אפשר די יונגוואַרג האָט צו זיי געשמיי־

כעלט, איבערגעבענדיג עפּעס איינער דעם צווייטען אויפ'ן אויער. גאָר ניט באַמערקען זיי דאָס איז געווען אונמעגליך. זיי האָבען אָפּען געלאָזט ווייסען וועגען זיך. גערעדט הויך, געלאַכט. מען האָט גע־קענט דענקען, אַז צווישען זיי זיינען דאָ אַ סך באַטרונקענע. כאָטש פון ערשטען בליק זיינען אייניגע פון זיי געווען אָנגעטאָן אין פראַנ־טישע און פיינע קליידער; נור דאָ זיינען אויך געווען מענשען פון זעהר אַ מאָדנעם אויסזעהן. אין מאָדנע קליידער און מאָדנע צופלאָמ־טע פּנים'ער; צווישען זיי זיינען געווען עטליכע מיליטאַריסטען; עס זיינען געווען ניט קיין יונגע אויך. זיינען געווען אויך רייך־געקליי־דעטע, אין ברייטע און פיין גענעהטע קליידער, מיט רינגען און זאַ־פאָנקעס. אין פּראַכטפאָלע סמאָלע־שווארצע פּאָרוקען און באַקענ־בארדען, און מיט זעהר אַ שטאָלצער, כאָטש אביסעל אָפּגעלאָזענער עהרווירדיגקייט אין געזיכט. און פון וועלכער, איבעריגענס, מען אַנטלויפט אין דער געזעלשאַפט, ווי פון אַן עפּידעמיע. צווישען אונ־זערע אונטער־שטאָטישע פּאַרזאַמלונגען זיינען זיכער דאָ אַזעלכע וועל־כע צייכענען זיך אויס מיט זייער פיינקייט, און וועלכע האָבען אַ גאַנץ גוטע רעפּוטאַציע; נור דער סאַמע געהיטער מענש קען זיך ניט יעדע מינוט פּאַרהיטען פון אַ ציגעל, וואָס פאַלט פון דער שכן'ישער הויז. אַט אַזאַ ציגעל האָט זיך איצט געגרייט ארונטערצופאַלען אויף דער זיך פיין־האַלטענער פּובליקום, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען ביי דער מוזיק.

אום אריבערצוגעהן פון וואָקזאַל אויף דעם בריקעל וואו עס איז געווען אויסגעזעצט דער אָרקעסטער, דאַרף מען ארונטערגעהן דריי טרעפּלאַך. סאַמע ביי די טרעפּלאַך האָט זיך דאָס אָפּגעשטעלט די גאַנצע חברה; ארונטערגעהן האָבען זיי זיך ניט אַנטשלאָסען. נור איינע פון די פרויען האָט זיך ארויסגערוקט פאָראויס; נאָך איהר האָבען געוואַגט נאָכצוגעהן בלויז צוויי פון איהר סוויטע. איינער איז געווען אַ מענש פון גאַנץ באַשיידענעם אויסזעהן, פון מיטעלע יאָה־רען, מיט אַ אָנשטענדיגען אויסזעהן אין אַלע באַציהונגען, נור ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ ריכטיגען קבצן. דאָס הייסט פון דעם מין וועלכע קענען קיינמאָל קיינעם ניט, און וועלכען קיינער קען ניט. דער צווייטער וועלכער איז ניט אָפּגעשטאַנען פון זיין דאַמע, איז אין גאַנצען געווען אַן אָבגעריסענער, פון אַ סאַמע אַ צווידייטיגען אויס־

זעהן. מעהר האָט קיינער דער עקסצענטרישער דאַמע ניט נאָכגעפאָלגט; אָבער ארונטערקומענדיג אונטען, האָט זי זיך אפילו אויף צוריק ניט אומגעקוקט, אזוי ווי איהר וואָלט אין אמת'ן געווען אלץ איינס, צו מען געהט איהר נאָך אָדער ניט. זי האָט אזוי ווי פריהער געלאַכט און הויך געשמועסט; אָנגעטאָן איז זי געווען מיט גרויס געשמאַק און רייך. נאָר שוין אביסעלע צופיעל לוקסוסדיג. זי האָט זיך געלאָזט געהן פאַרביי דעם אָרקעסטער, אויף דער צווייטער זייט פון בריקעל, וואו נאָהענט ביים וועג האָט אויף עמיצען געוואַרט וועמען'ס ס'איז עקיפּאַזש.

דער פירשט האָט זי ניט געזעהן שוין מעהר פון דריי מאָנטטען. אַט די אַלע טעג נאָך זיין קומען אין פּעטערבורג האָט ער זיך אלץ געקליבען ביי איהר זיין; נור, עס קען געבען, אז א געהיימענספאָלע פאָראויספיהלונג האָט איהם אָפּגעהאַלטען. אמווינציגסטענס, האָט ער קיינמאָל ניט געקענט טרעפען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף איהר מאַכען א באַגעגעניש מיט איהר, און ער האָט אָפּטמאָל מיט שרעק זיך געמיהט דאָס פאָרצושטעלען. איינס איז איהם געווען קלאָהר — אז די באַגעגעניש וועט זיין א שווערע. איינינגע מאָל האָט ער אויפגעלעבט פאַר זיך פון די דאָזיגע זעקס מאָנאַטען, אַט יענעם איינדרוק וועלכע ס'האָט אויף איהם געמאַכט דאָס געזיכט פון דער דאָזיגער פרוי, נאָך דאַן ווען ער האָט זי דערזעהן בלויז אויפ'ן פּאָרטרעט. יענער מאָנאַט אויף דער פּראָווינץ, וואו ער האָט זיך שיעור ניט יעדען טאָג מיט איהר געזעהן, האָט אויף איהם געמאַכט א שרעקליכען איינדרוק, אויף אזוי פיעל, אז דער פירשט האָט פאַרטריבען פון זיך אפילו די עראינירונג פון דער אַט ערשט פארשוואונדענער צייט. שוין דער פּנים זעלבסט פון דער דאָזיגער פרוי, האָט אין איהם שטענדיג ערוועקט עפּעס פּיינליכעס. דער פירשט האָט רעדענדיג מיט ראָגאָזשינען געוואָלט ערקלעהרען דעם דאָזיגען געפיהל מיט דעם געפיהל פון אונענדליכען מיטלייד; און דאָס איז געווען אמת. דער דאָזיגער פּנים האָט נאָך דאַן פון פּאָרטרעט ארויסגערופען אין זיין האַרצען ליידען אויס מיטלייד; אַט דער דאָזיגער איינדרוק פון מיטלייד און אפילו ליידען פאַר דעם דאָזיגען וועזען, האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט זיין האַרץ. און האָט אויך ניט אָפּגעלאָזט איצט. אָ, ניין, עס איז אפילו געווען נאָך שמערצליכער, נור מיט דאָס וואָס ער

האָט געזאָגט ראַגאָזשינען אַז דער פירשט איז געווען ניט צופרידען; און נור איצט איז דער מינוט פון איהר פּלוצלינגען ערשיינען, האָט ער, מעגליך, פאַרשטאַנען, מיט אַן אונמיטעלבאַרער עמפּפינדונג, וואָס עס האָט געפעהלט אין זיינע ווערטער צו ראַגאָזשינען. עס האָבען געפעהלט ווערטער, וועלכע זאָלען קענען אויסדריקען אַ שרעק; יע, אַ שרעק! ער האָט איהם איצט אין דער דאָזיגער מינוט פאָלקאָם געפיהלט; ער איז געווען זיכער, פאָלקאָם איבערצייגט, צוליב זיינע געוויסע אורזאַכען, אַז דאָס איז אַ פרוי — אַ משוגענע. ווען מען ליעבט אַ פרוי מעהר פון אַלץ אין דער וועלט, אָדער פאָראויספיהלענדיג די מעגליכקייט פון אַזאַ ליבע, און פּלוצלינג זי דערזעהן אין קייטען, הינטער אַן אייזערנער גראַטע, אונטער דעם שטעקען פון אויפזעהער. — וואָלט אַזאַ איינדרוק געקענט צוגעגליכען ווערען צו דעם, וואָס ס'האָט איצט געפיהלט דער פירשט.

— וואָס איז מיט אייך? האָט האַסטיג אַרויסגעשעפּטשעט אַגלאַיאַ אומקוקענדיג זיך אויף איהם און נאַאיוו ציהענדיג איהם ביים האַנט.

ער האָט אויסגעדרעהט צו איהר דעם קאָפּ, אויף איהר אַ קוק געטאָן, אַריינגעקוקט אין איהרע שוואַרצע אויגען, וועלכע האָבען אין דער מינוט געגלאַנצט מיט אַ פייער וועלכע איז געווען אומפאַרשטענדליך פאַר איהם, האָט געפּרוואווט אַ שמייכעל טאָן, נור מיט אַמאָל פונקט ווי ער וואָלט זי אויגענבליקליך פאַרגעסען, האָט ער ווידער אַנגעשטעלט די אויגען רעכטס און האָט ווידער גענומען נאָכקוקען נאָך זיין גרויסער זעהונג. נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ איז אין דער מינוט דורכגעגאַנגען פּונקט פאַרביי די שטוהלען וואו עס זיינען געזעסען די מיידלאַד־עפּאַנטשין. יעווגעני פּאַוולאָוויטש האָט פאָרטגעזעצט צו דערצעהלען עפּעס, וואָס האָט געמוזט זיין זעהר וויציג און אינטערעסאַנט צו אַלעקסאַנדראַ איוואַנאָוונאַ. ער האָט גערעדט האַסטיג און באַגייסטערט. דער פירשט האָט געדענקט, אַז אַגלאַיאַ האָט פּלוצלינג אַרויסגעזאָגט האַלב שעפּטשענדיג: „וואָס פאַר אַ"...

אַ וואָרט אַן אונבאַשטימטער און אַ ניט דערעדטער, זי האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט און זיך אָפּגעהאַלטען און מעהר גאָרנישט ניט צוגעגעבען, נור דאָס איז שוין אויך געווען גענוג. נאַסטאַסיאַ פיליפּ־

פּאוונא, וועלכע איז פאַרביי געגאַנגען, ווי זי וואָלט קיינעם באַזונדערב ניט באַמערקט, האָט זיך פּלוצלונג אומגעדרעהט אין זייער זייט און ווי זי וואָלט נור ערשט באַמערקט עווגעני פּאוולאָוויטש.

— ב־באַ! אָט איז ער דאָך! האָט זי אויסגערופען פּלוצלינג זיך אָפּשטעלענדיג — אָט קען מען איהם מיט קיינע קוריערען ניט אָפּזוכען, און אָט זיצט ער ווי אומישנע דאָרטען וואו דו ערוואַרטעסט איהם ניט... איך האָב דאָך גאָר געדענקט אז דו ביזט דאָרטען... ביים אָנקעל!

עווגעני פּאוולאָוויטש האָט אויפגעפלאַמט, האָט ווילד א קוק געטאָן אויף נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, נור באַלד האָט ער זיך ווידער פון איהר אָפּגעקעהרט.

— וואָס? דו ווייסט דען ניט? שטעלט זיך פאָר, ער ווייסט נאָך גאָר ניט! ער האָט זיך דאָך געשאָסען! מיר האָט מען עס נאָך פריהער מיט צוויי שטונדע דערצעהלט; א האַלבע שטאָט ווייסט דאָך שוין איצט דערפון! עס פעהלען דריי הונדערט און פופציג טויזענד רעגירונגס־געלט, זאָגט מען, און אנדערע זאָגען: פינף הונדערט טויזענד. און איך האָב דאָס אַלץ גערעכענט, אז ער וועט דיר נאָך איבערלאָזען א ירושה; ער האָט אַלץ פאַרטאַכלעוועט. א פאַרדאָרבענער אַלטיטשקער איז דאָס געווען! נו, בלייב געזונד! Bonne Chace! איז דען מעגליך אז דו וועסט ניט אריבערפאָהרען אַהין? א קלוגער יונג. דו האָסט גוט געטאָן וואָס דו האָסט אין צייט רעזיגנירט! נור ס'איז א נאַרישקייט, ער האָט געוואוסט, געוואוסט פריהער, מעגליך אז ער האָט נאָך נעכטען געוואוסט!...

כאָטש אין דער חוצפּה'דיגער צודרינגליכקייט אין דער אנאָנסירטער נאָהענטער באַקאַנטשאַפט, וועלכע איז ניט געווען, איז אונבאַדינגט געלעגען א מעין, אין דעם האָט שוין איצט ניט געקענט זיין קיין שום צווייפעל — נור עווגעני פּאוולאָוויטש האָט פון אָנפאַנג געדענקט אויסדרעהען זיך ווי ס'איז אזוי, און בשום אופן ניט באַמערקען זיין באַלעדיגערין, נור נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַס ווערטער האָבען איהם ווי א דונער געטראָפען; דערהערענדיג וועגען דעם אָנקעלס טויט איז ער בלייך געוואָרען ווי א טיכעל און האָט זיך אומגעדרעהט צו דער בשורה־ברענגערין. אין דער מינוט האָט זיך ליזאַוועטא פּראָ־

קאַפּיעוונא האַסטיג אויפגעהויבען פון פּלאַץ, אויפגעהויבען אַלעמען נאָך זיך און האָט זיך שיעור ניט געלאָזט לויפען פון דאָרטען. בלויז דער פירשט לעוו ניקאָלאַיעוויטש איז געבליבען א רגע אויפ'ן פּלאַץ, אַזוי ווי אין אומענטשלאָסענהייט, עווגעני פּאַוולאָוויטש איז נאָך אַלץ געשטאַנען, א צוטומעלטער, נור די עפּאַנטשינס האָבען נאָך ניט גע־האַט קיין צייט אָפּצוגעהן קיין צוואַנציג טריט, ווי ס'האָט אויסגעבראָ־כען א שרעקליכער סקאַנדאַל.

דער אָפיצער, א גרויסער פריינד פון עווגעני פּאַוולאָוויטש, וועל־כער האָט גערעדט מיט אַגלאַיען איז געווען אין דער גרעסטער שטופּע פון צאָרען:

— דאָ דאַרף מען איינפאַך האָבען א בייטש, אַנדערש וועסטו מיט אַזאַ חיה גאָר ניט מאַכען! האָט ער אויסגערופען כמעט אויפ'ן קול. (ער איז דוכט זיך אויך פריהער געווען עווגעני פּאַוולאָוויטשעס אַנפאַרטרויטער).

נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא האָט זיך געשווינד אומגעדרעהט צו איהם. איהרע אויגען האָבען א בליץ געטאָן; זי האָט זיך א וואַרף געטאָן צו דעם יונגען מענשען וועלכער איז געשטאַנען צוויי טריט פון איהר, און וועלכען זי האָט גאָר ניט געקענט, און וועלכער האָט געהאַלטען אין זיין האַנט א דינינקען, געפלאָכטענעם שטעקעלע, ביי איהם עס אַרויס־געריסען פון האַנט און מיט דער גאַנצער קראַפט א שמיים געטאָן איהר באַלעדיגער איבער'ן פּנים; דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין איין אויגענבליק... דער אָפיצער האָט אויסער זיך פון כעס, זיך א וואַרף געטאָן צו איהר; דער אַנשטענדיגער מאָן פון די מיטעלע יאָהרען האָט שוין אוספעיעט אין גאַנצען אויסגערונען צו ווערען. און דער פרעהליכער העררר איז געשטאַנען אָן א זייט און האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער. אין א ווייַלע אַרום, וואָלט זיכער ער־שינען די פּאָליציי, נור בין דאָן וואָלט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונא שלעכט אָפּגעשניטען, ווען עס קומט ניט אונטער קיין אומערוואַרטעטע הילף; דער פירשט וועלכער איז אויך געשטאַנען צוויי טריט פון דעם געשעהעניש־פּלאַץ, האָט אוספּעיעט אָנצוכאַפּען דעם אָפיצערס האַנט פון הינטען, אַרויסרייסענדיג זיין האַנט, האָט דער אָפיצער א שטאַר־קען שטויס געטאָן דעם פירשט אין האַרצען; דער פירשט איז אָפּ־

געשפּרונגען אויף אַ דריי טריט ווייטער, און איז געפאַלען אויף אַ שטוהל. נור דערווייל האָבען זיך ביי נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא געוויזען נאָך צוויי פּאַרטהיידיגער. אַנטקעגען דעם אַנפאַלענדען אַפּיצער איז געשטאַנען דער „באָקסער", דער פאַרפאַסער און צו די לעזער באַקאַנטען אַרטיקעל, און אַן אַקטיווער מיטגליד פון ראַגאָזשינ׳ס פריהערדיגער קאַמפּאַניע.

— קעלער! אַן אויסגעדינטער אָפיצער, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיט גרויס וויכטיגקייט, — ווילט איהר אין אַ האַנט — צו האַנט געשלעג, קאַפּיטאַן, בין איך גרייט צו אייער דינסט, אויפ׳ן פּלאַץ פון שוואַכען געשלעכט; איך קאַן גרינדליך דעם גאַנצען ענגלישען באָקס, שטויסט זיך ניט קאַפּיטאַן; איך פיהל מיט אייער בלוטיגע באַלעדיגונג נאָר איך קען ניט ערלויבען דאָס קולאַק־רעכט, מיט אַ פרוי, פאַר די אויגען פון פּובליקום. און אויב ווי עס פּאַסט אַן עהרווירדיגען מאַן ווילט איהר זיך שלאָגען אויף אַן אַנדער אופן — איהר פאַרשטעהט דאָך מיך אודאי, קאַפּיטאַן...

נור דער קאַפּיטאַן איז שוין געווען געקומען צו זיך און ער האָט שוין איהם ניט געהערט. אין דער מינוט האָט זיך דער פון פּובליקום ערשיינענדער ראַגאָזשין האַסטיג אונטערגעכאַפּט אונטער׳ן אָרעם נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא און זי אוועקגעפיהרט נאָך זיך. ראַגאָזשין פון זיין זייט האָט אויסגעזעהן ערשיטערט, געווען בלייך און געציטערט. אוועקפיהרענדיג נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, האָט ער דאָך אויסגעפּעטשט בעז אַריינלאַכען דעם אָפיצער אין פּנים אַריין, און מיט דעם אויסזעהן פון אַ טריאומפירענדען סוחר אַרויסזאָגען:

— טיו! וואָס דו האָסט זיך אָנגעמאַכט! דער גאַנצער פּרצוף איז אין בלוט! טיו!

קומענדיג צו זיך און שוין אין גאַנצען אויסגעפינענדיג מיט וועמען ער האָט דאָ וואָס צו טאָן, האָט דער אָפיצער מיט אַכטונג (איבעריגענס פאַרדעקענדיג דאָס געזיכט מיט אַ טיכעל). זיך געווענדעט צום פירשט, וועלכער איז שוין אויפגעשטאַנען פון שטוהל.

— איהר זייט עס, פירשט מישקין, מיט וועמען איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען צו באַקאַנען זיך?

— זי איז משוגע! וואָהנזיניג. איך פאַרזיכער אייך! האָט דער

פירשט געגטפערט מיט א ציטערדיגער שטימע, אויסשטרעקענדיג צו איהם זיינע ציטערדיגע הענט.

— איך קען זיך אודאי, ניט באריהמען מיט אזעלכע אויסקינפטע; נור איך דארף וויסען אייער נאָמען.

ער האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און איז אָפּגעטראָטען. די פּאָליציי איז אָנגעקומען פּונקט מיט פינף מינוט שפּעטער נאָכדעם ווי עס זיינען פארשוואונדען די לעצטע האנדלענדע פּערזאָנען.

איבעריגענס, האָט דער סקאַנדאַל געדויערט ניט מעהר ווי צוויי מינוט. אייניגע פון פּובליקום האָבען זיך אויפגעהויבען פון די פּלעצער, און זיינען אוועק. אייניגע האָבען זיך בלויז איבערגעזעצט פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען. אנדערע זיינען געווען צופרידען מיט'ן סקאַנדאַל, און נאָך אנדערע האָבען זיך שטאַרק צושמועסט און פאַראינטערעסירט. מיט איין וואָרט: די זאַך האָט זיך געענדיגט ווי געוועהנליך. דער אָרקעסטער האָט ווידער אָנגעהויבען שפּילען. דער פירשט איז אוועק נאָך די עפּאַנטשין'ס. ווען איהם וואָלט איינגעפאַלען, אָדער ער וואָלט אוספּעיעט א קוק טאָן לינקס, ווען ער איז געזעסען אויף א שטוהל, נאָכדעם ווי מען האָט איהם א שטויס געטאָן, וואָלט ער דערזעהן אגלאיען, א צוואַנציג טריט פון איהם, וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סקאַנדאַליעזער סצענע, און וועלכע האָט ניט געהערט די צורופען פון דער מוטער און שוועסטער, וועלכע זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אסך ווייטער. פירשט שטש. האָט אונטערלויפענדיג צו איהר, איהר ענדליך, איינגערעדט, וואָס שנעלער אוועקצוגעהן. ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא האָט געדענקט, אז אגלאיא האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיי אין אזא אויפרעגונג, אז זי האָט קוים געהערט זייערע צורופען. נור פּונקט אין צוויי מינוט ארום, ווען זיי זיינען נור אריין אין פּאַרק, האָט אגלאיא ארויסגעזאָגט מיט איהר געוועהנליכער, גלייכגילטיגער און קאַפּריזנער שטימע:

— מיר האָט זיך געוואָלט א קוק טאָן מיט וואָס וועט זיך די קאָמעדיע ענדיגען.

דריטער קאַפּיטעל

דאָס וואָס איז פֿאָרגעקומען אויפ'ן וואָגזאַל האָט אָנגעוואָרפֿען אַי אויף דער מוטער, אַי אויף די טעכטער כמעט אַ שרעק. פֿון טומעל און אויפרעגונג האָט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, מיט די טעכטער, די גאַנצע וועג פֿון וואָגזאַל אַהיים, שיעור ניט געלאָפֿען. לויט איהר בליק און פֿאַרשטענדעניס, איז שוין צופֿיעל פֿאָרגעקומען און ענטבלויזט גע־וואָרען צוליב דער דאָזיגער פּאַסירונג. אַזוי דאָס אין איהר קאָפּ, ניט אַכטענדיג אויף דער גאַנצער אומאָרדנונג און שרעק, זיינען שוין גע־בוירען געוואָרען באַשטימטע פּלענער. נור אויך אַלע האָבען פֿאַר־שטאַנען אַז דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, און עס קען געבען, צום גליק, הויבט זיך דאָ אָן צו ענטדעקען עפּעס אַ גרויסע געהיימניס. ניט קוקענדיג אויף די פֿריהערדיגע פֿאַרזיכערונגען און ערקלעהרונגען פֿון פֿירשט שטש. איז עווגעני פּאַוולאָוויטש „ארויס־געפֿיהרט געוואָרען אין דער עפֿענטליכקייט“, געכאַפּט געוואָרען, און „ענטדעקט געוואָרען אויף געוויס אין זיינע פֿאַרבינדונגען מיט דער דאָזיגער באַשעפֿעניש“. אַזוי האָט געטראַכט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּי־עוונאַ און דאָס זעלבע אויך ביידע עלטערע טעכטער. דער געווינס פֿון דעם סך־הכל איז געווען דער, אַז עס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט נאָך מעהר רעטענישען. די מיידלעך כאָטש זיי זיינען טהיילוויז פֿאַר זיך, געווען ברוגז אויף דעם שוין צו שטאַרקען שרעק און אַזאַ אָפֿענעם ענטלויפֿען פֿון זייער מוטער, נור אין דער ערשטער צייט פֿונ'ם טומעל, האָבען זיי ניט געוואַגט איהר צו באַאומרוהיגען מיט פֿראַגען. חוץ דעם, האָט זיך זיי צוליב עפּעס־וואָס אויסגעדוכט, אַז מעגליך זייער שוועסטער אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, ווייס מעהר וואָס דאָ טוט זיך, ווי זיי ביידע מיט דער מאַמע צוזאַמען. פֿירשט שטש. איז אויך געווען פֿינס־טער ווי די נאַכט. און אויך זעהר פֿאַרטראַכט. ליזאַוועטאַ פּראָקאָ־פּיעוונאַ האָט די גאַנצע וועג מיט איהם ניט אויסגערעדט קיין וואָרט און ער האָט עס, דוכט זיך גאָרניט באַמערקט. אַדעלאַידאַ האָט איהם געפּרואווט פֿרעגען וועגען וואָס פֿאַר אַן אָנקעל איז דאָס ערשט גע־רעדט געוואָרען און וואָס אַזוינס האָט עס דאָרטען אין פּעטערבורג פּאַ־

פירט? נור ער האָט איהר אָפּגעמורמעלט אלס אן ענטפער, מיט דער סאַמע זויערסטער מינע, עפּעס־וואָס אונבאַשטימטעס, וועגען עפּעס גע־וויסע נאָכפראַגען, און אַז דאָס אַלעס איז זיכער בלויז נאַרישקייטען. „אין דעריין קאָן מען ניט צווייפלען!" האָט געענטפערט אַדעלאַידאַ און זי האָט שוין מעהר וועגען גאַרנישט ניט געפרעגט. און וואָס שייך אַגלאַיען, איז זי עפּעס געוואָרען אונגעוועהנליך רוהיג און זי האָט בלויז געהענדיג באַמערקט, אַז מען לויפט שוין אביסעלע צופיעל. איינמאָהל האָט זי זיך אומגעדרעהט און דערזעהן דעם פירשט, וועלכער האָט זיי אָנגעיאָגט באַמערקענדיג די אנשטרענגונג וואָס ער מאַכט אום זיי צו דעריאָגען, האָט זי שפּאָטיש א שמייכעל געטאָן, און האָט זיך שוין מעהר אויף איהם ניט אומגעקוקט.

ענדליך, כמעט שוין ביי דער סאַמע דאַטשע האָבען זיי באַגעגענט איוואַן פעאָדאָראָוויטשען וואָס האָט זיך ערשט אומגעקעהרט פון פּעטערבורג, און איז זיי אַרוים אַנטקעגען. ער האָט זיך גלייך פון די ערשטע ווערטער נאָכגעפרעגט אויף עווגעני פּאַוולאָוויטש, נור דאָס ווייב איז שטרענג דורכגעגאַנגען פאַרביי איהם, ניט געענטפערט און אפילו ניט א קוק געטאָן אויף איהם. נאָך די אויגען פון די טעכטער און פירשט שטש. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אַז אין דער היים איז א שטורם, נור אויך אָהן דעם, האָט זיין אייגענער פּנים אויסגעדריקט עפּעס אַן אונגעוועהנליכע אומרוהיקייט. ער האָט תיכף גענומען אונ־טער'ן אָרעם דעם פירשט שטש. האָט איהם אָפּגעשטעלט ביי דעם אריינגאַנג אין הויז, און כמעט מיט א שעפּטשען מיט איהם דורכגע־רעדט זיך. לויט דעם אומרוהיגען אויסזעהן פון זיי ביידען, ווען זיי זיינען אַרויף אויף דער טעראַסע און אַריין צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּי־עוונאַ, האָט מען געקענט דענקען, אַז זיי ביידע האָבען זיך דערוואוסט פון עפּעס זעהר א וויכטיגע נאַכריכט. ביסלעכווייז, האָבען זיך אַלע צונויפגעקליבען, אין דער הויך, ביי ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, און אויף דער טעראַסע איז ענדליך געבליבען בלויז דער פירשט אַליין. ער איז געזעסען אין ווינקעל, אַזוי ווי וואַרטענדיג אויף עפּעס, און איבע־ריגענס, אַליין ניט וויסענדיג צו וואָס; ער האָט אפילו ניט א טראַכט געטאָן וועגען אוועקגעהן, זעהענדיג דעם טומעל אין הויז; עס האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט פאַרגעסען די גאַנצע וועלט, און איז געווען גרייט אויסצוזיצען כאָטש צוויי יאָהר כּסדר, וואו מען זאָל איהם ניט

אוועקזעצען. פון דער הויך האָבען זיך צו איהם אָפּטמאָל דערטראָגען נאָכקלאַנגען פון א טומעלדיגען געשפּרעך. ער וואָלט אליין ניט געקענט זאָגען, וויפיעל ער איז דאָ אזוי אָפּגעזעסען. עס איז געוואָרען שפּעט און ס'איז שוין אין גאַנצען פינסטער געוואָרען. אויף דער טעראסע איז פּלוצלונג ארויס אגלאיא; אויפ'ן אויסזעהן איז זי געווען רוהיג, כאָטש אביסעל בלייך. דערזעהענדיג דעם פירשט, וועלכען זי האָט „וואהרשיינליך ניט ערוואַרטעט" צו טרעפען דאָ אויפ'ן שטוהל, איז ווינקעל, האָט אַגלאַיאַ א שמייכעל געטאָן.

— וואָס טוט איהר דאָ? איז זי צוגעגאַנגען צו איהם.

דער פירשט האָט עפּעס ארויסגעמורמעלט, פארשעמטערהייט, און איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל; נור אגלאַיאַ האָט זיך תיכף געזעצט לעבען איהם, אויך ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט, זי האָט פּלוצלונג איהם אויפמערקזאם באַטראכט. דערנאָך האָט זי א קוק געטאָן אין פענסטער, עפּעס אזוי אָהן א מעין, דערנאָך ווידער אויף איהם. „אפשר ווילט זיך איהר צעלאכען", האָט א טראַכט געטאָן דער פירשט, „נור ניין דאַן וואָלט זי זיך דאָך צעלאַכט."

— אפשר ווילט איהר טיי, דאַן וועל איך הייסען ברענגען, האָט זי געזאָגט נאָך א ווײַלע שווייגען.

— נ־ניין... איך ווייס ניט...

— נו, ווי ווייס מען דאָס ניט אזא זאך! אַך, הערט נור: ווען עמיצער וואָלט אייך ארויסגערופען אויף א דועל, וואָס וואָלט איהר געטאָן? איך האָב אייך נאָך פריהער געוואָלט פרעגען.

— יע... ווער... מיר וועט קיינער אויף א דועל ניט ארויסרופען...

— אָבער ווען מען וואָלט ארויסגערופען? וואָלט איהר זיך זעהר דערשראָקען?

— איך דענק, אז זעהר... איך וואָלט זיך געשראָקען.

— ערנסט? הייסט עס אז איהר זייט א פייגלינג?

— נ־ניין; ס'קען געבען אז ניט. א פייגלינג איז דער ווער עס שרעקט זיך און אנטלויפט; אָבער ווער עס שרעקט זיך און אנטלויפט ניט, יענער איז נאָך ניט קיין פייגלינג — האָט דער פירשט נאָך א ווײַלע טראַכטען, א שמייכעל געטאָן.

— און איהר וועט ניט אנטלויפען?

— מעגליך אז איך וועל ניט ענטלויפען, האָט ער זיך ענדליך צעלאַכט פון אַגלאַיא'ס פראַגען.

— איך, כאָטש איך בין א פרוי, וואָלט איך פונדעסטוועגען בשום אופן ניט ענטלאָפען, האָט זי באַמערקט שיעור ניט מיט באַלע־דיגונג. און איבעריגענס, לאַכט איהר פון מיר און קרימט זיך, ווי אייער שטייגער איז, כדי צו אייך מעהר אינטערעס, ערוועקען; זאָגט! שיסט מען געוועהנליך אויף צוועלף טריט? אנדערע שיסען אויך אויף צעהן? הייסט עס, אז מען קען אויף זיכער דער'הרג'עט אדער פאַר־וואונדעט ווערען?

— אויף דועלען טרעפט מען זעהר וועניג.

— וואָס הייסט וועניג? אָט האָט מען דאָך פושקינען דער־הרג'עט.

— מעגליך אז דאָס האָט געטראָפען צופעליג.

— שוין גאָר ניט צופעליג; ס'איז געווען א דועל אויף טויט, און מען האָט איהם גע'הרג'עט.

— די קויל האָט געטראָפען אזוי נידעריג, אז עס איז זיכער, אז דאַנטעס האָט געציעלט ערגעץ העכער, אין ברוסט אדער אין קאָפּ; און אזוי ציעלט קיינער ניט. הייסט עס, אז גיכער פון אלץ האָט די קויל געטראָפען פושקינען צופעליג. צוליב א טעות. מיר האָבען עס קאָמפּעטענטע מענשען דערצעהלט.

— און מיר האָט עס א סאָלדאַט דערצעהלט, מיט וועלכען איך האָב זיך איינמאָהל צורעדט, אז זיי הייסט מען אומישנע, לויט'ן גע־זעץ, ווען זיי נעהמען שיסען, צו ציעלעווען אין דער מיטעל־העלפט פון דער מיטעל־העלפט פון א מענשען. איך האָב נאָכדעם געפרעגט ביי אן אָפיצער, האָט ער מיר געזאָגט, אז דאָס איז פונקט אזוי, ריכטיג.

— דאָס איז ריכטיג, ווייל דאָרטען שיסט מען פון ווייטען.

— און איהר קענט שיסען?

— איך האָב קיינמאָל ניט געשאָסען.

— איז דען מעגליך אז איהר קענט אפילו ניט אַנלאָדען קיין פּיס־טאָלעט?

— כ'קען ניט. דאָס הייסט, איך פאַרשטעה ווי אזוי מען טוט עס. נור איך האָב אליין קיינמאָל ניט אַנגעלאָדען.

— נו, דאַן מיינט עס, אז איהר קענט ניט, ווייל דא באַדאַרף

מען פּראַקטיק! הערט־זשע און חזרט אוים: ערשטענס, קויפט גוטען פּיסטאָלעט־פּולווער, ניט קיין נאַסען (מען זאָגט, אז מען דאַרף ניט קיין נאַסען נור זעהר טרוקענעם.) זעהר א דינעם, איהר פערלאַנגט נור אזעלכען, און ניט אזא, מיט וועלכען מען שיסט פון האַרמאַטען. די קוילען זאָגט מען, גיסט מען עפּעס אליין אוים. א פּיסטאָלעט האָט איהר?

— ניין. און איך דאַרף איהם ניט, האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט דער פירשט.

— עך, וואָס פאַר א נאַרישקייט! אונבאַדינגט קויפט א פיינעם א פראַנצויזישען אָדער ענגלישען, די זיינען, זאָגט מען די סאַמע בעס־טע. דערנאָך נעהמט פּולווער, א פינגערהוט פּולווער, אפשר צוויי פינ־גערהוט און שיט אריין. בעסער מעהר, שלאָגט אונטער מיט פילץ (מען זאָגט, אז מען דאַרף אונבאַדינגט אונטערשלאָגען מיט פילץ). דאָס קען מען ערגעץ קריגען, ארויסנעהמען פון א וועלכען ס'ניט איז מאַטראַץ, אָדער אפּט שלאָגט מען אונטער טהירען אויך מיט פילץ. נאָכדעם ווען איהר וועט אריינרוקען די פילץ, לעגט אריין די קויל, — איהר הערט, נאָכדעם די קויל און א פריהער דעם פּולווער, ווען ניט וועט ניט אויסשיסען. וואָס לאַכט איהר? איך וויל אז איהר זאָלט יעדען טאָג שיסען צו עטליכע מאָל און איהר זאָלט זיך אונבאַדינגט אויסלערנען טרעפען אין ציעל. וועט איהר עס טאָן?

דער פירשט האָט געלאַכט. אגלאַיא האָט פון ערגערניש א טופּע געטאָן מיט'ן פוס. איהר ערנסטער אויסזעהן ביי אזא געשפּרעך האָט אביסעל דעם פירשט פאַרוואונדערט. ער האָט טהיילווייז געפיהלט, אז ער דאַרף וועגען עפּעס זיך ערקונדיגען, וועגען עפּעס־וואָס פרע־גען, — אלענפאַלס וועגען עפּעס פיעל ערנסטערעס ווי אָנצולאָדען א פּיסטאָלעט. נור דאָס אלץ איז איהם ארויסגעפלויגען פון קאָפּ, אויסער איין זאַך, אז לעבען איהם זיצט זי, און ער קוקט אויף איהר, און וועגען וואָס זי זאָל ניט רעדען איז איהם אין דער מינוט געווען אלץ איינס.

פון דער הויך איז ענדליך ארונטער אויף דער טעראַסע איוואַן פעאָדאָראָוויטש אליין; ער איז ערגעץ אוועק מיט אן אָנגעכמורעטען, פאַרזאָרגטען און ענטשלאָסענעם אויסזעהן.

— אַ, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, דו... וואוהין געהסטו איצט? האָט ער געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט גאָר ניט אָנגעהויבען טראַכטען צו ריהרען זיך פון אָרט — קום, וועל איך מיט דיר עפּעס רעדען.

— אויפ'ם ווידער זעהן, האָט געזאָגט אַגלאַיא און דערלאַנגט דעם פירשט די האַנט.

אויף דער טעראַסע איז שוין געווען גאַנץ פינסטער. דער פירשט האָט אין דעם אויגענבליק קלאָהר ניט באַמערקט איהר געזיכט. אין אַ מינוט אַרום, ווען ער מיט'ן גענעראַל זיינען אַרויס פון דאַטשע, איז ער פּלוצלונג שרעקליך רויט געוואָרען און האָט פעסט צוזאַמענגעדריקט זיין רעכטע האַנט.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט געדאַרפט געהן מיט איהם אין איין וועג. ניט קוקענדיג אויף דער שפּעטקייט, האָט זיך איוואַן פיאָדאָראָוויטש געאיילט מיט וועמען ניט איז וועגען עפּעס אַ שמועס טאָן. נור ביז וואָס־ווען האָט ער זיך פּלוצ־לונג צורעדט מיט'ן פירשט, האַסטיג, אומרוהיג, גאַנץ אָהן אַ סדר, דערמאָהנענדיג אָפט אין געשפּרעך, ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. ווען דער פירשט וואָלט אין דער מינוט געווען אויפמערקזאַמער וואָלט ער זיך מעגליך אָנגעשטויסען, אַז איוואַן פיאָדאָראָוויטש'ן ווילט זיך צוויי־שען אַנדערעס, עפּעס פון איהם אַרויסקריגען, אָדער בעסער געזאָגט, גלייך און אָפען איהם וועגען עפּעס אַ פראַגע טאָן, נור ער האָט אַלץ ניט געקענט צוקומען צום הויפּט פּונקט. דער פירשט, איז זאָל דאָס איהם צו קיין גנאי ניט זיין, געווען אַזוי צוטראָגען, דאָס ער האָט אין סאַמע אָנפאַנג אפילו גאָר ניט געהערט, און ווען דער גענעראַל האָט זיך פאַר איהם אָפּגעשטעלט מיט עפּעס אַ זעהר וויכטיגער פראַגע, האָט ער געמוזט זיך פאַר איהם מודה זיין, אַז ער פאַרשטעהט גאָר ניט.

דער גענעראַל האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— מאָדנע מענשען זייט איהר אַלע געוואָרען, אַרום און אַרום, האָט ער ווידער גענומען רעדען. — איך זאָג דאָך דיר, אַז איך פאַר־שטעה אין גאַנצען ניט די אידעען און אומרוהיקייט פון ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. זי איז היסטעריש און וויינט. און זאָגט, אַז מען האָט אונז געמאַכט צו שאַנדע און בזיונות: ווער? וואָס? מיט וועמען?

ווען און פאַר וואָס? איך בין זיך מודה, אַז איך בין שולדיג (אין דעם בין איך זיך מודה). אַ סך שולדיג. נור די פּריטשעפּעקעס פון דער דאַזיגער... אומרוהיגער פרוי און וועלכע פיהרט זיך נאָך דערצו מיאוס אויף, קאָן מען באַשרענקען, ענדליך אפילו דורך פּאָליציי, און איך בין אפילו היינט נאָך גרייט צו זעהן זיך מיט וועמען ס'איז, און פאַר־היטען אויף ווייטער. דאָס אַלץ קען מען איינאָרדענען שטיל, קורץ, אפילו פריינדליך, דורך באַקאַנטשאַפט אבער אָהן סקאַנדאַלען. איך שטים אויך איין, אַז די צוקונפט איז רייך מיט געשעהענישען, און אַז אַסך זאַכען זיינען דאָ ניט קלאָהר; דאָ איז דאָ אַן אינטריגע, נור אויב מען ווייסט דאָ גאָרניט, וועט מען דאָך דאָרטען אויך גאָרניט קענען ערקלעהרען; אויב איך האָב ניט געהערט, דו האָסט ניט געהערט, דאַן פרעג איך, ווער־זשע האָט דאָס ענדליך יאָ געהערט? מיט וואָס זאָל מען עס, לויט דיין מיינונג, ערקלעהרען אויסער דעם וואָס אַ העלפט דערפון איז אַ מיראַזש, עקזיסטירט ניט, ווי צום ביישפּיל די ליכט פון דער לבנה... אדער אַנדערע געשפּענסטער.

— זי איז אַ משוגענע, האָט אויסגעמורמעלט דער פירשט, דער־מאָהנענדיג זיך פּלוצלונג מיט וועהטאָג אַלץ וואָס איז געשעהן פריהער.

— מיט איין וואָרט, ווען דו רעדסט עס וועגען יענער. מיר זיי־נען אויך טהיילווייז איינגעפאַלען אַזעלכע אידעען און איך האָב רוהיג איינגעשלאָפען, נור איצט זעה איך, אַז דאָ דענקט מען ריכטיגער, און איך גלויב ניט אַז דאָס איז משוגעת. ס'איז אַ פרוי לאָמיר זאָגען, אַ נאַרישע, אבער דערביי אפילו אַ שאַרפזיניגע, אָבער נור ניט קיין משו־גענע. אָט איהר היינטיגע אויפפיהרונג מיט קאַפּיטאַן אַלעקסעיעוויטש באַווייזט עס שוין צופיעל. פון איהר זייט, איז דאָס אַן אַנגעלעגענ־הייט אַ באַטריגערישע, דאָס הייסט, אַמווינציגסטענס, אַ יעזואיטישע, מיט באַזונדערן צוועק.

— וואָס פאַר אַ קאַפּיטאַן אַלעקסעיעוויטש.

— אַך, גאָט מיינער, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, דו הערסט דאָך גאָר ניט. איך האָב דאָך דערמיט אָנגעהויבען, וואָס איך האָב מיט דיר אָנגעהויבען רעדען וועגען קאַפּיטאַן אַלעקסעיעוויטש; איך בין אַזוי ערשטוינט, אַז נאָך איצט ציטערען ביי מיר די הענט און פיס. דער־פאַר האָב איך דאָס היינט זיך אין שטאָט געזאַמט. קאַפּיטאַן אַלעק־סעיעוויטש ראַדאָמסקי, עוגעני פּאַוולאָוויטשעס אָנקעל...

— נו! האָט אויסגערופען דער פירשט.

— ער האָט זיך דערשאָסען, אין דער פריה, פאַרטאָג, זיבען א זייגער, אַן אַלטיטשקער, אַן עהרווירדיגער, א זיבעציג יאהריגער, אַן עפּיקורעיעץ, — און פונקט אזוי ווי זי האָט געזאָגט — א רעגירונגס־סומע, א פיינע סומע!

— פון וואַנען־זשע האָט זי...

— זיך דערוואוסט? כאַ־כאַ! ארום איהר האָט זיך דאך שוין צונויפגעקליבען א גאַנצער שטאַב, תיכף ווי זי איז ערשינען. דו ווייסט גאַר ניט וועלכע פּערזאָנען עס באַזוכען איהר איצט און זוכען „די עהרע פון דער דאַזיגער באַקאַנטשאַפט". נאַטירליך, האָט זי פריהער געקענט עפּעס הערען פון די געקומענע, ווייל איצט ווייס שוין גאַנץ פּעטערבורג און דאָ א האַלב־פּאַוולאָווסק אדער טאָקע גאַנץ פּאַוולאָווסק. נור ווי דיין זי האָט עס באַמערקט וועגען דעם מונדיר, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען, דאָס הייסט, וועגען דעם וואָס עווגעני פּאַוולִיטש האָט אין צייט אוספּעיעט צו רעזיגנירען! דאָס איז א טייפעלשע אַנדייר־טונג! נייז, דאָס איז ניט קיין צייכען פון משוגעת. איך ענטזאָג זיך אודאי, צו גלייבען, אַז עווגעני פּאַוולִיטש האָט געקענט ווייסען פאַראויס וועגען דעם אומגליק. דאָס הייסט, אַז אין אזא און אזא דאַטום, זיבען אזייגער א. אַז. וו. נור ער האָט דאָס אַלץ געקענט פאַר־אויספּיהלען. און איך האָב דאָס, מיר אַלע און פירשט שטש. האָבען אויסגערעכענט, אַז יענער וועט איהם נאָך איבערלאָזען א ירושה. א שרעק! א שרעק! איבעריגענס, פאַרשטעה אַז איך באַשולדיג ניט עווגעני פּאַוולִיטש'ן און גאַרנישט. אייל איך זיך דיר ערקלעהרען, נור פונדעסטוועגען, איז דאָך פאַרדעכטיג. פירשט שטש. איז געוואַלדיג ערשטוינט. אָט דאָס אַלעס איז עפּעס מאָדנע אויסגעפאַלען.

— אָבער וואָס זעהט איהר אין עווגעני פּאַוולאָוויטשעס לאַגע פאַרדעכטיגטעס?

— ס'איז גאַרנישט צו זעהן! ער האָט זיך אויפגעפיהרט אויפ'ן אנשטענדיגסטען אופן. איך האָב אויך אויף גאָר ניט אנגע־מערקט. זיין אייגענטהום, דענק איך, איז ביי איהם גאַנץ. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא וויל אפילו ניט הערען... אבער דערהויפּט, — אָט די אַלע פאַמיליען־אומגליקען אדער בעסער געזאָגט אונבאַקוועמליכקייטען, אזוי אַז דו ווייסט אפילו ניט ווי דאָס

אַנצורופֿען... דו ביזט באמת געזאָגט, א הויז־פֿריינד, לעוו ניקאָלאַ־יעוויטש, און שטעל זיך פֿאָר, אַז איצט שטעלט זיך ארויס, כאָטש איבעריגענס, ניט פּינקטליך, אַז עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט מיט א מאָנאַט צוריק זיך דורכגעשמועסט מיט אַגלאַיען. און ער האָט, ווי מען זאָגט, געקראָגן א פֿאָרמאַלנעם אָפּזאָג.

— עס איז אונמעגליך! האָט מיט היץ אויסגעשריען דער פּירשט.

— וואָס, דו ווייסט דען עפּעס? זעהסטו טהייערער, האָט אויפֿגעציטערט און זיך פֿארוואונדערט דער גענעראַל, בלייבענדיג שטעהן אויפֿ'ן פּלאַץ ווי א דערשלאָגענער. עס קען געבען, אַז איך האָב זיך פֿאַר דיר אומזיסט און ניט אנשטענדיג זיך ארויסגעכאַפּט מיט ווערטער, נור דאָס איז דאָך דערפֿאַר ווייל דו ביזט... ווייל דו ביזט... קען מען זאָגען, אזא מענש. אפשר ווייסט עפּעס אַזוינס?

— איך ווייס גאָרנישט... וועגען עווגעני פּאַוולִיטש האָט ארויס־געמורמעלט דער פּירשט.

— און איך ווייס אויך ניט! מיך... מיך ברודער וויל מען אין גאַנצען אין דער ערד באַגראָבען און פֿארשיטען, און זיי ווילען גאָר ניט נעהמען אין אנבאַטראַכט, אַז דאָס איז פֿאַר א מענשען א שווערע זאַך, און אַז איך וועל דאָס ניט אַריבערטראָגען. אָט ערשט האָט זיך אָפּגעשפּילט אזא סצענע, אַז עס כאַפּט אַזש אָן א שרעק! איך דערצעהל דאָס דיר ווי אַן אייגענעם זוהן. די הויפּט זאַך, עס קוקט אויס ווי אַגלאַיאַ מאַכט חוזק פֿון דער מוטער. וועגען דעם, ווי זי האָט, דוכט זיך, מיט א מאָנאַט צוריק, אָפּגעזאָגט עווגעני פּאַוולִיטש'ן, און אַז זיי האָבען געהאַט א פֿאָרמאַלע ערקלעהרונג, האָבען די שוועסטער איבערגעגעבען, אין דער פֿאָרם פֿון א השערה... איבעריגענס, א פֿעסטע השערה. נור דאָס איז דאָך אזא צעלאָזענע פֿאַנטאַסטישע באַשעפֿעניש, אַז מען קען עס גאָר ניט פֿארשטעהן! אַלע גוטע מעלות, אַלע גלענצענדע מעלות פֿון הארץ און שכל — דאָס, גראַד פֿאַרמאָגט זי, נור דערביי איז זי פֿול מיט קאַפּריזען און אַבשפּאָטונג, — מיט איין וואָרט, ס'איז א טייוועלשע נאַטור, און דערצו נאָך מיט פֿאַנטאַזיע. אָט האָט זי ערשט געמאַכט חוזק פֿון דער מוטער פֿאַר איהר אין די אויגען. פֿון די שוועסטער פֿון פּירשט שטש.; וועגען מיר איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. פֿון מיר איז לאַכט זי כמעט שטענדיג, אַבער איך, ווייסטו, ליב זיך דאָך, ליב זי אפילו פֿאַר איהר אָפּלאַכען. — און עס

ווייזט אז דער דאָזיגער טייוועלע האָט מיך טאַקע דערפאַר באזונדערס ליעב, דאָס הייסט זי האָט מיך דוכט זיך ליעב מעהר פון אנדערע. איך וועל זיך וועטען, אז זי מאַכט שוין פון דיר אויך חוזק. איך האָב אייך ערשט געטראָפען רעדענדיג נאָך דעם שטורעם דאָרט אויבען; זי איז מיט דיר געזעסען אזוי פונקט ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשעהן.

דער פירשט איז שרעקליך רויט געוואָרען און פאַרדריקט די רעכטע האַנט, נור האָט גאָרנישט געזאָגט.

— מיין ליבער, גוטער לעוו ניקאָלאַיעוויטש, האָט פּלוצלינג מיט געפיהל און היץ געזאָגט דער גענעראל — איך... און אפילו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ אליין, (וועלכע האָט איבעריגענס, ווידער פון דיר אָנגעהויבען האַלטען, און צוזאמען מיט דיר אויך פון מיר, צוליב דיר, איך וויים נור ניט פאַר וואָס!) מיר אלע האָבען דיך פונדעסטוועגען ליעב, האָבען דיך ליעב אייפריכטיג און אַכטען דיך, ניט אַכטענדיג אפילו אויף קיין זאַך, דאָס הייסט אויף אלע פאַקטען, אבער דו מוזט דאָך מיט אונז טהייערער איינשטימען, אליין איינשטימען, ווי מיר פיהלען זיך, און וואָס פאַר אן ערגערניש דאָס פאַרשאַפט אונז, צו הערען, ווען דער דאָזיגער קאַלטבלוטיגער טייוועלע, (ווייל זי איז געשטאַנען פאַר דער מוטער מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג צו אלע אונזערע פראַגען, און צו מיינע הויפּטזעכליך, ווייל איך האָב, צום טייפעל זיך באַנאַרעשט, מיר איז איינגעפאַלען, צו ווערען שטרענג, אזוי ווי איך בין דאָך דער קאָפּ פון דער פאמיליע — נו, האָב איך זיך באַנאַרעשט. אָט דער דאָזיגער קאַלט־בלוטיגער טייוועלע נעהמט פּלוצלונג און ערקלעהרט מיט א שפּאָטישען שמייכעל אז די דאָזיגע „משוגענע“ (אזוי האָט זי זיך אויסגעדריקט און מיר וואונדערט, וואָס זי האָט געזאָגט דעם זעלבען וואָרט וואס דו:) האָט איהר דען, זאָגט זי, ביז איצט נאָך ניט געקענט אנשטויסען זיך, אז די דאָזיגע משוגענע, „האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז וואָס ס'זאָל ניט געשעהן, מוז זי מיך חתונה מאַכען פאַר לעוו ניקאָלאַיעוויטש און דערפאַר וויל זי עווגעניו פּאַווליטש'ן פון הויז ארויסקוועטשען“... אָט דאָס בלויז האָט זי געזאָגט; מעהר קיין ערקלעהרונגען האָט זי ניט געגעבען, שטעהט זיך און לאַכט, און מיר האָבען די מיילער צועפּענט, און נאָכדעם גיט זי א קלאַפּ מיט'ן טהיר און געהט ארויס. דערנאָך האָט מען מיר דערצעהלט וועגען דעם פריהערדיגען פאַל צווישען איהר מיט דיר,

און... און... הער מיך אויס ליעבער פירשט, דו ביזט א מענש וואס באַלעדיגט זיך ניט און א באַרעכענטער, איך האָב דאָס אין דיר באַמערקט אבער ווער ניט ברוגז: אויף מיין וואָרט, זי מאכט פון דיר חוזק. זי טוט עס ווי א קינד און דערפאר דאַרפסטו אויף איהר ניט זיין ברוגז. נור דאָס איז אזוי. דענק ניט ווער ווייסט וואָס — זי מאַכט דיך און אונז אַלעמען איינפאך משוגע, פון ניט האָבען וואס צו טאָן. נו בלייב געזונד! דו ווייסט דאָך אונזערע געפיהלען? אונזערע אויפריכטיגע געפיהלען צו דיר? זיי וועלען זיך ניט ענדערען קיינמאָל און אין קיין פאַל... אָבער... איך דאַרף איצט געהן אַהער, אויפ'ס ווידערזעהן! נאָך קיינמאָל בין איך ניט געווען אין אזא מאָדנער לאַגע ווי איצט — אַי איז דאָס א דאַטשע!

בלייבענדיג אליין אויפ'ן ראָג גאַס, האָט דער פירשט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האַסטיג אריבערגעגאנגען די גאַס, צוגעגאַנגען נאָהענט צו א באַלויכטענעם פענסטער פון א געוויסער דאַטשע, האָט פאַנאַנדערגענומען א קליין פאַפירעל, וועלכען ער האָט פעסט צוזאַמענגעדריקט אין דער רעכטער האנט, אין דער צייט פון געשפרעך מיט איוואַן פיאָדאָראָוויטש און ער האָט אונטער דעם שוואכען שיין איבערגעלייענט:

„מאָרגען זיבען אזייגער אין דער פריה, וועל איך זיין אויף דער גרינער באַנק, אין פארק, און וועל אויף אייך ווארטען. איך האָב זיך ענטשלאָסען צו רעדען מיט אייך וועגען א זעהר וויכטיגער אנגעלעגענהייט, וועלכע געהט אייך שטאַרק אָן.

"P. S." איך האָף אז איהר וועט קיינעם ניט ווייזען דאָס צעטעלע, כאָטש איך שעהם זיך צו שרייבען אייך אזאַ זאַך, נור איך האָב באַרעכענט אז מיט אייך דאַרף מען אזוי האַנדלען. — רויט ווערענדיג פון שאַנדע פאר אייער קאָמישען כאַראַקטער.

"P. P. S. S." דאָס איז די זעלבע גרינע באַנק, וועלכע איך האָב אייך נעכטען אָנגעוויזען, שעהמט זיך! איך בין געווען געצוואונגען אייך דאָס צו שרייבען."

דאָס צעטעלע איז געווען אָנגעשריבען אויף גיך, און צוזאַמענגעלייגט ווי־ס'ניט־איז. זיכערער פון אלץ איידער אגלאַיא איז ארויס אויף דער טעראַסע. אין אַן אויפרעגונג וועלכע ס'איז שווער אויס־

צודריקען מיט ווערטער, אַז אויפרעגונג וועלכע איז געווען עהנליך צו שרעק, האָט דער פירשט ווידער פעסט פארדריקט דאס צעטעלע פון האנט און איז וואָס שנעלער אָפּגעשפּרונגען פון פענסטער, פון ליכט, פונקט ווי אַן איבערגעשראָקענער גנב; נור ביי דער דאזיגער באווע־גונג האָט ער זיך שטייף צוזאמענגעשטויסען מיט עמיצען, וועלכער האָט זיך געפונען פונקט ביי איהם הינטער'ן פּלייצע.

— איך שפּיר אייך נאָך, פירשט האָט יענער געזאָגט.

— דאָס זייט איהר קעלער? האָט דער פירשט אויסגעשריען אין פארוואונדערונג.

— איך זוך אייך פירשט, איך האָב אייך אָפּגעוואַרט ביי דער דאַטשע פון די עפּאנטשין'ס, ס'פארשטעהט זיך, אַז איך האָב ניט געקאָנט אריינקומען. איך בין אייך נאָכגעגאנגען ביז וואנען, איהר זייט געגאנגען מיט דעם גענעראל. איך בין גרייט צו אייער דיענסט פירשט, באַדינט זיך מיט קעלערן. איך בין גרייט זיך צו אָפּפערן און אפילו צו שטאַרבען ווען ס'וועט זיין נויטיג.

— אָבער... פאַר וואָס?

— נו, מען וועט דאָך אייך זיכער ארויסרופען. דאָס איז דער אָפּיצער מאַלאָווצעוו איך קאָן איהם, דאָס הייסט ניט פערזענליך... ער וועט ניט אריבערטראָגען קיין באַלעדיגונג, אונזערע ברידער, דאָס הייסט מיך און ראָגאָזשין איז ער, פארשטעהט זיך, געוואוינט צו רע־כענען פאַר לומפּען און ער אפשר מיט רעכט אויך. דאן הייסט עס, זייט איהר אַליין בלויז דער שולדיגער. איהר וועט דאַרפען באַצאָה־לען פאר דער באַלעדיגונג. ער האָט זיך וועגען אייך נאָכגעפרעגט, איך האָב געהערט, און עס איז זיכער אַז מאָרגען וועט אייך זיינער א פריינד באַזוכען און אפשר וואַרט ער שוין היינט אויף אייך. ווען איהר וועט מיר אָנטאָן דעם כבוד צו אויסקלייבען מיך אַלס אייער סעקונדאַנט, בין איך גרייט פאר אייך צו געהן אין פייער און אין וואַסער; צוליב דעם האָב איך דאס אייך געזוכט, פירשט.

— הייסט עס, אַז איהר רעדט אויך וועגען דועל! האָט זיך דער פירשט צעלאַכט צו קעלערס גרויסער פאַרוואונדערונג. ער האָט שטאַרק געלאַכט. קעלער, וועלכער איז שיעור ניט געווען ווי אויף נאָדלען, ביז וואנען ער האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט, פארשלאָגענדיג זיך

פאַר אַ סעקונדאַנט. האָט זיך כמעט באַלעדיגט, קוקענדיג אויף דעם פירשטס פרעהליכען געלעכטער.

— איהר פירשט האָט דאָך איהם פונדעסטוועגען פריהער פאַר די הענט געכאַפּט. אַ פיינעם מענשען און פאַר די אויגען פון פּובליקום איז דאָס שווער איבערצוטראָגען.

— און ער האָט מיר אַ שטויס געטאָן אין האַרצען! האָט לאַ־כענדיג אויסגעשריען דער פירשט. — מיר האָבען זיך ניט פאַר וואָס צו שלאָגען! איך וועל ביי איהם בעטען פאַרצייאונג, און דאָס אַלעס! און ווען ער וויל זיך שלאָגען בין איך גרייט! זאָל ער שיסען. איך וויל דאָס אפילו. כאַ־כאַ! איך ווייס איצט ווי אָנצולאָדען אַ פּיסטאָלעט! ווייסט איהר, אז מען האָט מיר אָט ערשט געלערנט ווי אַ פּיסטאָלעט אָנצולאָדען? איהר קעלער, קענט אָנלאָדען אַ פּיסטאָלעט? אפריהער דאַרף מען קויפען פּולווער, דעם ספּעציעלען פאַר פּיסטאָלעטען, ניט קיין נאַסען, און ניט אַזאַ דיקען מיט וועלכען מען שיסט פון האַרמאַטען; און דערנאָכדעם דאַרף מען אפריהער אריינלעגען דעם פּולווער, אַ שטיקעל פּילץ, קען מען ארויסקריגען פון ערגעץ אַ טהיר, און דער־נאָך ערשט דאַרף מען אריינלעגען די קויל, און ניט די קויל פריהער פאַר'ן פּולווער, ווייל עס וועט ניט אויסשיסען. איהר הערט קעלער: ווייל עס וועט ניט אויסשיסען. כאַ־כאַ! איז דאָס דען ניט די בעסטע אורזאַכע, פריינד קעלער? אַך, קעלער, ווייסט איהר, אז איך וועל אייך באַלד ארומנעהמען און אַ קוש טאָן. כאַ־כאַ־כאַ! ווי האָט איהר עס פריהער זיך פּונקט געפונען אנטקעגען איהם? קומט צו מיר וואָס שנעלער טרינקען שאַמפּאַניער. מיר וועלען זיך אַלע אנשיכור'ן ביז גאָר! ווייסט איהר אז איך האָב צוועלף פלאַש שאַמפּאַניער ביי לע־בעדעוו'ן אין קעלער? לעבעדעוו האָט מיר זיי פערקויפט מיט דריי טעג צוריק. אויף דעם צווייטען טאָג ווי איך האָב זיך צו איהם ארי־בערגעקליבען. איך האָב זיי אַלע געקויפט! איך וויל צונויפקלייבען די גאַנצע חברה! נו, און איהר וועט שלאָפען היינטיגע נאַכט?

— ווי יעדע נאַכט, פירשט.

— נו, טאָ זאָלען זיך אייך חלום'ען פיינע חלומות! כאַ־כאַ!

דער פירשט איז אריבער איבער'ן וועג, און איז פאַרשוואונדען אין פּאַרק איבערלאָזענדיג אַ פאַרטראַכטען דעם אביסעל פאַרוואונ־

דערטען קעלערן. ער האָט נאָך דעם פירשט ניט געזעהן אין אזא מאָדנער שטימונג און ער האָט עס גאָר פאַרשטעלען ניט געקענט.

„ער מוז האָבען פיבער, ווייל ער איז א נערוועזער מענש, און דאָס אלץ האָט אויף איהם געווירקט, אבער ער וועט זיכער זיך ניט איבער־שרעקען. האָט קעלער געטראכט פאר זיך, המ, שאמפּאַניער! פונ־דעסטוועגען איז דאָס אן אינטערעסאנטע שטיקעל נייעס! צוועלף פלאַש! א טוצען! מען קען ניט זאָגען גאַנץ פיינע פּערספּעקטיווען. און איך וועל זיך וועטען, אז לעבעדעוו האָט די שאמפּאַניער געקראָ־גען אלס משכון פון עמיצען... המ. ער איז א גאַנץ ליבעראַלער מענש אָט דער דאָזיגער פירשט! אויף מיין וואָרט, איך האָב ליב אזעלכע! אבער פּטר׳ן צייט דאַרף מען אויך ניט, און אויב שאמפּאַניער איז שוין די ריכטיגע צייט“...

אז דער פירשט איז געווען ווי אין פיבער, איז דאָס זעלבסט־פאַרשטענדליך געווען ריכטיג.

ער האָט לאַנג אומגעבלאָנדזשעט איבער דעם דונקעלען פּאַרק און ענדליך „זיך געטראָפען“ אן ארומשפּאַצירענדען איבער אן אַלעע. אין זיין מוח איז געבליבען אן עראינערונג אז איבער דער אלעע איז ער שוין דורכגעגאַנגען, אמאָל דרייסיג אָדער פערציג, הין און צוריק אנהויבענדיג פון בענקעל ביז איין אלטען בוים. א הויכען און א קענ־טיגען, פון הונדערט טריט ווייט. דערמאָהנען זיך, פון וואָס ער האָט געטראכט לכל הפחות אין דער דאָזיגער שטונדע, אין פּאַרק, וואָלט ער בשום אופן ניט געקענט, ווען ער וואָלט אפילו געוואָלט. ער האָט זיך, איבעריגענס, געכאַפּט ביי איין געדאַנק, פון וועלכען ער האָט זיך פלוצלינג שטאַרק צעלאַכט; כאָטש לאַכען איז ניט געווען פון וואָס, נור ער האָט אלץ געוואָלט לאַכען. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז די השערה וועגען א דועל האָט געקענט געבוירען ווערען ניט נור ביי דעם איין קעלער׳ן אין קאָפּ. און דאָן מיינט עס, אז די געשיכטע ווי אזוי מען לאָדט אן א פּיסטאָלעט, האָט אויך געקענט זיין ניט קיין צופעליגע...

„באַ!“ האָט ער זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט א באַלויכטענער פון א נייער אידעע, — פריהער איז זי ארונטערגעקומען אויף דער טע־ראַסע, ווען איך בין געזעסען אין ווינקעל און האָט זיך שרעקליך פאַר־וואונדערט, מיך טרעפענדיג דאָרטען — און זי האָט אזוי געלאַכט...

זי האט אנגעהויבען רעדען פון טיי; אבער אין דער זעלבער צייט האט זי דאך שוין געהאט דאס פאפירעל אין האנט, און דאס מיינט, אז זי האט אונבאדינגט געוואוסט, אז איך זיץ אויף דער טעראסע, טא פאר וואס האט זיך פארוואונדערט? כא־כא־כא!

ער האט ארויסגעכאפט דאס צעטעלע פון קעשענע און עס א קוש געטאן, נור תיכף האט ער זיך אפגעשטעלט און זיך פארטראכט:

„ווי מאדנע דאס איז! ווי מאדנע!" האט ער אין א ווײלע ארום ארויסגעזאגט, אפילו מיט א געוויסען טרויער; אין די שטארקע מינוטען פון גרויסען פרייד פלעגט איהם אלע מאל ווערען טרויעריג, ער האט אליין ניט געוואוסט פון וואס. ער האט זיך שטארק אומגעקוקט אין אלע זייטען און זיך פארוואונדערט וואס ער איז פארגאנגען אהער.

ארום און ארום איז געווען גוואלדיג שטיל. די מוזיק אויפ'ן וואגזאל, האט זיך שוין געענדיגט, אין פארק איז שוין, קען געבען, קיינער ניט געווען; ס'איז זיכער, געווען ניט ווייניגער ווי האלב צוועלף; די נאכט איז געווען א שטילע, א ווארימע, א ליכטיגע — א פעטערבורגער נאכט פון אנפאנג מאנאט יוני, נור אין דעם געדיכטען, שאטענדיגען פארק, אין די אלעען, וואו ער איז געווען, איז שוין כמעט אין גאנצען פינסטער.

ווען עמיצער וואלט איהם אין דער מינוט געזאגט, אז ער האט זיך פארליבט, איינגעליבט מיט א ליידענשאפטליכער ליבע, וואלט ער מיט פארוואונדערונג פארווארפען דעם געדאנק און ס'קען געבען אז אפילו מיט כעס. און ווען עמיצער וואלט נאך דערצו צוגעגעבען, אז אגלאיא'ס צעטעלע, איז א ליבעס־צעטעלע, א באשטימונג פאר א ליבע־ראנדעוואו, וואלט ער זיך זעהר פארשעהמט פאר יענעם מענשען און אפשר איהם ארויסרופען אויף א דועל. דאס אלעס איז געווען פאלקאם אויפריכטיג, און ער האט קיין איין מאל ניט געצווייפעלט און האט ניט צוגעלאזט א „דאפעלטען געדאנק", וועגען דער מעגליכקייט אז די דאזיגע מיידעל זאל איהם ליב האבען. אדער אפילו וועגען דער מעגליכקייט פון זיין ליבע צו דער דאזיגער מיידעל. פון דעם דאזיגען געדאנק האט ער זיך פארשעהמט: א מעגליכקייט צו ליב האבען „אזא מענשען ווי ער", וואלט ער גערעכענט פאר א ווילדע זאך. איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס איז געווען איינפאך א

שטיפעריי פון איהר זייט, ווען ס'איז באמת דאָ עפּעס פאראן, נור ער איז עפּעס צופיעל גלייכגילטיג צו דער דאָזיגער אידעע, און האָט זי געפונען שוין צופיל אמפּלאַץ; ער אליין איז געווען פארנומען און פארזאָרגט מיט גאָר עפּעס אנדערש. אין די ווערטער וועלכע האָבען זיך פריהער ארויסגעכאַפּט ביי דעם אויפגערעגטען גענעראַל, וועגען דעם, אז זי מאַכט חוזק פון אַלעמען, און פון איהם דעם פּירשט באַזונדערס, האָט ער פאַלקאָם געגלויבט. ער האָט דערביי ניט דערפּיהלט קיין שום באַליידיגונג; לויט זיין מיינונג, האָט אזוי געדאַרפט זיין. פאַר איהם איז געווען די הויפּט זאַך דאָס, אז מאָרגען וועט ער זי ווידער זעהן, מאָרגען אין דער פריה, ער וועט זיצען מיט איהר צוזאַמען אויף דער גרינער באַנק, הערען ווי מען לאָדט אַן א פּיסטאָלעט און קוקען אויף איהר. מעהר האָט ער ניט געדאַרפט. וועגען דעם — וואָס אזוינס וויל זי איהם זאָגען, און וואָס איז דאָס פאַר א וויכטיגע זאַך אזא, וואָס באַלאַנגט איהם זעלבסט? — האָט א צוויי דריי מאָל אויך דורכגעבליצט אין זיין קאָפּ. אויסער דעם, אין דער ריכטיגער ווארשיינליכקייט פון אזא „וויכטיגער זאַך“, וועגען וועלכע מען האָט איהם גערופען, האָט ער ניט געצווייפעלט קיין מינוט, נור ער האָט עפּעס גאָר איצט וועגען דער דאָזיגער וויכטיגער זאַך כמעט ניט געטראַכט, אויף אזוי פיעל, אז ער האָט גאָר ניט געהאַט דעם קלענסטען חשק צו טראַכטען וועגען דעם.

א סקריפּען פון שטילע טריט אויפ'ן זאַמד פון די אַלעען, האָט איהם געצוואונגען אויפצוהויבען דעם קאָפּ. א מאַן, וועמעס געזיכט ס'איז שווער געווען צו דערקענען אין דער פינסטער, איז צוגעקומען צום בענקעל און זיך אנידערגעזעצט לעבען איהם. דער פּירשט האָט האַסטיג זיך צוגערוקט צו איהם, און האָט דערקאַנט דעם בלייכען פּנים פון ראַגאָזשינען.

— איך האָב ווי געוואוסט, אז ערגעץ־וואו בלאָנדזשעסטו דאָ ארום. איך האָב אויך ניט געדאַרפט לאַנג זוכען, האָט דורכגעזייט דורך די ציין ראַגאָזשין.

זיי האָבען זיך דאָס צום ערשטען מאָל צוזאַמענגעטראָפען נאָך דער באַגעגעניש אין קאָרידאָר פון טראַקטיר. אַן ערשטוינטער פון ראַגאָזשין'ס פּלוצליכער ערשיינונג, האָט דער פּירשט א געוויסע צייט ניט געקענט צוזאַמענקלייבען זיך אין די געדאַנקען און א פּיינליכער

געפּיהל האָט אויפגעלעבט אין זיין הארצען. ראגאזשין האָט קענטיג פארשטאנען דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאכט; נור כאָטש ער איז אין אָנהויב געווען אביסעל צומישט און גערעדט ווי מיט דעם אויס־זעהן פון איינגע'חזר'טע אונגעצוואונגענהייט, אָבער דעם פירשט האָט זיך באַלד אויסגעוויזען אז ביי ראגאזשינען איז ניטאָ קיין איינגע־חזר'טעם און אפילו קיין באזונדערע פּארווירונג: אויב עס איז געווען עפּעס א פּארווירונג אין זיינע זשעסטען און געשפּרעך, איז דאָס בלויז אפשר נור אויסערליך; אין דער נשמה האָט דער דאָזיגער מענש ניט געקענט זיך ענדערען.

— ווי אזוי... האָסטו מיך דא אָפּגעזוכט? האָט דער פּירשט געפּרעגט כדי נור עפּעס צו זאָגען.

— איך האָב געהערט פון קעלערן (איך בין געווען ביי דיר). „אז ער איז אין פּארק אויך". נו, טראכט איך, אָט אזוי איז דאָס...

— וואָס הייסט, „אזוי איז דאָס"? האָט אומרוהיג אונטערגע־כאַפּט דאָס זיך ארויסגעכאַפּטע וואָרט, דער פּירשט.

ראגאזשין האָט א שמייכעל געטאָן, נור קיין ערקלעהרונג האָט ער ניט געגעבען.

— איך האָב ערהאַלטען דיין בריף לעוו ניקאָלאַיעוויטש; ס'איז אומזיסטע מיה... און צו וואָס טויג דיר דאָס!... און איצט קום איך צו דיר פון א י ה ר: זי האָט אומבאַדינגט דיך געהייסען רופען; זי דארף דיר נויטיג עפּעס־וואָס זאָגען. זאָלסט נאָך היינט קומען, האָט זי געבעטען.

— איך וועל קומען מאָרגען. איצט געה איך באַלד אהיים; דו ווילסט געהן צו מיר?

— צו וואָס? איך האָב דיר אַלעס געזאָגט; בלייב געזונד!

— ועסטו טאַקע ניט פארגעהן? האָט שטיל געפּרעגט דער פּירשט.

— א מאָדנער מענש ביזטו לעוו ניקאָלאַיעוויטש. מען דארף אויף דיר געהן קוקען ווי אויף א וואונדער!

ראגאזשין האָט גיפטיג א שמייכעל געטאָן.

— פאר וואָס? פאר וואָס טראגסטו איצט אזא כעס אויף מיר? האָט טרויעריג און מיט היץ אונטערגעכאַפּט דער פּירשט — דו ווייסט דאָך שוין איצט אַליין, אז אַלץ וואָס דו האָסט געדענקט — איז ניט

אמת. און איך האָב איבעריגענס, טאַקע געדענקט אַז דיין כעס אויף מיר איז נאָך ביז איצט ניט פאַריבער, און ווייסטו פאַר וואָס? ווייל דו האָסט געמאַכט אַ פאַרזוך מיך צו הרג'ענען, דערפאַר איז דיין כעס ניט געשטילט. איך זאָג דיר אָבער, אַז איך געדענק בלויז יענעם פאַרפּען ראַגאָזשין, מיט וועלכען איך האָב אין יענעם טאָג, מיט די צלמים זיך געביטען; איך האָב דאָס דיר געשריבען אין נעכטיגען בריף, אַז דו זאָלסט אויפהערען טראַכטען וועגען דער משוגעת, און זאָלסט מיר וועגען דעם גאַר ניט אָנהויבען רעדען. וואָס קעהרסטו זיך אָפּ פון מיר? וואָס באַהאַלסטו די האַנט פון מיר? איך זאָג דיר, אַז דאָס אַלץ וואָס איז געשעהן דאַן, רעכען איך בלויז אַלס אַ משוגעת: איך קען דיך אויף אויסוועניג אין יענעם טאָג, איצט, אַזוי ווי זיך אַליין. דאָס וואָס דו האָסט געדענקט האָט גאַר ניט עקזיס־טירט, און ניט געקענט עקזיסטירען. טאָ פאַר וואָס זאָל צווישען אונז הערשען אַ כעס?

— וואָס פאַר אַ כעס קענסטו האָבען? האָט זיך ווידער צע־לאַכט ראַגאָזשין אַלס ענטפער אויף דער הייסער פּלוצלינגער רעדע פון פירשט. ער איז באמת געשטאַנען אָן אַ זייט פון איהם, אָפּטרע־טענדיג אויף אַ פּאָר טריט און באַהאַלטענדיג זיינע הענט.

— איצט פּאַסט מיר ניט צו געהן צו דיר, לעוו ניקאָלאַיעוויטש. האָט ער לאַנגזאַם און אָפּגעהאַקט צוגעגעבען צו ענדע.

— אויף אַזוי פיעל האַסטו מיך?

— איך האָב דיך ניט ליעב לעוו ניקאָלאַיעוויטש, טאָ צו וואָס זאָל איך צו דיר געהן? עך פירשט, דו פיהרסט זיך אויף פּונקט ווי עפּעס אַ קינד, האָט זיך פאַרוואָלט אַ שפּיעלעכעל — טאָ נעהם און דערלאַנג איהם, אָבער קיין עסק פאַרשטעהסטו ניט! אָט דאָס האָסטו דאָך אויך אין בריף אָנגעשריבען, וואָס דו רעדסט איצט. און מיינסטו אַז איך גלויב דיר ניט? איך גלויב יעדען וואָרט דיינעם, און ווייס אַז דו האָסט מיך ניט גענאַרט, און אַז דו וועסט מיך אויך אויף ווייטער ניט נאַרען; און פונדעסטוועגען האָב איך דיך ניט ליעב. אָט שרייבסטו מיר, אַז דו האָסט אָן אַלץ פאַרגעסען, און אַז דו געדענקסט בלויז דעם איין ראַגאָזשינען, דעם צלם־ברודער, און ניט יענעם ראַגאָזשינען, וועלכער האָט אויף דיר דאַן אַ מעסער געהויבען. אָבער פון וואַנען ווייסטו די געפיהלען מיינע? (ראַגאָזשין האָט ווידער אַ שמייכעל געטאָן).

אפשר האָב איך פון יענער צייט אָן, אויף דעם קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאַט, און דו האָסט מיר שוין צוגערוקט דיין ברודערשע מחילה. אפשר האָב איך טאַקע אין יענעם אָוונט וועגן גאַר עפּעס אַנדערש געטראַכט און וועגן דעם...

— האָסטו אפילו ניט אָנגעהויבן דענקען! האָט אונטערגעכאַפּט דער פירשט — און נאָך ווי אַזוי! און איך קען זיך מיט דיר וועטן אַז דו האָסט דאַן גלייך זיך געזעצט אויפ'ן באַהן און דו ביזט געקומען אַהער קיין פּאַוולאָווסק צו דער מוזיק. און האָסט זי צווישען פּובליקום ווי היינט נאָכגעשפּיאָנירט, געטראָפען מיט וואָס צו פאַר'חידוש'ן! איך ווייס דאָס אליין גוט, אַז ווען דו ביזט דאַן ניט אין אַזאַ לאַגע, אין וועלכער דו ביזט נור געווען פעהיג צו דענקען וועגן איין זאַך, וואָלסטו אפשר מעגליך גאַר אויף מיר קיין מעסער ניט אויפגעהויבען. איך האָב נאָך דאַן פון דער פריה אָן דיך אָנקוקענדיג, געהאַט אַ פאַראויס־געפיהל; ווייסטו ווי אַזוי דו האָסט דאַן אויסגעקוקט? ווען מיר האָבען זיך מיט די צלמים געביטען, איז ביי מיר געבוירען געוואָרען דער דאָזיגער געדאַנק. צו וואָס האָסטו מיך דאַן צו דער אַלטיטשקער געפיהרט? דו האָסט דערמיט דיין האַנט געוואָלט אָפּהאַלטען? אַבער עס קען ניט זיין, אַז דו זאָלסט עס דענקען. נור דו האָסט עס בלויז געפיהלט, ווי איך... מיר האָבען דאַן צוזאַמען גלייך דערפיהלט. ווען דו הויבסט דאַן אויף מיר ניט אויף דיין האַנט (וועלכע גאָט האָט אָפּגעלענקט), איז וואָס וואָלט איך איצט פאַר דיר געווען? איך האָב דיך דאָך אַלץ איינס פאַרדעכטיגט, און דאָס מיינט, עס פאַלט די זינד אויף אונז ביידען! (אָבער לייקען ניט. נו, וואָס לאַכסטו?) „דו האָסט קיין חרטה ניט געהאַט!“ און ווען דו וואָלסט אפילו געוואָלט, קענסטו דאָך אויך קיין חרטה ניט האָבען, ווייל דו האָסט דאָך מיך נאָך ניט ליב אויך דערצו. און וואָלט איך אפילו געווען ווי אַ מלאך ריין פאַר דיר, וואָלסטו מיך אַלץ איינס ניט געקאָנט פאַרטראָגען, ביז וואַנען דו וועסט דענקען, אַז זי ליבט ניט דיך, נור מיך. אָט דאָס איז אייפערזוכט און ניט מעהר. נור איך האָב זיך אָט צו וואָס היינטיגע וואָך דערטראַכט, פאַרפען און איך וועל דאָס דיר זאָגען: ווייסטו, אַז זי האָט דאָך דיך איצט, קען געבען, מעהר פון אַלעמען ליב, און אויף אַזוי פיל, אַז וואָס מעהר זי פּייניגט דיך, אַלץ מעהר ליבט זי דיך? זי וועט עס דיר ניט זאָגען, נור מען דאַרף קענען זעהן,

פאר וואס גערהט זי מיט דיר סוף כל סוף חתונה האָבען? עס וועט קומען א צייט און זי וועט עס דיר אליין זאָגען. איינינע פרויען ווילען אפילו אז מען זאָל זיי אזוי ליבען, און זי איז פון דעם מין! און דיין כאראקטער און דיין ליבע מוזען איהר ערשטוינען! ווייסטו, אז אַ פרוי איז פעהיג צו פארפייניגען א מאן מיט אכזריות און שפּאָט און זי וועט קיינמאָל קיין געוויסענביסע ניט האָבען, ווייל זי וועט אלע מאָל א טראכט טאָן, קוקענדיג אויף דיר: „אַט וועל איך איהם איצט פאר־פייניגען ביז טויט, און מאָרגען וועל איך איהם דערפאר באצאָהלען מיט פּראָצענט דורך מיין ליבע...

ראגאזשין האָט, אויסהערענדיג דעם פירשט, זיך צעלאכט.

— איך האָב מורא פירשט, אז דו אליין ביזט אפשר אריינגע־פאלען צו אזא אין די הענט? איך האָב עפּעס־וואָס געהערט וועגען דיר, אויב ס'איז נור אמת?

— וואָס האָסטו געקאָנט הערען? — האָט פּלוצלינג א ציטער געטאָן דער פירשט און איז געבליבען שטעהן אין גרויס פארווירונג.

ראגאָזשין האָט פאַרטגעזעצט צו לאכען. ער האָט ניט אָהן נייע־געריגקייט און אפשר אויך ניט אָהן פארגעניגען אויסגעהערט דעם פירשט; דעם פירשטס פרעהליכע און הייסע הינרייסונג האָט איהם ערשטוינט און ערמוטיגט.

— ניט נור האָב איך געהערט, נור איך זעה שוין איצט אליין, אז דאָס איז אמת, — האָט ער צוגעגעבען — נו, ווען האָסטו אזוי גערעדט ווי איצט? אזעלכע רעד קוקען אויס ווי זיי וואָלטען גאָר ניט פון דיין מויל געקומען. ווען איך וואָלט וועגען דיר ניט געהערט עפּעס אזוינס, וואָלט איך דאָך אהער ניט געקומען; און נאָך אין פּאַרק, אין מיטען נאכט.

— איך פאַרשטעה דיך גאָר ניט, פּארפען סעמעניטש.

— זי האָט מיר שוין נאָך לאנג וועגען דיר ערקלעהרט, און איצט האָב איך פריהער אליין געזעהן, ווי דו ביזט מיט יענער ביי דער מוזיק געזעסען. זי האָט זיך מיר געכטען און היינט געשוואָרען, אז דו ביזט אין אגלאיא איוואַנאָוונא איבער די אויערען פארליבט. מיר פירשט, איז דאָס אלץ איינס און ס'איז ניט מיין עסק אויך: אויב דו האָסט זי אויפגעהערט ליבען, האָט זי אָבער נאָך דיך ניט אויפגעהערט. דו

ווייסט דאָך, אַז זי וויל דיך אונבאַדינגט חתונה מאַכען מיט יענער, אַז זי האָט זיך אַזאַ וואָרט געגעבען. כע־כע! זי זאָגט צו מיר: „אָהן דעם וועל איך מיט דיר ניט חתונה האָבען, זיי אין קלויסטער — און מיר אויך אין קלויסטער!" וואָס דאָ טוט זיך, פאַרשטעה איך ניט און האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען: אָדער זי ליבט דיך זעהר שטאַרק אָדער... ווען זי ליבט, טאָ ווי זשע וויל זי דיך חתונה מאַכען מיט אַ צווייטער? זי זאָגט: „איך וויל איהם זעהן אַ גליקליכען" דאָס מיינט, אַז זי ליבט.

— איך האָב דיר געזאָגט און געשריבען, אַז זי איז... ניט ביים זינען — האָט געזאָגט דער פירשט מיט פייניגונג, אויסהערענדיג ראַגאָזשינען.

— גאָט ווייסט! אפשר מאַכסטו אַ טעות... זי האָט מיר, איבערריגענס, היינט, אַ טאָג באַשטימט, ווען איך האָב זי געבראַכט פון די מוזיק: אין דריי וואָכען אַרום און אפשר פריהער, וועלען מיר זיכער געהן צום אַלטאַר; זי האָט זיך געשוואָרען, אַראָפּגענומען די איקאָנע, אַ קוש געטאָן. איצט, פירשט, איז אַלץ געוועגדט אָן דיר, כע־כע!

— דאָס איז אַלץ אַ רעדען פון היץ! אָט דאָס וואָס דו רעדסט וועגען מיר וועט קיינמאָל ניט געשעהן, קיינמאָל ניט! מאָרגען וועל איך ביי אייך זיין...

— וואָס איז זי פאַר אַ משוגע'נע? — האָט באַמערקט ראַגאָזשין — פאַר וואָס איז זי פאַר אַלעמען ביים זינען, און נור פאַר דיר אַליין איז זי משוגע? ווי אַזוי זשע שרייבט זי בריף אַהין? ווען זי איז משוגע, וואָלט מען דאָך דאָרטען נאָך די בריף דערקענט.

— וועלכע בריף?

— זי שרייבט אַהין צו י ע נ ע ר, און יענע לייענט. צי דען ווייסטו ניט? נו, וועסטו וויסען, זי וועט אודאי דיר אַליין ווייזען.

— דאָס איז אונגלויבליך! — האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— עך! ס'ווייזט אויס, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, אַז דו האָסט נאָך וועניג ערפאַהרונג אין לעבען. נו, וועסט זי האָבען. וואָרט אביסעל: דו וועסט אויסהאַלטען אַן אייגענע פּאָליציי, אַליין טאָג און נאַכט שטעהן אויף דער וואַך און היטען יעדען טריט פון דאָרטען, ווען דו ביזט נור...

— לאָז אָפּ און רעד מיט מיר מעהר קיינמאָל ניט וועגען דעם!

— האָט אויסגעשריען דער פירשט — הער נור, פּארפען, אָט בין איך איידער דו ביזט געקומען דאָ ארומגעגאנגען און פּלוצלינג אָנגעהויבען לאכען, פארוואס — ווייס איך ניט. נור די אורזאכע איז געווען, וואס איך האָב זיך אַן עפּעס דערמאָהנט, אז מאָרגען — פּאלט אויס ווי אור־מישנע, מיין געבורטס־טאָג. איצט איז שוין באלד צוועלף אזייגער. קום לאָמיר באַגעגענען דעם טאָג! איך האָב ווייז, וועלען מיר טרינ־קען וויין, ווינש מיר דאָס, וואָס איך ווייס זיך איצט אליין ניט צו ווינשען, און טאַקע נור דו ווינש מיר און איך וועל דיר ווינשען פיעל גליק, אויב ניט גיב צוריק דעם צלם! דו האָסט דאָך מיר אויף מאָר־גען ניט אָפּגעשיקט דעם צלם! דו טראָגסט דאָך איהם איאָ? האָסט איהם איצט אויף זיך?

— אויף זיך, — האָט געזאָגט ראגאָזשין.

— נו, טאָ קום, איך וויל אָהן דיר מיין נייעם לעבען ניט באַגע־געגענען, ווייל מיין נייער לעבען האָט זיך אָנגעפאנגען! ווייסטו ניט פּארפען, אז מיין נייער לעבען האָט זיך היינט אָנגעפאנגען?

— איצט זעה איך אליין און ווייס אליין אז עס האָט זיך אָנגע־פאנגען; אזוי וועל איך אויך א י ה ר איבערגעבען. דו האָסט זיך אין גאנצען, גאָר געענדערט לעוו ניקאָלאיעוויטש!

פערטער קאַפּיטעל.

דער פירשט האָט אונטערקומענדיג מיט ראָגאָזשינ׳ען צו זיין דאַטשע מיט גרויס פארוואונדערונג באמערקט, אז אויף זיין העל באַ־לויכטענער טעראַסע האָט זיך צוזאמענגעקליבען א טומעלדיגע און היבשע געזעלשאפט. די פרעהליכע קאָמפּאַניע האָט געלאכט, געטור־מעלט, עס האָט זיך געדוכט, אז מען דעבאַטירט אויף די העכסטע קולות; מען האָט גלייך געקאָנט מערקען, אז מען פארברענגט דאָ גוט די צייט, און ווען ער איז ארויף אויף דער טעראַסע, האָט ער טאַקע דער־

זעהן, אַז אַלע האָבען געטרונקען, און געטרונקען שאַמפּאַניער, און ס'דוכט זיך, שוין גאַנץ לאַנג, אַזוי דאָס אַ סך פון די אַנוועזענדע האָ־בען שוין אויספּעיעט גאַנץ פיין זיך צו באַגייסטערן. די געסט זיינען געווען אַלע באַקאַנטע פון פירשט, נור ס'האָט אויסגעקוקט מאָדנע, וואָס זיי האָבען זיך אַלע מיט אַמאָל צונויפגעקליבען. פּונקט ווי מען וואָלט זיי אַלעמען איינגעלאַדען. כאָטש דער פירשט האָט קיינעם ניט איינגעלאַדען, און וועגען זיין געבורטס־טאָג האָט ער אַליין אָט ערשט אומווילענדיג זיך דערמאַהנט.

— דו האָסט עמיצען ערקלעהרט, אַז דו גיסט שאַמפּאַניער, נו, זיינען זיי זיך צונויפגעקומען — האָט אַרויסגעמורמעלט ראָגאָזשין, אַרויפגעהענדיג נאָכ'ן פירשט אויף דער טעראַסע. — מיר פאַרשטעהן דעם עסק גאַנץ גוט, דו גיב זיי בלויז אַ פּייף... — האָט ער צוגעגע־בען מיט בייזקייט, הפנים דערמאַהנענדיג זיך אָן זיין אַקאָרשטיגער פאַרגאַנגענהייט.

אַלע האָבען באַגעגענט דעם פירשט מיט אויסגעשרייען און וויני־שונגען, איהם אַרומגערינגעלט. אַנדערע האָבען זיך אויפגעפיהרט זעהר טומעלדיג, אַנדערע אַביסעלע רוהיגער, נור אַלע האָבען זיך געאיילט איהם צו באַגריסען, דערהערענדיג וועגען דעם געבורטס־טאָג, און יע־דער האָט געוואַרט אויף זיין רייה. די אַנוועזענהייט פון אייניגע מענ־שען האָט דעם פירשט פאַראינטערעסירט. צום ביישפּיל, די אַנווע־זענהייט פון בורדאָווסקי'ן. נור וואונדערליכער פון אַלץ איז געווען, וואָס צווישען דער דאָזיגער קאָמפּאַניע האָט זיך אונערוואַרטעט געפו־נען אויך עוועגני פּאַוולאָוויטש; דער פירשט האָט כמעט גלויבען ניט געוואָלט און האָט זיך שיעור ניט איבערגעשראָקען איהם דערזעהענ־דיג.

אין דער צייט איז לעבעדעוו אַ צורויטעלטער און כמעט פול מיט ענטציקונג צוגעלאָפען מיט ערקלעהרונגען. ער איז געווען זעהר שטאַרק צוגעגרייט. פון זיין פּלוידערען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַלע האָבען זיך צונויפגעקליבען גאַנץ נאַטירליך און אַפילו אומווי־לענדיג. פריהער פון אַלעמען, איז פאַרנאַכט צו געקומען צו פאָהרען איפּאָליט און פיהלענדיג זיך אַסך בעסער, האָט ער אויסגעדריקט זיין וואונש צו אָפּוואַרטען דעם פירשט אויף דער טעראַסע. ער האָט זיך אויסגעלעגט אויפ'ן דיוואַן. דערנאָך איז צו איהם אַרונטערגעקומען

לעבעדעוו, דערנאָך זיין גאַנצע פאַמיליע, דאָס הייסט גענעראַל אי־וואָלגין און די טעכטער. בורדאָווסקי איז געקומען צו פאָהרען מיט איפּאָליט'ן, באַגלייטענדיג איהם אויפ'ן וועג. האַניאַ און פּטיצין זיי־נען, דוכט זיך, פאַרגאַנגען, ניט לאַנג, דורכגעהענדיג פאַרביי (זייער קומען האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער פּאַסירונג אויפ'ן וואָגזאַל); דערנאָך איז געקומען קעלער און געלאָזט וויסען, וועגען דעם געבורטס־טאָג און געפאָדערט שאַמפּאַניער. עווגעני פּאַווליטש איז פאַרגאַנגען ערשט מיט אַ האַלבע שטונדע צוריק. פאַר שאַמפּאַניער, און פאַר מאַכען אַ יום טוב, איז אויך שטאַרק באַשטאַנען קאָליאַ. לעבעדעוו האָט מיט ברייטווילינקייט דערלאַנגט וויין.

— נור בלויז מיינס, מיינס! — האָט ער געפּלאַפּעלט צום פירשט, — אויף מיין אייגענעם רעכענונג, כדי אייך צו ווינשען גוטס און באַגריסען, און כיבוד וועט אויך זיין, און פאַרבייסענס, וועגען דעם זאָרגט שוין די טאָכטער; אָבער פירשט, ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס איז די טעמע פון געשפּרעך דאָ ביי אונז איצט. געדענקט איהר האַמלעטס: „זיין אָדער ניט זיין?" ס'איז אַ צייטיגע טעמע, אַ צייטיגע! פראַגען און אַנטוואָרטען... און דער הערר טערענטיעוו וויל אויף דעם גרעסטען אופן... ניט שלאָפען! און שאַמפּאַניער האָט ער בלויז אַ זופּ געטאָן, אַ זופּ געטאָן, עס וועט איהם ניט פאַרשאַדען... קומט צום פירשט און באַשליסט! אַלע האָבען אויף אייך געוואַרט, אַלע האָבען בלויז געוואַרט אויף אייער גליקליכען פאַרשטאַנד...

דער פירשט האָט באַמערקט דעם ליבען און צערטליכען בליק פון וועראַ לעבעדעוו, וועלכע האָט זיך אויך געאיילט צוצוקומען צו איהם אַדורך'ן פּובליקום. אויסמיידענדיג אַלעמען, האָט ער איהר דער ערש־טער דערלאַנגט די האַנט; זי איז רויט געוואָרען פון פאַרגעניגען, און איהם געוואונשען אַ גליקליך לעבען טאָקע פון היינט אָן און ווייטער." דערנאָך איז זי האַסטיג אַוועקגעלאָפען אין קיך; דאָרט האָט זי גע־גרייט צובייסענס; נור אויך איידער דער פירשט איז געקומען — ווען זי האָט נור אויף אַ ווײַלע זיך געקענט אָפּרייסען — איז זי גע־קומען צולויפען אויף דער טעראַסע, און האָט זיך זעהר שטאַרק צו־געהערט צו די הייסע דעבאַטען וועגען זאַכען פאַר איהר זעהר אַבס־טראַקטע און וואונדערליכע. וואָס האָבען זיך געהערט צווישען די באַ־טרונקענע געסט. די אינגערע שוועסטער איהרע, האָט צוועפּענט דעם

מויל און איז איינגעשלאָפען אין צווייטען צימער, אויפ׳ן קאַסטען. נור דאָס אינגעל, לעבעדעוו׳ס זוהן, איז געשטאַנען לעבען קאָליא׳ן און איפּאָליט, און בלויז נור דער אויסזעהן פון זיין באַגייסטערטען געזיכט האָט באַוויזען, אַז ער איז גרייט אָפּצושטעהן דאָ אויף איין פּלאַץ, הערען און האָבען פאַרגעניגען כאָטש נאָך צעהן שעה נאָכאַנאַנד.

— איך האָב אויף אייך באַזונדער געוואַרט און איך בין שרעקליך צופרידען, וואָס איהר זייט געקומען אַזאַ גליקליכער, — האָט אַרויסגעזאָגט איפּאָליט, ווען דער פירשט האָט תיכף נאָך וועראַ׳ן צוגעקומען איהם דריקען די האַנט.

— און פון וואַנען ווייסט איהר, אַז איך בין אַזאַ „גליקליכער“?

— מען קען עס זעהן אָן פּנים, באַגריסט זיך מיט די לייטע, און זעצט זיך וואָס שנעלער מיט אונז. איך האָב באַזונדערס אויף אייך געוואַרט, — האָט ער צוגעגעבען, שטאַרק אָנדריקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט געוואַרט. אויף דעם פירשט׳ס באַמערקונג: „אַז אפשר וועט איהם שאַדען צו זיצען אַזוי שפּעט?“ האָט ער געענטפערט, אַז ער וואונדערט זיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי האָט ער עס מיט דריי טאָג צוריק געוואָלט שטאַרבען, און אַז ער האָט קיינמאָל ניט געפיהלט בעסער ווי אין דעם אָוונט.

בורדאָווסקי איז אויפגעשפּרונגען און האָט אַ מורמעל געטאָן, אַז ער איז געקומען „אַזוי“... אַז ער האָט איפּאָליט׳ן באַגלייט, און אַז ער איז אויך צופרידען; אַז אין בריף האָט ער אָנגעשריבען „נאַרישקייטען“, און איצט איז ער „איינפאַך צופרידען“... ניט דערענדענדיג, האָט ער פעסט אַ דריק געטאָן דעם פירשט׳ס האַנט און זיך געזעצט אויף אַ שטוהל.

נאָכדעם ווי דער פירשט איז פאַרטיג געוואָרען מיט אַלעמען, איז ער צוגעגאַנגען צו עווגעני פּאַוולאָוויטש. יענער האָט איהם תיכף גענומען אונטער׳ן אָרעם.

— איך דאַרף אייך בלויז זאָגען אַ פּאָר ווערטער, — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט — און וועגען זעהר אַ וויכטיגער אַנגעלעגענהייט; קומט ערגעץ אויף אַ מינוט.

— צוויי ווערטער, — האָט אַריינגעשעפּטשעט אַ צווייטע שטי־

מע אין דעם פירשט'ס צווייטען אויער, און אַ צווייטע האַנט האָט איהם גענומען פון דער צווייטער זייט אונטער'ן אָרעם. דער פירשט האָט מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט אַ שרעקליך צופּודלעטע, צורויטעלטע, אויסערוויינקענדע און לאַבעדיגע פיגור, אין וועלכער ער האָט גלייך דערקענט פערדיטשענקאָ, איין גאָט ווייסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען.

— פערדיטשענקאָ געדענקט איהר? — האָט יענער געפרעגט.

— פון וואַנען האָט איהר זיך גענומען? — האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— ער האָט חרטה אויף זיינע זינד, פירשט, — האָט אויסגעשריען דער אונטערלויפענדער קעלער, — ער האָט זיך באַהאַלטען, ער האָט זיך פאַר אייך ניט געוואָלט ציינען, ער האָט זיך באַהאַלטען אָט דאָרטען, אין ווינקעל, ער האָט חרטה אויף זיינע זינד, פירשט, ער פיהלט זיך שולדיג.

— אָבער אין וואָס, אין וואָס?

— דאָ האָב איך איהם באַגעגענט, פירשט, איך האָב איהם ערשט באַגעגענט און געבראַכט צו פיהרען; דאָס איז דער פיינסטער פון מיינע פריינד, נור ער האָט חרטה אויף זיינע זינד.

— איך בין זעהר צופרידען, מיינע הערען; געהט און זעצט זיך דאָרטען מיט אַלעמען, איך וועל באַלד קומען, — האָט זיך פון זיי ענדליך אָפּגעטשעפּעט דער פירשט, איילענדיג זיך צו עוועגני פּאַוולאָוויטש.

— ביי אייך איז דאָ גאַנץ אינטערעסאַנט, — האָט יענער באַמערקט — זון איך האָב מיט פאַרגעניגען אויף אייך געוואַרט ביי אַ האַלבע שטונדע. אָט וואָס מיין ליבער לעוו ניקאָלאַיעוויטש, איך האָב אַלץ איינגעאָרדענט מיט קורמישעוו'ן, און בין געקומען אייך באַרוהיגען; איהר האָט זיך גאָר ניט וואָס צו באַאומרוהיגען, ער האָט זעהר און זעהר די זאַך פאַרשטאַנען. און מעהר פון אַלץ, ווען ער איז לויט מיין מיינונג, מעהר פון אַלעמען אליין שולדיג.

— ווער איז דער קורמישעוו?

— אָט יענער, וועמען איהר האָט פריהער פאַר די הענט אָנגעכאַפּט... ער איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט, אַזוי דאָס ער האָט געוואָלט צו אייך מאָרגען מיך שיקען מיט ערקלעהרונגען!

— הערט אויף, וואָס פאַר א נאַרישקייטען!

— עס פאַרשטעהט זיך, אז דאָס איז א נאַרישקייט, און מיט א נאַרישקייט וואָלט זיך עס אויך געענדיגט; נור ביי אונז זיינען די ראַזיגע מענשען...

—אפשר זייט איהר געקומען נאָך צוליב עפּעס, עווגעני פּאַוולִיטש?

— אָ, געוויס, אז נאָך צוליב עפּעס, — האָט זיך יענער צעלאַכט— איך, ליבער פירשט, פאָהר מאָרגען גלייך מיט טאָג אוועק, צוליב יענעם אומגליקליכען עסק (נו, אָט וועגען דעם אָנקעל!) אין פּעטערבורג; שטעלט זיך פאָר: אז דאָס אלץ איז ריכטיג, און אז אלע ווייסען שוין דערפון, אויסער נור איך אליין ניט. מיך האָט דאָס אלץ אזוי ער־שטוינט, אז איך האָב א ה י ן ניט אוספּעיעט אריינצוגעהן (צו די עפּאַנטשינס); מאָרגען וועל איך אויך ניט זיין, ווייל איך וועל זיין אין פּעטערבורג, איהר פאַרשטעהט? ס'קען געבען, אז איך וועל דאָ ניט זיין א טאָג דריי, — מיט איין וואָרט, מיינע געשעפטען האָבען אָנגעהויבען אונטערהינקען. כאָטש דער עסק איז ניט ווער־ווייסט־ווי וויכטיג, נור איך האָב באַרעכענט, אז איך דאַרף אין עפּעס אויף דעם אָפענהערציגסטען אופן זיך מיט אייך דורכשמועסען און ניט פאַרלי־רענדיג קיין צייט, דאָס הייסט, איידער איך פאָהר אָפּ. איך וועל איצט זיך זעצען אביסעל און אָפּוואַרטען ווען איהר וועט ערלויבען, ביז וואַ־נען די חברה וועט זיך צוגעהן; און דערצו האָב איך דאָך טאקע אלץ איינס ניט א וואו זיך אהינצוטאַן: איך בין אזוי אויפגערודערט, אז איך וועל זיך ניט לעגען שלאָפען, און צום סוף, כאָטש ס'איז ניט געוויסענ־האַפט און ניט שעהן אָט אזוי איינפאַך צו פאַרפאָלגען א מענשען, נור איך וועל אייך אָפען זאָגען: איך בין געקומען זוכען אייער פריינד־שאַפט, מיין ליבער פירשט; איהר זייט אן אונפאַרגלייכליכער מענש, דאָס הייסט, א מענש וועלכער זאָגט ניט קיין ליגען אויף טריט און טריט, און איך דאַרף אין איין ענין א פריינד און א ראַטה־געבער, ווייל איך קען זיך איצט באמת אריינרעכענען אין דעם צאָהל פון אומגליק־ליכע...

ער האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— אָט וואָס ס'איז שלעכט, — האָט זיך אויף א ווײַלע פאַר־טראַכט דער פירשט — איהר ווילט צוואַרטען ביז וואַנען זיי וועלען

זיך פאַנאַנדערגעהן, אבער איין גאָט ווייס ווען דאָס וועט געשעהן. איז וואָלט אפשר ניט געווען גלייכער מיר זאָלען איצט אוועק אין פּאַרק; זיי וועלען שוין ווארטען; איך וועל זיך ענטשולדיגען.

— ניין, ניין, איך האָב זיך מיינע אורזאכען, כדי מען זאָל אונז ניט פארדעכטיגען אין א ספּעציעלען געשפּרעך, מיט א ציעל, דאָ זיינען דאָ מענשען וועלכע אינטערעסירען זיך זעהר מיט אונזערע באַציהונגען — ווייסט איהר דערפון ניט פירשט? און עס וועט זיין א סך בעסער, ווען זיי וועלען דערזעהן, אז אַחוץ דעם זיינען זיי אויך אין די סאמע פריינדליכסטע, און ניט נאָך אין עקסטרא באציהונגען — פאַרשטעהט איהר וואָס איך מיין? זיי וועלען אין א פּאָר שטונדען ארום זיך צוגעהן; איך וועל ביי אייך אוועקנעהמען א מינוט צוואנציג. נו, — א האלבע שטונדע...

— ביטע שעהן, איך בין צופרידען, אַחוץ אן ערקלעהרונג אויך; און פאר אייער גוט ווארט וועגען פריינדליכע באציהונגען דאנק איך אייך זעהר. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך בין היינט צוטראָגען; ווייסט איהר, איך האָב בשום אופן ניט געקענט איצט זיין אן אויפמערקזאמער צוהערער.

— איך זעה, איך זעה, — האָט ארויסגעמורמעלט עווגעני פּאוולאָוויטש מיט א לייכטען שמייכעל, — ער איז געווען זעהר לאכעדיג גענייגט אין דעם דאָזיגען אָוועגט.

— וואָס זעהט איהר? — האָט ווי אויפגעוואכט דער פירשט.

— און איהר פארדעכטיגט גאר ניט, ליבער פירשט, — האָט פאַרטגעזעצט צו לאכען עווגעני פאוולאָוויטש, ניט ענטפערענדיג דירעקט אויף דער פראגע — איהר פאַרדעכטיגט גאָר ניט, אז איך בין איינפאך געקומען אייך אָפּנאַרען און פארבייגעהענדיג, עפּעס ביי אייך אויספארשען.

אין דעם איז קיין צווייפעל ניט — האָט זיך ענדליך אויך צעלאכט דער פירשט — און אפשר האָט איהר באשלאָסען מיך א קאַפּיטשקע אָפּנאַרען אויך. נור וואָס אַרט ער מיך, איך האָב פאר אייך קיין מורא ניט; און דערצו איז מיר איצט כמעט אלץ איינס, וועט איהר מיר גלויבען צו ניט? און... און... און אזוי ווי איך האָב זיך פריהער פון אלץ איבערצייגט, אז איהר זייט פונדעסטוועגען א פיינער מענש, וועלען מיר געוויס אודאי באמת ענדיגען דערמיט, וואָס מיר וועלען

ווערן פריינד. איהר זייט מיר זעהר געפעהלען געוואָרען, עווגעני פּאוו־ליטש, איהר... זייט לויט מיין מיינונג זעהר אַן אַנשטענדיגער מענש!

— נו, מיט אייך איז אַלענפאַלס גוט צו האָבען אַן עסק, כאָטש אַ וועלכען ס'ניט איז, — האָט פאַרענדיגט עווגעני פּאוולאָוויטש — קומט, איך וועל פאַר אייער געזונט אויסטרינקען אַ גלאָז וויין; איך בין זעהר צופריעדען, וואָס איך בין צוגעשטאַנען צו אייך. אַ! — האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, — אָט דער דאָזיגער הערר, איפּאָליט האָט זיך צו אייך אריבערגעקליבען?

— יע.

— ער וועט נאָך ניט אַזוי גיך שטאַרבען, דענק איך.

— וואָס איז?

— גאָרנישט. איך האָב דאָ מיט איהם אַ האַלבע שטונדע פאַר־בראַכט...

איפּאָליט האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויפ'ן פירשט און האָט אָהן אויפהער געקוקט אויף איהם און אויף עווגעני פּאוולאָוויטש, ווען זיי האָבען געשמועסט אין אַ זייט. ער האָט פיבעריש אויפגעלעבט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טיש. ער איז געווען אומרוהיג און אויפ־גערעגט. שווייס איז ארויסגעטראָטען אויף זיין שטערן. אין זיינע בלי־צענדע אויגען האָט זיך געזעהן, אויסער די בלאָנדזשענדיגע שטענדי־גע אומרוהיגקייט אויך אַן אונבאַשטימטע אומגעדולדיגקייט; זיין בליק האָט ארומגעבלאָנדזשעט אָהן אַ ציעל פון איין זאַך צו דער צווייטער, פון איין געזיכט צום צווייטען. כאָטש ער האָט ביז איצט אין דעם אַלגעמיינעם טומעלדיגען געשפּרעך גענומען אַ גרויסען אנטהייל, נור זיין באַגייסטערונג איז בלויז געווען אַ פיבערישע; באמת, האָט איהם דער געשפּרעך ניט געאינטערעסירט; זיין דעבאַטירען איז גע־ווען ניט־בינדענד, שפּאָטיש, און אויבערפלעכליך פּאַראַדאָקסאַל; ער האָט ניט דערערדט, און געלאָזט דאָס וואָס ער האָט אַ מינוט פריהער אליין אָנגעהויבען רעדען מיט גרויס היץ.

דער פירשט האָט מיט פאַרוואונדערוני און מיטלייד זיך דער־וואוסט, אז אין דעם אָוונט האָט מען איהם ערלויבט אויסצוטרינ־קען צוויי גלאָז שאַמפּאַניער, און אז די אָנגעהויבענע גלאָז וועלכע איז געשטאַנען פאַר איהם, איז שוין געווען די דריטע. נור ער האָט

זיך דערוואוסט פון דעם ערשט שפעטער; אין דער געגענוואַרטיגער מינוט איז ער געווען ניט שטאַרק אויפמערקזאַם.

— און ווייסט איהר, אַז איך בין זעהר צופרידען מיט דעם, וואָס דוקא היינט איז אייער געבורטסטאָג, — האָט אויסגערופען איפּאָליט.

— פאַר וואָס?

— איהר וועט באַלד זעהן; זעצט זיך שנעלער; ערשטענס, שוין דערפאַר, וואָס עס האָט זיך צונויפגעקליבען אייער... גאַנצער עולם... איך האָב טאַקע אַזוי גערעכענט, אַז עס וועט זיין אַן עולם; דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען גיט זיך מיר איין אַ חשבון! און ס'איז אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט געוואוסט וועגען אייער געבורטס־טאָג, ווען יע, וואָלט איך געקומען צו פאָהרען מיט אַ מתנה... כאַ—כאַ! און אפשר בין איך טאַקע געקומען מיט אַ מתנה אויך! איז נאָך ווייט ביז טאָג?

— ביז טאָג איז שוין קיין צוויי שעה ניטאָ, — האָט באַמערקט פּטיצין, אַ קוק טוענדיג אויפ'ן זייגער.

— צו וואָס דאַרפט איהר טאָג־ליכט, ווען מען קען אין דרויסען לייענען אַהן איהם אויך? — האָט עמיצער באַמערקט.

— דערפאַר ווייל איך דאַרף זעהן אַ שטיקעלע זון, מעג מען טרינקען פאַר דאָס געזונד פון דער זון, פירשט?

איפּאָליט האָט געפרעגט שאַרף, ווענדענדיג זיך צו אַלעמען אַהן צערעמאָניעס, אַזוי ווי ער וואָלט קאָמאַנדירט, נור ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער אַליין האָט עס ניט באַמערקט.

— לאָמיר אויסטרינקען, אָבער איהר, איפּאָליט, דאַרפט זיך באַרוהיגען, אַ?

— איהר רעדט נור אַלץ וועגען שלאָפען; איהר פירשט זייט מיין ניאַנקע! ווי נור עס וועט זיך באַווייזען די זון און וועט זיך „צוקלינגען" אויפ'ן הימעל (ווער האָט עס געזאָגט אין אַ ליעד: „אויפ'ן הימעל האָט די זון זיך צעקלונגען" — ס'איז אומזיניג, נור שעהן!) — דאַן געהען מיר גלייך שלאָפען. לעבעדעוו! די זון איז דאָך דער „קוואַל פון לעבען!" וואָס מיינט דער „קוואַל פון לעבען" אין אפּאָקאַליפּסיס? האָט איהר געהערט וועגען דעם „ווערמוט־שטערען", פירשט?

— איך האָב געהערט, אַז לעבעדעוו וויל מאַכען אַט דעם „ווער־

מוט שטערען" פאר א נעץ פון אייזענבאהנען, צושפרייט איבער איי־ראפּא ?

— ניין, ערלויבט מיר, אזוי טאָר מען ניט! — האָט זיך צו־שריען לעבעדעוו, אויפשפרינגענדיג און צושאָקלענדיג זיך מיט די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט אפּשטעלען דעם אלגעמיינעם געלעכטער וואָס האָט זיך אָנגעהויבען, — ערלויבט מיר, מיט די דאָזיגע מענשען... אָט די אלע הערען, האָט ער זיך פּלוצלינג אומגעדרעהט צום פירשט— דאָס איז דאָך אלץ, אין געוויסע פּונקטען, אָט וואָס דאָס מיינט... און ער האָט אָהן צערעמאָניעס צוויי מאָל א קלאַפּ געטאָן אין טיש, פון וואָס ס'איז געוואָרען נאָך א שטארקערער געלעכטער.

כאָטש לעבעדעוו איז געווען אין זיין געוועהנליכען „אוועקט־צו־שטאַנד", נור דאָס מאָל איז ער געווען שוין צופיעל אויפגערעגט, פון דער פריהערדיגער לאַנגער „וויסענשאפטליכער" דעבאטע. אין אזעלכע פעלע, האָט ער זיך באצויגען צו זיינע אפּאָנענטען, מיט אן אונענד־ליכער און אויף דעם העכסטען אופן אפענער פאראכטונג.

— דאָס איז גאָר ניט אזוי! ביי אונז פירשט איז מיט א האלבע שטונדע צוריק געווען אפּגעמאכט, אז מען זאָל ניט איבערשלאָגען; אז מען זאָל ניט לאכען ווען איינער רעדט, אז מען זאָל איהם געבען די פרייהייט אלץ ארויסזאָגען. און דערנאָך זאָלען זיי די אטעאיסטען רעדען אנטקעגען אויב זי ווילען; מיר האָבען דעם גענעראַל געמאכט פאר א פּאָרזיצענדען! ווייל ווען ניט, טאָ צו וואָס טויג דער גאַנצער טומעל? אויף אזא אופן קען מען דאָך יעדען איינעם אראָפּשלאָגען פון וועג, אויף דער העכסטער אידעע אפילו, אויף דער טיפסטער אי־דעע אפילו...

— אבער רעדט שוין, רעדט שוין, קיינער שלאָגט אייך ניט אי־בער! האָבען זיך געהערט שטימען.

— רעדט אבער פאררעדט זיך ניט!

— וואָס איז דאָס פאר „שטערען־ווערמוט" אזא? — האָט עמי־צער געוואָלט וויסען.

— איך הויב ניט אָן צו וויסען! — האָט געענטפערט דער גע־נעראַל איוואָלגין מיט א ווירדיגען אויסזעהן, פארנעהמענדיג זיין פּלאַץ אלס פּאָרזיצענדער.

— איך האָב שרעקליך ליב, פירשט, אָט די אלע דעבאַטען און

אויפרעגונגען, פאַרשטעהט זיך, אז וויסענשאַפטליכע, — האָט דער־ווייל ארויסגעמורמעלט קעלער, אין אמת'ער ענטציקונג און אומגע־דולדיגקייט זיך דרעהענדיג אויפ'ן שטוהל, — יע, וויסענשאַפטליכע און פּאָליטישע, — האָט ער פּלוצלינג אונערוואַרטעט זיך געווענדט צו עוועגני פּאַוולאָוויטש, וועלכער איז כמעט געזעסען אין איין שורה מיט איהם. ווייסט איהר, איך האָב שרעקליך ליב צו לייענען אין די צייטונגען וועגען ענגלישען פּאַרלאַמענט, ניט אין דער הינזיכט, וועגען וואָס זיי דענקען דאָרט (איך בין, ווייסט איהר, ניט קיין פּאָליטיקער) נור אין דעם, ווי אַזוי זיי רעדען זיך דורך צווישען זיך, פיהרען זיך, אזוי צו זאָגען, ווי פּאָליטיקער: „דער עהרווירדיגער וויקאָנט, וואָס זיצט אנטקעגען", דער עהרווירדיגער גראַף, וועלכער טהיילט מייז מיינונג" „מיין ערווירדיגער אָפּאָנענט, וועלכער האָט געמאכט צו שטוינען גאַנץ אייראָפּא מיט זיין פאַרשלאַג", דאָס הייסט, אָט די אַלע אויסדריקאַכצען, אָט דער גאנצער פּאַרלאַמענטאַריזם פון א פריי פאָלק — אָט דאָס איז פאַר אונזערן א ברודער אנציהענד! איך ווער באַ־צויבערט, פירשט. איך בין אַלע מאָל אין דער טיעף פון מיין נשמה געווען אַ ארטיסט, איך שווער אייך, עווגעני פּאַווליטש.

— איז וואָס קומט דערפון ארויס, — האָט זיך געהיצט אין א צווייטען ווינקעל האַניא — לויט אייער מיינונג, קומט אויס, אז די אייזענבאַהנען זיינען א פלוך, אז זיי זיינען אַן אומגליק פאַר דער מענשהייט, אז זיי זיינען א פּעסט וואָס איז געקומען אויף דער ערד כדי צו פאַרפּאַטשקען די „קוואַלען פון לעבען?"

גאַווריל אַרדאַליאָנאָוויטש איז געווען דעם אָווענט אין א באַ־זונדערער אויפגערעגטער שטימונג און אין א פרעהליכער שטימונג דערצו, שיעור ניט א טריאומפירענדער, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען דעם פירשט. מיט לעבעדעוו'ן האָט ער, פאַרשטעהט זיך, געשפּאַסט, אונטערהיצענדיג איהם, נור באַלד האָט ער זיך אַליין אויך צוהיצט.

— ניט קיין אייזענבאַהנען, ניין,—האָט געענטפערט לעבעדעוו, אין איין און דער זעלבער צייט, זייענדיג אויפגעבראַכט, און פיהלענדיג א גוואַלדיגען פאַרגעניגען — אייגענטליך, וועלען די אייזענבאַהנען אַליין ניט פאַרפּאַטשקען די קוואַלען פון לעבען, נור דאָס אַלעס צו־זאַמענגענומען איז א פאַרפלוכטע זאַך, אָט די גאַנצע שטימונג פון די לעצטע דורות, אין זייער אַלגעמיין־גאַנצעס, וויסענשאַפטליכעס און

פּראַקטישעס, איז מעגליך, טאַקע ווערט צו זיין פאַרפּלוכט.

— דאַרף עס זיין אויף אַן אמת'ן פאַרפּלוכט אָדער איז עס בלויז מעגליך? דאָס איז דאָך זעהר וויכטיג, — האָט געוואָלט וויסען עווגעני פּאַוולאָוויטש.

— פאַרפּלוכט, פאַרפּלוכט, אויף אַן אמת'ן פאַרפּלוכט! — האָט מיט גרויס שטרענגקייט באַשטעטיגט לעבעדעוו.

— איילט זיך ניט, לעבעדעוו, אין די פריהמאָרגענס זייט איהר אַסך ווייכער, — האָט באַמערקט, מיט אַ שמייכעל, פּטיצין.

— אָבער דערפאַר בין איך אין די אָוועגטען אַסך אָפּענהערציגער! אין די אָוועגטען נשמה'דיגער און אָפּענהערציגדיגער! — האָט מיט היץ זיך צו איהם געווענדט לעבעדעוו — איינפאַכער און באַשטימטער, עהרליכער און ווירדיגער, און כאָטש מיט דעם שטעל אַליין אייך אונטער מיינע שוואַכע זייטען, אָבער איך שפּיי אויף דעם! איך רוף אייך איצט אַלעמען אַרויס אויף מלחמה מיט מיר, איהר אַלע אַטעאיסטען: מיט וואָס וועט איהר די וועלט ראַטעווען, און אין וואָס האָט איהר איהר אַ נאָרמאַלע וועג אָפּגעזוכט, — איהר מענשען פון בילדונג, מסחר, אַסאָסיאַציע, אַרבייטער־שכירות, און דאָס איבעריגע? מיט וואָס? מיט קרעדיט? וואָס איז אַזוינס קרעדיט? צו וואָס וועט אייך דער קרעדיט ברענגען?

— אָט וואָס אייך האָט זיך פאַרוואָלט וויסען! — האָט באַמערקט עווגעני פּאַוולאָוויטש.

— און מיין מיינונג איז די, אַז ווער עס אינטערעסירט זיך ניט מיט אַזעלכע פראַגען, איז יענער אַ פּוסטער טענצער און ניט מעהר!

— דאָס וועט כאָטש ברענגען צו דער סאָלידאַריטעט און אויסגלייכונג פון די אינטערעסען, — האָט באַמערקט פּטיצין.

ניט מעהר ווי דאָס! ניט מעהר! ניט נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט קיינע מאָראַלישע פונדאַמענטען, אויסער די באַפרייאונג פון פערזענליכען עגאָאיזם און מאַטעריעלער נויטווענדיגקייט? אַ פאַראייניגטע וועלט — אַן אַלגעמיינער גליק! זאָל איך עס אייך אַזוי פאַרשטעהן, מיין געגדיגער העדר?

— אָבער די אַלגעמיינע באַדערפעניש פון לעבען עסען און טרינקען און ענדליך די פולקאָמענע איבערצייגונג אין דעם, אַז איהר וועט ניט צופרידענשטעלען די דאָזיגע נויטווענדיגקייט אָהן דער אַלגעמיי־

נער מיטארבייטערשאפט און סאָלידאריטעט פון אינטערעסען, איז דוכט זיך מיר, א גאנץ גענוגענדער גרונד, כדי צו דיענען אלס אן אנ־לעהן־פונקט און אלס „קוואל פון לעבען“, פאר די צוקונפטיגע דורות פון דער מענשהייט, — האט שוין גאנץ ערנסט באמערקט דער זיך צוהיצענדער האניא.

— די נויטווענדיגקייט פון עסען און טרינקען, איז דאך ניט מעהר ווי דער געפיהל פון זעלבסט־ערהאלטונג?...

— אָבער איז דען וועניג דער איין געפיהל פון זעלבסט־ערהאל־טונג? — אט דער געפיהל פון זעלבסט־ערהאלטונג איז דאך דער נאָר־מאלער געזעץ פון דער מענשהייט...

— ווער האט עס אייך געזאגט? — האט פּלוצלינג אויסגעשריען וואגעני פאוולאָוויטש — אז דאס איז א געזעץ — דאס איז אמת. אבער ער איז אויף אזוי פיל נאָרמאל ווי דער געזעץ פון צושטערונג און אפילו זעלבסט־צושטערונג. איז דען אין דער זעלבסט־ערהאלטונג דער גאנצער נארמאלער געזעץ פון דער מענשהייט?

— אהא! — האט אויסגעשריען איפאָלית, האסטיג זיך ווענ־דענדיג צו וואגעני פאוולאָוויטש, מיט א ווילדער נייגעריגקייט איהם באטראכטענדיג; נור דערזעהענדיג אז יענער לאכט, האט ער זיך אויך צעלאכט, א שטוים געטאן דעם לעבען איהם שטעהענדיגען קאָליא'ן, און איהם ווידער געפרעגט, וויפיעל איז דער זייגער, אפילו אליין צו־געצויגען צו זיך קאָליא'ס זילבערנעם זייגער און האט מיט גרוים חשק א קוק געטאן אויף דעם ווייזער. דערנאָכדעם, פונקט, ווי ער וואָלט אן אלץ פארגעסען, האט ער זיך אויסגעצויגען אויפ'ן דיוואן, פארלעגט די הענט הינטער'ן קאפּ און גענומען קוקען אויף דער סטעליע; אין א האלבער מינוט ארום איז ער שוין ווידער געזעסען ביים טיש אויסגלייכענדיג זיך און צוהערענדיג זיך צו דער פלוידעריי פון דעם אויף דער העכסטער שטופע צוהיצטען לעבעדעוו'ן.

— דאס איז א געדאנק א פאלשער און א לעבערליכער! — האט לעבעדעוו מיט חשק אונטערגעכאפּט וואגעני פאוולאָוויטשעס פּאראַ־דאָקס — א געדאנק, וואס איז ארויסגעזאגט געוואָרען מיט דעם צוועק צו אנרייצען צום קריג די געגנער — אבער דאך א געדאנק א ריכטי־גער! דערפאר, ווייל איהר זייט א היינט־וועלטיגער ליץ (כאטש ניט אהן פעהיגקייטען!) און איהר ווייסט אליין ניט אויף וויפיעל אייער גע־

דאנק איז א טיפער געדאנק און א ריכטיגער געדאנק! יע, מיין הערר! דער געזעץ פון זעלבסט־צושטערונג און דער געזעץ פון זעלבסט־ער־האלטונג זיינען אַלץ איינס שטארק אין דער מענשהייט! דער טייוועל הערשט מיט דער זעלבער קראַפט איבער דער מענשהייט, נאָך פון די צייטען וועלכע מיר ווייסען אליין ניט. איהר לאכט? איהר גלויבט ניט אין טייוועל? נור ניט גלויבען אין טייוועל איז א פראנצויזישער געדאנק, און דאָס מיינט א לייכטזיניגער געדאנק. ווייסט איהר דען ווער דער טייוועל איז? ווייסט איהר דען ווי מען רופט איהם? און ניט ווייסענדיג אפילו ווי מען רופט איהם, לאכט איהר שוין פון איהם, אויף וואָלטערס שטייגער. פון די קאַפּיטעס, עק און הערנער וועלכע איהר האָט אליין אויסגעטראַכט; ווייל דער אומריינער גייסט איז א גרויסער און גרויזאמער גייסט, אבער ניט מיט די קאַפּיטעס און הער־נער, וועלכע איהר האָט איהם אליין אויסגעטראכט, אבער ניט וועגען איהם איז איצט דער שמועס!

— פון וואנען ווייסט איהר, אז ניט וועגען איהם? — האָט באַ־מערקט איפּאָליט און האָט זיך צעלאכט ווי אין אַ אַנפאַל.

— א געדאנק א פיינער און אַן אַנדייטענדער! — האָט געלויבט לעבעדעוו — אָבער ווידער ניט וועגען דעם שמועסט זיך דאָ! און די פראַגע איז אין דעם, צי זיינען אפשר ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען די „קוואַלען פון לעבען“ פון דער אנשטרענגונג?

— פון די אייזענבאַהנען? — האָט אויסגערופען קאָליא.

— ניט פון די אייזענבאהנען, מיין יונגער, נור היציגער אינגעל, נור פון דער דאַזיגער גאנצער ריכטונג, וועלכער די אייזענבאַהנען קע־נען, אַזוי צו זאָגען, דיענען אלס בילד, אלס קינסטלערישען אויסדרוק. זיי איילען, טומלען, הודזשען און יאָגען פאַר דעם גליק פון דער מענש־הייט, זאָגט מען! „שוין צופיעל טומלדיג און געשעפּטסמעסיג ווערט די מענשהייט, עס פעהלט גייסטיגע רוהיגקייט“, באַקלאָגט זיך א צו־ריקגעצויגענער דענקער. „זאָל זיין אַזוי, נור דאָס קלאַפּען פון די וועָ־גענער, וואס פיהרען פאַנאַנדער ברויט פאַר דער הונגעריגער מענש־הייט, איז אפשר בעסער פון דער גייסטיגער רוהיגקייט“, ענטפערט יענעם זיעגעריש א צווייטער, אַן ארומרייזענדער דענקער און געהט פון איהם אוועק מיט פוסטען שטאָלץ. עס טרויט ניט, איך דער פּאַס־קודניאַק לעבעדעוו, די וועגענער, וועלכע פיהרען פאַנאַנדער ברויט פאַר

דער מענשהייט! ווייל די וועגענער, וועלכע פיהרען פאַנאַנדער ברוים פאר דער גאַנצער מענשהייט, אַהן קיין מאָראַלישען פונדאַמענט, קע־נען גאַנץ קאַלטבלוטיג אויסשליסען פון דאָס צוגעפיהרטע א היבשען טהייל פון דער מענשהייט, א זאך, וואס האָט שוין פאַסירט...

— דאָס מיינט, אז די וועגענער קענען דאָס אזוי קאַלטבלוטיג אויסשליסען? — האָט עמיצער אונטערגעכאַפּט.

— א זאך, וואס האָט שוין פאַסירט, — האָט באַשטעטיגט לע־בעדעוו, ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאַמקייט דער פראגע — עס איז שוין געווען מאַלטוס, א פריינד פון דער מענשהייט. נור א פריינד פון דער מענשהייט, מיט צושאָקעלטע מאָראַלישע פונדאַמענטען איז א מענשען־פרעסער פון דער מענשהייט, שוין ניט רעדענדיג וועגען זיין פוסטען שטאָלץ: ווייל פּרובירט אָנריהרען דעם פוסטען שטאָלץ פון איינעם פון די דאָזיגע צאָהללאָזע פריינד פון דער מענשהייט, און ער איז גלייך גרייט אונטערצינדען די וועלט פון אלע פיער עקען, צוליב קליינליכע נקמה־געפיהלען, — איבעריגענס, פונקט ווי יעדער איינער פון אונז, זאָגענדיג דעם אמת, אזוי ווי איך, דער שענדליכסטער פון אַלעמען, ווייל ס'איז מעגליך, אז איך וואָלט זיין דער ערשטער, וואָס וואָלט געבראַכט די האָלץ און אליין געמאכט פּלטה. אבער מאקע ווי־דער אמאָל ניט וועגען דעם שמועסט זיך עס.

— אבער וועגען וואָס סוף כל סוף שמועסט זיך עס פּאָרט?

— ער האָט דערעסען!

— די זאך איז אין דעם דאָזיגען אנעקדאָט פון די פאַרגאַנגענע דורות, ווייל איך מוז אייך דערצעהלען אן אנעקדאָט פון די פאַרגאַנ־גענע דורות, אין אונזער צייט, אין אונזער פּאַטערלאַנד, וועלכען איך האָף, אז איהר ליעבט צוזאַמען מיט מיר, מיינע הערען, ווייל איך פון מיין זייט בין אפילו גרייט פאַרגיסען מיין גאַנץ בלוט...

— ווייטער, ווייטער!

— אין אונזער פאַטערלאַנד, פונקט ווי אין אייראָפּא, באַפאַלט גאַנץ אָפט אן אַלגעמיינער און שרעקליכער הונגער דער מענשהייט, לויט דער סטאַטיסטיק און וויפיעל איך קען געדענקען, איז באַפאַלט א הונ־גער ניט מעהר ווי איין מאָל אין א פערטיל יאָהרהונדערט, מיט אַנדע־רע ווערטער, איין מאָל אַלע פינף און צוואַנציג יאָהר, איך וועל ניט

שטעהן אויף דער פּינקטליכקייט פון די ציפער, נור אז דאָס איז זעהר ניט אַפּט אין פאַרגלייך...

— אין פאַרגלייך מיט וואס?

— מיט דעם צוועלפטען יאהרהונדערט און מיט זיינע נאָהענטע שכנים יאָהר־הונדערטע פון דער זייט, און פון דער צווייטער זייט, ווייל דאן ווי עס שרייבען און באהויפטען די שרייבער, האָבען די אלגעמיינע הונגערס באפאלען די מענשהייט איין מאָל אין צוויי יאָהר, אדער לכל הפחות, איין מאָל אין דריי יאָהר, אזוי דאָס ביי אזא לאַגע האָ־בען מענשען אפילו געמוזט קומען צו מענשענפרעסעריי, כאָטש זיי האָבען עס געטאָן אין געהיים. איינער פון אזעלכע פאַראזיטען ווערענ־דיג אלט, האָט אליין ערקלעהרט און אָהן קיין צוואנג, אז ער האָט אין פארלויף פון א לאַנגען און אַרימזעליגען לעבען, געטויטעט און פער־זענליך אויפגעפרעסען אין דער טיפסטער געהיימניס, זעכציג מאָנאַכען און עטליכע קינדער — א שטיקלאַך זעקס ניט מעהר, דאָס הייסט אונ־געוועהנליך ווענינ אין פאַרגלייך מיט דעם צאָהל פון איהם אויפגע־פרעסענע הייליגע, אָבער מיט ערוואקסענע מענשען, ווי עס האָט זיך ארויסגעצייגט, האָט ער פאר דעם צוועק זיך ניט באנוצט.

— דאָס איז אונמעגליך! האָט אויסגעשריען דער פאָרזיצענדער גענעראַל אליין, און אין זיין שטימע האָט זיך אפילו געהערט באלע־דיגונג.—איך דעבאַטיר און חקירה מיט איהם גאַנץ אָפט מיינע הערן, און אלץ וועגען אזעלכע זאכען; נור ער האָט ליב אלץ ארויסזאָגען אזעלכע אומגלויבליכע זאכען, דאָס מען מוז אפילו די אויערען פאר־שטאָפּען, קיין וואהר־וואָרט אין דעם!

— גענעראַל! דערמאָהן זיך אָן דער באלאַגערונג פון קארס, און איהר מיינע הערן, זייט וויסען, אז מיין אנעקדאָט איז דער בלויזער אמת. פון מיין זייט, וועל איך אבער באַמערקען, אז כמעט יעדע ווירקליכקייט, כאָטש זי האָט איהרע באשטימטע געזעצען, איז אבער כמעט אלעמאָל אוממעגליך און ניט ריכטיג, און וואָס מעהר זי איז נעהענטער צו דער ווירקליכקייט, אלץ מעהר, איז זי אָפט אומגלויב־ליכער.

— אָבער איז דען מעגליך אויפצועסען זעכציג מאָנאכען? האָט מען געלאַכט פון אלע זייטען.

— עס פארשטעהט זיך, אז ער האָט זיי ניט אויפגעגעסען אלע

מיט אַמאָל, נור ס'קען געבען, אַז אין פאַרלויף פון פופצען אָדער צוואַנ־ציג יאָהר, א זאַך וואָס איז שוין גאַנץ פאַרשטענדליך און נאַטירליך...

— נאַטירליך?

— און נאַטירליך! האָט מיט א פעדאַנטישער איינגעשפּאַרטקייט זיך געבייזערט לעבעדעוו. — און אויסער דעם, איז א קאַטוילישער מאָנאַך שוין בטבע א נייגעריגער און ס'איהם זעהר לייכט צו פאַרמאַ־ניען אין וואַלד, אָדער אין אנדער געהיימען ווינקעל און דאָרט זיך מיט איהם באַגעהן ווי ס'איז אויבען געזאָגט געוואָרען. — נור איך וועל פונדעסטוועגען ניט דעבאַטירען, אַז דער צאָהל פון די אויפגעגעסענע מענשען איז שוין אביסעל א צו גרויסער.

— אפשר איז דאָס טאַקע אמת, מיינע הערען, האָט פּלוצלינג באַמערקט דער פּירשט. ביז איצט האָט ער שווייגענדיגערהייט גע־הערט די דעבאַטירענדע און האָט זיך ניט אריינגעמישט אין גע־שפּרעך; אָפט האָט ער הארציג געלאַכט, מיט אלעמען גלייך. עס איז געווען קענטיג, אַז ער איז זעהר צופרידען מיט דעם, וואָס ס'איז אַזוי פרעהליך און טומעלדיג; אפילו מיט דעם, וואָס זיי טרינקען אַזוי פיעל. מעגליך, אַז ער וואָלט א גאַנצען אָוענט ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט, נור פּלוצלינג האָט זיך איהם עפּעס פאַרוואָלט רעדען. גערעדט האָט ער זעהר ערנסט, אַזוי דאָס אלע האָבען מיט אמאָל זיך אויף איהם נייגעריג אומגעקוקט.

— איך וויל מיינע הערען, איינגענטליך באַמערקען וועגען דעם, אַז דאַן זיינען געווען אַזעלכע אָפטע הונגערס. וועגען דעם האָב איך געהערט, כאָטש איך קען וועניג געשיכטע, נור ס'דוכט זיך, אַז אַזוי האָט געדאַרפט זיין. ווען איך בין אריינגעפאַלען אין די שווייצאַ־רישע בערג, האָבען מיך זעהר פאַרוואונדערט די חורבות פון די אַלטע ריטערליכע שלעסער, געבויט אויף די שפּיץ־בערג, אויף די שאַרפע שטיינער, און לכל הפּחות אויף א האַלבע מייל אין דער הויך. (דאָס מיינט אַז ערד עטליכע מייל אויף א געוועהנליך וועג). וואָס איז א שלאָס איז דאָך באַקאַנט: דאָס איז א גאַנצע בארג מיט שטיינער, אַן ארבייט איז דאָס א שרעקליכע, אַן אונמעגליכע! און דאָס האָבען דאָך, זיכער, אויסגעבויט אַט די אלע אָרימע מענשען, די קנעכט. אויסער דעם, האָבען זיי געדאַרפט צאָהלען אלערליי צינזען, און אויס־האַלטען גייסטליכע. טאַ ווי האָבען זיי געקענט זיך אליין קאָרמענען

און די ערד באַארבייטען! זיי זיינען דאָך דאַן געווען קליין אין צאָהל. זיי פלעגען דאַן שרעקליך פון הונגער אויסשטאַרבען, און עסען איז דאַן בוכשטעבליך ניט געווען וואָס. איך האָב אָפטמאָל אפילו גע־טראַכט: ווי אַזוי האָט עס דאָס פאָלק דאַן אויסגעהאַלטען? ווי אַזוי האָט ער געקענט דאָס אַלץ איבערטראָגען? אַז עס זיינען געווען מענ־שען־פרעסער און ס'קען געבען אין א היבשען צאָהל, איי דערין האָט לעבעדעוו אונצווייפעלהאַפט רעכט. נור איין זאַך פאַרשטעה איך ניט, וואָרום האָט ער אונבאַדינגט געדאַרפט אהער אַריינמישען די מאָנאַ־כען און וואָס וויל ער דערמיט זאָגען?

— ער וויל געוויס זאָגען, אַז אין דעם צוועלפטען יאָהר־הונדערט, האָט מען בלויז געקענט עסען מאָנאַכען, ווייל נור בלויז מאָנאַכען זיי־נען דאַן געווען פעט, האָט באַמערקט גאַווריל אַרדאַליאָנאָוויטש.

— דער פראַכטפאָלסטער און פינקטליכסטער געדאַנק! האָט אויסגעשריען לעבעדעוו — ווייל צו גלאַט מענשען האָט ער זיך אפילו ניט צוגעריהרט. ניט איין מענשען אויף די זעכציג נומערען פון די הייליגע. און דאָס איז א שרעקליכער געדאַנק, א היסטאָרישער גע־דאַנק, א סטאַטיסטישער געדאַנק, און ענדליך שאַפט דאָך דער וואָס קען, פון אַזעלכע פאַקטען — היסטאָריע; ווייל עס באַווייזט מיט ציי־פער, אַז די הייליגע האָבען לכל הפחות אויף זעכציג פראָצענט דאַן גליקליכער און בעסער געלעבט ווי די איבעריגע דאַמאָלסטיגע מענש־הייט. און ס'קען געבען, אַז זיי זיינען אויף זעכציג פראָצענט געווען פעטער פון דער גאַנצער איבעריגער מענשהייט.

— ס'איז איבערטריבען, איבערטריבען לעבעדעוו! האָט מען גע־לאַכט פון אַלע זייטען.

— איך שטים איין, אַז דאָס איז א היסטאָרישער געדאַנק, נור וואָס דרינגט איהר דערפון? האָט פאַרטגעזעצט צו פרעגען דער פירשט (ער האָט גערעדט מיט אַזא ערנסטקייט און אַזוי אָהן קיין סמן פון שפאָס און חוזק פון לעבעדעוו'ן, אַז זיין טאָן, האָט אונווילענדיג, צווישען דעם טאָן פון דער גאַנצער קאָמפאַניע, געקלונגען קאָמיש; נאָך א ווײַלע און מען וואָלט געווען אָנהויבען חוזק מאַכען אויך פון איהם, נור ער האָט עס ניט באַמערקט).

— צו דען זעהט איהר ניט פירשט, אַז דאָס איז א משוגענער? האָט זיך צו איהם אָנגעבויגען עווגעני פּאַוולאָוויטש — מיר האָט מען

פריהער דאָ געזאָגט, אז ער איז משוגע אויף אדוואָקאַטור, און אויף אַדוואָקאַטסקע רעדעס, און ער וויל האַלטען עקזאמען. איך וואַרט אויף אן אויסגעצייכענטער פּאַראָדיע.

— איך וויל אויסברענגען א געוויסע זאַך, האָט דערוויל געדור־נערט לעבעדעוו — נור לאָמיר אפריהער זיך פאַנאַנדערקלייבען אין דעם פּסיכאָלאָגישען און יורידישען צושטאַנד פון א פאַרברעכער. מיר זעהען, אז דער פאַרברעכער, אָדער אזוי צו זאָגען, מיין קליענט, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער אונמעגליכקייט צו געפינען אנדערע עסענ־וואַרג, האָט פיעל מאָל אין פאַרלויף פון זיין אינטערעסאַנטער קאַ־ריערע, געהאַט דעם חשק צו תשובה טאָן און ער וויל שוין מעהר ניט עסען קיין הייליגע. מיר זעהען דאָס קלאָהר פון פאַקטען: עס שרייבט זיך, אז ער האָט פונדעסטוועגען אויך אויפגעגעסען פינף אדער זעקס עופה'לאך, אין פאַרגלייך איז דאָס א קליינע ציפער, אבער דערפאַר איז עס א באַצייכענסווערטה אין אנדערע באַציהונגען. עס איז קענ־טיג, אז א געפייניגטער פון שרעקליכע געוויסענביסע (ווייל מיין קליענט — איז א מענש א רעליגיעזער און א געוויסענהאַפטער, א זאַך וואָס איך וועל אייך באַלד באַווייזען). און כדי צו פאַרקלענערן, לויט דער מעגליכקייט, זיינע זינד, האָט ער אלס פּראָבע, איבערגעביטען זעקס מאָל זיין מאַנאַכען־שפּייז אויף וועלטליכע שפּייז. אז דאָס האָט ער געטאָן אלס פּראָבע, איז דאָס ווידער אונצווייפעלהאַפט; ווייל אויב ער וואָלט עס בלויז געטאָן נור צוליב האַסטראָנאָמישע וואָראַ־ציעס, וואָלט די ציפער זעקס, געווען גאָר ניט קיין וויכטיגע ציפער; ווייל פאַר וואָס עפּעס נור זעקס און ניט דרייסיג? (איך נעהם א העלפט, א העלפט אויף א העלפט). נור ווען דאָס איז בלויז געווען א פּראָבע, אויס בלויזער פאַרצווייפלונג פאַר דעם שרעק פון גאָטס־לעס־טערונג, און הייליגקייטס־פאַרשוועכונג, דאַן ווערט די ציפער זעקס, א פאַרשטענדליכע זאַך; ווייל זעקס פּראָבעס אום צו צופרידענשטע־לען די געוויסענביסע איז גאַנץ גענוג, ווייל די פּראָבעס האָבען דאך ניט געקענט זיין קיין איינגעגעבענע. ערשטענס, ווייל לויט מיין מיי־נונג, איז אן עופה'לע זעהר קליין, דאָס הייסט ניט גענוג גרויס, אזוי דאָס אויף א באַשטימטער צייט, וואָלט מען עופה'לאך געדאַרפט האָ־בען דריי מאָל אזוי פיעל, פינף מאָל אזוי פיעל ווי „הייליגע“, אזוי דאָס אין דער צייט, ווען פון איין זייט, איז די עברה געוואָרען קלע־

נער איז האָט זי סוף כל סוף זיך פארגרעסערט פון דער צווייטער זייט, אויב ניט אין קוואליטעט איז אין קוואנטיטעט. אָט אזוי נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט, מיינע העררן, נידער איך זיכער ארונטער צו דער האָרץ פונ'ם פארברעכער, פון דעם צוועלפטען יאָהרהונדערט. און וואָס שייך מיר, א מענשען פון נייצענטען יאָהרהונדערט, איז איך, קען געבען, וואָלט אפשר אנדערש געדענקט, וועגען וואָס איך לאָז אייך אויך וויסען, אזוי דאָס איהר האָט מיינע העררן, פון מיר ניט וואָס צו לאַכען, און אייך גענעראל פּאַסט עס אודאי ניט. און צווייטענס, איז אז עופה'לע, לויט מיין פּערזענליכער מיינונג, ניט שפּייזהאַפּט, אפשר איז זי אפילו שוין צו זיס און פּריקרע, אזוי דאָס אין דער צייט ווען ער שטעלט ניט צופרידען די פאָדערונגען, לאָזט ער איבער בלויז געוויסענביסע. איצט קומט דער שלום, דער פינאל. מיינע העררן, דער פינאל, אין וועלכען עס ליגט די לויזונג פון איינע פון די גרעסטע פראגען פון דער דאמאָלסטדיגער און איצטיגער צייט! דער פארברע־כער ענדיגט דערמיט וואָס ער געהט און פאר'מסר'ט אויף זיך צו די הייליגע און גיט זיך איבער אין די הענט פון דער רעגירונג. פרעגט זיך, וואָס פאר א פּייניגונגען און יסורים האָבען איהם ערוואַרטעט, אין יענע צייטען, וואָס פאר א רעדער, שייטער־הויפענס און פייערן? ווער־זשע האָט איהם געשטופּט צו געהן מסר'ן אויף זיך אליין? פאר־וואָס איינפאך ניט בלייבען שטעהן ביי דער צאָהל זעכציג באהאל־טענדיג דעם סוד ביז דעם לעצטען אָטעם־צוג? פאר וואָס האָט ער איינפאך ניט פאַרלאָזען די מאָנאַכענטהום און געלעבט אלס בעל־תשובה ערגעץ אין אווילדערניש? און ענדליך, פאר וואָס טאַקע אליין ניט ווערען קיין מאָנאַך? און אָט דאָ ליגט די לויזונג; דאָס בא־וויזט, אז עס איז געווען עפּעס מעהר ווי שייטער־הויפענס און פייערן און אפילו ווי א צוואַנציג יאָהריגע געוואוינהייט! דאָס באווייזט, אז עס איז געווען א געדאַנק שטאַרקער פון אלע אומגליקען, ניט־גערעטע־נישען, צרות, כאָלעריעס, מגפות און יענעם גאַנצען גהנים, וועלכען די מענשהייט וואָלט ניט געקענט איבערטראָגען אָהן יענער צונויפבינדענ־דען, און האַרץ־היילענדען און פאר די קוואַלען פון לעבען פרוכטברענ־גענדען געדאַנק! וויזט־זשע מיר עפּעס עהנליכעס צו יענער קראַפט, אין אונזער דור פון עברות און אייזענבאהנען... דאָס הייסט, מען דאַרף זאָגען, אין אונזער דור פון דאַמפּף־שיפען און אייזענבאהנען,

נור איך זאָג: אין אונזער דור פון עברות און איינזענבאַהנען, דער־פאַר ווייל איך בין שיכור און גערעכט! ווייזט מיר אָן אויף אַ געדאַנק וואָס בינדט צונויף די היינטיגע מענשהייט, כאָטש האַלב אַזוי שטאַרק ווי אין יענע דורות? און וואַגט ניט ענדליך, צו זאָגען, אַז איהר זייט ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אַז עס זיינען ניט פאַרשמוצט געוואָרען די לעבענס־קוואַלען אונטער היינטיגען „שטערען“ אונטער דעם דאָ־זיגען נעץ וואָס פלאַנטערט איין די מענשען. און שרעקט מיך ניט מיט אייער וואָהלשטאַנד, מיט אייערע רייכטהימער, מיט די ווינציגקייט פון הונגער און די שנעלקייט פון פאָהרען! רייכטהימער זיינען טאַקע דאָ מעהר, אָבער קראַפט ווייניגער; אַ צוזאַמענבינדענדער געדאַנק פעהלט; אַלץ איז קוואַטשיג געוואָרען. אַלץ איז געוואָרען צוקראַכעו, און אַלע זיינען צוקראַכענע! אַלע, אַלע, אַלע זיינען מיר צוקראַכען!... נור גענוג, ניט פון דעם שמועסט זיך עס איצט, נור פון דעם, אַז אפשר זאָלען מיר זיך נעהמען באַזאָרגען פיעל־געעהרטער פירשט, דעם, פאַר די געסט צוגעגרייטען פאַרבייסענס?

לעבעדעוו.וועלכער האָט אייניגע פון די צוהערער שיעור ניט אריינגעבראַכט אין אמת'ן צאָרען (מען דאַרף באַמערקען, אַז די פלעש־לאַך האָבען זיך די גאַנצע צייט, ניט אויפגעהערט צו עפענען). האָט מיט דער אונערוואַרטעטער פאַרענדיגונג פון זיין רעדע אויפ'ן חשבון פון דעם פאַרבייסען, גלייך געמאַכט שלום מיט אַלע זיינע געגנער. ער אַליין האָט אָנגערופען אַזאַ פאַרענדיגונג אַלס „לאַווקען אַדוואָקאַטס־קען שפּיצעל“. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ פרעהליכער גע־לעכטער. די געסט האָבען אויפגעלעבט; אַלע האָבען זיך אויפגע־הויבען פון טיש, אום אויסצוגלייכען די ביינער, און זיך דורכשפּאַצי־רען אויף דער טעראַסע. נור איין קעלער איז געבליבען אונצופרידען מיט לעבעדעוו'ס רעדע און איז געווען זעהר אויפגערעגט.

— ער פאַלט אָן אויף בילדונג, פּרעדיגט די רציחות פון צוועלפ־טען יאָהר־הונדערט, קרימט זיך און אפילו אָהן קיין שום ריינקייט; און ער אַליין פון וואַנען האָט ער אַ הויז ערוואָרבען, ערלויבט צו פרעג־גען? האָט ער גערעדט אין דער הויך, אָפּשטעלענדיג יעדען איינעם.

— איך האָב געזעהן דעם אמת'ן פאַרטייטשער פון אַפּאָקאַליפּסיס, האָט גערעדט דער גענעראַל אין אַ צווייטען ווינקעל, צו אַנדערע צו־

הערער, און צווישען אנדערע, צו פּטיצין וועלכען ער האָט אָנגעכאַפּט פּאַר א קנעפּעל. — דער פאַרשטאָרבענער גריגאָר סעמיאָנאָוויטש בור־מיסטראָוו, איז יענער האָט אַזוי צו זאָגען, הערצער געברענט, און ערש־טענס, האָט ער אַנגעטאָן ברילען, אויפגעעפענט א גרויסען אַלטען בוך און א שוואַרצען לעדערנעם בונד, און דערצו האָט ער געהאַט א גרויע באָרד, צוויי מעדאַלען, פאַר נדבות וואָס ער האָט געגעבען. ער פּלעגט אָנהויבען שטרענג און בעז, פאַר איהם פּלעגען זיך בויגען גענעראַלען, און פרויען פּלעגען פאַלען אין חלשות, נו — און דער דאָזיגער פאַרענ־דיגער מיט פאַרבייסענס, ער איז גאָר, גאָר ניט עהנליך אויף יענעם!

פּטיצין, וועלכער האָט געהערט דעם גענעראַלס רייד, האָט א שמייכעל געטאָן, און עס האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט זיך געקליבען נעהמען פאַר׳ן הוט, נור אַזוי ווי ער וואָלט זיך ניט ענטשלאָסען, אָדער ער האָט כסדר פאַרגעסען, וואָס ער האָט געוואָלט, האַניא, האָט נאָך פון דאַן, ווען מען האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, פּלוצלינג אויפגע־הערט טרינקען און אָפּגערוקט פון זיך דעם באָקאַל; עפּעס וואָס דונ־קעלעס האָט דורכגעשוועבט איבער זיין געזיכט. ווען מען איז אויפ־געשטאַנען פון טיש, איז ער צוגעגאַנגען צו ראָגאָזשינען און זיך גע־זעצט לעבען איהם. מען האָט געקענט דענקען, אַז זיי זיינען אין די סאַמע פריינדליכסטע באַציהונגען. ראָגאָזשין וועלכער האָט פון אָנ־פאַנג אויך עטליכע מאָל זיך געקליבען שטילערהייט אוועקגעהן, איז איצט געזעסען אָהן באַוועגונג, מיט אַן אַראָנטערגעלאָזטען קאָפּ און אויך ווי ער וואָלט פאַרגעסען, אַז ער האָט געוואָלט אוועקגעהן. דעם גאַנצען אָוענט האָט ער ניט פאַרזוכט קיין איין טראָפּען וויין און איז געווען זעהר פאַרטראַכט; בלויז פון צייט צו צייט האָט ער אויפגע־הויבען די אויגען און באַטראַכט יעדען איינעם. איצט האָט מען גע־קאָנט דענקען, אַז ער וואַרט דאָ אויף עפּעס, פאַר איהם זעהר וויכטי־געס, און ביז דאַן האָט ער באַשלאָסען ניט אוועקצוגעהן.

דער פירשט האָט אויסגעטרונקען אין גאַנצען צוויי אָדער דריי באָקאַלען און ער איז בלויז געווען פרעהליך און ניט מעהר. אויפשטע־הענדיג פון טיש האָט ער באַגעגענט עווגעני פּאַוולאָוויטשעס בליק, זיך דערמאָנט אָן דער ערקלעהרונג, וואָס דאַרף פאָרקומען צווישען זיי און האָט איהם ליבליך צוגעשמייכעלט. עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט צו איהם א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט פּלוצלינג אָנגעוויזען אויף

איפּאָליטען, וועלכען ער האָט אין דער זעלבער צייט, זעהר אויפמערקזאם באטראכט. אפּאָליט איז געשלאָפען זיך אויסציהענדיג אויפ'ן דיוואן.

— צו וואָס פירשט, האָט זיך אָן אייך אָנגעטשעפּעט אָט דער דאָזיגער אינגעל? האָט ער געזאָגט מיט אָפענער ערגערניש און אפילו מיט כעס, אויף וואָס דער פירשט האָט זיך פאַרוואונדערט. — איך וועל זיך מיט אייך וועטען אז ער האָט עפּעס שלעכטעס אין זינען.

— איך האָב באַמערקט, האָט געזאָגט דער פירשט — מיר דוכט זיך, אמווינציגסטענס אויס, אז ער אינטערעסירט אייך היינט שוין צופיעל, עווגעני פּאוולאָוויטש, איז דאָס אמת?

— און איהר דאַרפט נאָך דערצו צוגעבען; אז ביי מיינע אומשטענדען, האָב איך גענוג אייגענע צרות פון וואָס צו טראַכטען, אזוי דאָס איז וואונדער זיך אליין, וואָס איך קען דעם גאַנצען אוועגט זיך ניט אָפּרייסען פון דער דאָזיגער עקעלהאַפטער פיזאָנאָמיע!

— ער האָט אַ שעהן געזיכט...

— אָט, אָט, קוקט! האָט אויסגעשריען עווגעני פּאוולאָוויטש, אַ שלעפּ טוענדיג דעם פירשט פאַר'ן האַנט — אָט!

דער פירשט האָט נאָכאמאָל מיט פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט עווגעני פּאוולאָוויטש'ן.

פינפטער קאַפּיטעל.

איפּאָליט וועלכער איז צום סוף פון לעבעדעווס דיסערטאַציע פּלוצלונג איינגעשלאָפען אויפ'ן דיוואן, האָט זיך איצט פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, פּונקט ווי עמיצער וואָלט איהם אַ שטויס געטאָן אין זייט. אַ ציטער געטאָן, זיך אויפגעהויבען, זיך אַרומגעקוקט און בלייך געוואָרען; ער האָט זיך אפילו אַרומגעקוקט ווי מיט עפּעס אַ ציטערניש נור שוין כמעט אַז אמת'ער שרעק האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין

געזיכט ווען ער האָט זיך אַן אַלץ דערמאָנט און באַדענקט.

וואָס, זיי געהען זיך פאַנאַנדער? איז שוין געענדיגט? אַלץ געענ־דיגט? איז שוין אויפגעגאַנגען די זון? האָט ער געפרעגט אומרוהיג. כאַפּענדיג דעם פירשט ביים האַנט. — וויפיעל איז דער זייגער? ביי גאָט! איינס א זייגער? איך האָב פאַרשלאָפען, האָב איך לאַנג געשלאָפען? האָט ער צוגעגעבען כמעט מיט א פאַרצווייפעלטען אויס־זעהן, פונקט ווי ער וואָלט פאַרשלאָפען עפּעס אַזוינס, אין וואָס עס איז לכל הפּחות אָפּגעהאַנגען זיין גאַנצער שיקזאַל.

— איהר האָט געשלאָפען ניט מעהר ווי זיבען אדער אכט מינוט, האָט געענטפערט עווגעני פּאַוולאָוויטש.

איפּאָליט האָט דורשטיג אויף איהם א קוק געטאָן און א ווײַלע זיך באַדענקט.

— אַ... ניט מעהר ווי דאָס! הייסט עס, אַז איך...

און ער האָט טיעף און פריי אָפּגעאָטעמט, ווי ער וואָלט פון זיך אָרונטערגעוואָרפען א גוואַלדיגע משא. ער האָט ענדליך פאַרשטאַ־נען, אַז עס האָט זיך נאָך גאַר „ניט געענדיגט", אַז עס איז נאָך טאָג ניט געוואָרען, אַז די געסט זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש, בלויז נור צוליב דעם פאַרבייסענס און אַז געענדיגט האָט זיך בלויז לעבעדעווס פּלוידעריי. ער האָט א שמייכעל געטאָן, און א שווינדזיכטיגע פאַרב אין דער פאָרם פון צוויי דורכזיכטיגע פלעקען, האָט זיך צושפּיעלט אויף זיינע באַקען.

— און איהר, עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט אפילו די מינוטען גע־צעהלט אין דער צייט ווען איך בין געשלאָפען, האָט ער אונטערגע־כאַפּט מיט שפּאָט — איהר קענט א גאַנצען אָווענט פון מיר די אויגען ניט אָפּרייסען, איך האָב געזעהן... א, ראָגאָזשין! איך האָב איהם ערשט געזעהן אין חלום, האָט ער א שעפּטשע געטאָן צום פירשט, זיך אָנ־כמורענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אין דער זייט וואו ס'איז געזע־סען ראָגאָזשין. — אַך, יע, איז ער פּלוצלינג ווידער אריבערגעשפּרונ־גען — וואו זשע איז דער אָראַטאָר, וואו איז לעבעדעוו? הייסט עס, אַז לעבעדעוו האָט געענדיגט? וועגען וואָס האָט ער גערעדט? איז דאָס אמת, פירשט, אַז איהר האָט איינמאָל געזאָגט, אַז „שענקייט" וועט ראַטעווען די וועלט! מיינע העררען! האָט ער זיך צושריען הויך צו אַלעמען — דער פירשט ראַהויפּטעט אַז שעהנקייט וועט ראַטעווען

די וועלט, און איך באַהויפּטע אַז ער האָט דערפאַר אַזעלכע שפּילעוו־דיגע גדאַנקען ווייל ער איז פאַרליבט. מיינע הערען, דער פירשט איז פאַרליבט; גלייך נור ווי ער איז פריהער אריינגעקומען האָב איך זיך איין דעם איבערצייגט. שעהמט זיך ניט פירשט, איך וועל אויף אייך, מיטלייד קריגען. וועלכע שעהנקייט וועט ראַטעווען די וועלט? מיר האָט עס קאָליא דערצעהלט... זייט איהר אַ הייסער קריסט? קאָ־ליא האָט מיר געזאָגט אַז איהר רופט זיך אַליין קריסט.

דער פירשט האָט איהם אויפמערקזאַם באַטראַכט און ניט געענט־פערט.

— איהר ענטפערט מיר ניט? איהר דענקט אפשר אַז איך האָב אייך זעהר ליעב? האָט איפּאָליט פּלוצלונג צוגעגעבען פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרהאַקט.

— ניין, איך דענק ניט. איך ווייס, אַז איהר ליעבט מיך ניט.

— ווי! אפילו נאָך דער נעכטיגער געשיכטע? נעכטען בין איך געווען אויפריכטיג מיט אייך!

— איך האָב נאָך נעכטען געוואוסט, אַז איהר ליעבט מיך ניט.

— דאָס הייסט, אודאי דערפאַר ווייל איך בין אייך מקנא, מקנא? איהר האָט עס אַלע מאָל געדענקט און דענקט עס אויך איצטער, אָבער... אָבער פאַר וואָס רעד איך עס צו אייך וועגען דעם? איך וויל טרינקען נאָך שאַמפּאַניער; קעלער, גיסט מיר־אָן!

— איהר טאָרט ניט טרינקען, איפּאָליט, איך וועל אייך ניט לאָזען... און דער פירשט האָט פון איהם אָפּגערוקט די גלאָז.

— טאַקע... האָט ער גלייך איינגעשטימט, ווי פאַרטראַכטענדיג זיך. — מען קען נאָך געוויס זאָגען... נור וואָס אַרט עס מיך, וואָס זיי וועלען זאָגען! ניט וואָהר, ניט וואָהר? זאָלען זיי דערנאָך זאָגען, איז דאָס ניט אַזוי, פירשט? און וואָס געהט עס אונז אָלעמען אָן וואָס עס וועט זיין דערנאָך! איך רעד, איבעריגענס, פאַרשלאָפענערהייט. וואָס פאַר אַ שרעקליכען חלום איך האָב דאָס געזעהן, ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט... איך ווינש אייך ניט אַזעלכע חלומות, פירשט, כאָטש איך האָב אייך קען זייז אויף אַן אמת'ן טאַקע ניט ליעב... איבעריגענס, ווען דו האָסט אַ מענשען ניט ליעב, טאָ פאַר וואָס קומט איהם ווינשען שלעכטס, איז דאָס ניט אַזוי? פאַר וואָס האַלט איך דאָס אַלץ אין איין פרעגען; אַלץ פרעג איך! גיט מיר אייער האַנט;

איך וועל זי אייך פעסט א דריק טאָן, אָט אזוי... איהר האָט מיר פונ־דעסטוועגען געגעבען די האַנט? דאָן מיינט עס, אַז איהר ווייסט אַז איך דריק זי אייך אויפריכטיג? אַלזאָ זאָל זיין אזוי, איך וועל שוין מעהר ניט טרינקען. וויפיעל איז דער זייגער? איבעריגענס, ניט נויטיג, איך ווייס, וויפיעל אזייגער. עס איז געקומען די שעה! איצט איז די ריכטיגע צייט, וואָס שטעלט מען עס דאָרטען אין ווינקעל די פּאַרבייסענס? הייסט עס דאָך, אַז דער טיש איז פריי? אויסגעצייכענט! מיינע העררן, איך... דוכט זיך, אַז די הערין הערען גאָר ניט... איך בין גרייט פאָרצולעזען אַן אַרטיקעל, פּירשט; דאָס צובייסענס איז זיכער אינטערעסאַנטער, אָבער...

און מיט אַמאָל, גאַנץ אונערוואַרטעט האָט ער ארויסגעשלעפּט פון זיין אויבערשטער זייטיגער קעשענע א גרויסען קאַנצעליאַרסקען פּאַ־קעט, א פאַר'חתמ'עטער מיט א גרויסער רויטער חתימה. ער האָט איהם אוועקגעלעגט אַנטקעגען זיך אויפ'ן טיש.

אָט דער דאָזיגער אונערוואַרטעטער אויפטו האָט געמאַכט אַן עפעקט אויף דעם עולם וואָס האָט ניט ערוואַרטעט, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס האָט יע ערוואַרטעט, אָבער ניט דאָס. עוועגעני פּאַוו־לאָוויטש איז אפילו אויפגעשפרונגען אויף זיין שטוהל. האַניא האָט זיך האַסטיג צוגערוקט צום טיש. ראָגאָזשין אויך, נור עפּעס מיט אַזאַ פאַראַכטליכער ערגערניש, ווי ניט פאַרשטעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר. לעבעדעוו וועלכער איז אויך דאָ געשטאַנען ניט ווייט איז אונטער־געקומען און מיט נייגעריגע אויגלאָך געקוקט אויפ'ן פּאַקעט, מיהענ־דיג זיך צו טרעפען וואָס דאָס מיינט.

— וואָס האָט איהר דאָ? האָט געפרעגט אומרוהיג דער פּירשט.

— מיט דער ערשטער שטיקעל זון וועל איך געהן שלאָפען. פּירשט, האָב איך געזאָגט. אויף מיין וואָרט, איהר וועט זעהן! האָט אויסגעשריען איפּאָליט — אָבער... אָבער... איז דען מעגליך, אַז איהר דענקט, אַז איך בין ניט בכח צו עפענען דעם דאָזיגען פּאַקעט? האָט ער צוגעגעבען באַקוקענדיג אַלעמען מיט די אויגען ווי מיט אַן ארויס־רוף און ווי ווענדענדיג זיך צו אַלעמען אָהן אונטערשייד. דער פּירשט האָט באַמערקט אַז ער האָט אין גאַנצען געציטערט.

— אונז איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען — האָט דער פּירשט געענטפערט פאַר אַלעמען — און פאַס וואָס דענקט איהר, אַז עמיצער

פון אונז דענקט גאָר אזוי און וואָס... וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר א מאָדנער איינפאַל צו לייענען? וואָס האָט איהר דאָ איפּאָליט?

— וואָס איז דאָ געשעהן? וואָס האָט שוין מיט איהם ווידער פּאַסירט? האָט מען געפרעגט פון אלע זייטען. אלע זיינען אונטער־געקומען, אנדערע נאָך מיט דעם פאַרבייסענס אין מויל; דר פּאַקעט מיט דער רויטער חתימה האָט אלעמען צוגעצויגען, פּונקט ווי א מאַג־נעט.

— דאָס האָב איך אליין נעכטען אָנגעשריבען, גלייך נאָכדעם, ווי איך האָב אייך געבעטען דאָס ווערט, אז איך וועל זיך אריבער־קלייבען צו אייך, פירשט. איך האָב דאָס נעכטען געשריבען א גאַנצען טאָג, דערנאָך א נאַכט און געענדיגט היינט אין דער פריה; פאַר טאָג האָב איך געזעהן א חלום...

— אפשר זאָל מען עס אפּלעגען אויף מאָרגען? האָט ציטערדיג געפרעגט דער פירשט.

— מאָרגען „וועט שוין מעהר קיין צייט ניט זיין!“ האָט היס־טעריש א שמייכעל געטאָן איפּאָליט — איבעריגענס, באַאומרוהיגט זיך ניט, איך וועל דאָס איבערלייענען אין פערציג מינוט, נו, אין א שטונדע... און איהר זעהט דאָך ווי אלע זיינען פאַראינטערעסירט; אלע זיינען אונטערגעקומען; אלע קוקען אויף מיין חתימה, און הערט איהר, ווען איך פאַר'חתמ'ע ניט מיין ארטיקעל אין א פּאַקעט, וואָלט עס גאָר קיין עפעקט ניט געמאַכט! כאַ־כאַ! אָט וואָס עס מיינט, א געהיימניס! זאָל איך אויפעפענען מיינע העררן, אָדער ניט? האָט ער א געשריי געטאָן, לאַכענדיג מיט זיין מאָדנעם געלעכטער און בליי־צענדיג מיט די אויגען — ס'איז א געהיימניס! א געהיימניס! און געדענקט איהר פירשט, ווער האָט עס ארויסגערופען, „אז קיין צייט וועט מעהר ניט זיין“? דאָס רופט אויס א גרויסער און שטאַרקער מלאך אין אפּאָקאַליפּסיס.

— בעסער ניט לייענען! האָט פּלוצלינג אויסגעשריען עווגעני פּאַוולאָוויטש, נור מיט אַזאַ פון איהם אונערוואַרטעטער אומרוהיגקייט, אז פיעלען האָט זיך עס אויסגעוויזען מאָדנע.

— לייענט ניט! האָט אויך אויסגעשריען דער פירשט, אוועק־לייגענדיג די הענט אויפ'ן פּאַקעט.

— וואָס איז איצט פאַר א לעזען ? איצט דאַרף מען פאַרבייסען. האָט עמיצער באַמערקט — אַן אַרטיקעל ? געדרוקט אין א זשורנאַל ? האָט א צווייטער געוואָלט וויסען. — אפשר איז דאָס א נודנע זאַך ? האָט צוגעגעבען א דריטער. — וואָס איז דאָ געשעהן ? האָבען געוואָלט וויסען די איבעריגע, נור דער שרעקעדיגער זשעסט פון דעם פירשט האָט איבערגעשראָקען אויך איפּאָליטען אליין.

— אַזוי... ניט לייענען ? האָט ער איהם אריינגעשושקעט מיט אַזאַ פאַרזיכטיגקייט מיט א פאַרקרימטען שמייכעל אויף די בלוי-גע-וואָרענע ליפּען — ניט לייענען ? האָט ער א מורמעל געטאָן, אַפּמעס-טענדיג מיט זיין בליק דאָס גאַנצע פּובליקום, אַגע אויגען און געזיכ-טער, און ווי ער וואָלט זיך ווידער אָנגעכאַפּט פאַר אַלעמען, מיט דער פריהערדיגער מאָדנער היציקייט — איהר... שרעקט זיך ? האָט ער זיך ווידער געווענדט צום פירשט.

— פאַר וואָס ? האָט יענער געפרעגט אַלץ מעהר און מעהר פאַר-ענדערענדיג זיך.

— האָט עמיצער פון אייך א צוואַנציג קאָפּיקעס ? איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען פון שטוהל איפּאָליט, פּונקט ווי מען וואָלט איהם ארונטערגעוואָרפען. — א וועלכע ס'ניט איז מטבעה ?

— אָט האָסטו ! האָט גלייך דערלאַנגט לעבעדעוו ; ביי איהם האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק, אַז דער קראַנקער איפּאָליט איז ארונ-טער פון זינען.

— ווערא לוקיאַנאָוונא ! האָט איילענדיג איינגעלאַדען איפּאָליט — נעהמט און וואַרפט עס אויפ'ן טיש ; אָדלער אָדער שילד ? אויב אָדלער — דאַן זאָל איך לייענען.

— ווערא האָט מיט שרעק א קוק געטאָן אויף דער מטבעה, אויף איפּאָליטען, דערנאָך אויפ'ן פאָטער און עפּעס ניט פלינק, פאַררייסענ-דיג דעם קאָפּ ארויף, אַזוי ווי מיט דער איבערצייגונג, אַז זי אליין דאַרף שוין אויף דער מטבעה ניט קוקען, האָט זי עס א וואָרף געטאָן אויפ'ן טיש. ס'איז אויסגעפאַלען אַן אָדלער.

— לעזען ! האָט ארויסגעשעפּטשעט איפּאָליט, מיט דעם אויס-זעהן פון א מענשען וואָס האָט זיך אונטערגעגעבען צו דער ענטשיידונג פון שיקזאַל, ער וואָלט ניט װעניגער בלאַס געוואָרען ווען מען וואָלט איהם פאַרגעלייענט א טויט-אורטהייל. און איבעריגענס, האָט ער

פלוצלינג נאָך א האַלבע מינוט שווייגעז, אויפגעציטערט — וואָס איז דאָ געשעהן? איז דאָך מעגליך אז איך האָב ערשט גורל געוואָרפען? האָט ער מיט דער זעלבער אפענקייט באקוקט אלעמען — אבער דאָך איז דאָס א וואונדערליכער פסיכאָלאָגישער שטריך! האָט ער פלוצלינג אויסגעשריען זיך ווענדענדיג צום פירשט, מיט אויפריכטיגער ערשטוינונג — דאָס איז... דאָס איז אן אונבאגרייפליכער שטריך, פירשט! האָט ער באַשטעטיגט ווערענדיג מונטערער און ווי קומענדיג צו זיך, — פארשרייבט דאָס פירשט, נעהמט עס אריין אין זכרון, איהר קלייבט דאָך, מיר דוכט זיך מאַטעריאַלען וועגען טויט־שטראָף!... מען האָט עס מיר דערצעהלט, כאַ־כאַ! אַ, גאָט מיינער, וואָס פאר א דומהייט! ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן דיוואַן, זיך אָנגעשפארט אויפ'ן טיש מיט ביידע עלענבויגענס און זיך געכאַפּט פאר'ן קאָפּ — דאָס איז דאָך אפילו א בזיון! נור וואָס געהט עס מיך אָן וואָס עס איז א בזיון, האָט ער טאַקע גלייך אויפגעהויבען דעם קאָפּ — מיינע העררען! מיינע העררען, איך עפען אויך דעם פּאַקעט, האָט ער געלאָזט וויסען, מיט עפּעס אַזאַ פלוצליכער ענטשלאָסענהייט. — איך... איך, איבעריגענס, צווינג ניט צו הערען!

מיט הענט ציטערדיגע פון אויפרעגונג, האָט ער אויפגעעפענט דעם פּאַקעט, ארויסגענומען פון איהם עטליכע בויגלאָך פּאָסט־פּאַפּיר, פארשריבענע מיט זעהר קליינע בוכשטאַבען, אוועקגעלעגט אַנטקעגען זיך און זיי גענומען אויסגלייכען.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? וואָס וועט ער לעזען? האָבען ברוגז'דיג אייניגע געמורמעלט; אנדערע האָבען געשוויגען. נור אַלע האָבען זיך צוזעצט אויף די פלעצער און געקוקט מיט נייגעריקייט אפשר האָט מען טאַקע געוואַרט אויף עפּעס אויסערגעוועהנליכעס.

ווערא האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן דעם פאָטער'ס שטוהל און האָט שיעור ניט געוויינט; במעט אין אזא שרעק איז געווען קאָליאַ. לעבעדעוו וועלכער האָט זיך שוין אויך געווען אוועקגעזעצט האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען, געכאַפּט די ליכט און זי צוגערוקט נעהענטער צו איפּאָליטען, כדי עס זאָל זיין ליכטיגער צו לייענען.

— מיינע העררען, איהר וועט באלד זעהן וואָס דאָס איז אַזוינס, האָט באַמערקט איפּאָליט און תיכף אָנגעהויבען לייענען: „א נויטווענדיגע ערקלעהרונג!“ דער עפּיגראַף איז "Aprés moi le deluge"

פוי, דער טייוועל זאָל עס נעהמען! האָט ער אויסגעשריען פונקט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריהט: איז דען מעגליך אז איך זאָל טאָקע אויף אן אמת'ן אוועקשטעלען אזא נארישען עפּיגראַף?... הערט מיך אויס מיינע העררן! איך פארזיכער אייך, אז דאָס קען סוף כל סוף, זיין א שרעקליכע פּוסטע זאך! דאָס זיינען דא בלויז מיינע עטליכע געדאנקען... אויב איהר דענקט, אז דאָ... איז דאָ עפּעס געהיימניספאלעס, אָדער פארבאָטענס... מיט איין וואָרט...

— אפשר וואָלט איהר געלעזען אהן פּאָרעדעס? האָט איבערגעשלאָגען האַניא.

— ער דרעהט א ספּאָדיק! האָט עמיצער באַמערקט.

— ס'איז צופיל רעד, האָט אריינגעזאָגט ראגאזשין, וועלכער האָט די גאנצע צייט געשוויגען.

איפּאָליט האָט פּלוצלינג אויף איהם א קוק געטאָן. און ווען זייערע אויגען האבען זיך באַגעגענט, האָט ראגאזשין ביטער און גאַליג זיך פארשעהמט, און האָט פּאמעליך ארויסגעזאָגט מאָדנע ווערטער!

— ניט אזוי דארף מען אזא זאך מאַכען, יונגערמאַן, ניט אזוי...

וואָס ראגאזשין האָט דערמיט געוואָלט זאגען, האָט קיינער ניט פארשטאַנען, נור זיינע ווערטער האָבען געמאַכט א גענוג מאָדנעם איינדרוק אויף אלעמען; יעדען איינעם האָט אָנגעריהרט פון דער זייט איין אלגעמיינער געדאנק. אויף איפּאָליט אבער האָבען די ווערטער געמאַכט א שרעקליכען איינדרוק: ער האָט אזוי אָנגעהויבען ציטערען, אזוי אז דער פירשט האָט געווען אויסגעצויגען די הענט, אום איהם אונטערצוהאַלטען, און ער וואָלט זיכער אויסגעשריען, ווען עס וואָלט זיי ביי איהם, קענטיג פּלוצלינג ניט אָפּגעהאקט די שטימע. א גאנצע מינוט האָט ער ניט געקענט אויסרעדען קיין וואָרט, און שווער אטהעמענדיג געקוקט אויף ראָגאָזשינען. ענדליך האָט ער שטיקענדיג זיך און מיט גרויסער אנשטרענגונג ארויסגערעדט:

— הייסט עס, אז דאָס זייט איהר... איהר זייט עס געווען... איהר?

— וואָס געווען? וואָס בין איך? האָט געענטפערט איין ערשטוינונג ראָגאזשין, נור איפּאָליט איז רויט געווארען און כמעט מיט א רציחה ווילדע האָט איהם מיט אמאָל אָנגעכאַפּט, האָט ער שארף און קרעפטיג אויסגעשריען:

— איהר זייט עס געווען ביי מיר, לעצטע וואָד, ביי נאַכט, צוויי אַ זייגער, אין יענעם טאָג ווען איך בין ביי אייך געווען אין דער פריה. א י ה ר ! ! זייט זיך מודה, אז איהר?

— לעצטע וואָד, ביי נאַכט? ביזטו שוין טאַקע אויף אַן אמת ארונטער פון זינען בחור'ל?

„דער בחור'ל", האָט ווידער געשוויגען אַ מינוט, צושטעלענדיג דעם צייגע־פינגער צום שטערען, ווי ער וואָלט עפּעס נאַכגעדענקט; נור אין זיין בלאַסען נאָך אַלץ זיך פאַר שרעק קרימענדען שמייכעל האָט מיט אַמאָל דורכגעשוועבט, עפּעס וואָס כיטרעס און אפילו נצחון־דיגעס.

— דאָס זייט איהר געווען! האָט ער ענדליך ווידערהאָלט שוין שעפּטשענדיג נור מיט גרויס איבערצייגונג: — א י ה ר זייט געקומען צו מיר און געזעסען שווייגענדיגערהייט ביי מיר אויפ'ן שטוהל, ביים פענסטער, אַ גאַנצע שטונדע. נאָך מעהר, אין דער ערשטער אדער צווייטער שטונדע נאָך האַלבע נאַכט, דערנאָך זייט איהר אויפגעשטאַנען און אוועק אין דער דריטער שטונדע... דאָס זייט איהר געווען. איהר? פאַרוואָס האָט איהר מיך געשראַקען, פאַרוואָס זייט איהר געקומען מיך פּייניגען — פאַרשטעה איך ניט, נור דאָס זייט איהר געווען!

און פון זיין בליק האָט פּלוצלינג ארויסגעבליקט אַן אונענדליכער האַס ניט אכטענדיג אויף דער ניט אויפהערענדער טרייסלעניש פון שרעק.

— איהר וועט באַלד מיינע הערצן, אַלץ וויסען, איך... איך... הערט...

ער האָט ווידער און אין שרעקליכער איילעניש זיך געכאַפּט פאַר זיינע בלעטלאַך. זיי זיינען זיך צוקראַכען און פאַנאַנדערגענומען. ער האָט זיך באַמיהט זיי אויפצולעגען; זיי האָבען געציטערט אין זיינע ציטערדיגע הענט; אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך ניט געקענט איינאָרדענען.

— ער איז פון זינען ארונטער, אדער ער רעדט פון היץ! האָט ארויסגעמורמעלט קוים וואָס מען האָט געהערט ראַגאָזשין.

ענדליך האָט זיך דאָס לעזען אנגעהויבען. אין אַנפאַנג, האָט

דער פּראָפעסער פון דעם אונערוואַרטעטען א ר ט י ק ע ל זיך נאָך אַלץ געשטיקט און האָט געלעזען אָהן אַ טאַלק; נור דערנאָך איז זיין שטימע געוואָרען פעסטער און איז געקומען אין פאָלקאָמענעם איינ־קלאַנג מיט דאָס געלעזענע. אייניגע מאָל נור האָט אַ גאַנץ שטאַרקער הוסט איהם געשטערט; אין מיטען אַרטיקעל איז ער זעהר הייזעריג געוואָרען. די אויסערגעוועהנליכע באַגייסטערונג וועלכע האָט איהם באַהערשט אַלץ מעהר און מעהר, וואָס ווייטער ער האָט געלעזען, האָט צום סוף דערגרייכט די העכסטע שטופע, פּונקט אַזוי אויך דער קרענק־ליכער איינדרוק אויף די לעזער. אָט איז דער גאַנצער אַרטיקעל:

„מ י י ן נ ו י ט י ג ע ע ר ק ל ע ה ר ו נ ג.

“Aprés moi le deluge”

„נעכטען איז ביי מיר געווען דער פירשט; צווישען אַנדערעס האָט ער מיך איינגערעדט איך זאָל זיך אַריבער קלייבען אויף זיין דאַטשע. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז ער וועט אויף דערויף באַ־שטעהן און איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט מיר גלייך אַרויספּלאַ־צען אַז מיר וועט אויף דער דאַטשע זיין „גרינגער צו שטאַרבען צווי־שען מענשען און בוימער“ ווי ער דריקט זיך אויס, נור היינט האָט ער ניט געזאָגט „שטאַרבען“ נור ער האָט געזאָגט: „אַז עס וועט זיין לייכטער צו דורכלעבען“. אַ זאַך וואָס איז, פונדעסטוועגען כמעט איינס און דאָס זעלבע, אין מיין צושטאַנד. איך האָב איהם געפרעגט, וואָס „מיינט ער אונטער דעם וואָרט „ב ו י מ ע ר“ און צו וואָס בינדט ער מיר אָן די דאָזיגע „ב ו י מ ע ר“ — און איך האָב מיט פאַרוואונ־דערונג זיך דערוואוסט פון איהם, אַז איך אַליין האָב זיך דוכט זיך אויסגעדריקט, אַז איך בין געקומען אין פּאַוולאָווסק צום לעצטען מאָל אַ קוק טאָן אויף די בוימער. ווען איך האָב איהם באַמערקט, אַז עס איז דאָך דאָס זעלבע זאַך צו שטאַרבען, אונטער די בוימער, און קוי־קענדיג אין פענסטער אויף מיינע ציגעל, און אַז צוליב צוויי וואָכען לוינט זיך ניט מאַכען קיין טומעל, האָט ער גלייך איינגעשטימט; נור די גרינס און די ריינע לופט, וועלען לויט זיין מיינונג אונבאַדינגט מאַכען אין מיר אַ וועלכע ניט איז פיזישע ענדערונג און מיין אויפרע־גונג און מיינע חלומות וועלען זיך ענדערן און אפשר אויך גרינגער

ווערען. און ווידער האָב איך איהם לאַכענדיג באַמערקט, אַז ער רעדט ווי אַ מאַטעריאַליסט, האָט ער מיר געענטפערט מיט זיין שמייכעל, אַז ער איז אַלע מאָל געווען אַ מאַטעריאַליסט, און אַזוי ווי ער זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגען. מוזען די ווערטער עפּעס וואָס באַדייטען. זיין שמייכעל איז אַ פיינער; איך האָב איהם איצט באַטראַכט אויפ־מערקזאַם. איך ווייס ניט האָב איך איהם איצט ליעב אָדער ניט; איצט האָב איך דערפאַר קיין צייט ניט צו נאָכדענקען. מיין פינף מאָנאַמיליכער האַס צו איהם, דאַרף מען באַמערקען, האָט דעם לעצ־טען מאָנאַט כמעט אין גאַנצען אויפגעהערט. ווער ווייס, אפשר בין איך געקומען אין פּאַוולאָווסק, די הויפּט זאַך אום איהם צו זעהן... אָבער... פאַרוואָס האָב איך דאַן פאַרלאָזען מיין צימער? אַ צום טויט פאַראורטיילטער דאַרף ניט פאַרלאָזען זיין ווינקעל, און ווען איך וואָלט זיך ענדליך אויף עפּעס ניט באַשלאָסען, און איך וואָלט זיך באַשלאָסען דעם געגענטהייל, צו וואַרטען אויף דער לעצטער שטונדע, וואָלט איך זיכער, ניט פאַרלאָזען מיין צימער און איך וואָלט בשום אופן ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג אַריבערצוקלייבען זיך צו „שטאַר־בען" ביי איהם אין פּאַוולאָווסק.

„איך דאַרף זיך צואיילען און פאַרענדיגען מיין גאַנצע „ער־קלעהרונג" אונבאַדינגט ביז מאָרגען. אַלזאָ הייסט עס, אַז עס וועט מיר ניט בלייבען קיין צייט אויף איבערצולעזען און פאַרריכטען; כ'וועל איבערלייענען מאָרגען, ווען איך וועל לייענען דעם פירשט און נאָך אַ צוויי, דריי עדות, וועלכע איך דענק ביי איהם צו טרעפען. אַזוי ווי דאָ וועט ניט זיין קיין איין וואָרט ליגען, נור בלויז דער ריינער אמת, דער לעצטער און טריאומפירענדער, בין איך שוין איצט נייגע־ריג, וואָס פאַר אַן איינדרוק זי וועט מאַכען אויף מיר אַליין, אין יענער צייט, אין יענער מינוט, ווען איך וועל עס איבערלייענען? איבערי־גענס, האָב איך אומזיסט אָנגעשריבען די ווערטער: „דער לעצטער און טריאומפירענדער אמת", צוליב צוויי וואָכען לוינט זיך אַזוי אויך ניט צו זאָגען קיין ליגען, ווייל לעבען צוויי וואָכען לוינט אויך ניט; דאָס איז דער סאַמע בעסטער באַווייז אַז איך וועל אָנשרייבען בלויז דעם אמת. (נ. ב. מען דאַרף ניט פאַרגעסען דעם געדאַנק: בין איך אַפּט אין דער מינוט, דאָס הייסט מינוטענווייז ניט משוגע? מיר האָט מען געזאָגט אויף זיכער, אַז שווינדזוכטיגע ווען זיי האַלטען ביי דער

לעצטער מדרגה, געהען אַפּטמאָל אַרונטער פון זינען, אויף אַ געוויסער צייט. מען דאַרף אין דעם זיך איבערצייגען מאָרגען, לויט דעם איינ־דרוק וואָס ער וועט מאַכען אויף די צוהערער. אַט די דאָזיגע פראַגע וועט אונבאַדינגט ענטשיידען אין איהר פולער פּינקטליכקייט, ווען ניט, קען מען זיך צו גאָרנישט ניט נעהמען).

„מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אַט ערשט אַנגעשריבען אַ שרעקליכע נאַרישקייט. נור פאַרריכטען עס, האָב איך קיין צייט נימ, פאַרפאַלען. אויסער דעם, גיב איך זיך דאָס וואָרט אומישנע ניט צו פאַרריכטען אין דעם דאָזיגען מאַנוסקריפּט, קיין איין שורה ניט. אפילו ווען איך וואָלט אליין באַמערקט, אַז איך ווידערשפּרעך זיך אויף יעדער פינפטער שורה. איך וויל טאַקע פעסטשטעלען מאָרגען ביים לעזען, צו איז ריכטיג דער לאָגישער גאַנג פון מיינע געדאַנקען; צו באַמערק איך מיינע טעות'ן, און אויב ס'איז אמת, אלעס דאָס וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון די זעקס מאָנאַטען איבערגעטראַכט אין דעם דאָזיגען צי־מער אדער איז דאָס בלויז אַ רעדען פון היץ.

„ווען מיר וואָלט מיט צוויי מאָנאַטען צוריק אויסגעקומען ווי איצטער, צו פאַרלאָזען אין גאַנצען מיין צימער, און זיך זעגענען מיט מעיערעווס וואַנט, וואָלט איך געווען זיכער, אַז עס וואָלט מיר געווען טרויערדיג. איצט אבער פיהל איך גאָרנישט, און דאָך פאַרלאָז איך מאָרגען מיין צימער און די וואַנט, א ו י ף א י י ב י ג! דאָן הייסט עס, אַז מיין איבערצייגונג, אַז צוליב צוויי וואָכען לוינט זיך שוין ניט צו באַדויערען עפּעס, אדער איבערגעבען זיך צו וועלכע ס'ניט איז ווייכקייטען, האָט געזיגט איבער מיין נאַטור און זי קען שוין איצט באַפעהלען איבער אלע מיינע געפיהלען. איז דאָס ניט אַזוי? איז דאָס אמת, אַז מיין נאַטור איז איצט אין גאַנצען באַזיגט געוואָרען? ווען מען וואָלט מיך איצט גענומען פּייניגען, וואָלט איך זיכער אַנגעהויבען שרייען, און איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז עס לוינט זיך ניט צו שרייען און פיהלען וועהטאָג, ווייל ס'איז מיר בלויז געבליבען צוויי וואָכען צו לעבען.

„נור איז דאָס דען ריכטיג אַז מיר איז בלויז געבליבען צוויי וואָכען צו לעבען און ניט מעהר? דאָן, אין פּאַוולאָווסק האָב איך געזאָגט אַ ליגען: ב—ן האָט מיר גאָרנישט געזאָגט און מיך קיינמאָל

ניט געזעהן; נור מיט א וואָך צוריק האָט מען צו מיר געבראכט דעם סטודענט קיסלאָראַדאָוו; לויט זיינע איבערצייגונגען, איז ער א מאַ־טעריאַליסט, א טעאיסט און ניהיליסט, אָט דערפאַר האָב איך איהם דאָס געדופען: איך האָב געדאַרפט האָבען א מענשען, וואָס זאָל מיר ענדליך זאָגען, דעם נאַקעטען אמת אָהן ווייכקייטען און אָהן צערעמאָ־ניעס. און אזוי האָט ער געטאָן, און ניט נור מיט בערייטווילליקייט און אָהן צערעמאָניעס נור אפילו מיט א געוויסען פאַרגעניגען (וואָס איז לויט מיין מיינונג, שוין אן איבעריגע זאַך). ער האָט מיר גלייך אַרויסגעזאָגט, אז מיר איז געבליבען צו לעבען נאָך ביי א מאָנאַט, אפשר עפּעס מעהר, ווען עס וועלען זיין גוטע אומשטענדען; נור ס'קען געבען אז איך זאָל שטאַרבען אסך פריהער אויך. לויט זיין מיינונג, קען איך שטאַרבען פּלוצלינג, אפילו צום ביישפּיעל, מאָרגען: אזעלכע פאַק־טען זיינען געווען און ערשט מיט דריי טעג צוריק איז איין יונגע פרוי, א שווינדזיכטיגע און אין דעם זעלבען צושטאַנד ווי איך, אין קאָלאָנע, זיך געקליבען געהן אין מארק, איינקויפען עסענוואַרג, נור מיט אמאָל האָט זי דערפיהלט שלעכט, זיך געלעגט אויפ'ן דיוואַן א קרעכץ געטאָן און איז געשטאָרבען. דאָס אלעס האָט מיר קיסלאָראַדאָוו דערצעהלט אפילו מיט א געוויסער עלעגאַנטקייט פון געפיהללאָזיקייט און אונ־פּאַרזיכטיקייט, און אזוי ווי ער וואָלט מיר מיט דעם אנגעטאָן אן עהרע, דאָס הייסט, מיט דערמיט באַווייזענדיג, אז ער נעהמט מיך אָן פאַר אזא אַלץ אָפּלייקענדען העכערען וועזען ווי ער אליין איז, פאַר וועלכען שטאַרבען פאַרשטעהט זיך, איז א גאָרנישט, סוף כל סוף איז דער פאַקט א גאַנצער קלאָהרער: א מאָנאַט און ניט מעהר! אז ער האָט אין דעם ניט געמאַכט קיין טעות בין איך גאַנץ זיכער.

„מיך האָט זעהר פאַרוואונדערט, פאַרוואָס האָט דער פּירשט פריהער געטראָפען, אז איך זעה „שלעכטע חלומות“ ער האָט בוכ־שטעבליך געזאָגט, אז אין פּאַוולאָווסק וועלען „מיין אויפרעגונג און חלומות זיך איבערבייטען“. און פאַר די חלומות? ער איז אדער א מעדעצינער, אדער ער האָט טאַקע אן אויסערגעוועהנליכען פאַרשטאַנד און קען זעהר פיעלעס טרעפען (נור אז ער איז סוף כל סוף דאָך אן „אידיאָט“ אין דערין איז גאָר ניטאָ קיין צווייפעל). ווי אומישנע האָב איך איידער ער איז געקומען געזעהן זעהר א פיינעם חלום. (אי־בעריגענס פון די וועלכע חלום'ען זיך מיר, אין די הונדערטער). איך

בין איינגעשלאָפען — איך דענק, מיט א שטונדע איידער ער איז געד קומען — און איך האָב געזעהן, אז איך בין אין א צימער (נור ניט אין מיינעם). דער צימער איז א גרעסערער און א העכערער פון מיי־ נעם, בעסער אויסגעמעבלירט, א ליכטיגער, א שאַפע, א קאָמאָד, א דיוואן און מיין בעט, א גרויסע און א ברייטע און איבערגעדעקט מיט א גרינעם זיידענעם געוועבטען בעט־דעק. נור אין דעם דאָזיגען צימער האָב איך באמערקט איין גרויסע באשעפעניש עפּעס א מין חיה. זי איז געווען עפּעס א מין סקאָרפּיאָן און ניט סקאָרפּיאָן, נור אסך עקעל־ האַפטער און שרעקליכער, און דוכט זיך טאַקע הויפּטזעכליך מיט דעם וואָס אזעלכע באשעפענישען האָט ניט די נאַטור. און אז זי איז אומיש־ נע ערשינען ביי מיר, און אז אין דעם אליין ליגט עפּעס א געהיימ־ ניס. איך האָב זי זעהר גוט באטראַכט: זי איז געווען א ברוינער שאַלעכצדיג באדעקטער פויזענדער שרץ. די לענג פון א ווערשאָק פיער ביים קאָפּ די דיק אויף צוויי פינגער. צום עק צו אביסעל דינער, אזוי דאָס דער סאַמע ענד פונ׳ם עק איז ניט מעהר ווי א צעהנט־חלק פון א ווערשאָק. אויף א ווערשאָק פון קאָפּ, פון קערפּער קומען ארויס אונטער׳ן ווינקעל און פינף און פערציג גראַד, צוויי לאַפּעס, צו איי־ נער פון יעדען זייט, צו צוויי ווערשאָק די לענג, אזוי דאָס גאנצע חיה קוקט אויס, ווען מען זאָל קוקען פון אויבען, אין דעם געשטאַלט פון א דרייצאַק. דעם קאָפּ האָב איך ניט געזעהן, נור באמערקט צוויי וואָנסעלאַד, ניט קיין לאַנגע, ווי צוויי גרויסע נאָדלען, אויך ברוינע, אזעלכע צוויי וואָנסעלאַד אויפ׳ן ענד פון עק און אויפ׳ן ענד פון יעדער לאַפּע, אין גאַנצען געגומען זיינען געווען אַכט וואָנסעלאַד. די באשע־ פעניש איז ארומגעלאָפען איבער׳ן צימער זעהר שנעל, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף די לאַפּעס און עק און ווען זי איז געלאָפען האָט דער גאַנצער קערפּער און די לאַפּעס זיך געדרעהט ווי שלאַנגען, מיט אן אונגע־ וועהנליכער שנעלקייט, ניט קוקענדיג אויף דער שאָלעכץ, און אויף דעם איז געווען זעהר עקעלהאַפט צו קוקען. איך האָב שרעקליך מורא געהאַט אז זי זאָל מיך ניט א ביס טאָן; מיר האָט מען דער־ צעהלט, אז זי איז גיפטיג, נור מעהר פון אַלץ האָב איך זיך געפּייניגט מיט דעם. ווער האָט עס זי געקענט צושיקען צו מיר אין צימער, וואָס וויל מען מיר טאָן, און אין וואָס ליגט דאָ די געהיימניס? זי האָט זיך באַהאַלטען אונטער׳ן קאָמאָד, אונטער שאַפע, אוועקגעפּויזט אין די

ווינקלען. איך האָב זיך געזעצט מיט די פיס אויף א שטוהל און זיי פארלעגט אונטער זיך. זי איז האסטיג דורכגעלאָפען אין דער קרים דעם גאנצען צימער און איז ערגעץ פארשוואונדען ארום מיין שטוהל. איך האָב זיך אומגעקוקט מיט שרעק, נור אזוי ווי איך בין געזעסען מיט פארלעגטע פיס, האָב איך געהאָפט אז זי וועט ניט ארויפפויזען אויפ'ן שטוהל. פלוצלינג האָב איך דערהערט הינטער מיר, כמעט ארום מיין קאָפּ עפּעס א קלאַפּענדיגען שאָרשען. איך האָב זיך אומגעדרעהט און דערזעהן, אז דער שרץ קריכט אויפ'ן וואנט און ער איז שוין גלייך מיט מיין קאָפּ, און ער ריהרט שוין אפילו אָן מיינע האָר מיט זיין עק, וועלכער האָט זיך געדרעהט און געשלענגעלט מיט א גוואלדיגער האסטיקייט. איך בין אויפגעשפּרונגען און אויך די באַשעפעניש איז פארשוואונדען. אויפ'ן בעט האָב איך זיך מורא געהאט לעגען, כדי זי זאָל ניט אונטערקריכען אונטער'ן קישען. אין צימער זיינען אריינגעקומען מיין מוטער און עפּעס איהרער א באַקאַנטער. זיי האָבען אָנגעהויבען כאַפּען דעם שרץ, נור זיי זיינען געווען פיעל רוהיגער ווי איך און אפילו ניט געשראָקען זיך אויך, נור זיי האָבען גאָר ניט פארשטאַנען. פלוצלונג איז דער שרץ ווידער ארויסגעקראָכען; דיזען מאָל איז ער געקראָכען זעהר שטיל און ווי מיט עפּעס א באזונדערן צוועק, לאנגזאם זיך דרעהענדיג, וואס איז געווען נאָך עקעלהאפטער, ווידער אין דער קרים פון צימער, צום טהיר צו. דאָ האָט מיין מוטער אויפגעעפענט די טהיר און א רוף געטאָן נאָרמען, אונזער הונט — א גרויסער הונט, א שווארצער און א האָריגער גע'פגער'ט מיט ניין יאָהר צוריק. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אין צימער און געבליבען שטעהן איבער'ן שרץ ווי א צוטומעלטער עס האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער שרץ, נור אלץ זיך נאָך דרעהענדיג און קלאַפּענדיג איבער'ן דיל מיט די שפּיצען פון די לאַפּקעס און עק. חיות קענען ניט פיהלען קיין מיסטישען שרעק, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, נור אין דער מינוט האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אין נאָרמעס שרעק, איז געווען עפּעס וואס אונגעוועהנליכעס, ווי אויך כמעט מיסטישעס, און דאָן מיינט עס, אז אויך ער פיהלט פּונקט אזוי ווי איך, אז אין דער חיה איז עפּעס דאָ געהיימניספולעס. ער האָט פאַמעלעך זיך אָפּגערוקט אויף צוריק פאר דעם שרץ, וועלכער האָט שטיל און פארזיכטיג געפויזעט צו איהם. ער האָט דוכט זיך,

געוואַלט פּלוצלינג איהם באַפאַלען און א ביס טאָן. נור ניט קוקענדיג אויפ'ן גאַנצען שרעק, האָט נאַרמאַ דאָך געקוקט זעהר בעז, כאָטש ער האָט געציטערט מיט אַלע גלידער, פּלוצלונג האָט ער לאַנגזאַם אויפ־געדעקט זיינע שרעקליכע ציין, אויפגעעפענט זיין גאַנצען גרויסען רויטער מויל, זיך אויסגעגלייכט, מוטהיג געוואָרען, זיך ענטשלאָסען און אָנגעכאַפּט דעם שרץ מיט די ציין. עס ווייזט אויס אַז דער שרץ האָט זיך זעהר שטאַרק א ריס געטאָן אום זיך צו ראַטעווען, אַזוי דאָס נאַרמאַ האָט איהם אנגעכאַפּט נאָך אמאָל. שוין לויפענדיג, און צוויי מאָל מיט'ן גאַנצען מויל איהם אריינגעכאַפּט אין זיך, אַלץ לויפענדיג, פּונקט ווי ער וואָלט געשלונגען. די שאָלעכץ האָט אָנגעהויבען טרעשט־שען אונטער די ציין. דער עקעל און די לאַפּעס פון דעם שרץ וועלכע האָבען ארויסגעשטעקט פון מויל האָבען זיך געשאָקעלט מיט א גוואַל־דיגער שנעלקייט. פּלוצלינג האָט נאַרמאַ וואַיענדיג זיך צוקוויטשעט דער שרץ האָט דאָך אוספּעיעט א ביס צו טאָן איהם אין צונג. מיט א קוויטש און וואַיען האָט ער פון וועהטאָג פאַנאַנדערגעעפענט דעם מויל, און איך האָב דערזעהן, אַז דער האַלב אויפגעפרעסענער שרץ האָט זיך נאָך געריהרט, ליגענדיג ביי איהם אין מויל, ארויסלאָזענדיג פון זיין האַלב דערשטיקטען קערפּער אויף זיין צונג אסך ווייסען זאַפט, עהנליך אויף דעם זאַפט פון א צוקוועטשטען שוואַרצען וואַנץ... דאָ האָט איך זיך אויפגעכאַפּט און ס'איז אריינגעקומען דער פירשט.“

— מיינע העררן, האָט געפרעגט איפּאָליט, פּלוצלינג זיך אָפּריי־סענדיג פונ'ם לעזען און אפילו שיעור ניט פאַרשעמטערהייט — איך האָב דאָס ניט איבערגעלעזען, נור מיר דוכט זיך, אַז איך האָב טאַקע אָנגעשריבען אסך איבעריגע זאַכען. דער דאָזיגער חלום...

— איז טאַקע, האָט זיך געאיילט אריינזאָגען האַניא.

— דאָס איז צופיעל פּערזענליכעס, איך שטים איין, דאָס הייסט אייגענטליך וועגען מיר...

דאָס זאָגענדיג, האָט איפּאָליט געהאַט א מיעדען אָפּגעשוואַכטען אויסזעהן און האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערען מיט א טי־כעל.

— יע, איהר אינטערעסירט זיך שוין אביסעל צופיעל מיט זיך אַליין, — האָט ארויסגעשיפּעט לעבעדעוו.

— איך ווידערהאָל, מיינע העררן, איך צווינג קיינעם ניט; ווער עס וויל ניט, יענער קען אוועקגעהן.

— ער טרייבט ארויס... פון א פרעמד הויז, — האָט קוים, וואָס מען האָט געקענט הערען ארויסגעמורמעלט ראגאזשין.

— און וואס וועט זיין, ווען מיר וועלען טאקע אלע אויפשטעהן און אוועקגעהן? — האָט אונערוואַרטעט ארויסגעזאָגט פערדיטשענקא, וועלכער האָט איבעריגענס, ביז איצט ניט געוואגט אויסצורעדען אין דער הויך קיין ווארט.

איפּאָליט האָט פּלוצלינג אראָפּגעלאָזט די אויגען און זיך געכאפּט פאר'ן מאנוסקריפּט; נור אין דער זעלבער רגע האָט ער ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און בליצענדיג מיט די אויגען, מיט צוויי רויטע פלעקען אויף די באקען, האָט ער ארויסגערעדט, קוקענדיג מיט עקשנות אויף פערדיטשענקא — איהר האָט מיך שוין טאקע גאר ניט ליעב!

עס האָט אויסגעבראָכען א געלעכטער; איבעריגענס, די מעהרהייט האָט ניט געלאכט, איפּאָליט איז שרעקליך רויט געוואָרען.

— איפּאָליט, — האָט געזאָגט דער פּירשט — מאכט צו אייער מאָנוסקריפּט און גיט איהם איבער מיר, און אליין לעגט זיך שלאָפען דא אין מיין צימער. מיר וועלען פאר'ן שלאָף און מארגען א רעד טאָן וועגען דעם. נור מיט דעם אויסרייד, אז איהר זאָלט קיינמאָל מעהר ניט פאנאנדערנעהמען די דאָזיגע בלעטלאך. שטימט איהר איין?

— איז דאס דען מעגליך? — האָט אויף איהם איפּאָליט א קוק געטאָן מיט אמת'ער פארוואונדערונג — מיינע הערען, — האָט ער ווידער אויסגעשריען, פיבעריש קומענדיג צו זיך — ס'איז א נארישער עפּיזאָד, און וועלכען איך האָב זיך ניט געוואוסט ווי צו האלטען. מעהר איבעררייסען דאָס לעזען וועל איך שוין ניט. ווער עס וויל הערען — זאָל הערען...

— ער האָט אמשנעלסטען א שלונג געטאָן וואסער פון גלאָז, אמ־שנעלסטען זיך אָנגעשפּארט אויפ'ן שטוהל, כדי צו באהאלטען זיך פון אלעמענס בליקען, און מיט עקשנות פאָרטגעזעצט דאָס לעזען. אי־בעריגענס, איז דאָס שעהמען זיך באלד פאראיבער...

„דער געדאנק וועגען דעם (האָט ער פאָרטגעזעצט צו לעזען), — אז עס לוינט זיך ניט לעבען עטליכע וואכען, האָט מיך גענומען באַ־

הערשען אויף א ריכטיגען אופן, איך דענק, מיט א מאָנאט צוריק, ווען מיר איז נאָך געבליבען בלויז צו לעבען פיער וואָכען, נור אין גאַנצען באַהערשט האָט ער מיך נור מיט דריי טאָג צוריק, ווען איך בין גע־קומען צוריק פון יענעם אָוונט אין פּאַוולאָווסק. דער ערשטער מאָ־מענט פון פאָלקאָמענעם אריינלעבען זיך אין דעם דאָזיגען געדאַנקען איז פאָרגעקומען ביים פירשט אויף דער טעראַסע, טאַקע אין יענער מינוט, ווען איך האָב געוואָלט מאַכען די לעצטע פּראָבע אין לעבען, געוואָלט זעהן מענשען און בוימער (זאָל זיין אז איך אליין האָב עס געזאָגט), האָב זיך געהיצט, באַשטאַנען אויף בורדאָווסקי'ס, „מיין פריינדס“, רעכט, און האָב געטרוימט, אז אלע וועלען מיט אמאָל צו־שפּרייטען זייערע הענט און מיך ארייננעהמען אין זייערע אָרעמס, און בעטען ביי מיר פאַר עפּעס וואָס מחילה, און איך ביי זיי; מיט איין וואָרט, איך האָב געענדיגט, ווי א טאַלאַנטלאָזער נאַר. און אָט אין די דאָזיגע מינוטען האָט אין מיר ערוואַכט „די לעצטע איבערצייגונג“. איצט וואונדער איך זיך, ווי אַזוי האָב איך געקענט די גאַנצע זעקס מאָנאַטען לעבען אָהן דער דאָזיגער „איבערצייגונג!“ איך האָב גע־וואוסט אויף זיכער, אז איך האָב שווינדזוכט, און די אונהיילבאַרע דערצו, איך האָב זיך ניט גענאַרט און די זאַך פאַרשטאַנען גאַנץ קלאָהר. נור וואָס קלעהרער איך האָב עס פאַרשטאַנען, אַלץ שטאַרקער האָט זיך מיר געוואָלט לעבען; איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן יעדען שטיקעל לע־בען און געוואָלט לעבען ווי אַזוי און וואָס עס זאָל ניט געשעהן. איך שטים איין, אז איך האָב דאַן געקענט זיין אין כעס אויף דעם פינס־טערען און טויבען שיקזאַל וועלכען האָט זיך פאַרוואָלט מיך צוקווע־טשען ווי א פליעג און זיכער, ניט ווייסענדיג צוליב וואָס; נור פאַר וואָס האָב איך דאַן ניט געענדיגט בלויז מיט מיין כעס? פאַרוואָס האָב איך טאַקע אויף א ז א מ ת ' ן אָנגעהויבען לעבען, ווייסענדיג, אז איך טאָר שוין ניט אָנפאַנגען; געפּרובירט, ווייסענדיג, אז איך האָב שוין ניט וואָס צו פּרובירען? און אין דער זעלבער צייט האָב איך אפילו אויפגעהערט לייענען ביכער: צו וואָס לייענען און וואָס לוינט זיך צו דערוויסען זיך בלויז פאַר זעקס מאָנאַטען? אָט דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך געצוואונגען ניט איינמאָל צו אוועקוואַרפען א בוך.

„יע, די דאָזיגע מעיעראָווס וואַנט קען אַסך דערצעהלען! פיעלעס האָב איך אויף איהר אָנגעשריבען. ס'איז ניטאָ קיין פלעק אויף דער

דאַזיגער שמוציגער וואַנט, וועלכען איך זאָל ניט קענען. א פאַרשאָל־טענע וואַנט! און פונדעסטוועגען איז זי מיר טייערער פון אַלע פּאָור־לאַווסקער בוימער, דאָס הייסט, זי דאַרף זיין פון אַלעם טהייערער, ווען מיר וואָלט איצט ניט געווען אַלץ איינס.

„איך דערמאָהן זיך איצט מיט וואָס פאַר א דורשטיגען אינטערעס האָב איך דאָן גענומען נאָכקוקען ז י י ע ר לעבען. אַזאַ אינטערעס האָב איך פריהער ניט געהאַט. איך האָב מיט אומגעדולד און זידלע־ריי אָפט געוואַרט אויף קאָליא'ן, ווען איך בין אַליין געווען אויף אַזוי פיעל קראַנק, אַזוי, אַז איך האָב ניט געקאָנט פאַרלאָזען דעם צימער איך האָב אויף אַזוי פיעל אַריינגעדרונגען אין אַלע קליינינגקייטען, זיך געאינטערעסירט מיט אַלע קלאַנגען, דאָס מיר דוכט, אַז איך בין גע־וואָרען א רכילות־טרייבער. איך האָב, צום ביישפּיל, ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אָט די דאָזיגע מענשען, האָבענדיג אַזוי פּיעל לעבען, קענען ניט ווערען רייך. (איבעריגענס, פאַרשטעה איך דאָס איצט אויך ניט). איך האָב געקענט אַן אָרימאַן, וועגען וועלכען מען האָט מיר נאָכדעם דער־צעהלט, אַז ער איז געשטאָרבען פון הונגער, און איך געדענק, אַז דאָס האָט מיך אויפגעבראַכט: ווען מען וואָלט דעם דאָזיגען אָרימאַן געקענט מאַכען לעבעדיג, וואָלט איך איהם, דוכט זיך, הינגעריכטעט. מיר פלעגט אָפּטמאָהל אויף עטליכע וואָכען ווערען גרינגער, און איך פלעג קענען אַרויסגעהן אין גאַס; נור ענדליך האָט די גאַס אָנגעהויבען אַרויסרופען אין מיר אַזאַ בייזקייט, אַז איך פלעג גאַנצע טעג אומישנע בלייבען זיצען פאַרשפּאַרט, כאָטש איך האָב געקאָנט אַרויסגעהן ווי אַלע. איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגען די דאָזיגע האַווענדע, אומ־לויפענדע שטענדיג פאַרזאָרגטע, אָנגעכמורעטע און אומרוהיגע מענ־שען, וועלכע זיינען דורכגעלאָפען פאַרביי מיר אויף די טראָטואַרען. פאַר וואָס זיינען זיי אַזוי שטענדיג פאַרטרויערט, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אייביג פאַרהאַוועט און פאַרשמאַיעט. אייביג אַזוי בייז? (ווייל זיי זיינען שלעכט, שלעכט, שלעכט), ווער איז זיי שולדיג, וואָס זיי זיינען אומגליקליך און ווייסען ניט ווי אַזוי צו לעבען, האָבענדיג פאַראויס פאַר זיך זעכציג יאָהר? פאַרוואָס האָט זאַרניצין זיך דער־לאָזען צו שטאַרבען פון הונגער, האָבענדיג זעכציג יאָהר פאַראויס פאַר זיך? און יעדער איינער ווייזט אויף זיינע טראַנטעס, אויף זיינע אַרבייטער־הענט, איז בייז און שרייט: „מיר אַרבייטען ווי אָקסען,

מיר מיהען זיך און מיר הונגערען ווי הינט און זיינען אָרעם! אַנדערע אַרבייטען ניט און מיהען זיך ניט און זיי זיינען רייך!" (אַן אייביגער רעפֿרען). אין איין שורה מיט זיי לויפֿט און טומעלט זיך פֿון דער פֿריה ביז נאַכט עפּעס אַן אומגליקליכער פֿון די „מיוחסים", איוואַן פּאַמיטש סוריקאָוו,—און אין אונזער הויז, איבער אונז וואוינט ער,—שטענדיג מיט צוריסענע עלענבויגענס, מיט אָפּגעפּאַלענע קנעפּלאַך. ער געהט גאַנגען פֿאַר פֿאַרשידענע מענשען, פֿאַר פֿרעמדע, און דערצו נאָך פֿון דער פֿריה ביז'ן אָוונט. צורעדט זיך מיט איהם: „אַן אָרימאַן, אַ קבצן, אַ דלפון, די ווייב איז ביי איהם געשטאָרבען, ניט געווען פֿאַר וואָס צו קויפֿען מעדעצין, און ווינטער האָט מען פֿאַרפֿרוירען צום טויט אַן עופֿה'לע; די עלטסטע טאָכטער איז אַוועק פֿאַר אַ דינסט"... שטענדיג באַקלאָגט ער זיך, אייביג וויינט ער! אָ, איך האָב ניט קיין שום מיטלייד צו די דאָזיגע נאַראָנים, ניט איצטער, ניט פֿריהער, — איך זאָג עס מיט שטאָלץ! פֿאַר וואָס איז ער ניט געוואָרען קיין ראָטשילד? ווער איז איהם שולדיג, אַז ער האָט ניט קיין מיליאָנען, ווי ראָטשילד, וואָס ער האָט ניט קיין בערג מיט אימפּעריאַלען און גאָלדענע מטבעות אַזאַ באַרג, פּונקט אַזאַ באַרג ווי אויף דער „פּוטערוואָד" אונטער די באַלאַגאַנען! ווען ער לעבט דאָן, מיינט עס, אַז ער האָט אַלע מעגליכקייטען! ווער איז שולדיג, וואָס ער פֿאַרשטעהט עס ניט?

„אָ, איצט איז מיר שוין אַלץ איינס, איצט האָב איך שוין קיין צייט ניט בייז צו זיין, נור דאָן, דאָן ווידערהאָל איך, האָב איך בוכשטעבליך געביסען אין די נעכט די קיסען און געריסען די קאָלדרע פֿון רציחה. אָ, ווי איך האָב דאַן געטרוימט, ווי האָב איך געוואָלט, ווי אָרמישנע האָב איך געוואָלט, אַז מען זאָל מיך דעם אָבצעניעהריגען, אַ כמעט נאַקעטען, אַ כמעט בלויזען, אַרויסטרייבען פּלוצלינג אויפֿ'ן גאַס און איבערלאָזען אין גאַנצען איינעם אליין, אָהן אַ קוואַרטיר, אָהן אַרבייט, אָהן אַ שטיקעל ברויט, אָהן קרובים, אָהן קיין באַקאַנטען מענשען, אין דער גרעסטער שטאָדט, אַ הונגעריגען, אַ דערשלאָגענעם (דאָס איז בעסער!) נור אַ געזונטען און דאָ וואָלט איך באַוויזען...

— וואָס וואָלסטו באַוויזען?

— צו דען מיינט איהר, אַז איך וויים ניט, אַז איך האָב זיך שוין

אזוי אויך געגוג זיך ערנידעריגט מיט „מיין ערקלעהרונג"! נו, ווער וועט עס מיך ניט פאַררעכענען פאר א שנעק, וועלכער וויים ניט דאָס לע־בען, פאַרגעסענדיג, אז מיר איז שוין אכצעהן יאָהר; פאַרגעסענדיג אז אזוי לעבען ווי איך האָב געלעבט אין די דאָזיגע זעקס מאָנאטען, מיינט, האָבען גרויע האָר! נור זאָל מען לאַכען און זאָגען, אז דאָס אלץ זיינען באָבע־מעשיות. איך האָב מיט דעם אָנגעפילט מיינע גאַנ־צע נעכט כסדר; איך געדענק זיי איצט אלע.

„נור צו דען דאַרף איך זיי איצט נאָכאמאָל איבערדערצעהלען,— איצט, ווען אויך פאר מיר איז שוין אוועק די צייט פון מעשיות? און דערצו, האָב איך דאָך דאן געפונען אין זיי א טרויסט, ווען איך האָב קלאָהר געזעהן, אז מען האָט מיר אפילו פאַרבאָטען צו לערנען די גריי־כישע גראַמאַטיק, דאן איז עס מיר איינגעפאַלען: „איך וועל שטאַר־בען נאָך איידער איך וועל צוקומען צום סינטאַקסיס." האָב איך א טראַכט געטאָן ביי דעם ערשטען זייטעל, און ארונטערגעוואָרפען דעם בוך אונטער'ן טיש. ער וואַלגערט זיך איצט נאָך אויך דאָרטען. איך האָב פאַרבאָטען מאַטרענען איהם אויפצוהויבען.

„זאָל יענער, וועמען עס וועט ארייגפאַלען אין האַנט מיין „ער־קלעהרונג", און ביי וועמען עס וועט קלעקען געדולד איהם איבער־צולייענען, מיך רעכענען פאר א משוגענעם, אדער אפילו פאר א גימנ־נאַזיסט. אבער ריכטיגער פאר אלץ פאר א צום טויט פאר'משפט'ען, וועלכען עס האָט זיך נאַטירליך אָנגעהויבען ארויסוויזען, אז אלע מענשען, אויסער איהם, האַלטען זעהר וועניג טהייער דאָס לעבען, האָ־בען זיך גענומען אויף א צו ביליגען אופן איהם אוועק'פטר'ן. צופיעל פויל, צופיעל אָהן געוויסען באַנוצען זיך מיט איהם. און דאָס מיינט, אז אלע ביז איינעם זיינען איהם ניט ווערטה! און וואָס אין דערפון? איך ערקלעהר, אז מיין לעזער מאכט א טעות, און אז מיין איבערציי־גונג איז אין גאַנצען אונאבהענגיג פון מיין טויט־אורטהייל. פרעגט, פרעגט זיי נור, ווי אזוי זיי אלע, אלע ביז איינעם, פאַרשטעהן, וואָס ס'מיינט גליק? אָ, איהר מעגט זיין זיכער, אז קאָלומבוס איז געווען גליקליך, ניט דאן ווען ער האָט ענטדעקט אמעריקא, נור ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג זי צו ענטדעקען; זייט זיכער, אז דער סאמע העכסטער מאָמענט פון זיין גליק איז געווען, מעגליך דריי טאָג פאר

דער ענטדעקונג פון דער נייער וועלט, ווען די צובונטעוועטע מאנשאפט האָט פון פארצווייפלונג שיעור ניט פאַרקירעוועט די שיף צוריק אין איירָאפּא! ניט וועגען דער נייער וועלט האנדעלט זיך דאָ, אפילו ווען ער ענטדעקט זי ניט. קאָלומבוס איז געשטאָרבען, כמעט ניט אָנקוקענדיג איהר, און אין דער ווארהייט ניט וויסענדיג, וואָס ער האָט ענטדעקט. דאָ האנדעלט זיך די הויפּטזאך וועגען לעבען, בלויז וועגען לעבען, — אין איהרע אונאויפהערליכע און אייביגע ענטדעקונגען. אָבער ניט אין דער ענטדעקונג! נור וואס איז דאָ צו רעדען! איך פאַרדעכטיג, אז דאָס אלץ וואס איך רעד איצט, איז אזוי ענהליך אויף די אלגעמיינע פראזען, אז מען וועט מיך זיכער פאַררעכענען פאר א שילער פון די נידעריגע קלאַסען, וועלכער מאַכט זיין „ווערק" וועגען „זונען־אויפגאנג", אָדער מען וועט זאָגען, אז אפשר האָב איך געוואָלט עפּעס ארויסזאָגען, נור ביי מיין גאנצען ווילען האָב איך ניט געקאָנט... „זיך ערקלעהרען". אבער פונדעסטוועגען וועל איך צוגעבען, אז אין יעדען געניאלען אדער נייעם מענשליכען געדאנק, אָדער אייגפאך אפילו אין יעדען ערנסטען מענשליכען געדאנק, וועלכער ווערט געבוירען אין וועמענס ס'איז קאָפּ, בלייבט שטענדיג עפּעס וואָס איבער, וואס מען קען ניט איבערגעבען צו אנדערע מענשען, כאָטש איהר זאָלט האָבען אָנגעשריבען גאַנצע בענדער און געקנעלט אייער געדאנק גאנצע פינף און דרייסיג יאָהר; אימער וועט בלייבען אזוינס, וואָס וועט בשום אופן ניט וועלען אַרויסגעהן פון אייער קאָפּ און וועט בלייבען מיט אייך אייביג; מיט דעם וועט איהר שטאַרבען, ניט איבערגעבענדיג, קען געבען, קיינעם ניט, דעם הויפּט אינהאַלט פון אייער אידעע. נור אויב איך האָב איצטער אויך ניט געקענט איבערגעבען דאָס אלץ וואָס האָט מיך געפּייניגט די לעצטע זעקס מאָנאַטען, וועט מען לכל הפחות פאַרשטעהן, אז דערגרייכענדיג מיין איצטיגע „לעצטע איבערציינונג" האָב איך מעגליך צו טהייער באצאָהלט דערפאר; אט דאָס האָב איך געפונען פאר נויטיג, צוליב מיר באקאנטע צוועקען, מאַכען באקאנט אין „מיין ערקלעהרונג".

נור פונדעסטוועגען זעץ איך פאָר.

זעקסטער קאַפּיטעל.

איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען: די ווירקליכקייט האָט מיך אויך געוואָלט כאַפּען אויף איהר האַקען, אין די דאָזיגע זעקס מאָנאַטען. און אויף אַזוי פיעל אַריינגעשלעפּט, אַז איך האָב פאַרגעסען וועגען מיין אורטהייל, אָדער בעסער געזאָגט, ניט געוואָלט וועגען איהם טראַכטען און אפילו זיך גענומען פאַראינטערעסירען אין געוויסע אָנ־געלעגענהייטען. ביי דער געלעגענהייט, וועל איך אייך דערצעהלען וועגען מיין דאָמאָלסדיגען שטייגער פון לעבען: ווען איך בין מיט אַ מאָנאַטען אַכט שוין געוואָרען זעהר קראַנק, האָב איך איבערגעריסען אַלע מיינע באַציהונגען און איבערגעלאָזט אַלע מיינע געוועזענע חברים. אַזוי ווי איך בין שטענדיג געווען אַ מענש אַ זעהר פאַרצאָ־רענטער, האָבען די חברים מיך לייכט פאַרגעסען; געווים וואָלטען זיי מיך פאַרגעסען אָהן דער אורזאַכע אויך. מיין צושטאַנד אין דער היים, דאָס הייסט אין „דער פאַמיליע“ איז אויך געווען זעהר אַן איינזאַמער. מיט פינף מאָנאַטען צוריק האָב איך זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַר־שלאָסען אינווענינג און זיך אָפּגעטיילט פון די פאַמיליע אין גאַנצען. מיך האָט מען שטענדיג געפאָלגט, און קיינער האָט ניט געוואָגט אַריינ־צוקומען צו מיר, אויסער נור אין דער באַשטימטער צייט, צוצוקלייי־בען דעם צימער, און ברענגען מיר עסען. מיין מוטער האָט זיך גע־טרייסעלט פאַר מיינע באַפעהלען, און זי פלעגט אפילו פאַר מיר ניט וואָגען צו מאַכען פּיסקעס, ווען איך האָב זי אָפּטמאָהל ערלויבט אַריינ־צולאָזען צו מיר. די קינדער האָט זי שטענדיג צוליב מיר געשלאָגען. אַז זיי זאָלען ניט טומלען און מיך ניט באַאומרוהיגען; איך פלעג זיך דאַן גאַנץ אָפט באַקלאָגען אויף זייער טומעל; אַך, מוזען זיי עס מיך איצט ליעב האָבען! דעם „געטרייען קאָליא“, ווי איך האָב איהם גערופען, דענק איך, אַז איך האָב אויך גענוג געפּייניגט. די לעצטע צייט האָט ער מיך אויך געפּייניגט: דאָס אַלץ איז געווען נאַטירליך, מענשען זיינען באַשאַפען געוואָרען כדי איינע די צווייטע צו פּייני־גען. נור איך האָב באַמערקט, אַז ער טראָגט איבער מיינע משוגעת'ן אויף אַזאַ אויפן, ווי ער וואָלט זיך פריהער געגעבען אַ וואָרט צו האָבען מיטלייד מיט אַ קראַנקען. נאַטירליך, אַז דאָס האָט מיך אויפגעגרעגט.

נור מיר דוכט זיך, אז ער האָט געוואָלט נאָכמאַכען דעם פירשט אין „קריסטליכער גוטסקייט“, א זאך, וואס איז שוין געווען אביסעל קאָמיש. דער דאָזיגער אינגעל איז א יונגער און היציגער, און געוויס מאכט ער אלעמען נאָך; נור מיר האָט זיך אָפּט אויסגעדוכט, אז שוין צייט ער זאָל אָנהויבען לעבען מיט אייגענעם שכל. איך האָב איהם זעהר ליעב. געפּייניגט האָב איך אויך סוריקאָווען, וועלכער וואוינט איבער אונז, און וועלכער לויפט טאָג און נאכט מיט פרעמדע שליחות'ן; איך האָב איהם שטענדיג באוויזען, אז ער איז אליין שול־דיג אין זיין אָרימקייט, אזוי דאָס ער האָט זיך ענדליך איבערגעשראָ־קען און אויפגעהערט קומען צו מיר. דאָס איז זעהר אַן אונטערטהע־ניגער מענש. די אונטערטהעניגסטע באַשעפּעניש. (נ. ב. מען זאָגט, אז אונטערטהעניגקייט איז זעהר א שרעקליכע קראַפט; מען דארף פרעגען וועגען דעם ביים פירשט, דאָס איז זיין אייגענער אויסדרוק). נור ווען איך בין אין דעם מאָנאַט מערץ ארויף צו איהם אין דער הויך, אום א קוק צו טאָן, ווי אזוי זיי האָבען לויט זיינע ווערטער „פאַרפרוירען צום טויט“ א קינד, און איך האָב אונווילענדיג א שמייכעל געטאָן אויף דעם קערפּערל פון זיין עופה'לע, ווייל איך האָב ווידער אָנגעהויבען ערקלעהרען סוריקאָווען, אז ער „אליין איז שולדיג“, האָבען ביי דעם דאָזיגען גאָרנישט, פּלוצלינג אָנגעהויבען ציטערען די ליפּען און ער האָט מיט איין האנט מיך אָנגעכאַפּט ביים אקסעל, מיט דער צווייטער מיר אָנגעוויזען די טהיר און שטיל, דאָס הייסט שיעור ניט שעפּטשענדיג, א זאָג געטאָן: „געהט אייך!“ איך בין ארויס, און מיר איז דאָס זעהר געפעהלען געוואָרען, אפילו אין דער מינוט, ווען ער האָט מיך ארויסגעפיהרט; נור זיינע ווערטער האָבען דערנאָכדעם, ווען איך האָב זיך אָן זיי דערמאָהנט, געמאכט אויף מיר א שווערען איינדרוק, פון עפּעס א מאָדנער צו איהם פאַראַכטענדער רחמנות, וועלכע איך האָב גאר ניט געוואָלט פיהלען, אפילו אין דער מינוט פון אזא באלעדיגונג (איך פיהל דאָך, אז איך האָב איהם באַלעדיגט, כאָטש איך האָב דאָס גאָר ניט געוואָלט), אפילו אין אזא מי־נוט האָט דער דאָזיגער מענש ניט געקענט אין כעס ווערען! די ליפּען האָבען ביי איהם דאן אָנגעהויבען ציטערען, גאָר ניט פון כעס, איך קען דערויף שווערען, און געכאַפּט האָט ער מיך פאַר'ן האנט און ארויסגעזאָגט זיין פאַראכטפאָלען: „געהט אייך“ גאָר אָהן כעס. עהר־

ווירדיגקייט איז געווען אפילו א סך, און ס'האט איהם אפילו ניט גע־פאסט (אזוי דאס איז אמת'ן איז דא געווען זעהר פיעל קאמישעס). נור קיין בעס איז ניט געווען. מעגליך, אז ער האט פלוצלינג איינפאך מיך אנגעהויבען פאראכטען. פון דאן אן האב איך איהם צוויי־דריי מאל באגעגענט אויף די טרעפ, און ער האט פלוצלינג אנגעהויבען פאר מיר ארונטערנעהמען די היטעל, א זאך, וואס ער האט פריהער ניט געטאן, נור דערפאר האט ער זיך שוין ניט אפגעשטעלט ווי פריהער, נור דורכגעלאפען א פארשעהמטער פארביי. אויב ער האט מיך פאר־אכטעט, האט ער דאס פונדעסטוועגען געטאן אויף זיין אופן: ער האט „פאראכטעט מיט אונטערטהעניגקייט". און אפשר האט ער ארונטערגענומען די היטעל איינפאך פון מורא, ווי פאר דעם זון פון דער, וואס בארגט איהם געלט, ווייל ער האט שטענדיג גע־בארגט געלט ביי מיין מוטער און בשום אופן ניט געקענט זיך ארויס־קאראבקען פון חובות, און דאס איז הפנים די ריכטיגע אורזאכע. איך האב געוואלט זיך מיט איהם דורכשמועסען, און איך ווייס אויף זי־כער, אז ער וואלט אין צעהן מינוט ארום ביי מיר גענומען בעטען ענט־שולדיגונג, נור איך האב בארעכענט, אז בעסער זאל איך איהם ניט טשעפען.

„אט די גאנצע צייט, דאס הייסט ארום דער צייט, ווען סוריקאוו האט „פארפרוירען צום טויט" זיין קינד, ארום האלבען מערץ, איז מיר פלוצלינג געווארען אסך בעסער, און אזוי האט עס אנגעהאלטען א פאר וואכען. איך האב אנגעהויבען ארויסצוגעהן אממעהרסטענס, צו אווענט צו, איך האב ליב געהאט די מערץ־פארנאכטען, ווען עס הויבט אן ווערען קאלט, און מען צינדט אן די לאמפען; געהן פלעג איך אפט זעהר ווייט. איינמאל האט מיך אויף דער „שעסטי לא־וואטשנאי" מיך אנגעיאגט אין דער פינסטער עפעס איינער פון די „עהרווירדיגע", איך האב איהם גוט ניט געקענט באטראכטען; ער האט געטראגען עפעס וואס איינגעוויקעלט אין א פאפיר און געקליידט איז ער געווען אין עפעס א מאוסען מאנטעל, — ניט לויט'ן סיזאן נאך, זעהר א לייכטער. ווען ער האט זיך אויסגעגליכען מיט דער לאמטערנע, צעהן טריט פון מיר, האב איך באמערקט, אז ביי איהם איז עפעס ארויסגעפאלען פון קעשענע. איך האב זיך געאיילט אויפ־צוהויבען — און פונקט אין צייט, ווייל ס'איז שוין אונטערגעשפרונגען

עפּעס איינער אין א לאַנגען קאַפּטען, נור דערזעהענדיג די זאַך אין מיינע הענט, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, האָט פאַרביילויפענד אַריינ־געקוקט אויף מיינע הענט און איז פאַרשוואונדען. די זאַך איז געווען א גרויסער, סאַפּיאַנאָווער, אַן אַלטמאָדישער און שטאַרק אָנגעפּילטער טייסטער; נור איך ווייס ניט פאַר וואָס, נור מיר האָט גלייך פון אָנ־הויב געזאָגט דאָס האַרץ, אַז אין איהם איז דאָ אַלץ וואָס מען וויל, א חוץ געלט. דער מאַן, וואָס האָט עס פאַרלאָרען, איז שוין געווען א פערציג טריט פאַראויס מיר, און באַלד איז ער פאַרלאָרען געגאַנגען אין פּובליקום. איך האָב גענומען לויפען און איהם רופען, נור אַזוי ווי אויסער „עי!“ האָב איך גאָר גאָרנישט ניט געהאַט וואָס צו רופען, האָט ער זיך ניט אומגעקוקט. פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרקירעוועט לינקס, אין די טויערען פון איין הויז. ווען איך בין אַריינגעלאָפען אין טויער, וואו ס'איז געווען זעהר פינסטער, איז שוין קיינער ניט געווען. די הויז איז געווען א גרויסע, איינע פון יענע גרויסע הייזער, וועלכע ווערען געבויט פון אַפּעריסטען פאַר קליינע וואוינונגען; אין איינינגע פון אַזעלכע הייזער, געפינט זיך אַמאָל איבער הונדערט וואוינונגען. ווען איך בין אַריבערגעלאָפען די טויערען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אין דעם רעכטען, הינטערשטען ווינקעל פון דעם גרויסען הויף, געהט, דוכט זיך, א מענש, כאָטש צוליב דער פינסטערניש איז געווען שווער צו זעהן. צולויפענדיג ביז'ן ווינקעל, האָב איך דערזעהן אַן אַריינ־גאַנג אויף טרעפּ. די טרעפּ זיינען געווען שמאָלע, זעהר שמוציגע און גאָר ניט קיין באַלויכטענע, נור ס'האָט זיך געהערט, אַז אין דער הויך, איז נאָך אַרויפגעלאָפען א מענש איבער די טרעפּלאַך, און איך האָב זיך געלאָזען אויף די טרעפּ, רעכענענדיג, אַז ביז וואַנען מען וועט איהם אויפעפענען, וועל איך איהם אָניאָגען. אַזוי איז טאַקע געשעהן. די טרעפּ זיינען געווען קלייניניקע, צו זייער צאָהל האָט ניט גענומען קיין סוף, אַזוי דאָס ס'איז מיר שווער געווען אָפּצוכאַפּען דעם אָטהעם; די טהיר האָט מען אויפגעעפנעט און ווידער פאַרשלאָסען אויף דעם פינפטען גאָרען, איך האָב דאָס נאָך געטראָפען מיט דריי טרעפּ ני־דעריגער. אין דער צייט ווען איך בין געלאָפען, ביז וואַנען איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטהעם אויפ'ן בריקעל, ביז וואַנען איך האָב געזוכט דעם גלעקעל, זיינען אוועק עטליכע מינוט. ענדליך, האָט מיר גע־עפענט אַן אַלטע פרוי, וועלכע האָט אין א קליינטשינקער קיך געמאַכט

דעם סאַמאָוואר; זי האָט אויסגעהערט שווייגענדיג מיינע פראַגעז, האָט געוועהנליך גאר ניט פארשטאַנען, און האָט שווייגענד מיר אויפ־געעפענט די טהיר צו א צווייטען צימער, אויך א קלייניגקער, א שרעק־ליך נידעריגער, מיט דעם נויטיגסטען מעבעל, און מיט א ברייטער גרויסער בעט אונטער פאָרהאַנגלאַד, אויף וועלכער ס'איז געלעגען „טערענטיטש" (אזוי האָט איהם גערופען די אלטע), מיר האָט זיך אויסגעדוכט, א שיכור'ער. אויפ'ן טיש האָט געהאלטען ביים אויס־ברענען זיך א ליכטעל אין אן אייזערנעם נאַכט־לעמפעל און ס'איז געשטאַנען א גרויסע פלאַש כמעט א פוסטע. טערענטיטש האָט צו מיר עפּעס ליגענדיג, ארויסגעמעקעט, און אַנגעוויזען אויף נעקסטער טהיר און די אלטע איז אוועק אזוי, דאָס מיר איז קיין אנדער ברירה ניט געבליבען, ווי צו עפענען די דאָזיגע טהיר. אזוי האָב איך אויך געטאָן און אריין אין נעקסטען צימער.

דער צימער איז געווען נאָד אן ענגערער ווי דער פריהערדיגער, אזוי דאָס איך האָב אפילו ניט געוואוסט וואו זאָל איך זיך דאָ א דרעה טאָן. א שמאַלע בעט פאר איין מענשען איז געשטאַנען אין ווינקעל און פארנומען שרעקליך צופיעל פּלאַץ, די איבעריגע מעבעל איז באשטאַנען פון דריי פּראָסטע שטוהלען, פארלעגטע מיט אלערליי שמאַ־טעס און א זעהר פּראָסטער הילצערנער קיך־טיש, פאר אן אלטיטשקען קליענטשאטען דיוואַן, אזוי דאָס צווישען טיש און דיוואַן האָט מען כמעט ניט געקאָנט דורכגעהן. אויפ'ן טיש האָט געברענט אויך אזאַ אייזערנער נאַכט־לעמפּעל מיט א חלב־ליכטעל, פונקט ווי אין יענעם צימער, און אויפ'ן בעט האָט געפּישטשעט א פּיצעלע קינד, אורטהייי־לענדיג לויט דעם געשריי, ניט מעהר ווי א דריי־וואָכעדיגעס; איהם האָט געוויקעלט א קראַנקע און בלאַסע פרוי, דוכט זיך, א יונגע אין א שטאַרקען נעגליזשע, און וועלכע איז אפשר ערשט אויפגעשטאַנען פון קימפּעט. נור דאָס קינד האָט זיך ניט בארוהיגט און געשריען אין ער־ערוואַרטונג אויף דער מאַמעס מאָגערער ברוסט. אויפ'ן דיוואַן איז געשלאָפען א צווייטע קינד, א דריי יאָהריגע מיידעלע, צוגעדעקט, דוכט זיך, מיט א רעקעל. ביים טיש איז געשטאַנען א מאַן אין א זעהר אָן אָפּגעטראָגענעם סורטוק (ער האָט שוין ארונטערגענומען דעם מאַנטעל און ס'איז געלעגען אויפ'ן בעט) און האָט פאַנאַנדערגענומען א בלויען פּאַפּיר, אין וועלכען ס'איז געווען איינגעוויקעלט א קאָרען־ברויט פון

א פונט צוויי, און צוויי קליינע וואורשטלאך. אויפ'ן טיש, איז אויסער דעם, געווען א טשאיניק מיט טהיי און ס'האָבען זיך געוואַלגערט שטיקלאך ברויט. פון אונטער'ן בעט האָט ארויסגעקוקט א ניט פאַר־שלאָסענער טשעמאָדאן, און עס האָבען זיך ארויסגעשטעקט צוויי פּעק־לאך מיט שמאטעס.

„מיט איין וואָרט, ס'איז געווען א שרעקליכע אונאָרדנונג, מיר האָט זיך פון ערשטען קוק אויסגעוויזען, אז זיי ביידע, אי דער מאן, אי די פרוי, — זיינען מענשען אנשטענדיגע, נור דורך אָרימקייט גע־בראכט צו דעם נידעריגען צושטאנד, און וועלכע די אונאָרדנונג באַ־הערשט ענדליך יעדען פארזוך מיט איהר צו קעמפפען און זי ברענגט אפילו מענשען צו דער ביטערער נויטווענדיגקייט צו געפינען אין דער דאָזיגער אונאָרדנונג, וועלכע איז געוואַרען גרעסער פון טאָג צו טאָג, עפּעס א ביטערען און אזא ראכע־נעהמענדען געפיהל פון פארגעניגען.

ווען איך בין אריינגעקומען, האָט דער דאָזיגער מאן, וועלכער איז נור וואס אריין פאר מיר, און וועלכער האָט פאנאנדערגענומען זיינע זאפּאסען, זיך וועגען עפּעס האסטיג און היציג דורכגערעדט מיט דער פרוי; יענע, כאָטש זי האָט נאָך ניט געענדיגט דאס וויקלען, נור זי האָט שוין אוספּעיעט צו מאכען פּיסקעס. די נייעס, וואס ער האָט געבראכט, זיינען הפּנים געווען שלעכטע, ווי דער שטייגער איז. דער גענזיכט פון דעם דאָזיגען הערר, וועלכער האָט אויסגעקוקט צו זיין א מאן פון א יאָהר אכט און צוואנציג, איז געווען דונקעל און טרוקען און ארומגערינגעלט מיט שווארצע באקענבארדען, מיט אן אָפּגערא־זירטער ביז צום גלאָנצען, מאָרדע, האָט זיך מיר אויסגעוויזען צו זיין זעהר אן אנשטענדיגער און אפילו אן אנגענעהמער. ער איז געווען אָנ־געכמורעט, מיט א שווערען בליק, נור עפּעס ווי מיט א קרענקליכען סמן פון גאוה, וועלכע ווערט זעהר שנעל אויפגערעגט. ווען איך בין אריינגעקומען, איז פאָרגעקומען א מאָדנע סצענע.

„עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע געפינען אין זייער אויפגערעגטען באַליידיגונגס־געפיהל א גרויסען פארגעניגען. און הויפּטזעכליך ווי ער גרייכט ביי זיי (וועלכע פּאסירט זעהר האסטיג). ביי דער העכסטער שטופע, אין דעם אויגענבליק, דוכט זיך זיי אפילו, אז ס'איז פאר זיי פיעל אנגענעהמער צו זיין באַלעדיגט ווי ניט באַלעדיגט. אָט די אויפ־

געראָטעט מענשען מוטשען זיך נאָכדעם שרעקליך מיט חרטה, ווען זיי זיינען קלוגע, און זיי זיינען אימשטאַנד צו פאַרשטעהן, אז זיי האָבען זיך צוהיצט אויף צעהן מאָהל אזוי פיעל מעהר ווי מען באַדאַרף. דער דאָזיגער הערר האָט א געוויסע צייט אויף מיר געקוקט מיט פאַרוואונ־דערונג, און די פרוי מיט שרעק, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען א שרעק־ליכער וואונדער, אז צו זיי האָט געקענט עמיצער אריינקומען. נור פּלוצלינג איז ער ארויפגעפאַלען אויף מיר שיעור ניט מיט ווילדקייט; איך האָב נאָך ניט אוספּעיעט צו ארויסרעדען א וואָרט און ער, דער־הויפּט דערזעהענדיג, אז איך בין אָנגעטאָן אנשטענדיג, האָט ער, ווייזט אויס, זיך שטאַרק באַלעדיגט, וואָס איך האָב געוואָגט אריינקוקען אין זיין ווינקעל און דערזעהן די גאַנצע עקעלהאַפטעווירטשאַפט. פאַר וועלכער ער האָט זיך אזוי געשעהמט. געוויס, האָט ער זיך דערפרעהט מיט דעם פאַל וואָס ער האָט כאָטש אויף וועמען ס'איז געקענט אויס־לאָזען זיין כעס פאַר זיין שלימזל. איין ווייל־ע האָב איך אפילו גע־דענקט, אז ער וועט זיך נעהמען שלאָגען; ער איז בלייך געוואָרען אַזוי ווי אין א פרויען־היסטעריקע און האָט שרעקליך איבערגעשראָקען דער ווייב.

„—ווי האָט איהר געוואָגט אריינקומען? — ארויס! — האָט ער געשריען, ציטערענדיג און אפילו קוים אויסרעדענדיג די ווערטער. נור פּלוצלינג האָט ער דערזעהן אין מיין האַנט זיין טייסטער.

— דוכט זיך, איהר האָט עס פאַרלאָרען, — האָב איך ווי מעג־ליך געזאָגט וואָס רוהיגער און טרוקענער (אזוי איבעריגענס, האָט מען אויך געדאַרפט).

„יענער איז געשטאַנען פאַר מיר אין אמת'ן שרעק און א געוויסע צייט האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי ער וואָלט מיך גאָר ניט פאַרשטאַ־נען; דערנאָך האָט ער זיך האַסטיג א כאַפּ געטאָן פאַר זיין זייטען־קעשענע, פון שרעק אויפגעעפענט דעם מויל און זיך געגעבען א קלאַפּ מיט'ן האַנט אין שטערען.

„—גאָט מיינער! וואו האָט איהר עס געפונען? ווי אזוי?

„איך האָב ערקלעהרט מיט די סאַמע קורצסטע ווערטער און ווי מעגליך נאָך טרוקענער, ווי אזוי איך האָב אויפגעהויבען דעם טייסטער, ווי אַזוי איך בין געלאָפען און איהם גערופען און ווי ענדליך לויט אן

איינפאַל און כמעט טאַפּענדיג בין איך איהם נאָכגעלאָפען אויף די טרעפּ.

„—אָ, גאָט מיינער! — האָט ער אויסגעשריען, זיך ווענדענדיג צו דער ווייב — דאָ זיינען אַלע אונזערע דאָקומענטען, דאָ זיינען מיינע לעצטע אינסטרומענטען, דאָ איז אַלץ... אָ, געעהרטער הערר, ווייסט איהר וואָס איהר האָט פאר מיר געטאָן? איך וואָלט דאָך געווען א פאַר־לאָרענער מענש!

„איך האָב זיך דערווייל געכאַפּט פאר דער הענטעל פון טהיר, אום אוועקצוגעהן אָהן אן ענטפער; נור מיר אליין האָט געפעהלט אָטהעם און פּלוצלינג האָט מיין אויפרעגונג אויסגעפּלאַצט אין אַזאַ שטאַרקען הוסט, אזוי אז איך האָב קוים געקענט איינשטעהן. איך האָב געזעהן ווי דער מאַן האָט זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען אום צו גע־פינען פאר מיר א לעדיגען שטוהל, ווי ער האָט ענדליך אראָפּגעכאַפּט פון איין שטוהל די שמאַטעס, א וואָרף געטאָן זיי אויפ'ן דיל, און איי־לענדיג מיר דערלאַנגט א שטוהל, פאַרזיכטיג מיך אוועקגעזעצט. נור איך האָב פאָרטגעזעצט צו הוסטען נאָך א מינוטען דריי. ווען איך בין געקומען צו זיך, איז ער שוין געזעסען לעבען מיר אויף א צווייטען שטוהל, פון וועלכען ער האָט אויך אודאי ארונטערגעוואָרפען די שמאַ־טעס אויפ'ן דיל און האָט זיך אין מיר שטאַרק איינגעקוקט.

„—איהר דוכט זיך... ליידעט? — האָט ער ארויסגערעדט אין יענעם טאָן מיט וועלכען עס רעדען געוועהנליך דאָקטוירים, צוקומענדיג צו א חולה, — איך אליין... בין א מעדעצינער... (ער האָט ניט גע־זאָגט, דאָקטאָר) און דאָס ארויסזאָגענדיג האָט ער צוליב עפּעס־וואָס מיר אָנגעוויזען מיט'ן האַנט אויף'ן צימער, אזוי ווי פּראָטעסטירענדיג געגען זיין איצטיגען צושטאַנד — איך זעה, אז איהר...

„—איך האָב שווינדזוכט, — האָב איך געזאָגט ווי מעגליך קירצער, און זיך אויפגעשטעלט.

„ער איז אויך גלייך אויפגעשפּרונגען.

„—אפשר מאכט איהר עס גרעסער ווי דאָס איז, און... אננעה־מענדיג מיטלען...

„ער איז געווען זעהר צוטומעלט און אַזוי ווי ער וואָלט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיך; דעם טייסטער האָט ער געהאַלטען אין דער לינקער האַנט.

„—אַ, באַאומרוהיגט זיך ניט, — האָב איך ווידער איבערגע־שלאָגען, כּאַפּענדיג זיך פאר דער הענטעל פון טהיר — מיר האָט לעצ־טע וואָך באטראכט ב—ן (ווידער האָב איך דאָ אריינגעמישט ב—ן),— און מיין שיקזאל איז באשלאָסען, ענטשולדיגט...

„איך האָב ווידער געוואָלט עפענען די טהיר און איבערלאָזען מיין פארשעהמטען, ארענטליכען דאָקטאָר, נור דער פארשאָלטענער הוסט האָט מיך פונקט ווידער אָנגעכאפּט. דאָ האָט מיין דאָקטאָר מיך גע־צוואונגען איך זאָל זיך ווידער צוזעצען אפּרוהען; ער האָט זיך גע־ווענדט צו דער פרוי און יענע ניט לאָזענדיג איהר פּלאַץ, האָט מיר אַ זאָג געטאָן עטליכע פיינע און אנגענעהמע ווערטער. דערביי האָט זי זיך זעהר פארשעהמט, אזוי דאָס אפילו די פארב האָט זיך צושפּילט אויף איהר בלייך־געלע, טרוקענע באַקען. איך בין געבליבען נור מיט אזא אויסזעהן, וועלכער האָט יעדע רגע געוויזען, אז איך שרעק זיך זעהר זיי מאכען אונבאקוועם (אזוי האָט מען געדארפט) מיין דאָק־טאָרס חרטה האָט איהם ענדליך פארמוטשעט, איך האָב דאָס געזעהן.

„—אויב איך... — האָט ער אָנגעהויבען אלע ווילע איבעררייסענדיג און פארהאַקענדיג זיך — איך בין אייך אזוי דאנקבאר און איך פיהל זיך אזוי שולדיג קעגען אייך... איך... זעהט איהר... — ער האָט ווידער אָנגעוויזען אויפ'ן צימער — אין דער איצטיגער מינוט געפין איך זיך אין אזא לאגע...

„—אַ, — האָב איך געזאָגט — ס'איז דאָ ניט דאָ וואס צו זעהן; ס'איז אַ באקאנטע זאך; איהר האָט אודאי געמוזט פארלירען אַ פּלאַץ און איהר זייט געקומען מאכען ערקלעהרונגען און ווידער זוכען אַ פּלאַץ?

„—פון וואַנען... ווייסט איהר דאָס? — האָט ער געפרעגט מיט פארוואונדערונג.

„—מען זעהט עס פונ'ם ערשטען בליק, — האָב איך געענטפערט ניט ווילענדיג מיט שפּאָט, — אהער קומען פיעלע פון דער פּראָווינץ מיט האָפנונגען, זיי לויפען אום און אָט אזוי לעבען זיי.

„ער האָט פּלוצלינג זיך צורעדט מיט היץ און מיט ציטערדיגע ליפּען, ער האָט אָנגעהויבען באקלאָגען זיך, גענומען דערצעהלען און איך בין זיך מודה, ער האָט מיך פאראינטערעסירט; איך בין ביי איהם אפּגעזעסען כמעט אַ שטונדע. ער האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון

זיין לעבען; איבעריגענס א זעהר געוועהנליכע. ער איז געווען א דאָק־טאָר אין א גובערניע, געהאט א רעגירונגס־שטעלע, נור דאָ האָבען זיך אנגעהויבען איגטריגען, אין וועלכע מען האָט אפילו אריינגעמישט זיין פרוי. ער האָט זיך צוהיצט. עס איז פארגעקומען אן ענדערונג אין דער גובערנסקער נאַטשאַלסטווא צו גונסטען פון זיינע פריינד. איהם האָט מען אונטערגעגראָבען, פאר'מסר'ט, ער האָט פארלאָרען זיין פלאַץ און אויף די לעצטע געלט געקומען אין פעטערבורג צו מאַ־כען אן ערקלעהרונג; אין פעטערבורג, פארשטעהט זיך, האָט מען איהם א לאַנגע צייט ניט געוואָלט אויסהערען, דערנאָך האָט מען איהם אויס־געהערט, דערנאָך האָט מען איהם געענטפערט מיט אן ענטזאַגונג. דערנאָך פארמאַניעט מיט צוזאָגונגען, דערנאָך געענטפערט מיט שטרענגקייט, דערנאָך האָט מען איהם געהייסען עפעס־וואָס אנשריי־בען אלס ערקלעהרונג, דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעהמען דאָס וואָס ער האָט אויפגעשריבען. מען האָט איהם געהייסען דערלאַנ־גען א ביטע. — ער איז ארומגעלאָפען שוין דעם פינפטען מאָנאַט. האָט אלץ אויפגעגעסען; דער ווייבס לעצטע שמאַטעס זיינען פאר־זעצט געוואָרען און דאָ איז געבאָרען געוואָרען א קינד און, און... היינט האָט ער געקראָגען די ענדליכע ענטזאַגונג אויף דער דערלאַנגטער ביטע און איך האָב כמעט קיין ברויט ניט, איך האָב גאָר נישט ניט, די ווייב האָט געבוירען. איך, איך...

„ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך אָפּגעקעהרט. די ווייב האָט געוויינט אין ווינקעל, דאָס קינד האָט ווידער אָנגעהויבען פּיש־טשען. איך האָב ארויסגענומען מיין נאָטיץ־ביכעל און גענומען אין איהם פארשרייבען. ווען איך האָב געענדיגט, איז ער געשטאַנען פאר מיר און געקוקט מיט שרעקעדיגער נייגעריגקייט.

„—איך האָב פארשריבען אייער נאָמען, — האָב איך איהם גע־זאָגט — נו, און דאָס איבעריגע: אייער דיענסט־פּלאַץ, דעם נאָמען פון אייער גובערנאַטאָר, דעם דאַטום, די מאָנאַטען. איך האָב א חבר, נאָך פון שולע באַכמוטאָוו, און ער האָט אן אָנקעל פּעטער מאַטוויי־איוויטש באַכמוטאָוו, אן אמת'ער סטאַטסקער ראַטהגעבער און ער דינט אלס דירעקטאָר...

„—פּעטער מאַטווייעוויטש באַכמוטאָוו! — האָט אויסגעשריען

מיין דאָקטאָר, שיעור ניט טרייסלענדיג זיך — פון איהם טאקע ווענדט זיך דאָך כמעט די גאַנצע זאַך!

אין דער אמת'ן אין דער געשיכטע פון מיין דאָקטאָר און אין איהר אויסלאָז, וועלכע איך האָב ניט ווילענדיג ארויסגעהאָלפען, האָט זיך אַלץ צוזאַמענגעטראָפען און צוזאַמענגעלעגט גלייך, ווי מען וואָלט עס אומישנע צוגעגרייט, פונקט ווי אין א ראָמאַן. איך האָב געזאָגט די דאָזיגע אָרימע מענשען, אז זיי זאָלען זיך מיהען, ניט צו לעגען אויף מיר קיין האָפענונגען, אז איך אליין בין אן אָרימער גימענאזיסט (איך האָב אומישנע פארגרעסערט די ערנידערונג, כאָטש איך האָב שוין לאַנג געענדיגט דעם קורס און איך בין שוין ניט געווען קיין גימענאַזיסט), און אז מיין נאָמען איז פאר זיי ניט נויטיג צו וויסען, נור אז איך וועל שוין אוועק אויף דעם וואסילעווסקין אינזעל, צו מיין חבר באכמוטאָוו, און אזוי ווי איך וויים אויף זיכער, אז מיין אָנקעל, דער אמת'ער סטאַטסקער ראטה־געבער, איז א בחור און האָט ניט קיין קינדער און ער האָט זעהר ליב זיין פּלעמיאַניק, זעהענדיג אין איהם די לעצטע צווייג פון זיין פאַמיליע, דאָ, „קען געבען, אז מיין חבר וועט עפּעס קענען טאָן פאר אייך און פאר מיר, ביי זיין אָנקעל“...

„—דער עיקר, אז מען זאָל מיך לאָזען זיך דורכרעדען מיט זיין עקסעלענץ! ווען מען זאָל מיר נור געבען די עהרע צו זאָגען א פּאָאָר ווערטער! האָט ער אויסגעשריען, ציטערענדיג ווי אין פיבער און מיט בליצענדע אויגען. ווידערהאָלענדיג א צווייטען מאָל, אז די זאַך וועט זיכער פּלאַצען און אַלץ וועט זיך ארויסווייזען אלס דומהייט, האָב איך צוגעגעבען, און אויב איך וועל מארגען אין דער פריה, צו זיי ניט קומען, דאָן מיינט עס, אז די זאַך איז געענדיגט און אז זיי האָבען ניט אויף וואס צו וואַרטען. זיי האָבען מיך באגלייט מיט ווינשונגען. זיי זיינען כמעט געווען געריהרט פון זינען. איך וועל קיינמאָל ניט פאַר־געסען דעם אויסדרוק פון זייערע געזיכטער. איך האָב גענומען א פור־מאַן און איך בין גלייך אוועק אויף וואסילעווסקען אינזעל.

„מיט דעם דאָזיגען באכמוטאָוו'ן בין איך אין גימענאַזיע אין פארלויף פון אייניגע יאָהרען, געווען שטענדיג צוקריגט. ער האָט זיך ביי אונז גערעכענט אלס אריסטאָקראַט. אמווינציגסטענס, האָב איך איהם אַזוי גערופען: ער האָט זיך רייך געקליידט, פלעגט קומען צופאָהרען אויף אייגענע פערד, אבער ער האָט זיך ניט געהאַלטען

גרויס און איז שטענדיג געווען א גוטער חבר. שטענדיג געווען אוי־ סערגעוועהנליך פרעהלאך און אייניגע מאָל אפילו זעהר שאַרפזיניג, כאָטש ער איז ניט געווען קיין גרויסער חכם, ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז שטענדיג געווען דער ערשטער שילער אין קלאס; איך אָבער בין אין גאָרנישט קיינמאָל ניט געווען דער ערשטער. אלע חברים האָבען איהם ליעב געהאט, אויסער איך איינער. ער איז פיעל מאָל אין פארלויף פון די יאהרען צוגעקומען צו מיר, נור איך האָב שטענדיג בייז און אָנגעבלאָזען פון איהם זיך אָפּגעקעהרט. איצט האָב איך איהם שוין ניט געזעהן ביי א יאָהר; ער איז געווען אין אוניווערזי־ טעט. ווען איך בין א זייגער נייען אריינגעקומען צו איהם (דערביי מיט גרויסע צערעמאָניעס; ווענגען מיר האָט מען געמאָלדען), האָט ער מיך אפריהער באַגעגענט מיט פארוואונדערונג, גאָר ניט העפליך, נור גלייך איז ער פרעהליכער געוואָרען און קוקענדיג אויף מיר, האָט ער זיך פלוצלינג צעלאכט.

„—וואס איז דאָס אייך איינגעפאלען צו קומען צו מיר, טערענ־ טיעוו? — האָט ער אויסגערופען, מיט זיין שטענדיגער ליבליכער גוטמוטיגקייט, אָפט חוצפה׳דיגע, נור קיינמאָל ניט קיין באַלעדיגענדע, וועלכע איך האָב אין איהם אַזוי ליב געהאט און פאר וועלכער איך האָב איהם אַזוי פיינט געהאט. — נור וואס איז דאָס — האָט ער אויסגעשריען א דערשראָקענער — איהר זייט אַזוי קראַנק!

„דער הוסט האָט מיך ווידער אויסגעמוטשעט, איך בין אריינגע־ פאלען אין א שטוהל און קוים געקענט אפכאפען דעם אָטעם.

„—באַאומרוהיגט זיך ניט, איך האָב שווינדזוכט, — האָב איך געזאָגט, — איך קום צו אייך מיט א בקשה.

„ער האָט זיך אוועקגעזעצט מיט פארוואונדערונג און איך האָב גלייך פאר איהם אויסגעלעגט די גאנצע געשיכטע מיט דעם דאָקטאָר און ערקלעהרט, אז ער אַליין, האָבענדיג א גרויסען איינפלוס אויפ׳ן אַנקעל, וואָלט אפשר עפּעס געקענט טאָן.

„—איך וועל טאָן, זיכער טאָן און מאָרגען שוין וועל איך באַ־ פאלען דעם אַנקעל! איך בין אפילו צופרידען און איהר האָט עס אַזוי שעהן דערצעהלט... נור ווי אַזוי איז דאָס טערענטיעוו אייך פּאָרט איינגעפאלען זיך ווענדען צו מיר?

„—אַז אייער אַנקעל ווענדט זיך דאָ פיעלעס און דערצו, זיינען

מיר באכמוטאוו אלע מאָל געווען פיינד, און אַזוי ווי איהר זייט א מענש אַן אָרענטליכער, האָב איך א טראַכט געטאָן, אַז איהר וועט א פיינד ניט אָפּזאָגען, — האָב איך צוגעגעבען מיט איראָניע.

„—פונקט ווי נאַפּאָלעאָן האָט זיך געווענדט צו ענגלאַנד! — האָט ער אויסגעשריען צעלאַכענדיג זיך — איך וועל טאָן, טאָן! איך וועל אפילו שוין גלייך געהן, אויב מעגליך! — האָט ער צוגעגעבען, זיך איילענדיג, דערזעהענדיג, אַז איך שטעה ערנסט און שטרענג אויף פון שטוהל.

„און אין אמת'ן, האָט די זאַך, גאָר אונערוואַרטעט ביי אונז זיך אָפּגעטאָן ווי מען דאַרף ניט בעסער. אין אנדערהאַלבען מאָנאַטען ארום האָט אונזער דאָקטאָר ווידער געקראָגען א פּלאַץ אין א צווייטער גר־בערניע, האָט געקראָגען די הוצאות, וואָס ער האָט געמאַכט, און אפילו שטיצע. איך פאַרדעכטיג, אַז באַכמוטאוו, וועלכער האָט זעהר ליב באַקומען זיי צו באַזוכען (אין דער צייט ווען איך האָב אומישנע אויפגעהערט געהן צו זיי און איך האָב אויפגענומען דעם דאָקטאָר, וועלכער פלעגט מיך באַזוכען פון צייט צו צייט כמעט טרוקען). באַכ־מוטאָוו, ווי איך פאַרדעכטיג, האָט אפילו איינגערעדט דעם דאָקטאָר ער זאָל ביי איהם נעהמען א גמילות חסד. מיט באַכמוטאָוו'ן האָב איך זיך געזעהן א פּאָר מאָל, אין די זעקס מאָנאַטען, און א דריטען מאָל, ווען מיר האָבען באַגלייט דעם דאָקטאָר. די באַגלייטונג האָט באַכמוטאָוו געמאַכט טאַקע ביי זיך אין הויז, אין דער פאָרם פון א מיטאָג מיט שאַמפּאַניער, אויף וועלכען ס'איז אויך געווען דעם דאָקטאָרס פרוי; איבעריגענס, איז זי זעהר שנעל אוועקגעפאָהרען צום קינד. דאָס איז געווען אין אָנפאַנג מאַי. דער אָווענט איז געווען א קלאָהרער. דער גרויסער קוגעל, די זון, האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין ים. באַכמוטאָוו האָט מיך אָפּגעפיהרט אהיים; מיר זיינען אוועק מיט דעם ניקאָלאָ־יעווסקען בריק; מירביידע זיינען געווען אביסעלע באַטרונקען. באַכ־מוטאָוו האָט גערעדט וועגען זיין שמחה, וואָס די זאַך האָט זיך אַזוי פיין געענדיגט, האָט מיר געדאַנקט דערפאַר, ער האָט ערקלעהרט, ווי אנגענעהם ס'איז איהם איצט נאָך אזא גוטע טהאַט. האָט מיך פאַר־זיכערט, אַז דער גאַנצער פאַרדינסט באַלאַנגט צו מיר. און אַז אומזיסט לערנען איצט פיעלע און פרעדיגען, אַז אַן איינצעלנע גוטע טהאַט איז גאָרנישט ווערטה. מיר האָט זיך אויך שרעקליך געוואָלט שמועסען.

„—ווער עס מאכט א פארשווערונג געגען איינצעלנע „הילף“, האב איך אנגעהויבען — דער מאכט א פארשווערונג אויף דער מענש־ליכער נאַטור און פאראכטעט זיינע פערזענליכע מעלות. נור די אָרגאַ־ניזירונג פון „אלגעמיינע צדקה“ און די פראגע וועגען פערזענליכע פרייהייט — זיינען צוויי באזונדערע פראגען, וועלכע שטערען ניט איינער דעם צווייטען. די איינצעלנע גוטע טהאט וועט בלייבען שטענ־דיג, ווייל דאָס איז די נויטוועגדיגקייט פון דירעקטען איינפלוס פון איין פערזאָן אויף דער צווייטער. אין מאָסקווע האָט געלעבט אן אל־טיטשקער, א גענעראל, דאָס הייסט אן אמת׳ער סטאטסקער ראטה־געבער, מיט א דייטשען נאָמען; ער האָט זיין גאנצען לעבען זיך ארומ־געשלעפט איבער אָסטראָגען און מיט פארברעכער; יעדע אריבער־געשיקטע קאָמפאַניע אין סיביר האָט שוין פריהער געוואוסט, אז אויף די „וואָראָבעיעווער בערג“ וועט זי באזוכען „דער אלטיטשקער גענע־ראל“. ער האָט געטאָן זיין זאך אויף דעם העכסטען אופן, ערנסט און פרום; ער איז געקומען, דורכגעגאנגען די רייהען פון די פארשיקטע, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר יע־דען איינעם, יעדען איינעם האָט ער געפרעגט וואָס איהם פעהלט. קיין לעקציעס האָט ער כמעט קיינמאָל ניט געגעבען. האָט זיי אלעמען גע־רופען „טהייערינקע“. האָט געטהיילט געלט, צוגעשיקט נויטיגע זאַ־כען. — זאָקען, לייוועגט, אייניגע מאָל צוגעשיקט נשמה־ערלויזענדע ביכלאך, און האָט זיי איינגעטהיילט צו יעדען, וואָס קען לעזען. מיט דער פולער איבערצייגונג, אז זיי וועלען זיי אין וועג לייענען, און אז דער וואָס קען לייענען, וועט זיי לייענען דעם וואָס קען ניט. וועגען פאַרברעכענס האָט ער זעהר ווייניג פאַנאַנדערגעפרעגט, בלויז נור אויס־געהערט. ווען דער פארברעכער האָט איהם אליין דערצעהלט. אלע פאַר־ברעכער זיינען פאַר איהם געווען גלייך, קיין אונטערשייד האָט ער ניט געמאַכט. ער האָט מיט זיי גערעדט ווי מיט ברידער, נור זיי האָבען צום סוף איהם אויך אָנגעהויבען רעכענען פאר א פאָטער. ווען ער האָט באמערקט עפּעס א פארשיקטע פרוי מיט א קינד אויף די הענט. איז ער צוגעקומען, געגלעט דאָס קינד, צו איהם געמאַכט חן׳דלאך, כדי יענער זאָל לאכען, אזוי האָט ער געהאנדעלט פיעלע יאָה־רען ביז זיין טויט; עס איז געקומען דערצו, אז מען האָט איהם גע־קענט איבער גאַנץ רוסלאַנד און איבער גאַנץ סיביר. דאָס הייסט אלס

פאַרברעכער. מיר האָט דערצעהלט איינער, וואָס איז געווען אין סי־ביר, אז ער אליין האָט געזעהן, ווי די סאַמע פאַרהאַרטעוועטע פאַר־ברעכער האָבען דערמאָהנט דעם גענעראל, און אונטערדעסען, האָט דער גענעראל, באַזוכענדיג א קאָמפּאַניע פאַרברעכער, קוים געקענט צו־טהיילען ניט מעהר ווי צוואַנציג קאָפּיקעס אויף א ברודער. אין אמת'ן האָט מען איהם ניט דערמאָהנט, אזוי צו זאָגען, מיט היץ אָדער צופיעל ערנסט. איינער פון די „אומגליקליכע“, וועלכער האָט דער'הרג'עט וועלכע וואָסערע צוועלף נפשות און געקוילעט זעקס קינדער, בלויז נור צוליב זיין פאַרגעניגען וועגען, אזעלכע זאָגט מען, זיינען זיי גע־ווען), האָט פּלוצלינג, מיר ניט, דיר ניט, ווען ניט איז און אפשר בלויז איין מאָל אין וועלכע ס'ניט איז צוואַנציג יאָהר, מיט אמאָל א קרעכץ געטאָן און געזאָגט: און וואָס מאַכט ערגעץ דער אַלטיטשקער, דער גענעראל, לעבט ער נאָך? און דערביי א שמייכעל געטאָן — ניט מעהר! וואָס פאַר א זאַמען עס האָט פאַרזעעט אין זיין נשמה אָט דער אַלטיטשקער גענעראל, וועלכען ער האָט ניט פאַרגעסען אין די גאַנצע צוואַנציג יאָהר? פון וואַנען ווייסט איהר, באַכמוטאַוו, וואָס פאַר א ווערטה עס וועט האָבען די באַהעפטונג פון איין פּערזאָן מיט דער צווייטער צו דער פאַראייניגונג פון דער פּערזענליכקייט? דאָ ליגט דאָך דאָס גאַנצע לעבען און אַן אונצעהליגע מאָסע באַהאַלטענע פאַרצוויי־גונגען. דער סאַמע בעסטער שאַך־שפּילער, דער סאַמע שאַרפסטער פון זיי קען בלויז אויסרעכענען פאַראויס עטליכע גאַנגען; וועגען איין פראַנצויזישען שפּילער, וועלכער האָט געקענט אויסרעכענען צעהן גאַנגען פאַראויס, האָט מען געשריבען ווי וועגען א וואונדער. וויפיעל זשע זיינען שוין דאָ פאַראַן גאַנגען און וויפיעל אונבאַקאַנטע? פאַר־זייענדיג אייער זאַמען, וואַרפענדיג אייער „נדבה“, אייער גוטע טהאַט אין אַזאַ אָדער אַזאַ פאָרם, גיט איהר אוועק א טהייל פון אייער פּער־זענליכקייט, און נעהמט אין זיך אריין א טהייל פון א צווייטער פּער־זענליכקייט; איהר באַהעפט זיך געמיינשאַפטליך איינער מיט'ן צוויי־טען; נאָך אביסעל אויפמערקזאַמקייט און איהר ווערט שוין באַלוינט מיט שכל, מיט די סאַמע אונערוואַרטעטע ענטדעקונגען. איהר וועט אונבאַדינגט ענדליך אָנהויבען קוקען אויף אייער טהאַט ווי אויף א וויסענשאַפט; זי וועט פאַרכאַפּען אייער גאַנץ לעבען און קען אָנפילען אייער גאַנץ לעבען. פון דער צווייטער זייט, וועלען אייערע געדאַנקען,

אלע פון אייך פאַרזעעטע זאַמען אפשר שוין פון אייך פאַרגעסענע, קריגען בלוט און פלייש און אויסוואַקסען; דער וואס האָט געקראָגען פון אייך, וועט איבערגעבען א צווייטען, און פון וואנען ווייסט איהר וואָס פאַר א חלק איהר וועט האָבען אין דער צוקונפטיגער ענטשיידונג פון דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט? ווען אבער דאָס וויסען און דאָס גאַנצע לעבען פון דער ארבייט, וועלען אייך אויפהויבען אויף אַזוי פיעל, אז איהר וועט האָבען די מעגליכקייט צו וואַרפען גרויסע זאַמען, איבערלאָזען דער וועלט, אלס ירושה, א גרויסען געדאנק, דאַן... אַט אזוי ווייטער. איך האָב דאַן זעהר פיעל גערעדט.

„— און דערביי דאַרף מען וויסען, אז אייך האָט מען עס אָפּגעזאָגט דאָס לעבען! — האָט מיט א היציגען פאָרוואורף צו עמיצען אויסגעשריען באכמוטאוו.

„אין דער מינוט זיינען מיר געשטאַנען אויפ'ן בריק, אנשפּאַרענדיג זיך אויף די אנלעהנונגען, און געקוקט אויף דער נעווא.

„—און ווייסט איהר וואָס מיר איז איינגעפאלען, — האָב איך געזאָגט נאָך מעהר איינבויגענדיג זיך איבער די אנלעהנונגען.

„—אפשר זיך אריינוואַרפען אין וואסער? — האָט אויסגעשריען באכמוטאָוו, שיעור ניט אין שרעק, — אפשר האָט ער איבערגעלייענט מיין געדאנק אויף מיין געזיכט.

„—ניין, דערווייל בלויז איין געדאנק, אַט איז ער! אַט בלייבט מיר איצט צו לעבען צוויי מאָנאַטען, אפשר דריי, נו, פיער; אָבער למשל, ווען עס וועט מיר בלויז בלייבען צוויי מאָנאַטען, און ווען איך וואָלט שרעקליך געוואָלט טאָן איין „גוטע טהאַט“, וועלכע עס וואָלט געפאָדערט ארבייט, א לויפעניש, און כלאָפּאָטען, אַט למשל ווי דער עסק פון אונזער דאָקטאָר, וואָלט איך דאָך אין אַזאַ פאַל געמוזט זיך אָפּזאָגען פון דעם, צוליב דעם מאנגעל אין צייט און אויסזוכען זיך א צווייטע „גוטע טהאַט“, א קלענערע, און וועלכע איז פאַר מיינע פּלייצעס. (ווען איך וואָלט שוין געמוזט טאָן א גוטע טהאַט) איהר וועט דאָך איינשטימען, אז דאָס איז א טשיקאַווער געדאנק!

„דער אָרימער באכמוטאוו האָט זיך באַאומרוהיגט פאַר מיר; ער האָט מיך צוגעפיהרט ביז'ן סאַמע הויז און איז געוועזן אַזוי עדעל, אז ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פארזוך מיך צו טרייסטען און ער

האָט כמעט כסדר געשוויגען. זיך זענענדיג מיט מיר, האָט ער מיר היים געדריקט די האַנט און געבעטען די ערלויבעניש מיך צו באַזו־כען. איך האָב איהם געענטפערט, אַז ווען ער וועט קומען צו מיר ווי א „טרייסטער" (ווייל אפילו ווען ער וואָלט אפילו געשוויגען, וואָלט ער אלץ געקומען ווי א טרייסטער, איך האָב איהם דאָס ערקלעהרט), איז וועט ער דאָך אלזא יעדען מאָל, מיך נאָך מעהר דערמאָהנען אַז טויט. ער האָט א ציה געטאָן מיט די אַקסלען, נור ער האָט מיט מיר איינגעשטימט; מיר האָבען זיך צושיידט זעהר עהרווירדיג, א זאַך, וואָס איך האָב אפילו ניט ערוואַרטעט.

„נור אין דעם אָווענט און אין דער נאַכט איז פאַרזעצט געוואָרען דער ערשטער זאָמען פון מיין „לעצטער איבערצייגונג". איך האָב זיך מיט גרויס חשק אַנגעכאַפּט אַן דעם דאָזיגען נ י י ע ם געדאַנק, מיט דורשט פאַנאַנדערגעקליבען אין זיך אין אַלע זיינע קליינינקיי־טען אין אַלע זיינע געשטאַלטען (איך האָב ניט געשלאָפען א גאַנצע נאַכט), און וואָס מעהר איך האָב זיך אין איהם פאַרטיפט, אַלץ מעהר האָב איך איהם אריינגענומען אין זיך, און אַלץ מעהר האָב איך זיך געשראָקען. א שרעקליכע מורא איז מיך ענדליך באַפאַלען און מיך ניט פאַרלאָזען אין די נאָכפאָלגענדע טעג. אייניגע מאָל דענקענדיג וועגען דעם דאָזיגען שטענדיגען שרעק מיינעם, ביז איך האָסטיג פאַרגליווערט געוואָרען פון א נייעם שרעק; לויט דעם דאָזיגען שרעק האָב איך גע־קענט דרינגען, אַז מיין „לעצטע איבערצייגונג" האָט זיך צו ערנסט פאַרזעצט אין מיר, און זי וועט אונבאַדינגט קומען צו איהר לייזונג. נור פאַר דער לייזונג האָב איך ניט געהאַט קיין מוטה. דריי וואָכען שפּעטער איז אַלץ געווען געענדיגט און מוטה איז געקומען, נור צוליב זעהר א מאָדנעם אומשטאַנד.

„דאָ אין מיין ערקלעהרונג באַצייכען איך אָט די אַלע ציפער און דאַטומס. פאַר מיר וועט עָס זיכער זיין דאָס זעלבע, נור א י צ ט (און עס קען געבען בלויז אין דער מינוט) ווינש איך אַז די וועלכע וועלען אורטהיילען וועגען מיין האַנדלונג, האָבען געקענט קלאָהר זעהן. פון וואָס פאַר א קייט פון לאָגישע אויספיהרונגען איז אויסגעוואַקסען מיין „לעצטע איבערצייגונג". איך האָב ערשט אויבען אָנגעשריבען, אַז דעם ענדליכען מוטה, וועלכער האָט מיר אויסגעפעהלט צו דער ער־פילונג פון מיין „לעצטער איבערצייגונג" איז אין מיר, דוכט זיך, פאַר־

געקומען גאָר ניט פון קיין לאָגישער אויספיהרונג, נור פון עפּעס א מאָדנעם שטויס, פון עפּעס א מאָדנעם אומשטאנד, אפשר אזא, וועלכער איז גאָרניט פארבונדען מיט דעם גאנג פון דער זאך. מיט א טאָג צעהן צוריק איז צו מיר פארגאנגען ראגאזשין צוליב זיינס אן אנגעלעגענהייט, וועגען וועלכער ס'איז דאָ איבעריג צו פאנאנדערשפרייטען זיך. איך האָב קיינמאָל ראגאזשינען ניט געזעהן, נור געהערט פון איהם האָב איך זעהר פיעל. איך האָב איהם געגעבען אלע נויטיגע אויסקינפטע און ער איז באלד אוועקגעגאנגען, און אזוי ווי ער איז בלויז געקומען צוליב אויסקינפטע, איז מיט דערמיט האָט זיך די זאך צווישען אונז ערלעדיגט. נור ער האָט צופיעל מיך פאראינטערעסירט, און יענעם גאנצען טאָג בין איך געווען אונטער דעם איינפלוס פון מאָדנע געדאנקען, אזוי דאָס איך האָב אויף מאָרגען באשלאָסען געהן צו איהם מיט א באזוך. ראגאזשין, ווייזט אויס, איז מיט מיר ניט געווען צופרידען, און ער האָט אפילו „עדעל" געגעבען אנצוהערעניש, אז מיר האָבען ניט צו וואָס צו פאָרטזעצען אונזער באקאנטשאפט. נור פונדעסטוועגען האָב איך פאָרבראכט זעהר אן אינטערעסאנטע שטונדע און, ס'איז צו גלויבען, אז ער אויך. מיר זיינען געווען אזעלכע קאָנטראסטען, וועלכע האָבען זיך געמוזט ווארפען אין די אויגען, דערהויפּט מיר: איך בין געווען א מענש, וועמענס לעבענס־טעג זיינען געצעהלטע, און ער — א מענש, וועלכער לעבט מיט דעם סאמע פולען אונמיטעלבארען לעבען, מיט דער איצטיגער מינוט, אָהן קיין שום זאָרג וועגען „די לעצטע אויספיהרונגען און ציפער, אָדער וועגען וואָס עס זאָל ניט געשעהן, וואס עס געהערט ניט דאָס אויף וואס... אויף וואָס... נו, כאָטש אויף דעם וואָס ער איז משוגע. זאָל מיר דער הערר ראגאזשין מוחל זיין דעם דאָזיגען אויסדרוק, כאָטש ווי צו א שלעכטען שרייבער, וועלכער קען ניט אויסדריקען זיינע געדאנקען. ניט קוקענדיג אויף זיין גאנצער אומפריינדליכקייט, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז ער איז א מענש מיט פארשטאנד, און ער קען פיעלעס פארשטעהן. כאָטש איהם אינטערעסירען אזוי ווייניג זייטיגע זאכען. איך האָב איהם ניט געגעבען קיין אָנצוהערעניש וועגען מיין „לעצטער איבערצייגונג", נור מיר האָט זיך, כ'וויים ניט פארוואס, אויסגעדוכט, אז ער האָט הערענדיג מיך, דאָס געטראָפען. ער האָט געשוויגען. ער איז א שרעקליכער שווייגער. איך האָב איהם פאר'ן אוועקגעהן געגעבען

אַנצוהערניש, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען אונטערשייד צווי־
שען אונז, און אויף אַלע געגענזעצע Les extremites se touch
(איך האָב איהם דאָס געגעבען צו פאַרשטעהן אין רוסיש), אַזוי, דאָס
עס קען געבען, אַז ער אַליין, ווייזט אויס, איז אויך ניט אַזוי ווייט
פון מיין „לעצטער איבערצייגונג“. אויף דעם האָט ער מיר געענט־
פערט מיט זעהר אַ בייזער און זויערער מינע, האָט זיך אויפגעשטעלט,
האָט אַליין אויפגעזוכט מיין היטעל, מאַכענדיג דעם אַנשטעל, אַזוי
ווי איך וואָלט אַליין אוועקגעגאַנגען און ער האָט גאָר איינפאַך מיך
אַרויסגעפיהרט פון זיין אומעטיגער הויז, מיט דעם אויסזעהן, אַזוי
ווי ער וואָלט מיך באַגלייט פון פיינקייט וועגען. זיין הויז האָט מיך
ערשטוינט; זי איז עהנליך צו אַ בית־עולם און איהם דוכט זיך גע־
פעהלט עס. אַ זאַך, וועלכע איז איבעריגענס, גאַנץ פאַרשטענדליך:
אַזאַ פולער אונמיטעלבאַרער לעבען וועלכען ער לעבט, איז שוין צו־
פיעל אַליין אינטערעסאַנט, אום זי זאָל זיך נויטיגען אין דעקאָראַציע.

דער דאָזיגער באַזוך ביי ראַגאָזשינען האָט מיך זעהר מיעד גע־
מאַכט. חוץ דעם האָב איך נאָך פון אין דער פריה אַן זיך געפיהלט ניט
גוט. צו אָווענט צו בין איך זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען און זיך גע־
לעגט אין בעט, און צייטענווייז געפיהלט אַ שטאַרקע היץ און אייניגע
מינוטען אפילו גערעדט פון היץ. קאָליאַ איז מיט מיר אָפּגעווען ביז
עלף אַזייגער, און פונדעסטוועגען געדענק איך אַלץ וועגען וואָס ער
האָט גערעדט און וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט. נור ווען מינוטענ־
ווייז האָבען זיך צוגעשלאָסען מיינע אויגען, האָט זיך מיר אַלץ פאָר־
געשטעלט איוואַן פאָמיטש, ווי ער וואָלט געקראָגען אַ מיליאָן רובעל,
ער האָט אַלץ ניט געוואוסט וואו זיי אַהינצוטאָן, זיך געבראָכען דעם
קאָפּ, געציטערט פון שרעק, מען זאָל זיי ניט צו'גנב'ענען, און ענדליך
האָט ער ווי באַשלאָסען זיי צו באַגראָבען אין דער ערד. איך האָב ענד־
ליך איהם געראָטען אַנשטאָט צו באַגראָבען אַזאַ גרויסען באַרג מיט
גאָלד אומזיסט אין דער ערד, זאָל ער בעסער פון דעם גאַנצען באַרג
אויסגיסען אַ גאָלדענעם אָרון פאַר דעם „פאַרפרוירענעם“ קינד און
צוליב דעם זאָל ער אויסגראָבען דאָס קינד. דעם דאָזיגען שפּאַס האָט
סוריקאָוו ווי אויפגענומען מיט טרערען פון דאַנקבאַרקייט, און איז
גלייך צוגעטראָטען צו דער אויספיהרונג פון דעם פּלאַן, איך האָב ווי
אַ שפּיי געטאָן און בין פון איהם אוועק. ווען איך האָב זיך אויפגע־

כאַפּט, האָט קאַליאַ מיך פאַרזיכערט, אַז איך האָב גאָר ניט געשלאָ־פען, און אַז איך האָב די גאַנצע צייט גערעדט מיט איהם וועגען סו־ריקאָוו'ן. מינוטענווייז בין איך געווען אין אַ שרעקליכען טרויער און צומישונג, אַזוי דאָס קאַליאַ איז אַוועק אַן אומרוהיגער. ווען איך בין אַליין אויפגעשטאַנען, כדי צו פאַרשליסען נאָך איהם די טהיר אויפ'ן שלאָס, האָט זיך מיר פּלוצלינג דערמאָהנט אַ בילד, וועלכען איך האָב אַנומעלט געזעהן ביי ראַגאָזשינען, אין איינע פון די אומעטיגסטע זאַ־לען פון זיין הויז, איבער די טהירען. ער האָט זי מיר אַליין געוויזען פאַרבייגעהענדיג; איך בין, דוכט זיך, געשטאַנען פאַר איהם אַ מינוט פינף. אין איהם איז גאָר ניט געווען קיין שעהנעס פון מאַהלערישען שטאַנדפּונקט, נור ער האָט אויף מיר אַנגעוואָרפען אַ מאָדנע אומ־רוהיגקייט.

„אויף דעם דאָזיגען בילד איז געווען אויסגעמאָהלען קריסטוס גלייך נור ווי מען האָט איהם אַרונטערגענומען פון צלם. מיר דוכט זיך, אַז די מאַהלער האָבען זיך געוועהנליך איינגעוואוינט צו אויסמאָ־לען קריסטוס'ן אויפ'ן צלם, און אַן אַרונטערגענומענעם פון צלם, אַלץ נאָך מיט אַ צייכען פון אויסערגעוועהנליכער שענקייט אויפ'ן געזיכט; אַט די דאָזיגע שענקייט זוכען זיי צו באַהאַלטען פאַר איהם אַפילו אין די שטאַרקסטע ליידען. אָבער אין ראַגאָזשין'ס בילד איז וועגען שענ־קייט גאָר קיין רעד ניט; דאָס דער אמת'ער אויסזעהן פון אַ מענש־ליכען פּגר, וועלכער האָט איבערגעליטען אונענדליכע ליידען נאָך ביז'ן צלם, וואונדען, פּייניגונגען, קלעפּ פון די וועכטער, קלעפּ פון פאָלק, ווען ער האָט געטראָגען אויף זיך דעם צלם און איז געפאַלען אונטער'ן צלם און ענדליך, די צלם־פּייניגונגען אין פאַרלויף פון זעקס שטונ־דען (אַזוי איז אַמווינציגסטענס לויט מיין רעכענונג). אמת, דאָס איז אַ געזיכט פון אַ מענשען, וועלכען מען האָט נ ו ר ו ו אָ ס אַרונ־טערגענומען פון צלם, דאָס הייסט אַ מענש, וועלכער האָט נאָך אין זיך אַסך לעבעדיגעס, וואַרימעס; גאַרנישט האָט נאָך ניט אויספּעיעט צו פאַרגליווערט ווערען, אַזוי דאָס פון געזיכט פון דעם פאַרשטאָרבע־נעם קוקען אַרויס ליידען, ליידען וועלכע ער פיהלט נאָך איצט (דאָס איז זעהר גוט געצייכענט געוואָרען פון דעם מאַהלער). אָבער דאָך האָט ער דעם פּנים ניט פאַרהייליגט; דאָ איז בלויז די נאַטור, און אין אמת'ן דאַרף אַזוי זיין. דער פּגר פון אַ מענשען נאָך אַזעלכע פּייני־

גונגען, ווער ער זאָל ניט זיין. איך ווייס, אז דער קריסטליכער קלויס־
טער האָט נאָך אין די ערשטע דורות באשטימט, אז קריסטוס האָט
געליטען איז דארום געווען אונטערוואָרפען אויפ'ן צלם גאָר אין גאַנ־
קערפער איז דארום געווען אונטערוואָרפען אויפ'ן צלם גאָר אין גאַנ־
צען אלע נאַטור־געזעצען. אויפ'ן בילד איז דער דאָזיגער פנים שרעק־
ליך צוקלאַפּט, און אַנגעשוואָלענער, מיט שרעקליכע אַנגעשוואָלענע
און פארבלוטיגטע סיניאַקעס, די אויגען אָפען, די ווייסלען פון אויג
גלאַנצען מיט אַזאַ טויטען, גלעזערנעם גלאַנץ. נור מאָדנע, ווען דו
קוקסט אויף דעם דאָזיגען פגר פון דעם פארפייניגטען מענשען, ווערט
געבוירען איין באַזונדערע און מערקווירדיגע פראַגע: ווען טאַקע אַזאַ
פגר (און ער האָט אונבאַדינגט געדאַרפט זיין אַזאַ) האָבען געזעהן זיינע
תלמידים, זיינע שפּעטערדיגע הויפּט אפּאָסטאָלען, עס האָבען געזעהן
די פרויען, וועלכע זיינען איהם נאָכגעגאַנגען און וואָס זיינען געשטאַ־
נען לעבען צלם. די אלע וועלכע האָבען אין איהם געגלויבט און פאַר־
געטערט, אז ווי אַזוי האָבען זיי געקענט גלויבען, קוקענדיג אויף אַזאַ
פגר, אז דער דאָזיגער מאַרטירער וועט אויפלעבען? דאָ קומט, ניט ווי־
לענדיג, דער געדאַנק, אז ווען דער טויט איז אַזוי שרעקליך און די נאַ־
טור־געזעצע זיינען אַזוי שטאַרק, איז ווי קען מען זיי באַזיגען? ווי
קען מען זיי באַזיגען, ווען עס האָט זיי איצט אפילו ניט באַזיגט ע ר,
ו ו ע ל כ ע ר האָט ביי זיין לעבען באַזיגט אי די נאַטור, ווען זי
האָט זיך אונטערגעגעבען: מיידעל, שטעה אויף! — און די מיידעל
איז אויפגעשטאַנען, „לאַזאַר, קום ארויס“ און ס'איז ארויס דער טוי־
טער! קוקענדיג אויף דער בילד, דוכט זיך אויס, אז די נאַטור איז
אַ גרויסע אכזריות'דיגע און שטומע חיה, אָדער ריכטיגער געזאָגט,
כאָטש ס'קוקט אויס מאָדנע — ווי אַ ריזיגע מאַשין פון די מאָדערנסטע,
וועלכע האָט אָהן שכל פאַרכאַפּט, צושטויסען און איינגעשלונגען אין
זיך טויב און אָהן געפיהל אַ גרויסען און אונשעצבאַרען וועזען —
אַזאַ וועזען, וועלכער איז אליין ווערטה געווען די גאַנצע נאַטור אין
אַלע איהרע געזעצען, די גאַנצע ערד, וועלכע איז אפשר נור באַשאַפען
געוואָרען, כדי צו מאַכען מעגליך די ערשיינונג פון דעם דאָזיגען ווע־
זען! מיט דעם בילד איז ווי עס וואָלט באַשטימט אויסגעדריקט גע־
וואָרען דער באַגריף וועגען אַ פינסטערער, חוצפה'דיגער און אָהן
שכל'דיגע אייביגע קראַפט, וועלכער ס'איז אַלץ אונטערוואָרפען, און

דאָס גיט זיך אייך ניט ווילענדיג איבער. אָט די דאָזיגע מענשען, וועלכע רינגלען ארום דעם טויטען, וועלכע זיינען דאָ אויפ'ן בילד ניטאָ, האָבען אין יענעם אָווענט געדאַרפט דערפיהלען א שרעקליכען אומעט און אומרוה, וועלכער האָט מיט איין מאָל צוקלאַפּט אַלע זייערע האָפענונגען און גלויבונגען. זיי האָבען זיך געדאַרפט פאַנאַנדערגעהן אין דעם שרעקליכסטען שרעק, כאָטש יעדערער פון זיי האָט אין זיך אוועקגעטראָגען א ריזיגען געדאַנק, וועלכען מען האָט שוין קיינמאָל ניט געקענט ארויסרייסען פון זיי. און ווען דער דאָזיגער ל ע ה ר ע ר אַליין וואָלט געקענט דערזעהן זיין געשטאַלט א טאָג פאַר דער הינריכטונג, איז וואָלט ער אפשר גאָר ניט אזוי ארויף אויפ'ן צלם, און ניט אזוי געשטאָרבען ווי איצט? די דאָזיגע פראַגע קומט דיר אויך אונווילענדיג, ווען דו קוקסט אויפ'ן בילד.

„דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפ'ן זינען שטיקלעכווייז, אפשר טאקע אין אמת'ן צווישען א רעדען פון היץ, אייניגע מאָל אפילו אין בילדער. גאַנצע אנדערהאַלבען שטונדען נאָך קאָליא'ס אוועקגעהן, קען זיך ווייזען אין געשטאַלטען דאָס, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט? נור מיר האָט זיך צייטענווייז ווי אויסגעדוכט, אז איך זעה, אין עפּעס אזא מאָדנער און אונמעגליכער פאָרם, אָט די דאָזיגע אונענדליכע קראַפט, דעם דאָזיגען טויבען פינסטערען און שטומען וועזען. איך געדענק ווי עמיצער וואָלט מיך געפיהרט ביים האַנט, מיט א ליכט אין די הענט, און מיר באַוויזען עפּעס א ריזיגען עקעלהאַפטען טאַראַנטול, און מיך געגומען פאַרזיכערן, אז דאָס איז די זעלבע פינסטערע טויבע און אַלמעכטיגע באַשעפעניש און פון מיר געלאַכט מיט כעס. אין מיין צימער, פאַר דער איקאָנע, צינדט מען שטענדיג אַן אויף דער נאַכט א לעמפּעל. — דאָס ליכט איז א דונקעלע און א גאָרנישטדיגע, נור דאָך קען מען אַלץ זעהן, און אונטער'ן לעמפּעל קען מען אפילו לייענען. איך דענק, אז עס איז געווען דער אָנפאַנג פון איינס אזייגער; איך האָב גאָרנישט געשלאָפען און געלעגען מיט אָפענע אויגען; פּלוצלינג האָט זיך די טהיר פון מיין צימער געעפענט און ס'איז אריינגעקומען ראָגאָזשין.

„ער איז אריין, פאַרשלאָסען די טהיר, שווייגענדיגערהייט אויף מיר א קוק געטאָן און איז שטיל אוועק צום ווינקעל, צו יענעם שטוהל,

וועלכער שטעהט כמעט אונטער'ן לעמפעל. איך האָב זיך זעהר גע־וואונדערט און געקוקט אין ערוואַרטעניש. ראַגאָזשין האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אויפ'ן טישעל און גענומען שווייגענדיגערהייט קוקען אויף מיר. אַזוי זיינען פאַראיבער א מינוט צוויי־דריי, און איך געדנעק, אַז זיין שווייגען האָט מיך זעהר באַליידיגט און וועה געטאָן. פאַר וואָס זשע וויל ער ניט רעדען? דאָס, וואָס ער איז געקומען אַזוי שפּעט, האָט מיר אודאי אויסגעקוקט מאָדנע, נור איך געדענק, אַז איך בין ניט געוועזן גאָט ווייסט ווי ערשטוינט דערפון, אין גגענטהייל אפילו: כאָטש איך האָב אין דערפריה ניט ארויסגעזאָגט קלאָהר מיין געדאַנק, נור איך ווייס, אַז ער האָט איהם פאַרשטאַנען, און דער דאָזיגער גע־דאַנק איז געוועזן פון אַזא סאָרט, אַז צוליב איהם, האָט מען געקענט קומען א שמועס טאָן נאָכאַמאָל, כאָטש אפילו זעהר שפּעט. איך האָב טאַקע אַזוי געדענקט, אַז ער איז געקומען צוליב דעם. מיר האָבען זיך אין דער פריה פאַנאַנדערגעגאַנגען אביסעלע פיינדליך און איך געדענק אפילו, אַז ער האָט א פּאָר מאָל אויף מיר א קוק געטאָן מיט שפּאָט. אָט דעם דאָזיגען שפּאָט האָב איך איצט ארויסגעלייענט פון זיין בליק, און אָט דאָס טאַקע האָט מיך אויך באַלעדיגט. אין דעם, אַז דאָס איז טאַקע באמת ראַגאָזשין אליין און ניט קיין געשפּענסט, האָב איך פון אָנפאַנג גאַר ניט געצווייפעלט. ס'איז מיר אפילו אויפ'ן זינען ניט געקומען צו צווייפלען.

„און אין דער זעלבער צייט האָט ער אַלץ פאַרטגעזעצט צו זיצען און קוקען אויף מיר מיט דעם זעלבען שפּאָטישען שמייכעל. איך האָב זיך בייז איבערגעדרעהט אויפ'ן בעט, האָב זיך אויך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן קישען און האָב אויך באַשלאָסען אומישנע צו שווייגען, כאָטש מיר זאָלען אַזוי דאַרפען אָפּזיצען די גאַנצע צייט. איך האָב עס אונ־באַדינגט געוואָלט, אַז ער זאָל אָנהויבען דער ערשטער. איך דענק, אַז אַזוי זיינען פאַראיבער א מינוט צוואַנציג. פּלוצלונג איז מיר איינגע־פאַלען: און וואָס איז, אויב דאָס איז ניט ראַגאָזשין, נור א געשפּענסט?

„ניט אין מיין קראַנקהייט, און ניט פריהער האָב איך קיינמאָהל נאָך ניט געזעהן קיין שום געשפּענסט; נור מיר האָט זיך אַלע מאָל אויסגעדוכט, נאָך אין דער צייט, ווען איך בין געווען א אינגעל און אפילו נאָך איצט אויך, דאָס הייסט ניט לאַנג, אַז ווען איך וועל כאָטש איין מאָל אין מיין לעבען דערזעהן א געשפּענסט, דאַן וועל איך גלייך

אויפ'ן פלאַץ שטאַרבען, ניט קוקענדיג אפילו וואָס איך גלויב ניט אין קיינע געשפּענסטער, נור ווען ס'איז מיר געקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז דאָס איז ניט ראָגאָזשין, נור בלויז א געשפּענסט, דאַן דענק איך, אַז איך האָב זיך גאָר ניט איבערגעשראָקען. און נאָך מעהר, איך בין אפילו בייז געוואָרען אויך. מאָדנע איז אויך דאָס, אַז די לייזונג פון דער פראַגע צו איז דאָס א געשפּענסט צו ראָגאָזשין אַליין, האָט מיך גאָר ניט געאינטערעסירט און באַאומרוהיגט, ווי עס וואָלט דוכט זיך געדאַרפט געשעהן; מיר דוכט זיך, אַז איך האָב דאַן גאָר וועגען עפּעס אַנדערש געדענקט. מיך האָט צום ביישפּיל פיעל מעהר געאינטערעסירט, פאַר וואָס ראָגאָזשין, וועלכער איז פריהער געווען אין היימישען שלאַפראָק און אין טופלעס, איז איצט אין א פראַק און אין א ווייסען וועסט, און ווייסען קראַוואַט? עס האָט אויך דורכגעבליצט א געדאַנק: אויב דאָס איז א געשפּענסט, און איך שרעק זיך ניט פאַר איהם, טאָ פאַר וואָס זאָל איך ניט אויפשטעהן און צוגעהן צו איהם און זיך ניט איבערצייגען? ס'קען געבען, איבעריגענס, אַז איך האָב ניט געוואַגט און זיך געשראָקען. נור גלייך ווי איך האָב נור א טראַכט געטאָן אַז איך שרעק זיך, האָט מיך פּלוצלונג דורכגענומען א קעלט. איך האָב דערפיהלט א פראָסט איבער'ן פּלייצע און מיינע קניע האָבען אָנגעהויבען ציטערן. אין דער זעלבער צייט, הפנים פאַרשטעהענדיג, אַז איך שרעק זיך, האָט מיך פּלוצלינג דורכגענומען א קעלט. איך האָב דערפיהלט א פראָסט איבער'ן פּלייצע און מיינע קניע האָבען אָנגעהויבען ציטערן. אין דער זעלבער צייט, הפנים פאַרשטעהענדיג, אַז איך שרעק זיך, האָט ראָגאָזשין אוועקגענומען זיין האַנט, אויף וועלכער ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, האָט זיך אויסגעגלייכט און גענומען עפענען זיין מויל, פּונקט ווי צוגרייטענדיג זיך צו לאַכען; ער האָט געקוקט אויף מיר פון דער זייט, עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזא רציחה, אַז איך האָב זיך באמת געוואָלט אויף איהם אַרויפוואַרפען, נור אַזוי ווי איך האָב זיך געגעבען א שבועה, אַז איך זאָל ניט אָנהויבען רעדען דער ערשטער, בין איך געבליבען אויפ'ן בעט, און מעהר פון אַלץ, אַז איך בין נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, צו איז דאָס ראָגאָזשין אַליין אָדער ניט?

„איך וויים ניט אויף זיכער וויפיעל צייט דאָס האָט גענומען; איך געדענק אויך ניט אויף זיכער, צו בין איך צייטענווייז אריינגעפאַלען אין אָנמאַכט צו ניט? נור ענדליך, איז ראָגאָזשין אויפגעשטאַ-

נען, אויך אַזוי לאַנגזאַם און דורכדרינגליך מיך באַטראַכט ווי פריהער, ווען ער איז אַריין, נור שפּאָטיש שמייכלען האָט ער אויפגעהערט, און שטיל, כמעט אויף די שפּיץ־פינגער איז ער צוגעגאַנגען צום טהיר, זי געעפענט, צוגעמאַכט און איז אַרויס. איך בין ניט אויפגעשטאַנען פון בעט; איך געדענק ניט וויפיעל נאָך צייט בין איך אַזוי אָפּגעלעגען מיט אָפענע אויגען און אַלץ געטראַכט; גאָט ווייסט וועגען וואָס איך האָב געטראַכט. איך געדענק אויך ניט ווי איך האָב איינגעדרימעלט. אויף מאָרגען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, ווען מען האָט צעהן אַזייגער גע־קלאַפּט צו מיר אין טהיר. ביי מיר איז אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז ווען איך עפען אַליין ניט די טהיר ביז צעהן אַזייגער און רוף ניט, אַז מען זאָל מיר דערלאַנגען טהיי, דאַן דאַרף מאַטרענאַ אַליין אָנקלאַפּען צו מיר. ווען איך האָב איהר געעפענט די טהיר, האָב איך זיך גלייך דער־מאָהנט, ווי אַזוי האָט ער געקענט אַריינקומען ווען די טהיר איז געווען פאַרשלאָסען? איך האָב זיך נאָכגעפרעגט און זיך איבערצייגט אַז דער אמת'ער ראַגאַזשין האָט ניט געקענט אַריינקומען, ווייל אַלע אונזערע טהירען ווערען פאַרשלאָסען אויף דער נאַכט אויפ'ן שלאָס.

„אָט דער באַזונדערער פאַל, וועלכען איך האָב אַזוי באַשריבען מיט אַלע איינצעלהייטען, איז געווען די אורזאַכע וואָס איך האָב זיך אין גאַנצען „ענטשלאָסען“, און דאָס הייסט, אַז דער ענדליכער ענט־שלאָסענהייט האָט געהאָלפען ניט די לאָגיק, ניט די לאָגישע איבער־ציינונג — נור די פאַראַכטונג. מען קען ניט בלייבען לעבען אין אַ לעבען, וועלכעס נעהמט אָן אַזעלכע מאָדנע פאָר מיר באַליידיגענדע פאָרמען; אָט דער געשפּענסט האָט מיך ערנידעריגט. איך קען זיך ניט אונטערגעבען צו אַ פינסטערער מאַכט, וואָס נעהמט אָן דעם אויסזעהן פון אַ טאַראַנטול. מיר איז נור דאַן, ווען איך האָב פאַר־נאַכט צו ענדליך דערפיהלט פון זיך די ענדליכע ענטשלאָסענהייט, געוואָרען גרינגער. דאָס איז נור געווען אויפ'ן ערשטען מאָמענט; צו־ליב'ן צווייטען מאָמענט בין איך געפאָהרען אין פּאַוולאָווסק, נור ווע־גען דעם איז שוין גענוג ערקלעהרט געוואָרען.“

זיבעטער קאַפּיטעל.

„איך האָב געהאַט א קליינעם קעשענע פּיסטאָלעט; איך האָב איהם אָנגעשטעלט, נאָך דאן ווען איך בין געווען א קינד, אין יענעם קאָמישען עלטער, ווען ס'הויבט אייך פּלוצלינג אָן געפעהלען צו ווערען געשיכטעס וועגען דועלען, וועגען גזלנ'ישע אנפאַלען, וועגען דעם ווי מען וועט מיך ארויסרופען אויף א דועל, און ווי ווירדיג איך וועל שטעהן אונטער'ן פייער. מיט א מאָנאַט צוריק האָב איך איהם באַקוקט און צוגעגרייט. אין דער קעסטעל וואו ער איז געלעגען האָבען זיך אָפּגעזוכט צוויי קוילען און אין דער פּולווער־בייטעלע, פּולווער אויף א דריי שאָסען. דער דאָזיגער פּיסטאָלעט איז א שלעכטער, ער שיסט אָן א זייט און אין גאַנצען אויף וועלכע ס'ניט איז פופצען טראַט; נור ער קען דאָך געוויס פאַרדרעהען א מענשען די קאָפּ אָן אַ זייט, ווען מען זאָל איהם צושטעלען שטייף צו די שלייפען.

„איך האָב באַשלאָסען צו שטארבען אין פּאַוולאָווסק, ביי זונען־אויפגאַנג, און ארונטערגעהענדיג אין פּארק, כדי קיינעם אויף דער דאַטשע ניט באַאומרוהיגען. מיין „ערקלעהרונג" וועט גענוג ערקלעהרען די זאַך צו דער פּאָליציי. די וואָס האָבען חשק צו פּסיכאָלאָגיע און די יעניגע, וועלכע דאַרפען, קענען פון איהם דרינגען וואָס זיי ווי־לען. איך וואָלט פונדעסטוועגען ניט געוואָלט אז דער דאָזיגער מאַנוסקריפּט זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער עפענטליכקייט. איך בעט דעם פּירשט באהאַלטען איין עקזעמפּליאַר פאַר זיך און א צווייטען איבערגעבען אגלאַיא איוואַנאָוונא עפּאַנטשין. אזוי פאַרלאַנג איך. איך לאָז איבער מיין סקעלעט צו דער מעדעצינישער אַקאַדעמיע פאַר וויסענשאַפטליכע צוועקען.

„איך אָנערקען ניט קיין ריכטער איבער זיך און איך ווייס, אז איך בין איצט אויסער די הערשאַפט פון א געריכט. נאָך גאָר ניט לאַנג האָט מיך געמאַכט צום לאַכען דער געדאַנק, אז ווען מיר וואָלט איצט פּלוצלינג איינגעפאַלען עמיצען ערמאָרדען, כאָטש צעהן מענשען מיט אמאָל, אָדער טאָן עפּעס וואָס איז אמשרעקליכסטען, וואָס

עס רעכענט זיך נור פאַר דאָס סאַמע שרעקליכסטע אויף דער וועלט, אין מיט וואָס פאַר אַ נאַז וואָלט געבליבען שטעהן דער געריכט פאַר מיר, מיט מיינע צוויי—דריי וואָכען לעבען? איך וואָלט געשטאָרבען מיט קאָמפאָרט ביי זיי אין האָספיטאַל, אין וואַרימקייט און מיט אַן אויפמערקזאַמען דאָקטאָר ביים זייט, און ס'קען געבען, אַז אַסך אַנגענעהמער און וואַרימער ווי ביי זיך אין דער היים. איך פאַרשטעה ניט פאַר וואָס מענשען אין אַזאַ צושטאַנד ווי מיינעם, פאַלט ניט איין אַזאַ געדאַנק, כאָטש אפילו בלויז פאַר אַ שפּאַס? און אפשר, איבעריגענס פאַלט עס זיי יע איין; פרעהליכע מענשען געפינט מען ביי אונז אויך.

„נור כאָטש איך אַנערקען ניט קיינע ריכטער איבער זיך, איז פונדעסטוועגען ווייס איך, אַז מען וועט מיך משפּט'ען, ווען איך וועל שוין זיין אַ טויבער און שטומער באַשולדיגטער. איך וויל ניט אוועקגעהן איידער איך לאָז אַ וואָרט אַלס ענטפער — אַ וואָרט אַ פרייעס און ניט קיין אַרויסגעצוואונגענעס, — ניט אום זיך ריין צו וואַשען — אָ, ניין! בעטען פאַרצייאונג פאַר עפּעס האָב איך ניט ביי קיינעם, — נור אַזוי ווייל איך וויל דאָס אַליין.

„ערשטענס, קומט דאָ אַ מאָדנער געדאַנק: וועמען, און אין נאָמען פון וועלכען רעכט, אין נאָמען פון וועלכער איבערצייגונג וואָלט עמיצען איינגעפאַלען צו באַשטרייטען מיין רעכט אויף דעם דאָזיגען צוויי-דריי וואָכענדיגען טערמין? וועלכער געריכט קען דאָ האָבען אַ דעה? ווער דאַרף עס נויטיג, אַז איך זאָל ניט נור זיין פאַראורטהיילט נור איך זאָל גוטמוטיג אויסהאַלטען דעם פאַראורטהיילונגס-טערמין? איז דען טאַקע באמת מעגליך אַז עמיצער נויטיגט זיך אין דערין? צוליב מאָראַל? איך וואָלט עס נאָך פאַרשטאַנען ווען איך וואָלט אין דער בליהונגס-צייט פון געזונט און קראַפט, געוואָלט זיך נעהמען דאָס לעבען, „וועלכעס האָט געקענט ברענגען נוצען מיינע מיט-מענשען" א. אז. וו. יענע מאָראַל וואָלט נאָך געקענט מיר פאַרוואַרפען, לויט דער אַלטער רוטינע, דערפאַר וואָס איך האָב געבאַלעבאַטעוועט איבער מיין לעבען אָהן קיין ערלויבעניש. אבער איצט, איצט ווען מיר איז שוין פאַרגעלייענט געוואָרען דער טערמין פון דער פאַראורטהיילונג? וואָס פאַר אַ מאָראַל דאַרף מען נאָך האָבען וואָס זאָל שטעהן העכער איבער אייער לעבען און לעצטען כריפּ, אין וועלכען איהר גיט אוועק

אייער לעצטען אָטאָם פון אייער לעבען? אויסהערענדיג די טרויסטונגען פון פירשט וועלכער וועט אונבאדינגט דערגרייכען אין זיינע קריסטליכע באווייזע ביז דעם גליקליכען געדאנק, אז אין אמת'ן איז גאר פיעל בעסער וואָס איהר שטאַרבט (אזעלכע קריסטען ווי ער דערגעהן שטענדיג ביז דער דאָזיגער אידעע. דאָס איז זייער באַליבטער פערדעל). און וואָס באַצוועקען זיי מיט זייערע פּאָוולאַווסקער בוימער? פאַרזיסען די לעצטע שטונדען פון מיין לעבען? צו דען פאַרשטעהן זיי ניט, אז וואָס מעהר איך וועל זיך פאַרגעסען, אַלץ מעהר וועל איך זיך איבערגעבען דעם דאָזיגען לעצטען שאָטען פון לעבען און ליבע, מיט וועלכען זיי ווילען מיר פאַרשטעלען מיין מעיעראָווס וואַנט און אַלץ וואָס איז אויף איהר אזוי אָפען און איינפאַך אָנגעשריבען, אז אַלץ מעהר ווילען זיי מיר אומגליקליכער מאַכען? צו וואָס טויג מיר זייער נאַטור, אייער פּאָוולאָווסקער גאַרטען, אייערע זונען אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען, אייער בלויער הימעל און אייערע צופרידענע געזיכטער, אז אַט די גאַנצע שמחה, וועלכע האָט ניט קיין ענד, האָט אָנגעהויבען דערפון, אז נור מיך איינעם האָט זי געפונען פאַר אַן איבעריגען? וואָס האָב איך פון דער דאָזיגער גאַנצער שענקייט, ווען איך מוז און בין געצוואונגען יעדע מינוט, יעדע רגע, צו וויסען, אז אַט אפילו אַט די קליינטשינקע פליגעלע וועלכע זשוזשעט ארום מיר אין די שטראַהלען פון דער זון, איז אפילו יענע נעהמט אנטהייל אין דער גאַנצער שמחה און כאָר. זי וויים איהר פּלאַץ, האָט איהם ליעב און זי איז גליקליך, און איך איינער בין אַן ארויסגעוואָרפענער, און נור צוליב מיין מוטלאָזיקייט האָט איך דאָס ניט געקענט פאַרשטעהן ביז איצט! אָ, איך וויים דאָך, ווי דעם פירשט און אַלע איבעריגע וואָלט זיך געוואָלט, דערפיהרען מיך ביז דעם, אז אויך איך זאָל אנשטאַט די אַלע „פאַלשע און בעזע" רעדעם אויך זינגען פון גוטע זיטען און פאַר דעם טריאומף פון דער מאָראַל, דעם באַריהמטען קלאַסישען פערז פון מילוואָא:

"O, puissent voir votre beaute sachee,
Tont da'his, sourds à mes adieux!
Quils meurent pleins de Jours que leur mort soit pleuree,
Qu um ami leur ferme les yeux!

„אָבער גלויבט נאַאיווע מענשען, אַז אין דעם מאָראַלישען פּערז, אין דער דאָזיגער אַקאַדעמישער ברכה צו דער וועלט, אין דער דאָזיגער פראַנצויזישער ליעד איז דאָ אַזוי פיעל באַהאַלטענע גאַל, אַזוי פיעל ניט שלום־מאַכענדעס. אַ זיך אַליין אין גראַמען פאַרזיסענדע בעזקייט אַז אַפילו דער פּאָעט אַליין, קען געבען, האָט געמאַכט אַ טעות און אָנגע־נומען די דאָזיגע בעזקייט, פאַר האַרצענס־טרערען און דערמיט איז ער אָוועקגעשטאָרבען; רוהען זאָל ער אין קבר! ווייסט, אַז עס איז דאָ אין באַוואוסטזיין, אַזאַ גרענעץ צו דער שאַנדע פון אייגענער נישטיקייט און שוואַכקייט, ווייטער פון וועלכער אַ מענש קען שוין ניט געהן און פון וועלכער ער הויבט אָן פיהלען אין זיין שטאַנד אַליין דעם ריזיגסטען פאַרגעניגען... נו, געוויס, אונטערטעניקייט איז אַ גרויסע מאַכט, אין דעם זינען, פאַרשטעה איך עס — כאָטש ניט אין דעם זינען אין וועל־כע רדי רעליגיאָן נעהמט אָן די אונטערטעניקייט אַלס אַ מאַכט.

„רעליגיאָן! דאָס אייביגע לעבען באַגרייף איך און אפשר האָב איך שטענדיג באַגריפען. זאָל דער באַוואוסטזיין זיין אָנגעצונדען מיט דעם ווילען פון דער העכערער קראַפט זאָל זי זיך אַרומקוקען אויף דער וועלט און זאָגען: „אָט בין איך!" און זאָל איהם מיט אַמאָל זיין פאַרשריבען פון דער דאָזיגער העכערער מאַכט, אַז ער מוז זיך אויפלייזען, ווייל דאַרטען דאַרף מען צוליב עפּעס — און אַפילו אָהן אַן ערקלעהרונג פאַר וואָס — זאָל זיין! איך לאָז עס צו, נור טאַקע דאָ בלייבט ווידער די אייביגע פראַגע צו וואָס דאַרף מען דאָ מיין אונטערטעניגקייט? קען מען דען מיך איינפאַך ניט אויפעסען, ניט פאָדערענדיג פון מיר קיין לויב־געזאַנגען צו יענעם וואָס האָט מיך אויפגעגעסען? איז דען טאַקע מעגליך אַז דאָרטען זאָל זיך עמיצער אויף אַן אמת באַלעדיגען, פאַר דאָס וואָס איך וויל ניט וואַרטען צוויי וואָכען? איך גלויב דאָר ניט; און מען קען שוין זיכערער דענקען, אַז דאָ דאַרף מען נויטיג האָבען מיין נישטיגען לעבען, אַ לעבען פון אַן אַטאָם, אום אויסצופילען עפּעס אַן אַלגעמיינע האַרמאָניע צוליב עפּעס אַזאַ פּליוס און מינוס, פאַר עפּעס אַזאַ קאָנטראַסט און א. אז. וו. פּונקט ווי מען דאַרף טאָג טעגליך אַלס קרבנות מיליאָנען לעבענס, אָהן וועמענס טויט די איבעריגע וועלט קען ניט עקזיסטירען. (כאָטש מען דאַרף באַמערקען אַז דאָס איז זעהר אַ גראָבמוטיגער געדאַנק אַן און פאַר זיך). אָבער מילא זאָל שוין זיין אַזוי! איך שטים איין אַז

אנדערש דאָס הייסט, אַז אַהן אַ געמיינשאַפטליכע אויפפרעסען פון איינעם דעם צווייטען האָט מען די וועלט ניט געקענט איינאָרדנען; איך בין אפילו גרייט איינצושטימען אַז איך קען גאָר ניט פאַרשטעהן אין דער דאָזיגער איינאָרדנונג; אָבער דערפאַר ווייס איך איין זאַך אויף זיכער: אויב מען האָט מיר שוין איינמאָל געגעבען צו פאַרשטעהן „אַז איך עקזעסטיר“, איז וואָס געהט מיר אָן, וואָס די וועלט איז איינגעאָרדענט געוואָרען מיט טעות'ן און אַז אנדערש קען זי ניט עקזיסטירען? ווער־זשע און פאַר וואָס וועט מען מיך דערנאָכדעם אורטהיילען? ווי איהר ווילט, דאָס אַלץ איז אונמעגליך און ניט גערעכט.

„און אין דער זעלבער צייט האָב איך קיינמאָל ניט, ניט קוקענדיג אויף מיין גאַנצען חשק, ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, אַז עס איז ניטאָ קיין צוקונפטיגעס לעבען און קיין העכערע מאַכט? ניין, לאָמיר שוין בעסער אָפּלאָזען די רעליגיאָן.

„און גענוג שוין, ווי איך וועל צוקומען צו די דאָזיגע שורות וועט שוין זיכער אויפגעהן די זון און זיך „צוקלינגען איבער'ן הימעל“ און עס וועט זיך אַ גאָס טאָן אַ ריזיגע, אַן אונגעמאָסטענע קראַפט אונטער דער זון. זאָל עס! איך וועל שטאַרבען, קוקענדיג גלייך אויף דעם קוואַל פון קראַפט און לעבען, און איך וועל ניט וועלען דאָס דאָזיגע לעבען! ווען איך וואָלט געהאַט אַ מאַכט ניט צו געבוירען ווערען, וואָלט איך זיכער ניט אָנגענומען דאָס לעבען אויף אַזעלכע קאָמישע באַדינגונגען. אָבער מיר איז נאָך געבליבען די מאַכט, צו שטאַרבען, כאָטש איך גיב שוין אָפּ אַ פאַרטיגע זאַך. ס'איז ניט קיין גרויסע מאַכט און ניט קיין גרויסער בונט!

מיין לעצטע ערקלעהרונג: איך שטאַרב, ניט דערפאַר, ווייל איך בין ניט בכח איבערצוטראָגען די דריי וואָכען; אָ, ביי מיר וואָלט געקלעקט כח! און ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך שוין געווען געטרויסט מיט בלויז דעם באַוואוסטזיין פון דער באַלעדיגונג; נור איך בין ניט קיין פראַנצויזישער דיכטער און איך וויל ניט אַזאַ טרויסט. און ענדליך לאָקט מיך אויך אָן דאָס: די נאַטור האָט אויף אַזוי פיעל באַגרענצט מיין טהעטיקייט מיט איהר דריי וואָכיגען אורטהייל, אַז עס קען זיין, אַז דער זעלבסטמאָרד איז די איינציגע זאַך, וועלכע איך קען נאָך אויספּעיען אנצוהויבען און פאַרענדיגען לויט מיין אייגענעם ווילען. וואָס זשע איז דער וואונדער וואָס איך וויל זיך באַנוצען מיט

דער לעצטער מעגליכקייט פון זיין טהעטיג? א פראָטעסט איז אפט־מאָהל א גרויסע זאך..."

די „ערקלעהרונג" איז געווען גענענדיגט. ענדליך האָט איפּאָליט אויפגעהערט צו לעזען...

עס גיט אין די ערגסטע מאָמענטען אזא לעצט־שטופּיגע, צינישע אָפּענהערציגקייט, ווען א נערוועזער מענש געהט ארויס פון די כלים, האָט שוין קיין מורא פאר גאָרנישט ניט, און איז גרייט אויף יעדען סקאַנדאַל, און איז אפילו צופרידען מיט דעם. וואַרפט זיך אליין אויף מענשען, האָבענדיג דערביי ניט קיין קלאָהרען, נור פעסטען צוועק, אונבאַדינגט א ווײַלע שפּעטער, אַרונטערוואַרפען זיך פון גלאָקען־טהורעם און דערמיט מיט איין קלאַפּ צו ענטשיידען אלע אונאַנגענעמ־ליכקייטען, ווען אזעלכע וועלען דערביי זיין. אלס צייכען פון אזא צושטאַנד איז געווענליך די אַנקומענדע פאַרשווינדונג פון די פיזישע כחות. די אויסערגעוועהנליכע, כמעט אומנאַטירליכע אנשטרענגונג, וועלכע האָט ביז איצט אויפגעהאַלטען איפּאָליטען, האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע. אליין פאר זיך איז אָט דער אכצעהניאָהריגער אויסגעמוטשעטער פון דער קראַנקהייט אינגעל, געווען שוואַך ווי א ציטערדיג בלעטעל אָפּגעריסען פון א בוים; נור גלייך ווי ער האָט אוספּעיעט וואַרפען אן אויג אויף זיינע צוהערער — צום ערשטען מאָל אין פאַרלויף פון דער לעצטער שטונדע — ווי תיכף האָט אין זיין בליק און שמייכעל זיך אויסגעדריקט זיין גאַנצער גרויסהאַלטערישער און פאַראַכטענדער האַס. ער האָט זיך געאיילט מיט זיין ארויסרוף. אָבער אויך די צוהערער זיינען געווען זעהר אויפגעבראַכט. אלע זיי־נען מיט טומעל און ערגערניש אויפגעשטאַנען פון טיש. די מידעקייט וויין, די אנשטרענגונג האָבען פאַרגרעסערט די אומאָרדנונג און אויך דעם בלאַטיגען איינדרוק, אויב מען קען זיך אויסדריקען.

מיט אמאָל איז איפּאָליט האַסטיג אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסען פון פּלאַץ.

— די זון איז אויפגעגאַנגען! האָט ער אויסגעשריען, דערזעה־ענדיג די גלאַנציגע שפּיצען פון די בוימער און אנווייזענדיג דעם פירשט אויף זיי, פּונקט ווי אויף א וואונדער — אויפגעגאַנגען!

— און וואָס האָט איהר געדענקט, אז זי וועט ניט אויפגעהן?

— האָט באַמערקט פאַרדישטשענקאָ.

— עס וועט ווידער זיין זעהר א הייסער טאָג, האָט מיט ערגער־ניש אויסגעמורמעלט האניא, האַלטענדיג אין האַנט די הוט, ציהענדיג זיך און געגעצענדיג — ס'איז א טריקעניש אויף א מאַנאַט! פּטיצין געהען מיר אדער ניט?

איפּאָליט האָט זיך צוגעהערט מיט א פארוואונדערונג וועלכע האָט געגרייכט ביז פארגליווערונג; פּלוצלינג איז ער שרעקליך בלאַס געוואָרען און אין גאַנצען זיך אָנגעהויבען טרייסלען.

— איהר ווייזט ארויס זעהר ניט פיין אייער גלייכגילטיגקייט, כדי מיך צו באַלעדיגען, האָט ער זיך געווענדט צו האניען, קוקענדיג אויף איהם עקשנות'דיג. — איהר זייט א נידערטרעכטיגער מענש!

— נו, דאָס איז שוין דער טייוועל ווייס וואָס, אזא חוצפּה! — האָט זיך צוגוואַלדעוועט פערדישטשענקא — וואָס פאר א וואונדער־ליכע שוואכקייט!

— ער איז איינפאך א נאַר, האָט געזאָגט האניא.

איפּאָליט איז אביסעל געקומען צו זיך.

— איך פארשטעה, מיינע הערען, האָט ער אָנגעהויבען, אויף דעם פריהערדיגען שטייגער, ציטערענדיג און פארהאקענדיג זיך אויף יעדען וואָרט. — אז איך האָב געקענט פארדינען אייער פערזענליכע נקמה און... מיר טוט לייד וואָס איך האָב אייך פארמוטשעט מיט דער דאָ־זיגער פּלוידעריי, (ער האָט אָנגעוויזען אויף'ן מאַנוסקריפּט) און איבע־ריגענס, טוט מיר לייד וואָס איך האָב אייך אין גאַנצען ניט פאר־מוטשעט... (ער האָט זיך נארישעוואַטע צושמייכעלט) איך האָב אייך פארמוטשעט עווגעני פּאַוולאָוויטש? איז ער פּלוצלינג אריבערגע־שפּרונגען צו איהם מיט א פראגע — האָב איך אייך פארמוטשעט אדער ניט? זאָגט!

— ס'איז אביסעל צופיעל אויסגעצויגען, אבער איבעריגענס...

— זאָגט אַלץ! לייגט ניט כאָטש איינמאָל אין אייער לעבען! האָט געציטערט און באַפוילען איפּאָליט.

— אָ, מיר איז בוכשטעבליך אַלץ איינס! טוט א טובה, איך בעט אייך און לאָזט מיך צורוה, האָט זיך מיט פאראכטונג אָפּגע־קעהרט פון איהם עווגעני פּאַוולאָוויטש.

— א גוטע נאַכט, פירשט, איז צוגעגאנגען צום פירשט פּטיצין.

— אָבער ער וועט זיך דאָך באַלד שיסען, וואָס־זשע שווייגט איהר! קוקט איהם נור אָן! האָט אויסגעשריען ווערא און האָט זיך אין גרויס שרעק א ריס געטאָן צו איפּאָליט׳ן און זי האָט איהם אפילו אנגענומען ביי די הענט — ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ווי די זון וועט אויפגעהן וועט ער זיך שיסען, וואָס־זשע שווייגט איהר!

— ער וועט זיך ניט שיסען! האָבען בעזווייליג ארויסגעמורמעלט עטליכע שטימען צווישען זיי אויך האַניאַ.

— מיינע הערען, זייט פאָרזיכטיג! האָט אויסגעשריען קאָליאַ, אויך אננעהמענדיג איפּאָליטען ביים האַנט — איהר גיט נור אויף איהם א קוק! פּירשט! פּירשט, וואָס שווייגט איהר?

ארום איפּאָליטען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען ווערא, קאָליאַ, קעלער און בורדאָווסקי. אַלע פיער האָבען איהם אָנגעכאַפּט ביי די הענט.

— ער האָט דאָס רעכט. דאָס רעכט!... האָט געמורמעלט בורדאָסווסקי, וועלכער איז איבעריגענס אויך אליין געווען ווי צומישט.

— ערלויבט מיר פּירשט. וואָס הייסט איהר דאָ אָן? איז צום פּירשט צוגעגאנגען לעבעדעוו, א שיכורער און א דערצאָרענטער ביז גאָר.

— וואָס זאָל איך הייסען?

— ניין. ערלויבט מיר, איך בין דער בעל הבית כאָטש איך וויל ניט אויסמיידען מיין אכטונג צו אייך... לאָמיר זאָגען אז אויך איהר זייט בעל הבית, אבער איך וויל ניט, אז מען זאָל אזוי אין מיין אייגענער הויז... אָט אזוי...

— ער וועט זיך ניט שיסען. דאָס אינגעל שפּילט זיך! האָט אונערוואַרטעט מיט כעס און באַטאָנונג אויסגעשריען גענעראל איוואָלגין.

— אי איז דאָס א גענעראל! האָט איהם געלויבט פערדישטשענקאָ.

— איך ווייס אז ער וועט זיך ניט שיסען, גענעראל, פיל געאַכטעטער גענעראל, אבער פונדעסטוועגען... איך בין דאָך פאָרט בעל הבית.

— הערט נור הערר טערענטיעוו, האָט פּלוצלינג געזאָגט פּטיצין, זיגענענדיג זיך מיט׳ן פּירשט און דערלאַנגענדיג די האַנט איפּאָליט׳ן

— איהר רעדט, דאכט זיך, אין אייער העפט וועגען אייער סקעלעט און איהר זאָגט איהם אָפּ צו דער אַקאדעמיע? איז רעדט זיך עס טאַקע וועגען אייער סקעלעט, דאָס הייסט איהר זאָגט אָפּ אייערע אייגענע ביינער?

— יע, מיינע ביינער...

— אזוי, אזוי, ווייל מען קען דאָך מאכען א טעות; מען זאָגט אז אזא זאך האָט שוין פּאסירט...

— וואָס רייצט איהר איהם אויף? האָט פּלוצלינג אויסגעשריען דער פירשט.

— מען האָט איהם געמאכט צום ווײנען, האָט צוגעגעבען פער־דישטשענקא.

נור איפּאָליט האָט גאָר ניט געוויינט. ער האָט זיך געוועז א ריהר געטאָן פון'ם אָרט, נור די פיער וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט, האָבען איהם פּלוצלינג מיט אמאָל געכאַפּט פאר די הענט. עס האָט זיך דערהערט א געלעכטער.

— דאָס האָט ער דאך געווילט, אז מען זאָל איהם האַלטען ביי די הענט, צוליב דעם האָט ער אויך איבערגעלעזען די העפט, האָט באמערקט ראגאזשין — בלייב געזונט פירשט. אוי האָבען מיר זיך אָנ־געזעסען; ס'ברעכען אזש די ביינער.

— אויב איהר טרענעיעוו האָט זיך ווירקליך געוואָלט שיסען, האָט זיך צעלאכט עווגעני פּאוולאָוויטש — איז וואָלט איך אויף אייער פּלאַץ שוין נאָך אזוי פיעל קאָמפּלימענטען, זיך אומישנע געשאָסען, זיי אויף צו להכעיס.

— זיי ווילט זיך שרעקליך זעהן ווי אזוי איך וועל זיך דערשיסען!

— האָט זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען איפּאָליט.

ער האָט גערעדט פונקט ווי ער וואָלט זיך אויף עמיצען ארויפ־געוואָרפען.

— זיי טוט לייד וואָס זיי וועלען ניט זעהן.

— איז הייסט עס, אז אויך איהר דענקט, אז זיי וועלען ניט זעהן?

— איך רייץ אייך ניט אויף; איך פארקעהרט דענק, אז ס'קען געבען אז איהר וועט זיך יע שיסען. די הויפּט זאך זייט ניט אין

כעס... האָט ארויסגעזאָגט עווגעני פּאוולאָוויטש שוין־מעסיג אויסצי־הענדיג זיינע ווערטער.

— אָט ערשט איצט זעה איך, אז איך האָב געמאכט א שרעק־ליכען טעות, וואָס איך האָב זיי געלעזען די העפט! האָט ארויסגע־זאָגט איפּאָליט, קוקענדיג פּלוצלינג מיט אזא צוטרויליכען אויסזעהן אויף עווגעני פּאוולאָוויטש, ווי ער וואָלט געבעטען ביי א חבר, א חבר'־שע עצה.

— דער צושטאַנד איז א מאָדנער אבער... איך וויים באמת ניט וואָס פאר אן עצה איך זאָל אייך געבען, האָט געענטפערט מיט א שמייכעל עווגעני פּאוולאָוויטש.

איפּאָליט האָט שטרענג און עקשנות'דיג אַהין און אויפהער אויף איהם געקוקט, און געשוויגען. מען האָט געקענט דענקען,, אז מינו־טענווייז האָט ער זיך גאר אין גאנצען פארגעסען וואָס מיט איהם איז.

— ניין, ערלויבט מיר, וואָס איז דאָס פאר א מאַניער אזא, האָט געזאָגט לעבעדעוו — „איך וועל זיך שיסען אין פּארק, כדי קיינעם ניט צו באאומרוהיגען.“ דאָס דענקט ער אז ער וועט קיינעם ניט באַ־אומרוהיגען, ווען ער וועט אראָפּ פון די טרעפּ דריי טריט אין גאָר־טען.

— מיינע העררן... האָט עפּעס געוואָלט זאָגען דער פירשט.

— ניין, ערלויבט מיר, פּיעל געאכטעטער פירשט, האָט זיך מיט כעס אנגעכאַפּט לעבעדעוו — אזוי ווי איהר אליין זעהט, אז דאָס איז ניט קיין שפּאָס, און אזוי ווי אמווינציסטענס א העלפט פון אייערע געסט, איז פון דעם זעלבען מיינונג; אז איצט, נאָך דעם אלעם וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען, וועט ער זיך שוין אומבאַדינגט דערשיסען, צוליב זיין עהרע וועגען, איז ערקלעהר איך אלס בעל הבית און פאר עדות, און איך לאָד אייך איין צו העלפען!

— וואָס־זשע דארף מען טאָן לעבעדעוו? איך בין גרייט אייך צו העלפען.

— אָט וואָס: ערשטענס, אז ער זאָל גלייך אפּגעבען זיין פּיס־טאָלעט מיט וועלכען ער האָט זיך באריהמט פאר אונז. ווען ער וועט ארויסגעבען שטים איך איין ערלויבען איהם איבערצונעכטיגען די נאַכט דאָ אין הויז, נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט זיין קראַנקען צושטאַנד, און מיט דעם אויסרייד, אז ער זאָל זיין אונטער מיין אויפזיכט. אבער

מאַרגען מוז ער אונבאַדינגט אוועק וואוהין ער וויל; ענטשולדיגט פּירשט! ווען אַבער ער וועט ניט אַרויסגעבען די געוועהר, איז וועל איך גלייך איהם נעהמען פאַר'ן האַנט. איך פאַר איין האַנט און דער גענעראַל פאַר דער צווייטער, און איך וועל גלייך שיקען לאָזען וויסען דער פּאָליציי און דאַן וועט די זאַך איבערגעהן צו דער פּאָליציי.

הערר פּערדישטשענקאָ, טוט א טובה ווי אַן אַלטען באַקאַנטען און געהט אַריבער!

עס איז געוואָרען א טומעל. לעבעדעוו האָט זיך געהיצט און איז אַרויס פון די כלים; פּערדישטשענקאָ האָט זיך געגרייט געהן אין דער פּאָליציי, האַניאַ האָט שטאַרק אַנגעדיידעט אויף דעם, אַז קיינער וועט זיך ניט שיסען, עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט געשוויגען.

— פּירשט, האָט איהר אַמאָל געפּרואווט אַרונטערפליהען פון גלאָקען־טורעם? האָט פּלוצלינג אַרויסגעשעפּטשעט איפּאָליט.

— נ־ניין... האָט נאַאיוו געענטפערט דער פּירשט.

— האָט איהר דאַן טאַקע באמת געדענקט, אַז איך האָב ניט פאַראויסגעזעהן אָט דעם גאַנצען האַס! האָט ווידער אַרויסגעשעפּט־שעט איפּאָליט, בליצענדיג מיט די אויגען און קוקענדיג אויפ'ן פּירשט, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע אין אמת'ן פון איהם ערוואַרטעט אַן ענט־פער. — גענוג! האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען פאַר'ן גאַנצען עולם. — איך בין שולדיג... מעהר פון אַלעמען!... לעבעדעוו אָט איז דער שליסעל (ער האָט אַרויסגענומען א פּאַרטמאָנע און פון איהם א שטאָ־לענעם רינגעל מיט דריי אדער פיער ניט קיין גרויסע שליסעלאַך) אָט אַ דער, לעצטער... קאָליאַ וועט אייך ווייזען... קאָליאַ! וואו איז קאָ־ליאַ? האָט ער אויסגעשריען קוקענדיג אויף קאָליאַן און איהם ניט זעהענדיג. — יע. איז אָט ער וועט אייך ווייזען; ער האָט צוזאַמען מיט מיר נעכטען געפּאַקט דעם רייזע־טאַש. געהט ווייזט איהם קאָליאַ. ביים פּירשט אין קאַבינעט, אונטער'ן טיש... מיין רייזע־טאַש... מיט דעם שליסעלע אונטען, אין רייזע־טאַש. מיין פּיסטאָלעט און זעקעלע מיט פּולווער. ער האָט אַליין נעכטען איינגעפּאַקט. הערר לעבעדעוו, ער וועט אייך ווייזען; נור מיט דעם אויסרייד, אַז מאָרגען פריה ווען איך וועל אוועקפאָהרען קיין פּעטערבורג זאָלט איהר מיר אָפּגעבען דעם פּיסטאָלעט צוריק. איהר הערט? איך טו עס צוליב'ן פּירשט, ניט צוליעב אייך.

— אַט אזוי איז פיין! האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן שליסעל לעבעדעוו און גיפטיג שמייכלענדיג איז ער אוועקגעלאָפען אין צווייטען צימער. קאליא האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט מאַכען עפּעס א באַמערקונג נור לעבעדעוו האָט איהם אוועקגעשלעפּט נאָך זיך.

איפּאָליט האָט געקוקט אויף די לאַכעדיגע געסט. דער פירשט האָט באַמערקט אַז די ציין קלאַפּען ביי איהם ווי אין דעם גרעסטען פראָסט.

— וואָס פאַר א נידערטרעכטיגע מענשען, זיי זיינען דאָס אַלע! האָט איפּאָליט מיט כעס ווידער אריינגעשושקעט צום פירשט. ווען ער האָט גערעדט מיט'ן פירשט האָט ער זיך אַלץ איינגעבויגען און געשעפּטשעט.

— לאָזט זיי צורוה. איהר זייט זעהר שוואַך...

— באַלד, באַלד... באַלד געה איך.

פּלוצלינג האָט ער ארומגענומען דעם פירשט.

— איהר, געפינט אפשר אז איך בין משוגע? האָט ער אויף איהם א קוק געטאָן, מאָדנע זיך צעלאַכענדיג.

— ניין, אבער איהר...

— באַלד, באַלד, שווייגט. רעדט גאר ניט. וואַרט... איך וויל א קוק טאָן אין אייערע אויגען... שטעהט אזוי, איך וועל קוקען. איך וועל זיך מיט א מענשען זעגענען!

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן פירשט, אָהן באַוועגונג, און שווייגענד א צעהן סעקונדען, זעהר א בלאַסער, מיט נאַסע פון שווייס שלייפען און עפּעס מאָדנע כאַפּענדיג דעם פירשט פאר'ן האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט געציטערט זי אָפּצולאָזען.

— איפּאָליט, איפּאָליט, וואָס איז מיט אייך? האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— באַלד... גענוג... איך וועל זיך לעגען... איך וועל בלויז פאַר דעם געזונט פון דער זון איין זופּ טאָן... איך וויל, איך וויל, לאָזט מיך!

ער האָט האַסטיג א כאַפּ געטאָן דעם באָקאַל פון טיש, זיך א ריס געטאָן פון אָרט און אין אַן אויגענבליק איז ער צו געגאַנגען צום אַרויסגאַנג פון טעראַסע.

דער פירשט איז געווען נאָכגעלאָפען נאָך איהם, נור עס האָט

זיך געמאכט, אזוי ווי אומישנע, אז אין דעם זעלבען אויגענבליק האט עווגעני פאוולאוויטש צו איהם אויסגעצויגען די האנט, זעגענדיג זיך. עס איז אוועק איין רגע און פלוצלינג האט זיך דערהערט אן אלגעמיינער געשריי אויף דער טעראסע.

און דערנאך איז אנגעקומען די מיוט פון גרויסען טומעל.

אט וואס עס האט פאסירט:

צוקומענדיג צום סאמע ארויסגאנג פון טעראסע האט איפאליט זיך אפגעשטעלט, האלטענדיג אין דער לינקער האנט דעם באקאל און אפלאזענדיג די רעכטע האנט אין דער זייטען-קעשענע פון זיין מאנטעל. קעלער האט דערנאך פארזיכערט אז איפאליט האט נאך פריהער אלץ געהאלטען די האנט אין דער רעכטער קעשענע, נאך דאן ווען ער האט גערעדט מיט׳ן פירשט און איהם געכאפט מיט דער לינקער האנט פאר׳ן פלייצע און פאר׳ן קאלנער און אז די רעכטע האנט אין קעשענע האט אין איהם ערוועקט דעם ערשטען פארדאכט. ווי עס זאל דארטען ניט זיין, נור א געוויסע אומרוהיגקייט האט איהם געצוואונגען זיך לאזען לויפען נאך איפאליטען. אבער אויך ער האט ניט אויספעיעט. ער האט בלויז געזעהן ווי פלוצלינג האט אין איפאליטס רעכטע האנט עפעס א גלאנץ געטאן און ווי אין דער זעלבער רגע האט א קליינער קעשענע פיסטאלעט זיך געפונען שטייף לעבען זיין שלייף. קעלער האט זיך א ווארף געטאן צו אנכאפען איהם ביי דער האנט, נור אין דער זעלבער רגע האט איפאליט א ציה געטאן דער „דריקער“. עס האט זיך דערהערט א שארפער, טרוקענער קלאפ פון „דריקער“. נור קיין שאס איז ניט פארגעקומען. ווען קעלער האט ארומגעכאפט איפאליטען, איז יענער איהם געפאלען אויף די הענט, פונקט ווי אהן זינען, מעגליך, אז ער האט זיכער געדענקט, אז ער איז שוין א דערהרג׳עטער. דער פיסטאלעט איז שוין געווען אין קעלערס הענט. איפאליטען האט מען אונטערגעכאפט, אוועקגעזעצט און אלע האבען זיך צוזאמענגעשטויסען ארום איהם. אלע האבען געשריען, אלע האבען געפרעגט. אלע האבען געהערט דעם קלאפ פון דעם „דריקער“ און געזעהן אז דער מענש לעבט, אפילו אהן קיין שום קראץ. איפאליט אליין איז געזעסען און ניט געוואוסט וואס דא קומט פאר און ער האט געווארפען אויף אלעמען א צומישטען בליק. אין דעם אויגענבליק זיינען אריינגעלאפען לעבעדעוו און קאליא.

— עס האָט זיך פאַרהאַקט? האָט מען געפרעגט פון אַלע זייטען.
— אפשר איז ער גאר ניט געווען אַנגעלאָדען? האָבען אַנדערע געוואָלט טרעפען.
— אַנגעלאָדען! האָט געלאַזט וויסען קעלער, באַקוקענדיג דעם פּיסטאָלעט — אָבער...
— איז עס טאַקע אַ פאַרהאַקונג?
— ס'איז קיין קאַפּסיול ניט געווען האָט געלאַזט וויסען קעלער.
עס איז שווער צו דערצעהלען די נאָכפאָלגענדע סצענע. דער ערשטער און אַלגעמיינער שרעק האָט זיך אָנגעהויבען פאַרבייטען מיט געלעכטער; אייניגע האָבען אפילו געלאַכט הויך אויפ'ן קול. זיי האָבען אין דעריין געפונען אַ בעזוויליגען פאַרגעניגען. איפּאָליט האָט געוויינט ווי אין אַ היסטעריקע, זיך געבראָכען די הענט, און זיך געוואָרפען צו אַלעמען, אפילו צו פּערדישטשענקאָ, איהם געכאַפּט מיטביידע הענט און זיך פאַר איהם געשוואָרען, אַז ער האָט פאַרגעסען. „גאָר אומווילענדיג פאַרגעסען און ניט אומישנע" צו אַריינלעגען דעם קאַפּסיול. „אַט די דאָזיגע קאַפּסיולען זיינען אַלע אָט דאָ ביי איהם אין דער וועסטל־קעשענע אַ צעהן שטיק" (ער האָט אַלעמען געוויזען). אַז ער האָט ניט אַנגעלאָדען פריהער, מורא האָבענדיג פאַר ניט ווילענדיגען אויסשאָס אין קעשענע, אַז ער האָט גערעכענט, אַז עס וועט אַלעמאָל זיין צייט צו אַנלאָדען און מיט אַמאָל האָט ער פאַרגעסען. ער האָט זיך געוואָרפען צום פירשט, צו עוועגעני פּאַוולאָוויטש זיך געבעטען ביי קעלערן, אַז מען זאָל איהם צוריק אָפּגעבען דעם פּיסטאָלעט, אַז ער וועט גלייך אַלעמען באַווייזען, „אַז זיין עהרע איז אַן עהרע". אַז „ער איז ניט פאַרפּאַשטעקעט אויף אייביג!"...
ענדליך איז ער אַנידערגעפאַלען אין אָנמאַכט. מען האָט איהם אוועקגעטראָגען אין דעם פירשט'ס צימער, און לעבעדעוו, וועלכער האָט זיך שוין אין גאַנצען אויסגעניכטערט, האָט גלייך אוועקגעשיקט נאָך אַ דאָקטאָר און ער אַליין צוזאַמען מיט דער טאָכטער, זוהן, בורדאָווסקען און דעם גענעראָל זיינען געבליבען לעבען דער בעטעל פון קראַנקען. ווען מען האָט אַרויסגעטראָגען דעם גע'חלש'טען איפּאָליט, האָט קעלער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער און געלאַזט וויסען אַז אַלע זאָלען הערען, צוטהיילענדיג און אָפּמעסטענדיג יעדען וואָרט, און אין אמת'ער שטימונג:

— מיינע הערה, ווען איך וועל זעהן, אז עמיצער פון אייך וועט נאָכיימאָל אויפ'ן קול אָנהויבען צווייפלען, אז די קאַפּסיול איז אומישנע פארגעסען געוואָרען און וועט אָנהויבען באַהויפּטען, אז דער אומ־גליקליכער יונגער מענש האָט בלויז געשפּילט א קאָמעדיע — וועט אָט דער דאָזיגער פון אייך האָבען וואָס צו טאָן מיט מיר!

נור קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. די געסט זיינען זיך ענדליך פאַנאַנדערגעגאַנגען מחנות'ווייז און איילענדיג. פּטיצין, האַ־ניאַ און ראַגאָזשין זיינען אוועק צוזאַמען.

דער פירשט איז געווען זעהר פארוואונדערט, וואָס עווגעני פּאַוו־לאָוויטש האָט געביטען זיין אַבזיכט און געהט ארום ניט מאַכענדיג די צוגעזאָגטע ערקלעהרונג.

— איהר האָט, דוכט זיך, מיט מיר געוואָלט עפּעס רעדען ווען אַלע וועלען זיך צוגעהן? האָט ער איהם געפרעגט.

— אמת, האָט געזאָגט עווגעני פּאַוולאָוויטש, פּלוצלינג זיך זע־צענדיג אויף א שטוהל און אוועקזעצענדיג דעם פירשט לעבען זיך. — נור איצט האָב איך פאר א צייט געענדערט מיין אַבזיכט. איך בין זיך פאר אייך מודה, אז איך בין אַביסעל צוטומעלט, און איהר אויך. ביי מיר זיינען צושלאָגען געוואָרען די געדאַנקען; אויסער דעם, איז דאָס, וועגען וואָס איך האָב זיך מיט אייך געוואָלט דורכשמועסען פאר מיר א צו וויכטיגע אַנגעלעגענהייט און פאר אייך אויך. איהר זעהט פירשט מיר ווילט זיך כאָטש איינמאָל אין לעבען טאָן אַן אמת ארענט־ליכע זאַך, דאָס הייסט א זאַך גאר אָהן קיינע הינטערגעדאַנקען, נו, און איך דענק, אז איך בין איצט, אין דער מינוט, ניט גאר פעהיג צו טאָן אַן ארענטליכע זאַך און אפשר איהר אויך... נו, איז גלייכער... אז מיר זאָלען זיך שפּעטער דורכשמועסען. ס'קען געבען, אז די זאַך וועט נאָך דערפון געווינען אין קלאָהרקייט, אי פאר מיר, אי פאר אייך, ווען מיר וועלען אָפּוואַרטען א טאָג דריי, אין וועלכע איך וועל איצט זיין אין פּעטערבורג.

דאָ האָט ער זיך ווידער געזעצט, זיך אויפגעהויבען פון שטול, אזוי דאָס עס האָט אויסגעקוקט מאָדנע צו וואָס ער האָט זיך גאר געזעצט.

דעם פירשט האָט זיך אויך אויסגעדאַכט, אז עווגעני פּאַוולאָ־

וויטש איז אויפגערעגט און ניט צופרידען און קוקט פיינדליך, אז זיין בליק איז גאָר א גאַנץ אַנדערער ווי נעכטען.

— און איהר איילט זיך דאָך אודאי צום ליידענדען?

— יע... איך שרעק זיך, האָט א זאָג געטאָן דער פירשט.

— שרעקט זיך ניט, ער וועט נאָך געווים לעבען א וואָך זעקס און ס׳קען נאָך געבען, אז ער זאָל זיך דאָ פאַרבעסערען אויך, נור דאָס גלייכסטע זאך איהר זאָלט איהם מאָרגען פון דאַנען ארויסטרייבען.

— אפשר האָב איך איהם אַנגערעגט מיט דעם וואָס... איך האָב גאָרנישט געזאָגט... ער האָט אפשר א טראַכט געטאָן, אז אויך איך צווייפעל אין דעם אז ער וועט זיך דערשיסען? ווי דענקט איהר עווגעני פּאַוולאָוויטש?

— ס׳איז גאָרנישט. איהר זייט אזוי אויך צו גוט און וואָס זאָרגט איהר זיך? איך האָב וועגען דעם געהערט, נור קיינמאָל ניט געזעהן אין דער ווירקליכקייט, ווי א מענש זאָל זיך אומישנע דערשיסען צו־ליב דעם כדי מען זאָל איהם לויבען, אדער פון בעזקייט פאַר וואָס מען האָט איהם דערפאַר ניט געלויבט. די הויפּט זאך, איך קאָן ניט גלויבען אין אָפנעהערציקייט אוים שוואכקייט! און פונדעסטוועגען איז גלייכער אז איהר זאָלט איהם מאָרגען ארויסטרייבען.

— איהר דענקט אז ער וועט זיך נאָכאַמאָל שיסען?

— ניין, איצט וועט ער זיך שוין ניט שיסען. נור היט זיך אָט פון די־זערע היימישע לאַסענערם! איך ווידערהאָל אייך, אז א פאַרברעכען איז א צו געוועהנליכע זאך פאַר אזא טאַלאַנטלאָזען איילענדיגען און דורשטיגען גאָרנישט.

— איז ער דאָן א לאַסענער?

— ס׳איז די זעלבע זאך, כאָטש ס׳קען געבען, אז פון א באַ־זונדערער ראָליע. איהר וועט זעהן, אויב אָט דער דאָזיגער הערר איז ניט פעהיג צו אוועקשיקען אויף יענער וועלט צעהן נפשות, בלויז נור צוליב „א שפּאָס” פונקט דאָס זעלבע וואָס ער האָט פריהער אליין פאַרגעלייענט אין זיין ערקלעהרונג. איצט וועלען מיך יענע ווערטער זיינע שלאָפען ניט לאָזען.

— מעגליך, אז איהר באַאומרוהיגט זיך שוין אביסעלע צופיעל.

— איהר זייט א וואונדערליכער מענש, פירשט, איהר גלויבט ניט אז ער איז א י צ ט פעהיג צו ערמאָרדען צעהן נפשות.

—איך שרעק זיך אייך צו ענטפערען; דאָס אַלץ איז אַזוי מאָדנע, אָבער...

— נו, ווי איהר ווילט, ווי איהר ווילט! האָט נערוועז פאַרענדיגט עווגעני פּאַוולאָוויטש — דערצו זייט איהר דאָך אַזאַ העלדישער מענש, זעהט נור, אַז איהר אַליין זאָלט ניט זיין צווישען די צעהן.

— עס גלויבט זיך מעהר פון אַלץ, אַז ער וועט קיינעם ניט ער־מאָרדען, האָט געזאָגט דער פירשט, פאַרטראַכטערהייט קוקענדיג אויף עווגעני פּאַוולאָוויטש. יענער האָט זיך בעז צעלאַכט.

— אויפ'ס ווידערזעהן, שוין צייט! און האָט איהר באַמערקט, אַז ער האָט אָפּגעזאָגט אַ קאָפּיע פון זיין ווידוי צו אַגלאַיאַ איוואַ־נאָוונאַ?

— יע, באַמערקט און... איך טראַכט וועגען דעם.

— אָט דאָס איז עס, אויפ'ן פאַל פון די צעהן נפשות, — האָט זיך עווגעני פּאַוולאָוויטש ווידער צעלאַכט און איז אַרויס.

מיט אַ שטונדע שפּעטער, שוין פּיער אַ זייגער, איז דער פירשט אַרונטער אין פּאַרק. ער האָט געפּרוּווט איינשלאָפען אין הויז, נור ער האָט ניט געקענט, צוליב אַ שרעקליכער האַרץ־קלאַפּעניש. איבער־ריגענס, איז אין הויז שוין געווען אַלץ איינגעאָרדענט און לויט דער מעגליכקייט בארוהיגט; דער קראַנקער איז איינגעשלאָפען און דער געקומענער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט אַז קיין באַזונדערע געפאַהר איז דאָ ניטאָ. לעבעדעוו, קאָליאַ, בורדאָווסקי, האָבען זיך געלעגט שלאָפען אין דעם קראַנקענס צימער, כדי צו בייטען זיך מיט דער וואַך; און דאָס הייסט אַז באָומרוהיגען זיך איז ניט געווען צוליב וואָס.

נור דעם פירשטס אומרוהיגקייט איז געוואַקסען פון מינוט צו מי־נוט. ער האָט געבלאָנדזשעט איבער'ן פּאַרק, צוטראָגענערהייט קו־קענדיג אין אַלע זייטען און מיט פאַרוואונדערונג האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, ווען ער איז דערגאַנגען ביז צו דעם בריקעל אויפ'ן וואָגזאַל און ער האָט דערזעהן אַ שורה לעדיגע בענקלאַך און סטענדערס פאַר'ן אָרקעסטער. איהם האָט דער פּלאַץ ערשטוינט און זיך אויסגעוויזען שרעקליך מיאוס. ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק און גלייך אויפ'ן וועג מיט וועלכען ער איז נעכטען דורכגעגאַנגען מיט די עפּנאַטשין'ס אויפ'ן וואָגזאַל, איז ער צוגעגאַנגען צו דער גרינער באַנק, וועלכע איז איהם באַשטימט געוואָרען אויף דער ראַנדעוואו, האָט זיך אויף איהר

אוועקגעזעצט און פלוצלינג האָט ער זיך הויך צעלאַכט, צוליב וואָס ער איז תיכף שרעקליך אין כעס געוואָרען. זיין אומעט האָט איהם ניט פארלאָזען; איהם האָט זיך געוואָלט ערגעץ וואו אוועקגעהן... ער האָט ניט געוואוסט וואוהין. איבער איהם אויף א בוים האָט געזונגען א פויגעל, און ער האָט זי גענומען זוכען מיט די אויגען צווישען די בלעטער; פלוצלינג איז די פויגעל אראָפגעפלויגען פון בוים און אין דער זעלבער מינוט האָט זיך איהם צוליב עפּעס וואָס דערמאָנט יענע „פליג" אין דעם „הייסען זונען־שטראַהל" וועגען וועלכער עס האָט אָנגעשריבען איפּאָליט „אז אויך זי ווייס איהר פּלאַץ און איז אן אנטייל נעהמערין אין דעם אלגעמיינעם כאָהר נור ער אליין איז אן ארויסגעוואָרפענער". אט די דאָזיגע פראַגע האָט איהם ערשטוינט נאָך פריהער, און ער האָט איצטער וועגען איהר זיך דערמאָנט און א לאַנג שוין פארגעסענע עראינערונג האָט זיך א ריהר געטאָן אין איהם און מיט אמאָל פלוצלונג קלאָהר געוואָרען.

דאָס איז געווען אין דער שווייץ, אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין קורירונג, אפילו נאָך אין די ערשטע מאָנאַטען. דאַן איז ער נאָך געווען אין גאַנצען ווי אן אידיאָט, אפילו גוט רעדען האָט ער ניט געקאָנט, און האָט אָפט ניט געקאָנט פארשטעהן וואָס מען פאָדערט פון איהם. איז ער איינמאָל פארגאַנגען אין די בערג ס'איז געווען אין א קלאָהרען זוניגען טאָג און ער איז לאַנג ארומגעגאַנגען מיט איין פּיינליכען נור בשום אופן ניט פארשטענדליכען געדאַנק. פאַר איהם איז געווען א זויבערער הימעל, אונטען אן אזערא, ארום און ארום א האָריזאָנט א ליכטיגער און אן אונענדליכער, וועלכער האָט קיין סוף ניט. ער האָט לאַנג געקוקט און זיך געפּייניגט. איהם האָט זיך איצטער דערמאָהנט ווי אזוי ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט אין דער דאָזיגער ליכטיגער אונענדליכער בלויקייט און געוויינט. געפּייניגט האָט איהם דאָס וואָס ער איז צו אלעם דעם, א פרעמדער, וואָס־זשע איז דאָס פאַר א שמחה, וואָס־זשע איז דאָס פאַר א שטענדיגער גרויסער יום טוב וועלכער האָט קיין ענד ניט און צו וועלכען עס ציהט איהם שוין פון לאַנג, שטענדיג פון דער סאַמע יוגענד אָן צו וועלכען ער קען בשום אופן ניט צוקומען. יעדען פריהמאָרגען געהט ארויס פּונקט אזא ליכטיגע זון; יעדען פריהמאָרגען באַווייזט זיך אויפ'ן וואַסער פאַל א רעגענבויגען, יעדען אבענט, ברענט דער סאַמע הויכער מיט שנעע

באַדעקטער באַרג, דאָרטען ווייט, אויף'ן עק הימעל מיט אַ פּורפּור פלאַם, יעדע קליינינקע פליגעלע וועלכע זשומעט אַרום איהם אין דעם הייסען זונען שטראַהל, איז אין אַט דעם גאַנצען כאָהר אַן אַנטהייל־נעהמעריִן, ווייס איהר אָרט, ליבט איהם און איז גליקליך. יעדעס גרעזעלע וואַקסט און איז גליקליך! און ביי יעדען איינעם איז זיין וועג, און אַלץ ווייס זיין וועג, מיט אַ געזאַנג געהט עס אַוועק און מיט אַ געזאַנג קומט עס; בלויז נור ער איינער ווייס גאָר ניט, פאַרשטעהט גאָר ניט, ניט קיין מענשען, ניט קיין קלאַנגען, ער איז פרעמד צו אַלץ און אַן אַרויסגעוואָרפענער, אודאי האָט ער דאַן ניט געקענט רעדען מיט די דאָזיגע ווערטער און אַרויסזאָגען זיין פראַגע; ער האָט זיך געפייניגט טויב און שטום; נור איצט האָט זיך איהם געדוכט אַז ער האָט דאָס אַלץ גערעדט אויך דאַן; אַט די זעלבע ווערטער, און אַז וועלען דער דאָזיגער „פליגעלע" האָט איפּאָליט געגומען ביי איהם, — זיינע דאַמאָלסדיגע ווערטער און טרערען. ער איז אין דעם געוויס איבערצייגט און זיין האַרץ האָט פון דעם דאָזיגען געדאַנק גע־קלאַפּט... ער האָט איינגעדרימעלט אויף'ן בענקעל, נור זיין אומרו־היקייט האָט איהם ניט פאַרלאָזען אויך אין שלאָף. איידער ער איז איינגעשלאָפען האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איפּאָליט וועט ערמאָרדען צעהן מענשען און ער האָט אַ שמייכעל געטאָן פון דער אומגעלומ־פּערטקייט פון דעם דאָזיגען געדאַנק. אַרום איז געווען אַ העָרליכע קלאָהרע שטילקייט, מען האָט בלויז געהערט דאָס גערויש פון די בלע־טער פון וועלכע עס איז דוכט זיך געוואָרען נאָך שטילער און איינ־זאַמער. איהם האָבען זיך גע'חלום'ט זעהר פיעל חלומות און אַלץ אומרוהיגע פון וועלכע ער האָט אַלע ווייַלע אויפגעציטערט. ענדליך איז צו איהם געקומען אַ פרוי; ער האָט זי געקענט, געקענט ביז ליי־דען; ער האָט זי שטענדיג געקענט אָנרופען און אָנווייזען — נור מאָדנע — זי האָט איצט ווי געהאַט אַן אַנדער געזיכט, ניט דאָס גע־זיכט וועלכע ער האָט געקאַנט, און ער האָט מיט גרויס פּיין ניט גע־וואָלט צוגעבען אַז דאָס איז דער דאָזיגערס פרוי'ס געזיכט. אין דעם דאָזיגען געזיכט איז געווען אַזוי פיעל חרטה און שרעק, אַז עס האָט זיך געדוכט, — אַז דאָס איז געווען אַ שרעקליכע פאַרברעכעריִן און זי האָט נור וואָס באַגאַנגען אַ שרעקליכען פאַרברעכען. טרערען האָ־בען געציטערט אויף איהרע בלייכע באַקען; זי האָט איהם אַ רוף געטאָן

מיט'ן האַנט און צוגעלעגט אַ פינגער צו די ליפּען, ווי זי וואָלט איהם אויפגעפאָדערט נאָכגעהן נאָך איהר וואָס שטילער. זיין הארץ איז אָפּגעשטאָרבען; ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַנערקענען אין איהר אַ פאַרברעכעריין; נור ער האָט געפיהלט, אַז באַלד וועט פאַרקור־מען עפּעס שרעקליכעס, אויף זיין גאַנץ לעבען. זי האָט דאָכט זיך געוואָלט איהם עפּעס ווייזען, דאָ טאַקע ניט ווייט אין פּאַרק. ער איז אויפגעשטאַנען, אום צו געהן נאָך איהר, און מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט עמיצענס אַ ליכטיגער, פרישער געלעכטער; עמיצענס אַ האַנט האָט זיך געפונען אין זיין האַנט, ער האָט זי אַ פעסטען דריק געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט. פאַר איהם איז געשטאַנען און הויך געלאַכט אַגלאַיאַ.

אַכטער קאַפּיטעל.

זי האָט געלאַכט, נור זי האָט אויך געברענט פון צאָרן.

— ער שלאָפט! איהר האָט געשלאָפען! האָט זי אויסגעשריען מיט פאַראַכטענדער פאַרוואונדערונג.

— דאָס זייט איהר! האָט ארויסגעמורמעלט דער פירשט, נאָך ניט אין גאַנצען קומענדיג צו זיך און מיט פאַרוואונדערונג דערקע־נענדיג זי — אַך, יע, דאָס איז אַ ראַנדעוואו... איך בין דאָ געשלאָ־פען.

— כ'האָב געזעהן.

— האָט מיך קיינער אויסער אייך ניט געוועקט? איז דאָ קיי־נער אויסער אייך ניט געווען? איך האָב געמיינט אַז דאָ איז געווען... אַן אַנדער פרוי...

ענדליך איז ער אין גאַנצען געקומען צו זיך.

— דאָס איז בלויז געווען אַ חלום, האָט ער געזאָגט פאַרטראַכ־טערהייט, — ס'איז מאָדנע וואָס אין אַזאַ מינוט זאָל זיך חלום'ען אַזאַ חלום... זעצט זיך!

ער האָט זי אָנגענומען ביים האַנט און זי אַוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל; אליין זיך געזעצט לעבען איהר און זיך פאַרטראַכט. אַגלאַיאַ האָט ניט אָנגעהויבען רעדען, נאָר האָט דורכדרינגליך באַטראַכט איהר מיטשפּרעכער. ער האָט אויך אויף איהר געקוקט, נור אַפּטמאָל אַזוי ווי ער וואָלט זי גאָר פאַר זיך ניט געזעהן. זי האָט זיך אָנגע־הויבען רויטלען.

— אַך, יע! האָט אויפגעציטערט דער פירשט — איפּאָליט האָט זיך דערשאָסען!

— ווען? ביי אייך? האָט זי געפרעגט, נור אָהן גרויס פאַר־וואונדערונג — דוכט זיך אַז נאָך נעכטען אָווענט האָט ער געלעבט? און ווי אַזוי־זשע האָט איהר געקענט נאָך דעם אַלעמען דאָ שלאָפען? האָט זי אויסגעשריען ווערענדיג לעבעדיגער.

— אָבער ער איז דאָך ניט געשטאָרבען, דער פּיסטאָלעט האָט ניט אויסגעשאָסען.

לויט דער באַשטעהוני פון אַגלאַיאַ, האָט דער פירשט טאַקע גלייך געמוזט דערצעהלען און אפילו מיט אַלע איינצעלהייטען די געשיכטע פון לעצטער נאַכט. זי האָט איהם אַלע ווייל צוגעיאָגט אין דער דערצעהלונג, נור אַליין טאַקע איהם איבערגעשלאָגען מיט אונאויפהערליכע פראַגען און כמעט אַלע וואָס האָבען ניט וואָס צו טאָן מיט'ן ענין. צווישען אַנדערעס האָט זי מיט גרויס נייגעריקייט אויסגעהערט וועגען דעם וואָס עס האָט גערעדט עווגעני פּאַוולאָוויטש און זי האָט איינינע מאָל אפילו איבערגעפרעגט.

— נו, גענוג, מען דאַרף זיך איילען, האָט זי פאַרענדיגט אויס־העערנדיג אַלעס, — אין גאַנצען קענען מיר דאָ זיין בלויז אַ שטונדע, ביז אַכט אַ זייגער, ווייל אַכט אַ זייגער דאַרף איך אונבעדינגט זיין אין הויז, כדי מען זאָל זיך ניט דערוויסען, אַז איך בין דאָ געזעסען, און דערצו בין איך געקומען וועגען אַן אינטערעס; איך דאַרף אייך אַסך זאַכען באַנאַכריכטען. נור איהר האָט מיך איצט אין גאַנצען צו־טומעלט. וועגען איפּאָליטען דענק איך, אַז ביי איהם האָט טאַקע דער פּיסטאָלעט ניט געדאַרפט אויסשיסען, דאָס פּאַסט איהם בעסער. אָבער איהר זייט זיכער אַז ער האָט אונבאַדינגט געוואָלט זיך דער־שיסען, און אַז דאָ איז ניט געווען קיין באַטרוג?

— קיין באַטרוג.

— דאס לאזט זיך אויך בעסער גלויבען, האט ער טאקע אזוי אנגעשריבען אז איהר זאלט מיר ברענגען זיין וידוי? פאר וואס־זשע האט איהר עס ניט געבראכט?

— אבער ער איז דאך נאך ניט געשטארבען! איך וועל ביי איהם א פרעג טאן.

— ברענגט אומבאדינגט און ס'איז גאר ניטא וואס צו פרעגען. איהם וועט עס זיכער זיין זעהר אנגענעהם, ווייל ער, קען געבען, האט זיך טאקע מיט דעם צוועק געשאסען, כדי איך זאל נאכדעם איבער־לייענען דעם וידוי. איך בעט אייך, לאכט ניט פון מיינע ווערטער לעוו ניקאלאיעוויטש, ווייל אזא זאך קען זיכער פאסירען.

— איך לאך ניט, ווייל איך בין אליין אויך זיכער, אז טהיילווייז קען אזא זאך פאסירען.

— איהר זייט זיכער? איז דען מעגליך אז אויך איהר טראכט אזוי? האט זיך פלוצלינג שרעקליך פארוואונדערט אגלאיא.

זי האט געפרעגט האסטיג, גערעדט גיך, נור אזוי ווי זי וואלט זיך גאנץ אפט צוטומעלט און זי האט ניט דערערעדט; יעדע ווײלע האט זי זיך געאײלט ווענען עפעס לאזען וויסען; אין אלגעמיין איז זי געווען אויסערגעוועהנליך אויפגערודערט און כאטש זי האט גע־קוקט זעהר העלדיש און אפילו ארויסרופעריש אבער עס קען געבען, אז זי האט זיך אביסעלע אונטערגעשראקען. זי האט געטראגען א זעהר וואכעדיגע איינפאך קלייד, וועלכע האט איהר זעהר געפאסט. זי האט גאנץ אפט אויפגעקעציטערט, זיך גערויטעלט און געזעסען אויפ'ן ברעג פון באנק. דעם פירשטס באשטעטיגונג, אז איפאליט האט זיך דערשאסען צוליב דעם, כדי זי זאל איבערלייענען דעם וידוי, האט איהר זעהר פארוואונדערט.

— געוויס, האט דער פירשט ערקלעהרט — האט זיך איהם געוואלט אז אויסער אייך זאלען מיר אלע איהם אויך לויבען.

— וואס הייסט, לויבען?

— דאס הייסט, דאס... ווי זאל איך אייך זאגען? דאס איז זעהר שווער צו זאגען. נור איהם האט זיך זיכער געוואלט, אז אלע זאלען איהם ארומרינגלען און איהם זאגען, אז מען ליבט און מען אכטעט איהם זעהר, און אלע זאלען איהם זעהר שטארק אנהויבען בעטען אז ער זאל זיך ניט נעהמען דאס לעבען. עס קען זעהר גע־

בען, אז אייך האָט ער געהאט מעהר פון אלעמען אין זינען, ווייל ער האָט אין אַזאַ מינוט ווענען אייך דערמאָנט... כאָטש ס'איז מעגליך אז ער אליין האָט ניט געוואוסט אז ער האָט אייך אין זינען.

— דאָס פארשטעה איך שוין גאר ניט: ער האָט געהאט אין זינען און האָט ניט געוואוסט אז ער האָט געהאָט אין זינען. נור אי־בעריגענס, דוכט זיך מיר, אז איך פארשטעה: ווייסט איהר אז איך אליין האב אמאָל דרייסיג, נאָך ווען איך בין געווען א דרייצעהן־יאהריגע מיידעלע, געעדנקט זיך פאר'סם'ען, און ווענען דעם אָנשריי־בען אין א בריף צו מיינע עלטערען און איך האָב אויך געקלעהרט, ווי אזוי איך וועל ליגען אין קאסטען, און אלע וועלען מיך באוויינען, און זיך אליין באשולדיגען, וואָס זיי זיינען געווען צו מיר אזוי שלעכט... וואָס שמייכעלט איהר ווידער, האָט זי האסטיג צוגעגעבען אנכמורענדיג די ברעמען, — וואָס דענקט איהר פאר זיך ווען איהר בלייבט אליין? אפשר דענקט איהר אז איהר זייט א פעלדמארשאָל אָדער אז איהר האָט צושלאָגען נאפאָלעאָנען?

— נו, אויף מיין עהרען וואָרט, אז איך דענק ווענען דעם, דער־הויפט ווען איך דרימעל איין, האָט זיך צעלאכט דער פירשט — נור איך צושלאָג ניט נאפאָלעאָנען נור אלץ די עסטרייכער.

—איך וויל גאר מיט אייך ניט מאַכען קיין שפאס, לעוו ניקאָ־לאיעוויטש. מיט איפאָליטען וועל איך זיך אליין זעהן; איך בעט אייך לאָזט איהם וויסען ווענען דעם. און פון אייער זייט, געפין איך אז דאס איז זעהר ניט שעהן, ווייל דאָס איז זעהר גראָב אזוי צו קוקען און משפט'ען א מענשליכע זעלע, ווי איהר משפט איפאָליטען. איך פעהלט צערטליכקייט. בלויז זאָגען דעם אמת — איז אומגערעכט.

דער פירשט האָט זיך פארטראכט.

— מיר דוכט זיך אז איהר זייט צו מיר אומגערעכט, האָט ער געזאָגט, — ווייל איך געפין ניט קיין שלעכטעס אין דעם, וואָס ער האָט אזוי געדענקט, ווייל אלע זיינען אזוי גענייגט צו דענקען; און דערצו קען געבען, אז ער האָט גאָר ניט געדענקט נור בלויז געוואָלט... איהם האָט זיך געוואלט צום לעצטען זיך באגעגענען מיט מענשען און זייער ליעבע און אכטונג פארדינען; און דאָס זיינען דאך אלץ שעהנע געפיהלען. נור צוליעב עפּעס אז אורזאכע איז דאָס ניט ארויס־געקומען; דאָ האָט געשטערט די קראנקהייט און נאָך עפּעס! און דערצו

קומט ביי אייניגע אלע מאָל ארוים גוט און ביי אנדערע געהט עס ניט...

— דאָס האָט איהר אודאי זיך געמיינט? האָט באַמערקט אגלאיא.

— יע, זיך. האָט געענטפערט דער פירשט ניט באַמערקענדיג קיין שטאָך אין דער פראַגע.

— נור פונדעסטוועגען וואָלט איך אויף אייער פּלאַץ אין קיין שום פאַל ניט איינגעשלאָפען, און דאָס מיינט, אז צו וואָס איהר ריהרט זיך ניט צו, איז שלאָפט איהר שוין; דאָס איז זעהר ניט פיין פון אייער זייט.

—אָבער איך האָב דאָך די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, און דערנאָך בין איך אומגעגאַנגען, אומגעגאַנגען, געווען ביי דער מוזיק...

— ביי וואָסער מוזיק?

— דאָרט וואו מען האָט נעכטען געשפּילט און דערנאָך געקומען אהער, זיך געזעצט, געטראַכט, געטראַכט און איינגעשלאָפען.

—אזוי? דאָס ענדערט אביסעלע די זאַך צו אייער גונסטען... און צו וואָס זייט איהר געגאַנגען צו דער מוזיק?

— איך וויים ניט, אזוי זיך...

— גוט, גוט. דערנאָך, איהר שלאָגט מיר אַלץ איבער. און וואָס געהט עס מיך אָן אז איהר זייט געגאַנגען צו דער מוזיק? וועגען וואָס פאַר א פרוי האָט זיך עס אייך גע'חלום'ט?

— דאָס... איז... וועגען... איהר האָט זי געזעהן...

— איך פאַרשטעה. איך פאַרשטעה גאַנץ גוט. איהר האָט זי זעהר... ווי אזוי האָט זי זיך אייך גע'חלום'ט, אין וואָס פאַר א געשטאַלט? אָבער איבעריגענס, ווייל איך פון גאָר ניט וויסען, האָט זי פּלוצלינג מיט ערגערניש אָפּגעהאַקט — שלאָגט מיר ניט איבער...

זי האָט אביסעל אָפּגעוואַרט, ווי אננעהמענדיג זיך מיט מוטה אָדער מיהענדיג צו פאַרטרייבען די ערגערניש.

— אָט וואָס איז דער גאַנצער עסק. צוליעב וואָס איך האָב אייך גערופען; איך וויל אייך מאַכען א פאָרשלאָג צו זיין מיינס א פריינד. וואָס האָט איהר אויף מיר פּלוצלינג אויסגעגלאָצט די אויגען? האָט זי צוגעגעבען כמעט מיט כעס.

דער פירשט האָט זיך טאַקע אויף איהר שטאַרק איינגעקוקט אין

דער מינוט, באַמערקענדיג אַז זי האָט ווידער אָנגעהויבען שרעקליך רויט ווערען. אין די פאַלען, איז וואָס מעהר זי האָט זיך געשעמט, אַלץ מעהר האָט זיך געדוכט, האָט זי זיך דערפאַר געכ׳עס׳ט אויף זיך אַליין, וואָס עס האָט זיך גאַנץ קלאָהר אָנגעזעהן אין איהרע בליצענדע אויגען. געוועהנליך, האָט זי אין אַ מינוט שפּעטער אויסגעגאָסען איהר כעס אויף דעם מיט וועמען זי האָט גערעדט, צי איז יענער געווען שולדיג אָדער ניט, און זי האָט אָנגעהויבען מיט איהם זיך קריגען. וויסענדיג און פיהלענדיג איהר גאַנצע ווילדקייט און שעהמעוודיגקייט, פלעגט זי זעהר וועניג געשפּרעכען פיהרען און זי איז געווען פיעל שווייגענדער פון איהרע שוועסטער, אָפטמאָל אפילו שוין צופיעל שווייגענדיג. נור ווען אין געוויסע פעלע האָט זי אומבאַדינגט געמוזט אָנהויבען רעדען, האָט זי אָנגעהויבען דעם געשפּרעך מיט אויסערגעוועהנליכער גאוה און אַזוי ווי אַרויסרופעריש. זי האָט שטענדיג געוואוסט פריהער ווען זי האָט אָנגעהויבען אָדער געדאַרפט אָנהויבען רויט ווערען.

— איהר ווילט אפשר, קען געבען, ניט אָננעהמען מיין פאָרשלאַג? האָט זי גאוה׳דיג אַ קוק געטאָן אויפ׳ן פירשט.

— אָ ניין. איך וויל. נור דאָס איז דאָך גאָר ניט נויטיג... דאָס הייסט, איך האָב גאָר ניט געדענקט אַז מען דאַרף מאַכען אַזאַ פאָרשלאַג, האָט זיך פאַרשעהמט דער פירשט.

— און וואָס האָט איהר געדענקט? צו וואָס האָב איך אייך אַהער גערופען? וואָס האָט איהר אויפ׳ן זינען? איבעריגענס, איהר קען געבען, האַלט מיך פאַר אַ קליינעם נאַר ווי אַלע אין דער היים האַלטען מיך?

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז מען רעכענט אייך פאַר אַ נאַר. איך... איך רעכען אייך ניט פאַר אַזאַ.

— איהר רעכענט ניט? זעהר קלוג פון אייער זייט. דערהויפּט, זעהר קלוג אַרויסגעזאָגט.

— לויט ווי איך דענק, זייט איהר, זייט איהר אָפטמאָל אַפילו שוין זעהר קלוג, האָט פאַרטגעזעצט דער פירשט — איהר האָט פריהער געזאָגט איין וואָרט זעהר אַ קלוגס. איהר האָט געזאָגט וועגען מיין צווייפעל אין איפּאָליט׳ן: „דאָס איז בלויז נור איין אמת און דאָס איז שוין אומגערעכט.“ דאָס וועל איך געדענקען און באַטראַכטען.

אגלאַיא האָט פּלוצלינג זיך פאַרשעהמט פון פאַרגעניגען. אַט די אַלע ענדערונגען זיינען אין איהר פאָרגעקומען זעהר אָפט און מיט אויסערגעוועהנליכער האַסטיקייט. דער פירשט האָט זיך אויך זעהר דערפרעהט און אפילו זיך צעלאַכט פון פרייד, קוקענדיג אויף איהר.

— הערט זשע מיך אויס, האָט זי ווידער אָנגעהויבען — איך האָב לאַנג אויף אייך געוואַרט אום אייך דאָס אַלץ צו דערצעהלען, פון דאַמאָלס אָן טאַקע געוואַרט, פון דאַן ווען איהר האָט מיר דעם בריעף אָנגעשריבען און אפשר נאָך פריהער... א העלפט האָט איהר נעכטען פון מיר געהערט: איך רעכען אייך פאַר דעם סאַמע עהרליכסטען און פאַר דעם סאַמע אמת'טען מענשען. עהרליכער און אמת'ער פון אַלע־מען און ווען מען זאָגט וועגען אייך, אַז אייער שכל... דאָס הייסט, אַז איהר זייט אַפּטמאָל קראַנק אויפ'ן שכל, איז דאָס ניט ריכטיג; איך האָב אַזוי באַשלאָסען, דאָס כאָטש איהר זייט אין אמת'ן קראַנק אויפ'ן שכל (איהר וועט געוויס דערפאַר ניט ווערען אין כעס איך רעד פון דער העכסטער שטופע), איז דערפאַר אייער הויפּט שכל בעסער ווי ביי זיי אַלעמען, אפילו אזא, וועלכער איז זיי קיינמאָל צו חלום ניט געקומען, ווייל עס זיינען דאָ צוויי שכל'ן: א הויפּט שכל און ניט קיין הויפּט שכל. אַזוי? איאָ ס'איז אַזוי?

— מעגליך אַז עס איז אַזוי, האָט קוים אַרויסגערעדט דער פירשט: ביי איהם האָט שרעקליך געציטערט און געקלאַפּט דאָס האַרץ.

— איך האָב טאַקע אַזוי געוואוסט, אַז איהר וועט פאַרשטעהן, האָט זי מיט וויכטיקייט פאַרטגעזעצט — פירשט שטש. און עווגעני פּאַוולאָוויטש פאַרשטעהן גאַר נישט וועגען אָט די צוויי שכל'ן. אַלעק־סאַנדראַ אויך ניט, אָבער שטעלט זיך פאָר: די מאַמע האָט פאַרשטאַ־נען.

—איהר זייט זעהר געראָטען אין ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונא.

— ווי אַזוי איז דאָס דען מעגליך? האָט זיך פאַרוואונדערט אַגלאַיא.

— ביי גאָט, ס'איז אַזוי.

— איך דאַנק אייך, האָט זי געזאָגט, א טראַכט טוענדיג — איך בין זעהר צופרידען וואָס איך בין געראָטען אין דער מאַמען. אַלזאָ

מיינט עס, אַז איהר אַכטעט זי זעהר? האָט זי צוגעגעבען גאָר ניט באַמערקענדיג די נאַאיוויטעט פון דער פראַגע.

— זעהר, זעהר, און איך בין צופרידען, וואָס איהר האָט עס אַזוי גלייך פאַרשטאַנען.

— און איך בין אויך צופרידען. ווייל איך האָב אָפטמאָל באַמערקט ווי מען לאַכט פון איהר... נור הערט די הויפּט־זאַך: איך האָב לאַנג נאָכגעדענקט און ענדליך האָב איך אייך אויסערוועהלט. איך וויל ניט מען זאָל אין דער היים פון מיר לאַכען; איך וויל ניט אַז מען מיך רעכענען פאַר א קליינינקען נאַר; איך וויל ניט אַז מען זאָל זיך מיט מיר רייצען... איך האָב דאָס אַלץ גלייך פאַרשטאַנען און אין גאַנצען אָפּגעזאָגט עווגעני פּאַוולאָוויטש'ן, דערפאַר ווייל איך וויל ניט אַז מען זאָל מיך אונאויפהערליך חתונה מאַכען! איך וויל... איך וויל... נו, איך וויל אַנטלויפען פון הויז, און אייך האָב איך אויסגעקליבען איהר זאָלט מיר העלפען.

— אַנטלויפען פון הויז! האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— יע, יע, יע. אַנטלויפען פון הויז! האָט זי פלוצלינג אויסגעשריען ווערענדיג אָנגעצונדען מיט אַן אויסערגעוועהנליכען כעס.— איך וויל ניט, איך וויל ניט אַז מען זאָל מיך דאָרטען אייביג צווינגען צו רויט ווערען. איך וויל זיך ניט רויט ווערען ניט פאַר זיי, ניט פאַר פירשט שטש., ניט פאַר עווגעני פּאַוולאָוויטש, ניט פאַר קיינעם ניט און דאָרום האָב איך אויסערוועהלט אייך. מיט אייך וויל איך אַלץ, אַלץ רעדען. און אפילו וועגען דער הויפּט זאַך ווען איך וועל וועלען: און איהר פון אייער זייט דאַרפט אויך פון מיר גאָרניט באַהאַלטען. איך וויל כאָטש מיט איין מענשען רעדען וועגען אַלץ ווי מיט זיך אַליין. זיי האָבען מיט אַמאָל אָנגעהויבען רעדען אַז איך וואַרט אויף אייך, אַז איך האָב אייך ליעב. דאָס איז נאָך געוועזען איידער איהר זייט געקומען, און איך האָב זיי דעם בריעף ניט באַוויזען; און איצט רעדען שוין אַלע. איך וויל זיין א געוואַגטע און פאַר גאָרנישט קיין מורא ניט האָבען. איך וויל ניט פאַהרען צו זייערע בעלער, איך וויל ברענגען נוצען. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אוועקגעהן. איך בין שוין צוואַנציג יאָהר ביי זיי פאַרשפּאַרט און מען מאַכט מיך אַלץ חתונה. ווען איך בין נאָך געווען פערצען יאָהר אַלט האָב איך שוין געדענקט פון אַנטלויפען, כאָטש איך בין געווען א נאַריש מיידעל. איצט האָב

איך שוין אלץ בארעכענט און געוואָרט אויף אייך, כדי אלץ צו פאַנאַנ־דערפרעגען וועגען אויסלאנד. איך האָב נאָך קיין איין גאָטישע קירכע ניט געזעהן. איך וויל זיין אין רוים, איך וויל אלע געלעהרטע קאַבינעטען באַזוכען. איך וויל זיך לערנען אין פאַריז. איך האָב זיך דעם גאַנצען לעצטען יאָהר געגרייט און געלערנט און זעהר אסך ביכער דורכגעלייענט; איך האָב אלע פאַרבאָטענע ביכער איבערגעלייענט. אלעקסאנדרא און אדעלאַידא לייענען אלע ביכער. זיי מאָגען, און מיר ערלויבט מען ניט אלעס, אויף מיר גיט מען אַכטונג. איך וויל זיך מיט די שוועסטער ניט קריגען, נור דער מאַמען און דעם טאַטען האָב איך שוין לאַנג ערקלעהרט, אז איך וויל אין גאַנצען ענדערן מיין סאָ־ציאַלע לאַגע. איך האָב באַשלאָסען זיך צו פאַרנעהמען מיט ערציהונג, און איך האָב אויף אייך גערעכענט, ווייל איהר האָט געזאָגט, אז איהר ליעבט קינדער. קענען מיר צוזאַמען זיך פאַרנעהמען מיט ערציהונג אויב ניט איצט איז כאָטש אין דער צוקונפט? מיר וועלען צוזאַמען נוצען ברענגען. איך וויל ניט זיין א גענעראַל'ס א טאָכטער... זאָגט, איהר זייט זעהר א געלעהרטער מענש?

— גאָר ניט.

— ס'טוט מיר לייד, און איך האָב געדענקט... ווי אזוי זשע האָב איך עס געדענקט? פונדעסטוועגען וועט איהר זיין מיין פיהרער, ווייל איך האָב א י י ך אויסגעקליבען.

— דאָס איז א קרומע זאַך, אַגלאַיא איוואַנאָוונאַ.

— איך וויל, איך וויל אנטלויפען פון הויז! האָט זי אויסגעשריען און איהרע אויגען האָבען זיך ווידער צובליצט, — אויב איהר וועט ניט איינשטימען, דאַן וועל איך חתונה האָבען מיט גאַווריל¬א ארדאַליאָנאָ־וויטש. איך וויל ניט אז מען זאָל מיך אין דער היים רעכענען פאַר א שענדליכער פרוי און מיך באַשולדיגען גאָט ווייס אין וואָס.

— זייט איהר ביים זינען? איז דער פירשט שיעור ניט אויפ־געשפרונגען פון פּלאַץ. — אין וואָס באַשולדיגט מען אייך, ווער באַ־שולדיגט?

—אין דער היים. אלע, די מאַמע, די שוועסטער, דער טאַטע, פירשט שטש. אפילו אייער פּאַסקודנער קאָליא! אויב זיי זאָגען עס ניט אָפען, טראַכטען זיי אזוי. איך האָב זיי דאָס אלץ אין די אויגען געזאָגט, דער מאַמען און דעם טאַטען. די מאַמע איז א גאַנצען טאָג

קראַנק געווען; און אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען מיר אַלעקסאַנדראַ און דער טאַטע געזאָגט, אַז איך פאַרשטעה אַליין ניט, אַז איך זאָג ליגען. און איך האָב זיי דאָ גלייך אָפּגעשניטען, אַז איך בין שוין ניט קיין קליינינקע, אַז איך האָב נאָך מיט צוויי יאָהר צוריק אומישנע איבערגעלעזען צוויי ראָמאַנען פון פּאָל־דע־קאָק, כדי וועגען אַלץ זיך דערוויסען. די מאַמע ווי נור זי האָט עס דערהערט איז זי תיכף אין חלשות געפאַלען.

ביים פירשט אין מוח האָט פּלוצלינג אַ בליץ געטאָן אַ מאָדנער געדאַנק. ער האָט דורכדריגענד אַ קוק געטאָן אויף אַגליאַ'ן און אַ שמייכעל געטאָן.

איהם האָט זיך אפילו ניט געגלויבט, אַז פאַר איהם זיצט די זעלבע שטאָלצע מיידעל, וועלכע האָט אַזוי שטאָלץ און גאוה'דיג איהם דאָן פאַרגעלייענט דעם בריעף פון גאַווּרילאַ אַרדאַליאָנאָוויטש. ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן ווי אַזוי האָט אין אַזאַ גרויס־האַלטערישער, בעזער מיידעל געקענט זיך אַרויסווייזען אַזאַ קינד. אפשר טאַקע אַ קינד, וועלכע פאַרשטעהט ניט די באַדייטונג פון **אַ ל ע ו ו ע ר ט ע ר**.

— איהר האָט כסדר געלעבט אין דעם היים, אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ? האָט ער געפרעגט — איך וויל זאָגען, איהר זייט קיינמאָל אין קיין שוהלע ניט געגאַנגען, ניט געלערנט זיך אין אַן אינסטיטוט?

— קיינמאָל און אין ערגעץ ניט געגאַנגען. איך בין כסדר אין הויז געזעסען, פאַרקאָרקעוועט ווי אין אַ פלעשיל, און פון פלעשיל וועל איך גלייך געהן הייראַטען; וואָס שמייכעלט איהר ווידער? איך באַמערק אַז אויך איהר לאַכט פון מיר און האַלט מיט זיי, האָט זי שטרענג צוגעגעבען זיך אָנכמורענדיג — מאַכט מיך ניט בייז, איך ווייס אַהן דעם אויך ניט וואָס מיט מיר טוט זיך... איך בין איבערצייגט, אַז איהר זייט געקומען אַהער אין דער פולער זיכערקייט, אַז איך בין אין אייך פאַרליעבט און אייך גערופען אויף אַ ראַנדעוואו, האָט זי אָפּגעשניטען מיט כעס.

— איך האָב נעכטען אין אמת'ן דערפאַר מורא געהאַט, האָט נאַאיוו זיך אַרויסגערעדט דער פירשט (ער איז געווען זעהר צוטומעלט), נור היינט בין איך איבערצייגט, אַז איהר...

— וואָס? האָט אויסגעשריען אַגלאַיאַ און איהר אונטערשטע

ליפּעל האָט מיט אמאָל אָנגעהויבען ציטערן — איהר האָט מורא גע־האָט אז איך... איהר האָט געוואָגט צו דענקען אז איך... גאָט מיינער! איהר האָט אודאי פאַרדעכטיגט, אז איך האָב אייך גערופען אהער צו־ליעב דעם, כדי אייך אריינציהען אין נעץ און דערנאָך זאָל מען אונז דאָ כאַפּען און מען זאָל אייך צווינגען מיט מיר חתונה האָבען...

— אגלאיא איוואנאָוונא! ווי שעהמט איהר זיך ניט! ווי האָט געקענט אזא שמוציגער געדאַנק געבוירען ווערען אין אייער ריינעם, אומשולדיגען הארצען? איך קאָן זיך וועטען, אז איהר אליין גלויבט ניט קיין איין וואָרט אייערען און... איהר ווייסט אליין וואָס איהר רעדט!

אגלאיא איז געזעסען עקשנות'דיג אראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ, פונקט ווי זי וואָלט אליין זיך דערשראָקען פאַר דאָס וואָס זי האָט גע־זאָגט.

— איך שעהם זיך גאָרניט. האָט זי ארויסגעמורמעלט — פון וואַנען ווייסט איהר אז איך האָב אַן אומשולדיג הארץ? ווי האָט איהר געוואָגט מיר דאַן א ליעבעס־בריעף צו שיקען?

— א ליעבעס־בריעף? מיין בריעף — א ליעבעס בריעף? דאָס איז געווען א זעהר אַכטונגספאָלער בריעף. דער דאָזיגער בריעף האָט זיך פון מיין הארצען ארויסגעגאָסען אין דער סאַמע שווערער מינוט פון מיין לעבען! איך האָב זיך דאַן דערמאָנט אָן אייך, ווי אָן עפּעס א ליכטיגקייט... איך...

— נו, גוט, גוט. האָט זי פּלוצלינג איהם איבערגעשלאָגען, אָבער שוין גאָר ניט אין יענעם טאָן, נור אין פאָלקאָמענער חרטה און שיעור ניט אין שרעק, זי האָט זיך אפילו צו איהם צוגעבויגען, זיך מיהענדיג נאָך אלץ ניט קוקען אויף איהם גלייך, און זי האָט איהם געוואָלט אָנריהרען ביים אָקסעל, כדי נאָך מעהר איבערצייגענד איהם בעטען ער זאָל ניט זיין אין כעס. — גוט, האָט זי צוגעגעבען שרעקליך פאַר־שעהמענדיג זיך. — איך פיהל אז איך האָב געברויכט זעהר א נאַרי־שען אויסדרוק. דאָס האָב איך אזוי... כדי אייך אויסצופּרובירען. נעהמט עס אָן פונקט ווי איך וואָלט עס אייך ניט געזאָגט. אָבער אויב איך האָב אייך באַלעדיגט טאָ ענטשולדיגט ניר. איך בעט אייך, קוקט אויף מיר ניט אזוי גלייך, קעהרט זיך אָפּ אביסעל. איהר האָט גע־זאָגט, אז דאָס איז זעהר א שמוציגער געדאַנק. אָבער איך האָב עס

אייך אומישנע געזאָגט, אום אייך א שטאָך טאָן. אפשמאָל שרעק איך זיך אליין פאַר דעם וואָס מיר ווילט זיך זאָגען, אָבער מיט אמאָל נעהם איך און זאָג. איהר האָט ערשט געזאָגט אז איהר האָט אָנגעשריבען דעם דאָזיגען בריעף אין דער שווערער מינוט פון אייער לעבען. איך וויים אין וואָס פאַר א מינוט דאָס איז געווען, האָט זי שטיל ארויסגערעדט, ווידער קוקענדיג ארונטער צו דער ערד.

— אָ, ווען איהר וואָלט געקענט אַלץ וויסען!

— איך וויים אַלץ! האָט זי אויסגעשריען מיט נייער אויפרעגונג — איהר האָט דאַן געוואוינט אין איינע צימערן, א גאַנצען מאָנאַט, מיט דער דאָזיגער עקעלהאפטיגער פרוי, מיט וועלכער איהר זייט אנטלאָפען...

דאָס ארויסזאָגענדיג, איז זי שוין ניט רויט, נור בלאַס געוואָרען, און פלוצלינג האָט זי זיך אויפגעשטעלט, פונקט ווי זי וואָלט פאַרגעסען וואָס מיט איהר טוט זיך, נור גלייך איז זי געקומען צו זיך און זיך ווידער געזעצט; איהר ליפעל האָט נאָך לאַנג פאַרטגעזעצט צו ציטערען.

דאָס שווייגען האָט זיך געצויגען ביי א מינוט. דער פירשט איז געווען שרעקליך ערשטוינט פון דער פלוצליכקייט פון איהר אויפטוה, און ער האָט ניט געוואוסט צו וואָס ער זאָל עס צושרייבען.

— איך האָב אייך גאָר ניט ליעב, האָט זי פלוצלינג געזאָגט, פונקט ווי זי וואָלט אפגעשניטען.

דער פירשט האָט ניט געענטפערט; זיי האָבען א ווײַלע ווידער געשוויגען.

— איך האָב ליעב גאוורילא ארדאליאנאָוויטש... האָט זי ארויסגעזאָגט אויף שנעל, נור קוים וואָס מען האָט עס געקאָנט הערען און נאָך טיעפער אראָפגעבויגט דעם קאָפּ.

— דאָס איז ניט אמת, האָט ארויסגערעדט דער פירשט, אויך כמעט שעפטשענדיג.

— הייסט עס, אז איך זאָג ליגען? דאָס איז אן אמת; איך האָב איהם געגעבען מיין וואָרט, מיט דריי טאָג צוריג, טאַקע אויף דער זעלבער באַנק.

דער פירשט האָט זיך דערשראָקען און האָט אויף אן אויגענבליק זיך פאַרטראַכט.

— דאָס איז ניט אמת, האָט ער פּעסט ווידערהאָלט — דאָס האָט איהר אַלץ אויסגעטראַכט.

— גוואַלדיג עדעל. ווייסט איהר, אַז ער האָט זיך געענדערט? ער האָט מיך ליעב מעהר ווי זיין לעבען, ער האָט פאַר מיר אין די אויגען צובּרענט זיין האַנט, כדי נור צו באַווייזען, אַז ער האָט מיך ליעב מעהר ווי זיין לעבען.

— צובּרענט זיין האַנט?

— יע, זיין האַנט. גלויבּט אָדער גלויבּט ניט, מיר איז אַלץ איינס.

דער פירשט האָט ווידער פאַרשוויגען. אַגלאַיאַ'ס ווערטער זייַנען ניט געווען קיין שפּאַס; זי איז געווען אין כעס.

— וואָס זשע, ער האָט אהער מיט זיך געבּראַכט אַ ליכט, אויב דאָס איז דאָ פאָרגעקומען? אַנדערש קען איך ניט פאַרשטעהן.

— יע... אַ ליכט. לעגט זיך דען דאָס ניט אויפ'ן שכל?

— אַ גאַנצע, אָדער אין אַ לייכטער?

— נו יע... נייַן... אַ האַלבּע ליכט... אַ שטיקעל... אַ גאַנצע ליכט — ס'איז אַלץ איינס, טשעפּעט זיך אָפּ! און שוועבּעלאַך, ווען איהר ווילט, האָט ער אויך געבּראַכט. און אַ גאַנצע האַלבּע שטונדע האָט ער געהאַלטען דעם פינגער אויף דער ליכט; איז דאָס דען אוּנמעגליך?

— איך האָבּ איהם נעכטען געזעהן, און אַלע פינגער זיינען בּיי איהם געזונטע.

אַגלאַיאַ האָט פּלוצלינג אויסגעשאָסען אַ געלעכטער, פּונקט ווי אַ קינד.

— ווייסט איהר פאַר וואָס איך האָבּ אייך ערשט געזאָגט אַ ליגען? האָט זי זיך מיט אַמאָל געווענדעט צום פירשט מיט דער סאַמע קינדערשער צוטרויליכקייט און נאָך מיט'ן געלעכטער וואָס האָט געציטערט אויף איהרע ליפּען. — ווייל ווען דו זאָגסט אַ ליגען, איז ווען מען קען דאָן אַריינשטעלען עפּעס־וואָס גאָר אויסערגעוועהנליכעס, עפּעס־וואָס עקסצינטרישעס, נו, ווייסט איהר, עפּעס־וואָס איז זעהר ווייניג דאָ, אָדער וואָס איז גאָר קיינמאָל ניטאָ, דאַן ווערט דער ליגען אסך וואַרהייטליכער. דאָס האָבּ איך בּאַמערקט. בּיי מיר איז דאָס נור ניט גוט אַרויס, דערפאַר ווייל איך האָבּ ניט געקאָנט...

פלוצלינג האָט זי זיך ווידער אָנגעכמורעט, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

— ווען איך האָב דאָ, — האָט זי זיך געווענדט צום פירשט, קוקענדיג אויף איהם ערנסט און אפילו טרויעריג — ווען איך האָב אייך דאָן פאַרגעלייענט וועגען דעם „אָרימען ריטער", איז כאָטש איך האָב מיט דעם געוואָלט... לויבען אייך פאַר איין זאַך, נאָר דאָ טאַקע האָב איך אויך געוואָלט אייך אָפּשטעמפּלען פאַר אייער אויפפיהרונג און ווייזען אייך, אַז איך ווייס אַלעס...

— איהר זייט זעהר אומגערעכט צו מיר... צו יענער אומגליקליכער, אַגלאַיאַ. וועגען וועלכער איהר האָט זיך ערשט אַזוי שרעקליך אויסגעדריקט.

— ס'איז, ווייל מיר איז אַלץ באַוואוסט, אַלץ, דערפאַר האָב איך זיך אַזוי אויסגעשפּראָכען! איך ווייס ווי איהר האָט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק, פאַר אַלעמען אין די אויגען איהר פאַרגעשלאָגען אייער האַנט. שלאָגט ניט איבער, איהר זעהט דאָך, אַז איך רעד אָהן קאָמענטאַרען; נאָך דער געשיכטע איז זי אַנטלאָפען מיט ראָגאָזשינ'ען; דערנאָך האָט איהר מיט איהר געלעבט אין עפּעס אַ דאָרף, אָדער אין אַ שטאָדט און זי איז פון אייך אַוועק צו עמיצען. (אַגלאַיאַ איז זעהר רויט געוואָרען.) דערנאָך האָט זי זיך ווידער אומגעקעהרט צו ראָגאָזשינען, וועלכער ליבט זי... ווי אַ וואַהנזיניגער. און דערנאָך זייט איהר, אויך זעהר אַ קלוגער מענש, געקומען איצט צופליהען נאָך איהר אַהער, תיכף ווי איהר האָט זיך דערוואוסט, אַז זי האָט זיך אומגעקעהרט אין פּעטערבורג. נעכטען אָוועגט האָט איהר זיך געוואָרפען איהר צו באַשיצען, און אַט ערשט האָט איהר זי געזעהן אין חלום... איהר זעהט, אַז איך ווייס אַלץ; ס'איז דען ניט אמת, אַז איהר זייט צוליב איהר, צוליב איהר אַהער געקומען צופאָהרען?

— יאָ, צוליב איהר, — האָט שטיל געענטפערט דער פירשט, טרויעריג און פאַרטראַכט אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ און ניט פאַרדעכטענדיג מיט וואָס פאַר אַ בליציגען בליק אַגלאַיאַ האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן, — צוליב איהר, בלויז כדי צו דערוויסען זיך... איך גלויב ניט אין איהר גליק מיט ראָגאָזשינען, כאָטש... מיט איין וואָרט, איך ווייס ניט, וואָס איך וואָלט דאָ פאַר איהר געקענט טאָן און מיט וואָס העלפען, אָבער איך בין געקומען.

ער האָט א ציטער געטאָן און א קוק געטאָן אויף אַגלאַיאַ'ן. יענע האָט איהם געהערט מיט האַס.

— אויב איהר זייט געקומען ניט וויסענדיג צוליב וואָס, איז דאָן מיינט עס, אז איהר ליבט זי שוין זעהר שטארק, — האָט זי ענדליך ארויסגערעדט.

— ניין, — האָט געענטפערט דער פירשט, — ניין, איך ליב ניט.

אַ, ווען איהר וואָלט געוואוסט מיט וואס פאר א שרעק איך דערמאָהן זיך אָן יענער צייט, וואָס איך האָב פארבראכט מיט איהר!

ער האָט אפילו ביי די ווערטער א ציטער געטאָן.

— דערצעהלט אַלעס! — האָט געזאָגט אַגלאַיאַ.

— דאָ איז גאָר ניטאָ אַזעלכעס וואס איהר וואָלט ניט געקענט אויסהערען. פאר וואס וואָלט איך געוואָלט בלויז אייך דאָס דערצעהלען, נור אייך אליין — ווייס איך ניט; מעגליך, אז דערפאר, ווייל איך האָב אייך אויף אַן אמת'ן טאַקע ליב געהאט. אָט די אומגליקליכע פרוי איז טיעף איבערצייגט, אז זי איז די סאמע געפאַלענסטע, די סאמע איבערגעפיהרטסטע באשעפעניש אויף דער וועלט. אַ, מאכט איהר ניט צו שאנד. ווארפט אין איהר ניט קיין שטיינער. זי האָט צופיעל זיך אליין פארפייניגט מיט דעם באוואוסטזיין פון איהר ניט פארדינטער שאנדע! און מיט וואָס, גאָט מיינער, איז זי שולדיג! אַ, זי שרייט אַלע ווייַלע אין מינוטען פון צאָרן, אז זי אנערקענט ניט אויף זיך קיין זינד, אז זי איז א קרבן פון מענשען, א קרבן פון אַן אויסגעלאַסענעם מאַן און א מערדער; נאָר וואָס זי זאָל אייך ניט זאָגען, ווייסט, אז זי איז די ערשטע, וואָס גלויבט זיך ניט, און זי גלויבט מיט איהר גאַנצען געוויסען אין דאָס פאַרקעהרטע, אז זי... איז אליין שולדיג. ווען איך האָב געפרואווט פאַנאַנדעריאָגען די דאָזיגע פינסטערניש, איז זי דערגאַנגען צו אַזעלכע ליידען, אז ביז וואנען איך וועל געדענקען וועגען דער דאָזיגער שרעקליכער צייט, וועט מיין הארץ זיך קיינמאָל ניט פארהוילען. איך פיהל זיך, פונקט ווי מען וואָלט מיין הארץ דורכגעשטאָכען אויף אייביג. זי איז אנטלאָפען פון מיר, ווייסט איהר פארוואס? באשטימט בלויז דערפאר, כדי צו באווייזען מיר, אז זי איז — א געפאַלענע. נאָר שרעקליכער פון אַלץ איז דאָס, אז זי האָט אליין אפשר ניט געוואוסט, אז זי וויל עס מיר באווייזען. נאָר זי איז געלאָפען דערפאר, ווייל איהר האָט זיך אינערליך געוואָלט צו באַ־

געהן א מואס'ע טהאט. כדי זי זאָל זיך אליין קענען זאָגען: „אַט ביסטו באַגאַנגען א מואס'ע טהאט. און דאַן, איז דאך דאָס א באווייז, אז דו ביסט א נידעריגע באַשעפעניש! — מעגליך, אַגלאַיאַ, אז איהר וועט עס אפשר ניט פארשטעהן! ווייסט איהר, אז אין דעם דאָזיגען אונ־אויפהערליכען באוואוסטזיין איז פאר איהר אפשר פארבאָרגען אַזאַ שרעקליכער אומנאַטירליכער פארגעניגען, אזוי ווי דער געפיהל פון נוקם זיין זיך אַן עמיצען. אייניגע מאָל האָב איך זי געבראַכט דערצו, אַז זי האָט כמעט ווידער דערזעהן אַרום זיך א ליכטיגקייט; אבער באַלד איז זי ווידער אויפגעבראַכט געוואָרען און איז דערגאַנגען דער־צו, אז זי האָט מיך טאקע ביטער באשולדיגט פאר דעם, אז איך שטעל זיך העכער איבער איהר (ווען איך האָב עס אפילו אין מיין זינען ניט געהאַט). און זי האָט מיר אָפען ערקלעהרט, אז זי וויל ניט מיין היי־ראַטס־פאָרשלאַג, אז זי פאָדערט פון קיינעם ניט קיין רחמנות און ניט קיין הילף און ניט קיין „ארויפהויבונג צו זיך“. איהר האָט זי נעכ־טען געזעהן, דענקט איהר טאקע אין אמת'ן אז זי פיהלט זיך גליקליך מיט אַזאַ קאָמפּאַניע, אז דאָס איז איהר געזעלשאַפט? איהר ווייסט ניט ווי אנטוויקעלט זי איז און ווי הויך זי קען דענקען! זי פלעגט מיך אַפט אפילו פארוואונדערן!

— איהר האָט איהר אויך דאָרטען געלעזען אַזעלכע... דרשות?

— אָ, ניין, — האָט פארטראַכטערהייט געענטפערט דער פירשט ניט באַמערקענדיג דעם טאָן פון דער פראַגע — איך פלעג כמעט כסדר שווייגען. איך האָב אָפט געוואָלט רעדען, נאָר איך האָב אין אמת'ן ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ווייסט איהר, אז אין אייניגע פעלע איז פיעל בעסער ניט צו רעדען. אָ, איך האָב זי געליבט; זעהר געליבט... אבער דערנאָך... דערנאָך... דערנאָך האָט זי אַלץ פארשטאַ־נען.

— וואָס האָט זי פארשטאַנען?

— אז איך האָב בלויז אויף איהר מיטלייד און אז איך... האָב זי שוין מעהר ניט ליעב.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אפשר האָט זי זיך טאקע איינגע־ליבט אין יענעם... גוטסבאַזיצער מיט וועלכען זי איז אוועק?

— ניין, איך ווייס אַלץ; זי האָט בלויז געמאַכט פון איהם שפּאַס.

— און פון אייך האָט זי קיינמאָל ניט געשפּאַסט?

— נ־ניין, זי האָט געלאַכט פון כעס; אָ, דאַן האָט זי מיר שרעק־ליך פאַרגעוואָרפען פון כעס — און דערביי האָט זי אַליין געליטען! אָבער... דערנאָך... אָ, דערמאָהנט מיר עס ניט, דערמאָהנט מיר עס ניט!

ער האָט מיט די הענט פאַרדעקט דעם פּנים.

— און ווייסט איהר, אַז זי שרייבט מיר כמעט יעדען טאָג בריף?

— הייסט עס, אַז דאָס איז טאַקע אמת! — האָט דער פירשט אויסגעשריען — איך האָב דאָס געהערט, אָבער איך האָב נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען.

— פון וועמען האָט איהר געהערט? — האָט אויפגעציטערט אַגלאַיאַ.

— ראַגאָזשין האָט עס מיר נעכטען דערצעהלט, אָבער ניט גאָר קלאָהר.

— נעכטען? נעכטען אין דער פריה? ווען נעכטען? פאַר דער מוזיק אָדער נאָכדעם?

— נאָכדעם; אין אָוונט, צוועלף אַזייגער.

— א־א, נו, ווען ראַגאָזשין... און ווייסט איהר וואָס זי שרייבט מיר אין די דאָזיגע בריף?

— איך וואונדער זיך אויף גאָרנישט; זי איז אַ וואַהנזיניגע.

— אָט זיינען די בריף (אַגלאַיאַ האָט ארויסגענומען פון קעשענע דריי בריף, פון דריי קאָנווערטען און זיי אַ וואָרף געטאָן פאַר'ן פירשט). אָט איז שוין אַ גאַנצע וואָך ווי זי בעט מיך, מיהט זיך צו איבער־רעדען, אַז איך זאָל פאַר אייך הייראַטען... זי... — נו יע, זי איז קלוג, כאָטש זי איז משוגע. און איהר זאָגט דעם אמת, אַז זי איז אסך קליגער פון מיר... זי שרייבט מיר, אַז זי איז אין מיר פאַרליעבט, אַז זי זוכט יעדען טאָג אַ געלעגענהייט כאָטש צו אָנקוקען מיך פון ווייטען. זי שרייבט, אַז איהר האָט מיך ליעב, אַז זי ווייס עס, האָט שוין לאַנג באַמערקט, און אַז איהר האָט מיט איהר וועגען מיר דאָרטען גערעדט. זי וויל אייך זעהן אַ גליקליכען; זי איז איבערצייגט, אַז נאָר איך קען שאַפען אייער גליק... זי שרייבט אַזוי ווילד... מאָדנע... איך האָב קיינעם ניט געוויזען די בריף. איך האָב געוואַרט אויף אייך. ווייסט איהר וואָס דאָס מיינט? איהר שטויסט זיך גאָר ניט אָן?

— דאָס איז אַ משוגעת, אַ באַווייז פון איהר משוגעת, — האָט

ארויסגעזאָגט דער פירשט און זיינע ליפּען האָבען אנגעהויבען ציטערען.

— אפשר וויינט איהר שוין?

— ניין, אגלאיא ניין, איך וויין ניט, — האָט אויף איהר א קוק געטאָן דער פירשט.

— וואָס זשע דארף איך דאָ טאָן? וואָס ראָט איהר מיר? איך קען דאָך ניט ערהאַלטען די בריף!

— אָ, לאָזט איהר אָפּ, איך בעט אייך, — האָט אויסגעשריען דער פירשט — וואָס קענט איהר טאָן אין דער דאָזיגער פינסטערניש; איך וועל זעהן ווירקען, אז זי זאָל אייך מעהר ניט שרייבען.

— אויב אזוי, דאַן זייט איהר א מענש אָהן א הארץ! — האָט אויסגערופען אגלאיא — צי דען זשע זעהט איהר ניט, אז זי איז ניט אין מיר פארליעבט, נאָר אין א י י ך, אז זי ליעבט בלויז אייך! צי דען זשע האָט איהר אלץ אין איהר באמערקט, נאָר דאָס ניט? ווייסט איהר וואָס דאָס איז, וואָס באדייטען איהרע בריעף? דאָס איז אייפערזוכט; דאָס איז מעהר ווי אייפערזוכט! זי... איהר דענקט, אז זי וועט טאקע אין אמת'ן חתונה האָבען מיט ראָגאָזשינען, ווי זי שרייבט דאָ אין די בריעף? זי וועט זיך גלייך דער'הרג'ענען, תיכף ווי מיר וועלען חתונה האָבען!

דער פירשט האָט א שלוידער געטאָן. זיין הארץ איז אָפּגעשטארבען. נאָר ער האָט מיט פארוואונדערונג אנגעקוקט אגלאיא'ן; עפּעס האָט איהם אויסגעקוקט מאָדנע צו מודה זיין, אז דאָס דאָזיגע קינד איז שוין לאנג, לאנג א פרוי.

— גאָט ווייסט, אגלאיא, אז אום אומצוקעהרען איהר די רוהיגקייט און מאכען זי גליקליך, וואָלט איך מיין לעבען אוועקגעגעבען. אָבער... איך קען זי שוין מעהר ניט ליעב האָבען, און זי ווייס עס!

— טאָ אָפּפערט מיט זיך, דאָס פּאַסט דאָך אייך אזוי גוט! איהר זייט דאָך אזא גוטער וואלטהעטער, און רופט מיך ניט „אגלאיא"... איהר האָט אויך פריהער מיך אָנגערופען איינפאך „אגלאיא", איהר מוזט, איהר זייט פארפליכטעט זי אויפצולעבען, איהר דארפט ווידער מיט איהר אוועקפאָהרען, כדי צו ברענגען פריידען אין איהר הארץ, איהר האָט דאָך זי ליעב!

— איך קען ניט אזוי אָפּפערען מיט זיך, כאָטש איך האָב דאָס

איינמאָל געוואָלט און... אפשר וויל איך עס איצט אויך. נאָר איך ווייס אויף ז י כ ע ר, אז זי וועט מיט מיר געהן צום גרונד, און דערפאַר לאָז איך זי. איך האָב זי געדאַרפט זעהן היינט זיבען אזייגער, איך וועל אפשר איצט צו איהר ניט געהן. צוליב איהר שטאָלץ וועט זי מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין מיין ליעבע — און מיר וועלען ביידע געהן צום גרונד! דאָס איז אומנאַטירליך, נאָר דאָ איז אַלץ אומנאַטירליך. איהר זאָגט, אז זי האָט מיך ליעב, נאָר איז דען דאָס ליעבע? איז דען מעגליך אזא ליעבע, נאָכדעם אַלעמען וואָס איך האָב זיך אָנגעליטען! ניין, דאָ איז עפּעס אַנדערש אָבער ניט קיין ליעבע!

— ווי בלאַס איהר זייט געוואָרען! — האָט זיך פלוצלינג דערשראָקען אַגלאַיאַ.

— ס'איז גאָרנישט, איך האָב ווייניג געשלאָפען; איך בין אָפּגעשוואַכט... מיר האָבען טאַקע, אַגלאַיאַ, דאַן וועגען אייך גערעדט...

— איז דאָס טאַקע אַן אמת? איהר האָט ווירקליך געקענט רעדען מיט איהר וועגען מיר און... ווי האָט איהר געקאָנט מיך ליעב באַקומען, ווען איהר האָט מיך געזעהן אין גאַנצען איינמאָל?

— איך ווייס ניט ווי אַזוי. אין מיין דאַמאָלסדיגער פינסטערניש האָט זיך מיר גע'חלומ'ט... אויסגעדוכט, אפשר א נייע אויפגעהענדע זון. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך האָב וועגען דעם צום ערשטען א טראַכט געטאָן. איך האָב אייך דאַן געשריבען דעם אמת, אַז איך ווייס ניט. דאָס אַלץ איז געווען ניט מעהר ווי א טרוים, צוליב דעם דאַמאָלסדיגען שרעק... דערנאָך בין איך געוואָרען באַשעפטיגט. איך וואָלט דריי יאָהר אהער ניט געקומען...

— הייסט עס, אז איהר זייט געקומען צוליב איהר?

און עפּעס האָט א ציטער געטאָן אין אַגלאַיאַ'ס שטימע.

— יאָ, צוליב איהר.

עס זיינען אוועק א מינוט צוויי אין אומעטיגען שווייגען. פון ביידע זייטען. אַגלאַיאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— אייב איהר זאָגט, — האָט זי אָנגעהויבען ניט מיט קיין פעסטער שטימע — אויב איהר אַליין גלויבט, אז די דאָזיגע... אייער פרוי... איז א משוגע'נע, איז וואָס האָב איך צו טאָן מיט איהרע משוגע'נע פאַנטאַזיעס... איך בעט אייך, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, נעה־

מען די דריי בריף און א וואָרף טאָן איהר אין מיין נאָמען! און אויב זי, האָט פלוצלונג אויסגעשריען אגלאיא — אויב זי וועט וואגען נאָך אַמאָל מיר צו שיקען איין שורה, טאָ זאָגט איהר, אז איך וויל זיך פאַר־קלאָגען פאר מיין פאָטער און אז מען וועט זי אוועקפיהרען אין משוגעים־הויז...

דער פירשט איז אויפגעשפרונגען און מיט שרעק געקוקט אויף אגלאיא'ס פלוצליכען צאָרען, און פלוצלינג איז ווי א נעבעל ארונטער־געפאלען פון זיינע אויגען...

— איהר קענט אזוי ניט פיהלען... דאָס איז ניט אמת, — האָט ער געמורמעלט.

— דאָס איז אמת! אמת! — האָט געשריען אגלאיא שיעור ניט וויסענדיג וואו זי איז אין דער וועלט.

— וואָס אזוינס איז אמת? וועלכער אמת? — האָט זיך דער־הערט ארום זיי א דערשראָקענע שטימע.

פאַר זיי איז געשטאַנען ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא.

— דאָס איז אמת, אז איך געה חתונה האָבען מיט גאווריל אר־דאליאנאָוויטש! אז איך האָב גאווריל ארדאליאנאָוויטש ליעב און איך לויף מיט איהם טאָקע מאָרגען שוין, פון הויז! — איז אויף איהר ארויפגעפאלען אגלאיא. — איהר האָט געהערט? איז אייער נייגע־ריגקייט באפרידיגט? זייט איהר מיט דעם צופרידען?

און זי איז אוועקגעלאָפען אהיים.

— ניין, טאַטעלע, איהר געהט איצט שוין ניט אוועק — האָט ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא אָפּגעשטעלט דעם פירשט — טוט א טובה, קומט צו מיר זיך דורכשמועסען... וואָס איז דאָס פאר אן אומגליק אזא, איך האָב דאָך א גאנצע נאכט ניט צוגעמאכט די אויגען...

דער פירשט איז איהר נאָכגעגאנגען.

ניינטער קאפיטעל.

ארײנקומענדיג צו זיך אין הויז, האט זיך ליזאוועטא פראקאפיעוונא אפגעשטעלט שוין גלייך אין דעם ערשטען צימער. ווייטער געהן האט זי ניט געקענט און זי האט זיך ארונטערגעלאזט אויף דער סאפע, אינגאנצען אהן כחות, פארגעסענדיג אפילו בעטען דעם פירשט זיך זעצען. דאס איז געווען א גאנץ גרויסער זאל מיט א קיילעכדיגען טיש אין מיטען, מיט א קאמין, מיט אסך בלומען אויף עטואזשערקעס ביי די פענסטער; און מיט א צווייטער גלעזערנער טהיר אין דער הינטערשטער וואנט, וואס האט געפיהרט אין סאד. גלייך זיינען ארײנגעקומען אדעלאאידא און אלעקסאנדרא, קוקענדיג פרעגענד און ערשטוינט אויף דעם פירשט און אויף דער מוטער.

די מיידלאך פלעגען געוועהנליך אויפשטעהן אויף דער דאטשע, ארום נייען אזייגער; איין אגלאיא, האט די אין די לעצטע צוויי־דריי טאג זיך איינגעוואוינט אויפצושטעהן אביסעל פריהער און זי פלעגט ארויסגעהן שפאצירען אין סאד, נאר אלץ ניט אום זיבען אזייגער, נאר אום אכט און אפילו שפעטער.

ליזאוועטא פראקאפיעוונא, וועלכע האט טאקע א גאנצע נאכט ניט געשלאפען, צוליב איהרע פארשיעדענע טרעוואגעס, האט זיך אויפגעהויבען ארום אכט אזייגער אומישנע צוליב דעם כדי צו באגע„ענען אנגלאיא'ן אין סאד, רעכענענדיג אז יענע איז שוין אויפגעשטאנען; נאר זי האט זי ניט געפונען ניט אין סאד און ניט אין שלאף־צימער. דא איז זי שוין אין אויף אן אמת'ן אומרוהיג געווארען און זי האט אויפגעוועקט די טעכטער. פון דער דיענסטמיידעל האט מען זיך דערוואוסט אז אגלאיא איוואנאוונא איז נאך אום זיבען אוהר אוועק אין פארק. די מיידלאך האבען זיך צושמייכעלט פון דער נייער פאנטאזיע פון זייער מיט פאנטאזיעס פולער שוועסטער און זיי האבען באמערקט דער מאמע, אז אגלאיא וועט געוויס נאך ווערען אין כעס, ווען יענע וועט אוועק אין פארק זי זוכען, און אז זיכער זיצט זי איצט מיט א בוך אויף דער גרינער באנק, פון וועלכער זי האט נאך מיט דריי טעג צוריק גערעדט און פאר וועלכער זי האט זיך שיעור

ניט צוקריגט מיט פירשט שטש., ווייל יענער האָט ניט געפונען אין דעם פּלאַץ און דער באַנק קיין באַזונדערס. אָבער ווען ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא האָט גאָר געפונען א ראַנדעוואו, און הערענדיג דער טאָכטערס מאָדנע רעד, האָט זי זיך איבערגעשראָקען צוליב אַסך אורזאַכען; נאָר ברענענדיג איצט מיט זיך דעם פירשט, האָט זי זיך דערשראָקען, וואָס זי האָט אין גאַנצען דעם עסק אָנגעהויבען: „פאַרוואָס האָט אַגלאַיאַ טאַקע ניט געקענט באַגעגענען זיך מיט'ן פירשט אין פּאַרק און שמועסען מיט איהם, אפילו ווען עס וואָלט ביי זיי באַשטימט געוואָרען פריהער?"

— איהר דאַרפט ניט דענקען טאַטעלע, פירשט, — האָט זי זיך ענדליך אָנגענומען מיט מוטה — אַז איך האָב אייך אהער געבראַכט אויף א פאַרהער... איך האָב מעגליך מיין טהייערער, נאָך נעכטיגען אָוועגט, לאַנג מיט דיר באַגעגענען זיך ניט געוואָלט...

זי האָט זיך א ווײַלע פאַרהאַקט.

— נאָר פונדעסטוועגען וואָלט זיך אייך זעהר געוואָלט צו דערגעהן, ווי אַזוי איך מיט אַגלאַיאַ'ן האָבען זיך היינט געטראָפען? — האָט גאַנץ רוהיג פאַרענדיגט דער פירשט.

— נו, איז וואָס, געווים האָט זיך עס געוואָלט! — איז גלייך אין כעס געוואָרען ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא, — איך וועל זיך ניט דערשרעקען אפילו פאַר אָפענע ווערטער, ווייל איך באַליידיג קיינעם ניט און איך וויל קיינעם ניט באַליידיגען...

— אָבער איך בעט אייך, אפילו אָהן א באַליידיגונג ווילט זיך נאַטירליך אויך וויסען; איהר זייט א מאַמע. מיר מיט אַגלאַיאַ'ן האָבען זיך צוזאַמענגעקומען היינט ביי דער גרינער באַנק, פונקט זיבען אַזייגער אין דער פריה, לויט איהרער א נעכטיגער איינלאַדונג. זי האָט מיר נעכטען אָוועגט געלאָזט וויסען דורך א צעטעלע, אַז זי דאַרף מיך זעהן, און זי דאַרף מיט מיר רעדען וועגען זעהר א וויכטיגען עניז. מיר האָבען זיך צוזאַמענגעקומען און מיר האָבען אָפּגעשמועסט א גאַנצע שטונדע, וועגען זאַכען וועלכע באַלאַנגען בלויז צו אַגלאַיאַ איוואַנאָוונא. אָט דאָס איז אַלעס.

— נעווים אַלעס, טאַטעלע, אָהן קיין שום צווייפעל אַלעס, — האָט מיט ווירדע אַרויסגעזאָגט ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא.

— זעהר פיין, פירשט, — האָט געזאָגט אַגלאַיאַ פּלוצלונג אריינ־

קומענדיג אין צימער, — איך דאנק אייך פון גאנצען הארצען, וואָס איהר האָט פאַררעכענט אויך מיך אלס ניט פעהיגע דאָ צו ערנידעריגען זיך ביז צו זאָגען א ליגען. זייט איהר צופריעדען, מאמע, אָדער איהר זייט גרייט צו פאָרטזעצען דעם פאַרהער?...

— דו ווייסט דאך, אז איך האָב ביז איצט אנטקעגען דיר זיך ניט וואס צו שעהמען, כאטש איך וואָלט, מעגליך, געווען צופריעדען מיט דעם, — האָט געענטפערט אין א באַלעהרענדען טאָן ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא. — פירשט, אדיע! ענטשולדיגט מיר, וואָס איך האָב אייך באאומרוהיגט און איך האָף, אז איהר וועט בלייבען איבערצייגט אין מיין שטענדיגער פריינדשאפט צו אייך.

דער פירשט האָט זיך באלד פארנייגט אין ביידע זייטען און איז שווייגענד ארויסגעגאנגען. אלעקסאנדרא און אדעלאאידא האָבען זיך צושמייכעלט און זיך וועגען עפּעס אַ שושקע געטאָן צווישען זיך. ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא האָט אויף זיי שטרענג א קוק געטאָן.

— אונז איז, מאמע, — האָט זיך צעלאכט אדעלאאידא — בלויז געווען אויפפאלענד, וואָס דער פירשט האָט זיך אזוי וואונדערליך גע־זעגענט. אָפּטמאָל האלט ער זיך גאר ווי א זאק און דאָ פּלוצלונג... ווי... ווי עווגעני פּאַוולאָוויטש.

— עדעלקייט און ווירדיגקייט לערנט אוים דאָס הארץ זעלבסט, און ניט קיין טאַנצמייסטער, — האָט אָפּמעסטענדיג יעדען וואָרט ארויסגעזאָגט ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא און איז אוועק צו זיך אויי־בען, אפילו ניט א קוק טוענדיג אויף אַגלאַיאַ'ן.

ווען דער פירשט איז ארום צעהן אזייגער געקומען צו זיך אויף דער דאטשע, האָט ער געפונען אויף דער טעראַסע ווערא לוקיאַנאָווא און די דינסט. זיי האָבען ביידע צוזאמען צוגעקליבען און אויסגעע־קעהרט נאָך דער נעכטיגער אונאָרדנונג.

— א דאַנק גאָט אונז איז געלונגען צו פאַרענדיגען ביז איהר זייט געקומען! — האָט געזאָגט מיט פרייד ווערא.

— גוט מאָרגען! מיר דרעהט זיך אביסעל דער קאָפּ; איך האָב שלעכט געשלאָפען, איך וואָלט זיך צוגעלעגט.

— דאָ אויף דער טעראַסע, ווי נעכטען? גוט. איך וועל אָנזאָגען אלעמען, אז מען זאָל אייך ניט וועקען. דער פּאַפּאַ איז ערגעץ אוועק־געגאַנגען.

די דיענסט איז אַרויס, ווערא איז געווען אוועק נאָך איהר, נאָר זי האָט זיך אומגעקעהרט און פאַרזאָרגט צוגעגאַנגען צום פירשט.

— פירשט, האָט מיטלייד מיט דעם דאָזיגען... אומגליקליכען און טרייבט איהם היינט ניט אַרויס.

— איך וועל איהם אין קיין פאַל ניט אַרויסטרייבען. זאָל ער טאָן ווי איהם געפעהלט אַמבעסטען.

— ער וועט איצט גאָר ניט טאָן און... זייט ניט שטרענג צו איהם.

— אָ, ניין.

— לאַכט ניט פון איהם, אַט דאָס איז דיהויפּטזאַך.

— אָ, פון היינט אָן מעהר שוין קיינמאָל ניט.

— איך בין אַ נאַר, וואָס איך רעד וועגען דעם צו אַזאַ מענשען ווי איהר, — איז ווערא רויט געוואָרען, — און כאָטש איהר זייט מיעד, — האָט זי זיך צולאַכט, האַלב איבערדרעהענדיג אום אוועק־צוגעהן — אבער איהר האָט איצט אַזעלכע פיינע אויגען... גליקליכע.

— טאקע גליקליכע? — האָט גאַנץ לעבעדיג געפרעגט דער פירשט און זיך פרעהליך צעלאַכט.

אבער ווערא, אַן איינפאַכע ווי אַ אינגעל, האָט זיך פּלוצלונג פאַרשעהמט, נאָך מעהר רויט געוואָרען, און פאַרטזעצענדיג נאָך מעהר צולאַכען איז זי איילענדיג אַרויס פון צימער.

—„וואָס... פאַר אַ טהייערע“... — האָט אַ טראַכט געטאָן דער פירשט און גלייך פאַרגעסען אָן איהר. ער איז צוגעגאַנגען ביז צום ווינקעל־טעראַסע, וואו ס'איז געשטאַנען אַ סאָפע, און פאַר איהר אַ טישעל, זיך ועזעצט, צוגעדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט און איז אָפּגעזעסען אַ מינוט צעהן; פּלוצלינג האָט ער איילענדיג און אומרו־היג אַרונטערגעלאָזט די האַנט אין דער זייטען־קעשענע און אַרויס־גענומען דריי בריף.

נאָר ס'האָט זיך ווידער אויפגעעפענט די טהיר און ס'איז אַריינ־געקומען קאָליא. דער פירשט האָט זיך אַזוי ווי דערפרעהט וואָס איז איהם אויסגעקומען אריינצולעגען צוריק די בריף אין קעשענע און אָפּלעגען די מינוט.

— נו, אַ פּאַסירונג! — האָט געזאָגט קאָליא, אוועקזעצענדיג זיך

אויף דער סאָפע און צוטרעטענדיג גלייך צום ענין ווי אלע פון זיין גלייכען. — ווי קוקט איהר איצט אויף איפּאָליט'ן, אָהן אכטונג?

— פאַרוואָס?... אבער קאַליאַ, איך בין מיד... און דערצו איז צו טרויערדיג וועגען דעם ווידער אָנצופאַנגען... וואָס מאכט ער פונ־דעסטוועגען?

— ער שלאָפט און וועט נאָך אָפּשלאָפען א פּאָר שעה. איך פאַר־שטעה, איהר האָט ניט געשלאָפען אין הויז, זייט געגאַנגען אין פּאַרק... זיך אודאי אויפגערעגט... און נאָך ווי!

— פון וואַנען ווייסט איהר, אז איך בין געגאַנגען אין פּאַרק און ניט געשלאָפען אין הויז?

— ווערא האָט ערשט דערצעהלט. איינגערעדט ניט אריינצוקו־מען. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען, אָבער איך בין בלויז אויף א ווײַלע. איך האָב צוויי שטונדע געוואַכט לעבען בעט; איצט האָב איך אוועקגעזעצט קאָסטיאַ לעבעדעוו'ן מיך איבערצובייטען. בורדאָווסקי איז אוועקגעפאָהרען. נו, טאָ לעגט זיך שוין, פירשט. האָט אייך א רוהיגע... א רוהיגען טאָג!... נאָר ווייסט, איך בין ערשטוינט.

— געוויס... אָט דאָס אַלץ וואָס האָט פּאַסירט...

— ניין, פירשט, ניין. איך בין ערשטוינט פון דעם „ווידוי“, דער־הויפּט מיט יענעם פּלאַץ וואו ער רעדט וועגען גאָט און וועגען צו־קונפטיגען לעבען. דאָרטען איז דאָ איין ריזיגער געדאַנק!

דער פירשט האָט מיט ליעבע א קוק געטאָן אויף קאַליאַ, וועל־כער איז טאַקע נאָר צוליב דעם געקומען כדי וואָס שנעלער א שמועס טאָן וועגען דעם ריזיגען געדאַנק.

נאָר די הויפּטזאַך ליגט ניט אין דעם איין געדאַנק, נאָר אין דער גאַנצער באהאַנדלונג. ווען דאָס שרייבט אַן, וואָלטער, רוסאָ, פּרודאָן, לעז איך עס איבער, באמערק, נאָר איך וועל ניט ערשטוינט אויף אזויפיעל. נאָר א מענש, וועלכער ווייס אויף זיכער, אז איהם בלייבט ניט מעהר צו לעבען ווי צעהן טאָג און ער רעדט אזוי — דאָס איז דאָך שטאַלץ! דאָס איז די העכסטע אונאָבהענגיגקייט פון אייגענער וויר־דע, דאָס הייסט דאָך מאַכען אַן אָפענעם אַנפאַל... ניין, דאָס איז א גיגאַנטישע גייסטיגע קראַפט! און נאָך דאָס אַלעס באַהויפּטען, אז ער האָט אומישנע ניט אריינגעלעגט דעם קאַפּסול — איז געמיין און אומנאַטירליך! און ווייסט איהר, אז ער האָט נעכטען אָפּגענאַרט, זיך

איינגעקליגט. איך האָב איהם איבערהויפּט ניט געהאָלפען פּאקען און האָב קיין שום פּיסטאָלעט ניט געזעהן. ער אליין האָט אלץ איינגעפּאקט, אזוי דאָס ער האָט מיך פּלוצלינג צוטומעלט. ווערא זאָגט, אז איהר לאָזט איהם איבער דאָ; איך שווער אייך, אז עס וועט ניט זיין קיין געפאהר און דערצו ווען מיר אלע זיינען ארום איהם, כסדר.

— און ווער פון אייך איז דאָרטען געוועזן ביינאכט?

— איך, קאָסטיא לעבעדעוו, בורדאָווסקי, קעלער איז געוועזן א ווײַלע, און דערנאָך איז ער אוועק שלאָפען צו לעבעדעוו'ן, ווייל ביי אונז איז ניט געווען אויף וואָס צו לעגען זיך. פּערדיטשענקא איז אויך געשלאָפען ביי לעבעדעוו'ן, און איז אום זיבען אזייגער אוועק. דער גענעראל איז שטענדיג ביי לעבעדעוו'ן, איצט איז ער אויך אוועק... לעבעדעוו וועט מעגליך באלד זיין ביי אייך; איך ווייס ניט צו וואָס, נאָר ער האָט אייך צוויי מאָל געזוכט. זאָל מען איהם אריינלאָזען אדער ניט ארייינלאָזען, ווען איהר וועט זיך לעגען שלאָפען? איך געה אויך שלאָפען. יא, אַ, יע, איך וואָלט אייך געוואָלט דערצעהלען איין זאך. דער גענעראל האָט מיך נעכטען פּארוואונדערט. בורדאָווסקי האָט מיך אום זיבען אזייגער במעט טאָקע אום זעקס איבערגעביטען אויף דעזשורסטוואָ. איך בין אויף א ווײַלע ארויס, און פּלוצלונג באגעגען איך אַז דעם גענעראל און נאָך אויף אזוי פּיעל שיכור, אז ער האָט מיך ניט דערקאַנט. ער שטעהט פּאר מיר, ווי א סלופּ, און ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אזוי א וואָרף געטאָן אויף מיר.

„וואָס מאכט עפּעס דער קראנקער? איך בין געגאַנגען זעהן וואָס ער מאכט"... איך האָב איהם אָפּגעגעבען א רעפּאָרט, דאָס, יענעס... „דאָס איז אלץ פיין, זאָגט ער, נאָר דערהויפּט בין איך געגאַנגען צוליב דעם אום דיר אויפמערקזאם מאכען, איך האָב א גרונט צו דענקען, אז פאר פּערדישטשענקאָ'ן טאָר מען ניט אלץ רעדען און... מען דארף זיך איינהאַלטען", פּארשטעהט איהר, פּירשט?

— אזוי? איבעריגענס... איז דאָס פאר אונז אלץ איינס.

— געוויס, אָהן צווייפעל איז אלץ איינס. מיר זיינען ניט קיין מיטגליעדער פון א געהיימער געזעלשאפט! אזוי דאָס איך האָב זיך אפילו פּארוואונדערט, אז דער גענעראל איז צוליב דעם געגאַנגען מיך וועקען ביינאכט.

— פערדישטשענקאָ, זאָגט איהר, איז אוועק?

— אום זיבען אזייגער. ער איז פארבייגעהענדיג פארגאנגען צו מיר: איך שטעה אויף דער וואך. ער האָט געזאָגט, אז ער געהט פאר־ענדיגען ביי ווילקינען — ס׳איז דאָ א שיכור אזא וואָס הייסט ווילקין. נו, איך געה שוין! און אָט איז לוקיאן טומאפעיעוויטש... דער פירשט וויל שלאָפען, לוקיאן טימאפייעוויטש. פארקערעוועט צוריק!

— בלויז נאָר אויף איין מינוט, פיעל געשעצטער פירשט, צוליב איין געוויסען אין מיינע אויגען זעהר וויכטיגען עסק — האָט אָנ־געצויגען, און אזוי ווי מיט א דורכגעפיהלטע שטימע, שטיל ארויס־געזאָגט דער אריינגעקומענער לעבעדעוו און האָט זיך פארנייגט מיט ווירדע. ער איז נאָר וואס צוריקגעקומען און ער האָט נאָך אפילו ניט אוספּעיעט פארגעהן צו זיך, אזוי דאָס ער האָט נאָך אפילו די הוט געהאלטען אין האנט. זיין געזיכט איז געווען א פארזאָרגטעס, און מיט א געוויסען אויסערגעוועהנליכען אויסדרוק פון אייגענע וויר־דיגקייט. דער פירשט האָט איהם געבעטען זיצען.

— איהר האָט מיך צוויי מאָל געפרעגט? מעגליך, אז איהר באַ־אומרוהיגט זיך נאָך אלץ וועגען דער נעכטיגער פּאסירונג?...

— איהר מיינט וועגען דעם נעכטיגען אינגעל, פירשט? אָ, ניין נעכטען זיינען מיינע געדאנקען געווען אין אונאָרדנונג... נאָר היינט וויל איך כאָטש מיט עפּעס קאנטרעקארירען אייערע פאראויסזאָ־גונגען...

— קאנטרעקאָ... ווי האָט איהר געזאָגט?

— איך האָב געזאָגט: קאנטרעקארירען; דאָס איז א פראנצויזיש וואָרט, ווי פיעלע ווערטער וועלכע זיינען אריין אין דעם אוצר פון דער רוסישער שפראך. נאָר באשטעהן שטארק אויף איהם באשטעה איך ניט.

— וואָס זייט איהר, לעבעדעוו, היינט אזא וואזשנער און אקור־ראטנער און רעדט אזוי אויסגעגלעט, — האָט א שמייכעל געטאָן דער פירשט.

— ניקאָלאי ארדאַליאנאָוויטש! — האָט לעבעדעוו שיעור ניט מיט א רחמנות־שטימע זיך געווענדט צו קאָליא׳ן — איך דארף באַ־נאָכריכטען דעם פירשט וועגען אן ענין, וועלכער געהערט זיך אָן בלויז...

— נו, געווים, פאַרשטעהט זיך, ניט מיין עסק! אויפ'ס ווידער־זעהן פירשט! — איז זיך קאַליא גלייך אַוועק.

— איך ליב דאָס קינד פאַר זיין פאַרשטאַנד, — האָט ארויס־געזאָגט לעבעדעוו נאָכקוקענדיג איהם — דאָס אינגעל איז אַ פעהיגער כאַטש אפילו אַ דערעסיגער. אַ גרוים אומגליק איז אויסגעפאַלען אויף מיר פירשט, נעכטען ביי נאַכט, אָדער היינט פאַרטאָג... איך קען נאָך זיכער ניט באַשטימען די ריכטיגע צייט.

— וואָס איז?

— אַ פאַרלוסט פון פיער הונדערט רובעל פון דער זייטען־קעשע־נע, פיעל געשעצטער פירשט. מען האָט מיך באַ'גנב'עט! — האָט מיט אַ זויערען שמייכעל צוגעגעבען לעבעדעוו.

— איהר האָט פאַרלאָרען פיער הונדערט רובעל? דאָס איז אַן עברה.

— און דערהויפט פאַר אַזאַ אָרימען, פון זיין ארבייט, עהרליך לעבענדען מענשען.

— געווים, געווים. ווי אַזוי איז דאָס אָבער געשעהן?

— צוליב די וויין. איך דערצעהל אייך אַלץ ווי פאַר גאָט, פיעל געשעצטער פירשט. די סומע פיער הונדערט רובעל האָב איך נעכטען ערהאַלטען אום נייען אַ זייגער אין דער פריה פון אַ בעל־חוב, און איך בין געקומען מיט'ן צוג אַהער. דעם טייסטער האָב איך געהאַט אין קעשענע. איבערבייטענדיג דעם וויצע־מונדיר אויף אַ סורטוק האָב איך איבערגעלעגט די געלט אין סורטוק, האָבענדיג אין זינען האַלטען זיי ביי זיך, רעכענענדיג אין אָוונט זיי אַוועקצוגעבען, וואַרטענדיג אויפ'ן אַדוואָקאַט.

— אַז עס איז שוין געקומען צו רייד וויל איך אייך טאַקע פרעגען, לוקיאַן טימאָפעיעוויטש, איז דאָס אמת, אַז איהר האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אַז איהר לייהט געלט אויף זילבערנע און גאָלדענע זאַכען?

— דורך אַן אַדוואָקאַט. מיין אייגענעם נאָמען האָב איך אונטער דעם אַדרעס ניט אַנגעגעבען. האָבענדיג אַ קליינעם קאַפּיטאַל און נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט די פאַרגרעסערונג פון מיין פאַמיליע, וועט איהר אַליין צושטימען, אַז אַן עהרליכער פּראָצענט...

— נו געווים, נו געווים. איך האב בלויז געפרעגט צוליב אינ־פארמאציע. ענטשולדיגט וואס איך האב אייך איבערגעשלאגען.

— דער אדוואקאט איז ניט געקומען. און דערווייל האט מען געבראכט דעם אומגליקליכען; איך בין שוין געווען אין א געהויבע־נער שטימונג. אפעסענדיג מיטאג, זיינען געקומען די געסט, האט מען אויסגעטרונקען... טיי און... און איך בין אויף מיין אומגליק פריילאכער געווארען, ווען ס'איז געווארען שוין שפעט, און ס'איז אריינגעקומען קעלער און האט אנגעזאגט וועגען אייער יום טוב'דיגען טאג און וועגען אייער אנזאג וועגען שאמפאניער, דאן האב איך, פיעל געשעצטער פירשט, פארמאגענדיג א הארץ (א זאך וואס איהר האט שוין געווים באמערקט, ווייל איך פארדין עס). פארמאגענדיג א הארץ, איך וועל ניט זאגען א פיהלענדעס אבער אן ארענטליכעס, מיט וואס איך שטאלציר — איז מיר, אום צו מאכען נאך מעהר יום־טוב'דיג די פון מיר צוגערייטע באגעגעניש און אין דער ערווארטונג אייך פער־זענליך צו באגריסען, איינגעפאלען געהן איבערבייטען מיין אלטען סורטוק אויף מיין פריהער אויסגעטאנענעם וויצע־מונדיר, און אז איך האב אזוי געטאן האט איהר, פירשט, געווים באמערקט, זעהענדיג מיך א גאנצען אווענט אין וויצע־מונדיר. פון איבערבייטענדיג די קליי־דער האב איך פארגעסען אין סורטוק דעם טייסטער... ס'איז שוין אזוי ווען גאט וויל שטראפען נעהמט ער א פריהער צו דעם שכל. און נאר היינט, שוין האלב זיבען, אויפכאפענדיג זיך, בין איך אויפגע־שפרונגען ווי האלב משוגע, און זיך געכאפט די ערשטע זאך פאר'ן סורטוק — און איך האב געפונען בלויז א פוסטע קעשענע! דער טייסטער איז ווי אין דער ערד אריין.

— אך, דאס איז אונאנגענעהם!

— זיכער אונאנגענעהם. און איהר האט מיט אמת'ן טאקע גלייך געפונען דעם ריכטיגען אויסדרוק, — האט ניט אהן פאלשקייט צוגע־געבען לעבעדעוו.

— אבער פונדעסטוועגען ווי אזוי... — האט זיך נאך א ווייל־דענקען באאומרוהיגט דער פירשט — דאס איז דאך אן ערנסטע זאך.

— אבער אן ערנסטע. — דאס איז נאך א פאסענדער געפונענער ווארט, פירשט, צו באצייכענען...

— אך, הערשט שוין אויף, לוקיאן טימאפעיעוויטש, וואס איז

דאַ צו געפינען? די זאַך באַשטעהט ניט אין ווערטער... דענקט איהר ניט, אז איהר האָט געקענט שיכור'ערהייט פאַרלירען פון קעשענע?

— האָב געקענט. אַלץ איז מעגליך שיכור'ערהייט, ווי איהר האָט זיך אויפריכטיג אויסגעשפּראָכען, פיעל געשעצטער פּירשט! נאָר איך בעט אייך אורטהיילט אליין: ווען איך האָב אויסגעטרייסעלט דעם טייסטער איבערבייטענדיג דעם סורטוק, דאַרף דאָך די אויסגעטרייסעלטע זאַך בלייבען ליגען דאַ אויפ'ן דיל. אַ וואו זשע איז דאָס?

— האָט איהר עס אפשר פאַרלעגט ערגעץ וואו אין שופלאָד, אין טיש?

— איך האָב אומעדום איבערגעזוכט, איבערגעקוקט, און אין דער צייט ווען איך האָב אין ערגעץ ניט באַהאַלטען און קיין שופלאָד ניט אויפגעעפענט, אַ זאַך וואָס איך געדענק זעהר גוט.

— אין שאַפקעלע האָט איהר געקוקט?

— די ערשטע זאַך, און אפילו עטליכע מאָל, היינט... און ווי אזוי האָב איך געקענט פאַרלעגען אין שאַפקעלע, מיין אין אמת'ן געשעצטער פּירשט?

— איך בין זיך מודה, לעבעדעוו, אז דאָס באַאומרוהיגט מיך. דאַן הייסט עס, אז עמיצער האָט עס געפונען אויפ'ן דיל?

— אָדער האָט עס ארויסגענומען פון קעשענע!

— מיך באַאונרוהיגט עס זעהר, ווייל ווער קען דאָס זיין... אָט דאָס איז די פראַגע!

— אָהן קיין צווייפעל, אז דאָס איז די הויפּט פראַגע; איהר געפינט וואונדערליך פּינקטליך ווערטער און געדאַנקען און באַשטימט אַ לאַגע, ליכטיגער פּירשט.

— אַך, לוקיאַן טימאָפעיעוויטש, הערט אויף אייער אָפּשפּאָטונג, דאַ...

— אָפּשפּאָטונג! — האָט אויסגעשריען לעבעדעוו און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— נו, נו, נו, גוט. איך בין דאָך ניט ברוגז. דאַ איז גאָר עפּעס אַנדערש... איך האָב מורא פאַר מענשען. וועמען פאַרדעכטיגט איהר?

— ס'איז זעהר אַ שווערע פראַגע און אַ פאַרפּלאָנטעטע! די

דיענסט קען איך ניט פארדעכטיגען; זי איז געזעסען ביי זיך אין קיך. די אייגענע קינדער אויך ניט.

— געווים ניט.

— דאַן מיינט עס, עמיצען פון די געסט.

— נאָר איז דען דאָס מעגליך?

— גאָר ניט און אויף דער העכסטער שטופע אונמעגליך. נאָר דאָס דאַרף אונבאַדינגט אזוי זיין. איך שטים אפילו איין צוצולאָזען און בין אפילו איבערצייגט, אז ווען עס איז געווען א גנבה איז זי געשעהן ניט אין אָווענט, ווען אַלע זיינען דאָ געווען, נאָר שוין ביי נאַכט אָדער פאַר טאָג, פון עמיצען וואָס איז געבליבען נעכטיגען.

— אך, גאָט מיינער!

— בורדאָווסקי און ניקאָלאַי ארדאַליאָנאָוויטשען שליס איך נאַטירליך אוים, זיי זיינען צו מיר ניט אריינגעקומען.

— און אפילו ווען זיי וואָלטען אריינגעקומען! ווער האָט ביי אייך גענעכטיגט?

— רעכענעדיג מיט מיר, האָבען ביי מיר גענעכטיגט פיער, אין די צוויי שכנ'ישע צימערען: איך, דער גענעראַל, קעלער און דער הערר פערדישטשענקאָ. הייסט עס, אז איינער פון אונז פיער!

— דאָס הייסט פון דריי; נאָר ווער זשע?

— איך האָב צוגערעכענט אויך זיך צוליב גערעכטיקייט און צוליב אָרדנונג; נאָר שטימט איין פירשט, אז איך האָב זיך אליין באַ'גנב'ענען ניט געקאָנט, כאָטש אזעלכע זאַכען האָבען שוין אויף דער וועלט פאַסירט...

— אך, לעבעדעוו, ווי נודנע דאָס איז! — האָט אומגעדולדיג אויסגעשריען דער פירשט — צו דער זאַך. וואָס ציהט איהר?...

— בלייבען הייסט עס, דריי, און צום ערשטען דער הערר קעלער, א מענש ניט קיין געזעצטער, א מענש א שיכור און אייניגע פאַלען א ליבעראַל. דאָס הייסט אויפ'ן חשבון פון דער קעשענע; אין אַנדערע זאַכען, מיט נייגונגען שוין מעהר אַלט־ריטערליכע, אזוי צו זאָגען, ווי ליבעראַלע, ער איז דאָ געבליבען נעכטיגען ביים קראַנקען אין צימער, און ערשט ביי נאַכט האָט ער זיך אריבערגעקליבען צו אונז, מיט דעם אויסרייד, אז אויף דעם בלויזען דיל איז האַרט צו שלאָפען.

— איהר פאַרדעכטיגט איהם?

— האָב פאַרדעכטיגט. ווען איך בין זיבען אַ זייגער אין דער פריה אויפגעשפרונגען ווי האַלב משוגע און זיך געכאַפּט מיט'ן האַנט פאַר'ן שטערען, האָב איך גלייך אויפגעוועקט דעם גענעראַל, וועלכער האָט געשלאָפען מיט אַן אומשולדיגען שלאָף. נעהמענדיג אין אַכט די מאָדנע פאַרשווינדונג פון פּערדיטשענקאָ, וואָס דאָס אַליין האָט שוין אין אונז אויפגעוועקט דעם פאַרדאַכט, האָבען מיר זיך ענטשלאָסען צו אונטערזוכען קעלער'ן, וועלכער איז געלעגען ווי... ווי... כמעט ווי אַ טשוואָק. מיר האָבען איהם גוט אַרומגעזוכט: אין די קעשענעס האָט ער ניט געהאַט קיין איין קאָפּיקע און אפילו איין גאַנצע קעשענע האָבען מיר ניט געפונען. אַ נאָז־טיכעל בלויז, אַ געקעסטעלטע, אַ פּאַפּירענע זעהר אין ניט קיין אַנשטענדיגען צושטאַנד. ווייטער אַ ליבעס־צעטעלע פון עפּעס אַ קאַמער־מיידעל, מיט געלט פאָדערונגען און סטראַשונקעס און שטיקלאַך פון דעם אייך באַקאַנטען פעליטאָן. דער גענעראַל האָט באַשלאָסען, אַז ער איז אומשולדיג. אום צו קריגען מעהר אויסקינפטע האָבען מיר איהם אַליין אויך אויפגעוועקט. קוים מיט צרות אויפגעריסען; ער האָט קוים פאַרשטאַנען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך; ער האָט צועפענט דעם מויל, דער אויסזעהן אַ שיכור'ער, דער אויסדרוק פון געזיכט אַ נאַרישער און אַן אומשולדיגער, — הייסט עס אַז ניט ער!

— נו בין איך צופרידען! — האָט פרעהליך אָפּגעאָטעמט דער פירשט — איך האָב זיך טאַקע פאַר איהם דאָס געשראָקען!

— געשראָקען? הייסט עס, אַז איהר האָט געהאַט אויף דערויף אַ גרונד? — האָט צוזאַמענגעדריקט די אויגען לעבעדעוו.

— אַ ניין, איך האָב זיך גלאַט אַזוי — האָט זיך דער פירשט פאַרהאַקט. — איך האָב שרעקליך נאַריש זיך אויסגעדריקט, אַז איך האָב זיך געשראָקען. טוט מיר אַ טובה, לעבעדעוו, און דערצעהלט עס קיינעם ניט...

— פירשט! פירשט! אייערע ווערטער בלייבען נאָר ביי מיר אין האַרצען... אין דער טיפעניש פון מיין האַרצען! דאָרטען איז אַ קבר! — האָט פאַטעטיש אַרויסגעזאָגט לעבעדעוו, צודריקענדיג די הוט צום האַרצען.

— גוט, גוט... הייסט עס, אַז פּערדיטשענקאָ? דאָס הייסט איך וויל פרעגען, אַז איהר פאַרדעכטיגט פּערדיטשענקאָ'ן?

— ווען זשע אַנדערש? — האָט שטיל אַרויסגעזאָגט לעבעדעוו, קוקענדיג צודרינגליך אויפ'ן פירשט.

— נו, געוויס, פאַרשטעהט זיך... ווען זשע אַנדערש... דאָס הייסט טאַקע ווידער וועלכע באַווייזע האָט איהר?...

— באַווייזע זיינען דאָ. ערשטענס, דאָס פאַרשווינדען אום זיבען אַ זייגער.

— איך ווייס, מיר האָט עס קאָליאַ געזאָגט, אַז ער איז פאַרגאַנגען צו איהם און איהם געזאָגט, אַז ער געהט צו נעכטיגען צו... איך האָב פאַרגעסען צו וועמען, צו איינעם אַ פריינד...

— צו ווילקינען. הייסט עס, אַז ניקאָלאַי אַרדאַליאָנאָוויטש האָט שוין אייך דערצעהלט?

— ער האָט וועגען דער גנבה גאָר ניט דערצעהלט.

— ער ווייס נאָך ניט, ווייל איך האַלט דערווייל די זאַך בסוד. און אַזוי געהט ער צו ווילקינען. עס דוכט זיך, וואָס איז דאָ דער וואונדער, אַז אַ שיכור געהט צו נאָך אַזאַ שיכור ווי ער אַליין איז, כאָטש אפילו פאַר טאָג און אָהן קיין שום אורזאַכע? נאָר דאָ הויבט זיך אָן דער שפּור: אַוועקגעהענדיג לאָזט ער איבער אַן אַדרעס... איצט, פירשט, נעהמט פאַנאַנדער די פראַגע: צו וואָס האָט ער איבערגעלאָזט דעם אַדרעס? פאַר וואָס פאַרגעהט ער אומישנע צו ניקאָלאַי אַרדאַליאָנאָוויטש, אַנלעגענדיג וועג, און גיט איהם איבער: „אַז איך געה הייסט עס, צונעכטיגען צו ווילקינען". און וועמען אינטערעסירט עס, וואָס ער געהט אַוועק און נאָך אונבאַדינגט צו ווילקינען? צו וואָס דאָס אַנזאָגען? ניין, דאָ איז אַ כיטרעקייט, אַ גנבה'שע כיטרעקייט!! דאָס מיינט: „אַט קוקט! איך באַהאַלט אומישנע ניט מיינע שפּורען איז וואָס זשע בין איך נאָך דעם אַלעמען פאַר אַ גנב? זאָגט דען אַ גנב אָן וואוהין ער געהט אַוועק?" דער איבעריגער זאָרג צו אָפּפיהרען דעם פאַרדאַכט און אַזוי צו זאָגען באַהאַלטען זיינע שפּורען אין זאַמד... האָט איהר מיך פאַרשטאַנען, מיין פיעל געשעצטער פירשט?

— איך האָב פאַרשטאַנען. זעהר גוט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס איז דאָך ווינציג?

— דער צווייטער באַווייז איז דער: עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער שפּור איז אַ פאַלשער און דער אָנגעגעבענער אַדרעס ניט קיין

ריכטיגער. אַ שטונדע שפּעטער, דאָס הייסט, אום אַכט אַ זייגער האָב איך שוין געקלאַפּט ביי ווילקינען; ער וואוינט דאָ אויף דער פינפטער גאַס און מען קען איהם אפילו אויך. קיין פּערדיטשענקאָ איז דאָרט ניט געווען. כאָטש איך האָב אַרויסגעקראָגען פון דער דיענסט, אַז ער איז געווען פּשוט אַ שיכור, אַז מיט אַ שטונדע צוריק האָט איין אמת'ן טאַקע עמיצער געקלאַפּט איין טהיר און אפילו זעהר שטאַרק, אַזוי דאָס ער האָט אַזש אַפּגעריסען דעם גלעקיל. נאָר די דינסט האָט ניט געעפענט, ניט וועלענדיג וועקען דעם הערר ווילקין און אפשר אויך אליין ניט וועלענדיג אויפשטעהן. דאָס פּאַסירט.

— און דאָס זיינען אלע אייערע באווייזע? דאָס איז ווינציג.

— פירשט, נאָר וועמען זאָל מען פאַרדעכטיגען, זאָגט אליין? — האָט מיט געפיהל פאַרענדיגט לעבעדעוו און עפּעס כיטרעס האָט אַרויסגעקוקט פון זיין שפּאַטישען שמייכעל.

— איהר האָט געדאַרפט נאָכאַמאָל באַזוכען די צימערען און די שופלאַדען — האָט נאָך אַ ווײַלע טראַכטען, פאַרזאָרגט אַרויסגעזאָגט דער פירשט.

— איך האָב שוין געגוג באַקוקט! — האָט נאָך געפיהלפולער אַ קרעכץ געטאָן לעבעדעוו.

— הם!... און צו וואָס, צו וואָס האָט איהר געדאַרפט איבער־בייטען דעם דאָזיגען סורטוק! — האָט אויסגעשריען דער פירשט און פון ערגעניש אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

— די פראַגע איז פּונקט ווי פון אַן אַלטער קאָמעדיע. נאָר מיין האַרציגסטער פירשט! איהר נעהמט שוין צופיעל צום האַרצען מיין אומגליק! איך בין דאָס ניט ווערטה. דאָס הייסט, איך אליין בין דאָס ניט ווערטה; נאָר איהר ליידט אויך פאַר דעם פאַרברעכער... פאַר דעם נישטיגען הערר פּערדיטשענקאָ?

— נו, יע, יע, איהר האָט מיך טאַקע געמאַכט צום זאָרגען, האָט צעטראָגען און מיט אומצופרידענהייט איהם איבערגעריסען דער פירשט —אַלזאָ וואָס זייט איהר גרייט צו טאָן?... אויב איהר זייט טאַקע אַזוי זיכער אַז דאָס איז פּערדישטשענקאָ?

— פירשט, פיעל געשעצטער פירשט, ווער זשע אַנדערש? — האָט מיט וואַקסענדען געפיהל זיך געדרעהט לעבעדעוו. — דאָס ניט האָבען קיין צווייטען אויף וועמען צו דענקען, און אַזוי צו זאָגען, די

פולע אונמעגליכקייט צו פאַרדעכטיגען עמיצען אַנדערש אויסער הערר פערדיטשענקאָ, דאָס אזוי צו זאָגען איז דאָך נאָך אַ באַווייז געגען הערר פערדיטשענקאָ, שוין אַ דריטער באַווייז, ווייייל עס שטעלט זיך ווידער די פראַגע: ווער זשע אַנדערש? איך קען דאָך ניט פאַרדעכטיגען דעם הערר בורדאָווסקי, כע־כע־כע?

— נו רעדט ניט קיין נאַרישקייטען!

— אויך ענדליך, ניט דעם גענעראַל, כע־כע־כע!

— וואָס פּלוידערט איהר? — האָט כמעט מיט כעס אַרויסגערעדט דער פירשט, מיט אומגעדולד זיך דרעהענדיג אויפ׳ן פּלאַץ.

— געוויס איז דאָס אַ פּלוידעריי! כע, כע, כע! און דער מאַן האָט עס מיך געמאַכט צום לאַכען, דאָס הייסט, דער גענעראַל! מיר געהען מיט איהם פריהער אויף די הייסע שפּורען צו ווילקינען... און איך דאַרף אייך באַמערקען, אַז דער גענעראַל איז נאָך געווען מעהר ערשטוינט ווי איך, ווען איך האָב נאָך דעם פאַרלוסט, די ערשטע זאַך, איהם אויפגעוועקט. האָט ער זיך אַפילו אין געזיכט איבערגעביטען, רויט געוואָרען, בלייך געוואָרען און ענדליך איז ער אַריין אין אַזאַ שוועהרען און ווירדיגען צאָרן, אַז איך האָב עס אַפילו ניט ערוואַרטעט. ער איז דער סאַמע עהרליכסטער מענש! ער זאָגט אָהן אַן אויפהערליגען, צוליב שוואַכקייט. נאָר ער איז אַ מענש פון די העכסטע געפיהלען, דערביי אַ מענש וואָס דענקט ווייניג, און וועלכער געווינט אייער פולסטען צוטרויען מיט זיין אומשולדיגקייט. איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, פיעל געשעצטער פירשט, אַז איך האָב צו איהם ניט נאָר אַ שוואַכקייט נאָר אַפילו אַ ליבע. פּלוצלונג, שטעלט ער זיך אָפּ אויפ׳ן מיטען גאַס, שפּיעלעט פאַנאַנדער דעם סורטוק, דעקט אָפּ די ברוסט: „אונטערזוך מיך, זאָגט ער, דו האָסט קעלער׳ן אונטערזוכט, פאַר וואָס זשע אונטערזוכסטו מיך ניט? דאָס פאָדערט, זאָגט ער די גערעכטיגקייט!“ און ביי איהם אַליין טרייסלען זיך די הענט און די פיס, ער איז אַפילו אין גאַנצען בלייך געוואָרען, און בייז האָט ער דערביי אויסגעקוקט. איך האָב זיך צולאַכט און זאָג: הערר, זאָג איך, גענעראַל, ווען אַן אַנדערער וואָלט עס מיר געזאָגט וועגען דיר, וואָלט איך דאָ טאַקע מיט מיינע אייגענע הענט מיין קאָפּ אַרונטערגענומען, זי אַוועקגעלעגט אויף אַ גרויסן טעלער און וואָלט זי אַליין צוגעטראָגען אויפ׳ן טעלער צו די אַלע וואָס צווייפלען; אָט איהר זעהט אַ דעם

קאָפּ, וואָלט איך אַט מיט דעם אייגענעם קאָפּ, פאַר איהם גוטגעזאָגט, און ניט נור מיט דעם קאָפּ, נאָר איך וואָלט פאַר איהם אין פייער געגאַנגען" אַט אַזוי זאָג איך, בין איך גרייט פאַר דיר גוט זאָגען! דאָ האָט ער זיך געוואָרפען צו מיר אין די אָרעמס, אין מיטען גאַס, זיך צעוויינט, און ער האָט מיך אַזוי פעסט צוגעדריקט צום הארצען, אַז איך האָב קוים זיך אָפּגעהוסט; „דו, זאָגט ער, ביזט דער איינציגער פריינד, וועלכער איז מיר געבליבען אין מיין אומגליק!" ער איז אַ פרעהליכער מענש! נו, פאַרשטעהט זיך, אַז טאקע אויפ'ן וועג האָט ער מיר דערצעהלט אַן אַנעקדאָט וועגען דעם, אַז מען האָט איהם אַמאָל אויך, נאָך אין דער יוגענד, פאַרדעכטיגט אין אַ פּינף טויזענד רובעלדיגער גנבה, און אַז ער האָט אויפ'ן צווייטען טאָג זיך געוואָרפען אין פייער פון דער ברענענדער הויז און ארויסגעשלעפּט פון פייער דעם גראַף, וואָס האָט איהם פאַרדעכטיגט און נינא אַלעקסאַנדראָוונא, וועלכע איז נאָך געוועזען אַ מיידעל. דער גראַף האָט איהם ארומגענומען און אויף אַזאַ אופן איז ביי איהם פאָרגעקומען די חתונה מיט נינא אַלעקסאַנדראָוונא, און אויף מאָרגען האָט מען אין די אָפּגעברענטע חורבות געפונען די קעסטעל מיט די פאַרלאָרענע געלט; די קעסטעל איז געוועזען אַן אייזערנע, געמאַכט אין ענגלאַנד, מיט אַ געהיימען שלאָס, און זי האָט זיך איינגעבראָכען אין דיל, אַזוי דאָס קיינער האָט ניט באַמערקט און נאָר צוליב דעם דאָזיגען פייער האָט זי זיך אָפּגעזוכט. אַן אויסגעטראַכטע מעשה. נאָר ווען ער האָט זיך וועגען נינא אַלעקסאַנדראָוונא צורעדט האָט ער זיך אַפילו צוכניקעט. זי איז זעהר אַ פיינע פּערזאָן די נינא אַלעקסאַנדראָוונא, כאָטש אויף מיר איז זי בייז.

— איהר זייט ניט באַקאַנט?

— כמעט ניט. איך וואָלט מיט'ן גאַנצען הארצען געוואָלט, כאָטש צוליב דעם כדי זיך צו ריין וואַשען פאַר איהר. נינא אַלעקסאַנדראָוונא האָט צו מיר טענות, אַזוי ווי איך וואָלט איהר מאַן געשלעפּט שיכור'ן. נאָר ניט נאָר איך שלעפּ איהם ניט, נאָר גיכער האַלט איך איהם נאָך אָפּ; מעגליך, אַז איך, קען געבען, ציה איהם נאָך אָפּ פון שלעכטע קאָמפּאַניע. און דערצו איז ער נאָך מיין פריינד, און איך בין זיך פאַר אייך מודה, אַז איצט וועל איך איהם קיינמאָל ניט פאַרלאָזען. דאָס הייסט, אַפילו אויף אַזוי פיעל, אַז וואו ער אַהין אויך איך.

ווייל איהם קען מען נאָר בלויז מיט געפיהל נעהמען. איצט באַזוכט ער אפילו גאָר ניט זיין קאַפּיטאַנשע, כאָטש אין דער שטיל רייסט ער זיך צו איהר און אָפט אפילו קרעכצט ער נאָך איהר. דערהויפּט יעדען פריהמאָרגען, אויפשטעהענדיג און אָנטוענדיג די שיך, איך ווייס ניט פאר וואָס עפּעס דוקא נאָר אין דער דאָזיגער צייט. קיין געלט האָט ער ניט, אָט דאָ איז דער אומגליק, צו יענער קען מען אָהן געלט ניט קומען. האָט ער ביי אייך, פּיעל געשעצטער פּירשט, געבעטען געלט?

— ניין, ניט געבעטען.

— ער שעהמט זיך. ער האָט געוועזן געוואָלט; ער האָט זיך מיר אפילו מודה געווען, אַז ער וויל אייך באַאומרוהיגען, נור ער שעהמט זיך, ווייל איהר האָט איהם ניט לאַנג געליהען, און אויסער דעם רעכענט ער, אַז איהר וועט ניט געבען. ער האָט עס מיר ווי א פריינד פאַרטרויט.

— און איהר גיט איהם ניט קיין געלט?

— פּירשט! פּיעל געשעצטער פּירשט! ניט נור געלט, נאָר פאר דעם מענשען בין איך אַזוי צו זאָגען, אפילו גרייט צו אָפּפערען מיט׳ן לעבען... איבעריגענס, וויל איך ניט איבערכאַפּען די מאָס — ניט מיט׳ן לעבען, נאָר אַזוי צו זאָגען מיט א פּיבער, מיט א געשוויר א וועלכען ס׳ניט איז, אָדער אפילו א הוסט — איז ביי גאָט, אַז איך בין גרייט עס איבערצוטראָגען פאר איהם, ווייל איך רעכען איהם פאר א גרויסען כאָטש אַ פאַרלאָרענעם מענש! אָט ווי אַזוי! ניט נאָר מיט געלט!

— הייסט עס, אַז געלט גיט איהר?

— נ־ניין, קיין געלט האָב איך ניט געגעבען, און ער ווייס אליין, אַז איך וועל ניט געבען, נאָר איך טוה דאָס איינציג בלויז דערפאַר, ווייל איך וויל איהם אויסבעסערען. איצט האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אַן מיר, אַז איך זאָל איהם נעהמען קיין פּעטערבורג; איך פאָהר דאָך אין פּעטערבורג, כדי צו כאַפּען דעם הערר פּערדיטשענקאָ, אויף די סאַמע הייסע שפּורען, ווייל איך ווייס זיכער, אַז ער איז שוין דאָרטען. מיין גענעראַל קאָכט זיך אַזש, נאָר איך פאַרדעכטיג, אַז אין פּעטער־בורג וועט ער פון מיר ארויסגליטשען זיך, כדי צו באַזוכען זיין קאַ־פּיטאַנשע. איך בין זיך מודה, אַז איך וועל איהם אפילו אומישנע אָפּלאָזען פון זיך, ווי מיר האָבען שוין אָפּגערעדט, אַז גלייך ביים אָנ־

קומען זאָלען מיר זיך פאַנאַנדערגעהן אין פאַרשידענע זייטען, כדי בעד־סער צו כאַפּען דעם הערר פּערדיטשטשענקאָ. איז אָט אזוי וועל איך איהם אָפּלאָזען און פּלוצלונג וועל איך אַרונטערפאַלען ווי פון הימעל, און איהם כאַפּען ביי דער קאַפּיטאַנשע. — אַבזיכטליך צוליב דעם, כדי איהם צו פאַרשעהמען, אַלס אַ פאַמיליען־מענש און אַלס אַ מענשען אין אַלגעמיין.

— נאָר מאַכט ניט קיין טומעל, לעבעדעוו, ביי גאָט מאַכט ניט קיין טומעל. — האָט שטיל און אין שטאַרקען אומרוה אַרויסגעזאָגט דער פירשט.

— אָ, ניין, בלויז מיט דער איינציגער אַבזיכט איהם צו פאַר־שעהמען און אַ קוק טאָן וואָס פאַר אַ פיזיאָגנאָמיע ער וועט מאַכען — ווייל מען קען פיעל דרינגען פון איינעמס פיזיאָגנאָמיע, פיעל געשעצטער פירשט, און דערהויפּט ביי אַזאַ מענשען! אַך, פירשט! כאָטש מיין איינענער אומגליק איז זעהר גרויס, פונדעסטוועגען קען איך אפילו איצט ניט פאַרגעסען וועגען די דער אויסבעסערונג פון זיין מאָראַל. איך האָב אַ וויכטיגע ביטע צו אייך, פיעל געשעצטער פירשט, איך בין זיך אפילו מודה, אַז צוליב דעם בין איך דאָס געקומען: מיט זייער הויז זייט איהר דאָך באַקאַנט, איהר האָט אפילו ביי זיי געוואוינט; איז אויב איהר, גוט־הערציגער פירשט, וואָלט געוואָלט מיר קומען צו הילף, בלויז נאָר צוליב דעם גענעראַל און פאַר זיין גליק נאָר...

לעבעדעוו האָט אפילו אויפגעלעגט די הענט ווי אין אַ תפלה.

— וואָס זשע? ווי אזוי העלפט מען עם? זייט זיכער, אַז איך וויל אייך זעהר פאַרשטעהן, לעבעדעוו.

— בלויז טאַקע מיט דער זיכערקייט בין איך דאָס צו אייך גע־קומען! מען קאָן דאָס אויספיהרען דורך נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ; בעאָבאַכטענדיג און אזוי צו זאָגען, נאָכשפּירענדיג אין דעם שויס פון זיין אייגענער פאַמיליע. איך בין צום אומגליק ניט באַקאַנט... און דערצו איז דאָך אויך ניקאָלאַי אַרדאַליאָנאָוויטש, וועלכער פאַרגעטערט אייך, אזוי צו זאָגען, מיט אַלע פעדים פון זיין יונגער נשמה, ער וואָלט אודאי געקענט אַרויסהעלפען...

— נ־ניין... נינאַ אַלעקסאַנדראָוונען טאָר מען אין דעם ניט אַריינשלעפּען... גאָט באַהיט! און קאָליען אויך ניט... איבעריגענס, פאַרשטעה איך אפשר נאָך ניט גאַנץ קלאָר, לעבעדעוו.

— דאָ איז גאָר ניטאָ וואָס צו פאַרשטעהן! — איז אפילו אונ־טערגעשפּרונגען אויף זיין שטוהל לעבעדעוו — דאָ איז בלויז דאָ גע־פיהל און פריינדשאַפט — אַט דאָס איז די איינציגע רפואה פאַר אונ־זער קראַנקען. איהר וועט מיר ערלויבען, פירשט, איהם רעכענען פאַר אַ קראַנקען?

— דאָס באַווייזט אפילו אייער עדעלקייט און שכל.

— איך וועל צוליב קלאָרקייט ערקלעהרען מיט אַ ביישפּיעל, גע־נומען פון ערפאַהרונג. ווייסט איהר וואָס דאָס איז פאַר אַ מענש? ער האָט אַ שוואַכקייט צו דער קאַפּיטאַנשע, צו וועלכער ער קען אָהן געלט זיך ניט יאַווען, און ביי וועלכער איך וויל איהם היינט כאַפּען, צוליב זיין גליק טאַקע. נאָר לאָמיר זאָגען, אז דאָס איז נאָר די קאַ־פּיטאַנשע, און זאָל ער אפילו באַגעהן אַן אמת'ן פאַרברעכען, נו, זאָל זיין דאָרט אַ מואָסע האַנדלונג אַזאָ (כאָטש ער איז גאָר אויף דעם ניט פעהיג), איז אויך דאַן, זאָג איך, קען מען בלויז מיט פיינקייט צו איהם צוקומען, ווייל ער איז זעהר אַ האַרציגער מענש! גלויבט מיר, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטען קיין פינף טאָג און ער וועט אַליין אויס־זאָגען, וועט זיך צעוויינען און זיך מודה זיין, — און דערהויפּט, ווען מען זאָל אַרבייטען קלוג און פיין, דורך דער פאַמיליע און אונטער אייער אויפזיכט איבער אַלע זיינע טהאַטען... אַ, וואָהלטעטיגער פירשט! — איז לעבעדעוו אויפגעשפּרונגען אין גרויס באַגייסטע־רונג — איך וויל ניט באַהויפּטען, אַז ער האָט זיכער... איך, אַזוי צו זאָגען, בין גרייט פאַר איהם מיין בלוט פאַרגיסען כאָטש איצט שוין, כאָטש איהר וועט מיט מיר איינשטימען, אַז אונאָנגעהאַלטענקייט און שיכרות און די קאַפּיטאַנשע, און דאָס אַלץ צוזאַמען געגומען קענען צו אַלעם ברענגען.

— אַזאַ ציעל בין איך אימער גרייט צו העלפען — האָט געזאָגט דער פירשט, זיך אויפשטעלענדיג. — נאָר איך בין זיך מודה פאַר אייך, לעבעדעוו, איך בין שרעקליך אומרוהיג; זאָגט, איהר האַלט דאָך נאָך אַלץ... מיט איין וואָרט, איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז איהר פאַרדעכטיגט דעם הערר פערדישטשענקאָ?

— וועמען זשע אַנדערש זאָל איך פאַרדעכטיגען? וועמען זשע אַנדערש, אָפענהערציגער פירשט — האָט לעבעדעוו ווידער אויפגע־לעגט די הענט ליבליך שמייכלענדיג.

דער פירשט האָט זיך אַנגעוואָלקענט און זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ.

— זעהט איהר לוקיאַן טימאָפעיעוויטש, דאָ איז שרעקליך צו מאַכען א טעות. דער דאָזיגער פערדיטשענקאָ... איך וואָלט וועגען איהם ניט געוואָלט רעדען קיין שלעכטעס... נאָר דער דאָזיגער פערדיטשענקאָ, דאָס הייסט, ס'איז ניט זיכער, נאָר ווער ווייס, אפשר איז דאָס טאַקע ער!... איך וויל זאָגען, אז אפשר איז ער טאַקע אין אמת'ן פעהיגער דערצו ווי... ווי אַן אַנדערער...

לעבעדעוו האָט אַנגעשטעלט אויגען און אויערען.

— זעהט איהר, — האָט זיך פאַרפּלאָנטעט און אַלץ מעהר און מעהר זיך אַנגעוואָלקענט דער פירשט, ארומשפּאַצירענדיג היין און צוריק איבער'ן צימער און מיהענדיג זיך ניט צו קוקען אויף לעבעדעוו'ן — מען האָט מיר געזאָגט וועגען דעם הערר פערדיטשענקאָ, אז ער איז אויסער אַלע זאַכען, אַזאַ מענש, פאַר וועלכען מען דאַרף זיך היטען און ניט רעדען... קיין איבעריגעס, — איהר פאַרשטעהט? איך רעד דאָס צוליב דעם, אז עס קען געבען, אז אפשר איז ער טאַקע פעהיגער ווי אַן אַנדערר... איך רעד צוליב דעם, ווייל מען דאַרף זיך היטען ניט צו מאַכען קיין טעות, אָט וואָס איז די הויפּט זאַך. פאַרשטעהט איהר?

— און ווער האָט עס אייך דערצעהלט וועגען דעם הערר פערדיטשענקאָ? — האָט זיך ווי ארויפגעוואָרפען לעבעדעוו.

— מען האָט עס מיר פאַרטרויט. איבעריגענס, גלויב איך אין דעם אַליין ניט... מיר טוט זעהר באַנג, וואָס איך בין געווען געצוואונגען דאָס אויסצוזאָגען, נאָר איך פאַרזיכער אייך, אז איך גלויב אַליין ניט אין דעם... דאָס איז א נאַרישקייט... פוי, ווי נאַריש איך האָב געהאַנדעלט!

— זעהט איהר, פירשט, — האָט אפילו אָנגעהויבען זיך טרייסלען לעבעדעוו — דאָס איז וויכטיג, זעהר וויכטיג איצט, דאָס הייסט ניט וועגען הערר פערדיטשענקאָ, נאָר וועגען דעם, ווי אַזוי האָט צו אייך דערגרייכט די דאָזיגע נאַכריכט. (דאָס זאָגענדיג, איז לעבעדעוו נאָכגעלאָפען נאָכ'ן פירשט, ארויף און אראָפּ מיהענדיג מיט איהם זיך צו אויסגלייכען). אָט וואָס, פירשט. איך וועל אייך איצט עפּעס פאַרטרויען: פריהער האָט דער גענעראַל, ווען מיר זיינען געגאַנגען מיט איהם צו דעם דאָזיגען ווילקינען, נאָכדעם ווי ער האָט מיר שוין

דערצעהלט וועגען פייער, און דערביי פארשטעהט זיך זידענדיג פון כעס, האָט ער פּלוצלונג מיר אויך אָנגעהויבען געבען די זעלבע אנצו־הערעניש וועגען פערדיטשענקאָ, נאָר סתם אַהן א טאָלק און אַהן אַן אָרדנונג, אז איך האָב ניט ווילענדיג איהם געשטעלט עטליכע פראגען, און דורך די פראגען האָב איך זיך אין גאנצען איבערצייגט, אז די דאָזיגע גאַנצע נאָכריכט איז בלויז נאָר די ערפינדונג פון זיין עקסע־לענץ... אייגענטליך, בלויז פון גוט־הארציגקייט... ווייל ער זאָגט אויך ליגען בלויז נאָר צוליב דעם וואָס ער קען זיך ניט איינהאַלטען, צוליב פיינקייט... איצט לאָמיר זעהן: אויב ער האָט געזאָגט א ליגען, און איך בין אין דעם איבערצייגט, אז אויף וואָס פאַר א וועג האָט ער זיך דערפון געקאָנט דערוויסען? פאַרשטעהט מיך, פירשט, דאָס איז ביי איהם געשעהן אין א מינוט פון באגייסטערונג — איז ווער, הייסט עס, האָט עס אייך איבערגעגעבען? דאָס איז וויכטיג... זעהר וויכטיג... און אזוי צו זאָגען...

— מיר האָט עס ערשט געזאָגט קאָליאַ, און איהם האָט עס פריהער געזאָגט דער פאָטער, ווען ער האָט באגעגענט אום זעקס א זייגער, אָדער אום זיבען, אין פאָרהויז, ווען ער איז צוליב עפּעס וואָס אהין ארויס.

און דער פירשט האָט איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען.

— נו, אָט דאָס הייסט א שפּור! — האָט רייבענדיג די הענט, אין זיך געלאַכט לעבעדעוו. — אָט אזוי האָב איך אויך געדענקט! דאָס הייסט, אז זייער עקסעלענץ האָבען אומישנע איבערגעריסען זייער אומשולדיגען שלאָף, אום זעקס א זייגער, כדי צו געהן אויפוועקען זייער געליבטען זוהן און אַנזאָגען איהם וועגען דער גרויסער געפאהר צו זיין אין שכנות מיט דעם הערר פערדיטשענקאָ! און וואָס פאַר א געפעהרליכער מענש דער פערדיטשענקאָ מוז דאָס זיין! און וואָס פאַר א פאָטערליכע אומרוהיגקייט עס פאַרמאָגט עס זיין עקסעלענץ, כע־כע־כע!

— הערט מיך אויס, לעבעדעוו — איז דער פירשט אין גאַנצען צוטומעלט געוואָרען — הערט מיך אויס, איהר ארבייט שטיל! מאַכט ניט קיין טומעל! איך בעט אייך, לעבעדעוו, איך בעט אייך... אין אזאַ פאַל, שווער איך אייך, אז איך וועל אייך מיטהעלפען, נאָר עס זאָל בלייבען בסוד. עס זאָל קיינער ניט וויסען!

— זייט זיכער, פיינסטער, אָפּענהערציגסטער און עהרוווירדיג־סטער פירשט — האָט אויסגעשריען לעבעדעוו אין אמת'ער באַגייס־טערונג — זייט זיכער, אַז דאָס אַלעס וועט שטאַרבען אין מיין אָרענט־ליכסטען הארצען! מיט מיינע שטילע טריט צוזאַמען! איך וועל אפילו מיין גאַנץ בלוט.... ליכטיגסטער פירשט, איך בין געמיין אי אין דער נשמה, אי אין גייסט, נאָר פרעגט יעדען איינעם, אפילו דעם ני־דערטרעכטיקסטען מענשען ניט נאָר דעם געמיינעם מענשען: מיט וועמען ס'איז בעסער צו האָבען אַ עסק, מיט אַזאַ נידערטרעכטיגען מענשען ווי ער, אָדער מיט דעם אָרענטליכסטען מענשען, מיט אַזאַ ווי איהר, אָפּענהערציגסטער פירשט? און ער וועט אייך ענטפערען, אַז מיט דעם אָרענטליכסטען מענשען. און דאָ ליגט דער טריאומף פאַר דער אָרענטליכקייט! אויפ'ם ווידערזעהן, פיעל געשעצטער פירשט! איך וועל האַנדלען שטיל... איך וועל געהן מיט שטילע טריט און... צוזאַמען מיט אייך...

צעהנטער קאַפּיטעל.

דער פירשט האָט ענדליך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס האָט איהם יעדען מאָל דורכגענומען אַ קעלט, ווי נאָר ער האָט זיך צוגעריהרט צו די דאָזיגע דריי בריף, און פאַר וואָס האָט ער דערוויילט די מינוט פון לעזען זיי, ביז סאַמע אָווענט. ווען ער איז פריהער, אין דער פריה, איינגעשלאָפען מיט אַ שווערען שלאָף אויף דער סאָפע, נאָך אַלץ ניט באַשליסענדיג זיך צו עפענען איינעם פון די דריי קאָנ־ווערטען, האָט זיך איהם ווידער גע'חלומ'ט אַ שווערער חלום. און ווידער איז צו איהם געקומען די זעלבע „פאַרברעכערין“. זי האָט ווידער געקוקט אויף איהם מיט גלאַנציגע טרערען אויף די לאַנגע ברעמען, זי האָט איהם ווידער גערופען נאָך זיך און ווידער האָט ער

זיך אויפגעכאַפּט, ווי פריהער, מיט פּיין, דערמאָהנענדיג זיך אַז איהר געזיכט. ער האָט געוואָלט זעהן צו איהר טאַקע שוין גלייך, אָבער ער האָט ניט געקאָנט; ענדליך האָט ער כמעט אין פאַרצווייפלונג אויפ־געעפענט די בריף און אָנגעהויבען לייענען.

די דאָזיגע בריף זיינען אויך געווען ענליך צו א חלום. אָפט מאָל חלומ'ען זיך שרעקליכע חלומות אונמעגליכע און אומנאַטירליכע; אויפכאַפּענדיג זיך געדענקט איהר זיי קלאָהר און איהר וואונדערט זיך אויף דעם מאָדנעם פאַקט. איהר געדענקט פריהער פאַר אַלץ, אַז דער פאַרשטאַנד האָט אייך ניט פאַרלאָזען אין פאַרלויף פון אייער גאַנצען חלום; איהר געדענקט אפילו, אַז איהר האָט געהאַנדעלט גאַנץ כיטרע און לאָגיש, אָט אין דער גאַנצער לאַנגער, לאַנגער צייט, ווען עס האָבען אייך ארומגערינגעלט מערדער, ווען זיי האָבען מיט אייך געכיטרעוועט, באַהאַלטען זייער צוועק, אייך פריינדליך באַהאַנדעלט, אין דער צייט ווען ביי זיי איז שוין געווען אָנגעגרייט דאָס געוועהר. און זיי האָבען בלויז געוואַרט אויף עפּעס א צייכען; איהר געדענקט אפילו, ווי כיטרע איהר האָט זיי ענדליך אָפּגענאַרט, זיך פון זיי באַ־האַלטען; דערנאָך האָט איהר זיך דערוואוסט, אַז זיי קענען אויף אויסוועניג אייער גאַנצען שווינדעל, און זיי מאַכען זיך בלויז ניט ווייסענדיג, אַז זיי ווייסען ניט וואו איהר האָט זיך באַהאַלטען; נאָר איהר האָט זיך געקליגט און זיי אָפּגענאַרט נאָך אמאָל. דאָס גע־דענקט איהר זעהר קלאָהר. נאָר פאַר וואָס האָט אין דער זעלבער צייט אייער שכל געקענט שלום מאַכען מיט אַזעלכע אָפענע אומגעלומ־פּערטקייטען און אונמעגליכקייטען, מיט וועלכע עס איז געווען איבער־געפּוילט אייער חלום? איינער פון אייערע מערדער האָט זיך פאַר אייך אין די אויגען פאַרוואַנדעלט אין א פרוי, און פון א פרוי אין א קליינינקען, כיטרען, מיאוס'ען קאַרליק, — און איהר האָט דאָס אַלעס צוגעלאָזט גלייך, ווי אַז אמת'ען פאַקט, כמעט אָהן קיין שום חידוש. און טאַקע אין דער זעלבער צייט ווען פון דער צווייטער זייט איז אייער שכל געווען אין דער שטאַרקסטער אנשטרענגונג, ארויסגעוויזען א גוואַלדיגע קראַפט, כיטרעקייט, איינפאַל און לאָגיק? און פאַרוואָס ווען מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און שוין אין גאַנצען קומענדיג צו זיך, פיהלט מען כמעט יעדען מאָל און אָפטמאָל מיט אַן אונגעוועהנליכער קראַפט דעם איינדרוק, אַז מען לאָזט איבער צוזאַ־

מעז מיט'ן חלום עפּעס־וואָס אונענטשיידענעס. איהר לאַכט פון די נאַרישקייטען מיט וועלכע ס'איז געווען פול אייער חלום און אין דער זעלבער צייט פיהלט איהר, אַז אין דעם פּלאָנטער פון די דאָזיגע נאַרישקייטען, ליגט עפּעס אַ זינן, און טאקע אַן אמת'ער זינן, עפּעס וואָס עס באַלאַנגט צו ווירקליכען לעבען, עפּעס וואָס עקזיסטירט און ס'האָט עקזיסטירט אין אייער הארצען; עפּעס ווי מיט אייער חלום וואָלט אייך געזאָגט געוואָרען עטוואָס נייעס, פּראָפעטישעס, אויף וואָס איהר האָט געוואַרט; אייער איינדרוק איז שטאַרק, ער איז אָדער אַ פרעהליכער אָדער אַ פּייניליכער, נאָר אין וואָס ער באַשטעהט און וואָס איז אייך דורך איהם געזאָגט געוואָרען — קענט איהר ניט פאַרשטעהן און ניט דערמאַהנען זיך.

כמעט דאָס זעלבע איז געשעהן מיט'ן פּירשט מיט די דאָזיגע בריף. נאָך איידער ער האָט זיי פאַנאַנדערגענומען האָט דער פּירשט דערפיהלט, אַז שוין אליין דער פאַקט פון זייער עקזיסטענץ און מעגליכקייט איז ענליך צו אַ קאָשמאַר. ווי אַזוי האָט ז י זיך באַשלאָסען א י ה ר צו שרייבען, האָט ער זי געפרעגט, אומוואַלגענדיג אין אָוונט איינער אליין (אָפּטמאָל ניט וויסענדיג אליין וואו ער געהט), ווי אַזוי האָט זי געקאָנט ו ע ג ע ן ד ע ם שרייבען, און ווי אַזוי האָט געקאָנט אַזאַ משוגענער געדאַנק געבוירען ווערען ביי איהר אין קאָפּ? נאָר דער געדאַנק האָט שוין עקזיסטירט, און וואונדערליכער פון אַלץ איז פאַר איהם געווען דאָס, אַז ביז וואַנען ער האָט געלעזען די דאָזיגע בריף האָט ער אליין געגלויבט אין דער מעגליכקייט און אפילו אין דער באַרעכטיגונג פון דעם דאָזיגען געדאַנק. יע, געוויס איז דאָס געווען אַ חלום, אַ קאָשמאַר און אַן אומזין; נאָר דאָ איז אויך געלעגען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אמת'דיג פּייניליך און ווירקליך ליידענד. אַ זאַך וואָס האָט באַשטעטיגט אי דעם קאָשמאַר אי דעם אומזין. עטליכע שטונדען כסדר איז זיין האַרץ געווען פאַרנומען מיט דעם, וואָס ער האָט געלייענט, ער האָט ווייל־ווייז זיך דערמאַהנט אַן שטיקלאַך, זיך אויף זיי אָפּגעשטעלט, אויף זיי פאַרטראַכט. אָפּטמאָל האָט זיך איהם אפילו געוואָלט אליין זאָגען, אַז ער האָט עס אַלעס פאַראויסגעפיהלט און פאַראויסגעזעהן נאָך פריהער; עס האָט זיך איהם אפילו געדוכט, ווי ער וואָלט עס אַלעס געלייענט שוין לאַנג לאַנג צוריק און אַלץ דאָס נאָך וואָס ער האָט

געבענקט פון דאָן אַז, אַלץ דאָס מיט וואָס ער האָט זיך געפּייניגט און פאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקען — אַלץ איז געלעגען אין די פון איהם שווין פון לאַנג איבערגעלייענטע בריף.

„ווען איהר וועט עפענען דעם דאָזיגען בריף (אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען דער ערשטער בריף), גיט פריהער פון אַלץ אַ קוק אויפ׳ן אונטערשריפט. דער אונטערשריפט וועט אייך דערצעהלען אַלץ און ערקלעהרען אַלץ, אַזוי דאָס איך האָב זיך גאָרנישט צו פאַרענטפערען פאַר אייך, און קיינע ערקלעהרונגען צו מאַכען. ווען איך וואָלט כאָטש מיט וואָס ס׳ניט איז געקענט זיין אייער גלייכען, וואָלט איהר זיך נאָך געקאָנט באַלעדיגען פאַר אַזאַ חוצפּה; נאָר ווער בין א י ך און ווער זייט א י ה ר? מיר זיינען אַזעלכע צוויי געגענזעצע, און איך בין אַזוי וויט פאַרשיידען פון אייך, אַז איך קען אייך מיט גאָר נישט ניט באַלעדיגען, אפילו ווען איך וואָלט עס געוואָלט".

און אין אַ צווייטען פּלאַץ האָט זי געשריבען:

„רעכענט ניט מיינע ווערטער פאַר אַ קרענקליכע שמחה פון אַ קראַנקען מוח — אָבער איהר זייט פאַר מיר אַ פאָלקאָמענהייט! איך האָב אייך געזעהן און זעה אייך יעדען טאָג. איהר פאַרשטעהט, איך שאַץ אייך ניט. איך בין ניט מיט׳ן שכל דערגאַנגען צו דעם, אַז איהר זייט אַ פאָלקאָמענהייט; איך בין איינפאַך איינגעגלויבט. נאָר איך האָב זיך אויך פאַרזינדיגט געגען אייך: איך האָב אייך ליב. אַ פאָלקאָמענהייט טאָר מען דאָך ניט ליבען, אויף אַ פאָלקאָמענהייט מעג מען נאָר קוקען, ווי אויף אַ פאָלקאָמענהייט, איז דאָס ניט אַזוי? און דאָך בין איך אין אייך פאַרליבט. כאָטש ליבע גלייכט מענשען אויס, אָבער זייט רוהיג, איך האָב אייך גלייך מיט זיך ניט געשטעלט, אפילו אין מיינע פאַרבאָרגענסטע געדאַנקען. איך האָב אייך אָנגעשריבען: „זייט רוהיג," קענט איהר זיך דען באַאומרוהיגען?... ווען איך וואָלט געקאָנט וואָלט איך געקושט די שפּורען פון אייערע טריט. אַ, איך שטעל זיך ניט גלייך מיט אייך!... קוקט אויפ׳ן אונטערשריפט, קוקט שנעלער אויפ׳ן אונטערשריפט!"

„אָבער דאָך באַמערק איך (האָט זי געשריבען אין אַן אַנדער בריף), אַז איך פאַראייניג אייך מיט איהם, און איך האָב קיין איין מאָל נאָך ניט געפרעגט, צי האָט איהר איהם ליב? ער האָט אייך ליב באַקומען, אייך זעהענדיג אַנומעלט. ער האָט וועגען אייך גערעדט ווי וועגען אַ

„ליכטיגקייט״; דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער, איך האָב זיי געהערט פון זיין מויל. נאָר איך האָב אָהן ווערטער פאַרשטאַנען, אַז איהר זייט פאַר איהם אַ ליכטיקייט. איך האָב לעבען איהם געוואוינט אַ גאַנצען מאָנאַט, און דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך איהר האָט איהם ליעב; איהר און ער זייט פאַר מיר איינס און דאָס זעלבע״.

„וואָס איז דאָס? (שרייבט זי נאָך) נעכטען בין איך דורכגעגאַנגען פאַרביי אייך, און איהר האָט זיך ווי פאַרשעהמט? עס איז אונמעגליך, מיר האָט זיך עס בלויז אַזוי געדוכט. ווען מען זאָל אייך ברענגען אין דעם סאַמע שמוציגען פּריטאָן און אייך ציינען די נאַקעטע זינד, טאָרט איהר ניט רויט ווערען; איהר קאָנט אין קיין פאַל ניט ווערען אין כעס פאַר אַ באַלעדיגונג. איהר קענט האַסען אַלע נידערטרעכטיגע און נידעריגע אָבער ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע, פאַר יענע וועמען זיי באַליידיגען. ווייסט איהר, אָפט דוכט זיך מיר, אַז איהר דאַרפט מיך אפילו ליעב האָבען. פאַר מיר זייט איהר אויך דאָס זעלבע וואָס פאַר איהם אַ ליכטיגער גייסט, אַ מלאך קען ניט פיינט האָבען און ער קען ניט, ניט ליב האָבען. קען מען ליב האָבען אַלעמען, אַלע מענשען, אַלע אַנדערע באַקאַנטע — האָב איך זיך אָפט געשטעלט די דאָזיגע פראַגע? געוויס ניט, דאָס איז אפילו אומנאַטירליך. אין פּלאַטאָנישער ליבע צו דער מענשהייט האָסטו כמעט שטענדיג בלויז ליב זיך אַליין. נאָר דאָס איז פאַר אונז אונמעגליך. אָבער איהר זייט עפּעס אַנדערש; ווי קענט איהר ניט ליבען יעדען איינעם, ווען איהר קענט זיך מיט קיינעם ניט פאַרגלייכען, און ווען איהר שטעהט העכער פון יעדער באַלעדיגונג, העכער פון יעדען פּערזענליכען צאָרן? איהר נאָר אַליין קענט ליב האָבען אָהן עגאָאיזם, איהר אַליין קענט ליב האָבען ניט פאַר זיך זעלבסט, נאָר פאַר יענעם וועמען איהר ליעבט. אַ, ווי ביטער ס'איז געווען מיר צו דערוויסען זיך, אַז איהר פיהלט צוליב מיר בושה אָדער צאָרן! דאָ איז אייער אונטערגאַנג. איהר שטעלט זיך אויף איין שטופע מיט מיר...

„נעכטען נאָכדעם ווי איך האָב אייך באַגעגענט, בין איך געקומען אַהיים, און אויסגעטראַכט אַ בילד. קריסטוסען מאָהלען די מאָהלער אַלע נאָך די עוואַנגעלישע לעגענדעס; איך וואָלט איהם אַנדערש געמאָהלען: איך וואָלט אויסגעמאָהלט איהם אַליין — עס פלעגען

דאך די תלמידים זיינע אמאל איהם לאזען אליין. איך וואלט בלויז געלאזען מיט איהם איין קליין קינד. דאס איינגעל שפיעלט זיך ארום א י ה ם. אפשר האט ער אויך זיין קינדיש לשון א י ה ם עפעס דערצעהלט. קריסטוס האט איהם אויסגעהערט, נאר איצט האט ער זיך פארטראכט; זיין האנט איז אומווילענדיג געבליבען ליגען אויף דעם קינדס ליכטיג קעפעל. ע ר קוקט אין דער ווייט, אין האריזאנט; א געדאנק גרויס ווי די גאנצע וועלט רוהט אין זיין בליק; דאס געזיכט א טרויעריגעס. דאס קינד איז אנטשוויגען געווארען, האט זיך אנגעשפארט אויף ז י י ן קניע און אונטערשפארענדיג מיט'ן הענטעל די באק, האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און פארטראכטערהייט, אויפ'ן שטייגער ווי קינדער פארטראכטען זיך אפט, קוקט ער אויף איהם צודרינגליך. די זון פארגעהט... אט דאס איז מיין בילד!... איהר זייט אומשולדיג און אין אייער אומשולד ליגט אייער גאנצע פאלקאמענהייט. געדענקט, אז נאר אין דעם! וואס ארט אייך מיין ליידענשאפט צו אייך? איהר זייט שוין איצט מיינע, איך וועל שוין מיין גאנצען לעבען זיין ארום אייך... איך וועל אין גיכען שטארבען"...

און ענדליך אין דעם גאר לעצטען בריף איז אזוי געווען געשריבען:

„ביי גאט, טראכט וועגען מיר קיין שלעכטעס, דענקט אויך ניט אז איך ערנידעריג זיך מיט דעם וואס איך שרייב צו אייך, אדער דאס וואס איך באלאנג צו אזעלכע וועזענס וועלכע האבען הנאה ווען זיי ערנידעריגען זיך אליין, כאטש זיי טוען דאס צוליב גאוה. ניין, איך האב זיך מיין טרויסט; נאר מיר איז שווער אייך דאס צו ערקלעהרען. מיר וואלט אפילו געווען שווער זיך דאס אליין קלאהר מאכען. כאטש איך לייד דערפון. נאר איך ווייס, אז איך קען זיך אפילו צוליב גאוה אויך ניט ערנידעריגען. און אויך זעלבסט-ערנידערונג צוליב דער ריינקייט פון הארצען בין איך ניט פעהיג, און דאס מיינט, אז איך ערנידעריג זיך גאר ניט.

„פארוואס וויל איך אייך פאראייניגען? פאר אייך אדער פאר זיך? פאר זיך, פארשטעהט זיך, דא זיינען אלע מיינע לויזונגען, אזוי האב איך זיך שוין לאנג געזאגט... איך האב געהערט, אז אייער שוועסטער ארעלאאידא האט דאן געזאגט וועגען מיין פארטרעט, אז מיט אזא שעהנקייט קען מען די וועלט איבערקעהרען. נאר איך האב זיך

אָפּגעזאָגט פון דער וועלט; אייך קוקט אויס קאָמיש צו הערען עס פון מיר, באַגעגענדיג מיך אין זייד און אין בריליאַנטען, מיט שיכורים און פּאַסקודניקעס? קוקט ניט אויף דעם, איך עקזעסטיר שוין כמעט ניט, און איך ווייס דאָס; גאָט ווייסט וואָס עס לעבט אויף מיין פּלאַץ אין מיר. איך לעז עס יעדען טאָג אין די צוויי שרעקליכע אויגען, וועל־כע קוקען שטענדיג אויף מיר, אפילו דאן ווען זיי זיינען ניטאָ פאַר מיר. אָט די דאָזיגע אויגען ש ו ו י י ג ע ן איצט (זיי שווייגען כסדר). נאָר איך ווייס זייער סוד. ער האָט א הויז א פינסטערע, אן אומעטיגע און אין איהר ליגט דער סוד. איך בין זיכער, אז ביי איהם אין קאַסטען ליגט באַהאַלטען א ראַזיר־מעסער ארומגעוויקעלט מיט זייד, ווי ביי יענעם מאַסקווער מערדער; יענער האָט אויך גע־וואוינט צוזאַמען מיט זיין מוטער אין איין הויז, און האָט אויך ארומ־געבונדען דעם ראַזיר־מעסער מיט ז י י ד, כדי איבערצושניידען א געוויסע האַלז. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען ביי זיי אין הויז, האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אז ערגעץ וואו, אונטער'ן דיל, האָט נאָך מעגליך זיין טאַטע, באַהאַלטען א טויטען און איהם איבערגע־דעקט מיט א קלעיאָנקע, ווי יענער מאַסקווער, און אויך אזוי ארומ־געשטעלט מיט פלעשלאַך סם, איך וואָלט אייך אפילו אָנגעציינט דעם ווינקעל. ער האַלט אין איין שווייגען, אָבער איך ווייס דאָך, אז ער ליעבט מיך שוין אויף אַזוי פיעל, אז ער מוז מיך שוין האַסען. אייער חתונה און מיין חתונה צוזאַמען: אזוי האָבען מיר מיט איהם אָפּגע־רעדט. איך פאַרבאָרג פון איהם גאָר ניט. איך וואָלט איהם ערמאָר־דעט אויס מורא... נאָר ער וועט מיך פריהער ערמאָרדען... ער האָט זיך ערשט צעלאַכט און געזאָגט, אז איך רעד פון היץ; ער ווייס, אז איך שרייב צו אייך."

און אסך אסך איז געווען אָזאַ רעדען פון היץ, אין די דאָזיגע בריף.

דער פירשט איז ענדליך ארויס פון דונקעלען פּאַרק אין וועלכען ער האָט זיך ווי נעכטען, לאַנג ארומגעדרעהט. די ליכטיגע און דורכ־זיכטיגע נאַכט האָט זיך איהם אויסגעוויזען צו זיין נאָך ליכטיגער ווי געוועהנליך. „קען דען זיין, אז עס איז נאָך אַזוי פריה?" האָט ער אַ טראַכט געטאָן. (דעם זייגער האָט ער פאַרגעסען מיטצונעהמען). פון ערגעץ וואו האָט זיך צו איהם ווי דערטראָגען א וויטער שפּילען

פון מוזיק „אודאי מוז עס זיין אויפ'ן וואגזאל", האָט ער ווידער א טראַכט געטאָן — געוויס זיינען זיי היינט אהין ניט געגאַנגען." דאָס א טראַכט טוענדיג, האָט ער דערזעהן אז ער שטעהט סאמע לעבען זייער דאטשע. ער האָט געוואוסט, אז ער דארף זיך ענדליך אומבאַדינגט געפינען דאָ, און מיט שרעק איז ער אַרויף אויף דער טעראסע. קיינער האָט איהם ניט באַגעגענט. די טעראסע איז געווען א לעדיגע. ער האָט צוגעווארט און אויפגעעפענט די טהיר וואָס פיהרט אין זאַל. „אָט די טהיר שליסט זיך ביי זיי קיינמאָל ניט צו", האָט ביי איהם א בליץ געטאָן. נאָר אויך די זאַל איז געווען א פוסטע, אין איהר איז געווען כמעט פינסטער. מיט אמאָל האָט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אריינגעקומען אלעקסאנדרא איוואַנאָוונא מיט א ליכט אין האַנט. דערזעהענדיג דעם פירשט האָט זי זיך פאַרוואונדערט און האָט זיך פאַר איהם אָפּגעשטעלט ווי מיט א פראַגע. ווי עס ווייזט אויס איז זי בלויז דורכגעגאַנגען דעם צימער, פון איין טהיר אין דער צווייטער, גאַר ניט דענקענדיג עמיצען דאָ צו טרעפען.

— וואָס טוט איהר דאָ? — האָט זי ענדליך אַרויסגעזאָגט.

— איך... בין פאַרגאַנגען.

— די מאַמע איז ניט ביים גאַנצען געזונט. אַגלאַיאַ אויך. אַדעלאַאידא לעגט זיך שלאָפען. איך געה אויך. מיר זיינען היינט דעם גאַנצען אָוועגט אָפּגעזעסען אליין אין הויז. דער פּאַפּאַ און דער פירשט זיינען אין פעטערבורג.

— איך בין געקומען... איך בין געקומען צו אייך... איצט...

— ווייסט איהר וויפיעל ס'איז איצט דער זייגער?

— נ־ניין...

— האלב איינס. מיר לעגען זיך שטענדיג איינס.

— אַך, איך האָב געדענקט... אז עס איז האלב צעהן.

— ס'מאַכט ניט אויס!... — האָט זי זיך צעלאַכט — און פאַר וואָס זייט איהר ניט געקומען פריהער? מעגליך, אז מען האָט אייך ערוואַרטעט...

— איך... האָב געדענקט... — האָט ער געשטאַמעלט אַוועקגעהענדיג.

— אויפס ווידערזעהן! מאָרגען וועל איך אַלעמען מאַכען צו לאַכען!

ער איז אוועק מיט'ן וועג, וועלכער פיהרט פארביי דעם פארק, צו זיין דאטשע. זיין הארץ האָט געקלאפט. די געדאנקען האָבען זיך גע־פלאָנטעט און אלץ ארום איהם האָט אויסגעזעהן ווי א חלום. און פלוצלינג, פונקט ווי פריהער, ווען ער האָט זיך צוויי מאָל אויפגעכאפט פון איין און דער זעלבער זעהונג, — האָט זיך איהם יענע זעהונג ווי־דער געוויזען. די זעלבע פרוי איז ארויס פון פארק און זיך געשטעלט פאר איהם, פונקט ווי זי וואָלט איהם ערווארטעט. ער האָט א ציטער געטאָן און זיך אפגעשטעלט; זי האָט אָנגעכאפט זיין האנט און זי פעסט א דריק געטאָן. ניין, דאָס איז ניט קיין זעהונג!"

און אָט איז זי ענדליך געשטאַנען מיט איהם פנים אל פנים, דיים ערשטען מאָל נאָך זייער צושיידונג; זי האָט צו איהם עפעס גערעדט, נאָר ער האָט שווייגענד געקוקט אויף איהר. זיין הארץ איז פול גע־ווארען און אָנגעהויבען שמערצען פון וועהטאָג. אָ, קיינמאָהל נאָכ־דעם האָט ער ניט געקאָנט פארגעסען די דאָזיגע באגעגעניש מיט איהר, און ער האָט עס שטענדיג דערמאָנט מיט'ן זעלבען וועהטאָג. זי איז געפאַלען פאר איהם אויף די קניע, דאָ טאקע אויפ'ן גאס, ווי א משוגע'נע; ער האָט זיך שרעק אפגעטראָטען, נאָר זי האָט געכאפט זיין האנט, כדי זי צו קושען. און פונקט דאָס זעלבע ווי פריהער אין חלום, האָבען טרערען געגלאַנצט אויף איהרע ברעמען.

— שטעה אויף! שטעה אויף! האָט ער גערעדט מיט א ציטער־דיגען שעפּטשען, זי אויפהויבענדיג. — שטעה אויף שנעלער!

— דו ביזט גליקליך? גליקליך? האָט זי געפרעגט — זאָג מיר נור איין וואָרט, ביזטו גליקליך איצט? היינט, אָט איצט? ביי איהר? וואָס האָט זי געזאָגט?

זי האָט זיך ניט אויפגעהויבען, זי האָט איהם ניט געפאָלגט; זי האָט געפרעגט איילענדיג און זיך געאיילט צו רעדען פונקט ווי עמיצער וואָלט איהר נאָכגעיאָגט.

— איך פאָר מאָרגען, ווי דו האָסט געהייסען. איך וועל ניט... איך זעה דאָך דיך צום לעצטען מאָל, צום לעצטען! איצט איז דאָס שוין טאקע גאָר צום לעצטען מאָל!

— בארוהיג זיך, הויב זיך אויף! האָט ער ארויסגעזאָגט פאר־צווייפעלט.

זי האָט זיך דורשטיג איינגעקוקט אין איהם, אָנכאַפּענדיג זיך אַן זיינע הענט.

— זיי געזונד! האָט זי ענדליך געזאָגט, זיך אויפהויבענדיג און איז שנעל אוועק פון איהם, כמעט אַנטלאָפען. דער פירשט האָט גע־זעהן אַז ארום איהם האָט זיך פּלוצלינג געפונען ראָגאָזשין, זי אונ־טערגעכאַפּט אונטער'ן אָרים, און אוועקגעפיהרט.

— וואַרט אויף פירשט, האָט אויסגערופען ראָגאָזשין, — איך וועל אין פינף מינוט ארום זיך אומקעהרען.

אין פינף מינוט ארום איז ער ווירקליך געקומען. דער פירשט האָט אויף איהם געוואַרט אויפ'ן זעלבען פּלאַץ.

— איך האָב זי אריינגעזעצט אין קאַרעט, האָט ער געזאָגט, — דאָרט אויפ'ן ראָג האָט די קאַרעט געוואַרט פון 10 א זייגער אָן. זי האָט טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען אַז דו וועסט א גאַנצען אָוענט זיין ביי יענער. דאָס וואָס דו האָסט מיר אָנגעשריבען, האָב איך פּינקטליך איבערגעגעבען. שרייבען צו יענער וועט זי שוין מעהר ניט. זי האָט צוגעזאָגט. און זי וועט פון דאַנען, לויט דיין פאַרלאַנג, אוועקפאָה־רען. זי האָט דיך געוואָלט זעהן פאַר'ן אוועקפאָהר, כאָטש דו האָסט זיך ענטזאָגט; דאָ אויף דעם פּלאַץ האָבען מיר דיך אָפּגעוואַרט, ווי דו וועסט זיך אומקעהרען, אָט אויף יענער באַנק.

— זי האָט דיך אליין מיט זיך גענומען?

— און וואָס איז? האָט געשמייכעלט ראָגאָזשין — האָב גע־זעהן דאָס וואָס איך האָב געוואוסט. די בריף האָסטו אודאי איבער־געלייענט?

— און דו האָסט זיי דען אויף אַז אמת'ן געלייענט? — האָט געפרעגט דער פירשט, ערשטוינט פון דעם דאָזיגען געדאַנק.

— נאָד ווי! יעדען בריף האָט זי מיר אליין געוויזען. ווענגען דעם ראַזיר־מעסער געדענקסטו, כע, כע!

— זי איז א משוגענע! האָט אויסגעשריען דער פירשט, פאַר־ברעכענדיג די הענט.

— ווער ווייס עס, מעגליך, אַז ניט, האָט שטיל ווי פאַר זיך, ארויסגערעדט ראָגאָזשין.

דער פירשט האָט ניט געענטפערט.

— נו זיי געזונד, האָט געזאָגט ראָגאָזשין — איך פאָהר דאָך אויך, מאָרגען. געדענק מיך ניט צום שלעכטען! און פאַר וואָס

האָסטו איהר, ברודער, — האָט ער האַסטיג אומדרעהענדיג זיך, צוגעגעבען — פאַר וואָס האָסטו איהר אלס ענטפער גאָר ניט געזאָגט? „ביזטו גליקליך צו ניט“?

— נייז, נייז, ניין! האָט אויסגעשריען דער פירשט מיט גרענצלאָזען טרויער.

—איך האָב גאָר ניט ערוואַרטעט אז דו זאָלסט זאָגען „יע“, האָט בעז זיך צעלאַכט ראָגאָזשין און איז אוועק ניט אומקוקענדיג זיך.

(שלום פון דריטען טהייל.)

פּיערטער טהייל.

ערשטער קאַפּיטעל.

עס איז אוועק א וואָך נאָך דעם ראנדעוואו פון די צוויי פּערזאָנען פון אונזער ערצעהלונג, אויף דער גרינער באַנק. אין איין ליכטיגען פריהמאָרגען, ארום האַלב עלף האָט זיך וואָרוואַרא ארדאליאָנאָוונא פּטיצין, וועלכע איז ארויסגעגאנגען באַזוכען עמיצען פון איהרע באַקאַנטע, אומגעקעהרט אהיים שטאַרק און אומעטיג פאַרטראַכט.

עס זיינען פאַראַן מענשען, וועגען וועלכע, עס איז שווער צו זאָגען עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיי פאַרשטעלען מיט איין מאָל אין גאַנצען, אין זייער טיפּישען און כאַראַקטערנעם קעשטאַלט. דאָס זיינען די מענשען, וועלכע מען רופט געוועהנליך, „געוועהנליכע“, „די מעהרהייט,“ און וועלכע שטעלען באמת צוזאַמען דעם גרעסטען טהייל פון יעדער געזעלשאַפט. שרייבער אין זייערע ראָמאַנען און ערצעהלונגען מיהען זיך אמעהרסטען, נעהמען געזעלשאַפטליכע טיפּען און זיי פאַרשטעלען בילדליך און מאַהלעריש — טיפּען וועלכע מען באַגעגענט זעהר וועניג אין דער ווירקליכקייט, און וועלכע זיינען דאָך ווירקליכער ווי די ווירקליכקייט זעלבסט. פּאָדקאָליאָסין אין זיין טיפּישען געשטאַלט, איז מעגליך, אפילו אַן איבערטרייבונג, אבער קיינמאָל ניט קיין זאַך וואָס האָט ניט עקזיסטירט. וויפיעל קלוגע מענשען, דערוויסענדיג זיך פון גאָגאָל'ן וועגען פּאָדקאָליאָסינען, האָבען גלייך אָנגעהויבען אויסגעפינען, אז צעהנדליגער און הונדערטער פון זייערע באַקאַנטע און פריינד זיינען שרעקליך עהנליך צו פּאָדקאָליאָסינען. זיי האָבען אויך ביז גאָגאָל'ן געוואוסט אז אָט די דאָזיגע פריינד זייערע זיינען אזעלכע ווי פּאָדקאָליאָסין, נור זיי האָבען ניט געוואוסט אז זיי רופען זיך טאַקע אזוי. אין דער ווירקליכקייט שפּרינגען זעהר וועניג חתנים ארויס פון די פענסטער א טאָג פאַר

זייערע חתונות, ווייל דאָס איז שוין ניט רעדענדיג וועגען אַנדערע זאַכען, גאַר ניט אָנגענעהם אויך; פונדעסטוועגען וויפיעל חתנים, אפילו מענשען אָנשטענדיגע און קלוגע זיינען גרייט פאַר דער חופּה מיט ריינעם געוויסען זיך אליין אָנצורופען פּאָדקאָליאָסינס. אויך ניט אַלע מענער שרייען אויף יעדען טראָט: tu L'as Voulu George Dandin נור גאָט מיינער, וויפיעל מיליאָנען און מיליאָנען מאָל איז פון די מענער פון דער גאַנצער וועלט ווידערהאָלט געוואָרען דער דאָזיגער האַרציגער געשריי, נאָך זייער האָניג־מאָנאָט, און ווער ווייסט, אפשר טאַקע שוין אויף מאָרגען נאָך דער חתונה!

און אַזוי, ניט אָפּגעבענדיג זיך מיט מעהר ערנסטער ערקלעהרונגען, וועלען מיר בלויז זאָגען, אַז אין דער ווירקליכקייט ווערט די טיפּ'ליכקייט פון מענשען ווי פּאָדקאָליאָסינס עקזיסטירען אין דער אמת'ן, האָוועט און לויפען אום פאַר אונזערע אויגען טאָג־טעגליך, נור עפּעס ווי אין אַ פליסיגען צושטאַנד.

און ענדליך, אום צו פאַרפאָלקאָמען די וואַהרהייט, מוז מען זאָגען, אַז אויך דער גאַנצער זשאָרזש־דאַנדען, ווי עס האָט איהם באַשאַפען מאָליער, קען מען אויך באַגעגענען אין דער ווירקליכקייט, כאָטש זעהר וועניג. דערמיט וועלען מיר פאַרענדיגען אונזער באַטראַכטונג, וועלכע הויבט אָן צו ווערען עהנליך אויף אַ זשורנאַל־קריטיק. פונדעסטוועגען, בלייבט נאָך אַלץ פאַר אונז אַ פראַגע: וואָס זאָל אַ ראָמאַניסט טאָן מיט די איינפאַכע מענשען, מיט די גאַנץ „געוועהנליכע" און ווי אַזוי זאָל ער זיי אַרויסשטעלען פאַר'ן לעזער, כדי צו מאַכען זיי כאָטש ווי ס'ניט איז אינטערעסאַנט? אין גאַנצען אויסלאָזען זיי פון אַן ערצעהלונג קען מען ניט, ווייל די איינפאַכע מענשען זיינען אַלע ווײַלע און אין זייער מעהרהייט אַ נויטיגער רינג אין דער קייט פון לעבענס־פּאַסירונגען; אויסמיידענדיג זיי, הייסט: צושטערען די וואַהרהייטליכקייט. אָנפילען דעם ראָמאַן בלויז מיט טיפּען און אפילו איינפאַך צוליב אינטערעסאַנטקייט, מיט מענשען אויסערגעוועהנליכע און ניט דאַ־געוועזענע וואָלט געווען ניט וואַרהייטליך און אפילו אויך ניט אינטערעסאַנט. לויט אונזער מיינונג, דאַרף אַ שרייבער זיך מיהען אויסצוזוכען אינטערעסאַנטע און באַלעהרענדע שטריכען אפילו אין די געוועהנליכע מענשען און ווען צום ביישפּיעל,

דער גאַנצער עקזיסטענץ פון די אַלטעגליכע מענשען, באַשטעהט טאַקע בלויז נור אין זייער אַלטעגליכער אונפאַרענדערטער אַלטעגליכקייט. אָדער, וואָס איז נאָך בעסער, ווען ניט קוקענדיג אויף אַלע זייערע גרויסע באַמיהונגען צו ארויסגעהן פון דער דאָזיגער אַלטעגליכקייט, און געוועהנליכקייט, ענדיגען זיי פונדעסטוועגען דערמיט וואָס זיי בלייבען אייביג נור מיט זייער אַלטעגליכקייט, דאַן קריגען די דאָזיגע מענשען טאַקע גאָר א געוויסע טיפ׳ליכקייט — ווי אַן אַלטעגליכקייט, וואָס וויל בשום אופן ניט בלייבען דאָס וואָס זי איז, און זי וויל מיט אַלע כחות ווערען אָריגינעל און זעלבסטשטענדיג ניט האָבענדיג דערצו די מיטלען.

צו דעם דאָזיגען מין געוועהנליכע אָדער „אַלטעגליכע“ מענשען באַלאַנגען אויך אייניגע פערזאָנען פון אונזער ערצעהלונג, וועלכע זיי־נען ביז איצט (איך בין אין דעם מודה), ווייניג קלאָר פאַר׳ן לעזער. דאָס זיינען וואַרוואַרא ארדאַליאָנאָוונא פּטיצין, איהר מאַן, דער הערר פּטיצין און גאַורילאַ ארדאַליאָנאָוויטש, איהר ברודער.

אין אמת׳ן איז ניטאָ קיין ערגערליכע זאַך, ווי צו זיין, צום בייש־פּיל רייך, פון פיינער פאַמיליע, פון שעהנעם אויסזעהן, ניט שלעכט געבילדעט, ניט נאַריש, אפילו אויך גוט, און אין דער זעלבער צייט ניט האָבען קיין שום טאַלאַנט, קיין אָריגינאַליטעט, אפילו קיינע משוגעת׳ן, קיין איין אייגענעם געדאַנק, זיין אין גאַנצען „ווי אַלע“. א רייכטהום איז דאַ — אבער ניט קיין ראָטשילד־רייכטהום; די פאַמי־ליע איז אַן אָרענטליכע, נאָר זי האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגע־צייכענט; דער אויסזעהן איז א שעהנער, אָבער אָהן קיין באַזונדערן אויסדרוק. א בילדונג א ניש׳קשה׳דיגע, נאָר דו ווייסט ניט אויף וואָס דאָס צו באַנוצען; שכל איז דאַ, נאָר אָהן אייגענע געדאַנקען, א האַרץ איז דאַ, נאָר אָהן גרויסמוטיגקייט א. אז. וו., א. אז. וו. אין אַלע באַ־ציהונגען. אַזעלכע מענשען זיינען אויף דער וועלט זעהר פיעל און אפילו מעהר ווי ס׳דוכט זיך; זיי טהיילען זיך ווי אַלע מענשען אויף צוויי הויפּט סאָרטען: איינע זיינען באַשרענקט, און די צווייטע זיי־נען „אביסעלע קליגער“, די ערשטע זיינען גליקליכער. דעם באַ־שרענקטען „געוועהנליכען מענשען“ איז צום ביישפּיעל ניטאָ קיין לייכטערע זאַך ווי צו איינשמועסען זיך, אז ער איז אַן אומגעוועהנלי־

כער און אָריגינעלער מענש און דערפון הנאה האָבען אָהן קיין שום צווייפעל.

איינינע פון אונזערע מיידלאַך האָבען מעהר ניט גערארפט זיך אָפּשערען די האָר, אנטאָן בלויע ברילען און זיך אָנרופען ניהיליסטקעס, כדי גלייך זיך צו איבערצייגען, אז אָנטועענדיג בלויע ברילען, האָבען זיי גלייך געקראָגען זייערע אייגענע „איבערצייגונגען“. איינער האָט ניט מעהר גערארפט ווי א קאָפּיטשקע דערפיהלען אין זיין הארצען עפּעס פון יענע אלגעמיין מענשליכע און גוטע געפיהלען, כדי זיך גלייך צו „איבערצייגען“, אז קיינער פיהלט שוין גאָר ניט אַזוי ווי ער, אַז ער איז א פּאָרווערטס־געהער אין דער אלגעמיינער ענטוויקלונג. איינער האָט מעהר ניט גערארפט אויפכאַפּען עפּעס א געדאַנק אָדער איבערלעזען א זייטעל פון עפּעס א ביכעל אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן אַן ענדע, כדי גלייך אָנצוהויבען גלויבען, אז דאָס זיינען „זיינע אייגענע געדאַנקען“ און זיי זיינען געבוירען געוואָרען אין זיין אייגענעם מח. די נאַאיווע חוצפּה, ווען מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, דערגרייכט אין אַזעלכע פעלע, ביז וואונדער. דאָס אַלעס איז אומגלויבליך, נאָר מען באַגעגענט עס אַלע ווייל. אָט די דאָזיגע נאַאיווע חוצפּה, אָט דער דאָזיגער אומצווייפעלהאַפטער גלויבען פון דעם נאַרישען מענשען אין זיך און אין זיין טאַלאַנט, איז אויסגעצייכענט אַרויסגעשטעלט געוואָרען פון גאָגאָל'ן אין דעם וואונדערליכען טיפּ פון דעם אָפיציער פּיראָגאָוו. דער פּיראָגאָוו צווייפעלט אפילו ניט אין דעם, אַז ער איז א געניע, אפילו העכער פון יעדען געניע; אויף אַזוי פיעל צווייפעלט ער ניט, אַז ער שטעלט זיך אפילו קיינע פראַגען ניט; איבעריגענס, עקזעסטירען פאַר איהם קיין פראַגען ניט. דער גרויסער שריפטשטעלער איז ענדליך געווען געצוואונגען איהם אָפּצושמייסען צוליב דער באַפרידיגונג פון דעם מאָראַלישען געפיהל, פון זיין לעזער, נאָר דערזעהענדיג, אַז דער גרויסער מענש האָט זיך בלויז א טרייסעל געטאָן און פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון זיינע קרעפטען נאָך דער פּייניגונג האָט ער אויפגעגעסען א פּיראָזשקע, פון פאַרוואונדערונג צופיהרט די הענט און אַזוי האָט ער איבערגעלאָזען זיינע לעזער. מיר האָט שטענדיג באַנג געטאָן, וואָס דער גרויסער פּיראָגאָוו איז גענומען געוואָרען פון גאָגאָל'ן אין אַזאַ קליינעם טשין, ווייל פּיראָגאָוו איז אויף אַזוי פיעל זעלבסט־באַפרידיגט, אַז פאַר איהם אין

ניטאָ קיין גרינגערעס ווי פֿאָרשטעלען זיך, לויט די עפּאָלעטען, וועלכע ווערען גרעסער מיט די יאָהרען, אלס פעלד־מאַרשאַל אפילו ניט נאָר פֿאָרשטעלען זיך, נאָר איינפאך ניט צווייפלען אין דעם: אז מען האָט מיך געמאכט פאר א גענעראל איז פאר וואָס ניט אויך אלס פעלד־מאַרשאַל? און וויפיעל דורכפעלע קומען דערפון אַרויס אויפ׳ן שלאכט־פעלד? און וויפיעל זיינען געווען פּיראָגאָווס צווישען אונזערע ליטעראטען געלעהרטע, און פּראָפּאָגאנדיסטען? איך זאָג „געווען“, נאָר געווים איז נאָך יעצט אויך פאַראַן...

די האנדלענדע פּערזאָן פון אונזער ערצעהלונג, גאווריִלאַ ארדאַליאנאָוויטש איוואָלגין, האָט געהערט צום צווייטען סאָרט; ער האָט באַלאַנגט צו יענעם סאָרט מענשען, וועלכע זיינען „אַביסעל קליגער“, כאָטש ער איז געווען פול פון קאָפּ ביז די פיס מיט חשק צו אָריגינאַליטעט. נאָר דער דאָזיגער סאָרט, ווי מיר האָבען אויבען באמערקט, איז פיעל אומגליקליכער ווי דער ערשטער. דאָס איז דאָך די זאך, אז ווען א ק ל ו ג ע ר „געוועהנליכער“ מענש וואָלט אפילו פאַרבייגעהענדיג געמיינט (און אפילו זיין גאנצען לעבען) אז ער איז א געניאלער און אָריגינעלער מענש, דאָך וואָלט ביי איהם אין הארצען געבליבען א וואָרים פון צווייפעל, וועלכער ברענגט דערצו, אז דער קלוגער מענש ענדיגט אָפּט אין אמת׳ע פאַרצווייפלונג. און ווען ער גיט זיך אונטער, איז דאָס ווייל ער איז שוין פאַרגיפטעט פון פּוסטען שטאָלץ. איבעריגענס, האָבען מיר אלענפאלס גענומען אַן עקסטרים: ביי דער גרעסטער מערהייט פון דעם דאָזיגען קלוגען סאָרט מענשען קומט די זאך פאַר גאָר ניט אזוי טראגיש; אפשר ווערט צו די עלטערע יאָהרען, מעהר אָדער ווייניגער, דער לעזער איבערגעפיהרט, דאָס איז אלץ. נאָר פונדעסטוועגען איידער זיי גיבען זיך אונטער און מאַכען שלום, ליידען זיי זיך גענוג אָן, אָנהויבענדיג פון דער יוגענד, ביז דער אונטערטהעניגסטער עלטער און אלץ צוליב׳ן חשק צו זיין אָריגינעל. עס טרעפען זיך אפילו מאָדנע פעלע: צוליב דעם חשק צו זיין אָריגינעל אזוי אָפּטמאָל אַן עהרליכער מענש גרייט צו באגעהן נידעריגקייטען; עס טרעפט אפילו אזוי, אז איינער פון די דאָזיגע אומגליקליכע איז ניט נאָר עהרליך, נאָר אפילו גוט, דער שוץ פון זיין פאַמיליע, ער האלט אוים און שפּייזט דורך זיין מיה, ניט נאָר זיינע אייגענע, נאָר אויך פרעמדע און דאָך? קען ער זיין גאנץ לעבען זיך

ניט בארוהיגען! ער קען זיך גאָר ניט בארוהיגען און טרויסטען מיט דעם געדאנק, אז ער האָט אזוי גוט ערפילט זיינע מענשליכע חובות; אין געגענטייל אפילו, אָט דאָס טאָקע ערגערט איהם: „אָט אויף וואָס איך האָב אוועקגע׳הרג׳עט מיין גאנצען לעבען, אָט וואָס עס האָט מיר געבונדען די הענט און די פיס, אָט וואָס עס האָט מיר געשטערט צו ענטדעקען פּולווער! ווען דאָס וואָלט ניט געווען, וואָלט איך, אפשר, אונבאדינגט ענטדעקט — אָדער פּולווער, אָדער אמעריקא — איך וויים נאָך ניט אויף זיכער וואָס, נאָר איך וואָלט ענטדעקט!" כאראק־טעריסטישער פון אלץ איז ביי די דאָזיגע העררן, וואָס זיי קענען באמת, אין זייער גאנץ לעבען ניט דערגעהן אויף זיכער, וואָס באַ־שטימט, זיי דארף דאָס ענטדעקען אין זייער לעבען: פּולווער אָדער אמעריקא? לויט די ליידען זייערע, און בענקשאפט נאָך דער ענט־דעקונג, וואָלט זיכער פון זיי געקענט ווערען א קאָלאָמבוס אָדער א גאַלילעי.

גאוורילא ארדאליאָנאָוויטש האָט אויף אזא אופן אָנגעהויבען; נאָר ער האָט טאָקע נאָר אויף אזא אופן אָנגעהויבען. ער האָט נאָך געהאט געווג אויסצושטעהן. א טיפער און אומאויפהערליכער געפיהל, אז ער איז טאַלאנטלאָז און אין דער זעלבער צייט, אן אומבאגרייפלי־כער חשק צו איבערצייגען זיך אין דעם, אז ער איז א מענש א זעלבסט־שטענדיגער, האָבען טיף פאַרוואונדערט זיין האַרץ, אפילו נאָך אין די ערשטע קינדערשע יאָהרען. דאָס איז געווען א יונגער מאן מיט אייפערזיכטיגע און האַסטיגע פאַרלאנגען און עס האָט זיך אויסגע־דוכט, אז ער איז געבאָרען געוואָרען מיט אויפגערודערטע נערוועז.

די האַסטיגקייט פון זיינע פאַרלאנגען האָט ער אָנגענומען אלס זייער קראַפט. ביי זיין ליידענשאפטליכען פאַרלאנג צו אויסצייכענען זיך, איז ער אָפט געווען גרייט אויף דעם סאַמע אומזיניגען שפּרונג; נאָר ווי די זאך האָט דערגרייכט ביז דעם אומזיניגען שפּרונג, שטעלט זיך אַרויס, אז אונזער העלד איז געווען צו קלוג, אויף דעם זיך צו באשליסען. דאָס האָט איהם געערגערט ביז גאָר. מעגליך, אז ער וואָלט זיך אין א געוויסען פאַל ענטשלאָסען אפילו אויף זעהר א נידע־ריגע זאך אויך, אבי נאָר צו דערגרייכען עפּעס וואָס איהם ווילט זיך. נאָר ווי אומישנע, ווי ער איז נאָר געקומען צו דער ליניע, האָט ער זיך שטענדיג אויסגעוויזען אלס צו אָרענטליך צו באגעהן א נידעריגע

טהאט. (איבעריגענס, אויף א קליינער נידעריגער טהאט איז ער שטענ־דיג געווען גרייט). מיט פאראכטונג און האס האָט ער געקוקט אויף דער אָרימקייט און געפּאַלענקייט פון זיין פאמיליע. אפילו מיט דער מוטער האָט ער זיך באנומען פון דער הויך און מיט פאראכטונג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער אליין האָט גוט פארשטאנען, אז די רע־פּוטאציע און דער כאראקטער פון זיין מוטער איז דערווייל געווען דער הויפּט אָנשפּאר פון זיין קאריערע. אָנקומענדיג צו עפּאנטשין, האָט ער זיך תיכף געזאָגט: „ווען מען מוז שוין זיין נידערטרעכטיג, דארף מען שוין זיין נידערטרעכטיג ביז׳ן סוף, אבי נאָר געווינען.“ און — ער האָט כמעט קיינמאָל ניט גענידערטרעכטיגט ביז צום סוף. און פאר־וואס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער וועט אומבאַדינגט דארפען באנוצען נידערטרעכטיגקייטען? פאר אגלאיא׳ן האָט ער זיך דאן איינ־פאך דערשראָקען, נאָר האָט די זאך ניט אויפגעגעבען, נאָר געצויגען, אויף יעדען פאַל, כאָטש ער האָט קיינמאָל ערנסט ניט געגלויבט, אז זי וועט זיך אראָנטערלאזען צו חתונה האבען מיט איהם. דערנאָך, אין דער צייט פון זיין היסטאריע מיט נאסטאסיא פיליפּאָוונא, האָט ער מיט אמאָל אָנגעהויבען דענקען, אז די דערגרייכונג פון אלץ ליגט אין געלט. „אויב שוין זיין נידערטרעכטיג, איז נידערטרעכטיג“, האָט ער זיך דאן געזאָגט יעדען טאָג מיט זעלבסטצופרידענהייט, כאָטש מיט עטוואס שרעק. „אויב שוין זיין נידערטרעכטיג, דארף מען דערקלע־טערען ביז׳ן סאמע שפּיץ, האָט ער זיך אלע ווייַלע אונטערגעגעבען חשק. א געוועהנליכער מענש וואלט זיך אין אזא פאַל איבערגעשראָ־קען, אבער מיר ניט!“

פארשפּילענדיג אגלאיא׳ן און זייענדיג דערשטיקט פון די אומ־שטענדען, האָט ער אין גאנצען פארלאָרען דעם מוטה און האָט אין אמת׳ן געבראכט צום פירשט די געלט, די געלט וואס די וואהנזיניגע פרוי האָט איהם דאן צוגעוואָרפען, און וועלכער עס האָט אויך גע־בראכט א וואהנזיניגער מענש. אויף דעם דאָזיגען צוריקגעבען פון די געלט, האָט ער דערנאָך טויזענט מאָל חרטה געהאט, כאָטש ער האָט אָהן אויפהער שטאָלצירט מיט דעם. ער האָט אין אמת׳ן דאן גע־וויינט דריי טאָג, ביז וואנען דער פירשט איז געבליבען אין פּעטער־בורג, נאָר אין די דאָזיגע דריי טאָג האָט ער אוספּעיעט צו פיינט קריי־גען דעם פירשט, פאר דעם, וואס יענער האָט אויף איהם געקוקט שוין

צופיעל רחמנות'דיג, אין דער צייט, ווען דער פאקט, אז ער האָט
אומגעקעהרט אזעלכע געלדער, „וואָלט ניט יעדערער זיך ענטשלאָ־
סען דאָס צו טאָן", נאָר די אָרענטליכע זעלבסט־באשטימונג אין דעם,
אָז זיין גאנצער אומעט איז נאָר אַן אומאויפהערליך־שטיקענדע כבוד־
זוכעניש, האָט איהם שרעקליך געפּייניגט. נאָך שוין א לאנגע צייט
נאָכדעם, האָט ער זיך ארומגעקוקט און זיך איבערצייגט, ווי ערנסט
עס האָט זיך ביי איהם געקאָנט אויסלאָזען מיט אזאָ אומשולדיגען
און מאָדנעם ווען ווי אגלאיא. דער חרטה־געפיהל האָט איהם גע־
פרעסען; ער האָט געלאָזען די שטעלע און איז אריינגעפאלען אין אור־
מעט און נידערשלאָגענקייט. ער האָט געוואוינט ביי פּטיצינען אויף
יענעמס קאָסטען, מיט טאַטע און מאמע, און האָט אָפען פּאראכטעט
פּטיצינען, כאָטש אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך צוגעהערט צו
זיינע עצות. און ער איז געווען אויף אַזויפיעל פּארנינפטיג, אז ער
האָט זיי ביי איהם שטענדיג געפרעגט. צום ביישפּיל, גאווריל א ארדאָ־
ליאנאָוויטש איז געווען אין כעס, אז פּטיצין דענקט גאָר ניט צו זיין א
ראָטשילד און שטעלט זיך עס גאָר ניט פאר זיין ציעל. „אויב שוין
א פּראָצענטניק, טאָ געה שוין ביז צום סוף, דריק מענשען, מאך פון
זיי געלט, ווער אַן עפּעס, ווער א אידישער קייזער". פּטיצין איז גע־
ווען באשיידען און שטיל; ער האָט נאָר צוגעשמייכעלט, נאָר איין
מאָל האָט ער אפילו געפונען פאר נויטיג צו דורכשמועסען זיך ערנסט
מיט גאווריל א ארדאליאנאָוויטש און ער האָט עס אפילו דורכגעפיהרט
מיט א געוויסער ווירדיגקייט. ער האָט באוויזען האניא'ן, אז ער
טוט גאָר ניט קיין אומעהרליכעס, אז אומזיסט רופט איהם יענער אַ
זשיד; אז ווען געלט האָט אזאָ ווערטה, איז ער ניט שולדיג; אז ער
האנדעלט אמת'דיג און עהרליך, און אין אמת'ן איז ער ניט מעהר ווי
אַן אַגענט פון די געשעפטען, און ענדליך, א דאנק זיין אקוראטניקייט
אין געשעפט, איז ער שוין באקאנט געוואָרען פון דער בעסערער זייט,
צו בעסערע מענשען, און זיינע געשעפטען וואקסען. „קיין ראָטשילד
וועל איך ניט ווערען, און איך דאַרף עס אויך ניט, האָט ער צוגעגע־
בען לאכענדיג — אבער א הויז אויף דער ליטעונער גאַס וועל איך
האָבען, און אפשר אויך צוויי און מיט דערמיט וועל איך ענדיגען".
„און ווער ווייסט אפשר אויך דריי!" האָט ער געטראַכט פאר זיך,
נאָר האָט עס קיינמאָל ניט ארויסגעזאָגט אין דער הויך. די נאטור

האָט ליעב און גלעט אזעלכע מענשען: זי וועט באַלוינען פּטיצינען ניט מיט דריי, נאָר זיכער מיט פיער הייזער, און טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט שוין פון סאמע קינדהייט אָן געוואוסט, אז קיין ראָטשילד וועט ער ניט זיין. נאָר דערפאַר וועט די נאַטור ווייטער ווי מיט פיער הייזער ניט גערן, און פּטיצין וועט דערמיט ענדיגען.

שוין גאָר אַן אנדער פּערזאָן איז געווען די שוועסטער פון גאַווריליא ארדאַליאָנאָוויטש. זי האָט אויך פּאַרמאָגט שטאַרקע פּאַרלאַנגען, נאָר מעהר עקשנות׳דיגע, איידער האַסטיגע. זי האָט באַזעסען אסך פאַרשטאַנד, ווען די זאַך איז דערגאַנגען ביז דער לעצטער ליניע, נאָר זי האָט זיך ניט אָפּגעלאָזט אויך ביז דער ליניע. אמת, זי איז אויך געווען אין דעם צאָהל פון די „געוועהנליכע“ מענשען, נאָר דערפאַר האָט זי גאַנץ שנעל אויספּעיעט צו אנערקענען, אז זי פּאַרמאָגט ניט קיין טראָפּען אָריגינאַליטעט, און זי האָט וועגען דעם װעניג געטרויערט — וועער ווייס אפשר צוליב א געוויסען מין שטאָלץ. זי האָט געמאַכט איהר ערשטען פּראַקטישען שריט מיט פיעל ענטשלאָסענהייט, חתונה האָבענדיג פאַר׳ן הערר פּטיצינען; נאָר חתונה האָבענדיג האָט זי זיך גאָר ניט געזאָרגט: „אויב זיין נידערטרעכטיג, דאַרף מען שוין זיין באמת נידערטרעכטיג, בלויז אום צו דערגרייכען דעם ציעל“. ווי עס וואָלט אין אַזאַ פאַל ניט פאַרפעהלט צו אויסשפּרעכען זיך גאַווריליא ארדאַליאָנאָוויטש (און ער האָט זיך עס שיעור ניט אויסגערעדט אפילו פאַר איהר אליין, ווען ער האָט ווי אַן עלטערער ברודער, גוט געהייסען איהר ענטשלוס), אין גאַנצען פאַרקעהרט: וואַרוואַרא ארדאַליאָנאָוונא האָט חתונה געהאַט נאָכדעם, ווי זי האָט זיך דורכאויס איבערצייגט, אז איהר צוקונפטיגער מאַן איז א מענש א באַשיידענער, אַן אַנגענעהמער, כמעט א געבילדעטער און קיין גרויסע נידערטרעכטיגקייטען וועט ער קיינמאָל ניט באַגעהן. אויף קליינע נידערטרעכטיגקייטען האָט וואַרוואַרא ארדאַליאָנאָוונא ניט געקוקט. זי האָט זיי באַטראַכט אלס קלייניגקייטען; און וואו זיינען ניטאָ אזעלכע קלייניגקייטען? מען זוכט דאָך ניט קיין אידעאַל! דערצו נאָך האָט זי געוואוסט, אז מיט איהר חתונה, גיט זי א ווינקעל איהר מוטער, פאָטער און ברודער. זעהענדיג אז איהר ברודער איז אומגליקליך, האָט זי איהם געוואָלט העלפען, ניט קוקענדיג אויף אַלע פריהערדיגע פאַמיליע מיספאַרשטענדעניסע. פּטיצין האָט אייניגע מאָל געטריבען

האַניאַ׳ן, אויף א פריינדליכען אופן פאַרשטעהט זיך, צו געהן אין דינסט. „אַט פאַראכטעסטו אי די גענעראַלען, אי די גענעראַלסטווא. האָט ער צו איהם אמאָל געזאָגט מיט א שפּאס — און קוק, „ז י י״ אַלע ענדיגען דערמיט, אז זיי ווערען אויך ווערען גענעראַלען, ועסט דערלעבען, וועסטו זעהן.״ „אבער פון וואָס זיי דרינגען אַרויס, אז איך האָב פיינט גענעראַלסטוואָ און גענעראַלען?״ האָט סאַרקאַסטיש געטראַכט פאר זיך, האַניא. כדי צו קומען צו הילף דעם ברודער, האָט ווארוואַרא ארדאַליאָנאָוונא זיך ענטשלאָסען צו פאַרגרעסערען איהר קרייז פון טהעטיגקייט; זי האָט זיך אריינגעריסען צו די עפּאַנטשין׳ס, אין וואָס עס האָבען איהר פיעל אַרויסגעהאָלפען די קינדערשע עראי־נערונגען, אי זי, אי דער ברודער האָבען אין דער קינדהייט זיך געשפּילט מיט די עפּאַנטשינס. דאָ וועלען מיר באַמערקען, אז ווען ווארוואַרא ארדאַליאָנאָוונא וואָלט מיט איהרע וויזיטען ביי די עפּאַנטשינס פאַר־פאָלגט א געוויסען אומגעוועהנליכען טרוים, וואָלט זי, אפשר, מיט דעם אליין גלייך ארויס פון יענעם סאָרט מענשען, צו וועלכע זי האָט באַ־לאַנגט; נאָר זי האָט פאַרפאָלגט ניט קיין טרוים; דאָ איז אפילו געווען פון איהר זייט א גאַנץ באַגרינדעטער חשבון: זי האָט עס באַגרינדעט אויף דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיגער פאַמיליע. און אַגלאַיאַ׳ס כאַ־ראַקטער האָט זי געשטודירט אָהן אויפהער. זי האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו צוזאַמענפיהרען זיי ביידען, דעם ברודער מיט אַג־לאַיאַן. מעגליך, אז זי האָט אפשר טאַקע עטוואס דערגרייכט; און אפשר האָט זי געמאַכט א טעות, בויענדיג צום ביישפּיעל, צופיעל אויפ׳ן ברודער און ערוואַרטענדיג פון איהם דאָס, וואָס ער האָט קיינ־מאָל און אין קיין פאַל ניט געקאָנט געבען. אַלענפאַלס, האָט זי געאַר־בייט ביי די עפּאַנטשינס גאַנץ פעהיג: גאַנצע וואָכען האָט זי ניט דער־מאָהנט דעם ברודער, איז שטענדיג געווען זעהר וואַרהאַפטיג און אָפּען־הערציג, געהאַלטען זיך איינפאַך נאָר מיט ווירדע, אין וואָס עס גע־הערט זיך די טיפענישׁ פון איהר געוויסען, האָט זי קיין מורא ניט גע־האָט אהין אריינצוקוקען, און זי האָט אין גאָרנישט זיך ניט געקאָנט באַשולדיגען. דאָס טאַקע האָט איהר צוגעגעבען מוטה. איין זאַך בלויז האָט זי אָפט באַמערקט אין זיך, אז אויך זי ווערט בייז, אז זי האָט זעהר אסך איינגענליעבע, און שיעור אפילו ניט דערשטיקטען אייפער. דערהויפּט האָט זי דאָס באַמערקט אין איינינגע מינוטען, כמעט יעדען

מאָל, ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון די עפּאנטשינס.

און אָט איצט האָט זי זיך צוריקגעקעהרט פון זיי טאקע, און ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אין אומעטיגער פארטראכטקייט. פון דער פארטראכטקייט האָט ארויסגעקוקט עפּעס ביטערעס, אָפּלאכענדעס. פּטיצין האָט געוואוינט אין פּאוולאָווסק אין ניט קיין שעהנער, נאָר היבשער הילצערנער הויז, וועלכע איז געשטאנען אויף א שטויביגער גאס, און וועלכע האָט אין גיכען געזאָלט ווערען זיין פולע אייגענטהום, אזוי דאָס ער האָט שוין זי אויך געהאלטען אין פארקויפען צו עמי־צען. אויפהויבענדיג זיך אויף די טרעפּ, האָט ווארווארא ארדאליאָ־נאָוונא דערהערט א שטארקען טומעל אין דער הויך אין הויז, און זי האָט דערקענט די שרייענדע שטימען פון איהר ברודער און פאטער. אריינקומענדיג אין זאל און דערזעהענדיג האניא'ן ארומלויפענדיג ארויף און אראָפּ איבער'ן צימער, בלייך פון רציחה, און שיעור ניט רייסענדיג פון זיך די האָר, האָט זי זיך אָנגעוואָלקענט און מיט א מיר־דען אויסזעהן זיך ארונטערגעלאָזען אויפ'ן דיוואן, ניט ארונטערנעה־מענדיג דאָס היטעלע. וויסענדיג זעהר גוט, אז ווען זי וועט שווייגען נאָך א ווײלע און ניט פרעגען דעם ברודער, פארוואָס ער לויפט אזוי ארום, וועט יענער זיכער ווערען אין כעס, האָט ווארוא ענדליך ארויס־גערעדט אין דער פאָרם פון א פראגע:

— אליץ דאָס זעלבע?

— וואָס איז דאָ דאָס זעלבע? — האָט אויסגעשריען האניא — דאָס זעלבע! ניין, דאָ ווייס שוין בלויז דער טייפעל וואָס דאָ קומט פאָר, אבער ס'איז ניט דאָס זעלבע! דער אלטער איז דערגאנגען ביז רציחה... די מאמע יאָמערט, גלויב מיר, ווארוא, ווי דו ווילסט, נאָר איך וועל איהם ארויסטרייבען פון הויז אָדער... אָדער איך וועל אליין פון אייך אוועק, — האָט ער צוגעגעבען, אודאי דערמאָהנענדיג זיך, אז מען קען ניט ארויסטרייבען קיין מענשען פון א פרעמדער הויז.

— מען דארף האָבען איינזעהעניש, — האָט ארויסגעמורמעלט ווארוא.

— צו וואָס איינזעהעניש? צו וועמען? — האָט זיך אָנגעצונדען האניא — צו זיינע שווינערייען? ניין, ווי דו ווילסט זיך, אזוי קען דאָס ניט בלייבען! ניין! ניין! ניין! און אויף וואָס פאר אן אופן ער באנעהמט זיך! ער אליין איז שולדיג און ער האָט נאָך די העזה:

„איך וויל ניט געהן אין טויער, נעהם פאַנאַנדער דעם פּלויט!" וואָס זיצסטו אזא דערשלאָגענע? דיין פּנים האָט זיך אינגאנצען פארענ־דערט!

— ס'איז גאָרנישט, — האָט מיט אומצופרידענהייט געענטפערט וואריא.

האַניא האָט זיך נאָך אויפמערקזאַמער צוגעקוקט צו איהר.

— ביזט געווען דאָרטען? — האָט ער פּלוצלונג געפרעגט.

— יע.

— הער, מען שרייט שוין ווידער! וואָס פאר א שאַנדע, און נאָך אין דער צייט!

— וואס איז דאָס פאר א צייט אזא? ס'איז גאָר ניטאָ אזא זאַך. האַניא האָט נאָך אויפמערקזאַמער באַטראכט דער שוועסטער.

— האָסט זיך עפּעס דערוואוסט? — האָט ער געפרעגט.

— קיין אינטערעסאַנטעס. איך האָב זיך דערוואוסט, אז דאָס אַלץ איז ריכטיג. מיין מאַן איז געווען גערעכטער פון אונז ביידען; ווי אזוי ער האָט פאראויסגעזאָגט פון סאמע אָנהויב, אזוי האָט זיך אויך אויסגעלאָזט. וואו איז ער?

— ער איז ניטאָ אין דער היים. וואס האָט זיך אויסגעלאָזט?

— דער פירשט איז א פאָרמעלער חתן. די זאַך איז א באַשטימטע. מיר האָבען עס געזאָגט די עלטערע שוועסטער. אַגלאַיא האָט איינגע־שטימט; מען האָט דאָס שוין אפילו אויפגעהערט האַלטען פאר א סוד (דאָרטען איז דאַך ביז איצט אַלץ געווען פול מיט סודות). אַדע־לאַאידע'ס חתונה האָט מען ווידער אָפּגעלעגט. כדי צו מאַכען צוויי חתונות צוזאַמען, אין איין טאָג. אָט וואָס פאר א פּאָעזיע! עהנליך ווי א פּאָעמא, דו בעסער פאַרפאַס א ליעד צו דער חתונה, איידער אומזיסט און אומנישט איבער'ן צימער ארומלויפען. היינט אָוונט וועט ביי זיי זיין די בעלאָקאָנסקאַיא. זי איז גראַד געקומען צו פאָהרען; עס וועלען זיין געסט. מען וועט איהם פאָרשטעלען פאר דער בעלאָ־קאָנסקאַיא, כאָטש ער איז שוין מיט איהר באַקאַנט; עס דוכט זיך, אז מען וועט לאָזען וויסען פאר אַלעמען וועגען דעם שידוך. מען האָט בלויז מורא, אז ער זאָל עפּעס ניט ארונטערלאָזען און צוברעכען, ווען ער וועט אריינקומען אין צימער און דערזעהן די געסט. אָדער ער זאָל אַליין ניט אומפאַלען. פון איהם קען מען אַלץ ערוואַרטען.

האַניאַ האָט אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאַם, נאָר צו דער שוועסטערס פאַרוואונדערונג, האָט, דוכט זיך, די דאָזיגע ערשטוי־נענדע נאַכריכט אויף איהם נאָר ניט געמאַכט קיין ערשטוינענדען איינדרוק.

— וואָס איז דאָ דער וואונדער, ס'איז געווען קלאָר, — האָט ער נאָך א ווײַלע דענקען, געזאָגט. — הייסט עס, אז עס איז שוין אן ענד!

— האָט ער צוגעגעבען, מיט עפּעס אַזאַ מאָדנעם שמייכעלע, כיטרע ארײַנקוקענדיג דער שוועסטער אין פּנים אריין און נאָך אלץ פּאַרט־זעצענדיג ארומצוגעהן הין און צוריק איבער'ן צימער, נאָר שוין פיעל שטילער.

— ס'איז כאָטש גוט, וואָס דו נעהמסט עס אויף ווי א פילאָזאָף. איך בין זעהר צופריעדען, — האָט געזאָגט וואַריאַ.

— געוויס, עס איז ארונטער א יאָך פון די פּלייצעס, פון דײַנע אמווינציגסטענס.

— מיר דאַכט זיך, אז איך האָב דיר געדיענט זעהר אויפריכטיג, ניט פרעגענדיג קיין קשיות און ניט דערעסענדיג; איך האָב דיך ניט געפרעגט וואָס פאַר א גליק האָסטו געוואָלט זוכען בײַ אגלאַיאַ'ן.

— האָב איך דען געזוכט גליק בײַ אגלאַיאַ'ן?

— נו, איך בעט דיך, קריך ניט אין פילאָסאָפיעס! געוויס איז דאָס אַזוי. עס האָט זיך געענדיגט און ס'איז גענוג פאַר אונז צו שפּי־לען זיך אין נאַראָנים. איך האָב אויף דער זאַך, בין איך זיך מודה פאַר דיר, קיינמאָל ניט געקוקט ערנסט, נאָר „אויף אַלענפאַלס" האָב איך זיך גענומען פאַר דעם, רעכענענדיג אויף איהר קאָמישען כאַראַק־טער, און די הויפּטזאַך, כדי דיך צו טרויסטען; עס זײַנען געווען נײַנציג שאַנסען, אז עס וועט פּלאַצען. איך ווייס אפילו אליין ביז איצט ניט וואָס איך האָב דאָרט געוואָלט.

— איצט וועט איהר מיט אייער מאַן זיך נעהמען מיך טרײַבען צו געהן אין דינסט, לייענען לעקציעס וועגען עקשנות און ווילענס־קראַפט, אז מען טאָר מיט קליינינקייטען זיך ניט וואַרפען, איך ווייס עס אויף אויסווענינג, — האָט זיך צעלאַכט האַניאַ.

„עפּעס נייעס פּיקט זיך שוין בײַ איהם אין מוח!" האָט א טראַכט געטאַן וואַריאַ.

— וואָס זשע הערט זיך דאָרטען? די עלטערען זיינען צופרי־דען? — האָט פּלוצלינג געפרעגט האַניאַ.

— דוכט זיך, אז ניין. איבעריגענס, קענסט אליין פארשטעהן: איוואן פיאָדאָראָוויטש איז צופרידען; די מוטער שרעקט זיך. נאָך פריהער האָט זי אויף איהם ווי אלס חתן מיט עקעל געקוקט. ס'איז א באַקאַנטע זאַך.

— איך רעד ניט וועגען דעם; א חתן איז דאָס אן אונמעגליכער, דאָס איז קלאָר. איך פרעג וועגען דער איצטיגער לאַגע, ווי עס האַלט איצט דאָרטען? זי האָט געגעבען א פאָרמעלע צושטימונג.

— זי האָט ביז איצט נאָך ניט געזאָגט: „ניין" — אָט דאָס איז אַלעס; נאָר פון איהר קען מען קיין אנדער זאַך ניט ערוואַרטען. דו ווייסט דאָך ביז וואָס פאַר א משוגעת עס האָט ביז איצט דערגרייכט איהר שעהמעוודיגקייט און צוריקגעצויגענקייט. נאָך אַלס קינד פלעגט זי זיך באַהאַלטען אין שאַפע און פלעגט דאָרטען אפּזיצען צו צוויי־דריי שטונדען, כדי נאָר ניט ווייזען זיך צו די געסט. זי איז אויסגע־וואַקסען א פלאַקען, און זי איז איצט אויך די זעלבע. ווייסט, איך דענק, אז אפילו פון איהר זייט מוז דאָרט אויך זיין עפּעס ערנסטעס. פון פירשט, זאָגט מען, לאַכט זי מיט אַלע כחות, פון דער פריה ביז נאַכט, נאָר דאָס מאַכט זי זיך בלויז. אָבער אין דער שטיל זאָגט זי איהם געוויס יעדען טאָג עפּעס אנגענעהמעס, ווייל ער געהט אום ווי אויפ'ן זיבעטען הימעל און שיינט... מען זאָגט, ער קוקט אויס שרעק־ליך קאָמיש. איך האָב דאָס טאַקע פון זיי געהערט. מיר האָט זיך אויך אויסגעדוכט, אז זיי האָבען פון מיר פאַר מיר אין די אויגען גע־לאַכט, די עלטערע שוועסטער מיינט עס.

האַניאַ האָט זיך ענדליך אָנגעוואָלקענט. מעגליך, אז וואַריאַ האָט זיך אומישנע פאַרטיפט אין דער דאָזיגער טהעמאַ, כדי אריינצודרינ־גען אין זיינע ריכטיגע געדאַנקען. נאָר פון דער הויך האָט זיך ווידער דערהערט א געשריי.

— איך וועל איהם ארויסטרייבען! — האָט ארויסגעפּלאַצט ביי האַניאַ'ן גלייך ווי ער וואָלט זיך דערפרעהט וואָס עס וועט זיין צו וועמען אויסלאָזען דעם כעס.

— און דאַן וועט ער ווידער, ווי נעכטען, אונז אָנמאַכען בזיונות!

— וואָס, ווי נעכטען? וואָס מיינט עס: ווי נעכטען? — האָט ער דען... — האָט זיך האַניאַ פּלוצלינג שרעקליך דערשראָקען.

— אַך, גאָט מיינער, צו דען ווייסטו ניט? — האָט זיך וואַריאַ געכאַפּט.

— וואָס... איז דען טאַקע ריכטיג, אַז ער איז געווען דאָרטען?— האָט אויסגערופען האַניאַ, רויט ווערענדיג פון בושה און רציחה. — גאָט מיינער, אָבער דו קומסט דאָך ערשט פון דאָרטען! האָסטו זיך פון עפּעס דערוואוסט? איז דער אַלטער דאָרטען געווען? געווען אָדער ניט?

און האַניאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טהיר. וואַריאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם און איהם אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

— וואָס איז מיט דיר? וואוהין לויפסטו? — האָט זי געזאָגט— דו וועסט איהם איצט ארויסלאָזען, וועט ער נאָך ערגערעס אָפּטאָן. ער וועט איינגאַנצען ווילד ווערען!

— וואָס האָט ער דאָרטען אָפּגעטאָן? וואָס האָט ער גערעדט?

— זיי האָבען אַליין ניט געקענט דערצעהלען און זיי האָבען טאַקע ניט פאַרשטאַנען אויך. ער האָט זיי בלויז אַלעמען אָנגעשראָקען. ער איז געקומען צו איוואַן פיאָדאָראָוויטש — איז יענער ניט געווען אין דער היים. האָט ער ארויסגעפּאָדערט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. אַפריהער האָט ער ביי איהר געבעטען אַ שטעלע, ער וויל אַנקומען דיענען, דערנאָך האָט ער זיך גענומען באַקלאָגען אויף אונז, אויף מיר, אויף מיין מאַן, דערהויפּט, אויף דיר... ער האָט דאָרט גענוג אָנגעפּלוידערט!

— דו האָסט גאָר ניט געקענט דערגעהן? — האָט געציטערט ווי אין היסטעריקע, האַניאַ.

— ווי אַזוי זאָל איך דערגעהן? ער האָט אַליין קוים פאַרשטאַנען וואָס ער האָט גערעדט, און מעגליך, אַז מען האָט מיר ניט אַלץ איבערגעגעבען.

האַניאַ האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, און איז אוועקגעלאָפען צום פענסטער. וואַריאַ האָט זיך געזעצט ביים צווייטען פענסטער.

— זי איז אַ קאָמישע, די אַגלאַיאַ, — האָט זי פּלוצלינג באַמערקט — זי שטעלט מיך אָפּ און זאָגט: „גיט איבער אין מיין נאָמען אַ באַזונדער פערזענליכען אכטונגפולען גרוס אייערע עלטערען, איך

וועל זיכער, היינטיגע וואָך געפינען צייט צו זעהן זיך מיט אייער פּאפּא"... און זי רעדט אזוי ערנסט. ס'קוקט אוים זעהר מאָדנע...

— האָט זי עס ניט געמיינט אויף א שפּאַס? אויף א שפּאס?

— אָט דאָס איז דאָך וואָס ניט. אָט אין דעריין ליגט דאָך די מאָדנעקייט.

— האָט זי געהערט אָדער ניט געהערט וועגען דעם אַלטען, ווי דענקסטו?

— אז ביי זיי אין הויז וויים מען ניט, אין דעריין איז ניטאָ קיין צווייפעל; נאָר דו האסט מיך אנגעשטויסען אויף א געדאנק: אז אגלאיאַ וויים אפשר יע. זי איינע נאָר וויים, ווייל אויך די שוועסטער האבען זיך פארוואונדערט ווען זי האָט אזוי ערנסט איבערגעגעבען א גרוס צום פאטער. און פאר וואָס גראד איהם? ווען זי וויים, האָט עס איהר דער פירשט איבערגעגעבען.

— מען דארף גאָר ניט לאנג קלעהרען, צו וויסען ווער עס האָט עס איהר איבערגעגעבען? א גנב! נאָך דאָס האָט געפעהלט! אין אונזער פאמיליע א גנב! „דער קאָפּ פון דער פאמיליע!"

— ס'איז א פוסטע זאך! — האָט אויסגעשריען וואריא, אין כעס ווערענדיג, — ס'איז א שיכור'ע געשיכטע, מעהר ניט! און ווער האָט עס אויסגעטראכט? לעבעדעוו, דער פירשט... זיי אליין זיינען דאָס די פיינע לייט. א גוואלד, וויפיעל שכל זיי פארמאָגען עס! איך רעכען זיך מיט דערמיט גאָרנישט.

— דער אַלטער איז א גנב און א שיכור, — האָט גאַליג פארטגעזעצט האניא, — איך בין אן אָרימאן, דער שוועסטערם מאן איז א פּראָצענטניק, — אגלאיא האָט זיך געהאט אויף וואָס צו קוואפּען! מען קען ניט זאָגען, א שעהנע חברה!

— דער דאָזיגער שוועסטערם מאן, דער פּראָצענטניק, טוט דיר...

— וואָס? שפּייזט מיך. צערעמאָניע זיך ניט, ביטע, זאָג!

— וואָס כעס'טו זיך? — האָט זיך געכאפּט וואריא — דו פארשטעהסט גאָר ניט, פונקט ווי א חדר־אינגעל. דו דענקסט, אז דאָס אלעס האָט דיר געקענט שאדען ביי אגלאיא'ן? קענסטו ניט איהר כאראקטער; זי וועט זיך פון בעסטען חתן אָפּקעהרען און צו א וועלכען ס'ניט איז סטודענטעל וועט זי לויפען מיט פארגעניגען צו שטארבען פון הונגער, ערגעץ אויף א בוידים, — אָט דאָס איז א טרוים! דו

האָסט קיינמאָל אפילו פאַרשטעהן ניט געקאָנט, מיט וואָס דו וואָלסט געקאָנט ביי איהר אין די אויגען געווינען, ווען דו וואָלסט מיט פעסטקייט און שטאָלץ געקאָנט איבערטראָגען אונזער לאַגע. דער פירשט האָט איהר טאקע מיט דעם געכאפּט אין נעץ. ערשטענס, ווייל ער איז זי גאָר ניט געגאַנגען כאפּען, און צווייטענס, ווייל אלע רע־כענען איהם פאַר אן אידיאָט. שוין דאָס אליין וואָס זי קען אָנמאַ־כען א טומעל אין איהר פאַמיליע — אָט דאָס אליין איז איהר איצט ליעב. ע־עך! איהר פאַרשטעהט גאָר גאָרנישט!

— נו, מיר וועלען נאָך זעהן, צי מיר פאַרשטעהן אָדער פאַר־שטעהן ניט, — האָט געהיימניספול ארויסגעמורמעלט האַניאַ — פונ־דעסטוועגען וואָלט איך ניט געוואָלט, אז זי זאָל זיך דערוויסען וועגען אלטען. איך האָב געדענקט, אז דער פירשט וועט זיך איינהאַלטען און ניט דערצעהלען. ער האָט דאָך לעבעדעוו'ן אויך איינגעהאַלטען; ער האָט אויך מיר ניט געוואָלט אלץ דערצעהלען, ווען איך בין צוגע־שטאַנען...

— הייסט עס דאָך, אז דו זעהסט אליין, אז אָהן איהם ווייס מען אויך אלץ. און וואָס מאַכט עס דיר איצט אוים? אויף וואָס האָפסטו? ווען עס וואָלט נאָך געבליבען א האָפענונג, וואָלט עס דיך בלויז גע־וויזען אין איהרע אויגען אלס ליידענדען, און ניט מעהר.

— פאַר א סקאַנדאַל וואָלט זי זיך אויך איבערגעשראָקען. ניט קוקענדיג אויף איהר גאַנצער ראָמאַנטישקייט. אלץ איז בלויז ביז א געוויסער ליניע, און אלע געהען בלויז ביז א געוויסער ליניע. אלע זייט איהר אַזוי.

— אגלאַיא, הייסט עס, וואָלט זיך איבערגעשראָקען? — האָט אויסגעשאָכען וואַריאַ, מיט פאַראַכטונג א קוק טוענדיג אויפ'ן ברו־דער — נאָך אלעמען, פאַרמאָגסטו זעהר א קליינינקע נשמה'לע! איהר זייט אלע גאָרניט ווערטה. לאָז זיין, זי איז א קאָמישע און א טוש־דאַטשקע, אבער דערפאַר איז זי טויזענט מאָל ערענטליכער ווי מיר אלע.

— נו, גאָרנישט, גאָרנישט, זיי ניט אין כעס, — האָט מיט זעלבסט צופרידענהייט ווידער ארויסגעמורמעלט האַניאַ.

— מיר טוט וועה דאָס האַרץ בלויז פאַר דער מאַמען, — האָט

פאַרטגעזעצט ווארִיא — איך האָב מורא, אז די דאָזיגע געשיכטע מיט'ן טאַטען, זאָל צו איהר ניט גרייכען, אָך, ווי איך שרעק זיך!

— און זי האָט שוין געווים דערגרייכט, — האָט באַמערקט האַניאַ.

ווארִיא האָט זיך געוועגט אויפגעשטעלט, כדי ארויפצוגעהן אוי־בען צו נינא אַלעקסאנדראווא, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפ־מערקזאַם א קוק געטאָן אויפ'ן ברודער.

— ווער זשע האָט עס איהר געקאָנט דערצעהלען?

— איך גלויב, אז איפּאָליט. גלייך ווי נאָר ער האָט זיך צו אונז אריבערגעקליבען, האָט ער געפונען אלס זיין ערשטען חוב דאָס אי־בערצוגעבען.

— פון וואַנען אבער, זאָג מיר, כ'בעט דיך, ווייס ער דאָס? דער פירשט און לעבעדעוו האָבען באַשלאָסען קיינעם ניט דערצעהלען. קאָ־ליא ווייס אפילו גאָר ניט.

— איפּאָליט? ער האָט זיך אַליין דערוואוסט. דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אויף וויפיעל דאָס איז א כיטרע באַשעפעניש; וואָס פאַר א רכילות'ניק דאָס איז, וואָס פאַר א נאָז ער האָט עס, כדי צו דערשמעקען אַלץ וואָס איז מואס, און סקאַנדאַליעז! דו קענסט זיך גלויבען אָדער ניט, נאָר איך בין איבערצייגט, אז ער האָט שוין אריינ־גענומען אין זיינע הענט אַגלאַיאַ'ן! און אויב ער האָט נאָך ניט אריינ־גענומען, וועט ער אריינגעהמען. ראגאָזשין האָט מיט איהם אויך פאַרבינדונגען. ווי אזוי באַמערקט עס דער פירשט ניט! און ווי ווילט זיך איהם דאָס מיר טאָן אויף צו להכעיס! ער רעכענט מיך פאַר זיין פערזענליכען פיינד, איך האָב דאָס לאַנג פאַרשטאַנען. און צו וואָס פאַרשטעה איך ניט דאַרף ער עס אַלץ, ער וועט דאָך באַלד אַלץ איינס שטאַרבען! נאָר איך וועל איהם אָנפּייפען; דו וועסט זעהן, אז ניט ער מיר נאָר איך איהם.

—טאָ צו וואָס האָסטו איהם אריבערגענומען צו זיך, ווען דו האָסט איהם אזוי פיינט? און לוינט זיך עס דען, מיט איהם פאַר־מעסטען?

— ד ו האָסט עס דאָך גאָר געראַטען, אז מיר זאָלען איהם אַרי־בערנעהמען צו זיך.

— איך האָב געדענקט, אז ער וועט צונויץ קומען, און ווייסטו, אז

ער אַליין האָט זיך איצט פאַרליבט אין אַגלאַיאַ'ן און צו איהר געשרי־בען בריעף? מען האָט מיך וועגען דעם געפרעגט... ער האָט שיעור אויך ניט געשריבען צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ!

— אין דעם זין איז ער ניט געפעהרליך! — האָט האַניאַ גע־זאָגט, צולאַכענדיג זיך. — איבעריגענס, איז זיכער, עפּעס ניט דאָס. דאָס אַז ער איז פאַרליעבט, דאָס קען זעהר געבען, ווייל ער איז נאָך אַ אינגעל! אַבער... אַז ער זאָל אַנהויבען שרייבען אַנאָנימע בריעף צו דער אַלטיטשקער! דאָס איז אַזאַ בעזע, גאַרנישטדיגע, זעלבסט־צו־פרידענע מיטעלמעסיגקייט!... איך בין איבערצייגט, איך ווייס אויף זיכער, אַז ער האָט מיך פאַר איהר אַרויסגעשטעלט אַלס אינטריגאַנט, מיט דעם האָט ער אָנגעהויבען. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אין אָנפאַנג, ווי אַ נאַר זיך פאַר איהם אויסגערעדט; איך האָב געדענקט, אַז ער וועט בלויז אויס ראַכע צום פירשט זיך אָננעהמען פאַר מיינע אינטערעסען; ער איז אַזאַ כיטרע באַשעפעניש! אַ, איך האָב איהם איצט שוין אינגאַנצען צוקיים. און וועגען דער דאָזיגער גנבה האָט ער עס טאַקע פון זיין מוטער דער קאַפּיטאַנשע געהערט. דער אַלטער, ווען ער האָט זיך שוין ענטשלאָסען אויף דעם, איז דאָס נאָר צוליעב דער קאַפּיטאַנשע. פּלוצלינג לאָזט ער מיך, מיר ניט דיר ניט, וויסען, אַז דער גענעראַל האָט צוגעזאָגט זיין מוטער פיער הונדערט רובעל. דאַ איז מיר אַלץ קלאָהר געוואָרען, און ער קוקט מיר אַזוי אין די אויגען, מיט אַ פאַרגעניגען אַזאַ; דער מאַמע האָט ער געוויס אויך געזאָגט, מיט דעם איינציגען צוועק איהר אָנצוטאָן יסורים. און װאָר וואָס, זאָג מיר, כ'בעט דיך, שטאַרבט ער ניט? ער האָט זיך דאָך אונטערגענומען צו שטאַרבען אין דריי וואָכען אַרום און דאַ איז ער גאָר געוואָרען דיקער! ער האָט אויפגעהערט צו הוסטען, נעכטען אָוונט האָט ער אַליין גע־זאָגט, אַז שוין דעם צווייטען טאָג ווי ער הוסט ניט מיט בלוט.

— טרייב איהם אַרויס!

— איך האָב איהם ניט פיינט, נאָר איך פאַראַכטע איהם, — האָט שטאָלץ געזאָגט האַניאַ — נאָר זאָל זיין, אַז איך האָב איהם פיינט, זאָל זיין! — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען מיט אונגע־וועהנליכען צאָרען — און איך וועל איהם דאָס אין די אויגען זאָגען, אפילו דאַן, ווען ער וועט האַלטען ביים שטאַרבען אויף זיין קישען! ווען דו וואָלסט געלייענט זיין ודוי — גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ נאַ־

איווע חוצפה! דאָס איז דער אָפּיצער פּיראגאָוו, דאָס איז אנאָזדרעוו אין דער טראַגעדיע! און די הויפּט־זאך, ס'איז א אינגעל! אָ, מיט וואָס פאר א פאַרגעניגען איך וואָלט עס איהם דאן אָפּגעשמיסען, בלויז מיט דעם צוועק כדי ער זאָל זיך פארוואונדערען, איצטער נעהמט ער גאָר נקמה פאר עס האָט זיך איהם דאן ניט איינגעגעבען... נאָר וואָס איז דאָס? דאָרטען איז ווידער א טומעל! וואָס וועט דאָ ענדליך זיין? איך וועל דאָס מעהר ניט דולדען, פּטיצין! — האָט ער אויסגעשריען צו דעם אריינקומענדען אין צימער. פּטיצין — וואָס איז דאָס? און וואָס וועט דערפון ביי אונז זיין? דאָס איז...

נאָר דער טומעל האָט זיך האַסטיג דערנעהענטערט, און מיט אמאָל האָט זיך די טהיר צועפענט און דער אלטער איוואָלגין, אין כעס, א רויטער, אן אויפגערעגטער, אויסער זיך, האָט זיך אויך אַרויפגעוואָרפען אויף פּטיצינען. נאָכ'ן אלטען זיינען נאָכגעגאנגען נינא אלעקסאנדראָווא, קאליא און הינטער אלעמען איפּאָליט.

צווייטער קאַפּיטעל.

שוין פינף טאָג ווי איפּאָליט האָט זיך באַזעצט ביי פּטיצינען אין הויז. דאָס האָט פּאַסירט אזוי נאַטירליך, אָהן קיינע באַזונדערע רעד און אָהן קיין קריעג צווישען איהם און דעם פירשט; ניט נור האָבען זיי זיך ניט צוקריגט, נור אויבען אויף, האָבען זיי זיך אויך צושיידט ווי פריינד.

גאַווריליא ארדאליאָנאָוויטש וועלכער איז אין יענעם אָוועגט געווען אזוי פריינדליך צו איפּאָליטען, איז אליין געקומען איהם געוואָרע ווערען, איבעריגענס, שוין אופ'ן דריטען טאָג, נאָך דער פּאַסירונג, געפיהרט צו דעם, פון א נייעם פלוצליכען איינפאַל. צוליעב עפּעס וואָס, האָט אויך ראָגאָזשין אָנגעהויבען קומען צום קראַנקען. די ערשטע צייט, האָט דעם פירשט זיך אויסגעוויזען, אז דעם אָרימען

אינגעל וועט אפילו זיין בעסער ווען ער וועט זיך ארויסקלייבען פון זיין הויז. נור אפילו אין דער צייט פון איבערקלייבען זיך, האָט איפּאָליט זיך אויסגעדריקט, אז ער קלייבט זיך אריבער צו פּטיצינען. „וועלכער איז אזוי גוט, אז ער גיט איהם א ווינקעל.‟ און ער האָט קיין איינמאָל, פּונקט ווי אומישנע, זיך ניט אויסגעדריקט, אז ער קלייבט זיך אריבער צו האַניען, כאָטש האַניא האָט עס באַשטאַנען, אז מען זאָל איהם צונעהמען צו זיי אין הויז. אויך האַניא האָט עס באַמערקט און האָט עס מיט באַלעדיגונג פאַרשלאָסען ביי זיך אין האַר־צען.

ער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט דער שוועסטער, אז דער קראַנקער האָט זיך געבעסערט. אין אמת'ן, איפּאָליט'ן איז געווען אביסעל בעסער ווי פריהער, א זאַך, וואָס מען האָט געקאָנט דערקאָנען פונ'ם ערשטען בליק אויף איהם. ער איז אריין אין צימער אהן איילעניש, הינטער אַלעמען, מיט א שפּאָטישען און ניט גוטען שמייכעל. נינא אַלעקסאַנדראָוונא איז אריינגעקומען זעהר אָן איבער־געשראָקענע. (זי האָט זיך שטאַרק געענדערט אין דעם האַזיגען האַלבען יאָהר, מאָגערער געוואָרען. חתונה מאַכענדיג דער טאָכטער, און ארי־בערקלייבענדיג זיך צו איהם וואוינען, האָט זי אויסערליך כמעט אויפ־געהערט זיך מישען אין די קינדער'ס אינטערעסען). קאָליא האָט אויסגעקוקט פאַרזאָרגט און אביסעלע צוטומעלט; ער האָט פיעלעס אין דעם „גענעראַל'ס משוגעת‟ ניט געקאָנט פאַרשטעהן, לויט ווי ער האָט זיך אליין אויסגעדריקט, ניט וויסענדיג די אורזאַכע פון דעם נייעם טומעל אין הויז. איין זאַך איז איהם געווען קלאָהר, אז דער פאָטער באַגעהט אלע ווייל שוין אזוי פיעל נאַרישקייטען, און ער האָט זיך אויף אזוי פיעל געענדערט, אז ער איז כמעט גאָר אין גאַנ־צען געוואָרען אַן אנדער מענש. באַאומרוהיגט האָט איהם אויך דער פאַל, וואָס דער אַלטער האָט פאַר די לעצטע דריי טאָג אין גאַנצען אויפגעהערט שיכור'ן. ער האָט געוואוסט, אז ער איז זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען און אפילו זיך צוקריגט מיט לעבעדעוו'ן און מיט'ן פּירשט. קאָליא איז נור וואָס געקומען אהיים, מיט א פלאַש בראַנפען וועל־כע ער האָט געקויפט אויף זיינע אייגענע געלט.

—איך זאָג דיר מאַמע, האָט ער איינגעשמועסט דער מאַמען נאָך אין דער הויך, — אז כ'לעבען ס'איז בעסער ער זאָל אויסטרינקען.

אַט איז שוין דריי טאָג ווי ער האָט זיך ניט צוגעריהרט; בענקט ער אודאי. אויף מיין ווארט, ס'איז בעסער. איך פלעג איהם טראָגען אויך איין דער „חובות־אפּטהיילונג...“

דער גענעראַל האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט די טהיר און איז געבליבען שטעהן אויף'ן שוועל ווי ציטערענדיג פון כעס.

— גנעדיגער העדר! האָט ער א געשריי געטאָן מיט דונער־שטימע צו פּטיצינען, — אויב איהר האָט איין אמת'ן באשלאָסען צו אָפּפערן מיט אַן עהרוויררדיגען אַלטען מאַן און אייער פּאָטער פאַר דעם אינגעל, און אַטעאיסט, דאָס הייסט אמווינציגסטענס, מיט דעם פּאָטער פון אייער פרוי, מיט א מאַן וואָס האָט זיך פּאַרדינט געמאַכט ביי זיין קייסער, דאַן וועט מיין פוס, טאָקע אַט שוין מעהר ניט באַ־טרעטען אייער הויז! קלייבט אוים מיין הארר, קלייבט אוים גלייך: אָדער איך אָדער אַט דער... עגבער! יע עגבער! ביי מיר האָט זיך עס ארויסגעכאַפּט, נור דאָס איז אַן עגבער! ווייל ער לעבערט מיט אַן עגבער מיין נשמה און אָהן קיין שום אכטונג!...

— אפשר א קאַרקען־ציהער? האָט באַמערקט איפּאָליט.

— ניין, ניט קיין קאַרקען־ציהער, ווייל איך בין א גענעראַל און ניט קיין פלאַש. איך האָב צייכענס, צייכענס פיר אויסצייכענגען זיך... און דו האָסט א פייג... אָדער ער אָדער איך! באשליסט מיין הערר שוין, גלייך, איצט! האָט ער ווידער מיט כעס א געשריי גע־טאָן צו פּטיצינען. דאָ האָט איהם קאָליא אונטערגעטראָגען א שטוהל און ער האָט זיך אויף איהם אראָפּגעלאָזט כמעט אָהן כחות.

— אויף מיין ווארט, פאַר אייך וואָלט פיעל געזינטער געווען ווען איהר לעגט זיך צו אביסעל... האָט א מורמעל געטאָן דער צוטור־מעלט געוואָרענער פּטיציו.

— און ער סטראַשעט נאָך! האָט האָניא שטיל געזאָגט צו דער שוועסטער.

— זיך צו לעגען שלאָפען! האָט אויסגעשריען דער גענעראַל — איך בין מיין גנעדיגער הערר ניט שיכור, און איהר באַלעדיגט מיך. איך זעה — האָט ער פאַרטגעזעצט זיך ווידער אויפהויבענדיג — אַז דאָ איז אַלץ געגען מיר, אַלץ און אַלע! איך געה אוועק... נור ווייסט גנעדיגער הערר, ווייסט...

מען האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען און ווידער אוועקגעזעצט;

מען האָט איהם אָנגעהויבען איינבעטען, אַז ער זאָל זיך באַרוהיגען. האַניאַ איז דערצאָרענטער אַפּגעטראָטען אין אַ ווינקעל. נינאַ אַלעקסאַנדראָוואַ האָט געציטערט און געוויינט.

— אָבער וואָס האָב איך איהם געטאָן? אויף וואָס באַקלאָגט ער זיך? האָט אויסגעשריען איפּאָליט, שטשורענדיג די ציין.

— איהר ווילט זאָגען, אַז איהר האָט איהם גאָר ניט געטאָן? האָט פּלוצלינג באַמערקט נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ — כ'לעבען, איהר דאַרפט זיך שעהמען... און ס'איז אונמענשליך פון אייער זייט צו פּייניגען אַן עלטערען מענשען... און נאָך אין אייער לאַגע...

— ערשטענס, מיין האַררינטע, איז וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ לאַגע! איך שעץ אייך זעהר, אייך טאַקע, פּערזענליך, אָבער...

— דאָס איז אַן עגבער! האָט געשריען דער גענעראַל — ער עגבערט מיין נשמה און האַרץ! איהר ווילט איך זאָל אָנהויבען גלויבען אין אַטעאיזם! ווייס, דו אינגעל, אַז ווען דו ביזט נאָך ניט געבוירען געוואָרען, בין איך שוין געוועזען באַשאָטען מיט עהרע; און דו ביזט נור אַן אייפערזיכטיגער וואָרים, וועלכער איז צושניטען אויף צווייען, מיט אַ הוסט... און וועלכער שטאַרבט פון כעס און אומגלויבען... און צו וואָס האָט דיך גאַווריליאַ אהער אריבערגעבראַכט? אַלע אויף מיר, פון אַ פרעמדען ביז אַן אייגענעם זון!

— אָבער גענוג שוין מיט אייער טראַגעדיע! האָט אויסגעשריען האַניאַ — כאָלט איהר בעסער אונז ניט מאַכען צו שאַנדע איבער'ן גאַנצען שטאָדט!

— ווי? איך מאַך דיך צו שאַנדע! אינגעל וואָס דו ביזט! איך? איך קען דיר בלויז אָנטאָן כבוד און ניט מאַכען דיך צו שאַנדע!

ער איז אויפגעשפּרונגען און מען האָט איהם שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען; אָבער גאַווריליאַ אַרדאַליאָנאָוויטש איז אויך קענטיג אַרויס פון די כלים.

— ער רעדט נאָך אויך פון כבוד! האָט ער בעז אויסגעשריען.

— וואָס האָסטו געזאָגט? האָט זיך צודונערט דער גענעראַל, ווערענדיג בלייך און צוקומענדיג צו איהם.

—איך האָב געזאָגט דאָס... אַז איך דאַרף מעהר ניט ווי אַ פּיפּס טאָן כדי, האָט ער זיך פּלוצלינג צוגוואַלדעוועט און ער האָט ניט

דערעדט.ביידע זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגען דעם צווייטען, זעהר און זעהר אויפגערעגטע, דערהויפּט האַניא.

— האַניא, וואָס איז מיט דיר? האָט אויסגעשריען נינא אַלעק־סאַנדראָווא, זיך וואַרפענדיג אַפּצושטעלען דעם זון.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דומהייט פון אַלע זייטען! האָט מיט כעס אָפּגעשניטען וואַריאַ — הערט אויף מאַמע! האָט זי איהר אָנ־געכאַפּט בים האַנט.

— בלויז צוליעב דער מאַמע וויל איך ניט רעדען, האָט טראַגיש אַרויסגעזאָגט האַניא.

— רעד! האָט אַרויסגערעוועט דער גענעראַל אין גוואַלדיגען צאָרען. — רעד, ווען ניט וועל איך דיך פאַרשעלטען... רעד!

— אַ גוואַלד ווי איך האָב זיך דערשראָקען פאַר אייער פאַר־שילטען! און ווער איז שולדיג וואָס איהר געהט שוין דעם אַכטען טאָג אַרום ווי משוגע? דעם אַכטען טאָג! ווי איהר זעהט ווייס איך אפילו פון דאַטום׳ס... גיט אַכטונג אַז איהר זאָלט מיך ניט מאַכען אַריבער געהן דעם גרעניץ; איך וועל אַלץ אויסזאָגען... צו וואָס האָט איהר זיך נעכטען צו די עפּאַנטשין׳ס געשלעפּט? איהר רופט זיך נאָך עלטערער מענש, מיט גרויע האָר, און אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע! אַ פיינער פאָטער איז דאָס!

— שווייג האַנקאַ! האָט אויסגעשריען קאָליאַ — שווייג דו נאַר!

— אָבער מיט וואָס, מיט וואָס האָב איך איהם באַלעדיגט? האָט אַלץ גע׳טענה׳ט איפּאָליט, נור אַלץ מיט יענעם שפּאָטישען טאָן — פאַר וואָס רופט ער מיך עגבער, איהר האָט געהערט? אַליין איז ער צו מיר צוגעשטאַנען, געקומען און גלייך פאַרפיהרט אַ געשפּרעך וועגען עפּעס אַ קאַפּיטאַן עראָפּעגאָוו. איך וויל גאָר ניט אייער קאָמ־פּאַניע, גענעראַל! איך האָב זי אויך פריהער אויסגעמידען, איהר ווייסט דאָך דאָס אַליין. וואָס געהט מיך אָן דער קאַפּיטאַן עראָפּע־גאָוו. זאָגט אַליין? איך האָב ניט צוליעב דעם קאַפּיטאַן עראָפּאַגאָוו אַהער זיך אַריבערגעקליבען. איך האָב בלויז איהם אין דער הויך, אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז מעגליך, אַז דער דאָזיגער קאַפּיטאַן עראָפּעגאָוו איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. איז ער דערפאַר געוואָרען אָנגעצונדען.

— אַהן קיין שום צווייפעל, אז ער איז אויף דער וועלט ניט געוועזן! האָט אָפּגעשניטען האַניא.

נור דער גענעראַל איז געשטאַנען ווי א צודולטער און ער האָט אונזיניג געקוקט אין אַלע זייטען. די ווערטער פון זיין זון האָבען איהם ערשטוינט מיט זייער אָפענקייט. אין דעם ערשטען אויגענבליק האָט ער אפילו ניט געקענט עפענען דעם מויל. נור, ענדליך, ווען איפּאָליט האָט זיך צעלאַכט אלס ענטפער צו האַניא'ן און האָט אויסגערופען: „נו, אָט האָט איהר דאָך געהערט, אז קיין קאַפּיטאַן עראָפּעגאָוו איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געוועזן." — דאַן האָט דער אַלטער ארויסגעמורמעלט אין גאַנצען צוטומעלט:

— קאַפּיטאַן עראָפּאָגאָוו און ניט קאַפּיטאַן... קאַפּיטאַן... אַן אויסגעדינטער פּאָדפּאָלקאָווניק עראָפּעגאָוו... קאַפּיטאַן.

— אויך קיין קאַפּיטאַן איז ניט געוועזן! איז שוין אין גאַנצען בעז געוואָרען האַניא.

— פאר... וואָס איז ניט געוועזן? האָט ארויסגעמורמעלט דער גענעראַל און די פאַרב איז איהם אין פּנים אריין.

— אָבער גענוג שוין! האָבען זיי איינגעשטילט פּטיצין און וואַריא.

— האַנקא, שווייג! האָט ווידער אויסגעשריען קאָליא.

גור דאָס וואָס מען האָט זיך פאר איהם אָנגענומען האָט געבראַכט צום זינען דעם גענעראַל.

— וואָס הייסט ניט געוועזן? פאר וואָס האָט ער ניט עקזיסטירט? האָט ער זיך שטרענג אָנגעפאַלען אויפ'ן זון.

— אזוי, ווייל עס איז ניט געוועזן. ס'איז ניט געוועזן און גאָר! און עס איז גאָר ניט מעגליך אויך! אָט האָט איהר אייך. טשעפּעט זיך אָפּ זאָג איך אייך!

—און דאָס איז א זון... דאָס איז מיין אייגענער זון וועלכען איך... אָ גאָט מיינער! עראָפּעגאָוו, עראָשקא עראָפּעגאָוו איז ניט געוועזן!

— אָט איז עראָשקא, און אָט קאַפּיטאַשקא! האָט ארייגעזאָגט איפּאָליט.

— קאַפּיטאַשקא, מיין הערר, קאַפּיטאַשקא און ניט עראָשקא! קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן אַלעקסעיעוויטש, דאָס הייסט קאַפּיטאַן... א פּאָד-

פּאָלקאָווניק... אָן אויסגעדינטער... האָט חתונה געהאַט מיט מאַריאַ... מיט מאַריאַ פּעטראָוונאַ סו... סו... אַ פריינד און אַ חבר... סוטוגאָוואַ... אפילו פון סאַמע יונקער שוהל. איך האָב פאַר איהם פאַרגעסען... איך האָב זיך פאַר איהם אָנגענומען... ער איז דער'הרג'עט געוואָרען... קאַפּיטאַשקאַ עראַפּעגאָוו איז ניט געווען! ניט עקזיסטירט!

דער גענעראַל האָט אין גרויס צאָרען געשריען, נור אַזוי דאָס מען האָט געקענט דענקען, אַז געשמועסט האָט זיך דאָ וועגען איין זאַך און דער געשריי איז וועגען אַ צווייטער זאַך. אמת, אין אַנדער צייט וואָלט ער געוויס איבערגעטראָגען אפילו גרעסערע באַליידיגונג ווי די נאַכריכט וועגען דער גענצליכער ניט עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַן עראַפּעגאָוו. ער וואָלט זיך אָנגעשריען, וואָלט אַרויס פון די כלים, און וואָלט פונדעסטוועגען ענדליך אוועק צו זיך אין דער הויך, שלאָ־פען. נור איצט צוליעב דער גוואַלדיגער וואונדערליכקייט פון דער מענשליכער נשמה, האָט אַזוי פּאַסירט, אַז טאַקע נור אַזאַ באַלעדיגונג ווי דער צווייפעל אין עראַפּעגאָוו'ן האָט איבערפיהלט די מאָס. דער אַלטער איז רויט געוואָרען, אויפגעהויבען די הענט און אויסגעשריען:

— גענוג! מיין פלוך! מיין פוס זאָל מעהר ניט זיין אין דעם דאָ־זיגען הויז! ניקאָלאַי, נעהם מיין טשעמאָדאַן, איך געה...

ער איז אַרויס, איילענדיג און אין גרויס צאָרען. נאָך איהם האָ־בען זיך געלאָזען נינאַ אַלעקסאַנדראָוואַ, קאָליאַ און פּטיצין.

— נו, זעה וואָס דו האָסט איצט אָנגעאַרבייט! האָט וואַריאַ געזאָגט צום ברודער — ער וועט אודאי ווידער זיך אוועקשלעפּען אַהין. וואָס פאַר אַ שאַנדע! אַ שאַנדע!

— נו, טאָ זאָל ער ניט גנב'ענען! האָט אויסגעשריען גאַניאַ. שיעור ניט דערשטיקט ווערענדיג פון בעזקייט; פּלוצלינג האָט זיך זיין בליק באַגעגענט מיט איפּאָליט'ן. גאַניאַ האָט זיך שיעור ניט אָנגעהויבען טרייסלען. — און איהר גנעדיגער הערר, האָט ער אויס־געשריען — האָט געדאַרפט געדענקען, אַז איהר זייט פונדעסטוועגען אין אַ פרעמדער הויז און... איהר באַנוצט זיך מיט גאַסטפריינד־ליכקייט און ניט אויפצורעגען דעם אַלטען, וועלכער איז ווי עס ווייזט אויס פון זינען אַרונטער...

אויך איפּאָליטען האָט ווי דורכגענומען, נור ער האָט זיך שנעל קאָנטראָלירט.

— איך בין מיט אייך ניט אין גאַנצען איינפערשטאַנען, אז אייער פאַטער איז פון זינען ארונטער, האָט ער רוהיג געענטפערט — מיר דוכט זיך, פאַרקעהרט, אז ער האָט אין דער לעצטער צייט גאַר צוגעקראָגען מעהר שכל, אויף מיין וואָרט. איהר גלויבט ניט? ער איז געוואָרען אזא פאַרזיכטיגער, אָנגעשראָקענער, האַלט אַלץ אין איין אויספרעגען, וועגט יעדען וואָרט... וועגען דעם דאָזיגען קאַפּי־טאַשקא האָט ער זיך מיט מיר צושמועסט מיט א געוויסען צוועק. שטעלט זיך פאַר ער האָט געוואָלט מיך ארויספיהרען אויף...

— צום טייוועל! וועמען אַרט עס אויף וואָס ער האָט אייך געוואָלט ארויספיהרען! איך בעט אייך ניט צו כיטרעווען, און ניט פּראָווען מיט מיר קיין שטיק, מיין הערר! האָט אויסגעקוויטשעט האַניא — אויב איהר ווייסט אויך די אמת'ע אורזאַכע, פאַר וואָס דער אַלטער איז אין אזא צושטאַנד (און איהר האָט מיך אזוי געשפּיאָנירט די פינף טעג איז זיכער ווייסט איהר), האָט איהר גאָרניט געדאַרפט אויפרייצען... דעם אומגליקליכען און פּייניגען מיין מוטער מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער זאַך, ווייל די גאַנצע זאַך איז א נאַרישקייט. בלויז נור א שיכור'ע געשיכטע, מעהר גאָר ניט. עס איז אפילו מיט גאָרנישט ניט באַוויזען געוואָרען... איך האַלט דערפון אויף אַט אזוי פיעל!... אבער איהר דאַרפט גיפטען און שפּיאָנירען... ווייל איהר זייט... איהר...

— אַן ענבער, האָט א שמייכעל געטאָן איפּאָליט.

— ווייל איהר זייט א גאָרנישט. א האַלבע שטונדע האָט איהר געפּייניגט מענשען, דענקענדיג זיי איבערצושרעקען אז איהר וועט זיך דערשיסען מיט אייער אָנגעלאַדענעם פּיסטאַלעט, מיט וועלכען איהר האָט אזוי שטאַלצירט. איהר פאַלשער זעלבסטמערדער, צוגאַ־סענע גאַל... אויף צוויי פיס! איך האָב אייך געשענקט גאַסטפריינד־ליכקייט, איהר זייט פולער געוואָרען, הוסטען אויפגעהערט און איהר באַצאָהלט דערפאַר...

— ערלויבט מיר בלויז א פּאָר ווערטער; איך בין ביי וואַר־וואַראַ ארדאַליאָנאָוונא און ניט ביי אייך; איהר האָט מיר קיין גאַסט־פריינדליכקייט ניט געשענקט, און איך דענק אפילו, אז איהר אַליין באַנוצט זיך אויך מיט דער גאַסטפריינדליכקייט פון הערר פּטיצין. מיט פיער טאָג צוריק האָב איך געבעטען מיין מוטער אָפּצוזוכען פאַר

מיר אין פּאַוולאָווסק אַ קוואַרטיר און זי זאָל זיך אויך איבערקלײַבען, ווײַל איך פיהל זיך אין דער אמת'ן דאַ אסך לייכטער כאָטש איך בין גאָר ניט דיקער געוואָרען און איך הוסט נאָך אַלץ. מיין מוטער האָט מיר נעכטען אָוועגט געלאָזט וויסען, אַז זי האָט שוין אַ קוואַרטיר, און איך אייל זיך אייך צו לאָזען וויסען, פון מיין זייט, אַז אָפּהאָנגענדיג אייער מוטער און שוועסטער, וועל איך היינט טאַקע זיך אריבערקלייבען צו זיך, אַ זאַך וואָס איך האָב שוין באַשלאָסען נאָך נעכטען אָוועגט. ענטשולדיגט, איך האָב אייך איבערגעריסען. איהר האָט דוכט זיך געוואָלט זאָגען נאָך אסך זאַכען.

— אַ, אויב אַזוי... האָט זיך געטרייסעלט האַניא.

— און אויב אַזוי, טאָ ערלויבט מיר זיך צו זעצען, האָט צוגעגעבען איפּאָליט גאַנץ רוהיג אָוועקזעצענדיג זיך אויפ'ן שטוהל, אויף וועלכען ס'איז פריהער געזעסען דער גענעראַל — נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַלץ אַ קראַנקער; נו איצט בין איך גרייט אייך אויסצוהערען. און נאָך מעהר, ווען דאָס איז אונזער לעצטער געשפּרעך און מעגליך אַפּילו, אונזער לעצטע באַגעגעניש.

האַניא האָט זיך פּלוצלינג פאַרשעהמט.

— גלויבט מיר, אַז איך וועל זיך ניט ערנידעריגען ביז צו מאַכען חשבונות מיט אייך — האָט ער געזאָגט — און אויב איהר...

— אומזיסט רעדט איהר אַזוי פון דער הויך, האָט איהם איבערגעשלאָגען איפּאָליט — איך פון מיין זייט, האָב נאָך אין דעם ערשטען טאָג פון מיין אריבערקלייבען זיך אהער, זיך געגעבען דאָס וואָרט, ניט אָפּזאָגען זיך פון דעם פאַרגעניגען צו אריינזאָגען אייך אויף דעם אָפענסטען אופן, ווען מיר וועלען זיך געזעגענען. און איך בין גרייט דאָס צו ערפילען טאַקע אונבאַדינגט היינט, פאַרשטעהט זיך, נאָכדעם ווי איהר וועט אָפּרעדען.

— איך בעט אייך צו פאַרלאָזען דעם צימער.

— בעסער רעדט, ווייל איהר וועט באַנג טאָן וואָס איהר האָט זיך ניט ארויסגעזאָגט.

— הערט אויף, איפּאָליט, דאָס אַלץ איז דאָך שרעקליך מיאוס. טוט אַ טובה, הערט אויף! האָט געזאָגט וואַריאַ.

—איך טוה דאָס בלויז נור צוליעב אַ דאַמע האָט זיך צעלאַכט איפּאָליט און האָט זיך אויפגעהויבען. — וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ,

צוליעב אייך בין איך גרייט מאַכען קירצער. אָבער נור קירצער, ווייל א געוויסע ערקלעהרונג איז צווישען מיר און אייער ברודער געוואָרען זעהר נויטיג. איך וועל פאַר קיין זאך אין דער וועלט, ניט באַשליסען אוועקצוגעהן, לאַזענדיג ניט ערקלעהרט.

— ס'איז גאַנץ איינפאַך, איהר זייט א רכילות'ניק — האָט אויסגעשריען האַניא — דערפאַר קענט איהר זיך ניט באַשליסען אוועק צו געהן אָהן רכילות.

— אָט זעהר איהר, — האָט קאַלטבלוטיג באַמערקט איפּאָליט — איהר האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען, אויף מיין וואָרט, איהר וועט נאָכדעם חרטה האָבען, וואָס איהר האָט זיך ניט אַרויסגעזאָגט. נאָך אַמאָל לאָז איך אייך פריהער רעדען, איך וועל וואַרטען.

גאַווריל אַרדאַליאָנאָוויטש האָט געשוויגען און געקוקט מיט פאַראַכטונג.

— איהר ווילט ניט, איהר ווילט צייגען, אַז איהר האָט כאַראַקטער — ס'איז אייער זאַך. איך פון מיין זייט וועל זיין קורץ ווי מעגליך. צוויי אָדער דריי מאָל האָב איך היינט געהערט אַן אויסרייד אין גאַסטפריינדליכקייט, דאָס איז אומגערעכט. איינלאַדענדיג מיך צו אייך, האָט איהר מיך אַליין געוואָלט כאַפּען אין נעץ; איהר האָט גערעכענט, אַז איך וויל זיך נוקם זיין אַן דעם פירשט. דערצו האָט איהר דערהערט, אַז אַגלאַיא איוואַנאָווגא האָט גענומען אַן אנטהייל אין מיר און זי האָט איבערגעלייענט מיין וידוי. רעכענדיג אַז איך וועל זיך אין גאַנצען איבערגעבען פאַר אייערע אינטערעסען. האָט איהר געהאָפּט צו געפינען אין מיר א הילף. איך וועל מעהר ניט מאַכען קיינע ערקלעהרונגען! און איך פאָדער אויך ניט קיינע ערקלעהרונגען און באַשטעטיגונגען פון אייער זייט; ס'איז גענוג דאָס, אַז איך לאָז אייך איבער מיט אייער געוויסען, און אַז מיר פאַרשטעהן איצט אויסגעצייכענט איינער דעם צווייטען.

— נאָר איהר מאַכט פון א געוועהנליכער זאַך גאָט ווייסט וואָס!

— האָט אויסגעשריען וואַריאַ.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דאָס איז א רכילות'ניק און א אינגעל, — האָט אַרויסגעזאָגט האַניא.

— ערלויבט מיר, וואַרוואַרא אַרדאַליאָנאָווגא, איך זעץ פאָר. דעם פירשט געוועהנליך, קען איך ניט ליבען און ניט אַכטען, אָבער ער

איז זעהר א גוטער מענש, כאָטש א היבשלאך קאָמישער... אבער פיינט האָבען איהם האָב איך ניט פאר וואס; איך האָב זיך געמאכט ניט וויסענדיג, ווען אייער ברודער האָט מיר אליין אָנגערייצט אויפ'ן פירשט. איך האָב באשטימט גערעכענט צום סוף פון איהם מאכען חוזק. איך האָב געוואוסט אז אייער ברודער וועט זיך פאר מיר אויס־ריידען און וועט דורכפאלען. און אזוי האָט פּאסירט... איך בין איצט גרייט איהם שוינען נאָר בלויז צוליב אייער כבוד וועגען, וואַרוואַרא ארדאליאָנאָוונא. נאָר מאכענדיג אייך קלאָהר, אז מיך קען מען ניט אזוי לייכט כאפּען אין נעץ, וועל איך אייך אויך ערקלעהרען דאָס, פארוואָס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט צו מאכען אייער ברודער צום נאר. ווייסט, אז איך האָב דאָס דורכגעפיהרט אויס האָס. איך בין זיך אין דעם מודה. שטאַרבענדיג (ווייל איך וועל דאך פונדעסטוועגען שטאַרבען, כאָטש איהר ווילט האָבען, אז איך האָב זיך פאַרבעסערט) שטאַרבענדיג, האָב איך דערפיהלט, אז איך וועל אריין אין גן־עדן אסך רוהיגער, ווען מיר וועט געלינגען צו מאכען צום נאר כאָטש איין פאָרשטעהער פון דעם אונצאהליגען מין מענשען, וועלכער האָט מיך פאַרפאָלגט מיין גאנץ לעבען, וועלכען איך האָב פיינט געהאט מיין גאנץ לעבען, און פון וועלכען אייער פיעל געאַכטעטער ברודער דיענט אלס כאַראַקטעריסטישע בילד. איך האָב אייך פיינט, גאַווריל אר־דאליאָנאָוויטש, איינציג בלויז דערפאר — אייך וועט זיך עס אויס־וויזען מאָדנע) א י י נ צ י ג ב ל ו י ז ד ע ר פ א ר, ווייל איהר זייט דער טיפּ און פארקערפּערונג, פאַרקערפּערונג און באשטעטי־גונג פון דער העכסטער, פון דער סאַמע פרעכער, סאַמע זעלבסט־צופרי־דענער, סאַמע נידעריגער און מואס'ער אלטעגליכקייט. איהר זייט אן אלטעגליכקייט אן אָנגעבלאָזענע, אן אלטעגליכקייט, וואָס צווייפעלט ניט, און אן אָלימפּיש בארוהיגטע. איהר זייט די גרעסטע רוטינע פון רוטינעס! קיין צייכען פון אן אייגענעם געדאַנק איז ניט באשערט קיינמאָל צו באזעצען זיך אין אייער מוח און ניט אין אייער הארצען. נאָר איהר זייט א גרויסער ניט פארגינער. איהר זייט פעסט איבערצייגט, אז איהר זייט דער גרעסטער געניע, נאָר א צווייפעל באזוכט אייך דאָך פון צייט צו צייט, אין די שווארצע מינוטען, און איהר זייט בעז און פארגינט ניט. אָ, איהר האָט נאָך אסך שווארצע פּינטלאך אויפ'ן האָריזאָנט; נאָר זיי וועלען פאַראיבער, ווען איהר

ווערט אין גאַנצען פאַרטעמפּט ווערען. א זאַך, וואָס איז ניט ווייט צו וואַרטען. נאָר פונדעסטוועגען שטעהט פאַר אייך פאַר א פאַרשידענ־אַרטיגער וועג, ניט קיין פרעהליכער, און דאָס פרעהט מיך. ערשטענס, זאָג איך אייך פאַראויס, אז איהר וועט די באַוואוסטע פּערזאָן ניט גרייכען...

— נו, דאָס איז אונערטרעגליך! — האָט אויסגעשריען וואַריאַ — וועט איהר שוין אַמאָל ענדיגען סמ'עלע וואָס איהר זייט!

האַניאַ איז בלאָס געוואָרען, געציטערט און געשוויגען. איפּאָליט האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דורכדרינגליך און מיט פאַרגעניגען אויף איהם א קוק געטאָן, איבערגעטראַגען זיינע אויגען אויף וואַריאַ'ן, א שמייכעל געטאָן, זיך פאַרנויגט און איז אַרויס מעהר ניט צוגעבענדיג קיין וואָרט.

גאַווריל אַרדאַליאָנאָוויטש האָט זיך מיט רעכט געקאָנט באַקלאַ־גען אויף'ן שיקזאַל און אויף זיין מיסערפאָלג. א היבש ביסעל צייט האָט וואַריאַ ניט געוואַגט אָנהויבען מיט איהם צו רעדען. זי האָט אפילו אויף איהם ניט געקוקט, ווען ער האָט דורכגעשפּרייזט פאַר איהר מיט גרויסע טריט; ענדליך, איז ער אָפּגעטראָטען צום פענסטער און זיך געשטעלט צו איהר מיט'ן פּלייצע. וואַריאַ האָט געטראַכט וועגען דעם רוסישען ווערטעל: „יעדער שטעקען האָט צוויי עקען". פון אויבען האָט זיך ווידער דערהערט א טומעל:

— דו געהסט? — האָב זיך פּלוצלינג צו איהר אומגעדרעהט האַ־ניאַ. דערהערענדיג אז זי הויבט זיך אויף פון פּלאַץ, — וואַרט אויף. גיב נאָר א קוק אויף דעם.

ער איז צוגעקומען און א וואָרף געטאָן פאַר איהר אויפ'ן שטוהל א קליין פּאַפּירעל, אויפגעלעגט ווי א קליין צעטעלע.

— גאָט מיינער! — האָט אויסגעשריען וואַריאַ און א פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט.

דאָס צעטעלע האָט געהאַלטען פּונקט זיבען שורות:

„גאַווריל אַרדאַליאָנאָוויטש! איבערצייגענדיג זיך אין אייער גוטער פריינדשאַפט צו מיר, באַשליס איך זיך, צו פרעגען אייך א ראַטה אין א זעהר פאַר מיר וויכטיגער זאַך. איך וואָלט געוואָלט אייך באַגעגענען מאָרגען, פּונקט זיבען א זייגער אין דער פריה, אויף דער

גרינער באנק. דאָס איז ניט ווייט פון אונזער דאטשע. וואַרוואַרא אַר־דאַליאָנאָוונאַ, וועלכע מוז אומבאַדינגט אייך באַגלייטען, ווייס גוט דעם דאָזיגען פּלאַץ. א. ע.״

— היינט געה נאָך דעם אַלעמען און רעכען זיך מיט איהר! — האָט צעפּיהרט מיט די הענט וואַרוואַרא אַרדאַליאָנאָוונא.

אויף וויפיעל האַניאַ'ן האָט זיך אין דער מינוט ניט געוואָלט זיך גרויס האַלטען, נאָר ער האָט דאָך ניט געקאָנט באַהאַלטען דיין זיעג, און דערצו נאָך די ערנידעריגענדע פאַראויסזאָגונגען פון איפּאָליט'ן. אַ זעלבסט צופרידענער שמייכעל האָט אָפען זיך צושפּיעלט אויף זיין פּנים און אויך וואַריא האָט ווי אויפגעשיינט פון פרייד.

— און דאָס איז אין דעם זעלבען טאָג, ווען מען ערקלעהרט ביי זיי די פאַרלאָבונג! היינט געה נאָך דעם אַלעמען, און רעכען זיך מיט איהר!

— וועגען וואָס דענקסטו, קלייבט זי זיך מאָרגען רעדען? — האָט געפרעגט האַניאַ.

— דאָס איז אַלץ איינס, די הויפּט זאַך, איז וואָס זי האָט פאַר־לאַנגט זיך זעהן צום ערשטען מאָל נאָך זעקס מאָנאַטען. הער זשע מיך אויס, האַניא: וואָס דאַרטען זאָל ניט געשעהן, ווי אַזוי עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען, ווייס, אַז דאָס איז וויכטיג! זעהר וויכ־טיג! בלאָז זיך ווידער ניט אָן, און מאַך ניט קיין טעות, און זעה, שרעק זיך ניט אָפּ! האָט זי דען ניט געקענט פאַרשטעהן צוליב וואָס איך האָב זיך אַ האַלבען יאָהר אהין געשלעפּט? און שטעל זיך פאָר: אַז זי האָט מיר היינט קיין וואָרט ניט געזאָגט, און זיך גאָר ניט ווי־סענדיג געמאַכט. איך בין דאָך צו זיי אויך פאַרגאַנגען באַהאַלטע־נערהייט, די אַלטע האָט ניט געוואוסט, אז איך זיץ, ווען ניט וואָלט זי אפשר אַרויסגעיאָגט. איך האָב איינגעשטעלט צוליב דיר און גע־גאַנגען, כדי עפּעס וואָס צו דערגעהן...

ווידער האָבען זיך דערהערט קולות פון אויבען. עטליכע מענשען זיינען אַרונטער פון די טרעפּ.

— אויף קיין פאַל טאָר מען עס איצט ניט דערלאָזען! — האָט אויסגעשריען וואַריא איילענדיג און דערשראָקען — עס טאָר קיין שאָטען פון קיין סקאַנדאַל ניט זיין! געה, בעט פאַרצייהונג!

נאָר דער פאטער פון דער פאַמיליע איז שוין געוועזן אויפ'ן גאַס. קאַליא האָט נאָר נאָך איהם נאָכגעשלעפט דעם טשעמאָדאַן. נינא אַלעקסאַנדראָווא איז געשטאַנען אויפ'ן באַלקאָן און געוויינט; זי האָט געוואָלט נאָך איהם נאָכלויפען, נאָר פּטיצין האָט ניט געלאָזען.

— איהר וועט איהם דערמיט נאָך מעהר אויפרייצען, — האָט ער געזאָגט צו איהר — ער האָט ניט וואוהין צו געהן, אין א האַלבע שטונדע אַרום, וועט מען איהם ווידער ברענגען אהער, איך האָב שוין גערעדט מיט קאַליא'ן. לאָזט איהם אביסעל זיך נאַריש מאַכען!

— וואָס קוראַזשעט איהר זיך, וואוהין וועט איהר דאָס געהן! — האָט געשריען פון פענסטער, האַניא — איהר האָט דאָך ניט וואוהין צו געהן!

— קעהר זיך אום פּאַפּאַ, — האָט געשריען וואַריא — די שכנים הערען.

דער גענעראַל האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעדרעהט, אויסגעשפּרייט די הענט און אויסגערופען:

— זאָל פאַלען מיין קללה אויף דער דאָזיגער הויז!

— און אומבאַדינגט מיט א טעאַטער-ניגון! — האָט אַרויסגעמורמעלט האַניא און מיט א טומעל פאַרהאַקט דעם פענסטער.

די שכנים האָבען טאַקע געהערט. וואַריא איז אַרויסגעלאָפען פון צימער.

ווען וואַריא איז אַרויס, האָט האַניא גענומען פון טיש דעם צעטעלע, איהם א קוש געטאָן, צוגעקלאַפּט מיט'ן צונג און האָט געמאַכט אַן אַנטראַקט.

דריטער קאַפּיטעל.

דער טומעל מיט'ן גענעראַל וואָלט זיך אין אַנדער צייט געענדיגט מיט גאָרנישט. אויך פריהער פלעגען מיט איהם טרעפען צייטען פון משוגעת'ן פון אַזא מין. כאָטש אַפילו גאַנץ וועניג. ווייל אין אַלגעמיין רעדענדיג, איז דאָס געוועזן א מענש א פרידליכער מיט כמעט

גוטע נייגונגען. ער איז שוין אפשר הונדערט מאָל ארייגגעטראָטען אין קאמף מיט דער אונאָרדנונג וואָס האָט איהם באהערשט די לעצטע יאָהרען. ער האָט מיט אמאָל זיך דערמאָנט, אז ער איז „דער פאָטער פון דער פאַמיליע", האָט געמאכט שלום מיט דער ווייב, אויפריכטיג געוויינט. ער האָט ביז פארגעטערונג געאכטעט נינא אלעקסאנדראָוו־נא, דערפאר, ווייל זי האָט איהם אזוי פיעל און שווייגענד מוחל גע־ווען, און איהם אפילו ליעב געהאט אין זיין פאיאצקען און ערנ־ידע־ריגענדען אויסזעהן. נאָר דער וואָלטהעטיגער קאמפף מיט דער אונ־אָרדנונג האָט געוועהנליך געדויערט ניט לאנג. דער גענעראל איז אויך געווען א מענש אן אויפגערעגטער, כאָטש אויף זיין שטייגער. ער האָט געוועהנליך ניט געקאָנט אויסהאלטען דעם תשובה פולען און פוסטען לעבען אין זיין פאמיליע און ער האָט געענדיגט מיט א בונט; ער פלעגט ארייגפאלען אין רציחה, פאר וועלכער ער פלעגט, מעגליך, טאָ־קע אין די זעלבע מינוטען חרטה האָבען. נאָר ער האָט זיך ניט גע־קענט באהערשען: ער האָט זיך געקריגט, האָט אָנגעהויבען רעדען אָנגעבלאָזען און שעהן רעדנעריש, האָט געפאָדערט אונמעגליכע אכ־טונג צו זיך און סוף כל סוף פלעגט ער פארשווינדען פון הויז, אפט אפילו אויף פיעל צייט. אין די לעצטע יאָהרען האָט ער געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין זיין פאמיליע אפשר נאָר אין אלגעמיין, אדער פון הערען; אבער אין איינצעלהייטען האָט ער זיך אויפגעהערט אינטע־רעסירען, ניט פיהלענדיג דערצו קיין בארוף.

נאָר דעם מאָל איז אין דעם טומעל מיט דעם גענעראל, איז ערשיע־נען עפּעס אונגעוועהנליכעס; אַלע האָבען ווי וועגען עפּעס געוואוסט, און אלע האָבען ווי פאר עפּעס זיך געשראָקען צו זאָגען. דער גענעראל האָט זיך „פאָרמעל" געוויזען אין דער פאַמיליע, דאָס הייסט צו נינא אלעקסאנדראָווא, אין גאנצען ערשט מיט דריי טאָג צוריק, נאָר ניט אונטערטהעניג און ניט מיט קיין חרטה ווי עס פלעגט פאָסירען שטענ־דיג ביי די פריהערדיגע „יאוועונישען", נאָר אין געגענטהייל — מיט אונגעוועהנליכער נערוועזיטעט. ער איז געווען רעדעוודיג, אומרוהיג, האָט פארפיהרט געשפּרעכען מיט אלע, ווען ער האָט אָנגעטראָפען, מיט היץ און עס האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט זיך אויף א מענשען ארויפגעוואָרפען. נאָר אלץ וועגען אזעלכע פארשיעדענע און אונער־וואַרטעטע זאכען, אזוי אז מען האָט אין קיין פאַל ניט געקענט דער־

געהן קיין טאָלק פון וואָס ער איז אין אמת'ן אזוי אומרוהיג.

ציטענווייז איז ער געווען פרעהלאך, נאָר מעהרסטענס איז ער געווען פאַרטראכט, איבעריגענס, אליין ניט וויסענדיג באשטימט פון וואָס; מיט אמאָל פלעגט ער אָנהויבען ווענען עפּעס־וואָס דערצעהלען — ווענען די עפּאנטשינס, ווענען פירשט, ווענען לעבעדעוו'ן — און פּלוצלינג פלעגט ער איבעררייסען און אין גאנצען אויפהערעןריידען. און אויף די ווייטערדיגע פראגען האָט ער בלויז געענטפערט מיט א טעמפּען שמייכעל, איבעריגענס, אפילו ניט באמערקענדיג, אז מען פרעגט איהם, און ער שמייכעלט גאָר.

די לעצטע נאכט האָט ער פאַרבראכט קרעכצענדיג און אויקענדיג און ער האָט פאַרמוטשעט נינא אלעקסאנדראָווא, וועלכע האָט איהם צוליב עפּעס וואס געוואַרימט וואַרימע טיכער; אויף טאָג צו איז ער פּלוצלינג איינגעשלאָפען, איז אָפּגעשלאָפען פיער שטונדען און זיך אויפגעכאַפּט אין דעם שטאַרקסטען און אונאָרדינגסטען אָנפאַל פון איפּאַכאנדריע, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט א קריג מיט איפּאַליט'ען און מיט „א קללה צו דער דאָזיגער הויז“. מען האָט אויך באמערקט, אז אין די דאָזיגע דריי טאָג איז ער אונאויפהערליך אריינגעפאַלען אין דעם שטאַרקסטען עהרגייץ און צוליב דעם אין אויסערגעוועהנליכער עמפּפינדליכקייט. קאָליא איז באַשטאַנען אויף זיינס, פאַרזיכערענדיג דער מוטער, אז דאָס אלעס איז פון בענקשאַפט נאָך א שנאַפּס, און אפשר אויך נאָך לעבעדעוו'ען, מיט וועלכען דער גענעראל האָט אין דער לעצטער צייט זיך זעהר באפריינדעט. נאָר מיט דריי טאָג צוריק האָט ער זיך פּלוצלינג מיט לעבעדעוו'ן צוקריגט און זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאנגען אין שרעקליכען צאָרן; אפילו מיט'ן פירשט איז אויך ביי איהם ארויסגעקומען עפּעס א סצענע, קאָליא האָט געבעטען ביי דעם פירשט אַן ערקלעהרונג און ער האָט ענדליך אָנגעהויבען פאַרדעכטיגען, אז יענער וויל אויך עפּעס פון איהם פאַרבאָרגען. ווען, ווי עס געדענקט האַניא, צווישען איפּאָליט'ן און נינא אלעקסאנדראָווא, איז פאַרגעקומען עפּעס אַן אויסערגעוועהנליכער געשפּרעך, איז א חידוש וואָס דער דאָזיגער בייזער הערר, וועלכען האַניא האָט גלייך אָנגערופען רכילות'ניק, האָט ניט געפונען קיין פאַרגעניגען אויף א וועלכען ס'איז אופן אויך ווענען דעם געבען צו פאַרשטעהן קאָליא'ן. מען גליך, אז ער איז גאָר ניט געווען אזא שלעכטער

אינגעל, ווי עס האָט איהם באַטיטעלט האַניאַ, נאָר אַ שלעכטס פון עפּעס אַן אַנדער סאָרט; און ס'איז אויך אַ ספק אויב ער האָט פאַר־טרויט אויך צו נינאַ אַלעקסאַנדראָוואַ, בלויז מיט דעם „צוצורייסען איהר דאָס האַרץ". מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז די אורזאַכען פון מענשליכע טהאַטען זיינען געוועהנליך פיעל קאָמפּליצירטער ווי מיר ערקלעהרען זיי שטענדיג דערנאָך, און מען קען זיי וועניג באַשטימט באַצייכענען. בעסער פון אַלץ איז אַז דער ערצעהלער זאָל זיך באַגרע־נעצען מיט דער איינפאַכער דאַרלעגונג פון די געשעהענישען. און אַזוי וועלען מיר אויך טאָן, אין דער ווייטערער ערקלעהרונג פון דער איצטי־גער קאַטאַסטראָפע מיט'ן גענעראַל. ווייל, ווי מיר האָבען ניט געוואָלט זיינען מיר געווען געצוואונגען צו איינטהיילען אויך דעם דאָזיגען צווייטען ראַנגיגען פּערזאָן פון אונזער ערצעהלונג, אביסעלע מעהר אויפמערקזאַמקייט און פּלאַץ ווי מיר האָבען פריהער געדענקט.

די דאָזיגע געשעהענישען האָבען געפאָלגט איינע נאָך דער צוויי־טער אין אַזאַ אָרדנונג:

ווען לעבעדעוו האָט נאָך זיין רייזע אין פּעטערבורג צו אויסגע־פינען פערדישטשענקאָ'ן זיך אין דעם זעלבען טאָג אומגעקעהרט צוריק, צוזאַמען מיט'ן גענעראַל, האָט ער קיין באַזונדערעס דעם פירשט ניט געלאָזט וויסען. ווען דער פירשט וואָלט אין יענער צייט, ניט געווען צופיעל פאַרנומען מיט אַנדערע פאַר איהם וויכטיגע איינדריקע, וואָלט ער געקענט שנעל באַמערקען, אַז אויך אין די נאָכפאָלגענדע צוויי טאָג האָט לעבעדעוו איהם ניט געגעבען קיינע ערקלעהרונגען, נאָר אין גע־גענטהייל אפילו, ער האָט ווי אַליין אויסגעמידען זיך מיט איהם צו באַגעגענען. ווען דער פירשט האָט ענדליך זיך דאָס אָרומגעזעהן, האָט ער זיך פאַרוואונדערט, וואָס אין די דאָזיגע צוויי טעג, ביי די צו־פעליגע באַגעגענישען מיט לעבעדעוו'ן, האָט ער איהם באַמערקט ניט אַנדערש ווי אין דער סאַמע לויטערער שטימונג און כמעט שטענדיג צוזאַמען מיט'ן גענעראַל. ביידע פריינד האָבען זיך שוין מעהר ניט צושיידט. דער פירשט האָט אָפטמאָל געהערט צו איהם פון אויבען דערגרייכענדע הויכע און האַסטיגע געשפּרעכען, אַ לאַכענדיגער, פרעה־ליכער שמועס; און איינמאָל אפילו שפּעט ביינאַכט, האָבען זיך צו איהם דערטראָגען קלאַנגען פון אַ פּלוצלינג אָנגעהויבענער מיליטעריש־וואַקכאַנאַלישער ליעד, און ער האָט גלייך דערקאַנט דעם הייזעריגען

באַס פון גענעראַל. נאָר די אָנגעהויבענע ליעד האָט לאַנג ניט געדוי־ערט און האָט אויפגעהערט. דערנאָך האָט זיך געהערט נאָך ביי א שטונדע דער שטאַרק־באַגייסטערטער און לויט אַלע סמנים שיכור׳ער געשפּרעך. מען האָט זיך געקענט אָנשטויסען, אַז די פריינד וואָס האָ־בען פאַרבראַכט דאָרט אויבען, האָבען זיך אומאַרעמט און אַז עמי־צער האָט זיך ענדליך אויך צעוויינט. דערנאָך האָט נאָכגעפאָלגט א שטאַרקער קריג וועלכער האָט אויך האַסטיג און שנעל אויפגעהערט. אָט די גאַנצע צייט איז קאָליא געווען אין א באַזונדער פאַרזאָרגטער שטימונג. דער פירשט איז די מעהרסטע צייט ניט געווען אין הויז און ער האָט אומגעקעהרט צו זיך אָפּטמאָל זעהר שפּעט. מען האָט איהם שטענדיג איבערגעגעבען, אַז קאָליא האָט איהם א גאַנצען טאָג געזוכט און געפרעגט. נאָר ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט, האָט קאָליא קיין באַזונדערעס ניט געקענט דערצעהלען, אויסער דאָס, אַז ער איז באַמת׳דיג „אומצופרידען“ מיט׳ן גענעראַל און זיין איצטיגע אויפ־פיהרונג: „זיי שלעפּען זיך אַרום, שיכור׳ען דאָ ניט ווייט אין טראַק־טיר, זיי נעהמען זיך אַרום און זידלען זיך אין גאַס, זיי גיבען איינער דעם צווייטען אונטער חשק און קאָנען זיך ניט צושיידען.“ ווען דער פירשט האָט איהם באַמערקט, אַז אויך פריהער האָט דאָס אויך שיעור ניט פּאַסירט יעדען טאָג, האָט קאָליא אין גאַנצען ניט געוואוסט וואָס אויף דערויף צו ענטפערען, און ווי אַזוי צו ערקלעהרען, פון וואָס באַ־שטימט עס נעהמט זיך זיין אומרוהיגקייט.

אין דער פריה, נאָך די שיכור׳ע ליעדער, און קריגערייען, ווען דער פירשט איז אַרום עלף א זייגער, אַרויס פון הויז, איז פאַר איהם פלוצלינג ערשיענען דער גענעראַל, עפּעס א זעהר אויפגעבראַכטער, כמעט אַן אויפגערודערטער.

— איך האָב שוין לאַנג געזוכט די עהרע און געלעגענהייט צו באַ־געגענען זיך מיט אייך, פיעל געשעצטער, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, שוין לאַנג, זעהר לאַנג, האָט ער אַרויסגעמורמעלט, זעהר פעסט, כמעט ביז וועהטאָג דריקענדיג דעם פירשט׳ס האַנט — שוין זעהר זעהר לאַנג.

דער פירשט האָט איהם געבעטען זיך זעצען.

— ניין, איך וועל זיך ניט זעצען, און דערצו פאַרהאַלט איך דאָך אייך, איך — וועל אַן אַנדערש מאָל. מיר דוכט, אַז דערביי קען איך

איך גראַטולירען מיט... דער ערפילונג... פון אייער הארצענס־וואונש.

— וואָס פאר א הארצענס־וואונש ?

דער פירשט האָט זיך צוטומעלט, איהם ווי פיעלע מענשען אין זיין לאגע, האָט זיך געדוכט, אז קיינער זעהט גאָר ניט, שטויסט זיך ניט אָן און פאַרשטעהט ניט.

— זייט רוהיג ! זייט רוהיג ! איך וועל ניט אַנריהרען די עדעלס־טע געפיהלען. איך האָב אליין דאָס דורכגעלעבט, און איך וויס אליין, ווען א פרעמדער... אזוי צו זאָגען שטעקט א נאָז... לויט דעם ווערטעל, דאָרט וואו מען בעט איהם ניט. איך לעב עס דורך יעדען פריהמאָר־גען. איך בין געקומען צוליב אן אנדער זאך, צוליב א וויכטיגער זאך, צוליב א זעהר וויכטיגער זאך, פירשט.

דער פירשט האָט איהם נאָכאמאָל געבעטען זיך זעצען, און זיך אליין געזעצט.

— אפשר בלויז אויף איין סעקונדע... איך בין געקומען נאָך א ראטה. איך לעב געוועהנליך אָהן פראַקטישע צוועקען, נאָר אכטענדיג זיך אליין און... די טיכטיגקייט, וועלכע עס מיסברויכט אזוי דער רוסישער מענש. רעדענדיג אין אלגעמיין... וויל איך אוועקשטעלען זיך, דער פרוי מיינער, און די קינדער מיינע אין א לאגע... מיט איין וואָרט, פירשט, איך זוך א ראטה.

דער פירשט האָט היים אונטערשטיצט זיין אבזיכט.

— נו, דאָס זיינען אלץ נאַרישקייטען, — האָט האסטיג איבער־געריסען דער גענעראל — איך בין געקומען דערהויפט ניט צוליב דעם, נאָר וועגען עפּעס אנדערש, וויכטיגערעס, און איך האָב גראד זיך ענטשלאָסען דאָס אייך צו ערקלעהרען, לעוו ניקאָלאיעוויטש, ווי צו א מענשען אין וועמענס אויפריכטיגקייט און עהרווירדיגקייט איך בין זיכער, ווי... ווי... איהר וואונדערט זיך ניט אויף מיינע ווערטער, פירשט ?

דער פירשט האָט, אויב ניט מיט א באזונדער פארוואונדערונג, איז מיט פיעל אויפמערקזאמקייט און נייגעריגקייט נאָכגעפאָלגט דעם גאסט. דער אלטער איז געווען אביסעל בלייך, זיינע ליפּען האָבען פון צייט צו צייט אויפגעציטערט, די הענט האָבען ווי ניט געקענט פאר זיך געפינען א רוהיגען פּלאַץ. ער איז געזעסען בלויז עטליכע מינוט,

און ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעפּיעט, צוליב עפּעס וואָס פּלוצלינג זיך אויפהויבען פון שטוהל און פּלוצלינג זיך ווידער זעצען, ווי עס ווייזט אויס, ניט שענקענדיג די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו זיינע מאַנעווערס. אויפ'ן טיש זיינען געלעגען ביכער; האָט ער גענומען אַ בוך, דערביי פאַרטזעצענדיג צו רעדען, האָט אריינגעקוקט אין דעם פאַרבויגטען בלאַט, גלייך ווידער אויפגעלעגט און אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש, געכאַפּט אַ צווייטען בוך וועלכען ער האָט שוין ניט אויפגעעפּענט, נור געהאַלטען די גאַנצע צייט אין דער רעכטער האַנט, פאָכענדיג מיט איהם אָהן אויפהער אין דער לופט.

— גענוג! האָט ער מיט אמאָל אויסגעשריען — איך זעה אַז איך האָב אייך שטאַרק באַאומרוהיגט.

— אַז איך זאָג אייך אַז ניט אויף קיין האָר, אין געגענטהייל, איך הער זיך איין, און וויל טרעפען...

— פירשט! איך וויל זיך אוועקשטעלען אין אכטונגפולער לאַגע... איך וויל אַכטען זיך אליין און... מיינע רעכטע.

— אַ מענש מיט אַזעלכע וואונשען איז שוין דערמיט אַליין ווערטה אַכטונג.

דער פירשט האָט ארויסגעזאָגט זיין פראַזע ווי פון אַ שריפט און מיט דער פעסטער זיכערקייט, אַז זי וועט מאַכען אַ פיינע ווירקונג. ער האָט זיך ווי אינסטינקטיוו אָנגעשטויסען, אַז מיט אַ וועלכער ס'ניט איז עהנליכער פּוסט־קלינגענדער, נור שעהנער פראַזע, געזאָגט אין צייט, קען מען פּלוצלינג מאַכען אונטערטהעניג און איינשטילען די נשמה פון אַזאַ סאָרט מענשען, און דערהויפּט אַ מענשען אין אַזאַ לאַגע ווי דער גענעראַל. אין אַלע פעלע, האָט מען אַזאַ גאַסט געדאַרפט אָפּלאָזען מיט אַ פאַרגרייזגערט האַרץ, און אין דעם איז באַשטאַנען די אויפגאַבע.

די פראַגע האָט געווירקט, געטראָפען אין פונקט און איז זעהר געפעהלען געוואָרען: דער גענעראַל איז מיט אמאָל גערירט געוואָרען, אויגענבליקליך איבערגעביטען דעם טאָן, און האָט זיך אוועקגעלאָזען אין ענטציקענדע לאַנגע ערקלערונגען. נור אויף וויפיעל דער פירשט האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, וויפיעל ער האָט זיך ניט איינגעהערט, האָט ער בוכשטעבליך גאַר נישט ניט געקענט פאַרשטעהן. דער גענעראַל האָט גערעדט אַ מינוט צעהן, הייס, האַסטיג, אַזוי ווי

ניט האָבענדיג קיין צייט ארויסצורעדען זיינע געדאנקען וועלכע האָבען זיך געשטויסען אין מאַסען; צום סוף, האָבען אפילו טרערען אַ גלאַנץ געטאָן אין זיינע אויגען. נור דאך זיינען עס געווען בלויז פראַזען אַהן און אַנהויב און אָן ענדע, אונערוואַרטעטע ווערטער און אונערוואַרטעטע געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך האַסטיג און אונערוואַרטעט ארויסגעריסען און איבערגעשפרונגען איינע די צווייטע.

— געגוג! איהר האָט מיך פאַרשטאַנען, און איך בין רוהיג, האָט ער פּלוצלינג אויפשטעלענדיג זיך, פאַרענדיגט — אַזאַ הארץ ווי איהר פאַרמאָגט קען ניט ניט פאַרשטעהן אַ ליידענדען. פירשט איהר זייט עהרווירדיג ווי אַן אידעאַל! וואָס האָבען אַ ווערטה די אַנדערע אַנטקעגען אייך? נור איהר זייט יונג, און איך בענש אייך. און ענדליך בין איך געקומען אייך בעטען, צו באַשטימען פאַר מיר אַ שטונדע פאַר אַ וויכטיגען געשפּרעך און אַט אויף וואָס עס שטיצט זיך מיין הויפּט האָפענונג. איך זוך בלויז פריינדשאַפט און אַ הארץ פירשט! איך האָב קיינמאָל ניט געקענט מאַכען שלום מיט די פאָדערונגען פון מיין הארצען.

— נור פאַר וואָס ניט איצט? איך בין גרייט אויסצוהערען...

— ניין, פירשט, ניין! האָט מיט היץ איבערגעריסען דער גענעראל — ניט איצט! איצט איז דאָ אַ טרוים! דאָס איז זעהר, זעהר וויכטיג! די דאָזיגע שטונדע פון רעדען וועט זיין די שטונדע פון מיין פאַרענדיגטען שיקזאַל. דאָס וועט זיין מ י י ן שטונדע! און איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז אין אַזאַ הייליגער מינוט, זאָל אונז קענען שטערען יעדער ערשט אריינגעקומענער, יעדער ערשטער עזות פּנים, און צייטענווייז אַזאַ עזות פּנים — האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעבויגען צום פירשט מיט אַ מאָדנער געהיימניספולען און כמעט איבערגעשראָקענעם שעפּטשען — אַזאַ עזות פּנים וועלכער איז ניט ווערטה דעם זויל... פון אייער פוס, פיעל געליבטער פירשט! אַ, איך זאָג ניט: פון מיין פוס! דערהויפּט באַמערקט זיך דאָס, אַז איך האָב ניט דערמאָנט וועגען מיין פוס; ווייל איך אַכטע זיך צופיעל אום דאָס ארויסצוזאָגען אַהן אַ הינטער־געדאַנק. נור בלויז איהר איינער זייט פעהיג צו פאַרשטעהן, אַז פאַרשטויסענדיג אין אַזאַ פאַל מיין זויל, ווייז איך, מעגליך, ארויס אַ סך שטאָלץ און ווירדיגקייט. אויסער אייך וועט עס קיינער ניט פאַרשטעהן, און ע ר אין דער שפּיץ פון אַלעמען. ע ר

פאַרשטעהט גאָרנישט פירשט; ער איז גאָר ניט פעהיג צו פאַרשטעהן! מען מוז פאַרמאָגען א הארץ אום צו פאַרשטעהן!

צום שלום האָט זיך דער פירשט אפילו כמעט איבערגעשראָקען, און ער האָט דעם גענעראַל באשטימט א צייט צו זעהן זיך, אויף מאָר־גען אין דער זעלבער שטונדע. יענער איז אַרויס א מוטהיגער, זעהר א געטרויסטער און כמעט א באַרוהיגטער. אין אָוועגט, אום זיבען אזייגער, האָט דער פירשט געשיקט רופען צו זיך אויף א ווײַלע לעבע־דעוו'ן.

לעבעדעוו איז געקומען זעהר אײַלענדיג, האָט עס „פאַררעכענט פאַר אן עהרע", ווי ער האָט זיך גלייך ביים אַריינקומען אויסגעדריקט און ער האָט זיך אין גאַנצען געמאַכט ניט ווײַסענדיג, אז ער האָט דריי טאָג ווי זיך אויסבאַהאַלטען און קענטיג אויסגעמידען זיך צו באַגעגע־נען מיט'ן פירשט. ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן ברעג שטוהל, מיט גרימאַסען, שמייכלען, מיט לאַכעדיגע אויגעלאַך, מיט הענט־רייבע־ניש, און מיט דעם אויסזעהן פון דער נאַאיוועסטער ערוואַרטונג צו הע־רען עפּעס אזעלכעס, צום ביישפּיעל אזא ריזיגע בייעס, א לאַנג ער־וואַרטעטע. דעם פירשט האָט עס ווידער דורכגענומען: איהם איז געוואָרען קלאָהר, אז אלע האָבען מיט אמאָל גענומען ערוואַרטען פון איהם, אז אלע קוקען אַרויס אויף איהם, ווי וועלענדיג איהם מיט עפּעס באַגריסען, קוקען אויף איהם מיט אַנצוהערענישען שמייכלען און אונטערווינקונגען. קעלער איז שוין אמאָל דריי אַריינגעלאָפען אויף א מינוט און אויך מיט דעם קענטיגען חשק צו באַגריסען; ער האָט יעדען מאָל אַנגעהויבען מיט ענטציקונג און ניט קלאָהר, האָט גאָרנישט ניט פאַרענדיגט און האָט האַסטיג זיך אָפּגעשראָקען. (די לעצטע צייט האָט ער שטאַרק גע'שיכור'ט און געטומעלט אין עפּעס א ביליאַרד־הויז). אפילו קאָליא, ניט קוקענדיג אויף זיין טרויער, האָט אויך שוין א פּאָר מאָל אַנגעהויבען צו פאַרפיהרען א שמועס וועגען עפּעס גאַנץ ניט קלאָרעס.

דער פירשט האָט גלייך און אביסעלע מיט נערוועזיטעט, גע־פרעגט לעבעדעוו'ען וואָס ער דענקט וועגען דעם איצטיגען צושטאַנד פון דעם גענעראַל, און פאַר וואָס איז יענער אזוי אומרוהיג? אין עט־ליכע ווערטער האָט ער איהם איבערגעגעבען די פריהערדיגע סצענע.

— יעדער האָט זיך זיין אומרוהיגקייט, פירשט, און... דערהויפּט

אין אונזער מאָדנעם אומרוהיגען יאָהרהונדערט; אַזוי איז עס, — האָט מיט א געוויסער טרוקענקייט געענטפערט לעבעדעוו און איז א באליי־דיגטער אנטשוויגען געוואָרען, מיט דעם אויסזעהן פון א מענשען, וועלכער איז שטארק אָפּגענאַרט געוואָרען אין זיינע ערוואַרטונגען.

— וואָס פאַר א פילאָסאָפיע! — האָט א שמייכעל געטאָן דער פירשט.

— א פילאָסאָפיע דאַרף מען האָבען, האָט מען זעהר געדאַרפט האָבען אין אונזער יאָהרהונדערט, פאַר פּראַקטישען געברויך, נאָר מען פאַרשטויסט זי, אָט וואָס! פון מיין זייט, פיעל געשעצטער פירשט, איך כאָטש איך בין געווען באעהרט מיט אייער צוטרויען צו מיר, אין א גע־וויסער צו אייך באוואוסטער אנגעלעגענהייט, נאָר אלץ ביז א געווי־סען פּונקט און ניט ווייטער, פון די אומשטענדען וועלכע געהערען צו יענעם פּונקט... דאָס פאַרשטעה איך און איך באַקלאָג זיך גאָר ניט...

— לעבעדעוו, איהר זייט ווי פאַר עפּעס ברוגז?

— ניין, קיין ברוגז, פיעלגעשעצטער און ליכטיגסטער פירשט, קיין ברוגז! — האָט ער מיט ענציקונג אויסגערופען, צולעגענדיג די האַנט צום האַרצען, — נאָר אין געגענטהייל, איך האָב גלייך פאַר־שטאַנען, אז ניט אין מיין שטאַנד אין דער וועלט, ניט מיט מיין ענט־וויקלונג פון פאַרשטאַנד און האַרצען, ניט מיט דעם אויפזאַמלען פון רייכטהימער, ניט מיט מיין פריהערדיגער אויפפיהרונג, און מעהר פון אלץ ניט מיט מיינע קענטעניסע — מיט גאָרנישט האָב איך אייער עהרווירדיגען צוטרויען ניט פאַרדינט; און ווען איך קען אייך דינען איז בלויז אלס א קנעכט און שקלאַף, ניט אנדערש... איך בין ניט ברוגז נאָר מיר טוט וועה.

— וואָס רעדט איהר לוקיאַן טימאָפעיעוויטש!

— ניט אנדערש! אַזוי אויך איצט, אַזוי אויך אין איצטיגען פאַל! באגעגענדיג אייך און נאָכפאָלגענדיג אייך מיט האַרץ און גע־דאַנק, האָב איך געזאָגט צו זיך אליין: קיין אָנזאָגונגען ווי מען זאָגט אָן א פריינד בין איך ניט ווערטה, נאָר מעגליך, אלס בעל־הבית פון דער קוואַרטיר, קען איך ערהאַלטען, אין דער נויטיגער צייט, צו דעם באַשטימטען טערמין, אַזוי צו זאָגען, א צושריפט, אָדער בעסער א נאָכ־ריכט, נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט די באוואוסטע פאַרשטעהענדע און ערוואַרטעטע ענדערונגען...

דאָס אַרויסזאָגנדיג האָט זיך לעבעדעוו אַזוי איינגעגעסען מיט זיינע שאַרפע אויגעלאַך אויף דעם אויף איהם מיט פאַרוואונדערונג קוקענדען פירשט; לעבעדעוו האָט נאָך אַלץ ניט פאַרלאָרען די האָפע־נונג צו ערפילען זיין נייגירדע.

— איך פאַרשטעהע אבסאָלוט גאָר ניט, — האָט אויסגעשריען דער פירשט, שיעור ניט מיט צאָרען — און... איהר זייט דער שרעק־ליכסטער אינטריגאַנט! — האָט ער זיך פּלוצלינג צולאַכט מיט דעם סאַמע אויפריכטיגסטען געלעכטער.

אויגענבליקליך האָט זיך אויך צעלאַכט לעבעדעוו, און זיין אויפ־שיינענדער בליק האָט טאַקע אויסגעדריקט, אַז זיינע האָפענונגען זיי־נען געוואָרען קלעהרער, און אפילו פאַרשטאַרקט געוואָרען.

— און ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, לוקיאַן טומאַ־פעיעוויטש? איהר זייט נאָר אויף מיר ניט אין כעס, נאָר איך וואונ־דער זיך אויף אייער נאַאיוויטעט, און ניט נאָר בלויז אייערע! איהר ערוואַרטעט עפּעס מיט אזא נאַאיוויטעט פון מיר, אָט טאַקע באַשטימט איצט, אין דער מינוט, אַז איך שעהם זיך אפילו פאַר אייך, וואָס איך האָב גאָר ניט מיט וואָס איך זאָל אייך קענען צופרידענשטעלען. נאָר איך שווער זיך אייך, אַז עס איז אבסאָלוט גאָר ניטאָ.

דער פירשט האָט זיך ווידער צעלאַכט.

לעבעדעוו האָט זיך אויסגעגלייכט. דאָס איז אמת, אַז ער איז אָפטמאָל געווען שוין צופיעל נאַאיוו און דערעסליך מיט זיין נייגער־ריגקייט, נאָר אין דער זעלבער צייט איז דאָס געווען אַ מענש אַ גאַנץ כיטרער און לאָווקער, און אייניגע פעלע אפילו שוין צופיעל אַ פאַלש־שווייגענדער. מיט זיינע אונאויפהערליכע אָפּשטויסונגען האָט דער פירשט אין איהם שיעור ניט געקראָגען אַ שונא. נאָר דער פירשט האָט איהם אָפּגעשטויסען פון זיך ניט ווייל ער האָט איהם פאַראַכטעט, נאָר ווייל די טהעמאַ פון זיין נייגעריגקייט איז געווען אַ צו דעליקאַטע. אויף אייניגע פון זיינע חלומות האָט דער פירשט, מיט עטליכע טאָג צוריק נאָך געקוקט ווי אויף אַ פאַרברעכען, און לוקיאַן טימאָפעיע־וויטש האָט אָנגענומען די ענטזאַגונגען פון פירשט, בלויז נור פאַר אַ פערזענליכען ווידערווילען און אומצוטרויען צו איהם, און ער פלעגט אַוועקגעהן מיט אַ פאַרוואונדעט האַרץ און ער איז געווען אייפער־זיכטיג ניט נאָר אויף קאָליאַ'ן און קעלערן, נאָר אפילו אויף זיין איי־

גענער טאָכטער ווערא לוקיאַנאָוואַ, אפילו אַט אין דער זעלבער צייט האָט ער אויפריכטיג געוואָלט דערצעהלען דעם פירשט וועגען איין זעהר אינטערעסאַנטע נייעס פאר'ן פירשט, נאָר ער האָט בעז פאַרדריקט די ליפּען און האָט גאָר ניט דערצעהלט.

— מיט וואָס זשע אייגענטליך קען איך אייך דיענען, פיעל געשעצטער פירשט, ווייל איהר האָט דאָך נאָך אלעמען, מיך צוליב עפּעס גערופען ?... — האָט ער ענדליך ארויסגעזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט א ווײלע געשוויגען.

— איך האָב אייגענטליך געוואָלט פרעגען וועגען גענעראל, — האָט דער פירשט וועלכער האָט זיך אויך אויף א ווײלע פארטראַכט, געזאָגט — און... וועגען אייער גנבה וועגען וועלכער איהר האָט מיר פארטרויט...

— וועגען וואָס ?

— איצט קוקט אויס ווי איהר וואָלט שוין מ י ך ניט פאַרשטאַנען ! אך, גאָט מיינער, לוקיאן טימאָפעיעוויטש, וואָס פאר א טעאָטער שפּילט איהר עס ! וועגען די געלט, געלט, די פיער הונדערט רובעל, וועלכע איהר האָט דאן פארלאָרען אין טייסטער, און וועגען וועלכע איהר זייט געקומען אהער דערצעהלען, אין יענעם פריהמאָרגען, ווען איהר זייט געפאָהרען קיין פּעטערבורג — האָט איהר ענדליך שוין פארשטאַנען ?

— אַ, איהר מיינט עס וועגען יענע פיער הונדערט רובעל ! — האָט אויסגעצויגען לעבעדעוו, מיט אזא מינע, פּונקט ווי ער וואָלט זיך ערשט וועגען דעם אָנגעשטויסען — ס'איז זעהר ניט קיין קליינע זאַך פאר אן אָרימען מענשען, וועלכער לעבט פון זיין מיה, מיט א פיעלקעפּיגער פאמיליע פון יתומים...

— אָבער איך רעד ניט וועגען דעם ! ס'פאַרשטעהט זיך, אז איך בין מיט דעם צופרידען, וואָס איהר האָט געפונען, — האָט זיך געאיילט צו פאַרריכטען דער פירשט — אָבער... ווי אזוי האָט איהר עס געפונען ?

— זעהר איינפאך, איך האָב עס געפונען אונטער'ן שטוהל, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעהאַנגען דער ראָק, אזוי, דאָס עס ווייזט אויס, אז דער טייסטער האָט זיך ארויסגעגליטשט פון קעשענע אויף'ן דיל.

— וואָס הייסט אונטער'ן שטוהל ? ס'איז אונמעגליך, איהר האָט דאָך מיר געזאָגט, אז איהר האָט אויסגעזוכט אין אלע ווינקעלאַך, ווי אזוי זשע האָט איהר דעם הויפּט פּלאַץ דורכגעלאָזט ?

— דאָס איז טאקע די מעשה וואס איך האָב געקוקט ! איך געדענק שוין זעהר גוט אז איך האָב געקוקט ! אויף די קניע געפּויזעט, געטאַפּט אויף דעם פּלאַץ מיט די הענט, לאָזענדיג דעם שטוהל, די אייגענע אויגען ניט טרויענדיג. און איך זעה, אז עס איז גאָרנישט ניטאָ, בלויז א פּוסטער און גלאַטער פּלאַץ, אָט אזוי ווי מיין האנטפלאך און פונדעסטוועגען זעץ איך פּאָר צו טאַפּען. אזא שוואכקייט ווידערהאָלט זיך מיט יעדען מענשען, ווען ער וויל זעהר אָפּזוכען עפּעס... ביי גרויסע טרויערדיגע פּאַרלוסטען : ער זעהט, אז עס איז גאָרנישט ניטאָ, דער פּלאַץ איז פּוסט און פונדעסטוועגען זוכט ער דאָרט אמאָל פּופּצען.

— זאָל זיין אז עס איז אזוי, אבער ווי אזוי פּאָרט ? איך פּאַרשטעה נאָך אלץ ניט, — האָט געמורמעלט דער צוטומעלטער פּירשט— פריהער האָט איהר געזאָגט, אז דאָ איז ניט געווען, און אז איהר האָט אויף דעם פּלאַץ געזוכט און פּלוצלינג האָט זיך עס דאָ אָפּגעזוכט ?

— און דאָ האָט זיך עס פּלוצלינג אָפּגעזוכט !

דער פּירשט האָט מאָדנע אָנגעקוקט לעבעדעוו'ן.

— אין דער גענעראַל ? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— וואָס האָט עס וואָס צו טאָן מיט'ן גענעראַל ? — האָט ווידער ניט פּאַרשטאַנען לעבעדעוו.

— אך, גאָט מיינער ! איך פרעג, וואָס האָט געזאָגט דער גענעראַל, ווען איהר האָט אָפּגעזוכט אונטער'ן שטוהל דעם טייסטער ? ווייל איהר האָט דאָך פריהער צוזאַמען געזוכט.

— יע, פריהער צוזאַמען, נאָר דעם מאָל, בין איך זיך מודה, אז איך האָב געמאַכט א שווייג און ניט געפונען פּאַר נויטיג איהם ערקלעהרען, אז דער טייסטער האָט זיך שוין אָפּגעזוכט פון מיר אליין.

— פאַר... פאַר וואָס זשע ? און די געלט איז אין גאַנצען ?

— איך האָב געעפענט דעם טייסטער, אלע זיינען דאָ, ביז איין רובעל.

— וואָלט איהר כאָטש מיר געקומען אָנזאָגען, — האָט פּאַרטראַכטערהייט באַמערקט דער פּירשט.

— איך האָב מורא געהאַט פּערזענליך צו באַאומרוהיגען אייך, פירשט, ביי אייערע פּערזענליכע און מעגליך וויכטיגע אַזוי צו זאָגען איינדריקע; און אויסער דעם, האָב איך זיך אַליין אויך געמאַכט, ווי איך וואָלט ניט געפונען. דעם טייסטער האָב איך אויפגעעפענט, באַקוקט, דערנאָך פאַרמאַכט און ווידער אַוועקגעלעגט אונטער'ן שטוהל.

—צוליב וואָס?

— אַט אַזוי זיך, צוליב ווייטערדיגער נייגעריגקייט — האָט פּלוצלונג אַ ביביקע געטאָן לעבעדעוו, דערביי רייבענדיג די הענט.

— און ער ליגט נאָך איצט אויך דאָרטען פון פאַרגעסטערן אָן?

— אָ, ניין! ס'איז בלויז אָפּגעלעגען אַ טאָג. איך, זעהט איהר, האָב טיילוויז געוואָלט, אַז דער גענעראַל זאָל עס אָפּזוכען. ווייל ווען איך האָב ענדליך געפונען, טאָ פאַר וואָס זאָל אויך דער גענעראַל ניט באַמערקען, אַ זאַך אַזוי צו זאָגען, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, און שטעקט אונטער'ן שטוהל. איך האָב אייניגע מאָל אויפגעהויבען דעם שטוהל און איבערגעשטעלט, אַזוי דאָס דער טייסטער האָט זיך גאָר געפונען אָפען פאַר אַלעמענס אויגען, נאָר דער גענעראַל האָט אַלץ ניט באַמערקט. אַזוי האָט זיך עס געצויגען גאַנצע טעג. עס ווייזט אויס, אַז ער איז זעהר צוטראָגען, ווער ווייס צוליב וואָס; ער רעדט, דערצעהלט, לאַכט, כאַכאַטשעט, און דאָ פּלוצלינג ווערט ער אויף מיר שרעקליך אויפגעבראַכט, איך ווייס ניט פאַר וואָס. ענדליך האָבען מיר אָנגעהויבען אַרויסגעהן פון צימער, איך לאָז אומישנע איבער די טהיר אָן אָפען; איהם האָט זיך אַזוי עפּעס געוואָלט זאָגען. געוויס האָט ער זיך דערשראָקען פאַר דעם טייסטער מיט אַזוי פיעל געלט, נאָר פּלוצלינג איז ער שרעקליך אין כעס געוואָרען און גאָר ניט געזאָגט; מיר זיינען ניט אָפּגעגאַנגען צוזאַמען אויפ'ן גאַס קיין צוויי טריט, אַז ער האָט מיך געלאָזט און איז אַריבער אויף דעם צווייטען זייט. נעכטען ערשט האָבען מיר זיך צוזאַמענגעטראָפען אין טראַקטיר.

— נאָר צום סוף האָט איהר דאָך צוגענומען דעם טייסטער פון אונטער'ן שטוהל?

— ניין, און אין דער זעלבער נאַכט איז ער פאַרלאָרען געגאַנגען פון אונטער'ן שטוהל.

— אוואו זשע איז ער איצט, אוואו?

— אָט דאָ, — האָט זיך לעבעדעוו פלוצלינג צעלאַכט, אויפהויבענדיג זיך ווי הויך ער איז, און פריינדליך קוקענדיג אויפ'ן פירשט. — ער האָט זיך פלוצלינג אפּגעזוכט אין דער פּאָלע פון מיין אייגענעם סורטוק, אָט קענט איהר אליין זעהן, טאַפּט עס אָן.

אין אמת'ן איז אין דער לינקער פאָלע פון סורטוק, טאקע גלייך פון פאָרענט, ענטשטאַנען אזוי ווי א גאַנצער זאַק, און ווען מען האָט א טאַפּ געטאָן האָט מען גלייך געקאָנט דערקאָנען, אז דאָ ליגט א לעדערנער טייסטער, וועלכער איז אהער ארייגעפאַלען פון דער צוריסענער קעשענע.

— איך האָב ארויסגענומען און באַקוקט, ערשט אַלץ איז גאַנץ. האָב ווידער ארונטערגעלאָזט און אזוי געה איך אום פון נעכטען אין דער פריה אָן, און טראָג עס אין פּאָלע, עס קלאַפּט אפילו אין די פיס.

— און איהר באמערקט גאָר ניט?

— און איך באמערק גאָר ניט, כע, כע! און שטעלט זיך פאַר פיעל געשעצטער פירשט — כאָטש די זאך איז ניט ווערטה אזא באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אייערע, — שטענדיג זיינען ביי מיר די קעשענעס גאַנצע און דאָ מיט אמאָל פאַר איין נאַכט אזא לאָך! איך האָב זיך גענומען איינקוקען אויפמערקזאַמער — ערשט איך זעה, אז עמיצער האָט עס ווי מיט א קליין מעסערעל דורכגעשניטען; עס ווילט זיך אפילו ניט גלויבען...

— און... דער גענעראל?

— א גאנצען טאָג האָט ער זיך גע'כעס'ט, אי נעכטען, אי היינט. ער איז זעהר ניט צופרידען. דאָס איז ער פרעהלאַך און וואַקכאַנאַליש, אפילו ביז חניפה — און דאָ מיט אמאָל ווערט ער געריהרט ביז טרערען און דאָ פלוצלינג ווערט ער אין כעס, אזוי, אז איך הויב זיך אָן אפילו צו שרעקען. ביי גאָט! איך בין דאָך, פירשט, נאָך אלעמען ניט קיין מיליטערישער מענש. נעכטען זיצען מיר אין טראַקטיר, און ביי מיר האָט זיך אומווילענדיג א פּאָלע אויסגעשטעלט. זיך אָנגעבלאָזען ווי א באַרג. קוקט ער אָן, קרימט זיך און כעס'ט זיך. גלייך אין די אויגען קוקט ער מיר שוין לאַנג ניט, סיידען נאָר ווען ער איז שוין זעהר שיכור. נאָר נעכטען האָט ער א פּאָר מאָל א קוק געטאָן אזוי, אז א פראָסט איז איבער'ן פלייצע אריבער. איבעריגענס, ביז

איך מאָרגען גרייט אויסצוזוכען דעם טייסטער, און ביז מאָרגען וויל איך מיט איהם אָפּהוליען אַ אָוועגט.

— פאַרוואָס פייניגט איהר איהם אַזוי? — האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— איך פייניג איהם ניט, פירשט, איך פייניג איהם ניט, — האָט מיט היץ אונטערגעכאַפּט לעבעדעוו — איך האָב איהם אויפריכטיג ליעב און... אַכטע; און איצט גלויבט יע, אָדער גלויבט ניט, איז ער מיר געוואָרען נאָך טהייערער, איך האָב איהם אַנגעהויבען נאָך מעהר שעצען!...

לעבעדעוו האָט עס אַרויסגערעדט אויף אַזוי פיעל ערנסט און אויפריכטיג, אַז דער פירשט איז אַזש אין כעס געוואָרען.

— איהר האָט איהם ליעב און פייניגט איהם אַזוי פיעל! קענט איהר דען ניט זעהן, אַז דערמיט שוין אַליין, וואָס ער האָט אַזוי אָפען אוועקגעלעגט די גנבה, אונטער'ן שטוהל און אין סורטוק, האָט ער שוין מיט דעם אַליין געוואָלט אייך גלייך באַווייזען, אַז ער וויל ניט ביטרעווען מיט אייך, נאָר ער בעט ביי אייך איינפאַך ענטשולדיגונג. איהר הערט: ער בעט ענטשולדיגונג! ער האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרלאָזען אויף די ערעלקייט פון אייערע געפיהלען, הייסט עס, אַז ער גלויבט אין אייער פריינדשאַפט צו איהם, און איהר ברענגט צו אַזאַ ערנידערונג אַזאַ... עהרליכסטען מענשען!

— דעם עהרליכסטען פירשט, דעם עהרליכסטען! — האָט אונטערגעכאַפּט לעבעדעוו בליצענדיג מיט די אויגען, — און טאַקע נאָר איהר אַליין, עהרווירדיגסטער פירשט, זייט אין דער מעגליכקייט צו זאָגען אַזאַ וואָרט! דערפאַר בין איך אייך איבערגעבען ביז פאַרגעטערונג אפילו, כאָטש איך בין פאַרפוילט פון פאַרשיעדענע זינד! עס איז באַשלאָסען! איך וועל אָפּזוכען דעם טייסטער איצט שוין, טאַקע גלייך שוין און ניט מאָרגען; אָט נעהם איהם אַרויס שוין פאַר אייערע אויגען; אָט איז ער! אָט איז די געלט, אַלע דאָ. אָט נעמט עס עהרווירדיגסטער פירשט און באַהאַלט עס ביז מאָרגען. מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועל איך עס נעהמען. און ווייסט איהר, פירשט, ווי עס ווייזט אויס, איז ער ערגעץ ביי מיר אין סעדעל אונטער אַ שטיין אָפּגעלעגען די ערשטע נאַכט פון דעם פאַרלוסט, ווי דענקט איהר?

— זעהט זשע, זאָגט איהם ניט גלייך אין די אויגען, אז איהר האָט געפונען דעם טייסטער, זאָל ער איינפאך דערזעהן, אז אין פאַלע איז שוין מעהר גאָרנישט ניטאָ און ער וועט פאַרשטעהן.

— אזוי דענקט איהר? אפשר איז גלייכער זאָגען, אז איך האָב געפונען, און זיך מאכען, אז איך האָב ביז איצט זיך ניט געכאַפּט.

— נ־ניין, — האָט זיך פאַרטראַכט דער פירשט — נ־ניין, איצט איז שוין שפּעט; דאָס איז געפעהרליכער. אויף מיין וואָרט, ס'איז גלייכער איהר זאָלט גאָר ניט זאָגען! און מיט איהם זייט פריינדליך, אָבער... שטרענגט זיך צו פיעל ניט אָן... און... ווייסט...

— איך ווייס, פירשט, איך ווייס, דאָס הייסט, איך ווייס, אז איך וועל עס ניט ערפילען, ווייל דאָ דאַרף מען האָבען אזא האַרץ ווי אייערע, און דערצו איז ער אליין נערוועז און ער קוקט שוין צופיעל אַרונטער אויף מיר, דאָס בליפּעט ער און נעהמט זיך אָרום, און דאָס מיט אמאָל הויבט ער אָן ערנידעריגען און מיט פאַראַכטונג באַליידיגען, און דאָ וועל איך זיך ניט קענען איינהאַלטען און וועל אומישנע אויסשטעלען די פאַלע. בע, בע! אויפ'ס ווידערזעהן, פירשט! ווייל ווי עס ווייזט אויס, פאַרהאַלט איך אייך און שטער, אזוי צו זאָגען, די אינטערעסאַנטסטע געפיהלען...

— אָבער ביי גאָט, עס מוז בלייבען א סוד ווי פריהער!

— מיט שטילע טריט, מיט שטילע טריט!

נאָר כאָטש די זאך איז געווען ערלעדיגט, איז דער פירשט דאך געוואָרען נאך פאַרזאָרגטער ווי פריהער. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין מאָרגענדיגען צוזאַמענקונפט מיט'ן גענעראַל.

פיערטער קאַפּיטעל.

די באַשטימטע שטונדע איז געווען צוועלף, נאָר דער פירשט האָט גאַנץ אונערוואַרטעט פאַרשפּעטיגט. אומקעהרענדיג זיך אהיים, האָט ער געטראָפען ביי זיך דעם גענעראַל, וואָס האָט איהם ערוואַרטעט.

פון ערשטען בליק האָט ער באַמערקט, אז יענער איז אומצופרידען, און מעגליך טאַקע מיט דעם וואָס איהם איז אויסגעקומען ווארטען. בעטענדיג ענטשולדיגונג, האָט דער פירשט געאיילט זיך זעצען, נאָר עפּעס מיט מאָדנעם ציטער, אַזוי ווי זיין גאַסט וואָלט געווען פון פּארפאָר און ער וואָלט יעדע מינוט געציטערט, אז ער זאָל איהם ניט צוברעכען. פריהער האָט ער זיך קיינמאָל ניט געשראָקען פאר׳ן גע־נעראל, און עס איז איהם דאָס גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אויך. באַלד האָט דער פירשט זיך ארומגעקוקט, אז דאָס איז גאָר אַן אנדער מענש, ניט דער וואָס נעכטען: אנשטאט צוטומעלטקייט און צוטראַ־גענטקייט האָט אַרויסגעקוקט עפּעס אַן אונגעוועהנליכע איינגעהאַל־טענקייט; מען האָט געקענט שליסען, אז דאָס איז אַ מענש, וועלכער האָט זיך אויף עפּעס פעסט ענטשלאָסען. איבעריגענס, איז די רוהיגקייט געווען מעהר אַן אויסערליכע איידער אַווירקליכע. נאָר אַלענפאַלס, איז דער גאַסט געווען עהרווירדיג אונגעצוואונגען, כאָטש מיט איינגעהאַלטענער ווירדיגקייט; ער האָט אפילו פון אָנפאַנג זיך געווענדעט צום פירשט מיט אַזאַ אויסזעהן ווי ער וואָלט איהם געטאָן אַ טובה, — אָט אַזוי זיינען אָפט עהרווירדיג אונגעצוואונגען איינינגע שטאָלצע נאָר באַלעדיגטע מענשען. ער האָט גערעדט ליבליך, כאָטש ניט אָהן געוויסע טרויער־נאָטקעס.

— דאָס איז אייער בוך, וועלכען איך האָב ביי אייך נעכטען גע־נומען — האָט ער מיט וויכטיגקייט אַ שאָקעל געטאָן אין דער זייט פון דעם פון איהם געבראַכטען בוך, וועלכער איז געלעגען אויפ׳ן טיש, — איך דאַנק אייך.

— אַך יע, האָט איהר איבערגעלעזען דעם דאָזיגען אַרטיקעל, גע־נעראל? ווי געפעהלט ער אייך? יע, ער איז אינטערעסאַנט? — האָט זיך דער פירשט דערפרעהט מיט דער מעגליכקייט אָנצוהויבען אַ גע־שפּרעך אויף אַ זייטיגער טהעמאַ.

— יע, אינטערעסאַנט, אבער גראָב, און נאַריש, מעגליך, אז עס איז אויך ליגען.

דער געגעראַל האָט גערעדט מיט אַ פלאַמב און אפילו אביסעל אויסציהענדיג די ווערטער.

— אַך, דאָס איז אַזאַ איינפאַכע ערצעהלונג; אַן ערצעהלונג פון אַן אַלטען סאָלדאַט, וואָס האָט אַליין געזעהן מיט זיינע אייגענע אוי־

גען, וועגען די פראַנצויזען וואָס זיינען געווען אין מאָסקווע. אייניגע זאכען זיינען אויסגעצייכענט, און דערצו איז יעדע שריפט פון א מענשען וואָס האָט עס אליין געזעהן, אן אייגענס, ווער עס זאָל ניט זיין דער זעהער, איז דאָס ניט וואהר?

— ווען איך בין א רעדאקטאָר, וואָלט איך עס ניט געדרוקט, און וואָס עס געהערט זיך אין אלגעמיין די דערצעהלונגען פון מענשען, וואָס האָבען עס אליין געזעהן, וועלען זיי גלויבען גיכער א גראָבען ליגנער, נאָר א חברה־מאַן איידער א מענשען א ווירדיגען און ערענטלי־כען, איך ווייס אייניגע דערצעהלונגען וועגען דעם צוועלפטען יאָהר, וועלכע... איך האָב באשלאָסען, פירשט, איך לאָז די דאָזיגע הויז. — די הויז פון דעם הערר לעבעדעוו.

דער גענעראל האָט מיט גרוים וויכטיגקייט א קוק געטאָן אויפ'ן פירשט.

— איהר האָט דאָך אייער קוואַרטיר, אין פּאוולאָווסק ביי... ביי אייער טאָכטער... — האָט ארויסגעזאָגט דער פירשט, ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען. ער האָט זיך דערמאָהנט אז דער גענעראל איז דאָך געקומען נאָך אן עצה, פאר זעהר א וויכטיגער געלעגענהייט, פון וועל־כער ס'הענגט אָפּ זיין שיקזאל.

— ביי מיין פרוי; מיט אנדערע ווערטער, ביי זיך אין הויז און אין דער הויז פון מיין טאָכטער...

— ענטשולדיגט, איך...

— איך פארלאָז לעבעדעוו'ס הויז, ווייל ליבער פירשט, ווייל איך האָב מיט דעם דאָזיגען מענשען איבערגעריסען; איבערגעריסען נעכ־טען אָוועגט, מיט א פּאַרדרוס וואָס איך האָב עס ניט געטאָן פריהער. איך פאָדער אכטונג, פירשט, און איך וויל עס קריגען אפילו פון די מענשען, וועלכע איך שענק, אזוי צו זאָגען, מיין הארץ. פירשט, איך שענק אָפּט אוועק מיין הארץ און כמעט שטענדיג בלייב איך גענאַרט. דער דאָזיגער מענש איז ניט ווערטה מיין מתנה.

— ער איז פול מיט אונאָרדנונג, — האָט איינגעהאלטען באַ־מערקט דער פירשט — אין אייניגע שטריכען... נאָר אין דעם אלע־מען מערקט זיך אויך א הארץ. א כיטרער און אָפּט שפּילעוודיגער שכל.

די דינקייט פון די אויסדריקע און דער ווירדיגער טאָן זיינען

ווייזט אוים געפעלען געוואָרען דעם גענעראל. כאָטש ער האָט נאָך אַלץ פון צייט צו צייט געקוקט מיט פּלוצליכער אומצוטרויליכקייט... נאָר דעם פירשט'ס טאָן איז געווען אַזאַ נאַטירליכער און אויפריכטיגער, אַז מען האָט ניט געקענט צווייפלען...

— אַז ער פאַרמאָגט אויך פיינע מעלות, — האָט אונטערגעכאַפּט דער גענעראל — האָב איך דער ערשטער דאָס ערקלעהרט שיעור ניט שענקענדיג איהם מיין פריינדשאַפט. אבער איך נויטיג זיך ניט אין זיין הויז און אין זיין גאַסט־פריינדליכקייט, ווייל איך האָב אַן אייגענע פאַמיליע. איך וויל ניט ריין וואַשען מיינע חסרונות; איך בין ניט געצווימט. איך האָב מיט איהם גע'שכור'ט און איצט, מעגליך, פאַרדריסט עס מיך. אבער איך האָב דאָך ניט בלויז צוליב שיכרות (ענטשולדיגט פירשט, די גראָבע אָפענהערציגקייט פון אַן אויפגערעגטען מענשען.) ניט בלויז צוליב שיכרות האָב איך זיך מיט איהם באַפריינדעט? מיך האָט נעמליך טאַקע געצויגען צו איהם צוליב זיינע מעלות. נאָר אַלץ איז ביז אַ געוויסען גרעניץ, אפילו מעלות אויך: און ווען ער האָט די העזה מיט אַמאָל צו פאַרזיכערען אין די אויגען, אַז אין דעם יאָהר 1812, נאָך זייענדיג אַ קינד, האָט ער פאַרלאָרען זיין לינקע פוס און ער האָט זי באַגראָבען אויף דעם וואַגאַנקאָווסקען בית־עולם אין מאָסקווע, איז דאָס געהט שוין אריבער אַלע גרענעצען. צייגט עס מיסאַכטונג, ווייזט עס חוצפּה...

— אפשר איז דאָס בלויז געווען אַ שפּאַס, צום לאַכען?

— איך פאַרשטעה, אַן אומשולדיגער ליגען, כדי מאַכען צום לאַכען, מעג ער זיין כאָטש אַ גראָבער, וועט ניט באַלעדיגען אַ מענשענס האַרץ. איינער, ווען איהר ווילט, זאָגט טאַקע ליגען בלויז צוליב פריינדשאַפט, כדי צו פאַרשאַפען מיט דעם פאַרגעניגען זיין מיטשפּרעכער. נאָר ווען עס לויכט אַרוים אַ מיסאַכטונג, ווען מען וויל טאַקע מיט אַזאַ מיט אַזאַ מיספּאַראַכטונג באַווייזען, אַז די פריינדשאַפט איז אַ לאַסט, בלייבט פאַר אַן אָרענטליכען מענשען בלויז זיך אָפּקעהרען און איבעררייסען דעם בונד, באַווייזענדיג דעם באַלעדיגער זיין ריכטיגען פּלאַץ.

דאָס זאָגענדיג איז דער גענעראל אפילו רויט געוואָרען.

— יע, לעבעדעוו האָט ניט געקאָנט זיין אין דעם צוועלפטען יאָהר אין מאָסקווע, ער איז דערצו צו יונג. דאָס איז קאָמיש.

— ערשטענס, טאַקע דאָס; נאָר לאָמיר זאָגען, אַז ער האָט דאָן שוין געקאַנט געבוירען ווערען. נאָר ווי קען מען וועלען מאַכען צו גלויּ־בען אַ צווייטען, אַז אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט האָט איהם צוגערופען, האָט אויף איהם אָנגעשטעלט אַ הארמאַט און איהם אָפּגעשאָסען אַ פוס, אַזוי זיך צוליב פרעהליכקייט וועגען; און אַז ער האָט די פוס אויפגעהויבען און אוועקגעטראָגען אהיים און דערנאָך זי באַגראַבען אויף דעם וואַגאַנקאַווסקען בית־עולם און ער זאָגט, אַז ער האָט אויף איהר אַוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט, אויף וועלכער ער האָט אויף איין זייט אָנגעשריבען: „דאָ ליגט באַגראָבען די פוס פון קאָלעזשעסקי אַסע־סאָר לעבעדעוו“ און אויף דער צווייטער זייט: „רוה ליבער שטויב ביז דעם פריידיגסטען פריהמאָרגען“. און ביז ענדליך, האַלט ער נאָך איהר יעדען יאָהר אַ טויטען־מעסע (וואָס דאָס איז שוין אַ גאָטס־לעסטערונג), און אַז צוליב דעם פאָהרט ער יעדען יאָהר קיין מאָסקווע. אַלס באַווייז רופט ער מען זאָל מיט איהם פאָהרען קיין מאָסקווע, כדי צו באַווייזען דעם קבר, און אַפילו דעם זעלבען פראַנצויזישען הארמאַט אין קרעמעל, וועלכער איז אריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט; ער פאַרזיכערט, אַז ער איז דער עלפטער פון טויער, אַ פראַנצויזישער הארמאַט פון אַלטער איינריכטונג.

— און דערצו האָט ער דאָך ביידע פיס! — האָט זיך צעלאַכט דער פירשט — איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס איז אַן אומשולדיגער שפּאַס; זייט ניט ברוגז.

— אָבער ערלויבט מיר אויך צו פאַרשטעהן, וועגען דער פוס וואָס זי איז דאָ — איז דאָס, לאָמיר זאָגען, אויך ניט גאָר אומגלויבליך, ער פאַרזיכערט, אַז טשערנאָסוויטאָווסקעם פוס...

— אַך, יע, מיט טשערנאָסוויטאָווסקעם פוס קען מען טאַנצען.

— איך ווייס עס ווען טשערנאָסוויטאָוו האָט ערפונדען זיין פוס, איז ער די ערשטע זאַך געקומען צולויפען צו מיר זי ווייזען. נאָר טשער־נאָסוויטאָווס פוס איז ערפונדען געוואָרען אַסך שפּעטער... און דערצו פאַרזיכערט ער, אַז אַפילו זיין פאַרשטאָרבענע פרוי, האָט אין פאַר־לויף פון זייער פאַמיליען־לעבען, ניט געוואוסט, אַז איהר מאַן האָט אַ הילצערנע פוס. „ווען דו, זאָגט ער, ווען איך האָב איהם באַמערקט אויף די אַלע אומגעלומפּערטקייטען, — ווען דו ביזט אין דעם צוועלפ־

טען יאָהר געווען א קאמער־פאזש ביי נאפאלעאָנען, טאָ ערלויב מיר צו באגראָבען מיין פוס אויף דעם וואגאנקאָווסקען בית־עולם.״

— האָט איהר דען... — האָט דער פירשט אָנגעהויבען און זיך פארשעהמט. דער גענעראל האָט זיך אויך שיעור ניט פארשעהמט, נאָר אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט ער א קוק געטאָן אויפ׳ן פירשט פון דער הויך און שיעור, שיעור ניט מיט שפּאָט.

— פאָרענדיגט, פירשט, — האָט ער זעהר פליסיג ארויסגעזאָגט — פאָרענדיגט! איך בין א ווייכער מענש, רעדט אלעס: זייט זיך מודה, אז אייך קוקט אויס אפילו קאָמיש דער געדאנק צו זעהן פאר זיך א מענשען אין זיין וואהרער ערנידערונג און... אוננוצליכקייט, און אין דער זעלבער צייט הערען, אז דער דאָזיגער מענש איז געווען א פערזענליכער עדות... פון די גרויסע פאסירונגען... — האָט ע ר נאָך גאָר קיין צייט ניט געהאט אייך אנצו׳רכילות׳ן?

— ניין, איך האָב פון לעבעדעוו׳ען גאָר ניט געהערט — אויב איהר רעדט וועגען לעבעדעוו׳ן.

— המ... איך האָב געדענקט פארקעהרט. אייגענטליך האָט זיך דער גאנצער געשפּרעך ביי אונז געגומען אלץ צוליב דעם דאָזיגען... מאָדנעם אַרטיקעל פון ארכיוו. איך האָב באמערקט זיין אומגעלומ־פּערטקייט און אזוי ווי איך בין אליין געווען א פערזענליכער עדות... איהר שמייכעלט, פירשט, איהר קוקט אויף מיין געזיכט?

— נ־ניין, איך...

— איך קוק אויס יונג, — האָט געצויגען די ווערטער דער גע־נעראל, — נאָר איך בין אביסעל עלטער ווי איך קוק אויס אין דער אמת׳ן. אין דעם צוועלפטען יאָהר בין איך געווען אלט א יאָהר צעהן אדער עלף. מיינע ריכטיגע יאָהרען וויים איך אליין ניט. אין דעם דינסט־ליסט איז ווייניגער; איך אליין האָב אויך געהאט א שוואכ־קייט צו מאכען זיך ווייניגער די יאָהרען.

— איך פארזיכער אייך, גענעראל, אז איך געפין עס גאָר ניט פאר מאָדנע, וואָס איהר זייט אין דעם צוועלפטען יאָהר געווען אין מאָסקווע... און געוויס, קענט איהר דערצעהלען... ווי אלע געוועזענע. איינער פון אונזערע אויטאָביאָגראפען הויבט אָן זיין בוך טאקע מיט דעם, אז אין דעם צוועלפטען יאָהר האָט מען איהם א זויג־קינד, די פראנצויזישע סאָלדאטען, געקאָרמעט מיט ברויט.

— אַט זעהט איהר, — האָט נאַכזיכטליך צוגעשטימט דער גענע־ראַל — דער פאַל וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר איז ניט פון די גע־וועהנליכע, אבער ער ענטהאַלט אויך ניט אין זיך קיין אויסערגע־וועהנליכעס. אַפּטמאַל קוקט עס אויס אונמעגליך. א קאַמער־פּאַזש! ס'איז מאָדנע דאָס צו הערען. נאָר די פּאַסירונג מיט א צעהן יאָהריגען אינגעל, קען טאַקע נאָר ערקלעהרט ווערען דורך זיין עלטער. מיט א פופצען יאָהריגען וואָלט עס שוין ניט געקענט פּאַסירען, און דאָס איז אונבאַדינגט אַזוי, ווייל אלס א פופצעהן יאָהריגער וואָלט איך ניט אַנטלאָפען פון אונזער הילצערנער הויז אויף דער אַלטער באַסמאַנע, אין דעם טאָג ווען נאַפּאָלעאָן איז אַנגעקומען אין מאָסקווע, פון מיין מוטער, וועלכע האָט פארשפּעטיגט צו קומען קיין מאָסקווע און וועלכע האָט געציטערט פון שרעק. אלס א פופצעהן יאָהריגער וואָלט איך זיך דערשראָקען, און אלס צעהן יאָהריגער האָב איך זיך פאַר גאָרנישט ניט דערשראָקען און זיך דורכגעשלאָגען דורך אַן עולם צו די סאַמע טרעפּ, אין דער צייט ווען נאַפּאָלעאָן איז אַרונטער פון פערד.

— אָהן קיין צווייפעל, — האָט איהר אויסגעצייכענט באַמערקט.

— אַז טאַקע נאָר א צעהן יאָהריגער קען זיך ניט איבערשרעקען... — האָט נאָכגעזאָגט דער פירשט, ציטערענדיג און מוטשענדיג זיך מיט'ן געדאַנק, אז ער וועט באַלד רויט ווערען.

— אָהן קיין צווייפעל, און אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי איינפאַך און נאַטירליך, ווי עס קען טאַקע פאָרקומען אויף אַן אמת'ן. לאָז זיך דערפאַר נעהמען א ראָמאַניסט וואָלט ער אַנגעפּלוידערט אומגלויבליכע זאַכען און פּלוידערייען.

— אָ, דאָס איז אַזוי! — האָט אויסגערופען דער פירשט — דער געדאַנק איז מיר אויך איינגעפאַלען, און אפילו ערשט ניט לאַנג. איך ווייס איין אמת'ען מאָרד צוליב א זייגער, איצט שטעהט עס שוין אין די צייטונגען. ווען דאָס וואָלט אויסגעטראַכט א פאַרפאַסער — וואָל־טען די קענער פון פאָלקס־לעבען און קריטיקער גלייך אויפגעהויבען א געשריי, אז דאָס איז אומגלויבליך; און ווען זיי לייענען עס איבער אין די צייטונגען ווי א פאַקט, פיהלט איהר אז טאַקע פון אַזעלכע פאַקטען קען מען לערנען די רוסישע ווירקליכקייט. איהר האָט עס גוט באַמערקט, גענעראַל! — האָט מיט היץ פאַרענדיגט דער פירשט.

שרעקליך זיך דערפרעהענדיג וואָס ער האָט געקאָנט אויסמיידען פון קריגען פאַרב אין פנים.

— איז דאָס דען ניט ריכטיג? ניט ריכטיג? — האָט אויסגע־שריען דער גענעראַל, ביי וועמען אפילו די אויגען האָבען זיך צופינ־קעלט פון פאַרגעניגען — א קינד, א אינגעל, וועלכער פאַרשטעהט ניט וואָס עס מיינט געפאַהר, שטויסט זיך דורך דורכ'ן עולם, כדי צו זעהן גלאַנץ, מונדירען, א סוויטע, און ענדליך א גרויסען מענשען, וועגען וועלכען ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט. ווייל דאַן האָט מען עטלי־כע יאָהר כסדר בלויז געטומעלט וועגען איהם. די וועלט איז געוועזן פול מיט דעם דאָזיגען נאָמען; איך האָב איהם, אַזוי צו זאָגען, מיט די מילך איינגעזויגען. נאַפּאָלעאָן דורכגעהענדיג צוויי טריט פון מיר, באַמערקט מיין בליק; איך בין דאָך געגאַנגען אָנגעטאָן אין די קליי־דער פון א פריצ'ישען אינגעל, מיך האָט מען געקליידט פיין. איינער בין איך אַזאַ אין דעם גאַנצען עולם, שטימט אליין צו...

— אָהן קיין צווייפעל, אַז דאָס האָט איהם געדאַרפט ערשטוינען, און עס האָט איהם באַוויזען, אַז ניט אַלע זיינען ארויסגעפאָהרען, אַז עס זיינען אויך געבליבען אדעליגע מיט קינדער.

— זיכער, זיכער! ער האָט געוואָלט צוציהען די אדעליגע! ווען ער האָט אויף מיר געוואָרפען זיין אדלער־בליק, האָבען מיינע אויגען, ווייזט אויס, צו איהם א בליץ געטאָן מיט און ענטפער: “Viola un garden bein eveile! Qui estton pere? איך האָב איהם גלייך גע־ענטפערט, כמעט זיך שטיקענדיג פון אויפרעגונג: א גענעראַל, וועלכער איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד פון זיין פאָטערלאַנד. ”Le fils dun boyard et dun brave pardessus le marche! Joime les boyards maímes—tu petit? אויף דער דאָזיגער פראַ־גע האָב איך איהם אויך האסטיג געענטפערט: „א רוסישע האַרץ קען אפילו אין דעם סאַמע פיינד פון זיין פאָטערלאַנד אונטער־שיידען א גרויסען מענשען!“ דאָס הייסט, אייגענטליך, געדענק איך ניט, צי האָב איך זיך טאַקע אַזוי בוכשטעבליך אויסגעדריקט... איך בין געוועזן א קינד... נאָר דער געדאַנק איז זיכער געוועזן דער זעלבער! נאַ־פּאָלעאָן איז געוועזן ערשטוינט, ער האָט א טראַכט געטאָן און געזאָגט צו זיין סוויטע: מיר געפעהלט דער שטאָלץ פון דעם דאָזיגען קינד. נאָר ווען אלע רוסישע דענקען אַזוי ווי דאָס קינד, דאַן“... ער האָט ניט

דערערדט און איז אריין אין פּאַלאַץ. איך האָב זיך גלייך פאַרמישט אין דער סוויטע און בין איהם נאָכגעלאָפען. אין דער סוויטע האָט מען שוין פאר מיר אָפּגעטראָטען און געקוקט אויף מיר ווי אויף א ליבלינג... נאָר דאָס אלץ איז ווי פאַרביינעלאָפען... איך געדענק בלויז, אז אריינקומענדיג אין דעם ערשטען זאַל, האָט זיך דער אימפּעראַטאָר מיט אמאָל אָפּגעשטעלט פאר דעם פּאָרטרעט פון דער אימפּעראַטע־ריצע יעקאַטערינא, לאַנג געקוקט אויף איהם פאַרטראַכט, און ענדליך אויסגערופען: „דאָס איז געווען א גרויסע פרוי!" און איז פאַרביי־געגאַנגען. אין א פּאָר טאָג ארום האָבען מיך שוין אַלע אין פּאַלאַץ גע־קענט און אין קרעמעל, און גערופען "La petit boyard" איך פלעג בלויז געהן נעכטיגען אהיים. אין דער היים איז מען שיעור פון זינען ניט ארונטער. נאָך אין א פּאָר טאָג שטאַרבט אוועק נאַפּאָלעאָנס קאַ־מער־פּאזש באַראָן דע־באַזאַנקור, וועלכער האָט ניט געקענט אריבער־טראָגען דעם פעלד־צוג. נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערמאָנט אָן מיר; מען האָט מיך גענומען, געבראַכט צו פיהרען, ניט ערקלעהרענדיג צו וואָס, אָנגעמאָסטען אויף מיר דעם מונדיר פון דעם פאַרשטאָרבענעם איי־נגעל, וועלכער איז געווען אלט א יאָהר צוועלף, און ווען מען האָט מיך שוין געבראַכט אין א מונדיר צום אימפּעראַטאָר און ער האָט צו מיר א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, האָט מען מיר ערקלעהרט, אז איך בין באַווירדיגט געוואָרען און געמאַכט געוואָרען אלס קאַמער־פּאזש פון זיין עקסעלענץ. איך בין געווען צופרידען, איך האָב אין דער אמת'ן געפיהלט צו איהם, און שוין לאַנג, א הייסע סימפּאַטיע... נו, און אוי־סער דעם, ווערט איהר דאָך איינשטימען, אז א גלאַנציגער מונדיר איז פאַר א קינד אלעס... איך בין געווען אָנגעטאָן אין א דונקעל־גרינעם פראַק מיט לאַנגע און שמאָלע פּאָלדען; גילדערנע קנעפּ, רויטע זוימען אויף די אַרבעל מיט גאָלד־געגעהט. א הויכער מיט גאָלד־געגעהטער קאָל־נער, אלץ מיט פּאָלדען. ווייס אייגגעצויגענע הויזען, א ווייסע זיידענע זשילעטקע, זיידענע זאָקען, שיך מיט שנעלען... און אין דער צייט פון שפּאַציער, פלעגט דער אימפּעראַטאָר זיצען אויפ'ן פערד, און ווען איך האָב גענומען אנטהייל אין דער סוויטע, פלעג איך געהן אין הויכע באַטפּאָרטען. כאָטש די לאַגע איז געווען ניט זעהר קיין גלענצענדע און עס האָבען זיך שוין געפיהלט גרויסע אומגליקען, אָבער די עטי־קעטע האָט מען לויט דער מעגליכקייט געהאַלטען. און אפילו אלץ

מעהר פינקטליכער, וואָס נעהענטער ס׳זיינען געוואָרען די אומגליקען.

— זיכער, געווים... — האָט ארויסגעמורמעלט דער פירשט, כמעט מיט א פארלאָרענעם אויסזעהן — אייערע מעמוארען וואָלטען געווען... אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנט.

דער גענעראל האָט זיכער איבערגעגעבען אלץ וואָס ער האָט נעבּ־טען דערצעהלט לעבעדעוו׳ן, און ער האָט, ווייזט אויס, איבערגעגעבען פליסיג, נאָר האָט ער ווידער מיט אומצוטרויען קרום א קוק געטאָן אויפ׳ן פירשט.

— מיינע מעמוארען, — האָט ער אויסגערופען מיט דאָפּעלטען שטאָלץ — אָנשרייבען מיינע מעמוארען? דאָס האָט מיך ניט אָנגעלאָקט, פירשט! ווען איהר ווילט זיינען מיינע מעמוארען שוין אָנגעשריבען אבער... זיי ליגען ביי מיר. לאָז זיין ווען מען וועט פארשיטען מיינע אויגען מיט ערד, לאָזען זיי דאן ערשיינען, און אָהן צווייפעל איבערזעצט ווערען אויף אנדערע שפּראכען, ניט צוליב זייער ליטעראַרישען ווערטה, ניין, נאָר צוליב דער וויכטיגקייט פון די גוואַלדיגע פאקטען, פון וועלכע איך בין געווען אן עדות, כאָטש א קינד; נאָר דאָס איז טאקע בעסער: ווי א קינד בין איך אריינגעדרונגען אין דער סאַמע אינטימער אזוי צו זאָגען, אין שלאָף־צימער פון דעם „גרויסען מענשען!" איך האָב אין די נעכט געהערט די קרעכצען פון דעם דאָזיגען „ריז אין אומגליקען". ער האָט ניט געקענט שעהמען זיך צו קרעכצען און וויינען פאר א קינד, כאָטש איך האָב שוין פארשטאַנען, אז די אורזאכען פון זיינע ליידען — איז דאָס שווייגען פון אימפעראַטאָר אלעקסאנדער...

— יע, ער האָט דאך טאקע געשריבען בריף... מיט פרידענס־פּאָרשלעגע... — האָט ציטערדיג איינגעשטימט דער פירשט.

— אייגענטליך איז אונז ניט באַקאנט וועגען וואָס פאר א פּאָרשלעגע ער האָט געשריבען. ער האָט געשריבען יעדען טאָג, יעדע שטונדע, און בריף נאָך בריף! ער איז געווען שרעקליך אויפגערעגט! איינמאָל ביינאכט, ווען מיר זיינען געווען אליין, האָב איך זיך צו איהם געוואָרפען מיט טרערען: (אָ, איך האָב איהם ליעב!) בעט, בעט ענטשולדיגונג ביי דעם אימפּעראַטאָר אלעקסאנדער!" האָב איך צו איהם געשריען. דאָס הייסט, איך האָב זיך געדאַרפט אויסדריקען: מאכט שלום מיט דעם אימפּעראַטאָר אלעקסאנדער!" נאָר ווי א קינד האָב

— איך נאַאיוו אַרויסגעזאָגט אַלץ וואָס איך דענק. אָ, קינד מיינס! האָט ער געענטפערט — ער איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער. — אָ, קינד מיינס! — ער האָט דאַן ווי ניט באַמערקט, אַז מיר איז צעהן יאָהר און ער האָט ליעב געהאַט צו פאַרברענגען מיט מיר — אָ, קינד מיינס, איך בין גרייט צו קושען די פיס פון אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער, אבער דערפאַר האָב איך צום פּרייסישען קייזער, און צום עסטרייכישען אימפּעראַטאָר און אייביגען האַס... און... ענדליך... וואָס פאַרשטעהסטו אין פּאָליטיק?" ער האָט פּלוצלינג ווי זיך דערמאָהנט מיט וועמען ער רעדט און איז אַנטשוויגען געוואָרען, נאָר זיינע אויגען האָבען נאָך לאַנג געשאָסען מיט פונקען. נו, ווען איך נעהם און באַשרייב איהם אָט די אַלע פאַקטען — איך בין געווען דער עדות פון די גרויסע פאַקטען — ווען איך זאָל זיי איצט אַרויסגעבען, וועלען זיך אָט די אַלע קריטיקער, אָט די אַלע ליטעראַרישע פּוסט־שטאָלציגקייטען, אָט די אַלע אייפערזיכטיגקייטען, פּאַרטייען און... ניין, איך דאַנק אייך!

— וועגען די פּאַרטייען האָט איהר געוויס ריכטיג באַמערקט, איך שטים מיט אייך איין, — האָט שטיל נאָך אַ קאַפּיטשקע שווייגען געענטפערט דער פירשט. — אָט האָב איך אויך גאָר ניט לאַנג איבערגעלייענט שאַרראַסעס בוך וועגען דער מלחמה ביי וואַטערלאָו, דער בוך איז ווייזט אויס, אַן ערנסטער און די ספּעציאַליסטען פאַרזיכערן, אַז ער איז אָנגעשריבען מיט אַסך קענטעניס פון דער זאַך, נאָר עס קוקט אַרויס פון יעדען זייט, די פרייד מיט נאַפּאָלעאָנס ערנידערונג און ווען מען וואָלט געקענט אָוועקנעהמען ביי נאַפּאָלעאָנען יעדען צייכען פון טאַלאַנט אויך אין אַנדערע מלחמות, וואָלט שאַראַס, דוכט זיך, געווען דערמיט זעהר צופרידען; און דאָס איז שוין ניט שעהן אין אַזאַ ערנסט ווערק, ווייל דאָס איז דער גייסט פון פּאַרטייען. זייט איהר דאַן זעהר געווען פאַרנומען אין אייער דיענסט ביים... אימפּעראַטאָר?

דער גענעראַל איז געווען אין גרויס פרייד. דעם פירשט'ס באַמערקונג האָט מיט איהר ערנסטקייט און איינפאַכקייט צוטריבען די לעצטע שטיקלאַך פון זיין ניט צוטרויליכקייט.

— שאַרראַס! אָ, איך אַליין בין אויך געווען אויפגעבראַכט! איך האָב דאַן געשריבען צו איהם אבער... איך געדענק שוין אייגענטליך ניט... איהר פרעגט, צי בין איך געווען פאַרנומען אין דיענסט? אָ,

ניין! מיך האָט מען אָנגערופען קאמער־פאזש, נאָר איך האָב שוין דאָן דאָס ניט געדענקט, אז דאָס איז ערנסט, און דערצו האָט נאפּאָלעאָן זעהר גיך פארלאָרען זיין יעדע האָפענונג צו דערנעהנטערן צו זיך די רוסען, און ער וואָלט געוויס אויך פארגעסען אָן מיר, וועלכען ער האָט דערנעהנטערט צוליב פּאָליטיק ווען... ווען ער וואָלט מיך פּערזענליך ניט ליעב באקומען, איך זאָג דאָס איצט מיט דרייסט. אויך מיין הארץ האָט צו איהם געצויגען. וועגען דיענסט האָט זיך דאָ ניט געשמועסט; מען האָט גענדארפט אָפּטמאָל ערשיינען אין פּאַלאַץ און... באגלייטען רייטענדיג דעם אימפּעראטאָר אויף זיינע שפּאצירען, אָט דאָס איז אלץ. איך בין געפּאָהרען גאנץ גוט רייטענדיג. פּאָהרען פלעגט ער פאר מיטאָג, אין דער סוויטע פלעגען געוועהנליך זיין, דאוואו, איך, מאָ־מעליוק רוסטאָן...

— קאנסטאָן, — האָט זיך ניט ווילענדיג אָרויסגעכאפּט ביים פירשט.

— נ־ניין, קאנסטאָן איז דאָן ניט געווען; ער פלעגט דאָן ארומ־פּאָהרען מיט די בריף... צו דער אימפּעראטעריצע זשאזעפינע; נאָר אויף זיין פּלאַץ פלעגען זיין צוויי ארדינארצעס, עטליכע פּוילישע אור־לאַנען... נו, אָט דאָס איז די גאנצע סוויטע, פארשטעהט זיך אָהן די גענעראלען און מארשאלען, וועלכע נאפּאָלעאָן פלעגט נעהמען מיט זיך, כדי צוזאמען מיט זיי באקוקען די פּלעצער, דעם לאַגער פון די סאָלדאטען, זיך באראטען... מעהר פון אלעמען פלעגט זיך מיט איהם געפינען דאוואו, וועלכען איך געדענק ווי איצטער: א גרויסער, א פּור־לער, א קאָלטבלוטיגער מענש, אין ברילען, מיט א מאָדנעם בליק. מיט איהם פלעגט זיך מעהר ווי מיט אלעמען זיך באראטען דער אימפּע־ראטאָר. ער האָט געשעצט זעהר הויך זיינע געדאנקען. איך געדענק, ווי זיי האָבען זיך שוין באראטען עטליכע טאָג כסדר. דאוואו פלעגט קומען אי אין דער פריה, אי אין אָווענט, אָפט פלעגען זיי זיך ארומ־קריגען; ענדליך האָט נאפּאָלעאָן ווי געוומען איינשטימען. זיי זיי־נען געווען אין צווייען אין קאָבינעט, איך א דריטער, כמעט פון זיי אָן אונבאָמערקטער. פּלוצלינג פאַלט נאפּאָלעאָנס בליק צופעליג אויף מיר, א מאָדנער געדאנק שוועבט דורך פאר זיינע אויגען: קינד! זאָגט ער צו מיר מיט אמאָל — ווי דענקסטו: ווען איך וועל אָנ־נעהמען דעם פּראוואָסלאַוונעם גלויבען און וועל באפרייען אייערע

קנעבט, וועלען די רוסען געהן נאָך מיר אָדער ניט״ ? — „קיינמאָל ניט״ ! — האָב איך אויסגעשריען מיט כעס. נאַפּאָלעאָן איז געווען ערשטוינט. אין די אויגען פון דעם קינד וועלכע האָבען אָנגעהויבען גלאַנצען מיט פּאַטריאָטיזם, האָט ער געזאָגט, — האָב איך איבער־געלייענט די מיינונג פון דעם גאַנצען רוסישען פאָלק. גענוג דאַוואָו ! דאָס איז אַלץ איז ניט מעהר ווי א פאַנטאַזיע ! לעגט פאָר אייער צווייטען פּראָיעקט״ !

— יע. אָבער אויך דער פּראָיעקט האָט געהאַט א פעסטען געדאַנק ! האָט געזאָגט דער פירשט, קענטיג פאַראינטערעסירט. — איהר שרייבט הייסט עס צו דעם דאָזיגען פּראָיעקט אלס דאַוואָו׳ס ארבייט ?

— אמווינציגסטענס האָבען זיי זיך צוזאַמען באַראַטען. ס׳פאַר־שטעהט זיך, אז דער געדאַנק איז געווען א נאַפּאָלעאָנישער, אָן אָד־לער־געדאַנק. נור דער צווייטער פּראָיעקט איז אויך געווען א גרויסער געדאַנק... דאָס איז טאַקע יענער באַריהמטער ליאָנער־ראַטה, ווי נאַפּאָלעאָן אליין האָט אָנגערופען דעם דאָזיגען ראַטה פון דאַוואָו. דער פּראָיעקט איז געווען דער, מען זאָל זיך פאַרשליסען אין קרעמעל, מיט דער גאַנצער ארמיי, אויפשטעלען באַראַקען, זיך איינגראָבען אין פעסטונגען, צושטעלען האַרמאַטען. אויסהרג׳ענען לויט דער מעגליכקייט, וואָס מעהר פערד, איינזאַלצען זייער פלייש. לויט דער מעגליכקייט קריגען וואָס מעהר ברויט און איבערווינטערן ביז פריהלינג ; און אין פריהלינג זיך דורכרייסען צווישען די רוסען. דער דאָזיגער פּראָיעקט, איז זעהר שטאַרק געפעהלען געוואָרען נאַפּאָלעאָנען. מיר פלעגען אלע טאָג פאָהרען ארום די קרעמעל־ווענט, ער האָט אָנגעוויזען וואו ברעכען, וואו בויען, וואו א ליונעט, וואו א ראַוועלין, אָוואו א שורה פון בלאָק־הייזער, — א בליק, א שנעלקייט, א קלאַפּ. ענדליך איז אַלץ באַשלאָסען געוואָרען ; דאַוואָו איז צוגעשטאַנען פאַר אָן ענדגילטיגען באַשלום. ווידער זיינען זיי געבליבען אליין, און איך א דריטער. ווידער איז נאַפּאָלעאָן ארומגעגאַנגען איבער׳ן צימער, מיט אויפגעלעגטע הענט. איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּרייסען פון זיין געזיכט, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט. „איך געה״ — האָט געזאָגט דאַוואָו. „וואוהין ?״ האָט געפרעגט נאַפּאָלעאָן. „זאַלצען די פערד״, האָט געזאָגט דאַוואָו. נאַפּאָלעאָן האָט א ציטער געטאָן, עס האָט זיך באַשלאָסען דער שיקזאַל. „קינד, האָט ער מיר פּלוצלינג געזאָגט —

„וואָס דענקסטו וועגן אונזער פּלאַן?" פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט עס מיר געפרעגט, ווי עס טרעפט אָפט, אַז אַ מענש מיט דעם גרעס־טען פאַרשטאַנד, ווענדט זיך אין לעצטען אויגענבליק צו אַן אַדלער אָדער צו אַ רעשאָטקע. אַנשטאָט צו נאַפּאָלעאָנען ווענד איך זיך צו דאַוואָו און רעד ווי אין אַ נבואה: „לויפט אהיים גענעראַל!" דער פּראָיעקט איז צושטערט געוואָרען. דאַוואָו האָט אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען און אַרויסגעהענדיג האָט ער געזאָגט שעפּטשענדיג: Bah! Le devient supersticieux! און אויף מאָרגען איז שוין ערקלערט געוואָרען אַ צוריקטריט.

דאָס אַלעס איז זעהר אינטערעסאַנט — האָט אַרויסגעזאָגט דער פירשט שרעקליך שטיל — אויב דאָס אַלץ איז טאַקע אַזוי געווען... דאָס הייסט, איך וויל זאָגען... האָט ער געאײַלט צו פאַרריכטען.

— אַ, פירשט! האָט אויסגערופען דער גענעראַל, באַררוישט פון זיין ערצעהלונג, אויף אַזוי פיעל, איז מעגליך, אַז ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלען פאַר קיין זאַך — איהר זאָגט: „אַז דאָס אַלץ איז געווען!" נור איך פאַרזיכער אייך, אַז ס'איז געווען מעהר, געווען פיעל מעהר! דאָס זיינען אַלץ מיזערנע פאַקטען, פּאָליטישע. נור איך ווידערהאָל דאָך אייך, אַז איך בין געווען דער עדות פון ביי נאַכטיגע טרערען און קרעכצען פון דעם דאָזיגען גרויסען מענשען; און דאָס האָט שוין קיינער ניט געזעהן חוץ מיר! אמת, צום שלום, האָט ער שוין ניט געוויינט, ס'זיינען שוין ניט געווען קיין טרערען, נור ער האָט פון צייט צו צייט געקרעכצט; און זיין געזיכט האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פאַרצויגען אין פינסטערניש. פּונקט ווי די אייביגקייט האָט איהם שוין אַרונטערגענומען אונטער איהרע פליגלען. אָפטמאָל אין די נעכט, האָבען מיר פאַרבראַכט גאַנצע שטונדען אַליין, שווייגענדיגערהייט — מאַמעליוק רוסטאַן האָט געווען געכראָפּעט אין דעם צווייטען צימער; אָער דאָזיגער מענש האָט געהאַט זעהר אַ שווערען שלאָף. „דערפאַר איז ער געווען טריי מיר און דער דינאַס־טיע." פלעגט וועגען איהם זאָגען נאַפּאָלעאָן. איינמאָל איז מיר גע־ווען שרעקליך פאַרדריסליך, און פּלוצלינג האָט ער באַמערקט טרערען אין מיינע אויגען; ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט ליבשאַפט: „דו האָסט מיטלייד מיט מיר?" האָט ער אויסגערופען. „דו ביזט אַ קינד, מיין זון! Le roi de rome די איבעריגע האָבען מיך אַלע,

אַלע פיינט. און די ברידער וועלען מיך די ערשטע פּארקויפען אין אַן אומגליק!" איך האָב זיך צעוויינט און זיך א וואַרף געטאָן צו איהם; דאָ האָט ער ניט אויסגעהאַלטען; מיר האָבען זיך ארומגענו־מען און אונזערע טרערען האָבען זיך צוזאַמענגעמישט. „שרייבט אַן שרייבט אַן א בריף צו דער אימפּעראַטעריצע זשאָזעפינע!" האָב איך איהם געזאָגט וויינענדיג. נאָפּאָלעאָן האָט א ציטער געטאָן, א טראַכט געטאָן און מיר געזאָגט: „דו האָסט מיך דערמאָהנט אַן א דריטען האַרץ, וועלכעס ליעבט מיך, איך דאַנק דיר פריינד מייגער!" און דאָ אויפ'ן פּלאַץ האָט ער זיך געזעצט און אַנגעשריבען יענעם בריף צו זשאָזעפינען מיט וועלכען ער האָט אויף מאָרגען אוועקגעשיקט קאָנסטאַנען.

— איהר האָט געטאָן א פיינע זאַך, האָט געזאָגט דער פירשט — צווישען די שלעכטע געדאַנקען, האָט איהר איהם ארויפגעפיהרט אויף א גוטען געפיהל.

— געוויס איז דאָס אזוי, פירשט, און ווי פיין איהר ערקלעהרט עס, אין איינקלאַנג מיט אייער אייגען האַרץ! האָט מיט פריידע אויסגעשריען דער גענעראַל, און מאָדנע, טאַקע אמת'ע טרערען האָבען א בלישטע געטאָן אין זיינע אויגען — יע, פירשט, יע, דאָס איז געווען א גרויסע שוישפּיל! און ווייסט איהר, אז איך בין שיעור ניט אוועקגעפאָהרען מיט איהם קיין פּאַריז און איך וואָלט געוויס געטהיילט מיט איהם, דעם „הייסען אינזעל פון תפיסה." נור אוי ועה! אונ־זערע שיקזאַלס זיינען געווען פאַרשיידען! מיר זיינען זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען: ער אויפ'ן „הייסען אינזעל," וואו ער האָט באַטש איינ־מאָהל אין מינוטען פון שרעקליכען טרויער, זיך מעגליך, דערמאָהנט וועגען די טרערען, פון דעם אָרימען אינגעל, וועלכער האָט איהם ארומ־גענומען און זיך מיט איהם געזעגענט אין מאָסקווע; און איך בין אוועקגעשיקט געוואָרען אין דעם קאַדעטישען קאָרפּוס, וואו איך האָב געפונען בלויז א מושטיראָווקע, א גראָבע באַנעהמונג פון חברים, און.... אוי וועה! אַלץ איז אוועק מיט'ן רויך! „איך וויל דיך ניט אוועקנעהמען פון דיין מוטער און נעהם דיך ניט מיט!" האָט ער מיר געזאָגט אין דעם טאָג פון זיין צוריקטריט, „נאָר איך וואָלט געוואָלט עפּעס וואָס טאָן פאַר דיר." ער זעצט זיך שוין אויפ'ן פערד: שרייבט

מיר עפּעס אַז אין מיין שוועסטער'ס אַלבאָם, צום אַנדענקען." האָב איך ארויסגעזאָגט, מיט ציטערניש, ווייל ער איז געווען זעהר צוטראַ־גען און אומעטיג. ער האָט זיך אומגעקעהרט, געבעטען ברענגען א פּעדער, גענומען דעם אַלבאָם: ווי אַלט איז דיין שוועסטער?" האָט ער מיך געפרעגט שוין האַלטענדיג די פּעדער. „דריי יאָהר," האָב איך געענטפערט. "Petite fille alors" און ער האָט געגעבן א שרייב אריין אין אַלבאָם: "Ne mentez jamais", "Napoleon votre ami sincere."

— יע, דאָס איז אינטערעסאַנט.

אזא ראַטה אין אזא מינוט, וואָס זאָגט איהר דערויף פּירשט?

— די דאָזיגע בלעטעל, אין א גאָלדענעם רעמיל, אונטער א גלאָז, איז דעם גאַנצען לעבען געהאַנגען ביי דער שוועסטער אין גאַסט־צימער, אויף דעם סאַמע אַנגעזעהענעם פּלאַץ, ביז איהר טויט — געשטאָרבען איז זי אין א קימפּעט; וואו איז ער איצט — ווייס איך ניט... אָבער... אַך גאָט מיינער! ס'איז שוין צוויי א זייגער! אוי ווי איך האָב אייך פאַרהאַלטען, פּירשט! דאָס איז א פאַרברע־כען!

דער גענעראַל האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל.

— אָ, פאַרקעהרט! האָט ארויסגעשטאַמעלט דער פּירשט — איהר האָט מיך אזוי אונטערהאַלטען און... ענדליך... איז דאָס אזוי אינטערעסאַנט; איך בין אייך אזוי דאַנקבאַר!

— פּירשט! האָט געזאָגט דער גענעראַל, ווידער צונויפדריקענ־דיג זיין האַנט ביז וועהטאָג און קוקענדיג אויף איהם דורכדרינגענד מיט בליצענדע אויגען, פּונקט ווי ער וואָלט אליין וואָלט ערשט גע־קומען צו זיך, און פּונקט ווי פאַרטויבט און א פּלוצליכער אידעע: פּירשט! איהר זייט אויף אזוי פיעל גוט, אויף אזוי פיעל ריין־האַר־ציג; אַז איך קריג אָפּט מיטלייד מיט אייך. איך קוק אויף אייך מיט געפיהל; אָ בענש אייך גאָט! זאָל אייער לעבען זיך אָנהויבען און אויפבליהען... אין ליבע. מיין לעבען אי זאָבער איז שוין צו ענדע! אָ, פאַרצייט מיר! פאַרצייט מיר!

ער איז האַסטיג ארויס, פאַרדעקענדיג מיט די הענט דאָס געזיכט. אין דער אופריכטיגקייט פון זיין אויפרעגונג האָט דער פּירשט ניט

געקענט צווייפלען. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אז דער אַלטער איז ארויס פאַרשיכור׳ט פון זיין ערפאָלג; נור ער האָט פונדעסטוועגען פאַראויסגעפיהלט, אַז דאָס איז געווען איינער פון יענעם סאָרט ליגנער, וועלכע כאָטש זיי זאָגען ליגען ביז ליידענשאַפט און אפילו ביז זעלבסטפאַרגעסענהייט, נור ווען זיי קומען צו דעם העכסטען פונקט פון זייער שיכרות, הויבען זיי דאָך אָן צו פאַרדעכטיגען פאר זיך אליין, אז מען גלויבט זיי פאַרט ניט, און מען קען זיי ניט גלויבען. אין דעם איצטיגען צושטאַנד זיינעם, האָט דער אַלטער געקאָנט זיך דערמאָהנען, און שטאַרק זיך פאַרשעהמען, פאַרדעכטענדיג דעם פירשט אז ער האָט גרויסען מיטלייד מיט איהם. „האָב איך אפשר ניט גוט געטאָן, וואָס איך האָב איהם געבראַכט צו אזאַ באַגייסטערונג?“ האָט זיך באַאומרוהיגט דער פירשט, און פלוצלינג האָט ער ניט אויסגעהאַלטען און זיך זעהר שטאַרק צעלאַכט, א מינוט צעהן. ער האָט געוועזען אַנגעהויבען זיך פאַרצואוואַרפען פאר דעם דאָזיגען געלעכטער; נור דאָ האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אז ער האָט זיך אין גאַרנישט ניט פאַרצוואוואַרפען, ווייל ער האָט זעהר רחמנות אויפ׳ן גענעראַל.

זיין פאַראויסגעפיהל האָט זיך ארויסגעוויזען אַלס ריכטיג. שוין אין אָווענט האָט ער ערהאַלטען א מאָדנעם צעטעלע, א קורצען, נור אַן ענטשלאָסענעם. דער גענעראַל האָט געלאָזט וויסען, אז ער שיידט זיך מיט איהם אויף אייביג, אז ער אַכטעט איהם און איז איהם דאַנקבאַר, נור ער וועט אפילו פון איהם ניט אַננעהמען „קיין סמנים פון מיטלייד, וועלכע ערנידעריגען די ווירדיגקייט פון דעם שוין אַזוי אויך געגוג ערנידעריגטען מענשען.“ ווען דער פירשט האָט דערהערט, אז דער אַלטער האָט זיך פאַרשלאָסען ביי נינאַ אַלעקסאַנדראָווואַ, האָט ער זיך כמעט באַרוהיגט פאר איהם. נור מיר האָבען דאָך געזעהן, אז דער גענעראַל האָט אָנגעמאַכט צרות ביי ליזאַוועטאַ פּראָקאָפיעוונאַ, מיט ביטערע אַנדייטונגען אויף האַניאַ׳ן האָט ער זי געבראַכט אין צאָרען. מען האָט איהם מיט שאַנדע ארויסגעפיהרט. אָט פאר וואָס ער האָט עס פאַרבראַכט אזאַ נאַכט און אזאַ פריהמאָרגען, ער איז אין גאַנצען צודרעהט געוואָרען און איז ארויסגעלאָפען אין גאָס שיעור ניט אין א וואַהנזיניגען צושטאַנד.

קאָליאַ האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך און ער האָט געדענקט צו ווירקען מיט שטרענגקייט.

— נו! אוואוהין וועלען מיר זיך איצט שלעפען, ווי דענקט איהר גענעראל? האט ער געזאגט — געהן צום פירשט ווילט איהר ניט, מיט לעבעדעווען האט איהר זיך צוקריגט, קיין געלט האט איהר ניט, און איך האב קיינמאל ניט: נו אט זיצען מיר אויף באב אין מיטען גאס.

— ס'איז פיעל אנגענעהמער צו זיצען מיט באב, ווי אויף באב, האט ארויסגעמורמעלט דער גענעראל — מיט דעם דאזיגען קאלאמבור, האב איך ארויסגערופען עקסטאז... אין דער אפיצערסקער געזעלשאפט... אין דעם פיער און פערציגטען... טויזענד אכטהונדערט... פיער און פערציגטען יאהר. יע!... איך געדענק ניט... א, דערמאהן מיך ניט! דערמאהן מיך ניט! א וואו איז מיין יוגענד! וואו איז מיין פרישקייט!" ווי עס האט אויסגערופען... ווער האט ער אויסגערופען, קאליא?

— ביי גאגאל'ן, אין די „טויטע נפשות" פאפא, האט געענטפערט קאליא און האט מיט שרעק געקוקט אויפ'ן פאטער.

— די „טויטע נפשות"! א יע, די טויטע! ווען דו וועסט מיך באגראבען, שרייב אן אויף מיין קבר: „דא ליגט א טויטער נפש!"

„א שאנדע פאלגט מיך נאך!"

ווער האט דאס געזאגט, קאליא?

—איך ווייס ניט פאפא.

— עראפעגאוו איז ניט געווען! עראשקא עראפעגאוו!... האט ער אויסגעשריען אין גרוים צארן, אפשטעלענדיג זיך אין גאס — און דאס איז א זון, א לייבליכער זון! עראפעגאוו, א מענש וועלכער האט פארנומען עלף מאנאטען דעם פלאץ פון א ברודער, פאר וועלכען איך האב אויף א דועל... זיצענדיג ביי א פלעשעל שנאפס, רופט זיך צו איהם אן פירשט ווינגארעצקי, אונזער קאפיטאן: „דו, גרישא, וואו האסטו דיין אננא געקראגען, זאג נור אקארשט?" — „אויף די פעלדער פון מיין פאטערלאנד, אט וואו איך האב עס געקראגען!" איך זאג: „בראווא גרישא!" נו איז דא ארויסגעקומען א דועל, און דערנאך האט ער חתונה געהאט מיט... מאריא פעטראוונא סו... סוטיגינא. און איז גע'הרג'עט געווארען אויף די פעלדער.... א קויל איז אפגעשפרונגען פון מיין צלם אויפ'ן הארצען און איהם גלייך געטראפען אין שטערן: „איך וועל אייביג ניט פארגעסען!" האט ער אויסגע־

שריען און איז געפאַלען אויפ'ן אָרט. איך... האָב געדיענט עהרליך, קאַליאַ; איך האָב געדיענט אָרענטליך נור די שאַנדע — „די שאַנדע פאָלגט מיך נאָך!" דו און נינאַ וועט איהר קומען צו מיר אויפ'ן קבר'ל... „אָרימע נינאַ!" איך האָב זי פריהער אַזוי גערופען, קאַליאַ, שוין לאַנג, נאָך אין דער ערשטער צייט, און זי האָט אַזוי געליבט... נינאַ! נינאַ! וואָס האָב איך געטאָן מיט דיר? פאַר וואָס קענסטו מיר ליבען, געדולדיגע נשמה! דיין מאַמע האָט אַ נשמה פון אַ מלאך, קאַליאַ, דו הערסט? פון אַ מלאך!

— דאָס ווייס איך פּאַפּאַ, פּאַפּעלע טהייערער, קומט לאָמיר געהן צוריק אַ היים, צו דער מאַמען! זי איז אונז נאָכגעלאָפען. נו, וואָס האָט איהר זיך אָפּגעשטעלט? פונקט ווי איהר וואָלט ניט פאַרשטאַנען? נו, וואָס־זשע וויינט איהר, וואָס?

קאַליאַ אַליין האָט אויך געוויינט און געקושט דעם פאָטערס הענט.

— דו קושט מיר די הענט, מיר!

— נו יע, אייך, אייך. נו, וואָ סאיז דאָ צו וואונדערן זיך? נו, וואָס האָט איהר זיך צוואַמערט אויפ'ן מיטען גאַס, און איהר רופט זיך נאָך גענעראַל, אַ מיליטערישער מענש, נו קומט!

— בענש דיך גאָט, טהייערע קינד וואָס דו האָסט זיך אויפּגעפיהרט עהרווירדיג מיט אַ שענדליכען — יע! מיט דעם שענדליכען אַלטיטשקען, דעם פאָטער דיינעם... זאָל דיך גאָט אויך בענשען מיט אַזאַ קינד... "Le roi de rome" אָ, „אָ פלוך, אַ פלוך אויף דער דאָזיגער הויז!"

— וואָס זשע טוט זיך דאָ טאַקע אויף אַן אמת'ן! איז פּלוצלינג אויפגעזאָדען קאַליאַ — וואָס האָט דאָ פּאַסירט? פאַר וואָס ווילט איהר איצט ניט אומקעהרען זיך אהיים? פאַר וואָס זייט איהר משוגע געוואָרען?

—איך וועל ערקלעהרען, איך וועל דיר ערקלעהרען... איך וועל דיר דערצעהלען אַלעס: שריי נישט, מען וועט דערהערען... Le roi de Rome... „אָ, ס'איז מיר ניט גוט! אָ, ס'איז מיר טרויערדיג! ניאַנע, וואו איז דיין קבר?"

— ווער האָט עס אויסגערופען, קאַליאַ?

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט ווער עס האָט אויסגערופען!

קומט שוין אהיים! שוין! איך וועל האנקא'ן אָנשלאָגען ווען ס'איז נויטיג... אבער וואוהין קריכט איהר עס ווידער?

גור דער גענעראל האָט איהם געצויגען צו די טרעפ פון א נאָ־הענטער הויז.

— וואוהין שלעפט איהר? דאָס איז א פרעמדע הויז!

דער גענעראל האָט זיך געזעצט אויף די טרעפ און האָט אַלץ צו־געצויגען קאָליאַ'ן פאַר'ן האַנט.

— בויג זיך אָן, בויג זיך אָן! האָט ער געמורמעלט — איך וועל דיר אַלץ דערצעהלען... ס'איז א שאַנדע... בויג זיך אָן... מיט'ן אויער, אויער... איך וועל דיר זאָגען אויפ'ן אויער...

— אבער וואָס ווילט איהר! האָט זיך שרעקליך דערשראָקען קאָליאַ און האָט דאָך אונטערגעשטעלט דעם אויער.

— Le roi de Rome... האָט אַרויסגעשעפטשעט דער גענעראל, און דערביי אויך ווי געציטערט...

— וואָס? און וואָס ווילט איהר פון דעם Le roi de Rome? וואָס?

— איך... איך... האָט ווידער אָנגעהויבען שעפטשען דער גענע־ראל אַלץ פעסטער און פעסטער זיך אָנהענגענדיג אויפ'ן אַקסעל פון זיין אינגעל, — איך... וויל... איך וועל דער... אַלץ, מאַריא, מאַריא... פעטראָוונא סו—סו—סו...

קאָליאַ האָט זיך אויסגעריסען, האָט געכאַפּט דעם גענע־ראל פאַר'ן פלייצע און ווי א וואהנזיניגער געקוקט אויף איהם. דער אַלטער איז רויט געוואָרען, זיינע ליפען זיינען בלוי געוואָרען, קליינע צוקונגען זיינען נאָך דורכגעלאָפען אויף זיין געזיכט. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגעבויגען און האָט אָנגעהויבען פּאַמעליך צו פאַלען אויף קאָליאַ'ס הענט.

— אַן אַפּאָפּלעקסיע! האָט יענער אויסגעשריען איבער'ן גאַנ־צען גאַס, ענדליך זיך אָנשטויסענדיג וואָס דאָ טוט זיך.

פיפטער קאַפּיטעל.

אין דער אמת'ן, האָט וואַרוואַרא אַרדאַליאָנאָוונא, אין דעם גע־שפּרעך מיט'ן ברודער, אַביסעל פאַרגרעסערט די פּינקטליכקייט פון איהרע נאַכריכטען וועגען דעם פירשט שדכן'ענען זיך צו אַגלאַיא עפּאַנטשין. מעגליך ווי א ווייט בליקענדע פרוי, האָט זי פאָראויס־געזעהן דאָס, וואָס עס האָט געזאָלט פּאַסירען אין דער נאָהענטער צו־קונפט; מעגליך, אַז נעהמענדיג זיך צום האַרצען פאַר די מיט'ן רויך צו־פלויגענע חלומות (אין וועלכע, זי האָט אין אמת'ן, אַליין ניט גע־גלויבט), האָט זי ווי א מענש, ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגען אין דעם פאַר־גענִיגען פון פאַרגרעסערען דעם אומגליק, צוצוגיסען נאָך אַביסעלע גיפט אין דעם ברודערס האַרץ, וועלכען זי האָט איבעריגענס, אויפ־ריכטיג און מיט רחמנות געליבט. נור אַלענפאַלס, האָט זי ניט גע־קענט קריגען פון איהרע פריינדינעס, די עפּאַנטשינס, אַזעלכע פּינקט־ליכע נאַכריכטען; עס זיינען געווען בלויז אַנדייטונגען, ניט קיין דער־זאָגטע ווערטער, פאַרשוויגונגען, רעטענישען. און מעגליך, אַז אַג־לאַיא'ס שוועסטער האָבען זיך אומישנע עפּעס אַרויסגערעדט, כדי זיי זאָלען אַליין עפּעס אַרויסקריגען פון וואַראַוואַרא אַרדאַליאָנאָוונא; ענדליך, האָט געקענט פּאַסירען אויך דאָס, אַז אויך זיי האָבען ניט געוואָלט זיך ענטזאָגען אין דעם ווייבערשען פאַרגעניגען, אַביסעלע א רייץ טאָן זיך מיט א פריינדין, כאָטש בלויז אַ פריינדין פון קינדהייט: זיי האָבען דאָך ניט געקענט ניט דערזעהן, פאַר אַזוי פיעל צייט, כאָטש א קליין שטיקעלע פון איהרע באַצוועקונגען.

פון דער צווייטער זייט האָט אויך דער פירשט, כאָטש ער איז געווען אין גאַנצען גערעכט, פאַרזיכערענדיג לעבעדעוו'ן, אַז מיט איהם האָט גאָרנישט פּאַסירט, האָט ער קען געבען, אויך געמאַכט א טעות. אין דער אמת'ן, איז מיט אַלעמען פאָרגעקומען עפּעס וואָס וואונדער־ליכעס: עס האָט גאָרנישט ניט פּאַסירט און אין דער זעלבער צייט האָט ווי עפּעס פיעלעס פּאַסירט. דאָס לעצטע האָט וואַרוואַרא

ארדאליאנאָווּנאַ געטראָפען מיט איהר ריכטיגען פרויען אינסטינקט.

— ווי אזוי אָבער עס איז פאָרגעקומען, וואָס ביי די עפּאַנטשין׳ס האָבען זיך אַלע מיט אַמאָל זיך געפרעגט איין פראַגע, וועגען דעם, אז מיט אַגלאַיאַ׳ן האָט פּאַסירט עפּעס גרויסעס און אז עס ענטשייי־דעט זיך איהר שיקזאַל — דאָס איז זעהר שווער צו דערצעהלען איז אָרדנונג. נור גלייך ווי דער געדאַנק האָט אויפגעבליצט ביי אַלעמען מיט אַמאָל, ווי גלייך האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, אז שוין לאַנג האָבען דאָס אַלע געזעהן, און האָבען דאָס אַלעס פאָראויסגע־זעהן; אז דאָס אַלעס איז נאָך געווען פון דעם „אָרימען ריטער" פון און נאָך אפילו פריהער. נור דאָן האָט מען נאָך ניט געוואָלט גלויי־בען אין אַזאַ ווילדע זאַך. אזוי האָבען באַהויפּטעט די שוועסטער; געווים האָט אויך ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ פריהער פון אַלעמען פאָראויסגעזעהן און זיך דערוואוסט און שוין לאַנג האָט איהר „וועה געטאָן דאָס הארץ", נור לאַנג, צו ניט — איצט איז דער געדאַנק וועגען פירשט איהר פּלוצלינג זעהר ניט געפעהלען געוואָרען, און די הויפּט זאַך דערפאַר ווייל ער האָט איהר צעטומעלט. דאָ איז ענט־שטאַנען אַ פראַגע, וועלכע מען האָט געדאַרפט שוין, גלייך ענטשיידען; נור ניט נור האָט זי איהר ניט געקענט ענטשיידען, נור אפילו די פראַגע אַליין, האָט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ זיך ניט געקאָנט שטעלען אין איהר פולער קלאָרהייט, אויף וויפיעל זי האָט זיך ניט אָנ־געשטרענגט. די זאַך איז געווען אַ שווערע: „איז דער פירשט גוט אָדער ניט גוט? איז דאָס אַלץ גוט אָדער ניט גוט? אויב ניט גוט (וואָס דאָס איז אונצווייפעלהאַפט), איז מיט וואָס אייגענטליך איז דאָס ניט גוט? און אויב ס׳איז אפשר יע גוט (וואָס איז אויך מעגליך) איז מיט וואָס איז דאָס גוט?" אויך דער פאָטער פון דער פאַמיליע איוואַן פיאָדאָראָוויטש אַליין, איז פריהער פון אַלץ, פאַרשטעהט זיך, געווען פאַרוואונדערט, נור דערנאָך האָט ער פּלוצלינג זיך מודה גע־ווען, אז „ביי גאָט, איהם האָט דאָס אַלעס, די גאַנצע צייט געשוועבט פאַר די אויגען, ניין, ניין, און פּלוצלינג פלעגט עס איהם אַ שוועב טאָן פאַר די אויגען". ער איז גלייך אַנטשוויגען געוואָרען אונטער דעם פירכטליכען בליק פון זיין פרוי, אָבער אַנטשוויגען איז ער גע־וואָרען אין דער פריה, און אין אָווענט, ווען ער איז געבליבען אַליין מיט דער פרוי, און איז ווידער געווען געצוואונגען צו רעדען, האָט ער

מיט אַמאָל און ווי מיט אַ באַזונדערער מוטהיקייט, ארויגעזאָגט עטליכע אונערוואַרטעטע געדאַנקען: „אַז אין דער אמת'ן איז דאָס גאָר ניט אַזוי שרעקליך? (אַ שטיל שווייגען). געוויס, קוקט עס אויס זעהר מאָדנע, אויב דאָס איז נור אַן אמת, ער וויל גאָר ניט דעבאַטירען, אַבער...“ (ווידער אַ שטיל שווייגען). „און פון דער צווייטער זייט, אויב קוקען אויף זאַכען ניכטער, איז דער פירשט, ביי גאָט, אַ וואונדערליכער יונגער מאַן, און... און, און — נו און ענדליך איז דאָך זיין נאָמען, אונזער פאַמיליען־נאָמען, און דאָס וועט אויסקוקען, אַזוי צו זאָגען, ווי אַ מין אויפהאַלטען פון דעם אייגענעם נאָמען, וועלכער געפינט זיך אין ערנידערונג, אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט. דאָס הייסט, קוקענדיג פון דעם דאָזיגען שטאַנדפונגט, דאָס הייסט, ווייל... געוויס איז די געזעלשאַפט אַ געזעלשאַפט, נור פון דעסטוועגען איז דאָך דער פירשט ניט גאָר קיין אָרימאַן, כאָטש אויך ניט קיין גרויסער גביר, ער פאַרמאָגט... און... און... און...“ (אַ לאַנגער שטיל שווייגען און אָפּהאַקונג).

אויסהערענדיג דעם מאַן איז ליזאַוועטאַ פּראָקאָפיעוונאַ ארויס

לויט איהר מיינונג, איז דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען „אַן אונענטשולדיגענדע און אַפילו פאַרברעכערישע נאַרישקייט, אַ פאַנטאַסטישע בילד אַזאַ, אַ נאַרישע און אומגעלומפּערטע!“ פריהער פאַר אַלץ דאָס וואָס „דער דאָזיגער פירשטעל — איז אַ קראַנקער אידיאָט, דאָס צווייטע, — אַ נאַר, וועלכער קאָן ניט די וועלט, און האָט קיין פּלאַץ ניט אויף דער וועלט; און דערצו ווער קען מען איהם ווייזען? און צו וואָס קען מען איהם צושטעקען? עפּעס אַ דעמאָקראַט אַזאַ אַ משוגענער, אַפילו קיין טשין האָט עס ניט, און... און... וואָס וועט זאָגען די בעלאָקאָנסקאַיאַ? און צו דען אַזאַ, אַזאַ מאַן האָט מען געדענקט און געוואונשען צו קריגען פאַר אַגלאַיען?“ דער לעצטער אַרגומענט איז פאַרשטעהט זיך געווען דער סאַמע שטאַרקסטער. דער מוטערס האַרץ האָט געציטערט פון דעם דאָזיגען געדאַנק, זיך באַגאָסען מיט בלוט און טרערען. כאָטש אין דער זעלבער צייט האָט זיך עפּעס באַוועגט אין דעם דאָזיגען האַרץ, עפּעס וואָס האָט צו איהר פּלוצלינג געזאָגט: „און מיט וואָס איז דער פירשט ניט אַזאַ וועלכען איהר דאַרפט“. און טאַקע אָט די רייד פון איהר אייגענעם האַרצען, זיינען געווען די ערגסטע פאַר ליזאַוועטאַ פּראָקאָפיעוונאַ.

אגלאיעם שוועסטער איז צוליב עפּעס־וואָס גראדע געפּעהלען געווארען דער געדאנק וועגען פירשט; און עס האָט זיך אויסגעדוכט אז עס איז גאָר ניט אזוי קרום. מיט איין וואָרט, זיי האָבען פּלוצלינג געקענט זיך געפונען אפילו אין גאנצען אויף זיין צייט. נור זיי ביידע האָבען באשלאָסען צו שווייגען. ס׳איז שוין איינמאָל זעהר גוט באַמערקט געווארען אין דער פאמיליע, אז וואָס איינגעשפּארטער און עקשנות׳דיגער, עס זיינען אָפּטמאָל ענטשטאַנען, אין א וועלכען ס׳ניט איז אלגעמיינעם און דיספּוטירענדען פאמיליען פּונקט, ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונעם טענות און ווידערשפּרעכונגען, אלץ מעהר האָט עס פאר אלעמען געדיענט אלס צייכען, אז זי האָט, מעגליך, שוין אויף דעם דאָזיגען פּונקט איינגעשטימט. נור איבעריגענס, האָט אלעקסאנדרא איוואנאָוונא ניט געקאָנט אין גאנצען שווייגען, אנערקענענדיג זי שוין פון לאנג אלס איהר ראטהגעבעריז, האָט די מאַמע זי אלע ווייל, איצט געשיקט רופען און געפּאָדערט איהר מיינונג און דערהויפּט — עראינערונגען, דאס הייסט: „ווי אזוי זשע האָט דאס אלעם פּאסירט“ פאר וואָס האָט עס קיינער ניט באמערקט? פאר וואָס האָבען זיי דאן ניט געזאָגט? וואס האָט דאן געמיינט דער פאסקודנער „אָרימער ריטער?“ און פאר וואָס איז זי אליין, ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא, פאראוטהיילט צו זאָרגען וועגען אלעמען, אלץ באַמערקען און פאָראויסזעהן, און אלע איבעריגע — זיינען נור פארנומען בלויז מיט צעהלען ראָבען? און אזוי ווייטער, אז. וו. אלעקסאנדרא איוואנאָוונא איז פון אָנהויב געוועזן פאָרזיכטיג און זי האָט בלויז באמערקט, אז איהר דוכט, אז דער פּאָפּאַ האָט רעכט, וועגען דעם, אז פ..׳ דער וועלט, מעגליך, קען אויסקוקען זעהר צופרידענשטעלענד דער אויסוואהל פון פירשט מישקין אלס מאן פאר איינע פון די עפּאנטשינס. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זיך אָנוואָרימענדיג, האָט זי אפילו צוגעגעבען, אז דער פירשט איז גאר ניט קיין „נארעלע“ און איז דאָס קיינמאָל ניט געוועזן. און וואָגאָ וויכטיגקייט — איז ווייס איין גאָט, וואס איין עטליכע יאָהר ארום וועט מיינען וויכטיקייט פון אן אנשטענדיגען מענשען, ביי אונז אין רוסלאנד; צו וועט דאס זיין אין די פרייהערדיגע ערפאָלגען אויף א רעגירונגס־שטעלע צו אין עפּעס אנדערש? אויף דעם אלעמען, האָט די מאַמע גלייך ארייגעזאָגט: אז אלעקסאנדרא איז „א פריידענקערין“ און אז דאָס איז אלץ זייער פרויען־

פראַגע" און דערנאָך אין א האַלבע שטונדע אַרום איז זי אוועק אין שטאָט און פון דאָרטען אויף דעם „שטיינערנעם אינזעל", כדי צו טרעפען די בעלקאַנסקאיא, וועלכע האָט זיך ווי אומישנע אין יענער צייט געפונען אין פּעטערבורג, און וועלכע, איבעריגענס, האָט באַלד געדאַרפט אַבפאָהרען צוריק. די בעלקאַנסקאיא איז געווען אגלאיאס טויף־מוטער.

די אַלטע בעלקאַנסקאיא האָט אויסגעהערט אַלע פיבערישע און פאַרצווייפעלטע ערקלעהרונגען פון ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא און זי איז גאָרניט געריהרט געוואָרען פון די טרערען פון דער צוטומעלטער פאַמיליען־מוטער, זי האָט זי אפילו שפּאָטיש אָנגעקוקט, דאָס איז געווען א שרעקליכע דעספּאָטין, אין פריינדשאַפט און אפילו פון די סאַמע יונגע יאָהרען, האָט זי ניט געקאָנט פאַרטראָגען קיין גלייכ־הייט. און אויף ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא האָט זי געקוקט ווי אויף איהר פּראָטעזשע, ווי מיט פינף און דרייסיג יאָהר צוריק, און זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט שלום מאַכען מיט דער שאַרפקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא'ס כאַראַקטער. צווישען אַנדערעס, האָט זי באַמערקט, „אַז איהר דוכט זיך, אַז זיי אַלע האָבען לויט זייער שטענדיגען שטייגער צופיעל פאַרלאָפען פאָראויס, און פון א פליעג געמאַכט א העלפאַנט, און אַז וו. און אַז. וו.

הייסט עס, אַז עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז מען דאַרף זיך באַ־רוהיגען, קוקען קאַלט־בלוטיג און וואַרטען, נור אוי וועה, די רוהיקייט האָט אפילו ניט אָנגעהאַלטען קיין צעהן מינוט. דער ערשטער קלאַפּ איז געגעבען געוואָרען צו דער קאַלטבלוטיגקייט דורך די נאָכריכטען וועגען דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער מאַמעס אָפּוועזענהייט אויף דעם „שטיינערנעם אינזעל", (עליזאַבעטאַ פּראָ־קאָפּיעוונאַ'ס רייזע איז פאָרגעקומען אויפ'ן צווייטען פריהמאָרגען, נאָכדעם ווי דער פירשט, איז נעכטען געקומען אום איינס אַזייגער ביינאַכט אָנשטאָט צעהן.) אויף די אומגעדולדיגע פראַגען פון דער מוטער האָבען די שוועסטער געענטפערט מיט א סך איינצעלהייטען, אַז ערשטענס, איז כמעט, דוכט זיך, גאָרנישט אין דער צייט פון איהר אָפּוועזענהייט, ניט פאָרגעקומען, אַז דער פירשט איז געקומען, און אַז אַגלאַיאַ איז לאַנג צו איהם ניט אַרויסגעקומען אַזוי, אַרום אַ האַלבע שטונדע, און דערנאָך איז זי אַרויסגעקומען, און ווי זי איז

ארויסגעקומען האָט זי גלייך פארגעלעגט דעם פירשט צו שפּילען אין שאַך; און אז אין שאַך קען דער פירשט ניט מאַכען קיין גאנג, און אַגאַליאַ האָט איהם גלייך באַזיעגט; אז זי איז געוואָרען זעהר פרעהליך און האָט שרעקליך געמאַכט צו שאַנד דעם פירשט פאר זיין ניט קענען, האָט שרעקליך געלאַכט פון איהם, אזוי אז אויף דעם פירשט איז געווען א רחמנות צו קוקען. דערנאָך האָט זי פארגע־לעגט צו שפּילען אין קאָרטען, אין „דוראַטשקעס", נאָר דאָ איז גע־וואָרען פארקעהרט: דער פירשט האָט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אַזאַ בריה אין „דוראַטשקעס" ווי... ווי א פּראָפעסאָר; ער האָט גע־שפּילט ווי אַ קינסטלער; אַגאַליאַ האָט געפּרובירט פאַלשעווען און זי האָט אפילו קאָרטען אונטערגעשטעקט, און אין די אויגען איהם באַגאַנוועט, און פונדעסטוועגען האָט ער זי אלע מאָל געמאַכט צום נאַר; א מאָל פינף נאָכאַנאַנד. אַגאַליאַ איז שרעקליך אין כעס געוואָרען און האָט זיך אין גאַנצען פארגעסען; זי האָט אָנגערעדט דעם פירשט אַזעלכע שטעכווערטלאַך און פרעכקייטען, אזוי, דאָס ער האָט שוין אפילו אויפגעהערט לאַכען און ער איז אין גאַנצען בלאַס געוואָרען, ווען זי האָט איהם ענדליך געזאָגט, „אז איהר פוס וועט ניט זיין אין דעם דאָזיגען צימער, ביז וואַנען ער וועט דאָ זיצען, און ס'איז אפילו ניט שעהן פון זיין זייט נאָך דאָס אַלעס וואָס האָט פּאַ־סירט, צו געהן צו זיי, און נאָך דערצו אין מיטען נאַכט, אום איינס אַזייגער. און דערנאָך האָט זי א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס. דער פירשט איז אוועקגעגאַנגען ווי פון א לויה, ניט אַכטענדיג אויף אלע זייערע טרויסט־רעד. פּלוצלינג, אין א פערטיל שטונדע ארום ווי עס איז אוועק דער פירשט, איז אגלאיא ארונטערגע־לאָפען אויף דער טעראַסע, און אין אַזאַ אייליגניש, דאָס זי האָט אפילו די אויגען ניט אויסגעווישט און די אויגען זיינען ביי איהר געווען פארוויינטע; און ארונטערגעלאָפען איז זי צוליב דעם ווייל עס איז געקומען קאָליאַ און געבראַכט אַ איגעל. זיי אלע האָבען גענומען באַטראַכטען דעם איגעל; אויף זייערע פראַגע האָט קאָליאַ ער־קלעהרט, אז דער איגעל איז ניט זיינער, און אז ער געהט עס איצט צוזאַמען מיט א צווייטען גימנאַזיסט, קאַסטיאַ לעבעדעוו, וועלכער איז געבליבען שטעהן אויפ'ן גאַס און שעהמט זיך אריינגעהן צוליעב דעם ווייל ער טראָגט א האַק; און אז דער איגעל און די האַק האָבען

זיי געקויפט אָט ערשט ביי אַ פּאַרבייייגענדען פויער. דעם איגעל האָט דער פויער פאַרקויפט און גענומען פאַר איהם פופציג קאָפּיקעס, און די האַק האָבען זיי איהם אליין איינגעשמועסט צו פאַרקויפען ווייל עס איז זעהר אַ גוטע האַק. דאָ האָט אַגאַליאַ פּלוצלינג גענומען שרעקליך צושטעהן צו קאָליאַ'ן, אַז ער זאָל איהר טאַקע שוין פאַר־קויפען דעם איגעל, זי איז געוועזן אויסער זיך, האָט אַפילו קאָליאַ'ן אָנגערופען „ליבינקער". קאָליאַ האָט לאַנג ניט געוואָלט צושטימען, נאָר ענדליך האָט ער ניט אויסגעהאַלטען און אַ רוף געטאָן קאָסטיאַ לעבעדעוו'ען, וועלכער איז טאַקע אַריינגעקומען מיט אַ האַק און האָט זיך זעהר פאַרשעהמט. נאָר דאָ האָט זיך גאָר אונערוואַרטעט אַרויסגעשטעלט, אַז דער איגעל באַלאַנגט גאָר ניט צו זיי, נאָר צו עפּעס אַ דריטען אינגעל, פּעטראָוו, וועלכער האָט זייביידען געגע־בען געלט אַז זיי זאָלען פאַר איהם קויפען ביי עפּעס אַ פּירטען אינגעל, שלאָסערס געשיכטע, וועלכער יענער, נויטיגענדיג זיך אין געלט, פאַרקויפט פאַר זעהר ביליג, און אַז זיי זיינען אַוועק קויפען שלאָסערס געשיכטע, נאָר זיי האָבען זיך ניט געקענט באַהערשען און געקויפט דעם איגעל, אַזוי דאָס עס קומט אויס, דאָס דער איגעל און די האַק געהערען גאָר צו יענעם דריטען אינגעל, צו וועמען זיי טראָגען עס איצטער, אַנשטאָט שלאָסערס געשיכטע. נאָר אַגאַליאַ איז אַזוי צוגעשטאַנען, דאָס ענדליך, האָבען זיי זיך ענטשלאָסען און איהר פאַרקויפט דעם אינגעל. גלייך נאָכדעם ווי אגלאַיאַ האָט אַריינגע־קראָגען דעם איגעל, האָט זי איהם תיכף, מיט קאָליאַ'ס הילף, אַריינ־געלעגט אין אַ געפלאָכטענער קערבעל, צוגעדעקט מיט אַ סאַלפעטקע, און גענומען בעטען קאָליאַ'ן, אַז ער זאָל טאַקע שוין, און אין ערגיץ ניט פאַרגעהענדיג, איהם אָפּטראָגען צום פּירשט, אין איהר נאָמען וועגען, מיט אַ ביטע אָנצונעהמען „אַלס צייכען פון איהר טיפסטער אַכטונג". קאָליאַ האָט מיט פרייד איינגעשטימט און געגעבען דאָס וואָרט, אַז ער וועט צושטעלען, נאָר באַלד האָט ער גענומען צושטעהן, „וואָס מיינט עס אַז איגעל אלס מתנה?" אַגאַליאַ האָט איהם גע־ענטפערט, אַז דאָס איז ניט זיין עסק. ער האָט געענטפערט, אַז ער איז איבערצייגט, אַז דאָ ליגט באַהאַלטען עפּעס אַן אַלעגאָריע. אַגאַליאַ איז געוואָרען אין כעס, און איהם אָפּגעשניטען, אַז ער איז אַ אינגעל און ניט מעהר. קאָליאַ האָט איהר גלייך געענטפערט, אַז

ווען ער וואָלט זיך מיט איהר ניט גערעכענט ווי מיט א פרוי, און דערצו אויך מיט זיינע איבערצייגונגען, וואָלט ער איהר באַלד באַוויזען, אז ער קען ענטפערען אויף אזא באליידיגונג. איבעריגענס, האָט זיך עס געענדיגט דערמיט וואָס קאָליא איז מיט שמחה אוועק מיט דעם איגעל און נאָך איהם איז אוועקגעלאָפען אויך קאסטיא לעבעדעוו. אַגאַליא האָט ניט אויסגעהאַלטען, און דערזעהענדיג אז קאָליא שאָקעלט צופיעל מיט דער קערבעל, האָט זי איהם נאָכגעשריען פון טעראסע: „איך בעט אייך קאָליא טייערער, לאָזט עס ניט איין!" פונקט ווי זי וואָלט זיך מיט איהם אָט ערשט גאר נישט געקריגט; קאָליא האָט זיך אפּגעשטעלט און האָט אויך פונקט ווי ער וואָלט זיך ניט געקריגט, זיך צושרייען מיט דעם גרעסטען רעספּעקט: „ניין, אַגאַליא איוואַנאָווא איך וועל עס ניט איינלאָזען, איהר מעגט זיין גאַנץ רוהיג!" און האָט ווידער גענומען שטאַרק לויפען. אַגלאַיא האָט זיך נאָכדעם שרעקליך צולאַכט און איז אוועקגעלאָפען צו זיך, זעהר א צופרידענע און א גאַנצע טאָג דערנאָך איז זי געווען זעהר פרעהלאך.

אזא נאָכריכט האָט אין גאַנצען צוטומעלט ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא. דוכט זיך וואָס איז דאָ געשעהן? נאָר קענטיג, אז אזא שטימונג איז אויף איהר אָנגעקומען. איהר אומרוהיגקייט איז געווען זעהר פערשטאַרקט און דערהויפּט — דער איגעל. וואָס מיינט אן איגעל? וואָס פאר אן אפּמאַך שטעקט דעין? וואָס קען מען אין דעם פארשטעהן? וואָס איז דאָס פאר א צייכען? וואָס פאר א טעלעגראַם? און דערצו האָט דער ארימער איוואַן פּיאָדאָראָוויטש וועלכער איז אָנוועזענד געווען ביי דעם פארהער, האָט אין גאַנצען איבערפיהרט דעם עסק מיט זיין ענטפער. לויט זיין מיינונג, איז דאָ קיין טעלעגראַם ניטאָ. און אַז דער איגעל, איז בלויז אן איגעל און אויסער דעם אפשר באַצייכענט עס אויך, פריינדשאַפט, דאָס פארגעסען פון א באַליידיגונג און א שליסונג פון פריעדען. מיט איין וואָרט, דאָס אלעס, איז ניט מעהר ווי א שטיפעריי, נאָר אלענפאַלס, אן אומשולדיגע און א פארצייבאַרע."

מיר וועלען באַמערקען אין קלאַמערען אז ער האָט טאַקע געטראָפען. דער פירשט איז קומענדיג אהיים פון אַגאַליא'ן, פארלאַכט און ארויסגעטריבען פון איהר, שוין ביי א האַלבע שטונדע געזעסען אין זעהר א פינסטערער פארצווייפלונג, ווען פלוצלינג איז

ערשיענען קאַליאַ מיט'ן אינגעל. גלייך האָט זיך דער הימעל אויסגע־לייטערט, דער פירשט איז ווי פון טויט לעבעדיג געוואָרען; ער האָט פאַנאַנדערגעפּרעגט קאַליאַ'ן, געמאָסטען יעדען וואָרט זיינעם, איבערגעפּרעגט צו צעהן מאָל, געלאַכט ווי אַ קינד און אַלע ווײַלע גע־דריקט די הענט פון די ביידע לאַכענדיגע אינגלעך. עס קומט אויס, הייסט עס, אַז אַגאַליאַ פּאַרצייעט און דעם פירשט איז שוין ווידער ערלויבט צו קומען צו זיי היינט אין אָוונט, און פאַר איהם איז דאָס ניט נאָר געווען די הויפּט זאַך, נאָר אַלעס.

— ער, קאַליאַ, וואָס פאַר אַ קינדער מיר זיינען נאָך! און... און... ווי גוט עס איז וואָס מיר זיינען נאָך קינדער! האָט ער מיט ענטציקונג ענדליך אויסגערופען.

— ס'איז גאַנץ איינפאַך, זי איז אין אייך פאַרליבט, פּירשט, און מעהר גאָר נישט!! האָט מיט אויטאָריטעט געענטפערט קאַליאַ.

דער פירשט איז רויט געוואָרען, נאָר דעם מאָל האָט ער גאָר ניט געזאָגט, און קאַליאַ האָט בלויז געכאַכאָטשעט און געפּאַטשט אין די הענט; אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אויך צולאַכט דער פּירשט. און דערנאָך ביז אין אָוונט האָט ער יעדע פינף מינוט געקוקט אויפ'ן זייגער, צי איז שוין אַ סך אָוועק, און וויפיעל איז נאָך געבליבען ביז אָוונט.

נאָר די שטימונג האָט געזיעגט: ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט ענדליך ניט אויסגעהאַלטען און זיך אונטערגעגעבען אַ היסטערי־שער מינוט. ניט קוקענדיג אויף אַלע טענות פון מאַן און טאָכטער, האָט זי גלייך געשיקט נאָך אַגאַליאַ'ן, מיט דעם צוועק, כדי איהר צו שטעלען די לעצטע פּראַגע און פון איהר אַרויסקריגען דעם סאַמע קלאָרען און לעצטען ענטפער. „מען מוז דאָס אַלעס גלייך ענדיגען און אַרונטערוואַרפען פון די פּלייצעס, אַזוי אַז מען זאָל עס אַפילו ניט דאַרפען מעהר דערמאָהנען!" און ווען ניט—האָט זי ערקלעהרט—וועל איך ניט דערלעבען ביז אָוונט!" און דאַ ערשט האָבען זיך אַלע געכאַפּט צו וואָס פאַר אַ צושטאַנד זיי האָבען די זאַך געבראַכט. אויסער געמאַכטע פאַרוואונדערונג, כעס, געלכטער און שפּאַס איבער'ן פּירשט און איבער אַלע די וואָס האָבען איהר געשטעלט די פראַגע — האָט מען פון אַגאַליאַ'ן גאָר נישט געקענט אַרויסקריגען. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט און איז אַרויס נאָר

צום טיי, צו יענער צייט ווען מען האָט ערוואַרטעט דעם פירשט. דעם פירשט האָט זי ערוואַרטעט מיט ציטערניש און ווען ער איז ער־שינען, האָט זי ווידער שיעור ייט געקראַגען היסטעריקע.

און דער פירשט אַליין איז אויך אַריינגעקומען מיט שרעק, כמעט גאַרנישט זעהענדיג אַרום זיך, מאָדנע שמייכלענדיג, אַריינקוקענדיג אַלעמען אין די אויגען, און ווי אַלעמען פאַרגעבענדיג אַ פראַגע, ווייל אַגאַליאַ איז ווידער ניט געווען אין צימער, פון וואָס ער האָט זיך תיכף דערשראָקען. אין דעם אָווענט איז קיינער פון די זייטיגע ניט געווען, בלויז נור מיטגלידער פון דער פאַמיליע. פירשט שטש. איז נאָך געווען אין פעטערבורג צוליב דעם עסק מיט יעווגעני פאַוולאָוויטש'עס אָנקעל. „ווען ער וואָלט כאָטש געווען און עפּעס געזאָגט", האָט גע'דאגה'ט וועגען איהם ליזאַוועטאַ פּראָקאָפיעוונאַ. איוואַן פיאָדאָ־ראָוויטש איז געזעסען מיט זעהר אַ פאַרזאָרגטען אויסזעהן; די שוועסטער זיינען געווען ערנסט און ווי זיי וואָלטען אומישנע גע־שוויגען. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפיעוונאַ האָט ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבען דעם געשפּרעך. ענדליך האָט זי ענערגיש אויסגעזידעלט די אייזענבאַהן און אַ קוק געטאָן אויפ'ן פירשט מיט אַן ענטשלאָסענעם אַרויסרוף.

אוי ווייה! און אַגאַליאַ איז נאָך אַלץ ניט אַרויסגעקומען און ד'ער פירשט איז געווען אַ פאַרלאָרענער. קוים קוים געפּליסטערט און צוטומעלטערהייט, האָט ער אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז צו פאַר־ריכטען די אייזענבאַהן לינע איז זעהר נוצליך, נאָר אַדעלאַאידאַ האָט זיך פּלוצלינג צולאַכט און דער פירשט האָט זיך ווידער פאַרלאָרען. אין דעם זעלבען אויגענבליק איז אַריין אַגאַליאַ רוהיג און ווירדיג, זי האָט מיט צערעמאָניע זיך אַ נויג געטאָן צום פירשט, און האָט פייערליך פאַרנומען דעם סאַמע אָנגעזעהענעם פּלאַץ אַרום דעם קיי־לעכדיגען טיש. זי האָט פרעגענד אַ קוק געטאָן אויפ'ן פירשט. אַלע האָבען פאַרשטאַנען אַז עס איז געקומען די צייט ווען עס וועלען ענט־שיידעט ווערען אַלע מיספאַרשטענדניסען.

— האָט איהר ערהאַלטען מיין איגעל? האָט זי פעסט און כמעט צאָרענדיג געפרעגט.

— ערהאַלטען, האָט געענטפערט דער פירשט רויט ווערענדיג און מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם.

— ערקלעהרט זשע גלייך, וואָס דענקט איהר וועגען דעם? דאָס איז נויטיג פאר דער מאַמעס און דער גאַנצער פאמיליעס רוהיגקייט.

— הער אוים אַגלאַיאַ... איז דער גענעראַל פלוצלונג אומרוהיג געוואָרען.

— דאָס איז אָהן קיין שום גרענעץ!! — האָט זיך פלוצלונג פאר עפּעס דערשראָקען ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעווגאַ.

— קיין שום גרעניצען זיינען דאָ ניטאָ, מאַמע, האָט שטרענג און אויפ'ן אָרט געענטפערט די טאָכטער. — איך האָב היינט דעם פירשט געשיקט אַ איגעל און איך וויל וויסען זיין מיינונג. נו איז וואָס פירשט?

— דאָס הייסט, וואָס פאר אַ מיינונג ווילט איהר, אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ?

— וועגען איגעל.

— דאָס הייסט... איך דענק אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, אַז איהר ווילט זיך דערוויסען, ווי אַזוי איך האָב אויפגענומען... דעם איגעל... אָדער בעסער געזאָגט, וואָס איז מיין בליק אויף דער דאָזיגער מתנה... פון דעם איגעל הייסט עס... אין אַזאַ פאַל דענק איך, אַז מיט איין וואָרט...

איהם האָט פאַרפעהלט אָטעם און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— נו, איהר האָט ניט פיעל געזאָגט, האָט אָפּגעוואַרט אַ פינף סעקונדען אַגלאַיאַ — גוט איך בין צופרידען לאָזען דעם איגעל, נאָר איך בין זעהר צופרידען וואָס איך קען ענדליך מאַכען אַ ענד צו די אַלע אָנגעקליבענע מיספאַרשטענדניסען. ערלויבט מיר ענדליך צו דערוויסען זיך פון אייך פערזענליך אליין: שדכנ'ענט איהר זיך צו מיר אָדער ניט?

— אַך גאָט מיינער! האָט זיך ארויסגעריסען ביי ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ.

דער פירשט האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק; איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז פאַרגליווערט געוואָרען: „די שוועסטער האָט זיך אָנגעוואָלקענט.

— זאָגט ניט קיין ליגען פירשט, בלויז דעם אמת. צוליב אייך פאַרפאָלגט מען מיך מיט מאָדנע פאַרהערענישען; האָבען דאָך די דאָזיגע פאַרהערענישען עפּעס אַ גרונד? נו!

— איך האָב זיך צו אייך ניט גע'שרכן'ט, אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ. האָט אַרויסגעזאָגט דער פּירשט, מיט אַ מאָל אויפלעבענדיג — אָבער... איהר ווייסט דאָך אַליין ווי איך ליעב אייך און גלויב אין אייך... אפילו איצט...

— איך האָב אייך געפרעגט: בעט איהר מיין האַנט אדער ניט?

— איך בעט, האָט מיט אַפּשטאַרבענדען האַרץ געענטפערט דער פּירשט.

— דאָס אַלץ איז ניט אַזוי, ליבער פריינד, האָט אַרויסגעזאָגט איוואַן פיאָדאָראָוויטש, אין שטאַרקער אויפרעגונג — דאָס... דאָס איז כמעט אונמעגליך, ווען דאָס איז אַזוי, גלאַשאַ... ענטשולדיג פּירשט, ענטשולדיגט טייערער מיינער! ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ! האָט זי זיך געווענדעט צום מאַן נאָך הילף — מען האָט געדאַרפט אַריינ־דרינגען...

— איך ענטזאָג זיך, איך ענטזאָג זיך!! האָט זיך צושאָקעלט מיט די הענט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ.

— ערלויבט זשע מאַמע, אויך מיר עפּעס צו זאָגען; איך אַליין האָב דאָך אויך עפּעס אַ שטיקעל שייכות צו דער דאָזיגער אָנגעלעגענהייט עס ענטשיידעט זיך די גרויסע מינוט פון מיין שיק־זאַל, (אַגלאַיאַ האָט זיך טאַקע באַשטימט אַזוי אויסגעדריקט) און איך וויל זיך אַליין דערוויסען און אויסער דעם, בין איך צופרידען וואָס דאָס ווערט געמאַכט פאַר אַלעמענ'ס אויגען... ערלויבט זשע מיר צו פרעגען אייך פּירשט, ווען איהר פאַרמאָגט אַזעלכע ציעלען, טאָ מיט וואָס באַשטימט, דענקט איהר צו צונויפשטעלען מיין גליק?

— אויף מיין וואָרט אַגלאַיאַ, איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך אייך ענטפערען; דאָ... וואָס קען מען דאָ ענטפערען? און צו... איז דאָס נויטיג?

— מיר דוכט, אַז איהר האָט זיך פאַרשעהמט און עס פעהלט אייך אָטעם; רוהט זיך אָפּ אַביסעל און קלייבט אָן נייע כחות! טרינקט אויס אַ גלאָז וואַסער; איבעריגענס, וועט מען אייך באַלד געבען טיי.

— איך האָב אייך ליעב, אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, איך האָב אייך

זעהר ליעב; איך האָב אייך איינער בלויז ליעב און שפּאַסט ניט כ'בעט אייך, איך האָב אייך זעהר ליעב.

— אָבער פונדעסטוועגען איז דאָך דאָס א וויכטיגער ענין; מיר זיינען ניט קיין קינדער, און מען דאַרף קוקען מיט באשטימטהייט... גיט זיך איצט די מיה צו ערקלעהרען אין וואס באשטעהט אייער אייגענטום?

— נו, נו, נו, אגלאיא! וואס איז מיט דיר! דאָס טוט זיך ניט אזוי, ניט אזוי... האט אין שרעק געמורמעלט איוואן פיאָדאָראָוויטש.

— ס'איז א שאַנדע! האט הויך ארויסגעשעפּטשעט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעווּנאַ.

— זי איז פון זינען ארונטער! האט אויך אזוי הויך ארויסגעשעפּטשטעט אלעקסאנדרא.

— אייגענטום... דאָס הייסט, געלט? האט זיך פארוואונדערט דער פירשט.

— דאָס מיין איך טאַקע.

— איך פארמאָג... איך פארמאָג איצט הונדערט און פינף און דרייסיג טויזענט, האט ארויסגעמורמעלט רויט ווערענדיג, דער פירשט.

— ניט מעהר? האט הויך און אָפען זיך פארוואונדערט אגלאיא, גאַרניט רויט ווערענדיג — איבעריגענס, ס'מאַכט ניט אויס; איבער־הויפּט ווען מען זאָל לעבען מיט א רעכענונג... זייט איהר גרייט אָנ־צונעהמען א רעגירונגס־שטעלע?

— איך האָב געוואָלט האלטען עקזאמען אויף א הויז־לעהרער...

— גאַנץ פּאַסיג; געוויס, וועט עס פארגרעסערען אייער איי־גענטום. דענקט איהר ווערען א קאמער־יונקער?

— א קאמער־יונקער? איך האָב וועגען דעם קיינמאָל ניט געדענקט, אָבער...

נאָר דאָ האָבעןביידע שוועסטער שוין מעהר ניט געקאָנט אויס־האַלטען און אויסגעשאָסען א געלעכטער. אדעלאידא האט שוין לאַנג באמערקט אויף אגלאיא'ס געזיכט צייכענס פון האסטיגען און אונ־קאָנטראָלירבארען געלעכטער, וועלכען זי האט דערווייל מיט אלע קרעפטען איינגעהאַלטען. אגלאיא האט געוואָלט שטרענג א קוק טאָן

אויף די לאַבענדע שוועסטער, נאָר באַלד האָט זי אַליין ניט אויסגע־האַלטען און זי האָט גענומען לאַכען מיט דעם סאַמע וואַהנזיניגען כמעט היסטערישען געלעכטער; ענדליך, איז זי אויפגעשפּרונגען און איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

— איך האָב טאַקע אַזוי געוואוסט, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ געלעכטער! האָט אויסגעשריען אדעלאַאידאַ — פון סאַמע אָנהויב מיט׳ן איגעל.

— ניין, אָט דאָס וועל איך שוין מעהר ניט ערלויבען, ניט ער־לויבען! איז פלוצלינג אויפגעזאָדען פון כעס ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּ־יעווגאַ און איז האַסטיג ארויסגעלאָפען נאָך אַגלאַיאַ׳ן. נאָך איהר זיי־נען באַלד אויך נאָכגעלאָפען די שוועסטער. אין צימער זיינען געבליבען דער פירשט און דער פאָטער פון דער פאַמיליע.

— דאָס, דאָס... האָסטו זיך געקענט פאָרשטעלען עפּעס אַזוינס, לעוו ניקאָלאַיעוויטש? האָט שאַרף אויסגעשריען דער גענעראַל, קענ־טיג אַליין ניט פאַרשטעהענדיג וואָס ער וויל זאָגען — ניין, ערנסט, ערנסט גערעדט?

— איך זעה, אַז אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ האָט פון מיר געלאַכט, האָט טרויעריג געענטפערט דער פירשט.

— וואַרט אויס ברודער, איך וועל געהן און דו וואַרט... ווייל... ערקלעהר דו כאָטש מיר, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, ווי אַזוי האָט עס אַלעס פּאַסירט, און וואָס דאָס אַלעס מיינט, און אַלץ, אַזוי צו זאָגען? דו וועסט דאָך ברודער מיט מיר אַליין איינשטימען — איך בין אַ פאָטער; פונדעסטוועגען בין איך דאָך פאָרט אַ פאָטער! ווייל איך פאַרשטעה דאָ גאָרנישט, טאָ ערקלעהר כאָטש, דו מיר!

— איך האָב ליעב אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, זי ווייס עס און... זי ווייס עס דוכט זיך, שוין לאַנג.

דער גענעראַל האָט געהויבען מיט די אַקסלען.

— מאָדנע, מאָדנע... און ביזט זעהר פאַרליעבט?

— זעהר.

— מאָדנע, מאָדנע קוקט עס מיר אַלץ אויס... דאָס הייסט אַזאַ סורפּריז און קלאַפּ, וואָס... פאַרשטעהסט מיין טייערער איך רעד ניט וועגען דיין אייגענטום (כאָטש איך האָב ערוואַרטעט אַז דו פאַר־מאָגסט מעהר), אָבער... מיר איז דאָס גליק פון דער טאָכטער... ענד־

ליד... ביזטו דען פעהיג אזוי צו זאָגען צו פארשאָפען דאָס... דעם דאָזיגען גליק הייסט עס? און... און... וואָס איז דאָס: אַ שפּאָס אָדער אַן אמת פון איהר זייט? דאָס הייסט ניט פון דיין זייט נאָר פון איהרען?

פון הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט אלעקסאנדרא איוואַ־נאָוונא'ס שטימע, מען האָט גערופען דעם פאָטער.

— וואַרט צו ברודער, וואַרט צו! וואַרט צו און בעדענק זיך און איך וועל באלד.. האָט ער ארויסגערעדט איילענדיג און כמעט אין שרעק האָט ער זיך געווענדט נאָך אלעקסאנדרא'ס רוף.

ער האָט געפונען דער פרוי און דער טאָכטער איינער ביי דער צווייטער אין די ארעמס און באגיסענדיג איינע די צווייטע מיט טרערען. דאָס זיינען געווען טרערען פון גליק, ליבשאַפט און פרידען. אגלאַיא האָט געקושט דער מוטערס הענט, באַקען, ליפּען; ביידע האָבען זיך היים צוגעדריקט איינע צו דער צווייטער.

— נו, אָט קוק זי נאָר אָן, איוואן פיאָדאָראָוויטש, אָט איז זי די ריכטיגע אגלאַיא! האָט געזאָגט ליזאוועטא פּראָקאָפיעוונא.

אגלאַיא האָט אומגעדרעהט איהר גליקליך — און פארוויינט — געזיכט פון דער מאַמעס ברוסט, אַ קוק געטאָן אויפ'ן פאָטער, זיך הויך צולאכט, צו איהם אַ שפּרונג געטאָן, פעסט ארומגענומען און עטליכע מאָל אַ קוש געטאָן. דערנאָך האָט זי זיך ווידער געוואָרפען צו דער מאַמע און האָט שוין אין גאנצען איינגעגראָבען איהר געזיכט אין איהר ברוסט, כדי קיינער זאָל ניט זעהן און האָט זיך ווידער צע־וויינט. ליזאוועטא פּראָקאָפיעוונא האָט זי איבערגעדעקט מיט דעם עק פון איהר פאַטשיילע.

— נו, וואָס זשע טוסטו דאָ מיט אונז, וואָס זשע טוסטו, דו שלעכטע מיידעלע, אָט וואָס!! — האָט זי ארויסגעזאָגט נאָר שוין מיט פרייד, פונקט ווי איהר וואָלט מיט אמאָל געוואָרען גרינגער צו אָטעמען.

— אַ שלעכטע! יע אַ שלעכטע! האָט פּלוצלינג אונטערגע־כאַפּט אגלאַיא, אַ גארנישט! אַ צובאַלעוועטע!! זאָגט דאָס דעם פּאַפּאַשאַ! אַ, ער איז דאָך גאָר דאָ! פּאַפּאַ איהר זייט דאָ? איהר הערט! האָט זי געלאכט מיט טרערען אין די אויגען.

— דו טייערע מיינע, דו נעץ מיינער! האָט איהר געקושט דער

אין גאַנצען פון גליק אויפשייענדער גענעראַל. (אגלאַיא האָט די האַנט ניט אוועקגענומען). הייסט עס, אז דו האָסט ליעב דעם דאָזיגען... יונגען מענשען?

— נו־נו־נו! איך קען ניט דולדען... אייער יונגען מענשען. קען ניט דולדען! האָט פּלוצליג אויפגעזאָדען אגלאַיא און אויפגעהויבען דעם קאָפּ — און ווען איהר טאַטע, וועט נאָך אמאָל וואַגען... איך זאָג עס אייך ערנסט; איהר הערט: איך זאָג עס ערנסט!

און זי האָט טאַקע גערעדט ערנסט: זי איז אפילו אין גאַנצען רויט געוואָרען און די אויגען האָבען געגלאַנצט. דער פאָטער האָט זיך אפּגעשטעלט און זיך דערשראָקען, נאָר ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעווגא האָט איהם געגעבען א צייכען פון הינטער אגלאַיא'ן און ער האָט פאַרשטאַנען, אז מען דאַרף ניט „פּאַנאַנדערפּרעגען".

— אויב ס'איז אזוי, מלאך מיינער, איז ווי דו ווילסט, ס'איז דיין ווילען, ער וואַרט דאָרט אליין, אפשר זאָל מען איהם געבען צו פאַרשטעהן, אזוי אויף אן עדעלען אופן, אז ער זאָל אוועקגעהן?

דער גענעראַל האָט אויך א וואונק געטאָן צו ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא.

— ניין, ניין, דאָס איז שוין איבעריג; דערהויפּט ווען „אויף אן עדעלען אופן", געהט איהר אליין צו איהם ארויס; איך וועל אינטערקומען דערנאָך, באַלד. איך וויל ביי דעם דאָזיגען... יונגען מענשען בעטען ענטשולדיגונג, ווייל איך האָב איהם באַליידיגט.

— און זעהר שטאַרק באַליידיגט, האָט מיט ערנסט באַשטעטיגט איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

— נו זאָל זיין אזוי... בלייבט בעסער איהר אלע דאָ, און איך וועל אפריהער געהן אליין, און איהר וועט גלייך נאָך מיר אונטערקומען, גלייך זאָלט איהר אונטערקומען, אזוי איז בעסער.

זי איז שוין צוגעקומען צום טהיר, נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אומגעקעהרט.

— איך וועל זיך צולאַכען! איך וועל שטאַרבען פון געלעכטער! האָט זי טרויעריג געזאָגט.

נאָר אין דער זעלבער סעקונדע האָט זי זיך אומגעדרעהט און איז אוועקגעלאָפען צום פּירשט.

— נו, וואָס זשע איז דאָס אזוינס? וואָס דענקסטו? האָט אויף שנעל ארויסגערעדט איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

— איך האָב מורא ארויסרעדען, האָט אויך אזוי אויף שנעל געענטפערט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונא — נאָר לויט ווי איך פאַר־שטעה, איז קלאָר.

— און לויט ווי איך דענק, איז אויך קלאָר, קלאָר ווי דער טאָג, אז זי האָט איהם ליעב.

— ניט נאָר זי האָט ליעב נאָר זי איז פאַרליעבט! האָט זיך אנגערופען אַלעקסאַנדרא איוואַנאָוונא. נאָר אין וועמען האָט זי זיך עס פאַרליעבט מישטיינס געזאָגט?

— זאָל איהר גאָט בענשען. אויב דאָס איז איהר שיקזאַל! האָט פרום זיך איבערגעצלמ'ט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונא.

— איהר שיקזאַל הייסט עס, און פון שיקזאַל קען מען ניט אַנטלויפען, האָט באַשטעטיגט דער גענעראַל.

און אלע זיינען אוועק אין גאַסט־צימער און דאָרטען האָט זיי ווידער ערוואַרטעט א סורפּריז.

אַגלאַיאַ האָט זיך ניט נאָר ניט צולאַכט, צוגעהענדיג צום פּירשט, ווי זי האָט דערפאַר מורא געהאַט, נאָר זי האָט אפילו שיעור ניט מיט שרעק צו איהם געזאָגט:

— ענטשולדיגט א נאַרישער, שלעכטער און צעבאַלעוועטער מיידעל (זי האָט איהם אַנגענומען פאַר'ן האַנט.) און זייט זיכער, אז מיר האָבען צו אייך גרענצלאָזע אכטונג. און ווען איך האָב גע־וואָגט צו מאכען צו שפּאַט אייער פיינע.... גוטע אפענהערציגקייט, טאַ פאַרצייט מיר ווי צו א קינד פאַר דער שטיפעריי; פאַרצייט מיר וואָס איך האָב אויף אייך ארויפגעצוואונגען א נאַרישקייט, וועלכע קען געוויס, ניט האָבען די קלענסטע פאָלגען...

די לעצטע ווערטער האָט אַגלאַיאַ ארויסגערעדט מיט א באַ־זונדער באַטאָנונג.

דער פאָטער, די מוטער און די שוועסטער, אלע האָבען געאײַלט אריין אין גאַסט־צימער, כדי דאָס אלעס צו זעהן און צו הערען און אלעמען האָבען ערשטוינט די „נאַרישקייט וועלכע קען געוויס ניט האָבען די קלענסטע פאָלגען". און נאָך מעהר אַגלאַיאַ'ס ערנסטע שטימונג, מיט וועלכער זי האָט זיך ארויסגעזאָגט וועגען דער דאָזי־

גער נאַרישקייט. אַלע האָבען זיך פרעגענד איבערגעקוקט; נאָר דער פירשט, האָט דוכט זיך, די ווערטער ניט פאַרשטאַנען און ער איז געווען איבערגליקליך.

— צו וואָס רעדט איהר עס אַזוי, האָט ער געמורמעלט, — צו וואָס... בעט איהר.. פאַרצייהונג..

ער האָט אפילו געוואָלט אַרויסרעדען, אַז ער איז ניט ווערטה אַז מען זאָל ביי איהם בעטען פאַרצייאונג. ווער ווייסט, אפשר האָט ער באַמערקט די באַדייטונג פון די ווערטער וועגען דער „נאַ־רישקייט וועלכע קען געוויס ניט האָבען די קלענסטע פאָלגען", נאָר ווי א מאָדנער מענש האָט ער זיך אפשר גאָר מיט די ווערטער ניט דערפרעהט. ס'איז זיכער, אַז פאַר איהם איז שוין געווען גענוג גליק דאָס אַליין וואָס ער וועט ווידער אונגעשטערט קענען קומען צו אַגלאַיאַ'ן, וואָס מען וועט איהם ערלויבען מיט איהר צו רעדען, זיצען, שפּאַצירען, און ווער ווייס, מעגליך אַז ער וואָלט מיט דעם אַליין געבליבען צופרידען, אויף זיין גאַנצען לעבען. (אָט פאַר דער דאָזיגער צופרידענקייט, האָט ביי זיך אין הארצען ליזאַוועטאַ פּראָ־קאָפּיעוונאַ, ווי ס'דוכט זיך מעהר פון אַלץ געשראָקען. זי האָט עס פאַראויסגעזהן, פאַר א סך זאַכען האָט זי זיך געשראָקען ביי זיך אין הארצען, זאַכען וועגען וועלכע זי האָט ניט געקענט אַרויסזאָגען).

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען ביז וואָס פאַר א שטופּע דער פירשט האָט אויפגעלעבט און זיך ערמוטיגט אין דעם דאָזיגען אָוועגט. ער איז געווען אַזוי פרעהלאַך, אַז קוקענדיג אויף איהם איז געוואָרען פרעהלאַך — אַזוי האָבען זיך נאָכדעם אויסגעדריקט אַגלאַיאַ'ס שוועסטער. ער האָט זיך צורעדט, און דאָס האָט מיט איהם ניט פּאַסירט זינט יענעם פריהמאָרגען, ווען ס'איז מיט א האלב יאָהר צוריק פאָרגעקומען זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די עפּאַנטשינס; ווען ער האָט זיך אָבער צוריקגעקעהרט אין פּעטער־בורג איז ער געווען א שווייגענדער. און גאָר ניט לאַנג, האָט ער זיך אויסגעדריקט פאַר פירשט שטש. אַז ער דאַרף זיך איינהאַלטען און שווייגען, ווייל ער האָט ניט קיין רעכט צו ערנידעריגען די געדאַנקען, ווען ער זאָגט זיי אַרויס. דעם גאַנצען אָוועגט האָט ער אַליין בלויז כמעט גערעדט, און א סך דערצעהלט; קלאָר און מיט איינצעלהייטען געענטפערט אויף פראַגען, אָבער איבעריגענס האָט

פון זיינע ווערטער גאַרנישט אַרויסגעקוקט דאָס וואָס זאָל זיין עהנליך צו אַ ליעבעס געשפּרעך. דאָס זיינען אַלץ געווען אַזעלכע ערנסטע און אפילו קלוגע געדאַנקען. דער פירשט האָט אפילו אַרויס־געזאָגט אייניגע פון זיינע בליקען אויף זאַכען, זיינע אייגענע גע־היימע באַטראַכטונגען, אַזוי אַז דאָס אַלץ וואָס האָט אפילו אויס־געקוקט קאָמיש, ווען עס וואָלט ניט אַזוי גוט אויסגעדריקט געוואָרען. אַזוי האָבען איינגעשטימט דערנאָך אַלע די וואָס האָבען עס צוגעהערט. דער גענעראַל כאָטש ער האָט ליעב געהאַט ערנסטע גע־שפּרעך־טעמעס, נאָר ער און ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָבען גע־פונען פאַר זיך, אַז דאָ איז שוין צופיעל געלעהרזאַמקייט, אַזוי דאָס זיי זיינען צום סוף פון אָווענט אפילו געוואָרען אומעטיג. איבע־ריגענס איז צום סוף דער פירשט דערגאַנגען ביז דעם, אַז ער האָט דערצעהלט עטליכע זעהר וויציגע אַנעקדאָטען, פון וועלכע ער אַליין האָט געלאַכט דער ערשטער. אַזוי, דאָס אויך די אַנדערע האָבען געלאַכט מעהר פון זיין פרעהליכען לאַכען ווי פון דעם אַנעק־דאָט זעלבסט. און וואָס עסנעהערט זיך אַגלאַיאַ'ן, האָט זי כמעט גאָר ניט גערעדט דעם גאַנצען אָוועגט; דערפאַר האָט זי אָהן אויפ־הער, געהערט לעוו ניקאָלאַיעוויטש, און ניט נאָר איהם געהערט, נאָר אויך אויף איהם געקוקט.

— זי האַלט אַזוי אין איין קוקען, נעהמט די אויגען ניט אַרונ־טער, מעסט און וועגט יעדען וואָרט זיינעם; זי האָט איינפאַך גע־שלונגען יעדען וואָרט! אַזוי האָט דערנאָך גערעדט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ צו איהר מאַן — אָבער פּרואוו איהר זאָגען אַז זי האָט איהם ליעב וועט זיך די וועלט איבערקעהרען!

— וואָס זאָל מען טאָן, ס'איז אַזאַ מזל! האָט געצוקט מיט די אַקסלען דער גענעראַל און לאַנג נאָך דעם האָט ער ווידערהאָלט דעם איהם געפעהלען געוואָרענעם ווערטעל. לאָמיר צוגעבען, אַז ווי אַ פּראַקטישען מענשען, איז איהם אויך זעהר פיעלעס ניט גע־פעהלען געוואָרען, אין דער איצטיגער לאַגע פון די אַלע זאַכען, און דערהויפּט די ניט באַשטימטהייט פון דער זאַך; נאָר ביז אַ צייט האָט ער זיך אויך ענטשלאָסען צו שווייגען און קוקען... אין די אויגען פון ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ.

די פרעהליכע שטימונג פון דער פאַמיליע האָט אָנגעהאַלטען

ניט לאנג. אויף מארגען האָט זיך אגלאיא ווידער צוקריגט מיט'ן פירשט, און אזוי האָט עס אנגעהאלטען אהן אויפהער אין די אלע נאכפאָלגענדע טעג. אויף גאנצע שטונדען האָ טזי געמאכט דעם פירשט צו געלעכטער, און איהם שיעור ניט פארוואנדעלט אין א פּאיאַץ. אמת, זיי זיינען אָפט אפּגעזעסען צו שטונדע און צו צוויי, אין זייער היימישען סעדעל, אין דער בעסעדקע, נאָר מען האָט באַמערקט אַז אין דער צייט לייענט דער פירשט כמעט שטענדיג אגלאיא'ן צייטונגען אָדער א בוך.

— ווייסט איהר, האָט איהם איינמאָל אגלאיא געזאגט איבער־רייסענדיג דאָס לעזען — איך האָב באמערקט, אז איהר זייט שרעקליך אונגעבילדעט; איהר ווייסט גארנישט ניט אויף ריכטיג, ווען מען פרעגט ביי אייך: ניט ווער, ניט אין וועלכען יאָהר, ניט אין וועלכען טראַקטאַט. מען מוז מיט אייך האָבען מיטלייד.

— איך האָב אייך געזאגט, אז איך בין ניט קיין גרויסער גע־לעהרטער, האָט געענטפערט דער פירשט.

— איז וואָס זשע נאָך אלעמען, באזיצט איהר פּאָרט? ווי אזוי זשע נאָך אלעמען, קען איך אייך אַכטען? לייענט ווייטער; און איבעריגענס, ניט נויטיג, הערט אויף לייענען.

און ווידער האָט אין יענעם אָווענט דורכגעשוועבט עפּעס־וואָס זעהר געהיימניספולעס פון איהר זייט. עס האָט זיך אומגעקעהרט דער פירשט שטש. אגלאיא איז געווען צו איהם זעהר פריינדליך א סך פאנאנדערגעפרעגט וועגען עווגעני פּאוולאָוויטש, (דער פירשט לעוו ניקאָלאַיעוויטש איז נאָך געווען ניט געקומען), פּלוצלינג האָט דער פירשט שטש. זיך ערלויבט צו געבען אַן אַנצוהערעניש, אויף דער נאָהענטער און נייער איבערקעהרעניש אין דער פאמיליע, בויענדיג אויף עטליכע ווערטער וועלכע האָבען זיך ארויסגעגליטשט ביי ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא, אז מעגליך, מען וועט ווידער אפּ־לעגען אַדעלאַאידא'ס חתונה, כדי ביידע חתונות זאָלען אויסקומען צוזאַמען. ס'איז זיך שווער צו פאָרשטעלען ווי עס האָט אויפגעזאָ־רען אגלאיא „אויף די אלע נארישע פּלענער" און דערביי, האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען א וואָרט, אז „זי איז נאָך ניט גרייט צו פארנעהמען דעם פּלאַץ פון עמיצענס ליובאָווניצעס."

אָט די דאָזיגע ווערטער האָבען אלעמען ערשטוינט, נאָר די

הויפּט די עלטערען. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט אין אַ געהיימען ראַטה מיט׳ן מאַן באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל זיך מיט׳ן פירשט קלאָר דורכרעדען וועגען נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט זיך געשוואָרען אַז דאָס איז ניט מעהר ווי „אַ גענגעל“ אַזאַ, און דאָס נעהמט זיך פון אגלאַיאַ׳ס „שעמעוודיגקייט“ אז ווען פירשט שטש. וואָלט ניט אנגעהויבען רעדען וועגען חתונה וואָלט קיין „גענגעל“ ניט געווען ווייל אגלאַיאַ ווייס אַליין, וואָס אויף זיכער, איז דאָס אַלעס ניט מעהר ווי אַ בלבול פון שלעכטע מענשען און אַז נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ געהט חתונה האָבען מיט ראַגאָזשין; אַז דער פירשט האָט דאָרט ניט וואָס צו טאָן, מען רעדט שוין ניט פון פאַרבינדונגען, און אַז ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען. אויב מען זאָל שוין זאָגען דעם ריכטיגען אמת.

און דער פירשט האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט און ער האָט פאָרטגעזעצט צו זיין גליקליך. געווים, האָט ער אויך אַפּטמאָל באַמערקט עפּעס־וואָס פינסטערעס און אומגעדולדיגעס אין אגלאַיאַ׳ס בליקען; נאָר ער האָט מעהר געגלויבט אין עפּעס אנדערש און די פינסטערניש איז פון זיך אַליין פאַרשוואונדען. איינמאָל אנהויבענדיג גלויבען, האָט שוין קיין צווייפעל מיט קיין זאַך איהם ניט געקענט ריהרען. מעגליך אַז ער איז שוין געווען צופיעל רוהיג; אַזוי אַמווינציגסטענס, האָט זיך אויך אויסגעדוכט איפּאָליטען וועלכער האָט זיך מיט איהם איינמאָל, צופעליג באַגעגענט אין פּאַרק.

— נו, איז דען ניט ריכטיג, וואָס איך האָב דאַן געזאָגט, אַז איהר זייט פאַרליבט — האָט ער אָנגעהויבען אַליין צוקומענדיג צום פירשט און איהם אָפּשטעלענדיג. יענער האָט איהם דערלאַנגט די האַנט און איהם באַגריסט מיט דעם וואָס „ער קוקט אויס אַזוי גוט“. דער קראַנקער האָט אויסגעקוקט אויך אַליין צו זיין ערמוטיגט, אַ זאַך וואָס איז אין נאַטור פון שווינדזיכטיגע.

ער איז טאַקע צוליב דעם צוגעגאַנגען צום פירשט, כדי איהם אַריינזאָגען עפּעס גיפטיגעס וועגען זיין גליקליכען אויסזעהן, נאָר גלייך איז ער אַרונטער פון וועג און האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען זיך, ער האָט זיך גענומען באַקלאָגען, און זיך באַקלאָגט אַ סך און לאַנג און גאַנץ אָהן אַ טאָלק.

— איהר וועט ניט גלויבען, האָט ער פאַרענדיגט — ביז וואָס פאַר אַ שטופע זיי זיינען דאָרט אויפגעריגט, קליינליך, עגאָאיסטיש, פוסט־גאוה'דיג און אַלטעגליך; גלויבט איהר, אַז זיי האָבען מיך אַריינגענומען צו זיך מיט דער באַדינגונג אַז איך זאָל וואָס שנעלער שטאַרבען און אַט זיינען זיי אַלע אויפגעבראַכט, וואָס איך שטאַרב ניט, און וואָס מיר איז אין גאַנצען גענעטייל בעסער. אַ קאָמעדיע! איך וועט זיך מיט אייך, אַז איהר גלויבט מיר ניט?

דער פירשט האָט ניט געוואָלט ווידערשפּרעכען.

— איך דענק אפילו איינינגע מאָל זיך ווידער צו אייך אריבער־קלייבען, האָט צוגעגעבען איפּאָליט, — הייסט עס אַז איהר רעכענט זיי ניט פאַר פעהיג אויפצונעהמען אַ מענשען מיט דער באַדינגונג, אַז ער זאָל אונבאַדינגט וואָס שנעלער שטאַרבען?

— איך דענק, אַז זיי האָבען אייך איינגעלאַדען צוליב אַנדערע אויסזיכטען.

— עהע! איהר זייט דאָך גאָר ניט אַזוי איינפאַך ווי איהר רעקאָמענדירט זיך! איצט איז ניט די צייט, ווען ניט וואָלט איך אייך עפּעס אויסגעזאָגט וועגען דעם האַנאַטשקע און וועגען זיינע האָפענונגען. אונטער אייך גראָבט מען זיך אונטער, פירשט, מען גראָבט זיך אונטער אָהן רחמנות און... עס טוט אפילו לייד וואָס איהר זייט אַזוי רוהיג. אָבער אוי וועה — איהר קענט דאָך אַנדערש ניט!

— אַט וועגען וואָס איך טוט לייד!! האָט זיך צולאַכט דער פירשט —— וואָס זשע איז לויט אייער מיינונג וואָלט איך געווען גליקליכער ווען איך וואָלט געווען אומרוהיגער?

— ס'איז בעסער צו זיין אומגליקליך און ו ו י ס ע ן אײדער גליקליך און לעבען אין טעות... איהר דוכט זיך, גלויבט גאָר ניט אַז מיט אייך פאַרמעסט מען זיך און... פון יענער זייט.

— אייערע ווערטער וועגען פאַרמעסטען זיך, זיינען אביסעל ציניש, איפּאָליט; מיר טוט לייד וואָס איך האָב ניט קיין רעכט אייך צו ע נ ט פ ע ר ע ן. וואָס עס געהערט זיך אָבער גאַווריל: אַרדאַליאָנאָוויטש, טאָ שטימט אַליין איין, קען ער דען בלייבען רוהיג נאָך דעם אַלעמען וואָס ער האָט פאַרלאָרען, ווען איהר ווייסט באַטש, טיילוויז, פון זיינע אינטערעסען? מיר דוכט זיך, אַז

כ'איז גלייכער א קוק צו טאָן פון דעם שטאַנדפּונקט. ער וועט נאָך צייט האָבען זיך ענדערן; ער דאַרף נאָך א סך לעבען און דאָס לע־בען איז רייך... און איבריגענס... איבעריגענס... האָט זיך דער פּירשט פּלוצלונג פאַרלאָרען — וועגען די אונטערגראָבונגען... ווייס איך אפילו ניט וועגען וואָס איהר רעדט דאָ; נאָר לאָמיר אויפגעבען דעם דאָזיגען געשפּרעך, איפּאָליט.

— אויפגעבען ביז א צייט; און דערצו איז דאָך אונמעגליך אַז איהר זאָלט זיך באַגעהן אָהן עדעלקייט. יאָ פּירשט, איהר דאַרפט אַליין מיט'ן פינגער אַנטאַפּען כדי ווידער ניט גלויבען, כאַ־כאַ! און ווי דענקט איהר, איהר פאַראַכטעט מיך איצט זעהר?

— פאַר וואָס? דערפאַר ווייל איהר האָט מעהר פון אונז אַלע־מען געליטען און ליידט?

— ניין, נאָר דערפאַר ווייל איך בין ניט ווערט מיינע ליידען.

— ווער עס קען ליידען מעהר פון אַלעמען, דער, הייסט עס, איז ווערט צו ליידען מעהר. אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, ווען זי האָט דורכ־געלייענט אייער וידוי, האָט זי אייך געוואָלט זעהן, אָבער...

— זי לעגט אָפּ... זי טאָר ניט, איך פאַרשטעה, פאַרשטעה... האָט איבערגעשלאָגען איפּאָליט, ווי מיהענדיג זיך וואָס שנעלער אויסמיידען דעם געשפּרעך — ביי דער געלעגענהייט, מען זאָגט, אַז איהר אַליין האָט איהר דורכגעלייענט אויפ'ן קול די גאַנצע פּלוי־דעריי, וועלכע איז אין אמת'ן אָנגעשריבען געוואָרען אין א הייץ־צושטאַנד... און איך פאַרשטעה ניט, אויף וויפיעל דאַרף מען זיין — איך וועל ניט זאָגען האַרטהערציג (דאָס איז פאַר מיר אַן ערנידערונג) — נאָר קינדיש און ראַכע־זיכטיג אַז מען זאָל מיר קענען פאָרוואַרפען מיין וידוי און איהם אויסנוצען געגען מיר ווי א געוועהר! באַאומ־רוהיגט זיך ניט, איך רייד ניט אויף אייער רעכענונג...

— נאָר מיר טוט לייד, איפּאָליט, וואָס איהר זאָגט זיך אָפּ פון אייער וידוי, ער איז אַן אויפריכטיגער, און ווייסט, אַז אפילו זיינע גרעסטע קאָמישע זייטען, און זיי זיינען דאָ פּיעל, (איפּאָליט האָט זיך שטאַרק א קנייטש געטאָן) זיינען אויך אויסגעקניפּט מיט ליידען, ווייל זיך מודה זיין אין זיי מיינט אויך ליידען און... אפשר אויך גרויס העלדישקייט. דער געדאַנק וואָס האָט אייך א שטויס געטאָן האָט אומבאַדינגט געהאַט אַן ערענטליכען גרונד. וואָס ווייטער, אַלץ

קלעהרער זעה איך דאָס, איך שווער אייך, איך אורטייל אייך ניט, איך רייד בלויז כדי זיך אַרויסצוזאָגען און מיר טוט לייד וואָס איך האָב דאָן געשוויגען...

איפּאָליט האָט אויפגעפלאַמט. ביי איהם האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, אַז דער פירשט פאַרשטעלט זיך און וויל איהם כאַפּען; נאָר איינקוקענדיג זיך אין זיין געזיכט, האָט ער ניט געקענט ניט גלויבען אין זיין אויפריכטיגקייט, זיין פּנים האָט אויפגעשיינט.

— און פונדעסטוועגען דאַרף איך פאַרט שטאַרבען, האָט ער אַריינגערעדט שיעור ניט צוגעבענדיג: „אַזאַ מענש ווי איך!" — און שטעלט זיך פאָר ווי עס קריכט מיר אַריין אין די ביינער אייער האַנעטשקאַ; ער האָט אויסגעטראַכט, אַז עס איז מעגליך אַז דריי פּיער, פון יענע וואָס האָבען געהערט מיין וידוי וועלען שטאַרבען פריהער פאַר מיר! וואָס זאָגט איהר דערויף? ער דענקט, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ טרויסט כאַ־כאַ! ערשטענס, זייגען זיי נאָך ניט געשטאָרבען, איז וואָס פאַר אַ טרויסט איז דאָס פאַר מיר, זאָגט אַליין! ער אורטיילט נאָך זיך. איבעריגענס, איז ער נאָך אַוועק ווייטער, איינפאַך ער זידעלט זיך איצט. ער זאָגט, אַז אַן אַנ־שטענדיגער מענש שטאַרבט אין אַזאַ פאַל שטילערהייט, און אַז אין דעם אַלעמען איז פון מיין זייט בלויז געווען איין עגאָאיזם און ניט מעהר! וואָס זאָגט איהר דערויף? ניין, דאָס איז בלויז אַן עגאָאיזם פון זיין זייט! וואָס פאַר אַ דינקייט, אָדער בעסער געזאָגט, אַן אָקסענע גראָבקייט פון עגאָאיזם, וועלכע זיי מערקען גאָר ניט ביי זיך! האָט איהר געלייענט, פירשט, וועגען דעם טויט פון סטעפּאַן גלעבאָוו אין אכצעהנטען יאָהרהונדערט? איך האָב צופעליג נעכטען איבערגעלייענט...

— וועלכען סטעפּאַן גלעבאָוו?

— מען האָט איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ פּלאָקען אין פּעטער'ס צייטען.

— אַך גאָט מיינער, איך ווייס! ער איז אָפּגעזעסען פופצעהן שטונדען אויפ'ן פּלאָקען, אין אַ פראָסט, אין אַ פוטער און איז גע־שטאָרבען גרויסמוטיג; ווי זשע דען? איך האָב געלעזען... און וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

— גיט דאָך גאָט אַזעלכע פיינע טויטען צו מענשען, און אונז

ניט! איהר דענקט אפשר אז איך בין ניט פעהיג צו שטארבען ווי גלעבאָוו?

— איך דענק דאָס גאר ניט, האָט זיך פארשעהמט דער פירשט — איך האָב בלויז געוואָלט זאָגען אז איהר... דאָס הייסט ניט דאָס, אז איהר וואָלט ניט געווען עהנליך צו גלעבאָוו'ן אָבער... אַז איהר... אז איהר וואָלט גיכער דאָן געווען...

— איך שטוים זיך אָן: איך וואָלט געווען אַ אסטערמאַן און ניט קיין גלעבאָוו — דאָס ווילט איהר זאָגען?

— וואָס פאר אן אסטערמאן? — האָט זיך פארוואונדערט דער פירשט.

— אסטערמאן, דער דיפלאָמאט אסטערמאן, פעטראָווסקי אס־טערמאן, האָט ארויסגעמורמעלט איפּאָליט פלוצלינג פארלירענדיג זיך. עס האָט נאָכגעפאָלגט אַ געוויסע מיספארשטענדניס.

— אָ, ניין, ניין! איך האָב ניט דאָס געוואָלט זאָגען, האָט נאך א ווײַלע שווייגען ארויסגעזאָגט דער פירשט — איהר וואָלט דוכט זיך מיר... קיינמאָל ניט געווען קיין אסטערמאַן.

איפּאָליט האָט זיך אַנגעוואָלקענט.

— איבעריגענס, באַהויפּטע איך דאָס דערפאר, האָט פלוצלינג אונטערגעכאַפּט דער פירשט, וועלענדיג קענטיג אויסבעסערען זיך — וייל די אמאָליגע מענשען (איך שווער אייך אז מיך האָט עס שטענדיג ערשטוינט) זיינען אפשר גאר ניט געווען די זעלבע מענ־שען וואס מיר, ניט דער שטאַם וואָס איצט, אין אונזער דור, פונקט ווי עס וואָלט גאָר אַן אַנדער ראַסע געווען... דאַן זיינען די מענשען געווען ווי פון איין אידעע, און איצט זיינען זיי נערוועזער, ענט־וויקעלטער, פיהלענדער, און פול מיט אַ וועלכע ס'איז צוויי דריי אידעען מיט אמאָל... דער היינטיגער מענש איז ברייטער — און איך שווער אייך, אז דאָס טאַקע שטערט איהם צו זיין אַ מענש פון איין שניט, אזוי ווי די מענשען פון יענע דורות... איך... איך האָב דאָס איינציג דערפאר געזאָגט און ניט...

— איך פארשטעה, פאר דער נאַאיוויטעט פון וועלכער איהר האָט מיט מיר ניט איינגעשטימט, קריכט איהר מיר איצט צו טרויס־טען, כא־כא! איהר זייט אַן אמת'ע קינד, פירשט. פונדעסטוועגען באַמערק איך אז איהר אלע באַהאַנדעלט מיך ווי.. אַ כלי פון פאר־

פאַר... ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט, איך בין ניט אין כעס, אַלענפאַלס, איז ביי אונז זעהר אַ קאָמישער געשפּרעך אַרויסגעקומען; איהר זייט אַפּטמאָל אַן אמת'ע קינד, פּירשט. איבעריגענס, ווייסט, אַז איך וואָלט מעגליך געוואָלט זיין עפּעס וואָס בעסערס ווי אָסטערמאַן; כדי צו זיין אַן אָסטערמאַן איז ניט ווערטה פון טויט לעבעדיג ווערען... און איבעריגענס, זעה איך, אַז איך דאַרף וואָס שנעלער שטאַרבען, ווען ניט וועל איך אַליין אויך... לאָזט מיך אָפּ. אויפ'ס ווידערזעהן! נו, פּיין, נו. זאָגט מיר אַליין, ווי איז לויט אייער מיינונג פאַר מיר בעסער צו שטאַרבען? עס זאָל אַרויסקומען ווי מעגליך... וואָל־טעטיגער... דאָס הייסט... נו, זאָגט שוין!

— געהט אונז פאַרביי און פאַרצייט אונז אונזער גליק! האָט אַרויסגערעדט מיט אַ שטילער שטימע דער פּירשט.

— כאַ! כאַ! כאַ! אָט אַזוי האָב איך אויך געדענקט! האָב אונבאַדינגט ערוואַרטעט עפּעס אַזאַ זאַך פון דעם סאָרט! פונדעסט־וועגען זייט איהר... פונדעסטוועגען זייט איהר... נו, נו! שעהן־רעדעוודיגע מענשען! אויפ'ס ווידערזעהן, אויפ'ס ווידערזעהן!

זעקסטער קאַפּיטעל.

ווענען דער אָווענט־פאַרזאַמלונג אויף דער דאַטשע פון די עפּאַנטשינס, אויף וועלכער מען האָט ערוואַרטעט די בעלקאָנסקאַיאַ, האָט וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ אויך ריכטיג איבערגעגעבען דעם ברודער; מען האָט טאַקע ערוואַרטעט די געסט אין דעם זעלבען טאָג, אין אָווענט; נאָר ווידער האָט זיך זיך אויסגעדריקט ווענען דעם אַ סך שאַרפער ווי מען האָט באַדאַרפט. אמת, די זאַך איז אַרויסגעקוקען זעהר שנעל, און אפילו מיט אַ געוויסער גאַנץ אונ־נויטיגער אויפרעגונג און דערהויפּט דערפאַר ווייל אין דער דאָזיגער פאַמיליע „האָט זיך אַלץ געטאָן ווי ניט ביי אַלעמען". אַלץ האָט

זיך ערקלעהרט, מיט דער איילענדיגקייט, פון דער ניט „וועלענדיגער מעהר צו צווייפלען" ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא און מיט דער היציגער שרעקעניש פון די עלטערענס הערצער וועגען דעם בליק פון דער געליעבטער טאָכטער. און דערצו האָט די בעלקאנסקאיא אין אמת'ן טאַקע זיך געאיילט אָפּצופּאָהרען; און אזוי ווי איהר פּראָטעקציע האָט געווים אַ סך באַדייטעט אין דער וועלט, און אזוי ווי מען האָט געהאָפט, אז זי וועט זיין צום פירשט גוט געניגט, האָבען די עלטערען אויסגערעכענט אז די „וועלט" וועט אויפנעהמען אגלאיאס התן גלייך פון די הענט פון דער אַלמעכטיגער „אַלטער פרוי", און דאָס מיינט, ווען עס וועט אין דעם עפּעס אויסקוקען מאָדנע, איז אונטער אַזאַ שוץ וועט עס אויסקוקען אַ סך וועניגער מאָדנע. אין דעם איז באַשטאַנען דער גאַנצער ענין, וואָס די עלטערען האָבען אַליין בשום אופן ניט געקענט באַשליסען: „איז דאַ אין דער זאַך אַ מאָדנעקייט אָדער ניט?" אַ פריינדליכע און אַ אָפענע מיינונג פון אויטאָריטעטע און קאָמפּעטענטע מענשען וואָלט איצט גוט צוניץ געקומען, ווען, אַ דאַנק אגלאיא'ן איז נאָך אויף דעם גאָרנישט באַשטימט געוואָרען. אַלענפאַלס, פריה אָדער שפּעט, דעם פירשט האָט מען געדאַרפט אריינפיהרען אין דער וועלט, וועגען וועלכען ער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטען באַגריף. קורץ, מען האָט איהם געוואָלט „ציינען". דער אָוונט איז פונדעסטוועגען גאַפּלאַנעוועט געוואָרען צו זיין אַ גאַנץ געוועהנליכער; מען האָט ערוואַרטעט בלויז די „הויז־פריינד" און אין זעהר אַ קליינעם צאָהל. אויסער דער בעלקאַנסקאיא, האָט מען ערוואַרטעט אַ דאַמע, אַ פרוי, פון זעהר אַ וויכטיגען פּריץ און טשינאָווניק. פון יונגע מענשען האָט מען בלויז גערעכענט שיעור ניט ווי דעם איינעם עווגעני פּאַוולאָוויטש, ער האָט געדאַרפט קומען, באַגלייטענדיג די בעלקאַנסקאיא.

וועגען דעם אז עס וועט זיין בעלקאַנסקאיא האָט דער פירשט זיך דערוואוסט שיעור ניט מיט דריי טעג ביז'ן אָוונט; וועגען דעם אָוונט אָבער האָט ער זיך ערשט דערוואוסט נעכטען. ער האָט פאַרשטעהט זיך באַמערקט אָן דעם פאַרזאָרגטען אויסזעהן פון די מיטגלידער פון דער פאַמיליע און אפילו פון איינינע אנדייטענדע און פאַרזאָרגטע רעד, ער האָט פאַרשטאַנען, אז מען שרעקט זיך פאַר דעם איינדרוק וואָס ער קען מאַכען. נאָר ביי די עפּאַנטשינס איז כמעט ביי

אלע בין איינעם געווען אפגעמאכט אז ער אין זיין פראַסטקייט קען בשום אופן ניט פארשטעהן אז מען איז צוליעב איהם אומרוהיג. דערום האָבען אלע קוקענדיג אויף איהם געווען אינערליך פארזארגט. איבעריגענס, האָט ער טאקע אין אמת'ן ניט צוגעגעבען קיין גרויסע באדייטונג דער פארשטעהענדער געשעהעניש; ער איז געווען גאר פארנומען מיט עפּעס אנדערש: אגלאַיאַ איז מיט יעדער שטונדע געוואָרען אלץ קאַפּריזנער און אומעטיגער — דאָס האָט איהם דער־שלאָגען. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז מען ערווארטעט אויך עווגעני פּאוולאָוויטש, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט און האָט גע־זאָגט, אז ער האָט שוין לאנג ערווארטעט איהם צו זעהן. צוליעב עפּעס אן אורזאכע, זיינען די דאָזיגע ווערטער קיינעם ניט געפעהלען געוואָרען; אגלאַיאַ איז ארויס אין ערגערניש פון צימער און נאָר שפּעט אין אָוונט, אזייגער צוועלף, ווען דער פירשט האָט שוין גע־האַלטען ביים אוועקגעהן, האָט זי ארייננעכאפּט איהם צו זאָגען עטליכע ווערטער אין דער צייט ווען זי האָט איהם באגלייט.

— איך וואָלט געוואָלט, אז איהר זאָלט מאָרגען א גאנצען טאָג ניט קומען צו אונז, נאָר איהר זאָלט בלויז קומען אין אָוונט, ווען עס וועלען זיך שוין צונויפקלייבען די דאָזיגע... געסט. איהר ווייסט דאָך אז עס וועלען זיין געסט.

זי האָט גערעדט מיט אומגעדולד און אנגעשטרענגט; צום ערשטען מאָל האָט זי זיך צורעדט וועגען דעם „אָוונט“; אויך פאר איהר איז דער געדאנק וועגען די געסט געווען איבערדריסיג. דאָס האָבען אלע באמערקט; מעגליך, אז זי האָט צוליב דעם זעהר שטאַרק געוואָלט זיך צוקריגען מיט די עלטערען, נאָר דער שטאָל־ און די שעהמעוודיגקייט האָבען איהר געשטערט. דער פירשט האָט גלייך פארשטאַנען, אז אויך זי שרעקט זיך פאר איהם (און זי וויל זיך ניט מודה זיין, אז זי שרעקט זיך), און מיט אמאָל האָט ער זיך אליין אויך דערשראָקען.

— יע, איך בין איינגעלאַדען, האָט ער געענטפערט.

איהר איז קענטיג געווען שווער צו פארטזעצען.

— קען מען דען מיט אייך אמאָל רעדען ערנסט וועגען עפּעס? כאָטש איינמאָל אין לעבען? איז זי פּלוצלונג שטאַרק אין כעס גע־וואָרען, ניט וויסענדיג פארוואס, און ניט קענענדיג זיך קאָנטראָלירען.

— מען קען. און איך הער אייך אויס, איך בין זעהר צופרידען. האָט געמורמעלט דער פירשט.

אגלאַיאַ האָט ווידער געשוויגען א ווײלע און האָט אָנגעהויבען מיט קענטיגער פאַראַכטונג.

— איך האָב ניט געוואָלט מיט זיי פאַר דעם קריעגען זיך; אין אַנדערע פּעלע קען מען זיי גאַר ניט אויפקלעהרען. עקעלהאַפט האָבען אין מיינע אויגען שטענדיג אויסגעקוקט די רעגלען וועלכע זיי־נען אנגענומען ביי מיין מוטער. וועגען פאָטער רעד איך ניט, צו איהם קען מען גאָרנישט האָבען, די מאַמאַ איז געווים אן ארענטליכע פרוי; וואָגט איהר צו פאַרלעגען עפּעס וואָס נידעריגעס און איהר וועט זעהן. נו און פאַר דער דאָזיגער.... גאָרנישט — בוקט זי זיך. איך רעד ניט וועגען דער בעלקאָנסקאַיאַ: א פּאַסקודנע אַלטיטשקע מיט א פאַסקודנעם כאַראַקטער, אָבער זי איז קלוג און זי קען זיי אַלע־מען האַלטען אין איהרע הענט. גוט אי דאָס. אָ, וואָס פאַר א ער־נידעריגונג! און ס׳קוקט אויס לעבערליך: מיר זיינען אַלע מאָל געווען מענשע פון מיטעלען קרייז, דער סאַמע מיטעלער, וועלכער איז נאָר מעגליך, פאַרוואָס זשע דאַרף מען קריכען אין דעם דאָזיגען הויך־וועלטיגען קרייז? די שוועסטער קריכען אויך אהין; דאָס האָט פירשט שטש. זיי אַלעמען צוטומעלט. פאַרוואָס פרעהט איהר זיך וואָס עוועגני פּאַוולאָוויטש וועט זיין?

— הערט מיך אויס אגלאַיאַ, האָט געזאָגט דער פירשט — מיר דוכט זיך, אז איהר שרעקט זיך זעהר פאַר מיר, אז איך זאָל מאָרגען ניט דורכפאַלען... אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט?

— פאַר אייך? שרעק א י ד זיך? האָט אגלאַיאַ אין גאַנצען אויפגעפלאַמט — וואָס האָב איך זיך צו שרעקען פאַר אייך, כאָטש איהר זאָלט אפילו אין גאַנצען זיך מאַכען צו שאַנדע? וואָס אַרט עס מיך? און ווי קענט איהר אַזעלכע ווערטער באַנוצען? וואָס מיינט „דורכפאַלען“? דאָס איז א מיאוס וואָרט, א פּאַסקודנעס.

— דאָס איז... א שולע־וואָרט...

— נו יע, א שולע־וואָרט! א מיאוס וואָרט! איהר זייט געווים גרייט מאָרגען צו רעדען אַלץ אַזעלכע ווערטער. זוכט זיי אויס אין דער היים, נאָך מעהר, אין אייער לעקסיקאָן, איהר וועט זעהן, וואָס פאַר אן עפעקט דאָס וועט מאַכען! אן עבירה וואָס איהר

קענט אזוי פיין אריינגעהן, וואו האָט איהר זיך דאָס אויסגעלערענט? וועט איהר קענען נעהמען און אויסטרינקען אַ אַנשטענדיגע גלאָז טהיי, ווען מען וועט אויף אייך אומישנע קוקען?

— איך דענק, אז איך וועל קענען.

— דאָס טוט מיר לייד; ווען ניט וואָלט איך געהאט פון וואָס צו לאַכען. צוברעכט אמווינציגסטען די כינעזישע וואזע אין גאַסט־צימער! זי קאָסט זעהר א סך, איך בעט אייך צוברעכט; זי איז א געשענקטע. די מאַמע וועט פון זינען ארונטער און וועט פאר אַלעמען אין די אויגען זיך צעוויינען — אזוי, איז זי ביי איהר טייער. מאַכט א וועלכען ס׳ניט זשעסט, ווי איהר מאַכט שטענדיג, גיט א וואָרף און צוברעכט: זעצט זיך אומישנע ניט ווייט פון דער וואזע.

— אין געגענטייל, איך וועל זיך מיהען צו זעצען ווי מעגליך ווייטער, א דאנק וואָס איהר האָט מיר אויפמערקזאם געמאכט.

— הייסט עס, אז איהר שרעקט זיך שוין באַצייטענס, אז איהר יועט מאַכען גרויסע זשעסטען. איך וועל זיך וועטען, אז איהר וועט זיך צורעדען וועגען עפּעס א „טעמא“, וועגען עפּעס ערנסטעס, גע־לעהרטעס, ערהאבענעס, א, ווי אַנשטענדיג דאָס וועט זיין!

— איך דענק, אז דאָס וואָלט געווען נאַריש, און ניט אם פּלאַץ.

— הערט מיך אויס, איינמאל פאר אלע מאָל, האָט ענדליך אגלאיא ניט אויסגעהאַלטען — ווען איהר וועט אָנהויבען רעדען וועגען עפּעס, צום ביישפּיעל, טויט־שטראָף, אָדער וועגען רוסלאַנד׳ס עקאָנאָמישען צושטאַנד, אָדער וועגען דעם אז „שעהנקייט וועט ראַ־טעווען די וועלט“ דאָ... וועל איך זיך זיכער פרעהען און לאַכען, אָבער איך וויל מאַכען אייך אויפמערקזאם פאראויס: איהר זאָלט זיך מיר מעהר אין די אויגען ניט ווייזען! איהר הערט: איך רעד ערנסט! דאָסמאָל רעד איך ערנסט!

זי האָט טאַקע אין אמת׳ן ארויסגערעדט ערנסט איהר סטראַ־שונאַק, אזוי, דאָס אפילו עפּעס אונגעוועהנליכעס האָט זיך דערהערט אין איהרע ווערטער, און ארויסגעקוקט פון איהר בליק, א זאַך וואָס דער פירשט האָט פריהער ניט באַמערקט און וואָס איז טאַקע ניט געווען עהנליך צו א שפּאַס.

— נו, איהר האָט געמאַכט אזוי, אז איך וועל איצט אונבאַדינגט

אָנהויבען רעדען, און אפילו מעגליך... אז איך זאָל אויך צוברעכען די וואזע... פריהער האָב איך זיך פאר גאָרנישט ניט געשראָקען און איצט שרעק איך זיך פאר אַלעס, איך וועל אונבאַדינגט דורכפאַלען.

— טאָ שווייגט, זיצט און שווייגט.

— מען וועט ניט קענען. איך בין איבערצייגט, אז איך וועל זיך פון שרעק צורעדען, און פון שרעק וועל איך אויך צוברעכען די וואזע. אפשר וועל איך פאַלען אויפ'ן גלאַטען דיל אָדער עפּעס עהנליכעס וועט ארויסקומען, ווייל אַזוינע זאַכען האָבען שוין מיט מיר פאסירט! מיר וועט זיך עס חלום'ען היינט א גאַנצע נאַכט; צו וואָס האָט איהר אָנגעהויבען דערפון רעדען?

—אַגלאַיא האָט אויף איהם טריב א קוק געטאָן.

— ווייסט איהר גאָר וואָס: איך וועל מאָרגען גאָר ניט קומען. איך וועל אָפּגעבען א רעפּאָרט אז איך בין קראַנק און א סוף! — האָט ער ענדליך באַשלאָסען.

אַגלאַיא האָט א טופּע געטאָן מיט'ן פוס און איז פון כעס אַזש בלאַס געוואָרען.

— גאָט מיינער! האָט דען ווער באַגעגענט אַזאַ זאַך! ער וועט ניט קומען ווען מען מאַכט אַבזיכטליך צוליעב איהם און... גאָט מיינער! אָט נאָט אייך א פאַרגעניגען צו האָבען וואָס צו טאָן מיט אַזאַ... צודרעהטען מענשען ווי איהר!

— נו, וועל איך קומען, וועל קומען! האָט וואָס שנעלער איי־בערגעשלאָגען דער פירשט — און איך גיב אייך מיין עהרען וואָרט, אַז איך וועל אָפּזיצען דעם גאַנצען אָווענט ניט אויסרעדענדיג קיין וואָרט, איך וועל טאַקע אַזוי טאָן.

— איהר וועט טאָן זעהר פיין. איהר האָט ערשט געזאָגט: „איך וועל אָפּגעבען א רעפּאָרט אז איך בין קראַנק"; וואו נעהמט איהר אין אמת'ן אַזעלכע אויסדרוקען? וואָס פאר א נאַטור האָט איהר צו רעדען צו מיר מיט אַזעלכע ווערטער? רייצט איהר זיך מיט מיר, צי וואָס?

— איך בין שולדיג. דאָס איז אויך א שולע־וואָרט, איך וועל שוין מעהר ניט. איך פאַרשטעה גאַנץ גוט אז איהר... שרעקט זיך פאר מיר, (אָבער כעס'ט זיך נאָר ניט!) און איך בין זעהר צו־פרידען פון דעם. איהר וועט ניט גלויבען ווי איך שרעק זיך איצטער

און פרעה זיך מיט אייערע ווערטער. נאָר אָט דער גאַנצער שרעק. שווער איך אייך, איז אַ קליינינקייט און אַ נאַרישקייט. ביי גאָט, אַגלאַיאַ! און די פרייד וועט בלייבען! איך האָב שרעקליך ליעב וואָס איהר זייט אַזאַ קינד, אַזאַ פיינע און גוטע קינד! אַך, אַגלאַיאַ, ווי שעהן איהר קענט אויסקוקען!

אַגלאַיאַ וואָלט געוויס איין כעס געוואָרען און זי האָט שוין גע־וואָלט אויך, נאָר פּלוצלינג, אונערוואַרטעט פאַר איהר זעלבסט, האָט אַ געפיהל אויגענבליקליך ארומגעכאַפּט איהר האַרץ.

— און איהר וועט מיר ניט פאַרוואַרפען מיינע היינטיגע גראָבע ווערטער... אַמאָל... נאָכדעם? האָט זי פּלוצלינג געפרעגט.

— וואָס רעדט איהר! וואָס רעדט איהר! און וואָס זייט איהר ווידער איין כעס געוואָרען?... אָט קוקט איהר שוין ווידער אויס אומעטיג! איהר האָט צופיעל, אָפטמאָל אַנגעהויבען קוקען אומעטיג, אַגלאַיאַ. אַמאָל האָט איהר אַזוי ניט געקוקט. איך ווייס פאַר וואָס דאָס איז...

— שווייגט, שווייגט!

— ניין, בעסער זאָגען. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, איך האָב שוין געזאָגט, אָבער... דאָס איז ווייניג... ווייל איהר האָט מיר ניט געגלויבט. צווישען אונז שטעהט דאָך אַ וועזען...

— שווייגט, שווייגט, שווייגט, שווייגט! האָט איהם מיט אַמאָל איבערגעשלאָגען אַגלאַיאַ איהם פעסט פעסט אָנכאַפּענדיג ביים האַנט און שיעור ניט מיט גרויל קוקענדיג אויף איהם. אין דער מינוט האָט מען איהר אַ רוף געטאָן; פּונקט ווי זי וואָלט זיך דער־פרעהט, האָט זי איהם איבערגעלאָזט און איז אַנטלאָפען.

דער פירשט האָט אַ גאַנצע נאַכט געפיבערט. מאָדנע, שוין עטליכע נעכט כסדר האָט ער געהאַט פיבער. דאָס מאָל, אין אַ האַלבען רעדען פון היץ איז איהם געקומען אַ געדאַנק אין מוח: וואָס וועט זיין ווען מאָרגען, פאַר אַלעמען אין די אויגען וועט ער קריגען אַן אַנפאַל? האָט ער דאָך געקראָגען אַנפעלע אויף דער וואָך? און דער דאָזיגער געדאַנק האָט אויף איהם אַנגעיאָגט אַ קעלט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געזעהן אין עפּעס אַזאַ מאָדנער ווילדער געזעל־שאַפט, צווישען עפּעס אַזעלכע מאָדנע מענשען. די הויפּט זאַך איז דאָס, אַז ער האָט זיך „צורעדט“; ער האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף

ניט רעדען, נאָר ער האָט די גאַנצע צייט גערעדט, ער האָט זיי אין עפּעס געוואָלט איינשמועסען. עווגעני פּאַוולאָוויטש און איפּאָליט זיינען אויך געווען צווישען די געסט און עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיי זיינען שטאַרק באַפריינדעט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט נייַן אַזייגער, מיט א קאָפּ־שמערצען, מיט אַן אונאָרדנונג אין די געדאַנקען, מיט מאָדנע איינדריקע, איהם האָט זיך גוואַלדיג פאַרוואָלט זעהן ראָגאָזשין'ען; זעהען און א סך רעדען מיט איהם — וועגען וואָס באַשטימט, האָט ער אליין ניט געוואוסט; דערנאָך האָט ער זיך אין גאַנצען געווען באַשלאָסען צו געהן פאַר עפּעס־וואָס צו איפּאָליט'ען. עפּעס דונקעלעס איז גע־לעגען אין זיין הארצען, אויף אזוי פיעל, אז די פּאַסירונגען, וועלכע האָבען געטראָפען מיט איהם אין דעם דאָזיגען פריה־מאָרגען, האָבען אויף איהם געמאַכט, כאָטש זעהר א שטאַרקען, אָבער פונדעסטוועגען עפּעס אזא ניט גאַנצען איינדרוק. איינע פון די דאָזיגע פּאַסירונגען איז באַשטאַנען אין לעבעדעוו'ס א וויזיט.

לעבעדעוו איז געקומען זעהר פריה, אין אָנהויב פון צעהן אַזייגער, און כמעט אין גאַנצען א שיכור'ער. כאָטש דער פירשט האָט די לעצטע צייט, זעהר שוואַך באַמערקט זאַכען, נאָר איהם האָט זיך גלייך געוואָרפען אין די אויגען, אז זינט דער גענעראַל איוואָלגין האָט זיך פון זיי ארויסגעקליבען, אָט איז שוין אין דעם, דריי טעג, האָט לעבעדעוו זיך אָנגעהויבען שלעכט אויפצופיהרען. ער איז מיט אַמאָל געוואָרען זעהר נאַכלעסיג אין די קליידער, דער קראַוואַט האָט זיך פאַרדרעהט אין אַ זייט, און דער קאָלנער פון סורטוק איז געווען אָנגעריסען. אין זיינע צימערען האָט ער אפילו געבושעוועט, און דאָס האָט מען געקענט הערען דורכ'ן הויפעל. ווערא איז איינ־מאָל געקומען אַ פאַרוויינטע און האָט עפּעס דערצעהלט. איצט קור־מענדיג, האָט ער עפּעס זעהר מאָדנע אנגעהויבען רעדען, דערביי האָט ער זיך געקלאַפּט אין הארצען, און אין עפּעס זיך באַשולדיגט...

— איך האָב געקראָגען... געקראָגען א באַלוינונג פאַר מיין פאַרראַט און נידערטרעכטיגקייט... איך האָב געכאַפּט א פּאַטש! האָט ער ענדליך טראַגיש פאַרענדיגט.

— א פּאַטש? פון וועמען? און אזוי אין דער פריה?

— אין דער פריה? האָט סאַרקאַסטיש אַ שמייכעל געטאָן לעבעדעוו — צייט האָט דאָ גאָר ניט וואָס צו טאָן... אַפילו פאַר פיזישער באַלוינונג... נאָר איך האָב געכאַפּט אַ מאָראַלישען, אַ מאָראַלישען פּאַטש און ניט קיין פיזישען...

פלוצלונג האָט ער זיך אָהן צערעמאָניעס געזעצט און אָנגעהויבען דערצעהלען. זיין ערצעהלונג איז געווען אַ פאַרפּלאָנטערטע. דער פירשט איז געווען אָנגעברוגז'ט און געוואָלט אוועקגעהן, נאָר מיט אמאָל האָבען איהם עטליכע ווערטער ערשטוינט. ער איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרען פון פאַרוואונדערונג... מאָדנע זאַכען האָט דער הערר לעבעדעוו דערצעהלט.

פון אָנפאַנג האָט זיך ווייזט אויס געשמוסט, וועגען עפּעס אַ בריעף; עס איז דערמאָנט געוואָרען אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ'ס נאָמען. דערנאָך האָט לעבעדעוו מיט ביטערקייט גענומען באַשולדיגען דעם פירשט זעלבסט; מען האָט געקענט זיך אָנשטויסען אז ער איז פון פירשט באַליידיגט געוואָרען. פון אָנפאַנג האָט איהם דער פירשט געמאַכט פאַר אַ פאַרטרויענס־מענש אין דער אָנגעלעגענהייט מיט דער באַקאַנטער פּערסאָנאַזש, (מיט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונא), נאָר דערנאָך האָט ער אין גאַנצען מיט איהם איבערגעריסען און איהם אוועקגעטריבען פון זיך מיט שאַנדע, און אַפילו אין אַזא שטאַרקער באַליידיגונגס־פאָרם, אז דעם לעצטען מאָל האָט ער אויף אַ גראָבען אופן צוריקגעוויזען, די אומשולדיגע פראַגע וועגען „די נאָהענטע ענדערונגען אין הויז". מיט שיכור'ע טרערען האָט זיך לעבעדעוו „מודה געווען, אז נאָך דעם האָט ער שוין מעהר ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, און מעהרער פון אַלץ ווען ער האָט אַ סך געוואוסט... זעהר אַ סך... אי פון ראָגאָזשין'ען, אי פון נאַסטאַסיאַ פילאַפּאָוונא און פון נאַסטאַסיאַ פילאַפּאָוונאַ'ס פריינדין, און פון וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ... אליין טאַקע... און אַפילו אליין פון אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ. קענט איהר זיך דאָס פאַרשטעלען, אז דורך וואַראַ'ס פאַרמיטלונג, דורך מיין טאָכטער, מיין געליעבטער וואַראַ, מיין איינציגע.. אַזוי איז דאָס.. און איבעריגענס, ניט קיין איינציגע, ווייל איך האָב זיי דריי. און ווער האָט געלאָזט וויסען מיט בריעף ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, אין דער טיפסטער געהיימניס אַפילו, כע־כע! ווער האָט איהר באַשריבען וועגען אַלע באַציהונגען און וועגען די באַוועג־

גונגען פון פּערסאָנאַזש, נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ. כע, כע! ווער איז דער דאָזיגער אַנאַנים, ערלויבט מיך צו פרעגען?

— איז דען מעגליך אַז דאָס זייט איהר? האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— געוויס. האָט מיט ווירדע געענטפערט דער שיכור, — און היינט טאָקע, האַלב נאָך צעהן, ערשט מיט אַ האַלבע שטונדע צוריק... ניין, מיט דריי פערטעל שטונדע, האָב איך געלאָזט וויסען דער עהרווירדיגער מוטער, אַז איך דאַרף איהר איבערגעבען איין פּאַסי־רונג... זעהר אַ וויכטיגע... איך האָב איהר דאָס איבערגעגעבען דורך אַ צעטעלע מיט דער מיידעל, פון די הינטערשטע טרעפּ. זי האָט אויפגענומען.

— איהר האָט ערשט געזעהן ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ'ן? האָט געפרעגט דער פירשט, קוים טרויענדיג זיינע אייגענע אויערען.

— ערשט געזעהן און געקראָגען אַ פּאַטש... אַ מאָראַלישען... זי האָט אומגעקעהרט צוריק דעם בריעף, זי האָט מיר צוריקגעוואָרפען און איהם אפילו ניט פאַנאַנדערגעעפענט... און מיך האָט זי אַרויס־געטריבען... איבעריגענס, נאָר מאָראַליש און ניט פיזיש... און איבע־ריגענס, כמעט אויך פיזיש, ס'האָט פיעל ניט געפעהלט!...

— וועלכען בריעף האָט זי אייך צוריקגעוואָרפען, ניט קיין פאַנאַנדערגעעפענטען?

— איז דען מעגליך... כע! כע! כע! איך האָב דאָך אייך נאָך ניט געזאָגט! און איך האָב געדענקט אַז איך האָב שוין גע־זאָגט... איך האָב געקראָגען אַזאַ בריוועל צו איבערגעבען...

— פון וועמען? צו וועמען?

נאָר אייניגע „ערקלערונגען“ פון לעבעדעוו איז געווען זעהר שווער צו פאַרשטעהן, דער פירשט האָט פונדעסטוועגען פאַרשטאַנען אויף וויפיעל ער האָט געקאָנט, אַז דער בריעף איז געווען איבערגע־געבען אין פריה־מאָרגען מיט דער דיענסט־מיידעל, צו ווערא לעבע־דעוו, אום איהם איבערצוגעבען אויפ'ן אדרעס... „פונקט ווי פריהער... פונקט ווי פריהער, צו דער באַוואוסטער פּערסאָנאַזש און פון דער זעלבער פּערזאָן... (ווייל איינער פון זיי באַצייכען איך מיט דעם נאָמען „פּערזאָן“ און די צווייטע בלויז מיט „פּערסאָנאַזש“, צוליעב ערנידערונג און כדי צו מאַכען אַן אונטערשייד; ווייל עס איז דאָ

א גרויסער אונטערשייד צווישען אַן אומשולדיגער און הויך־ווירדיגער גענעראַל'ס אַ טאָכטער און... אַ קאַמעליען־דאַמע) און אַזוי הייסט עס, אַז דער בריעף איז געווען פון דער „פּערזאָן“ וועלכע הויבט זיך אָן מיט דער בושטאַב אַ...“

— ווי איז דאָס מעגליך? צו נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ? ס'איז אַ דומהייט! האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— עס איז געווען, געווען, און אויב ניט צו איהר, איז צו ראַגאָזשין'ען, און אפילו צום הערר טערענטיעוו איז אויך געווען, אויף איבערצוגעבען, ניט לאַנג, פון דער פּערזאָן מיט דער בוכשטאַב אַ... האָט אונטערגעוואונקען און געשמייכעלט לעבעדעוו.

אַזוי ווי ער האָט זיך צו אָפט צומישט און האָט פאַרגעסען וואָס ער האָט אָנגעהויבען רעדען, איז אויך דער פירשט אַנטשוויגען געוואָרען, כדי צו געבען איהם די מעגליכקייט זיך אַרויסצוזאָגען. נאָר פונדעסטוועגען איז געווען זעהר ניט קלאָר: צי זיינען די בריעף געגאַנגען באַשטימט נאָר דורך איהם, אָדער דורך וועראַ'ן? אויב ער האָט אַליין פאַרזיכערט, „אַז צו ראַגאָזשין'ען, איז דאָסזעלבען ווי צו צו נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ“, איז מיינט עס, עס ליגט זיך אויפ'ן שכל, אַז די בריעף זיינען געגאַנגען ניט דורך איהם, אויב עס זיינען איבערהויפּט גאָר געווען בריעף. דער פאַל אויף וואָס פאַר אַ אופן עס איז צו איהם איצט אַריינגעפאַלען דער בריעף, איז געווען אַן אמת'ע רעטעניש; זיכערער פון אַלץ האָט מען געדאַרפט דענקען, אַז ער האָט אויף אַ וועלכען ס'ניט אופן עס אַוועקגענומען ביי וועראַ'ן... ער האָט שטילערהייט אַוועקגע'גנב'עט און האָט עס אַוועקגעטראָגען מיט עפּעס אַ צוועק צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפיעוונאַ. אַזוי האָט ענדליך זיך דערקלערט און פאַרשטאַנען דער פירשט.

— איהר זייט פון זינען אַרונטער, האָט ער אויסגעשריען אין גרויס צוטומלונג.

— ניט גאָר אינגאַנצען, פיעל געשעצטער פירשט, האָט ניט אָהן בייזקייט געענטפערט לעבעדעוו — אמת, איך האָב עס געוואָלט איבערגעבען אייך, אייך אין די אייגענע הענט, כדי אייך אַ טובה צו טאָן, נאָר איך האָב זיך באַרעכענט, אַז בעסער זאָל איך טאָן אַ טובה צו יענע און לאָזען וויסען דער עהרווירדיגער מוטער... אַזוי ווי איך האָב פריהער, אַנומעלט, שוין געלאָזט וויסען דורך אַן אַנאָנימע

בריעף; און ווען איך האָב פריהער אנגעשריבען אויף א פּאַפּירעל און געבעטען מען זאָל מיך אויפנעהמען, אום אכט אוהר און צוואַנציג מינוט און זיך אונטערגעשריבען „אייער געהיימניספּולער קאָרעס־פּאָנדענט", האָט מען מיך גלייך צוגעלאָזט, אפילו זעהר שנעל, דורך דעם הינטערשטען אריינגאַנג... צו דער עהרווירדיגער מוטער...

— נו?

— און דאָ ווייסט איהר דאָך שוין, אז זי האָט מיך שיעור ניט אנגעשלאָגען, דאָס הייסט שיעור, שיעור, אַזוי אז מען קען אפילו רעכענען אז זי האָט כמעט ווי אנגעשלאָגען, און דעם בריעף האָט זי מיר א וואָרף געטאָן. אמת, זי האָט איהם געוואָלט לאָזען ביי זיך — איך האָב עס געזעהן און באמערקט — נאָר זי האָט זיך באַדענקט און א וואָרף געטאָן: „אויב מען האָט אַזעלכען ווי דיר פּאַרטרויט אי־בערצוגעבען טאָ גיב איבער"... זי האָט זיך אפילו באַליידיגט אויך. אויב זי האָט זיך שוין פאַר מיר ניט געשעהמט אַזוי צו זאָגען, מיינט עס, אז זי האָט זיך באַליידיגט. זיי האָבען זעהר א היציגען כאַ־ראַקטער!

— וואו זשע איז דער בריעף איצט?

— נאָך אַלץ ביי מיר, אָט איז ער!

ער האָט איבערגעגעבען דעם פּירשט אַגלאַיאַ'ס צעטעלע צו גאַווריאַ אַרדאַליאָנאָוויטש, דעם זעלבען צעטעלע וועלכער יענער האָט זיעגעריש, אין דעם זעלבען פריהמאָרגען, מיט צוויי שטונדען שפּעטער, געוויזען דער שוועסטער.

— דער דאָזיגער בריעף טאָר ניט בלייבען ביי אייך.

— אייך! אייך! איך גיב איך איהם אוועק, האָט מיט היץ אונטערגעכאַפּט לעבעדעוו, — איצט בין איך ווידער אייערער, אין גאַנצען פון קאָפּ ביז'ן האַרצען אייערער, נאָך א קליינינקען פאַר־ראַט! „באַשטראָפט דאָס האַרץ, אָבער שוינט די באָרד", ווי האָט געזאָגט טאָמאַס מאָרוס... אין ענגלאַנד און אין גרויס בריטאַניען. Me culpa, mea culpa, ווי עס זאָגט דער רוימישער פּאַפּסט.

— דעם דאָזיגען בריעף דאַרף מען גלייך אָפּשיקען, האָט דער פירשט געזאָגט, — איך וועל איבערגעבען.

— וואָלט אפשר ניט געווען גלייכער, גלייכער, בעסט ערצווי־גענער פירשט, וואָלט ניט געווען גלייכער... דעם דאָזיגען!...

לעבעדעוו האָט געמאַכט אַ מאָדנע ליבליכע גרימאַסע; ער האָט פּלוצלינג גענומען זיך שרעקליך דרעהען אויפ'ן פּלאַץ, פּונקט ווי מען וואָלט איהם פּלוצלינג מיט אַ נאָדעל אַ שטאָך געטאָן, און ביטרע אונטערווינקענדיג מיט די אויגען, האָט ער געמאַכט און באַוויזען עפּעס מיט די הענט.

— וואָס מיינט עס? האָט שטרענג געפרעגט דער פּירשט.

— אַפּריהער דאַרף מען עס עפענען! האָט ער ארויסגעשעפּטשעט אַזוי ווי געהיימניספול.

דער פּירשט איז אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ כעס, אַז לעבעדעוו האָט זיך אַזש געלאָזט לויפען; נאָר דערלויפענדיג צום טיר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַפּוואַרטענדיג אפשר וועט יענער ווייכער ווערען.

— ער, לעבעדעוו! קען מען, קען מען דערגעהן ביז אַזאַ נידעריגער אונאָרדנונג, צו וועלכען איהר זייט דערגאַנגען? האָט טרויערדיג אויסגעשריען דער פּירשט. לעבעדעוו'ס פּנים האָט אויפגעשיינט.

— איך בין געפאַלען זעהר נידעריג! זעהר נידעריג! האָט ער זיך גלייך דערנעהענטערט מיט טרערען, קלאַפּענדיג זיך אין הארצען.

— דאָס איז אַ שענדליכע טאַט!

— געוויס, אַ שענדליכע טאַט. דאָס איז דער ריכטיגער וואָרט דערפאַר!

— און וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ שטייגער אַזוי.. אַזוי צו האַנדלען? איהר ווייסט, איהר זייט דאָך אַן איינפאַכער שפּיאָן! פאַרוואָס האָט איהר געשריבען אַנאָנימע בריעף און באַאומרוהיגט... אַזאַ אָרענטליכע און גוטע פרוי? און ענדליך, פאַר וואָס טאָר אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ ניט שרייבען צו וועמען זי וויל? איהר זייט איהר געגאַנגען פאַרקלאָגען, צו וואָס? וואָס האָט איהר געהאַט דאָרט צו קריגען דערפאַר? וואָס האָט אייך געבראַכט צו געהן מסור'ן?

— איינציג בלויז פון אַנגענעהמער נייגעריגקייט און... צוליעב באַדינען אַן עהרווירדיגער נשמה. אַזוי איז דאָס! האָט געמורמעלט לעבעדעוו — איצט אָבער בין איך אינגאַנצען אייערער, ווידער אין גאַנצען! כאָטש הענגט מיך!

— איהר זייט אין אַזאַ צושטאַנד ווי איצט אויך ערשינגען פאַר ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ? איז מיט ווידערווילען געווען נייגעריג צו וויסען דער פירשט.

— ניין... געווען אַביסעלע פרישער... און אפילו אנשטענדי־גער... דאָס האָב איך שוין נאָך דער ערנידערונג דערגרייכט מיין איצטיגען אויסזעהן...

— זאָל שוין זיין גענוג. איהר קענט שוין געהן.

איבעריגענס, האָט מען די דאָזיגע ביטע געדאַרפט ווידערהאָלען אייניגע מאָל, איידער דער גאַסט האָט זיך ענטשלאָסען אייעקצוגעהן. ער האָט שוין געווען אין גאַנצען געעפענט די טיר, נאָר האָט זיך ווידער אומגעקעהרט, דערגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער ביז'ן מיטען צימער, און האָט ווידער גענומען מאַכען צייכענס מיט די הענט ווייזענדיג, ווי מען עפענט אויף אַ בריעף; אַבער אַרויסזאָגען זיין עצה מיט'ן מויל האָט ער זיך ניט ענטשלאָסען; דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען, שטיל און ליעבליך שמייכלענדיג.

דאָס אַלעס איז געווען זעהר שווער צו הערען, אַז פון דאָס אַלץ האָט זיך אַרויסגעשטעלט איין גרויסער הויפּט־פּונקט: אַז גלאַיאַ איז געווען זעהר אין גרויס אומרוהיגקייט, אין גרויסער אונענטשלאָסענ־קייט, אין גרויסע ליידען צוליעב עפּעס־וואָס (אויס „אייפערזוכט" האָט אַ שעפּטשע געטאָן פאַר זיך דער פירשט), עס האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט, אַז איהר האָבען אויך צוטומעלט ניט קיין גוטע מענשען, און ס'איז געווען זעהר מאָדנע וואָס זי האָט זיך זיי אַנ־פאַרטרויט. געוויס זיינען אין אָט דעם אונערפאַהרענעם, נאָר היציגען און שטאָלצען קעפּעל צייטיג געוואָרען עפּעס באַזונדערע פּלענער, אפשר אויך שלעכטע און אויף גאָרנישט ניט עהנליכע... דער פירשט איז געווען זעהר איבערגעשראָקען און אין זיין צוטומ־לונג האָט ער ניט געוואוסט אויף וואָס זיך צו באַשליסען. מען האָט אונבאַדינגט געדאַרפט עפּעס פאַרלויפען דעם וועג, ער האָט עס געפיהלט. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפ'ן אדרעס פון דעם פאַרמאַמאַכטען בריעף: אָ, דאָ זיינען פאַר איהם ניט געלעגען קיינע ספקות און אומרוהיגקייטען, ווייל ער האָט געגלויבט: איהם האָט באַאומרוהיגט גאָר עפּעס אַנדערש אין דעם דאָזיגען בריעף: ער האָט ניט געגלויבט גאַווריל אַרדאַליאָנאָוויטש. און דאָך האָט ער

געווען זיך באַשלאָסען אז ער אליין זאָל איהם איבערגעבען דעם בריעף פערזענליך, און איז שוין צוליעב דעם ארויס פון הויז, נאָר אויפ'ן וועג האָט ער חרטה געהאט. כמעט לעבען פּטיצין'ס הויז האָט זיך איהם ווי אומישנע אנגעטראָפען קאָליא, און דער פירשט האָט איהם געשיקט איבערצוגעבען דעם בריעף אין די הענט פון זיין ברודער, פונקט ווי געשיקט דירעקט פון אגלאיא'ן. קאָליא האָט ניט געשטעלט קיינע פראגען און האָט צוגעשטעלט דעם בריעף, אזוי דאָס האניא'ן איז גאָר ניט איינגעפאלען אז דער בריעף איז דורכגעגאנגען אזוי פיעל סטאַנציעס. אומקעהרענדיג זיך אהיים האָט דער פירשט געשיקט רופען צו זיך ווערא לוקיאַנאַווא, האָט איהר דערצעהלט וואָס מען האָט געדאַרפט דערצעהלען, און זי בארוהיגט, ווייל זי האָט נאָך אַלץ געווען ארומגעזוכט דעם בריעף און געוויינט. זי איז ארייננגע־פאלען אין גרויס שרעק, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אז דעם בריעף האָט אוועקגע'גנב'עט דער פאָטער. (דער פירשט האָט שוין זיך דערנאָך פון איהר דערוואוסט, אז זי האָט ניט איינמאָל געדיענט אין דער שטיל, ראגאזשינ'ען און אגלאיא איוואַנאָוונא. איהר איז גאָר ניט איינגעפאלען, אז דאָ קען זיין עפּעס א זאך וואָס קען שאַדען דעם פירשט).

און דער פירשט איז ענדליך געוואָרען אויף אזוי פיעל צוטראַ־גען, אז ווען אין א פּאָר שטונדען ארום, איז צו איהם געקומען צו־לויפען א שליח פון קאָליא'ן מיט דער נאָכריכט וועגען דעם פאָטער'ס קראנקהייט, האָט ער אין דער ערשטער מינוט כמעט ניט פארשטאַ־נען וועגען וואָס דאָ שמועסט זיך נאָר די דאָזיגע נאָכריכט האָט איהם אויך פיעל געהאָלפען, ווייל זי האָט איהם שטאַרק אוועקגע־צויגען פון זיין צוטראָקענקייט. ער איז אָפּגעווען ביי נינא אַלעק־סאנדראָוונא, (וואוהין מען האָט זעלבסטפארשטענדליך אריבערגע־טראָגען דעם קראנקען), כמעט ביז עס איז געוואָרען נאכט. ער האָט ניט געבראכט קיין שום נוצען, נאָר עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע ס'איז צוליעב עפּעס, אנגענעהם צו זעהן ארום זיך אין געוויסע שווערע מאָמענטען. קאָליא איז געווען זעהר געטראָפען, האָט גע־וויינט היסטעריש, נאָר פונדעסטוועגען איז ער די גאַנצע צייט ארומ־געלאָפען אין שליחות'ן: ער איז געלאָפען נאָך איין דאָקטאָר און האָט געבראכט דריי. איז געלאָפען אין אַפּטייק, צום שערער. דעם

גענעראַל האָט מען געבראַכט צום לעבן, נאָר ניט צו זיך. די דאָק־טוירים האָבן זיך אויסגעדריקט: „אַז אַלענפאַלס איז דער פּאַ־ציענט אין געפאַהר", וואַריאַ און נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ זייַנען פון קראַנקען ניט אָפּגעטראָטען. האַניאַ איז געווען צוטומעלט און צו־טרייסעלט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אַרויפגעהן צום קראַנקען און אַפילו זיך געשראָקען אויף איהם אַ קוק צו טאָן; ער האָט זיך געבראָכען די הענט, און אין אַ געשפּרעך מיט'ן פירשט, האָט זיך איהם אייַנגעגעבען זיך אויסצודריקען, „אַז אָט האָט גראַד אַזאַ אומ־גליק געדאַרפט פּאַסירען אין אַזאַ צייַט!" דעם פירשט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער פאַרשטעהט אויף זיכער, וועגען וועלכער צייַט האַניאַ האָט עס גערעדט. איפּאָליט'ען האָט שוין דער פירשט ניט געפונען ביי פּטיצינ'ען אין הויז. צו אָוונט צו איז געקומען צו־לויפען לעבעדעוו וועלכער איז נאָך דער פריהמאָרגענדיגער „ער־קלעהרונג" ביז איצט געשלאָפען אָהן אַן איבעררייס. איצט איז ער כמעט געווען ניכטער און האָט געוויינט איבער'ן קראַנקען מיט אמת'ע טרערען, פּונקט ווי אויף זייַנעם אַ לייבליכען ברודער. ער האָט זיך באַשולדיגט אויפ'ן קול, דאָך ניט ערקלעהרענדיג, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און איז צוגעשטאַנען צו נינאַ אַלעקסאַנד־ראָוונאַ, פאַרזיכערענדיג איהר אַלע ווייַלע, „אַז דאָס ער, ער אַליין, איז די אורזאַכע און קיינער אויסער איהם... אייַנציג בלויז צוליעב אַנגענעהמער נייגעריגקייט, און אַז דער „פאַרשטאָרבענער", (אַזוי האָט ער צוליעב עפּעס־וואָס, עקשנות'דיג אָנגערופען דעם נאָך לעבע־דיגען גענעראַל איז אַפילו געווען דער געניאַלסטער מענש!" ער האָט באַזונדער ערנסט אָנגעדריקט אויף דער געניאַליטעט, אַזוי ווי דורך דעם קען אין דעם איצטיגען מאָמענט ברענגען אַן אויסערגע־וועהנליכער נוצען. נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, דערזעהענדיג זייַנע אויפריכטיגע טרערען, האָט איהם ענדליך אַ זאָג געטאָן, אָהן קיין שום פאָרוואורף און שיעור ניט מיט ליעבליכקייט: „נו, גאָט איז מיט אייך, גענוג שוין וויינען, נו גאָט וועט אייך פאַרגעבען!" לעבעדעוו איז אויף אַזוי פיעל געווען ערשטוינט פון די דאָזיגע ווער־טער און טאָן, אַז ער האָט שוין אַ גאַנצען אָוונט ניט געוואָלט אָפּ־טרעטען פון נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. (און אין אַלע נאָכפאָלגענדע טעג, ביז דעם סאַמע גענעראַל'ס טויט איז ער כמעט פון דער פריה ביז

נאכט אָפּגעזעסען ביי זיי אין הויז.) אין פארלויף פון טאָג איז צוויי מאָל געקומען צו נינאַ אַלעקסאנדראָווא אַ שליח פון ליזאוועטאַ פּראָקאָפּיעווגא זיך צו ערקונדיגען וועגען דעם קראנקען׳ס געזונד. ווען אָבער שוין אין אָוונט, ארום ניין אזייגער, איז דער פירשט ערשיענען אין גאסט־צימער פון די עפּאנטשינס, וועלכער איז שוין געווען פול מיט געסט, האָט ליזאוועטאַ פּראָקאָפּיוונאַ גלייך גענומען פאנאנדערפרעגען וועגען דעם קראנקען מיט סימפּאטיע, און האָט מיט ווירדיגקייט געענטפערט דער באלקאָנסקאַיאַ אויף איהר פראגע: „ווער אזוינס איז דער קראנקער, און ווער אזוינס איז נינאַ אַלעקסאנדראָווגא?״ דעם פירשט איז דאָס זעהר געפעהלען געווארען. ער אליין דורכשמועסענדיג זיך מיט ליזאוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט גע־רעדט „שעהן״, ווי עס האָבען זיך אויסגעדריקט דערנאָך אַגלאַיאַ׳ס שוועסטער: „באַשיידען, שטיל, אָהן איבעריגע ווערטער, אָהן זשעס־טען, מיט ווירדע; אריינגעקומען איז ער פיין, געקליידט איז ער געווען אויסגעצייכענט, און ניט נאָר „איז ער ניט געפאלען אויפ׳ן גלאַטען דיל״, ווי ער האָט זיך נעכטען געשראָקען — נאָר קענטיג אַז ער האָט אפילו געמאכט אויף אלעמען אַ גוטען איינדרוק.

ער, פון זיין זייט, אוועקזעצענדיג זיך און ארומקוקענדיג זיך, האָט גלייך באמערקט, אַז די גאנצע פארזאמלונג איז גאָר ניט געווען עהנליך אויף די נעכטיגע געשפּענסטער, מיט וועלכע עס האָט איהם אָנגעשראָקען אַגלאַיאַ, אָדער אויף די קאָשמארען, וועלכע האָבען זיך איהם גע׳חלומ׳ט ביינאכט. צום ערשטען מאָל אין לעבען האָט ער דערזעהן אַ ווינקעל פון דעם, וואָס עס רופט זיך מיט דעם שרעקליכען נאָמען „הויכע געזעלשאַפט״. ער האָט שוין לאנג צוליעב אייניגע באַזונדערע צוועקען, געדאנקען און שטרעבונגען געדורשט אריינצו־דרינגען, אין דעם דאָזיגען פאר׳כישופ׳טען קרייז פון מענשען און דארום איז ער געווען שטארק פאראינטערעסירט מיט דעם ערשטען איינדרוק. דער דאָזיגער ערשטער איינדרוק זיינער איז אפילו געווען אַ באַצויבערענדער, עפּעס האָט זיך איהם גלייך און מיט אַמאָל אויס־געדוכט, אַז די אַלע מענשען זיינען ווי געבוירען געווארען צו זיין צוזאַמען; אַז די עפּאנטשינס האָבען גאָר קיין שום „אָוונט״ ניט און קיינע געלאַדענע געסט, אַז דאָס זיינען אַלץ „אייגענע מענשען״ און ער אליין איז שוין זעהר לאנג, זייערער אַן איבערגעבענער פריינד

און געזינונגס־מענש, און ער האָט זיך דאָס צו זיין אומגעקעהרט נאָך א קורצער צושיידונג. דער צויבער פון די גלענצענדע מאַניערען, איינפאַכקייט און אויבענאויפיגע ריין־הערציגקייט, איז כמעט געווען א וואונדערליכער. איהם האָט גאַר אויפ׳ן זינען ניט געקאָנט קומען, אַז די דאָזיגע איינפאַכקייט און עדעלקייט, שאַרפזיניגקייט און זעלבסט־ווירדיגקייט זיינען מעגליך בלויז א שעהנע קינסטלערישע אויסאַרבייטונג. די מעהרהייט פון די געסט זיינען ניט קוקענדיג אויף דער אויסערליכער ווירדיגקייט, באַשטאַנען פון גאַנץ פּוסטע מענשען, וועלכע האָבען איבעריגענס, אַליין ניט געוואוסט, אין זייער זעלבסטצופרידענהייט אַז פיעלע פון זייערע שעהנקייטען— זיינען ניט מעהר ווי געקינצעלטע, און אין וועלכע זיי זיינען גאַר ניט שולדיג, ווייל זיי זיינען צו זיי געקומען אונבאוואוסטזיניג און בירושה. אָט דאָס האָט דער פירשט אַפילו ניט געקאָנט פאַרדעכטיגען, זייענדיג אונטער דעם צויבער און פראַכט פון זיין ערשטען איינדרוק. ער האָט צום ביישפּיעל געזעהן, אַז אָט דער דאָזיגער אַלטער מאַן, דער דאָזיגער ווירדיגער באַאמטער, וועלכער האָט לויט זיינע יאָהרען, געדאַרפט זיין זיין זיידע, רייסט אַפילו איבער זיין געשפּרעך, כדי אויסצוהערען איהם, אַזא יונגען און אונערפאַהרענעם מענשען און ניט נאָר הערט ער איהם אויס, נאָר קענטיג אַז ער שעצט זיין מיינונג, איז צו איהם אַזוי מילד, אַזוי אויפריכטיג גוטהערציג, און דאָך זיינען זיי פרעמדע און זעהען זיך ערשט צום ערשטען מאָל. מעגליך, אַז אויף דעם פירשט׳ס איינדרינגליכקייט האָט מעהר פון אַלץ געווירקט די דינקייט פון דער דאָזיגער העפליכקייט. מעגליך, אַז ער איז פון פריהער געווען צופיעל אויפגעלעגט און אַפילו אויך צוגעגרייט צו אַזא גליקליכען איינדרוק.

און אין דער זעלבער צייט זיינען אָט די אַלע מענשען — כאָטש זיי זיינען געוועהנליך געווען „הויז־פריינד" — פונדעסטוועגען ניט געווען אַזעלכע פריינד ניט צו דער הויז, ניט צווישען זיך, ווי עס האָט זיי פאַרשטאַנען דער פירשט ווען מען האָט איהם נאָר־וואָס פאַרגעשטעלט און באַקענט מיט זיי. דאָס זיינען געווען מענשען וועלכע וואָלטען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט אנערקענט די עפּאַנטשינס כאָטש אויף וויפיעל ס׳ניט איז גלייך צו זיי. דאָ זיינען געווען מענשען וועלכע האָבען גאַר פיינט געהאַט איינע די צווייטע:

די אַלטע בעלקאָנסקאַיאַ האָט איהר גאַנצען לעבען פּאַראַכטעט די פּרוי פון דעם „אַלטען ווירדיגען באַאַמטען". און יענע האָט אויף איהר שטייגער ניט שטאַרק ליעב געהאַט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. דער דאָזיגער „באַאַמטער", איהר מאַן, וועלכער האָט זיך, מען ווייס ניט פאַר וואָס, גערעכענט אַלס דער באַשיצער פון די עפּאַנטשינס, פון זייער סאַמע יוגענד אָן, און וועלכער איז דאָ אַנוועזענד געווען, איז ביי איוואַן פיאָדאָראָוויטש געווען פאַררעכענט אַלס אַזאַ הויכע פּער־זענליכקייט, צו וועלכער אויסער עהרפורכט האָט ער מעהר אין זיין אַנוועזענהייט ניט געקאָנט פיהלען, און ער וואָלט זיך אַפילו אויפ־ריכטיג פאַראַכטעט, ווען ער וואָלט כאָטש איין מינוט געפּרואווט זיך רעכענען גלייך צו איהם, און איהם ניט אַלס אַ יופּיטער. עס זיינען דאָ געווען מענשען, וועלכע האָבען זיך ניט באַגעגענט איינער מיט'ן צווייטען צו עטליכע יאָהר און וועלכע האָבען איינער צום צווייטען אויסער גלייכגילטיגקייט, (אויב ניט פאַראַכטונג,) גאָרנישט ניט גע־פיהלט, נאָר וועלכע האָבען זיך איצט באַגעגענט פּונקט ווי זיי וואָל־טען ערשט נעכטען זיך געזעהן, אין דער סאַמע פריינדליכער און אָנ־גענעהמער קאָמפּאַניע. איבעריגענס, איז די פאַרזאַמלונג געווען ניט קיין גרויסע, אויסער דער בעלקאָנסקאַיאַ און דעם „אַלטיטשקען וויכ־טיגען באַאַמטען", וועלכער איז טאַקע אין אמת'ן געווען אַ וויכטיגע פּערזאָן, אויסער זיין פרוי, איז דאָ, ערשטענס, געווען אַ זעהר סאָלידער קריעגס־גענעראַל, אַ באַראָן אָדער אַ גראַף מיט אַ דייטשען נאָמען — אַ מענש וועלכער האָט געקאָנט זעהר גוט שווייגען, מיט אַ רעפּוטאַציע פון גוואַלדיגען וויסען אין רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען און שיעור אַפילו ניט מיט אַ רעפּוטאַציע פון אַ געלעהרטען, — איינער פון יענע אָלימפּישע־אַדמיניסטראַטאָרס וועלכע ווייסען אַלץ, „אויסער אפשר מיט דער אויסנאַהם פון רוסלאַנד", אַ מענש וועלכער האָט גערעדט אין פאַרלויף פון פינף יאָהר, מיט איין „וואונדערליכען לויט זיין טיפקייט" ווערטיל, נאָר איבעריגענס מיט אַזאַ ווערטיל, וועלכער געהט אונבאַדינגט אַריין אין געשפּרעך, און וועגען וועלכען מען ווייסט אַפילו אין די העכסטע קרייזען; איינער פון יענע הער־שענדע טשינאָווניקעס, וועלכע נאָך אַ זעהר לאַנגער דינסט, שטאַרבען געוועהנליך מיט גרויסע טשינען, אויף פיינע שטעלעס, און מיט אַ סך געלט, כאָטש אַפילו אָהן גרויסע העלדישקייט און אַפילו מיט

געוויסער שנאה צו העלדישקייטען. דער דאָזיגער גענעראַל איז געווען איוואן פיאָדאָראָוויטש'עס נאַטשאַלניק און וועלכען יענער לויט דער ווארימקייט פון זיין דאנקבארען הארצען, און אפילו צוליעב א געוויסער אייגענליעבע האָט גערעכענט פאר זיין וואָלטעטער, כאָטש יענער האָט זיך ניט גערעכענט פאר איוואן פיאָדאָראָוויטש'עס וואָלטעטער און האָט זיך צו איהם באַצויגען זעהר קאלט; כאָטש ער האָט מיט פארגעניגען זיך באנוצט מיט זיינע פארשיידענע דינסטליייסטונגען, און ער וואָלט גלייך באזעצט זיין פּלאַץ מיט אן אנדער טשינאָווניק, ווען דאָס וואָלט געווען נויטיג... דאָ איז געווען נאָך איינער אן עלטערער, ווירדיגער פריץ, שיעור ניט א שטיקעל קרוב פון ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא, כאָטש דאָס איז געווען גאר ניט ריכטיג; א מאן מיט א פיינעם טשין און נאָמען, א מאן א רייכער און א בעל גוף, א היבשליך דיקער און זעהר א געזונטער, א שטארק רעדזאמער, און וועלכער האָט אפילו געהאט די רעפּוטאציע פון א מענשען א אונצופרידענעם, (כאָטש איבעריגענס, אין דער סאמע ערלויבטער פאָרם), א מענש אפילו א גאליגער, (נאָר דאָס האָט אויך גוט געפּאסט.) מיט די מאנירען פון די ענגלישע אריסטאָקראטען און מיט אן ענגלישען געשמאק וואָס עס געהערט, צום ביישפּיעל, א בלוטיגען ראָסט ביעף, א פערדישען געשפּאַן, לאַקייען און אזוי ווייטער.) ער איז געווען זעהר שטאַרק באפריינדעט מיט דעם „באָאמטען“, האָט איהם אונטערהאלטען, און דערצו האָט ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא, צוליעב עפּעס־וואָס געפּיהלט אז דער דאָזיגער עלטערער הערר (א מענש א ביסעל א לייכטזיניגער און טיילווייז א ליעבהאָבער פון פרויען געשלעכט), וועט מיט דער צייט איינפאלען צו באגליקען אלעקסאנדרא'ן, מיט זיין הייראטס־פארשלאָג. נאָך דער דאָזיגער העכערער און סאָלידערער שיכט פון דער פארזאמלונג האָט נאָכגעפאָלגט א שיכט פון מעהר יונגערע געסט, וועלכע האָבען פונדעסטוועגען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט פיינע מעלות. אויסער דעם פירשט שטש. און עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט צו דער דאָזיגער שיכט באַלאַנגט אויך דער באוואוסטער, פּראַכטפולער פירשט נ. א געוועזענער באַצויבערער פון פרויען־הערצער איבער גאנץ אייראָפּא, א מאַן וואָס איז שוין איצט אלט געווען א יאָהר פינף און פערציג אבער האָט נאָך אלץ אויסגעקוקט זעהר שעהן, און וועלכער האָט געקאָנט

וואונדערליך דערצעהלען מעשיות, א מענש מיט רייכטום, וועלכער איז שוין, איבעריגענס, געוועזן א ביסעל אין אונאָרדנונג, און וועלכער האָט לויט געוואוינהייט, דעם גרעסטען טייל געלעבט אין אויסלאנד. דאָ זיינען ענדליך געווען מענשען וועלכע האָבען ווי געשאפען די דריטע באזונדערע שיכט, און וועלכע האָבען זיך און פאר זיך ניט באַלאַנגט צו דעם „געבענשטען קרייז“. לויט א געוויסען טאַקט, וועלכער איז פון זיי אנגענומען אלס רעגעל, האָבען די עפּענטשינס ליעב געהאט צוזאמענמישען אויף זייערע אין זעלטענע פּעלע געלאַדענע פאַרזאמלונגען פון דער העכערער געזעלשאַפט, מענשען פון א נידעריגער שיכט, מיט די אויסערוועהלטע פארשטעהער פון „מיטעלען קלאס מענשען“.

דערפאר האָט מען די עפּאטשינס אפילו געליבט און מען האָט גערעדט וועגען זיי, אז זיי ווייסען זייער פּלאַץ און זיינען טאַקטישע מענשען. און די עפּאנטשים זיינען געווען שטאָלץ מיט דער דאָזיגער מיינונג וואָס מען האָט פון זיי געהאט. איינער פון די פארשטעהער פון דעם דאָזיגען קלאס מענשען איז אין דעם אָווענט געווען א גע־וויסער טעכניקער, א פּאָלקאָווניק, אן ערנסטער מענש, זעהר א נאָ־הענטער פריינד פון פירשט שטש. און טאַקע פון איהם אן אריינגע־פיהרטען צו די עפּאנטשינס. איבעריגענס, איז דאָס געווען א מענש, וועלכער האָט אין געזעלשאפט געשוויגען, און וועלכער האָט געטראָ־גען אויף זיין גרויסען צייג־פינגער, פון דער רעכטער האנט א גרויסען און אַנגעזעהענעם רינג, ווי עס ווייזט אויס, א געשענקטען. דאָ איז אויך ענדליך געווען אפילו איינער א ליטעראַט־פּאָעט, פון די דייט־שען, נאָר א רוסישער פּאָעט, און אויסער דעם, אויך א גאַנץ אַנ־שטענדיגער, אזוי דאָס מען האָט איהם אָהן קיין פורכט געקענט ברענגען אין א פיינער געזעלשאַפט. ער איז געווען א מאַן פון א פיינעם אויסזעהן, כאָטש אביסעל אן עקעלהאַפטען, פון א יאָהר אכט און דרייסיג, האָט זיך געקליידט ניט שלעכט, האָט באַלאַנגט צו א דייט־שער פאַמיליע, אויף דער העכסטער שטופע א בורזשואזנע, נאָר אויך אן אנשטענדיגע; ער האָט זיך געוואוסט ווי צו באַנוצען זיך מיט אַלערליי פּעלע, קריגען דעם שוץ פון גרויסע מענשען, און איינהאַל־טען זייער גוטסקייט. ווען ער האָט איבערזעצט פון דייטש עפּעס א וויכטיג ווערק, פון עפּעס א וויכטיגען דייטשען פּאָעט, האָט ער

געוואוסט וועמען צו ווידמענען זיין איבערזעצונג,, ער האָט געקענט זיך באַריהמען מיט זיין פריינדשאפט מיט איינעם א באריהמטען, נאָר א פארשטאָרבענעם רוסישען פּאָעט. (עס איז דאָ א גאנצע שיכט פון שרייבער, וועלכע האָבען זעהר ליעב זיך צוצושרייבען די פריינד־שאפט פון גרויסע נאָר פארשטאָרבענע שריפטשטעלער), און אריינ־געפיהרט איז ער געווען גאר ניט לאנג צו די עפּאנטשינס און דער פרוי פון דעם „אַלטיטשקען באַאמטען". די דאָזיגע פּריצ'טע האָט זיך גערעכענט אלס באַשיצערין פון שרייבער און געלעהרטע. און זי האָט טאַקע פאר איינעם אָדער צוויי שרייבער, אפילו אויך גע־קראָגען א פּענסיע, דורך דער פארמיטלונג פון הויכגעשטעלטע פּער־זאָנען וועלכע האָבען זיך מיט איהר גערעכענט. אביסעל רעכענען זיך מיט איהר האָט מען געמוזט. דאָס איז געווען א דאמע פון א יאָהר פינף און פערציג (דאָס הייסט, זעהר א יונגע פרוי פאר אזא אַלטען מאן ווי איהר מאן), א געוועזענע שעהנהייט, וועלכע האָט אויך איצט ליעב געהאט, לויט דער משוגעת, וועלכע איז כאראקטע־ריסטיש פאר א סך פינף און פערציג יאָהריגע פרויען, צו קליידען זיך צופיעל שרייענד; שכל האָט זי פארמאָגט ניט קיין סך, און ליטעראַ־רישען וויסען זעהר א צווייפעלהאפטען. נאָר איהר באַשיצען ליטע־ראטען איז געווען דער זעלבער משוגעת ווי איהר קליידען זיך צו־פיעל שרייענד. איהר זיינען געווידמעט געווארען א סך ווערק און איבערזעצונגען; צוויי־דריי שרייבער, האָבען מיט איהר ערלויבניש, אפּגעדרוקט זייערע צו איהר געשריבענע, בריעף, וועגען זעהר וויכ־טיגע ענינים... און אָט די גאַנצע געזעלשאפט האָט דער פירשט אָנ־גענומען פאר ריינעם גאלד אָהן פּסלות. איבעריגענס, זיינען אויך אָט די אלע מענשען ווי אומישנע געווען, אין דעם אָוונט, אין דער סאָמע גליקליכסטער שטימונג, און זעהר צופרידען מיט זיך. זיי אלע ביז איינעם האָבען געוואוסט, אז זיי פארשאפען די עפּאנטשינס מיט זייער אנוועזענהייט, א גרויסע עהרע. נאָר אוי וועה, דער פירשט האָט אפילו ניט פאַרדעכטיגט אזעלכע דינקייטען. ער האָט צום ביישפּיעל ניט פארדעכטיגט, אז די עפּאַנטשינס, האָבענדיג אין אויג צו מאַכען אזא וויכטיגען שריט, ווי די ענטשיידונג פון דער טאָכטער'ס שיקזאל און זיי וואָלטען ניט געוואגט ניט צו ווייזען איהם, לעוו ניקאָלאיעוויטש'ען, צום „אַלטיטשקען באַאמטען", דער

אנערקענטער באַשיצער פון זייער פאַמיליע. דער „אַלטיטשקער טשינאָווניק“ אָבער, כאָטש ער פון זיין זייט, וואָלט גאַנץ רוהיג גע־קענט איבערטראָגען א נאַכריכט אפילו וועגען א גרויסען אומגליק מיט די עפּאַנטשינס — וואָלט זיך אונבאַדינגט באַליידיגט, ווען די עפּאַנטשינס וואָלטען פאַר׳קנס׳ט זייער טאָכטער אָהן זיין ראַט און אַזוי צו זאָגען, אָהן אנצופרעגען ביי איהם. דער פירשט נ. דער דאָזיגער וואוילער, אָט דער זיכער שאַרפזיניגער און אַזא ריין האַר־ציגער מענש, איז געווען טיעף איבערצייגט, אַז ער איז אין דעם ערד פון א זון וועלכע איז אויפגעגאַנגען ביי די עפּאַנטשינס אין גאַסט־צימער. ער האָט זיי גערעכנט אונענדליך נידעריגער פאַר זיך, און טאַקע דער דאָזיגער איינפאַכער און עהרווירדיגער געדאַנק האָט אין איהם ערוועקט זיין וואונדערליך אנגענעהמעם ניט אנגעצויגענהייט, און פריינדליכקייט צו די דאָזיגע עפּאַנטשינס. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אין דעם היינטיגען אווענט דאַרף ער אונבעדינגט עפּעס דערצעהלען, אום צו באַצויבערן די געזעלשאַפט און ער האָט זיך דערצו געגרייט אפילו מיט א געוויסער באַגייסטערונג. דער פירשט לעוו ניקאָלאַיעוויטש, אויסהערענדיג דערנאָך די דאָזיגע ערצעהלונג, האָט אנערקענט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהערט עפּעס עהנליכעס צו אַזא גלענצענדען הומאָר און אַזא וואונדערליכע פרעהליכקייט און נאַאי־וויטעט, וועלכע האָט אויסגעקוקט כמעט ריהרענד ארויסקומענדיג פון די ליפּען פון אַזא דאָן־זשואַן ווי פירשט נ. און דערביי ווען ער וואָלט כאָטש געוואוסט אויף וויפיעל אָט די זעלבע ערצעהלונג איז שוין אַלט און פאַרשימעלט; ווי אַזוי יענער האָט איהר אויסגע׳חזר׳ט אויף אויס־וועניג, און ווי זי האָט זיך אָפּגעריבען און האָט דערעסען אין אַלע גאַסט־צימערן. און נור ביי די אומשולדיגע עפּאַנטשינס איז זי ווידער ערשינען ווי א נייע זאַך, פאַר א פּלוצליכע, אויפריכטיגע, און גלענ־צענדע עראינערונג פון א גלענצענדען און פראַכטפאָלען מענשען!

ענדליך האָט אפילו דער דייטשעל, דער פּאָעט, וועלכער כאָטש ער האָט זיך געהאַלטען אויסערגעוועהנליך ליבליך און באַשיידען, נור אויך ער האָט שיעור זיך ניט גערעכענט, אַז ער טוט אַן א כבוד צו דער דאָזיגער הויז מיט זיין באַזוך. נור דער פירשט האָט ניט באַ־מערקט די צווייטע זייט, האָט ניט באַמערקט קיין שום אונטערשלאַג. דעם דאָזיגען אומגליק האָט אויך אגלאַיא ניט פאָראויסגעזעהן. זי

אליין איז געווען וואונדערליך שעהן אין דעם דאָזיגען אווענט. אלע דריי מיידלאך זיינען געווען פארפוצט, כאָטש ניט זעהר פּרעכטיג, און אפילו אויף א באזונדער אופן פארקעמט. אגלאיא איז געזעסען מיט עווגעני פּאוולאָוויטשען און האָט אויסערגעוועהנליך פריינדליך מיט איהם פארבראכט און געשפּאַסט. עווגעני פּאוולאָוויטש האָט זיך געהאַלטען אביסעלע סאָלידער ווי אלע מאָהל, מעגליך אויך צוליב דרך ארץ פאר די טשינאָווניקעס. איבעריגענס, האָט מען איהם אין דער געזעלשאַפט שוין לאנג געקאָנט; ער איז דאָרטען שוין געווען אן איי־גענער מענש, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז נאָך געווען יונג. אין דעם דאָזיגען אווענט איז ער געקומען צו די עפּאנטשינס מיט א קרעפּ אויפ'ן הוט, און די בעלקאנסקאיא האָט איהם געלויבט פאר דעם דאָזיגען קרעפּ; אן אנדער פּלעמיאניק וואָלט מעגליך ביי עהנליכע אומשטענדען, ניט געטראָגען נאָך אזא אנקעל, קיין טרויער. ליזאַ־וועטא פּראָקאָפּיעוונא איז דערמיט אויך געווען צופרידען, נור אין אלגעמיין האָט זי אויסגעקוקט צו זיין זעהר פארזאָרגט. דער פירשט האָט באמערקט, אז אגלאיא האָט א צוויי דריי מאָל אויף איהם אויפ־מערקזאם א בליק געטאָן, און איז דוכט זיך געבליבען מיט איהם צו־פרידען. ביסלעכווייז, איז ער געוואָרען זעהר גליקליך. זיינע פריהער־דיגע „פאַנטאַסטישע" געדאנקען און שרעקען (נאָך דעם געשפּרעך מיט לעבעדעווען), האָבען זיך איהם איצט אויסגעוויזען, ביי א פּלוצליכען נור אפטען דערמאָנען זיך אָן דעם, אלס אזא אונמעגליך און אונ־ווארשיינליך, און אפילו קאָמישען חלום. (און אויך אָן דעם, איז זיין ערשטער כאָטש אונבאוואוסטזיניגער חשק און שטרעבונג געווען, פריי־הער, און אויך א גאנצען טאָג — ווי אזוי מאַכט מען אז מען זאָל ניט גלויבען דעם דאָזיגען חלום!) גערעדט האָט ער ווייניג, און דאָס אויך בלויז געענטפערט אויף פראגען און ענדליך, איז ער אינגאנצען אנט־שוויגען געוואָרען, געזעסען און אלץ געהערט, נור קאָנטיג אין גרויס הנאה. ביסלעכווייז, איז אין איהם אליין צייטיג געוואָרען עפּעס וואָס עהנליכעס אויף א באגייסטערונג, וועלכע איז געווען גרייט אויפ־צופלאַמען צו יעדער צייט... אבער אנגעהויבען רעדען האָט ער צופע־ליג, אויך אלס ענטפער אויף א פראגע, און עס האָט זיך געדוכט, אז אָהן קיין שום באזונדערען צוועק...

זיבעטער קאַפּיטעל

— אין דער צייט ווען ער האָט מיט פאַרגעניגען זיך פאַרקוקט אויף אַגלאַיען וועלכע האָט פרעהלאַך פאַרבראַכט מיט פירשט נ. און מיט עווגעני פּאַוולאָוויטש, האָט דער באַיאַהרענטער פריץ, דער ענג־לישמאַן, וועלכער האָט, אין אַ צווייטען ווינקעל אונטערהאַלטען דעם „ווירדיגען באַאַמטען", און איהם וועגען עפּעס דערצעהלט, מיט באַ־גייסטערונג, פּלוצלינג אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון ניקאָלאַי אַנדרע־יעוויטש פּאַווליטשעוו. דער פירשט האָט זיך האַסטיג אויסגע־דרעהט אין זייער זייט און גענומען הערען.

דער געשפּרעך איז געווען וועגען די היינטיגע אָרדנונגען און אומ־אָרדנונגען אויף די גוטסבאַזיצערישע אימעניעס, אין — סקער גו־בערניע. די מעשיות פון דעם ענגלישמאַן, האָבען הפנים געהאַט אין זיך, עפּעס זעהר פרעהליכעס, ווייל דער אַלטיטשקער האָט ענדליך, אָנגעהויבען לאַכען פון דעם דערצעהלערס גיפטיגען אָרט דער־צעהלען. ער האָט דערצעהלט פליסיג און ווי אומישנע אויסציהענדיג די ווערטער, מיט עדעלע אַנדריקונגען אויף די וואָקאַלישע בוכשטאַ־בען, פאַר וואָס ער איז געווען געצוואונגען און טאַקע צוליב די איצ־טיגע אָרדנונגען, צו פאַרקויפען זיינע אַן אימעניע, אין —סקער גו־בערניע אין דער צייט ווען ער האָט זיך אַפּילו ניט גענויטיגט אין געלט, פאַר אַ האַלבען פרייז, און אין דער זעלבער צייט האַלטען זיך מיט אַ צושטערטער אימעניע, צו וועלכער ער לעגט צו, און וועגען וועלכער ער האָט אַ פּראָצעס, און אַפּילו נאָך צוצאָהלען אויך.

„כדי אויסצומיידען אַ פּראָצעס אויך אויף פּאַווליטשעוו'ס טייל, בין איך פון זיי אַנטלאָפען, נאָך איינע אָדער צוויי אַזעלכע ירושות — און איך בין אַן אָרימאַן. איבעריגענס, איז מיר דאָרטען אַריינגעפאַ־לען דריי טויזענד דעסיאַטינעס פון גוטע ערד!"

— דו ווייסט... איוואַן פּעטראָוויטש איז דאָך אַ קרוב צו ניקאָ־לאַי אַנדרעיעוויטש פּאַווליטשעוו... דו האָסט דאָך, דוכט זיך, גע־זוכט קרובים, האָט שטיל געזאָגט איוואַן פיאָדאָראָוויטש וועלכער האָט זיך פּלוצלינג אַריבערגעזעצט צום פירשט. און באַמערקענדיג דעם

פירשטס גוואַלדיגע אויפמערקזאַמקייט צום געשפּרעך. ביז איצט האָט ער אונטערהאַלטען זיין גענעראַל, נור ער האָט שוין לאַנג באַמערקט די אויסשליסליכע איינזאַמקייט פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש און ער האָט זיך אָנגעהויבען באַאומרוהיגען; איהם האָט זיך געוואָלט איהם אריינפיהרען ביז א געוויסען גראַד, אין א געשפּרעך און אויף אַזאַ אופן ווייזען און פאָרשטעלען פאַר „העכערע פערזאָנען“.

— לעוו ניקאָלאַיעוויטש, איז א האַדאָוועניק פון ניקאָלאַי אַנדרעיעוויטש פּאַווליטשעוו נאָך דעם טויט פון זיינע עלטערען, האָט ער באַמערקט באַגעגענדיג איוואַן פּעטראָוויטשעס בליק.

— זע־הר אַנ־גע־נעהם! האָט יענער באַמערקט. איך געדענק אפילו גאַנץ גוט, פריהער ווען איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט אונז באַקאַנט, האָב איך אייך גלייך דערקאָנט, און אפילו אַן געזיכט. איהר האָט זיך, אין אמת'ן, זעהר ווענייג געענדערט, אין געזיכט. כאָטש איך האָב אייך נור געזעהן אַלס קינד. איהר זייט דאַן אַלט געווען א יאָהר צעהן, אָדער עלף. עפּעס ליגט אַזעלכעס, וואָס געדענקט זיך. ליגט אין די שטריכען פון....

— איהר האָט מיך געזעהן אַלס קינד? האָט געפרעגט דער פירשט, מיט אַזאַ אונגעוועהנליכע פאַרוואונדערונג.

— אָ, שוין זעהר לאַנג, האָט פאָרטגעזעצט איוואַן פּעטראָוויטש — אין זלאַטאָווערכאָווסק, וואו איהר האָט דאַן געוואוינט ביי מיינע קוזינעס, איך פלעג פריהער גאַנץ אָפט קומען אין זלאַטאָווערכאָווסק — איהר געדענקט מיך ניט? עס קען זעהר מעגליך זיין, אַז איהר געדענקט ניט... איהר האָט דאַן געהאַט... עפּעס אַזאַ קראַנקהייט. אַזוי דאָס איז ביין פון אייך אַמאָל אפילו איבעראַשט געוואָרען.

— איך געדענק גאָרנישט ניט! האָט מיט היץ באַשטעטיגט דער פירשט.

נאָך א פּאָר ערקלערונגס ווערטער, זעהר רוהיגע פון דער זייט פון איוואַן פּעטראָוויטש און פאַרוואונדערט אויפגערעגטע פון דער זייט פון פירשט און עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז די צוויי פריצעס, די באַיאָהרענטע מיידלאָך, די קרובות פון פאָרשטאָרבענעם פּאַווליטשעוו, וועלכע האָבען געוואוינט אין זיין אימעניע אין זלאַטאָווערכאָווסק, און צו וועלכע דער פירשט איז איבערגעגעבען געוואָרען אויף ערציהונג, זיינען אויך קוזינעס צו איוואַן פּעטראָוויטש

אויך איוואַן פעטראָוויטש האָט ווי אַלע ניט געקאָנט ערקלעהרען, די אורזאכע פאר וואָס פּאוולישטעוו האָט אזוי געזאָרגט וועגען דעם קליינעם פירשטעל, זיין ספּלעג־קינד „און איך האָב גאר דאַן פארגעסען וועגען דעם זיך צו אינטערעסירען". נור אַלעמען האָב זיך אויסגעדוכט, אז ער פּאַרמאָגט אַן אויסגעצייכענטען זכרון, ווייל ער האָט אפילו געדענקט, ווי שטרענג ס'איז געווען צו דעם קליינעם האָדאָוועניק, די עלטערע קוזינע, מאַרפאַ ניקיטישינא, „אזוי דאָס איך האָב זיך איינמאָל אפילו מיט איהר צוקריגט פאר אייך וועגען דעם סיסטעם פון ערציהונג, ווייל מען האָט אַלץ געגעבען שמיץ און שמיץ דעם קראַנקען קינד, דאָס איז דאָך... זאָגט אַליין... און ווי פאַרקעהרט, צאַרט ס'איז געווען צו דעם אָרימען אינגעל די אינגערע קוזינע, נאַטאַליא ניקיטישינא... „זיי ביידע, וואָוינען איצט נאָך, האָט ער ווייטער ערקלעהרט — אין —סקער גובערניע (איין זאך ווייס איך ניט, צו זיי לעבען נאָך איצט?) וואו זיי האָבען גע'ירשן'ט פון פּאַוולישטשעווען זעהר און זעהר א פיינע אימעניע. מאַרפאַ ניקיטישנא האָט, דוכט זיך, געוואָלט אוועק אין מאָנאַסטיר; איבעריגענס, ווייס איך ניט אויף זיכער; אפשר האָב איך עס געהערט וועגען אַן אַנדערער... יע, איך האָב עס אַנומעלט געהערט וועגען א דאָקטאָרשע...

דער פירשט האָט עס אויסגעהערט מיט אויגען וואָס האָבען געגלאַנצט פון פרייד און הערצליכקייט. מיט אַן אונגעוועהנליכער היץ האָט ער געלאָזט וויסען, אויך פון זיין זייט, אז ער וועט זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין, פאר וואָס ווען ער האָט די גאַנצע זעקס מאָנאַטען וואָס ער האָט ארומגערייזט אין די אינערליכע גובערניעס, ניט געפונען קיין צייט אָפּצוזוכען און באַזוכען זיינע געוועזענע ערציהערינס. ער האָט יעדען טאָג געוואָלט פאָהרען און ער איז אַלץ געווען געשטערט צוליב געוויסע אומשטענדען... נור אַז איצט גיט ער זיך דאָס וואָרט... אומבאַדינגט... כאָטש אין —סקער גובערניע...

הייסט עס, אז איהר קענט נאַטאַליא ניקיטשינא? וואָס פאר א פיינע, וואָס פאר א היילינע נשמה! נור אויך מאַרפאַ ניקיטשינא... ענטשולדיגט מיר, נור מיר דוכט, אז איהר מאַכט א טעות אויך אין מאַרפאַ ניקיטשינא! זי איז געווען א שטרענגע, אָבער... מען האָט דאָך געמוזט פאַרלירען דעם געדולד... מיט אזא אידיאָט ווי איך בין דאַן געווען (כי־כי!) ווייל איך בין דאָך געווען גאָר אַן אידיאָט. איהר וועט ניט

גלויבען, (כאַ־כאַ!) איבעריגענס, האָט איהר מיר דאָן געזעהן און...
ווי אזוי געדענקט איך עס אייך ניט, זאָגט אליין? הייסט עס אז
איהר... אַך, גאָט מיינער, זייט איהר דען טאַקע אקרוב פון ניקאָלאַי
אַנדרעיעוויטש פּאַוולישטשעוו?

— איך פאַרזיכער אייך, האָט א שמייכעל געטאָן איוואַן פּעט־
ראָוויטש, באַטראַכטענדיג דעם פירשט.

— אָ, איך האָב דאָך ניט דערפאַר געזאָגט, ווייל איך... צוויי־
פעל... און ענדליך, קען מען דען אין דעם צווייפלען (כע־כע!) כאָטש
אויף וויפיעל ס'ניט איז? דאָס הייסט כאָטש אויף דאָס מינדסטע!!.
(כע־כע!) נור איך רעד דאָס צוליב דעם, ווייל ניקאָלאַי אַנדרעאיטש
פּאַוולישטשעוו איז געוועזן אזא אויסגעצייכענטער מענש! דער גוט־
הערציגסטער מענש, איז פאַרזיכער עס אייך!

דעם פירשט, קען מען זאָגען, האָט ניט געפעהלט אָטעם נור ער
האָט זיך געשטיקט פון צופיעל פאַרגעניגען, ווי עס האָט זיך וועגען
איהם אויף מאָרגען אויסגעדריקט אַדעלאַידאַ, אין א געשפּרעך מיט
איהר חתן מיט פירשט שטש.

— אַך גאָט מיינער! האָט זיך צעלאַכט איוואַן פּעטראָוויטש
— פאַר וואָס קען איך ניט זיין קיין קרוב זאָל זיין אפילו פון דעם
גוטהערציגסטען מענשען?

— אַך גאָט מיינער! האָט אויסגערופען דער פירשט פאַרשעה־
מענדיג זיך, און איילענדיג זיך און בעגייסטערט ווערענדיג אַלץ מעהר
און מעהר — איך... איך האָב ווידער געזאָגט א נאַרישקייט, אָבער...
אזוי האָט געדאַרפט זיין, ווייל איך... איך... איך, איבעריגענס רעד
איך ווידער ניט וואָס מען באַדאַרף. און וואָס טוט זיך עס מיט מיר,
ווייל, ביי גאָט, ער איז געוועזן דרע גוטהערציגסטער מענש, און דאָס
איך בעט אייך, ביז אזעלכע אינטערעסען... ביי אזעלכע גרויסע אינ־
טערעסען! און אין פאַרגלייך מיט אזא גוטהערציגסטען מענשען —
ניט ריכטיג? ניט ריכטיג?

דער פירשט האָט אפילו אין גאַנצען געציטערט. פאַר וואָס ער
איז פּלוצלינג, מיר ניט דיר ניט, אזוי אומרוהיג געוואָרען, פאַר וואָס
ער איז געקומען אין אזא ליבליכער פרייד, און עס האָט אויסגעדוכט,
ניט אין מאָס מיט דעם געשפּרעך — דאָס איז שווער צו ענטשיידען.
ער איז געוועזן אין אזא שטימונג און ער האָט שיעור אין דעם דאָזי־

גען מאָמענט געפיהלט, צו וועמען ניט איז און פאַר עפּעס וואָס די סאַמע הארציגסטע און געפיהלפולסטע דאנקבארקייט, — מעגליך אפילו צו איוואן פּעטראָוויטש, און שיעור ניט צו אַלע געסט אין אַלגעמיין. צופיל גליקליך איז ער דאן געווען. איוואן פּעטראָוויטש האָט ענדליך אנגעהויבען איהם צו באטראכטען פיעל אויפמערקזאמער; זעהר אויפ־מערקזאם האט איהם אויך באטראכט דער „ווירדיגער באַאמטער“. בעלקאנסקאיא האָט אָנגעשטעלט אויפ׳ן פירשט א צאָרענדיגען בליק און פאַרדריקט מיט די ליפּען. פירשט נ. עווגעני פּאוולאָוויטש, פירשט שטש., די מיידלאַך, אַלע האָבען איבערגעריסען דעם געשפּרעך און געהערט. עס האָט זיך געדוכט, אז אגלאיא איז געווען איבער־געשראָקען, ליזאוועטא פּראָקאָפיעוונא האָט איינפאך געציטערט. מאָד־נע זיינען געווען די טעכטער מיט דער מוטער: זיי האָבען דאָך גע־דענקט און באשלאָסען, אז עס איז גלייכער אז דער פירשט זאָל אָפּ־זיצען דעם גאנצען אָוענט שווייגענדיגערהייט. נאָר גלייך ווי זיי האָ־בען איהם דערזעהן אין ווינקעל, אין דער פולסטער איינזאמקייט און אין גאַנצען צופרידען מיט זיין גורל, זיינען זיי תיכף אומרוהיג גע־וואָרען. אלעקסאנדרא האָט שוין געוואָלט צוגעהן צו איהם, פאָר־זיכטיג איבער׳ן גאנצען צימער, און פאראייניגען זיך מיט זייער קאָמ־פּאַניע, דאָס הייסט, צו דער קאָמפּאַניע פון פירשט נ. לעבען דער בעל־קאנסקאיא, און אָט האָט דער פירשט אליין זיך צורעדט, זיי זיינען נאָך אומרוהיגער געוואָרען.

— אז ער איז געווען דער בעסטער מענש, אין דעם האָט איהר רעכט, — האָט בעלערזאָם און שוין אָהן א שמייכעל ארויסגעזאָגט איוואן פּעטראָוויטש — יע, יע... דאָס איז געווען א פיינער מענש! א פיינער און א ווירדיגער, — האָט ער צוגעגעבען נאָך א ווייל׳ע שוויי־גען — וועלכער איז ווערטה געווען, קען מען זאָגען, דעם גאנצען כבוד, האָט ער צוגעגעבען נאָך בעלעהרזאמער נאָך א דריטער פּאוזע — און... ס׳איז אפילו זעהר אנגענעהם צו זעהן פון אייער זייט...

— איז דאָס ניט מיט דעם זעלבען פּאוליטשעוו, פאַרגעקומען א געשיכטע... עפּעס א מאָדנע געשיכטע אזאַ... מיט אן אבבאט... מיט אן אבבאט... כ׳האָב פאַרגעסען מיט וועלכען אבבאט, נאָר אַלע האָבען דאן פון דעם גערעדט, האָט ארויסגעזאָגט, ווי דערמאַהנענדיג זיך, „דער ווירדיגער באַאמטער“.

— מיט דעם אבבאט גורא, א יעזואיט, — האט איהם דערמאהנט איוואן פעטראוויטש — אט אזוי איז עס, אט אזוי פיהרען זיך עס אויף אונזערע בעסטע און עהרווירדיגסטע! ווייל פונדעסטוועגען איז ער דאך געווען א מענש א יחסן, א רייכער, א קאמערהער, און ווען ער וואלט פארטגעזעצט צו דיענען... און אט ווארפט ער מיט אמאהל אוועק זיין דיענסט און אלץ, כדי אריבערצוגעהן אין קאטאליציזם, און ווערען א יעזואיט, און נאך שיעור ניט גאנץ אפען און מיט א פרייד אזא... אויף מיין ווארט, ער איז געשטארבען אין צייט... יע, דאן האבען אלע גערעדט...

דער פירשט איז געווען אויסער זיך.

— פאווליטשעוו... פאווליטשעוו איז געווארען א קאטאליק? דאס קען ניט געבען! — האט ער אויסגעשריען מיט שרעק.

— נו, „דאס קען ניט געבען“, — האט סאליד ארויסגעקייט איוואן פעטראוויטש, — דאס איז שוין אביסעלע צו שטארק געזאגט, און זאגט אליין מיין ליבער פירשט... איבעריגענס, אכטעט איהר אזוי פיעל דעם פארשטארבענעם... ער איז אין אמת'ן, געווען דער בעסטער מענש, און צו וואס איך שרייב צו, אין די הויפט שטריכען, דעם ערפאלג פון דעם דורכגעטריבענעם שארלאטאן גורא, נאר איהר פרעגט מיך, וויפיעל חלאפאט און צרות האב איך דאן געהאט צוליב דער דאזיגער אנגעלעגענהייט... און טאקע מיט דעם גורא אליין! שטעלט זיך פאר, האט ער זיך פלוצלונג געווענדט צום אלטיטשקען — זיי האבען אפילו געהאט פרעטענזיעס וועגען דער צוואה אויך, און איך בין דאן אפילו געווען געצוואונגען צו אננעהמען זעהר ענערגישע מיטלען... כדי אויפצוקלעהרען... ווייל יענע זיינען געווען קינסטלער אין זייער זאך! וואונדערליכע! אבער א דאנק גאט, דאס איז געשעהן אין מאסקווע, בין איך גלייך אוועק צו א גראף, און מיר האבען זיי... אויפגעקלעהרט...

— איהר וועט ניט גלויבען, אויף וויפיעל איהר האט מיך געערגערט און ערשטוינט! — האט ווידער אויסגעשריען דער פירשט.

— עס טוט מיר לייד; נאר אין אמת'ען איז דאס אלץ גאר נישט, און מיט גאר נישט וואלט זיך עס אויך געענדיגט, ווי אלע מאל; איך בין אין דעם זיכער. לעצטען זומער האט איוואן פעטראוויטש זיך ווידער געווענדט צום אלטיטשקען — איז די גראפינע ק. זאגט מען, אויך אוועק אין א קאטוילישען מאנאסטיר, אין אויסלאנד. אונזערע האל־

טען עפּעס ניט אויס, ווען זיי פאַלען איינמאָהל נור אונטער דעם איינ־
תּלוס פון די דאָזיגע מאוסע מענשען... און דערהויבט אין אויסלאַנד.

— דאַס נעהמט זיך אַלץ, דענק איך... פון אונזער מידקייט, —
האָט מיט אויטאָריטעט ארויסגעזעגערט דער אַלטיטשקער — נו, און
זיי האָבען א טבע צו פּרעדיגען... אזוי גלענצענד... און אויך אנשרע־
קען קענען זיי... מיך האָט מען אויך אויף דעם צוויי און דרייסיגסטען
יאָהר, אין וויען אַנגעשראָקען, איך פאַרזיכער אייך, נאָר איך האָב זיך
ניט געלאָזט באַאיינפלוסען און בין פון זיי אנטלאָפען, כא־כא! בין
פון זיי אנטלאָפען...

— איך האָב געהערט, אז איהר זייט דאָן טאַטעלע, מיט דער שענ־
הייט, די גראַפינע ליוויצקע פון וויען ענטלאָפען קיין פּאַריז, האָט גע־
וואַרפען אייער שטעלע, און ניט צוליב א יעזואיט, — האָט פלוצלינג
אריינגעזאָגט די בעלקאָנסקאַיאַ.

— נאָר דאָך בין איך ענטלאָפען צוליעב א יעזואיט, נאָך אַלעמען
קומט אויס אז צוליעב א יעזואיט! — האָט אונטערגעכאַפּט דער אַל־
טיטשקער, צולאַכענדיג זיך ביי דער אנגענעהמער ערינערונג, — איהר
זייט, דוכט זיך, רעליגיעז, א זאַך, וואָס מען באַגעגענט איצט ווייניג
ביי יונגע מענשען, — האָט ער ליעבליך זיך געווענדט צום פירשט
לעוו ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער האָט איהם געהערט מיט אַן אָפענעם
מויל און נאָך אַלץ אַן ערשטוינטער; דער אַלטער האָט, ווי עס ווייזט
אויס, געוואָלט באַקאַנען זיך נעהענטער מיט׳ן פירשט; צוליעב גע־
וויסע אורזאַכען האָט ער איהם אנגעהויבען זעהר אינטערעסירען.

— פּאַוליטשעוו האָט פאַרמאָגט א קלאָהרען מוח און איז געווען
א קריסט, אַן אמת׳ער קריסט, — האָט פלוצלינג ארויסגעזאָגט דער
פירשט, — איז ווי אַזוי זשע האָט ער געקענט זיך אונטערגעבען א
גלויבען א ניט קריסטליכען? קאַטאָליציזם — איז דאָס זעלבע וואָס
א ניט קריסטליכער גלויבען! — האָט ער פלוצלינג צוגעגעבען, א
בליץ טוענדיג מיט די אויגען קוקענדיג פאַר זיך, און אין איין צייט
ווי אויך באַקוקענדיג אַלעמען צוזאַמען.

— נו, דאָס איז שוין צופיעל, — האָט ארויסגעמורמעלט דער
אַלטיטשקער און האָט מיט פאַרוואונדערונג א קוק געטאָן אויף איוואַן
פּיאָדאָראָוויטש.

— הייסט עס, אז קאַטאָליציזם איז ניט קיין קריסטליכער גלוי־

בען? — האָט זיך אומגעדרעהט אויפ׳ן שטוהל איוואַן פּעטראָוויטש — איז וואָס פאַר א גלויבען איז דאָס?

— עס איז ניט קיין קריסטליכער גלויבען, דאָס איז ערשטענס!

— האָט ווידער מיט גרויס אויפרעגונג און אביסעל צו שאַרף, אָנגע־הויבען רעדען דער פירשט — דאָס איז ערשטענס, און צווייטענס, איז דער רוימישער קאַטאָליציזם אפילו ערגער פון אַטעאיזם אליין, אזוי איז מיין מיינונג! יע! אזוי איז מיין מיינונג! אַטעאיזם פּרעדיגט נאָר א נול, און קאַטאָליציזם געהט ווייטער: ער פּרעדיגט אַן איבערגע־פיהרטען קריסטוס פון איהם טאַקע א פאַרליגנערטער און א פאַר־מואס׳טער, א קריסטוס א פּונקט פאַרקעהרטען! איך שווער אייך, איך פאַרזיכער אייך, אז ער פּרעדיגט דעם אנטיכריסט! דאָס איז מיין פּערזענליכע און אלטע מיינונג, און דאָס האָט מיר אליין גענוג געזונט געקאָסט... דער רוימישער קאַטאָליציזם איז אפילו גאָר קיין גלויבען ניט, נאָר בלויז א פאָרטזעצונג פון דער זידליכער רוימישער אימפּעריע, און אין איהם איז אליץ אונטערוואָרפען דעם דאָזיגען אימפּעריאליסטישען גייסט, אָנפאַנגענדיג פון דעם גלויבען. דער פּאַפּסט האָט פאַרכאַפּט די ערד, דעם ערדישען שטוהל און גענומען דעם שווערד אין האַנט; און פון דאַן פיהרט זיך עס כסדר אזוי, נאָר צום שווערד האָט מען צוגעלעגט ליגען, פאַלשקייט, ביטרעקייט, פאַנאַטיזם, אבערגלויבען, רציחה, זיי האָבען זיך געשפּילט מיט די סאַמע הייליגע, אמת׳ע, פריי־ערדיגע געפיהלען פון פאָלק, אליץ, אליץ האָבען זיי אויסגעביטען אויף געלט, אויף דער נידעריגער ערדישער הערשאַפט. און איז דאָס ניט די לעהרע פון אנטי קריסטוס? ווי אזוי זשע האָט פון זיי ניט געזאָלט ארויסקומען דער אַטעאיזם? דער אַטעאיזם איז פון זיי ארויסגעוואַק־סען, פון דעם רוימישען קאַטאָליציזם זעלבסט! דער אַטעאיזם האָט זיך פריהער פון אליץ אָנגעהויבען פון זיי: האָבען זיי געקענט זיך אליין טרויען? ער האָט זיך פאַרשטאַרקט אויס פאַראַכטונג צו זיי. ער איז דער רעזולטאַט פון זייער ליגען און גייסטיגע אָהנמעכטיגקייט אַטעאיזם! ביי אונז גלויבען ניט דערווייל נאָך בלויז אויסנאַהם שטאַנ־דען, ווי עס האָט זיך אנומעלט פּראַכטפאָל אויסגעדריקט עווגעני פּאַוו־לאָוויטש, די וועלכע האָבען פאַרלאָרען דעם וואָרצעל; און דאָרטען הויבט שוין אָן די גרויסע מאַסע פון פאָלק זעלבסט ניט צו גלויבען — — פריהער, צוליב פינסטערניש און ליגען, און איצט שוין צוליב פאַנאַ־

טיזם, אוים האָם צום קלויסטער, און צום קריסטענטהום!

דער פירשט האָט זיך אָפּגעשטעלט אום אָפּצוכאַפּען דעם אָטהעם. ער האָט גערעדט שרעקליך שנעל. ער איז געוועז בלייך און ס'האָט איהם געפעהלט אָטהעם. אלע האָבען זיך איבערגעקוקט; נאָר ענדליך האָט דער אלטיטשקער אָפּען זיך צעלאַכט, דער פירשט נ. האָט אַרויסגענומען א לאָרענט און ניט אָפּרייסענדיג זיך, באטראכט דעם פירשט. דער דייטשעל, דער פּאָעט איז ארויסגעקראָכען פון ווינקעל און זיך צוגערוקט נעהענטער צום טיש, שמייכלענדיג מיט א גיפטיגען שמייכעל.

— איהר אי־בער־טרייבט צופיעל, — האָט אויסגעצויגען איוואן פּעטראָוויטש מיט א געוויסען אומעט, און אפילו ווי פאר עפּעס זיך שעהמענדיג — אין דער דאָרטיגער קירכע זיינען אויך דאָ פאָרשטעהער וועלכע פאַרדיענען אלער אכטונג און אָרענטליכע...

— איך האָב קיינמאָל ניט גערעדט וועגען די איינצעלנע פאָרשטעהער פון דער קירכע, איך האָב גערעדט וועגען רוימישען קאַטאָליציזם און זיין הויפּט־ווערטה, איך רעד וועגען רוים. קען דען א קירכע אין גאַנצען ארונטער פון דער סצענע? איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געזאָגט!

— איך שטים איין, נור דאָס אַלץ איז דאָך באַוואוסט און, מען דאַרף עס אפילו ניט אויך און... עס באַלאַנגט צו דער טהעאָלאָגיע...

— אָ, ניין, אָ, ניין! ניט בלויז צו דער טעאָלאָגיע, איך פאַרזיכער אייך, אז ניט! דאָס געהערט זיך אונז אַ פיעל נעהענטער ווי איהר דענקט. און דערין איז אונזער גאַנצער טעות, וואָס מיר קענען נאָך ניט איינזעהן, אַז דאָס איז אַ זאַך ניט נור א טעאָלאָגישע! אויך דער סאָציאַליזם איז דאָך א קינד פון קאַטאָליציזם און קאַטוילישער ווירקליכקייט! ער אויך ווי זיין ברודער דער אַטעאיזם, איז ארויסגעקומען פון פאַרצווייפלונג אין געגענזאַץ צום קאַטוליציזם אין מאָראַלישען זין, כדי צו פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון דער פאַרלאָרענער מאָראַלישער הערשאַפט פון דער רעליגיאָן, כדי צו שטילען דעם גייסטיגען דורשט פון דער דורשטיגער מענשהייט און איהר רעטען ניט דורך כריסטוס נור אויך מיט גוואַלדטהאַט! דאָס איז אויך א פרייהייט דורך גוואַלדטהאַטען, דאָס איז אויך א פאַראייניגונג דורך שווערד און בלוט! „זאָלסט ניט וואגען צו גלויבען אין גאָט,

זאָלסט ניט וואַגען צו האָבען אייגענטהום, זאָלסט ניט וואַגען צו ווע־רען א פּערזענליכקייט, fraternite ou la mort, צוויי מיליאָן קעפּ!" לויט זייערע מעשים קענט איהר זיי דערקענען — דאָס איז איינס! און דענקט ניט אַז דאָס אַלץ איז אַזוי אומשולדיג און ניט געפעהרליך פאַר אונז; אַ, מיר דאַרפען אַ ווידערשטאַנד און וואָס שנעלער, שנעלער! מען דאַרף עס זאָל ערשיינען אלס ווידערשטאַנד צום מערב אונזער כריסטוס, וועלכען מיר האָבען אויפגעהיט און פון וועלכען זיי ווייסען ניט! ניט קנעכטיש אריינפאַלען אין נעץ צו די יעזואיטען, נור ברענגענדיג זיי אונזער רוסישע ציוויליזאציע, מיר דאַרפען זיך איצט שטעלען געגען זיי, און זאָל מען ביי אונז ניט זאָ־גען, אַז זייער פּרעדיגען איז אַ פּראַכטפאָלע, ווי עס האָט אָט ערשט זיך איינער אויסגעדריקט...

— נור ערלויבט זשע, ערלויבט זשע, האָט זיך שרעקליך געקאָכט איוואן פּעטראָוויטש, זיך אומקוקענדיג אין אַלע זייטען און אפילו דערפיהלענדיג אַ שרעק, — אַלע אייערע געדאַנקען, זיינען געוויס לויבענסווערטה און עכט פּאַטריאָטישע, נור דאָס אַלץ איז זעהר אי־בערטריבען און... ס'איז אפילו גלייכער מען זאָל וועגען דעם אויפ־הערען...

— ניין, ניט איבערטריבען. נור גיכער נאָך פאַרקלענערט; זיכער פאַרקלענערט, ווייל איך בין ניט בכח זיך אויסצודריקען, אָבער...

— ערלויבט זשע מיר!

דער פירשט איז אַנטשוויגען געוואָרען. ער איז געזעסען אַז אויסגעגליכענער אויפ'ן שטוהל און האָט אונבאַוועגליך, מיט אַ פייער־דיגען בליק געקוקט אויף איוואן פּעטראָוויטש.

— מיר דוכט, אַז אייך האָט צו שטאַרק ערשטוינט דער פאַל מיט אייער וואָלטהעטער, האָט ליבליך און ניט פאַרלירענדיג זיין רוהיג־קייט באַמערקט דער אַלטיטשקער — איהר רעדט אַזוי פייערדיג... אפשר צוליב אייער איינזאַמקייט. ווען איהר וואָלט געלעבט מעהר מיט מענשען און איז דער געזעלשאַפט, און איך האָף, אַז מען וועט מיט אייך זיין צופרידען ווי מיט אַ אויסגעצייכענטען יונגען מענ־שען, דאַן וועט איהר זיכער איינשטילען אייער באַגייסטערונג און איהר וועט איינזעהן אַז דאָס אַלעס איז פיעל איינפאַכער... און דערצו קומען פאַר אַזעלכע אויסנאַהמס פעלע, לויט מיין בליק, מהיילוויין

פון איבערזעטיגונג, און טהיילווייז פון... ניט האָבען וואָס צו טאָן...

— געוויס, געוויס איז דאָס אַזוי, האָט אויסגעשריען דער פירשט

— דער פּראַכטפאָלסטער געדאַנק! זיכער „אַז פון ניט האָבען וואָס צו טאָן, פון אונזער ניט האָבען וואָס צו טאָן,‟ ניט פון איבערזעטיגונג, נור אין געגענטהייל, פון דורשט... ניט פון איבערזעטיגונג, איהר מאַכט אין דעם אַ טעות! ניט נור פון דורשט, נור אפילו פון אָנצינדונג, פון דעם דורשטיגסטען דורשט! און... דענקט נור אַז דאָס בלויז אין אַ קליינעם צאָהל און מען קען דערפון לאַכען; ענטשולדיגט מיר, מען דאַרף קענען פאָראויססעהן! אונזערע גלייך ווי זיי קומען צו צו אַ ברעג, און ווי זיי ווערען זיכער אַז דאָס איז אַ ברעג, דאַן דערפרעהען זיי זיך אַזוי, דאָס זיי קומען שנעל ביז די לעצטע סטאָפּען; פאַר וואָס איז דאָס? אָט וואונדערט איהר זיך אויף פּאַווּלישטשעוו׳ן, איהר שרייבט אַלעס צו צו זיין משוגעת, אָדער גוטסקייט, אָבער דאָס איז ניט אַזוי! און ניט נור מיר, נור גאַנץ אייראָפּאַ וואונדערט זיך אויף אונזער ליידענשאַפטליכקייט: ביי אונז איז ווען עמיצער געהט אריבער צום קאַטאָליציזם ווערט ער אונבאַדינגט אַ יעזואיט און נאָך אפילו פון די סאַמע אונטערערדישע; ביי אונז ווען עמיצער ווערט אַן אַטעאיסט הויבט ער אונבאַדינגט אַן פאָדערן דאָס אויסוואָרצלונג פון גלויבען אין גאָט דורך געוואַלדטהאַט, דאָס מיינט, מיט׳ן שווערד! פאַר וואָס איז דאָס? פאַר וואָס מיט אַ מאָהל אַזאַ ווילדקייט? צו דען ווייסט איהר ניט? צוליב דעם וואָס ער האָט אַ פאָטערלאַנד געפונען, וועלכע ער האָט דאָ פאַרזעהן, און ער האָט זיך דערפרעהט; ער האָט אַ ברעג, אַ שטיק ערד געפונען און זיך געוואָרפען איהם קושען! ניט בלויז פון פוסטען שטאָלץ, ניט בלויז צוליב די מיאוס׳ע פוסט־שטאָלציגע געפיהלען ווערען רוסישע אַטעאיסטען און רוסישע יעזואיטען, נור פון גייסטיגען וועהטאָג, פון גייסטיגען דורשט, פון בענקשאַפט צו העכערע זאַכען, צו אַ פעסטערען ברעג, נאָך אַ פאָטערלאַנד אין וועלכער מען האָט אויפגעהערט גלויבען, ווייל זיי האָבען זיי קיינמאָל ניט געקאַנט! אָבער צו ווערען אַן אַטעאיסט איז אַזוי גרינג פאַר אַ רוסישען מענשען, גרינגער ווי אַלעמען אין דער וועלט! און אונזערע ווערען ניט קיין איינפאַכע אַטעאיסטען, נור זיי הויבען אונבאַדינגט אַן צו גלויבען אין אַטעאיזם, ווי אין אַ נייעם גלויבען, גאָר ניט באַמערקענדיג אַז זיי

האָבען זיך איינגעגלויבט אין א נול. אָט אַזוי איז מיט אונזער דורשט! „ווער עס האָט אונטער זיינע פיס קיין באָדען ניט, האָט אויך קיין גאָט ניט" דאָס איז ניט מיין אויסדרוק. דאָס האָט זיך אַזוי אויסגע־דריקט איינער א סוחר פון די סטאַראָאָבראַדצעס, וועלען איך האָב אָנגעטראָפען אויף מיין רייזע. ער האָט זיך אין אמת'ן ניט אַזוי אויסגעדריקט, ער האָט געזאָגט: „ווער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין היימישער ערד יענער האָט זיך אויך פון זיין גאָט אָפּגעזאָגט." מען דאַרף דאָך בלויז א טראַכט טאָן, אַז ביי אונז האָבען זיך די גע־בילדעסטע מענשען ארייגעלאָזט אפילו אין שאַרלאַטאַנסטווא... איבע־ריגענס, מיט וואָס איז אין אַזא פאַל שאַרלאַטאַנסטווא ערגער ווי ניהיליזם, יעזואיטיזם, אַטעאיזם? מעגליך אַז נאָך טיפער אויך! נור אָט צו וואָס עס ברענגט די בענקשאַפט! עפענט אויף פאַר די דורשטיגע און ענטצודענטע קאָלומבוסעס מיט־רייזענדע דעם ברעג פון דער „נייער וועלט", עפענט אויף פאַר דעם רוסישען מענשען די רוסישע „וועלט", גיט איהם די מעגליכקייט אַפּצוזוכען דעם דאָזיגען גאָלד, דעם דאָזיגען אוצר, וועלכער ליגט באַהאַלטען פון איהם אין דער ערד! באַווייזט איהם אין דער צוקונפטיגער באַנייאונג פון ער מענש־הייט אויך זיין אויפלעבונג, מעגליך, בלויז פון דעם רוסישען געדאַנק, רוסישען גאָט פון כריסטוס, און איהר וועט זעהן וואָס פאַר א ריעז, א שטאַרקער און א גערעכטער, א קלוגער און א גוטער, וועט אויסוואַק־סען פאַר די אויגען פון דער גאַנצער פאַרוואונדערטער וועלט, דער פאַרוואונדערטער און דערשראָקענער, ווייל זיי וואַרטען פון אונז — בלויז עם איין שווערד, שווערד און גוואַלדטהאָט, ווייל זיי קענען אונז ניט פאָרשטעלען, אורטהיילענדיג נאָך זיך, אָהן באַרבאַריזם, און דאָס איז אַזוי ביז איצט און דאָס איז אַזוי וואָס ווייטער אַלץ מעהר! און...

נור דאָ האָט פּלוצלינג פּאַסירט איין פאַל און די רעדע פון דעם אָראַטאָר האָט זיך איבערגעריסען אויף זעהר אַן אונערוואַרטעטען אופן.

אָט די דאָזיגע גאַנצע ווילדע טיראַדע, אָט דער דאָזיגער גאַנ־צער צופלוס פון מאָדנע און אומרוהיגע ווערטער און כאַאָטיש באַגייס־טערטע געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך ווי געשטויסען אין טומעל אין איבערגעשפּרונגען איינע די צווייטע, דאָס אַלעס האָט אָנגעזאָגט עפּעס־

וואָס געפּעהרליכעס, עפּעס באַזונדערעס אין דער שטימונג פון דעם מיר ניט דיר צוהיצטען, יונגען מענשען. די אַנוועזענדע אין גאַסט־צימער, אַלע די וואָס האָבען געקאַנט דעם פירשט האָבען מיט שרעק (און אייניגע אויך מיט בושה) זיך געוואונדערט אויף זיין אויפ־טו, וועלכער האָט אַזוי ניט געשטימט מיט זיין שטענדיגער אפילו טרוס־ליוועך איינגעהאַלטענקייט, מיט זיין וואונדערבאַרען און באַזונדערן טאַקט אין אַנדערע פעלע, און מיט זיין אינסטיקטיווען חוש פאַר אַנ־שטענדיגקייט. מען האָט ניט געקאַנט פאַרשטעהן פון וואַנען דאָס נעהמט זיך: ס'איז דאָך ניט מעגליך אַז די נאַכריכט וועגען פּאַוולי־שטשעוו זאָל זיין די אורזאַכע דערפון. אין דעם פרויען ווינקעל האָט מען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם. און די בעלאָקאַנסקאַיאַ האָט זיך דערנאָך מודה געווען, „אַז נאָך אַ ווייל־ע און זי האָט שוין געהאַט בדעה זיך צו ראַטעווען". די „אַלטיטשקע" האָבען זיך פון דער ערשטער ערשטוינג כמעט פאַרלאָרען; דער גענעראַל־נאַטשאַלניק האָט אומצופרידען און שטרענג געקוקט פון זיין שטוהל. דער טעכ־ניק־פּאָלקאָווניק איז געזעסען אין גענצליכער אומבאַוועגליכקייט. דער דייטשעל איז אפילו בלייך געוואָרען, נור ער האָט נאָך אַלץ געשמייכ־עלט מיט זיין פאַלשען שמייכעל, קוקענדיג אויף די אַנדערע: ווי אַזוי וועלען די אַנדערע האַנדלען? איבעריגענס, וואָלט דאָס אַלעס, און דער „גאַנצער סקאַנדאַל" געקענט זיך פאַרענדיגען אויף דעם סאַמע געוועהנליכען אופן, אפשר אפילו אין אַ מינוט אַרום; דער זעהר פאַר־וואונדערטער, נור פריהער פון אַלעמען צו זיך קומענדער, איוואַן פּיאָדראָוויטש, האָט שוין עטליכע מאָל געוואָלט אָפּשטעלען דעם פירשט; ניט דערגרייכענדיג קיין ערפאָלג, האָט ער זיך איצט געקלי־בען צוצוגעהן צו איהם מיט אַ פעסטען און באַשטימטען צוועק. נאָך אַ מינוט, און ווען עס וואָלט אַזוי געווען נויטיג, וואָלט ער אפשר אויך זיך ענטשלאָסען פריינדליך דעם פירשט אַרויסצופיהרען, מיט דעם אויסרייד אַז דער פירשט איז קראַנק, אַ זאַך וואָס איז אפשר טאַקע געווען אַז אמת, און אין וואָס עס האָט פאַר זיך געגלויבט איוואַן פּיאָדראָוויטש... נור די זאַך האָט אַנגענומען אַן אַנדער ווענדונג.

נאָך אין אָנפאַנג, ווי נור דער פירשט איז אַריין אין גאַסט־צימער, האָט ער זיך געזעצט ווי מעגליך ווייטער פון דער כינעזישער וואַזע, מיט וועלכער עס האָט איהם אַזוי אַנגעשראָקען אַגלאַיאַ. קען מען דען

גלויבען, אז נאָך אגלאַיאס נעכטיגע רעד האָט זיך אין איהם באַזעצט אזא מין פעסטע איבערצייגונג, א וואונדערליכער און אונמעגליכער פּאַסאויסגעפיהל, אז ער וועט אונבאַדינגט מאָרגען צוברעכען די דאָזיגע וואַזע, ווי אזוי ער זאָל ניט אויסמיידען, און ווי אזוי ער זאָל ניט ענטלויפען פון אומגליק? נור דאָס איז געווען אַזוי: אין פאַרלויף פון אָוועגט האָבען אנדערע שטאַרקע נור ליכטיגע איינדריקע גענומען אַנשוועמען אין זיין האַרצען. מיר האָבען שוין וועגען דעם גערעדט. ווען ער האָט דערהערט וועגען פּאַווליששטשעווען און איוואַן פּיאָדראָוויטש האָט איהם צוגעפיהרט און נאָך אַמאָל פאַרגעשטעלט פאַר איוואַן פּעטראָוויטש, האָט ער זיך איבערגעזעצט נעהענטער צום טיש, און האָט גלייך אַנגעטראָפען אויף א שטוהל, לעבען דער גרויסער, שעהנער כינעזישער וואַזע, וועלכע איז געשטאַנען אויף א פּיעדעסטאַל כמעט גלייך מיט זיין עלענבויגען, אַביסעל אהינטער איהם.

ביי זיינע לעצטע ווערטער האָט ער זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט, האָט אונפאַרזיכטיג א מאַך געטאָן מיט'ן האַנט, האָט עפּעס אַזוי א צוק געטאָן מיט די אַקסלען און... עס האָט זיך דערהערט אַן אַלגעמיינער געשריי! די וואַזע האָט זיך א שאָקעל געטאָן אזוי ווי אין אונענטשלאָסענהייט: זאָל זי אפשר אַרויפפאַלען אויפ'ן קאָפּ, פון א וועלכען ס'ניט איז אַלטישקען? נור פּלוצלינג האָט זי זיך א בויג געטאָן אין דער געגענאיבערדיגען זייט, אין דער זייט פון דעם קוים אין שרעק אָפּשפּריגענדען דייטשעל, און איז אַרונטערגעפאַלען אויפ'ן דיל. א קראַך, א געשריי, קאָסטבאַרע פּיצלאַך, וועלכע האָבען זיך צעשאָטען אויפ'ן טעפּיך, א שרעק, א פאַרוואונדערונג, — אָ, ווי עס האָט געפיהלט דער פירשט, דאָס איז שווער און מען דאַרף עס כמעט ניט אויסמאָלען! נור מיר קענען ניט ניט דערמאָנען וועגען איין מאָדנער עמפּפינדונג, וועלכע האָט איהם געטראָפען טאַקע אין דעם סאַמע אויגענבליק און וועלכער איז מיט א מאָל פאַר איהם קלאָהר אַרויסגעשוואומען פון דער גאַנצער מאַסע אנדערע טונקעלע און מוראַ־דיגע עמפּפינדונגען: ניט קיין בושה, ניט קיין סקאַנדאַל, ניט קיין שרעק, ניט די פּלוצליכקייט האָבען איהם ערשטוינט מעהר פון אַלץ, נור די מקוים געוואָרענע נביאות! וואָס באַשטימט ס'איז אין דעם געדאַנק געלעגען באַצויבערענדעס, וואָלט ער זיך ניט געקענט ערקלעה־רען; ער האָט בלויז געפיהלט, אַז ער איז געטראָפען אין סאַמע האַר־

צען, און ער איז געשטאנען אין שיעור ניט א מיסטישען שרעק. נאך איין אויגנבליק, און ווי אלעס וואלט זיך פאר איהם אויסגעברייטעט און אויפ'ן פלאץ פון שרעק — ליכט און פרייד, עס האט גענומען אויספעהלען אטהעם און... נור דער אויגנבליק איז אוועק. א דאנק גאט, דאס איז געווען ניט דאס! ער האט אפגעכאפט דעם אטהעם און זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען.

ער האט לאנג ווי ניט פארשטאנען דעם טומעל, וועלכער האט איהם ארומגערינגעלט, דאס הייסט, פארשטאנען האט ער, און אלץ געזעהן אויך, נור ער איז געשטאנען ווי גאר א באזונדער מין מענש, א מענש וועלכער נעהמט אין גארנישט ניט קיין אנטייל, און וועלכער האט ווי אז אונזעהבארער וועזען אין א מעשה'לע, זיך אריינגע'גנב'ט אין צימער און בעאבאכטעט זייטיגע נור אינטערעסאנטע מענשען. ער האט געזעהן ווי מען האט אויפגעקליבען די פיצלאך, האט געהערט האסטיגע געשפרעכען, האט געזעהן אגלאיא'ן, א בלייכע און אויף איהם א מאדנע קוקענדע, זעהר מאדנע: אין איהרע אויגען איז גאר ניט געווען קיין האס, גאר קיין כעס, זי האט אויף איהם געקוקט מיט א דערשראקענעם, נור מיט אזא סימפאטישען בליק, און אויף אנדערע מיט אזא בליצענדען בליק... זיין הארץ האט פלוצלינג אנגעהויבען וועה טאן פון זיסקייט. ענדליך האט ער דערזעהן מיט מאדנער פאר־וואונדערונג, אז אלע האבען זיך צוזעצט און אז מען לאכט אפילו, אזוי ווי עס וואלט גאר ניט פאסירט! נאך א וויילע און דער געלעכ־טער איז געוואקסען: מען האט שוין געלאכט קוקענדיג אויף איהם, אויף זיין פארשטיינערטער פארשטומונג, נור מען האט געלאכט פריינד־ליך, פרעהלאך, אנדערע האבען גענומען מיט איהם רעדען, און האבען גערעדט אזוי ליבליך. אין דער שפיץ פון אלעמען איז געווען ליזא־וועטא פראקאפיעוונא. זי האט גערעדט לאכענדיג און עפעס זעהר, זעהר גוטעס. פלוצלינג האט ער דערפיהלט, אז איוואן פיאדאראוויטש גלעט איהם איבער'ן פלייצע; אויך איוואן פעטראוויטש האט געלאכט, נור נאך בעסער, נאך אנציהענדער און סימפאטישער איז געווען דער אלטיטשקער; ער האט אנגענומען דעם פירשט ביים האנט, און לייכט דריקענדיג, לייכט קלאפענדיג מיט דער פלאך פון דער צווייטער האנט, האט ער איינגערעדט אז ער זאל קומען צו זיך, אזוי ווי מען רעדט איין, א קליינינקען דערשראקענעם אינגעל, א זאך וועלכע דעם

פירשט שרעקליך געפעהלען געוואָרען. און ענדליך, האָט ער איהם אוועקגעזעצט לעבען זיך. דער פירשט האָט מיט פאַרגעניגען זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט און האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט רעדען. איהם האָט געפעהלט אָטעם. דעם אַלטיטשקען'ס געזיכט איז איהם זעהר געפעהלען געוואָרען.

— ווי? האָט ער ענדליך ארויסגעמורמעלט — איהר פאַרצייט מיר טאַקע אויף אַן אמת'ן? און אויך איהר... ליזאַוועטא פּראָקאָ־פיעוונא?

דאָס געלעכטער האָט זיך פאַרשטאַרקט. אין דעם פירשט'ס אויגען האָבען זיך געוויזען טרערען; ער האָט זיך אליין ניט געגלויבט און איז געווען באַצויבערט.

—נו, אויך מיר אַן אומגליק, אויף אַ מענשען קומט אויך אַ סוף, און דאָס איז ניט מעהר ווי אַ לוימענער טאָפּ! האָט הויך געזאָגט ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא — איז דען מעגליך, אַז דו האָסט זיך אַזוי דערשראָקען לעוו ניקאָלאַיעוויטש? האָט זי צוגעגעבען אפילו מיט שרעק — גענוג, טהייערער, גענוג! דו שרעקסט מיך דאָך טאַקע אויף אַן אמת'ן.

—און איהר פאַרצייט מיר פאַר אַלץ? פאַר אַלץ אויסער דער וואַזע? האָט זיך דער פירשט פּלוצלינג אויפגעהויבען פון פּלאַץ, נור דער אַלטיטשקער האָט גלייך ווידער אַ ציה געטאָן ביים האַנט. ער האָט איהם ניט געוואָלט אָפּלאָזען.

— c'est tres serieux C'est tres curieux! האָט ער אַ שעפּ־טשע געטאָן איבער'ן טיש צו איוואַן פּעטראָוויטש, איבעריגענס, גאַנץ הויך. דער פירשט האָט מעגליך אפשר געהערט.

— הייסט עס, אַז איך האָב אייך קיינעם ניט באַלעדיגט? איהר וועט ניט גלויבען ווי גליקליך איך בין פון דעם דאָזיגען געדאַנק. נור אַזוי האָט געמוזט געשעהן! האָב איך דען געקאָנט עמיצען באַלעדי־גען? איך וועל אייך ווידער באַלעדיגען, ווען איך וועל אַזוי דענקען.

— באַרוהיגט זיך מיין פריינד, דאָס איז — איבערטריבען, און איהר האָט גאָר ניט פאַר וואָס צו דאַנקען, דאָס איז אַ פיינער געפיהל נור אַן איבערטריבענער.

— איך דאַנק אייך ניט, איך בין בלויז גליקליך צו קוקען אויף

אייך. אפשר רעד איך נאַריש — נור איך מוז רעדען, איך מוז ערקלעהרען... כאָטש בלויז צוליב זעלבסט־אַכטונג.

אַלץ אין איהם איז געווען האַסטיג, דונקעל, און פיבעריש; עס קען זעהר געבען, אַז די ווערטער וועלכע ער האָט ארויסגעזאָגט, זיינען טהיילווייז ניט געווען די יעניגע ווערטער וועלכע ער האָט געוואָלט ארויסזאָגען. מיט'ן בליק האָט ער ווי געפרעגט: מעג איך רעדען? זיין בליק איז געפאַלען אויף דער בעלקאָנסקאַיאַ.

— ס'איז גאָרנישט, טאַטעלע, זעטץ פאָרט, זעטץ פאָרט, נור פאַרהאַק זיך ניט, האָט זי באַמערקט — דו האָסט אויך פריהער, אָנגעהויבען מיט א פאַרכאַפּטען אָטעם און אָט וואָס דו האָסט אויפגעטאָן; אָבער רעדען דאַרפסטו זיך ניט שרעקען, אָט די דאָזיגע הערען האָבען געזעהן טשיקאַווערע ווי דו, דו וועסט זיי ניט פאַרוואונדערן. און דו ביזט נאָך, גאָט ווייסט, ניט אַזאַ גרויסער חכם, אָט האָסטו בלויז די וואַזע צובראָכען און איבערגעשראָקען.

דער פירשט האָט איהר שמייכלענדיג אויסגעהערט.

— דאָס האָט איהר דאָך, האָט ער זיך פלוצלינג געווענדט צום אַלטיטשקען — דאָס האָט איהר דאָך דעם סטודענט פּאָדקומאָוו און דעם טשינאָווניק שוואַברין מיט דריי מאָנאַטען צוריק געראַטעוועט פון פאַרשיקונג?

דער אַלטיטשקער איז אפילו אביסעל רויט געוואָרען און ער האָט ארויסגעמורמעלט אַז מען דאַרף זיך באַרוהיגען.

— דאָס האָב איך דאָך וועגען אייך געהערט, האָט ער זיך גלייך געווענדט צו איוואַן פּעטראָוויטש אין וו—סקער גובערניע, אַז איהר האָט אייערע אָפּגעברענטע פּויערים, שוין פרייע און וועלכע האָבען אייך אָנגעמאַכט א סך אונאָנגענעהמליכקייטען, אומזיסט האָלץ געגעבען אויף אָפּבויען זיך?

— נו, דאָס איז אי־בער־טרי־בען, האָט ארויסגעמורמעלט איוואַן פּעטראָוויטש איבעריגענס, אויסגלייכענדיג זיך; נור דאָס מאָל האָט ער געהאַט גאַנץ רעכט „אַז דאָס איז איבערטריבען“, דאָס איז נור געווען א פאַלשער קלאַנג וועלכער איז אויך דערגאַנגען צום פירשט.

— און איהר פירשטין, האָט ער זיך פלוצלינג מיט א ליכטיגען שמייכעל געווענדעט צו דער בעלקאַנסקאיא, האָט איהר דען מיט א האַלב יאָהר צוריק מיך ניט אויפגענומען אין מאָסקווע, ווי אַן איי־

גענעם זון, מיט א בריף פון ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא, און איהר האָט טאַקע ווי אן אמת'ן זון, מיר געגעבען איין עצה אזא, וועלכע איך וועל אייך קיינמאָל ניט פארגעסען, געדענקט איהר?

— וואָס קריכסטו אויף די גלייכע ווענט? האָט מיט ערגערניש ארויסגעזאָגט די בעלקאנסקאיא — א מענש ביזטו א גוטער, נור א קאָמישער; מען גיט דיר צוויי גראָשען און דו דאַנקסט פונקט ווי מען וואָלט דיר דאָס לעבען געראטעוועט. דו דענקסט אז דאָס איז לויבענס־ווערטה, אבער דאס איז איבערדריסיג.

זי איז שוין געווען גאָר אין כעס געוואָרען, נור פּלוצלינג האָט זי זיך צעלאכט, און דאָסמאָל מיט א גוטען געלעכטער. אויך ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונאס געזיכט האָט אויפגעשיינט. אויך איוואן פיאָדאראָ־וויטשעס.

— איך האָב געזאָגט, אז לעוו ניקאָלאיעוויטש איז א מענש... א מענש... מיט איין וואָרט אָט זאָל איהם נור ניט פעהלען קיין אָט־העם, ווי עס האָט באַמערקט די פירשטין... האָט ארויסגעמורמעלט דער גענעראל אין גרויס פרייד ווידערהאָלענדיג דער פירשטינס ווער־טער.

איין אגלאיא נור איז געווען עפּעס טרויערדיג. נור איהר געזיכט האָט נאָך אלץ געברענט, אפשר אויך פון צאָרן.

— ער איז זעהר ליבליך, האָט דער אלטיטשקער ווידער א מורמעל געטאָן צו איוואן פּעטראָוויטש.

— איך בין אריינגעקומען אהער מיט א וועהטאָגדיגען הארץ, האָט פּאָרטגעזעצט דער פירשט אַלץ מיט אזא וואַקסענדער אויפרע־גונג, אלץ האַסטיגער און האסטיגער, אלץ וואונדערליכער און באַ־גייסטערטער, — איך... האָב זיך פאר אייך געשראָקען, אויך פאר זיך אליין. מעהר פון אלץ פאר זיך אליין. אומקערענדיג זיך אהער קיין פּע־טערבורג, האָב איך זיך געגעבען דאָס וואָרט, אונבאדינגט צו באקאנען זיך מיט אונזערע ערשטע מענשען, עלטערע, פארצייטיגע, צו וועלכע איך אליין געהער, צווישען וועלכע איך בין אליין דער סאַמע ערשטער לויט'ן אָפּשטאַמונג. איך הייסט עס, זיץ עס איצט מיט אזעלכע פירשטען ווי איך אליין בין, ס'איז דאָך אזוי אַיאָ? איך האָב זיך געוואָלט מיט אייך באקאָנען און דאָס איז געווען נויטיג, זעהר, זעהר נויטיג!... איך האָב שטענדיג געהערט וועגען אייך אסך מעהר ניט

שעהנעס, ווי שעהנעס, כ'האָב געהערט וועגען די קליינליכקייט און די אויסשליסליכקייט פון אייערע אינטערעסען, וועגען אייער אָפּגעשטאַ־נענקייט, וועגען דער קליינער געבילדעטקייט, וועגען קאָמישע גע־וואוינהייטען — אָ, וועגען אייך רעדט מען דאָך אזוי פיעל און מען שרייבט! איך בין מיט נייגעריגקייט געגאַנגען אהער היינט, מיט פארווירונג: איך האָב אליין געדאַרפט זעהן און זיך איבערצייגען, צי איז דאָס טאַקע ריכטיג, אז די גאַנצע העכערע שיכט פון רוסישע מענשען טויג שוין צו גאָרנישט ניט, האָט שוין אָפּגעלעבט איהר צייט, האָט אויסגעטריקענט פון איהר אמאָליגען קוואל, און זי טויג ניט מעהר ווי צו שטאַרבען, נור זייענדיג נאָך אלץ אין א קליינליכען אייפערזיכ־טיגען קאַמפף מיט מענשען... צוקונפטיגע, שטערענדיג זיי, ניט באַ־מערקענדיג, אז זיי שטאַרבען אוים? איך האָב פריהער דער דאָזיגער מיינונג ניט געגלויבט, ווייל לויט מיין מיינונג, האָבען מיר אפילו נאָך גאָר ניט געהאַט קיין העכערע קלאַסען, אויסער אפשר די וואָס זיינען ביים הויף, אין מונדירען אדער... לויט א צופאַל, און איצט זיינען זיי אין גאַנצען פארשוואונדען, דאָס איז דאָך אזוי, אזוי?

— נו, דאָס איז שוין גאָר ניט אזוי, האָט זיך גיפטיג צעלאַכט איוואַן פעטראָוויטש.

— נו, ער האָט זיך שוין ווידער צערעדט! האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען די בעלאָקאָנסקאַיאַ.

— Lassez le dire — ער טרייסעלט זיך דאָך אפילו, האָט ווידער שטיל געוואָרענט דער אלטיטשקער.

דער פירשט איז געווען אויף אַן אמת'ן, אויסער זיך

— און וואָס לאָזט ניך אוים? איך האָב דערזעהן מענשען ילעגנ־צענדע, איינפאַכע, קלוגע, איך האָב דערזעהן אן אלטעטשקען וועלכער איז פריינדליך און הערט אוים אזא אינגעל, ווי איך; איך זעה מענ־שען וועלכע זיינען פעהיג צו פארשטעהן און פארצייען, מענשען רו־סישע און גוטע, כמעט שוין אזעלכע גוטע און הארציגע ווי איך האָב באַגעגענט דאָרטען, ניט ערגער. אורטהיילט זשע ועלבסט ווי צופרי־דען, פארוואונדערט איך בין געווען! אָ, ערלויבט מיר דאָס ארויס־צוזאָגען. איך האָב אסך געהערט און אליין אסך געגלויבט. אז אין דער העכערער געזעלשאַפט איז אלץ נור געבויט אויף מאַניערען, אז אלץ איז בלויז אן אָפּגעלעבטע פאָרמע, און דער אינהאַלט איז פארשוואונ־

דען; נור איך זעה דאך איצט אליין, אז דאס איז ביי אונז אונמעגליך, דאָס קען זיין אומעדום — נור ניט ביי אונז איז דען מעגליך אז איהר זייט אלע איצט יעזואיטען און באַטריגער? איך האָב געהערט ווי פריהער האָט פירשט נ. דערצעהלט, אז דאָס דען ניט קיין איינפאכער באגייסטערטער הומאָר, איז דאָס דען ניט די אמת'ע גוטמוטיגקייט? קענען דען אזעלכע ווערטער ארויס פון די ליפּען פון אַ מענשען... א טויטען מיט א טרוקענעם הארץ? וואָלטען דען טויטע געקענט זיך באגעהן מיט מיר ווי איהר האָט זיך באגאנגען? איז דען דאס ניט קיין מאַטעריאל פאר דער צוקונפט, פאר האָפענונגען? איז דען מעגליך אז אזעלכע מענשען זאָלען ניט פארשטעהן און זאָלען צוריק־בלייבען?...

— איך בעט אייך נאָכאמאָל, בארוהיגט זיך מיין טהייערער, מיר וועלען וועגען דאס אלעם רעדען אן אנדערש מאָל, און איך וועל מיט פארגעניגען... האָט א שמייכעל געטאָן דער „ווירדיגער באַאמטער“.

איוואן פעטראָוויטש האָט א קרעכץ געטאָן און זיך א דרעה געטאָן אין זיין שטול. איוואן פיאָדאָראָוויטש האָט זיך א באוועג געטאָן; דער גענעראל־נאַטשאלניק האָט געשמועסט מיט דער פרוי פון דעם „באַאמטען“, ניט שענקענדיג דעם פירשט מעהר קיין אויפמערקזאמקייט; נור דעם באַאמטענס פרוי האָט פון צייט צו צייט זיך איינגעהערט און צוגעקוקט.

— ניין, ווייסט איהר, מיר איז שוין בעסער איך זאָל רעדען! האָט מיט א נייער פיבערשער היגרייסונג פאָרטגעזעצט דער פירשט, עפּעס מאָדנע צוטרוייליך און אפילו קאנפידענציאָנעל זיך ווענדענדיג צום אלטיטשקען — מיר האָט נעכטען אגלאיא איוואנאָוונא פארבאָטען צו רעדען, און זי האָט מיר אפילו אנגעוויזען אויף וועלכע טהעמאס איך טאָר ניט רעדען. זי ווייס, אז איך קוק אין זיי אויס קאָמיש! מיר איז דער זיבען און צוואנציגסטער יאָהר, און איך ווייס, אז איך בין ווי א קינד. איך האָב ניט קיין רעכט אויסצודריקען מיינע געדאנקען, איך האָב עס שוין לאנג געזאָגט; איך האָב בלויז אין מאָסקווע, מיט ראגאזשינען גערעדט אָפען... מיר האָבען מיט איהם געלייענט פושקין, אין גאנצען איבערגעלייענט; ער האָט גאָר ניט געוואוסט, אפילו פושקינס נאָמען אויך ניט... איך האָב שטענדיג מורא מיט מיין קאָמישען אויסזעהן צו קאָמפּראָמיטירען די געדאנקען און

די הויפט אידעע. מיר פעהלען פאַסיגע זשעסטען. איך האָב שטענדיג זשעסטען פונקט פאַרקערטע, און דאָס רופט ארויס געלעכטער און ערנידעריגט די אידעע. דער געפיהל פון מאָס האָב איך אויך ניט, און דאָס איז די הויפט זאַך! דאָס אפילו די סאַמע הויפט־זאַך... איך ווייס אַז פאַר מיר איז פיעל גלייכער צו זיצען און שווייגען. ווען איך שפּאַר זיך איין און שווייג קוק איך אויס זעהר קלוג און דערצו דענק איך נאָך דאַן אויך. נור איצטער איז פאַר מיר בעסער איך זאָל יע רעדען. איך האָב דערפאַר אָנגעהויבען רעדען, ווייל איהר קוקט אויף מיר אַזוי פיין. איהר האָט אַ פיין געזיכט! איך האָב נעכטען אָגלאַיען דאָס וואָרט געגעבען אַז איך וועל דעם גאַנצען אָווענט זיצען און שווייגען.

— Vraiment? — האָט אַ שמייכעל געטאָן דער אַלטיטשקער.

— נור אָפּט דענק איך, אַז איך האָב ניט רעכט, וואָס איך דענק אַזוי; אויפריכטיגקייט דריקט זיך דאָך אויס אין די זשעסטען, איז דאָס ניט אַזוי? ניט אַזוי?

— גאַנץ אָפט.

— איך וויל אַלץ ערקלעהרען, אַלץ, אַלץ, אַלץ! אָ, יע, איהר דענקט, אַז איך בין אַן אוטאָפּיסט? אַן אידעאַלאָג? אָ, ניין, ביי גאָט, איך פאַרמאָג אַזעלכע איינפאַכע געדאַנקען... איהר גלויבט ניט? איהר שמייכעלט? ווייסט איהר, אַז איך בין אָפּטמאָל נידערטרעכטיג, דערפאַר, ווייל איך פאַרליר מייז גלויבען. פריהער בין איך געגאַנגען אַהער און געטראַכט: „נו, ווי אַזוי וועל איך מיט זיי אָנהויבען רעדען? מיט וואָס פאַר אַ וואָרט דאַרף מען אָנהויבען אַזוי אַז זיי זאָלען כאָטש עפּעס פאַרשטעהן? ווי איך האָב זיך געשראָקען פאַר זיך, האָב איך זיך פאַר אייך נאָך מעהר געשראָקען, שרעקליך, שרעקליך! און אין דער זעלבער צייט, האָב איך דען געדאַרפט זיך שרעקען? איז דען ניט קיין שאַנדע זיך צו שרעקען? וואָס מאַכט עס אויס, וואָס אויף איין פאַרווערטסגעהענדען זיינען דאָ אַזוי פיעל אָפּגעשטאַנענע און שלעכטע? אין דעם באַשטעהט דאָך מיין גאַנצע פרייד, וואָס איך בין איצט איבערציינגט, אַז גאָר ניט אַזוי פיעל, און אַז אַלץ איז אַ לעבעדיגער מאַטעריאַל! מען דאַרף זיך אויך ניט שעהמען וואָס מיר קוקען אויס קאָמיש, ניט וואָהר, איאָ? ווייל דאָס איז דאָך טאַקע אין אמת'ן אַזוי, מיר זיינען קאָמיש, לייכטזיניג, מיט שלעכטע געוואוינהייטען, מיר לאַנגווייליען זיך, מיר ווייסען ניט וואו צו קוקען, ווייסען ניט וואָס צו פאַרשטעהן.

מיר זיינען דאך אלע אזעלכע, אלע, אי איהר, אי איך און אויך זיי! איהר באלעדיגט זיך דאך ניט וואס איך זאג אייך אין די אויגען, אז איהר זייט קאמיש? און אויב אזוי, טא פארוואס זייט איהר דען קיין מאטעריאל ניט? ווייסט, לויט מיין מיינונג, אז אפט איז אפילו גאנץ גוט צו זיין קאמיש, און אפילו בעסער: קען מען שנעלער איינער דעם צווייטען פארצייען, אויך שנעלער שליסען פרידען; מען קען דאך ניט גלייך אנהויבען מיט אמאל! מען קען דאך ניט גלייך אנהויבען פון פאלקאמענהייט! אום צו דערגרייכען די פאלקאמענהייט דארף מען פריהער פיעלעס ניט פארשטעהן. און ווען מיר הויבען אן צו שנעל צו פארשטעהן, דאן פארשטעהן מיר ניט ריכטיג. דאס זאג איך אייך, איך וועלכע האבען שוין אזוי פיעל געקאנט פארשטעהן און... ניט פארשטעהן. איצט האב איך פאר אייך קיין מורא ניט; איהר זייט דאך אויף מיר ניט ברוגז, וואס איך, א אינגעל רעד צו אייך אזעלכע ווערטער? געוויס, ניט! א, איהר וועט קאנען פארגעסען און פארצייען די וועלכע האבען אייך באלעדיגט, און אויך וועלכע האבען אייך מיט גארנישט ניט באלעדיגט; ווייל שווערער פון אלץ איז דאך צו פארצייען די וועלכע האבען אונז מיט גארנישט ניט באלעדיגט און טאקע באשטימט דערפאר, ווייל זיי האבען אונז ניט באלעדיגט, און דאס מיינט, אז אונזער באקלאגען זיך איז אהן א גרונד. אט וואס איך האב ערווארטעט פון העכערע מענשען, אט צו וואס איך האב זיך געאיילט, פאהרענדיג אהער, זיי צו זאגען און ניט געוואוסט ווי אזוי צו זאגען... איהר לאכט, איוואן פעטראוויטש? איהר דענקט; איך שרעק זיך פאר י ע נ ע, איך ז י י ע ר אדוואקאט, דעמאקראט, דער אראטאר פון גלייכהייט? האט ער זיך היסטעריש צעלאכט (ער האט אלע וויילע געלאכט מיט א קורצען און ענטציקטען געלעכטער), איך שרעק זיך פאר אייך, פאר אייך אלעמען, און פאר אונז אלעמען צוזאמען. איך בין דאך אליין א יחסנ'דיגער פירשט, און איך זיץ מיט פירשטען. איך רעד עס כדי אייך אלעמען צו ראטעווען, כדי א קלאס זאל אומזיסט ניט פארשווינדען, אין דער פינסטער פארשווינדען, און פון גארנישט ניט דערוויסענדיג זיך, פאר אלץ זידלענדיג זיך, און אלץ פארשפילענדיג. צו וואס פארשווינדען און אפטרעטען אנדערע דעם פלאץ, ווען מען קען בלייבען פאראויס־געהענדע און עלטסטע? לאמיר זיין פאראויס־געהענדע און עלטסטע. לאמיר ווערען בא־

דיענער אום צו זיין הערשער.

ער האָט געגומען מאַכען א פּארזוך אויפצושטעלען זיך פון שטול, נור דער אלטיטשקער האָט איהם בסדר אָפּגעהאַלטען, קוקענדיג אויף איהם מיט וואַקסענדער אומרוהיגקייט.

— הערט! איך ווייס אז רעדען איז ניט שעהן, טאַ לאָמיר בעסער איינפאך נעמען א ביישפּיעל, בעסער איינפאך אָנפאַנגען... איך האָב שוין אָנגעפאַנגען... און — איז דען טאקע אין אמת'ן מעגליך זיין אן אומגליקליכער? א, וואָס פאר א ווערטה האָבען מיין אומגליק און מיינע צרות, ווען איך האָב די מעגליכקייט צו זיין גליקליך? צו רעדען מיט א מענשען און ניט זיין גליקליך וואָס דו ליבסט איהם! אָ, מיר איז בלויז שווער זיך ארויסצוזאָגען... און וויפיעל זאַכען זיינען דאָ אויף יעדען טראָט שעהנע, זאַכען אזעלכע, וועלכע אפילו דער סאמע פארלאָרענער מענש געפינט זיי אלס שעהן? גיט א קוק אויף א קינד, גיט א קוק אויף גאָטס אויפגעהענדער זון, גיט א קוק אויף א גרעזעלע ווי אזוי עס וואַקסט, קוקט אָן די אויגען, וועלכע קוקען אויף אייך און ליבען אייך...

ער האָט שוין לאַנג גערעדט שטעהענדיג. דער אלטיטשקער האָט שוין געקוקט אויף איהם מיט שרעק. ליזאוועטא פּראָקאָפּיעוונא האָט אויסגעשריען: „אך, גאָט מיינער!“ זי האָט זיך געכאַפּט פריהער פון אלעמען און א פּאַטש געטאָן מיט די הענט. אגלאיא איז האַסטיג צו איהם צוגעלאָפען, האָט אויפגעכאַפּט איהם אריבער נעהמען אין איהרע הענט און מיט שרעק, מיט א פון וועהטאָג פארענדערטען געזיכט, האָט זי דערהערט א ווילדען געשריי, א הארץ־רייסענדער געשריי, דער קראַנקער איז געלעגען אויפ'ן טעפּיך. עמיצען איז געלונגען וואָס שנעלער איהם אונטערצולעגען אונטערן קאָפּ א קישען.

דאָס האָט קיינער ניט ערווארטעט. אין א פערטעל שטונדע ארום האָט דער פירשט נ. עווגעני פּאַוולאָוויטש, דער אלטיטשקער, געפּרואווט ווידער אויפלעבען דעם אוונט, נור אין א האַלבע שטונדע ארום האָבען זיך שוין אלע פאנאַנדערגעפאָהרען. עס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען אסך מיטפיהלענדע ווערטער, אסך באדויערונגען, אייניגע מיינונגען. איוואן פּעטראָוויטש האָט זיך צווישען אנדערעס, אויסגעשפּראָכען „אז דער יונגער מענש איז א „סלאַוויאנאָפיל“, אדער עפּעס עהנליכעס, נור איבעריגענס, איז דאָס קיין געפאַהר“. דער אלטיטש־

קער האָט גאָר ניט געזאָגט. אמת, שוין נאָכדעם, אויפ'ן צווייטען אדער דריטען טאָג האָבען זיך אַלע אביסעל אנגע'ברוגז'ט. איוואן פעטראָ־וויטש האָט זיך אפילו באַלעדיגט נור ניט פיעל. דער גאָטשאַלניק־גענעראַל איז א געוויסע צייט געווען קאַלט צו איוואן פעטראָוויטש. דער „פאַמיליען־באַשיצער" דער „טשינאָווניק" האָט אויך עפּעס־וואָס ארויסגעמורמעלט פון זיין זייט, צו דעם פאָטער פון דער פאַמיליע, אַלס מוסר, דערביי האָט ער זיך שמייכעלהאַפט אויסגעדריקט, אז ער אינטערעסירט זיך זעהר און זעהר מיט אגלאַיאַס שיקזאַל. ער איז געווען א מענש וואָס איז אין אמת'ן געווען ניט קיין שלעכטער; נור צווישען די אורזאַכען פון זיין נייגעריגקייט וועגען פירשט, איז אין פאַרלויף פון יזוענט אויך געווען די אַלטע געשיכטע וועגען דעם פירשט מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא. וועגען דער דאָזיגער געשיכטע האָט ער עפּעס־וואָס געהערט און אפילו זיך זעהר אינטערעסירט, האָט אפילו געוואָלט פרעגען.

די בעלקאָנסקאַיאַ אוועקפאָהרענדיג פונ'ם אָוענט, האָט געזאָגט צו ליזאַוועטא פּראָקאָפיעוונא:

— ער איז אי גוט אי שלעכט, און ווען דו ווילסט וויסען מיין מיינונג — איז מעהר שלעכט. דו זעהסט דאָך אליין וואָס פאַר א מענש דאָס איז, א קראַנקער מענש.

ליזאַוועטא פּראָקאָפיעוונא האָט ענדגילטיג באַשלאָסען פאַר זיך אז דאָס איז אן „אונמעגליכער" חתן. און איבער נאַכט האָט זי זיך געגעבען דאָס וואָרט, „אז ביז וואַנען זי לעבט נאָך, וועט דער פירשט ניט זיין אגלאַיאַס מאַן." מיט דערמיט איז זי אויך אויפגעשטאַנען אין דער פריה. נור שוין אין דער פריה, איינס אזייגער, ביים פריהשטיק, איז זי אריינגעפאַלען אין א וואונדערליכען ווידערשפּרוך מיט זיך אליין.

אויף איינער, איבעריגענס, זעהר א פאָרזיכטיגער פראַגע פון די שוועסטער, האָט אגלאַיאַ פּלוצלינג געענטפערט קאַלט, נור מיט שטאָלץ פונקט ווי זי וואָלט אָפּגעשניטען.

— איך האָב איהם קיינמאָל קיין שום וואָרט ניט געגעבען, האָב איהם קיינמאָל אין לעבען ניט גערעכענט פאַר מיין חתן. ער איז פאַר מיר פונקט אזא זייטיגער מענש ווי יעדער איינער.

ליזאַוועטא פּראָקאָפיעוונא האָט פּלוצלינג אויפגעפלאַמט.

— דאס האב איך פון דיר ניט ערווארטעט, האט זי ארויס געזאגט מיט ערגערניש — א חתן איז ער אן אונמעגליכער, דאס ווייס איך, און א דאנק גאט, וואס עס האט זיך אזוי אויסגעלאזט; נור פון דיר האב איך אזעלכע ווערטער ניט ערווארטעט. איך האב געדענקט אז עפעס אנדערש וועט פון דיר אויסוואקסען. איך וואלט אלע נעכטיגע ארויסגעטריבען אבער איהם איבערגעלאזט, אט וואס פאר א מענש דאס איז!...

דא האט זי זיך פלוצלינג אפגעשטעלט, זיך אליין דערשרעקענדיג פאר דעם וואס זי האט געזאגט, נור ווען זי וואלט געוואוסט ווי אומגערעכט זי איז אין דער מינוט געוועזן צו דער טאכטער?

אין אגאליאס קאפ איז שוין אלץ געוועזן באשלאסען. זי האט אויך בלויז געווארט אויף איהר שטונדע, וועלכע האט געדארפט אלץ באשליסען, און יעדע אנדייטונג, יעדע אונפארזיכטיגע באריהרונג האט מיט א טיעפער וואונד צוריסען איהר הארץ.

אכטער קאפיטעל

און אויך פאר דעם פירשט האט זיך דער דאזיגער פריהמארגען אנגעהויבען אונטער דעם איינפלוס פון א שווערען פאראויסגעפיהל; דאס האט מען געקאנט ערקלעהרען אלס רעזולטאט פון זיין קראנקען צושטאנד, נור ער איז געוועזן צופיעל אונבאשטימט טרויעריג און דאס איז פאר איהם געוועזן פיינליכער פון אלץ. אמת, פאר איהם זיינען געשטאנען קלאהרע פאקטען, שווערע און וועהטאגדיגע, נור זיין טרויער איז אוועק אסך ווייטער פון דאס אלעס, אן וואס ער האט זיך דערמאנט און געדענקט; ער האט פארשטאנען אז ער אליין וועט זיך ניט קענען באַרוהיגען. בּיסלעכווייז, האט זיך אין איהם איינגעווארצעלט אן ערווארטונג אז היינט וועט מיט איהם פאסירען עפעס באזונדערעס וואס עס וועט אלץ פארענדיגען. דער אנפאל וואס האט

מיט איהם פּאַסירט נעכטען איז געווען פון די גרינגע; אויסער א מעלאַנכאָליע, א געוויסע שווערקייט אין קאָפּ און א וועהטאָג אין די גליעדער האָט ער ניט געפיהלט קיין שום אנדערען וועהטאָג. זיין קאָפּ האָט געארבייט גאַנץ קלאָהר, כאָטש דאָס הארץ איז געווען קראַנק. אויפגעשטאַנען איז ער גאַנץ פריה און גלייך האָט ער קלאָהר זיך דער־מאַנט אַן דעם נעכטיגען אָוונט; כאָטש ניט מיט אַלע איינצעלהייטען, נור דאך האָט ער געדענקט אויך דאָס, ווי א האַלבע שטונדע נאָכ'ן אַנפאַל האָט מען איהם צוגעפיהרט אהיים. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז שוין געווען א שליח פון די עפּאַנטשינס צו פרעגען וועגען זיין געזונט. אום האַלב צוועלף איז געקומען א צווייטער; דאָס איז איהם געווען אנגענעהם. ווערא לעבעדעוו איז די ערשטע אריין איהם געוואר ווערען און באַדיענען. אין דער ערשטער מינוט, גלייך ווי זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך פּלוצלינג צעוויינט, נור גלייך ווי דער פירשט האָט זי בארוהיגט — האָט זי זיך צעלאַכט. איהם האָט מיט אמאָל ערשטוינט דער שטאַרקער מיטליידס־געפיהל פון דער דאָזיגער מיידעל צו איהם; ער האָט געכאַפּט איהר האַנט און א קוש געטאָן. ווערא איז רויט געוואָרען.

— אַך, וואָס טוט איהר, וואָס טוט איהר! האָט זי אויסגעשריען מיט שרעק, האַסטיג אַוועקנעהמענדיג איהר האַנט.

זי איז באַלד אַוועק אין א מאָדנע צושטרייטקייט. צווישען אַנדערעס, האָט זי אויספּעיעט צו דערצעהלען, אַז איהר פאָטער איז היינט נאָך, ווי נור ס'איז געוואָרען טאָג, אַוועקגעלאָפען צום „פאַר־שטאָרבענעם“, ווי ער האָט אָנגערופען דעם גענעראַל, צו דערוויסען זיך, צי ער איז איבער נאַכט, ניט געשטאָרבען, און וואָס הערט זיך. מען זאָגט אַז ער וועט געוויס באַלד שטאַרבען. צוועלף אַזייגער איז געקומען אהיים און צום פירשט לעבעדעוו אַליין, נור אייגענטליך בלויז אויף א מינוטעלע כדי צו דערוויסען זיך וועגען דעם „אונשעצ־באַרען געזונט“ און אַז. וו. און אויסער דעם באַזוכען די „שאַפּקעלע“. ער האָט כסדר אַלץ געאַויקעט און געאַייקעט און דער פירשט האָט איהם באַלד אָפּגעלאָזט. נור פונדעסטוועגען האָט יענער געפּרואווט פאַנאַנדערפרעגען וועגען נעכטיגען אַנפאַל, כאָטש ס'איז געווען צו זעהן, אַז ער ווייס שוין וועגען דעם מיט אַלע איינצעלהייטען. נאָך איהם איז געקומען צעלויפען קאָליא, אויך אויף א ווייליטשקע; דער

לעצטער האָט זיך טאַקע אין אמת'ן געאיילט און ער איז געווען אין א שטאַרקער און פינסטערער אומרוהיגקייט. ער האָט אָנגעהויבען דערמיט וואָס ער האָט גלייך און צודרינגליך געבעטען פון פירשט אַן ערקלעהרונג וועגען אַלעם וואָס מען האָט פון איהם פאַרבאָרגען. דערביי צוגעבענדיג, אַז ער ווייס שוין כמעט אַלעס, נאָך פון נעכטען. ער איז דערפון געווען שטאַרק און טיעף געטראָפען.

מיט דעם מעגליכסטען מיטגעפיהל, צו וועלכען נור ער איז געווען פעהיג האָט דער פירשט, איהם אַלעם דערצעהלט, אָנגעבענדיג פאַקטען אין זייער פולער פינקטליכקייט און ער האָט געטראָפען דעם אָרימען אינגעל ווי מיט א דונער. ער האָט ניט געקאָנט ארויסרעדען קיין וואָרט און האָט זיך צעוויינט. דער פירשט האָט דערפיהלט אַז דאָס איז געווען איינע פון יענע איינדריקע וועלכע בלייבען אויף שטענדיג און וועלען פאַרשאַפען אַן איבערברוך אין דעם אינגעל'ס לעבען אויף אייביג. ער האָט זיך געאיילט איהם איבערצוגעבען ווי אַזוי ער קוקט אויף דעם, צוגעבענדיג, אַז לויט זיין מיינונג, קען געבען, אַז דעם אַלטען'ס טויט איז פאַראורזאַכט געוואָרען צוליב דעם שרעק, וועלכער איז איהם געבליבען אין הארצען נאָך זיין מאוסער האַנדלונג, און אַז דערויף איז ניט יעדער איינער פעהיג. קאָליא'ס אויגען האָבען זיך צוגלאַנצט ווען ער האָט אויסגעהערט דעם פירשט.

— די מאוסע האַנקאַ, און וואַריאַ און פטיצין! איך וועל זיך מיט זיי ניט קריגען, נור פון איצט אַן, געהען זיך אונזערע וועגען פאַנאַנדער! אַך פירשט, איך האָב פון נעכטען אַן זעהר פיעל נייעס דערפיהלט. אויך די מוטער רעכען איך איצט בלויז אויף מיינע הענט, כאָטש זי איז באַזאָרגט ביי וואַריאַ. נור דאָס איז אַלץ ניט דאָס...

ער איז אויפגעשפרונגען דערמאַנענדיג זיך, אַז מען וואַרט אויף איהם, ער האָט אויף גיך זיך ערקונדיגט וועגען דעם פירשט'ס געזונט און אויסהערענדיג דעם ענטפער האָט ער פלוצלינג איילענדיג צוגעגעבען:

— איז עפּעס נאָך ניט געשעהן? איך האָב נעכטען געהערט... (איבעריגענס, האָב איך ניט קיין רעכט), נור ווען איהר וועט זיך א מאָל נויטיגען אין א טרייען דיענער, איז אָט שטעהט ער פאַר אייך. עס דוכט זיך, אַז מיר ביידע זיינען ניט גאָר קיין גליקליכע מענשען, איאַ ס'איז אַזוי? אָבער... איך וויל גאָר ניט אויספרעגען...

ער איז אוועק און דער פירשט האָט זיך נאָך מעהר פאַרטראַכט: אַלע זאָגען פאַראויס אומגליק, אַלע האָבען שוין געפּאַסט באַשליסען, אַלע קוקען אַזוי, ווי זיי וואָלטען עפּעס געוואוסט און עפּיס וואָס ער זעלבסט ווייסט ניט; לעבעדעוו וויל אויספרעגען, קאָליאַ גיט אָפּענע אָנצוהערענישען און ווערע וויינט. ענדליך האָט ער אין ערגערניש א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „א פאַרשאָלטענע קרענקליכע איינרעדעניש", האָט ער אַ שראַכט געטאָן. זיין געזיכט האָט זיך אויסגעלייטערט, ווען ער האָט צוויי אַ זייגער דערזעהן די עפּאַנטשענס, וועלכע זיינען געקומען איהם „צו באַזוכען אויף אַ מינוט". די דאָזיגע זיינען שוין טאַקע אין אמת'ן געקומען בלויז אויף אַ מינוט. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, האָט נאָכ'ן פריהשטיק, ערקלערט, אַז אַלע געהן באַלד שפּאַצירען און אַלע צוזאַמען. די נאַכריכט איז געגעבען געוואָרען אין דער פאָרם פון אַ באַפעהל, קורץ, טרוקען, אָהן ערקלערונגען. אַלע זיינען ארויסגעגאַנגען, דאָס הייסט, די מוטער, די מיידלאַך, פירשט שטש. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ האָט זיך גלייך פאַרקירעוועט פונקט געגענאיבער פון וואוהין זי געהט יעדען טאָג. אַלע האָבען פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט און אַלע האָבען געשוויגען מורא האָבענדיג אויפצורייצען דער מאַמען. און זי פונקט ווי זי וואָלט זיך באַהאַלטען פון אַן אויסרעד און טענות, איז געגאַנגען פאַראויס פון אַלעמען, ניט אומקוקענדיג זיך. ענדליך האָט אַדעלאַידאַ באַמערקט, אַז ווען מען געהט שפּאַצירען, דאַרף מען ניט לויפען, און אַז דער מאַמען קען מען ניט דעריאָגען.

— איהר ווייסט גאָר וואָס, האָט מיט אַמאָל זיך אומגעדרעהט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ — מיר געהען איצט פאַרביי איהם, און וואָס עס זאָל דאַרטען ניט דענקען אַגלאַיאַ, און וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען דערנאָכדעם, אָבער ער איז פאַר אונז ניט קיין פרעמדער, און דערצו איז ער נאָך אומגליקליך און קראַנק; איך אַמווינציגסטענס, וועל איהם געהן געוואָרעוועטען. ווער עס וויל געהן מיט מיר — זאָל געהן, און ווער עס וויל ניט — זאָל געהן פאַרביי; דער וועג איז אָפען.

פאַרשטעהט זיך אַז אַלע זיינען אריינגעקומען. דער פירשט, האָט ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, זיך געאיילט נאָך אַמאָל צו בעטען פאַרצייאונג פאַר נעכטיגער וואַזע און... סקאַנדאַל.

— נו דאָס איז גאָרנישט, האָט געענטפערט ליזאַוועטאַ פּראָ-

פּאַפּיעוונאַ—עס פאַרדריסט ניט פאַר דער וואַזע, עס פאַרדריסט פאַר דיר. הייסט עס אַז דו אַליין באַמערקסט שוין איצט, אַז עס איז גע־ווען אַ סקאַנדאַל. אַט וואָס עס מיינט „אויף מאָרגען אין דער פריה..." נור דאָס איז אויך גאָרנישט ווייל יעדער איינער זעהט שוין איצט אַז דו ביזט ניט פאַראַנטוואָרטליך. נור פונדעסטוועגען, אויפּס־ווידערזעהן; אויב דו פיהלסט זיך שטאַרק גענוג טאָ נעהם אַ שפּאַציר. און לעג זיך ווידער צו שלאָפען — דאָס איז מיין ראַטה. און ווען דו ווילסט קענסטו צו אונז קומען ווי פריהער; דו זיי איבערצייגט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז וואָס עס זאָל ניט געשעהן, וואָס עס זאָל ניט ארויסקומען, וועסטו פונדעסטוועגען אַלץ בלייבען דער פריינד פון אונזער הויז. אַמווינציגסטענס, מיינער. פאַר זיך אַמווינציגס־טענס קען איך זיין פאַראַנטוואָרטליך...

אַלע האָבען צוגעשטימט צו דער מאַמעס געפיהלען. זיי זיינען אַוועק, נור אין דער דאָזיגער האַרציגער איילענדיקייט צו זאָגען עפּעס ווייכעס און ערמוטערענדעס איז געלעגען אַ סך האַרט הערציגקייט. דאָס איז ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ'ן ניט איינגעפאַלען. אין דער איינלאַדונג „צו קומען ווי פריהער" און אין די ווערטער, „אַמווינציגס־טענס מיינער" — האָט ווידער זיך געהערט עפּעס פאָראויסזאָגענדעס. דער פירשט האָט געגומען דערמאַנען זיך אַן אַגלאַיאַ'ן; אמת, זי האָט איהם געשענקט אַ וואונדערבאַרען שמייכעל, ביים אריינגאַנג און ביי געזעגענען זיך, נור זי האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, אויך דאַן, ווען אפילו אַלע האָבען געמאַכט זייערע פאַרזיכערונגען אין פריינדשאַפט, כאָטש זי האָט אויף איהם אַ פּאָר מאָל אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן. איהר געזיכט איז געווען בלאַסער ווי געוועהנליך, פּונקט ווי זי וואָלט די לעצטע נאַכט שלעכט געשלאָפען. דער פירשט האָט באַשלאָסען טאַקע שוין היינט אין אָוונט אונבאַדינגט געהן צו זיי „ווי פריהער", און ער האָט פיבעריש אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער. עס איז אריינגע־קומען וועראַ. פּונקט אין דריי מינוט נאָכדעם ווי די עפּאַנטשינס זיינען ארויס.

— לעוו ניקאָלאַיעוויטש! מיר האָט אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ אַט ערשט אין דער שטיל איבערגעגעבען אַ פּאָר ווערטער.

דער פירשט האָט אָנגעהויבען ציטערען.

— אַ צעטעלע?

— ניין, אין ווערטער; און אויך דאָס האָט זי קוים אויסגעפּיעט. זי בעט אייך היינטיגען טאָג אויף איין מינוט ניט אוועק פון הויז, ביז זיבען א זייגער אין אָוונט, אָדער אפילו ביז ניינען. איך האָב דאָ ניט גוט איינגעהערט.

— יע... אָבער צו וואָס דאַרף מען עס? וואָס באַדייט עס?

— ווענען דעם ווייס איך גאַרנישט; נור זי האָט געהייסען אייך שטאַרק אָנזאָגען.

— זי האָט טאַקע געזאָגט „שטאַרק אָנזאָגען?“

— ניין, אָפען האָט זי עס ניט געזאָגט: זי האָט קוים געהאַט צייט אויסצורעדען. א גליק וואָס איך בין אַליין אונטערגעשפּרונגען. נור מען האָט דאָס שוין געקאָנט זעהן לויט'ן פּנים צו האָט זי שטאַרק אָנגעזאָגט צו ניט. זי האָט אויף מיר אַזאַ קוק געטאָן אַז עס האָט מיך פאַרכאַפּט ביים האַרצען...

נאָך עטליכע פראַגען, און דער פירשט. כאָטש ער האָט זיך מעהר גאַרנישט דערוואוסט, אָבער דערפאַר איז ער נאָך מעהר אומרוהיגער געוואָרען. בלייבענדיג אַליין, האָט ער זיך געלעגט אויפ'ן דיוואַן און זיך ווידער גענומען טראַכטען. „אפשר וועט דאָרט ווידער עמיצער זיין ביז ניינען א זייגער, און זי שרעקט זיך פאַר מיר ווידער, אַז איך זאָל פאַר פרעמדע מענשען עפּעס ניט אָנפּלוידערען“, האָט ער זיך ענדליך דערטראַכט. און ענדליך האָט ער זיך ווידער גענומען אומגעדולדיג וואַרטען אויפ'ן אָוונט און קוקען אויפ'ן זייגער. די לייזונג פון דער רעטעניש איז געקומען פיעל פריהער ווי פון אָוונט און אויך אין דער פאָרם פון א נייעם וויזיט. א לייזונג אין א נייער פאָרם פון א פיינליכער רעטעניש; פונקט א האַלבע שטונדע נאָך דעם ווי די עפּאַנטשינ'ס זיינען אוועק, איז צו איהם אריינגעקומען איפּאָליט, אויף אַזוי פיעל מיעד און צוטראָגען, אַז אריינקומענדיג און גאַרנישט זאָגענדיג, איז ער ווי פאַרלירענדיג דעם זינען, בוכשטעבליך אריינגעפאַלען אין שטוהל און ער איז אויגענבליקליך אריינגעפאַלען אין שרעקליכען הוסט. ער האָט זיך דערהוסט ביז בלוט. זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט און רויטע פלעקען האָבען זיך באַוויזען אויף די באַקען. דער פירשט האָט צו איהם עפּעס א מורמעל געטאָן, נור יענער האָט ניט געענטפערט און נאָך לאַנג ניט ענטפערענדיג האָט ער זיך אָפּגעשאָקעלט מיט די הענט, א צייכען מען זאָל איהם דערוויל

לאָזען צורוה. ענדליך איז ער געקומען צו זיך.

—איך געה אוועק! האָט ער ענדליך מיט גרויס אָנשטרענגונג ארויסגעזאָגט, מיט א הייזעריגער שטים.

— ווילט איהר, וועל איך אייך באַגלייטען, האָט געזאָגט דער פירשט, אויפהויבענדיג זיך פון פּלאַץ, און האָט זיך תיכף פאַרהאַקט, דערמאָנענדיג זיך אַז דעם פאַרבאָט ניט אוועקצוגעהן פון הויז.

איפּאָליט האָט זיך צעלאַכט.

— איך געה ניט פון אייך אוועק, האָט ער פאַרטגעזעצט, מיט אונפהערליכען סאָפּען און אָפּאָטעמען. — איך האָב אין געגענטהייל געפונען פאר נויטיג קומען צו אייך, און צוליב אַן עסק... אָהן וועלכען איך וואָלט אייך ניט אַנגעהויבען באַאומרוהיגען. איך געה אוועק א ה י ן, און דאָס מאָל דוכט זיך, ערנסט. קאַפּוט! איך רעד עס ניט צוליב ארויסרופען אייער מיטלייד, גלויבט מיר... איך האָב זיך שוין אפילו געוועזען היינט אום צעהן א זייגער אוועקגעלעגט, מיט דעם געדאַנק מעהר ניט אויפצושטעהן, ביז סאַמע י ע נ ע ר צייט, נור אַט האָב איך איבערגעדענקט און זיך אויפגעהויבען, כדי צו געהן צו אייך... דאָס מיינט, אַז ס'איז נויטיג.

— עס איז א רחמנות צו קוקען אויף אייך: איהר האָט בעסער געדאַרפט מיך שיקען רופען, איידער אַליין זיך באַמיהען.

— נו, זאָל שוין זיין גענוג. איהר האָט אויסגעדריקט אייער רחמנות און דאָס איז גענוג פאר וועלטליכער ערדעלקייט... יע, איך האָב גאָר פאַרגעסען: וואָס מאַכט איהר עפּעס אין געזונד?

— איך בין געזונד... איך בין נעכטען געוועזען... ניט זעהר...

— איך האָב געהערט, געהערט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט צו דער כינעזישער וואַזע; ס'טוט מיר לייד וואָס איך בין ניט געוועזען! איך בין געקומען צוליב אַן עסק. ערשטענס, האָב איך היינט געהאַט דעם פאַרגעניגען צו זעהן גאַווריִלאַ ארדאַליאָנאָוויטש אויף א ראַנדעוואו מיט אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, ביי דער גריכישער באַנק. איך האָב זיך פאַרוואונדערט וועגען דעם, ווי אַזוי א מענש קען דאָס האָבען אַזאַ נאַרישען אויסזעהן. איך האָב דאָס באַמערקט אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ זעלבסט, נאָכדעם ווי גאַוורילאַ ארדאַליאָנאָוויטש איז אוועק... מיר דוכט, פירשט, אַז איהר זייט גאָר ניט ערשטוינט, האָט ער באַמערקט, קוקענדיג מיט אומצוטרויען אויף דעם פירשט'ס רוהיגען גע־

זיכט. — פון גאָרנישט ניט ערשטוינט ווערן, זאָגט מען, איז א צייכען פון גרויסען פארשטאַנד; לויט מיין מיינונג. קען דאָס זעלבע אויך דינען אלס צייכען פון גרויסער נאַרישקייט... איבעריגענס. מיין איך דאָס ניט אייך. ענטשולדיגט... מיר געהט היינט זעהר ניט אין מיינע אויסדריקע.

— איך האָב נאָך נעכטען געוואוסט. אז גאַווריל׳א ארדאַליאָנאָוויטש... האָט זיך דער פירשט פאַרהאַקט, קענטיג פאַרשעהמענדיג זיך, כאָטש איפּאָליט האָט זיך געערגערט פאַר וואָס ער האָט זיך ניט.

— איהר האָט געוואוסט! אָט דאָס איז א נייעס! אבער איבעריגענס, בעסער דערצעהלט ניט... און אלס עדות פון דעם היינטיגען ראַנדעוואו זייט איהר ניט געוועזן?

— איהר האָט דאָך געזעהן, אז איך בין דאָרטען ניט געוועזן. אויב איהר זייט דאָרט געוועזן.

— נו, אפשר זייט איהר געזעסען ערגעץ אונטער א קוסט. איבעריגענס, און אלענפאַלס, פרעהט עס מיך זעלבסטפארשטענדליך פאַר אייך. און אבי איך האָב געמיינט אז גאַווריל׳א ארדאַליאָנאָוויטש — נעהמט שוין די אויבערהאַנד!

— איך בעט אייך, איפּאָליט, ניט רעדען מיט מיר וועגען דעם. אין אזא שפּראַך.

— און דערהויפּט ווען אייך איז שוין אלץ באַוואוסט.

— איהר מאַכט א טעות. איך ווייס כמעט גאָרניט און אגלאַיא איוואַנאָוונא ווייס אויך געוויס, אז איך ווייס גאָרנישט. איך האָב אפילו וועגען דעם ראַנדעוואו אויך גאָר ניט געוואוסט. איהר זאָגט עס איז געווען א ראַנדעוואו? נו פּיין, און לאָמיר ניט רעדען מעהר וועגען דעם...

— אָבער ווי אזוי זשע האָט איהר דאָ יע געוואוסט און דאָ ניט געוואוסט? איהר זאָגט: „לאָמיר ניט רעדען מעהר וועגען דעם“. נו, ניין, זייט ניט אזוי צוטרוילּיך! דערהויפּט ווען איהר ווייסט גאָר ניט. איהר זייט טאַקע דערפאַר אזוי צוטרויליך, ווייל איהר ווייסט גאָר ניט. אבער ווייסט איהר וואָס פאַר א רעכענונגען עס האָבען אָט די דאָזיגע צוויי פּאַרשוינען, דער ברודער מיט דער שוועסטער? יאָ דאָס איז מעגליך, אפשר פאַרדעכטיגט איהר? גוט, גוט, איך וועל

דאָס אָפּלאָזען... האָט ער צוגעגעבען, באַמערקענדיג דעם פירשט'ס אומגעדולדיגען זשעסט — נור איך בין געקומען פאַר מיינער אַן איי־גענער אנגעלעגענהייט און וועגען דעם וויל איך... אַ שמועס טאָן. צום טייוועל, מען קען בשום אופן ניט שטאַרבען אָהן ערקלעהרונגען: אַך, וויפיעל ערקלעהרונגען איך מאַך עס! ווילט איהר אויסהערען?

—רעדט, איך הער.

— דאָך ענדער איך ווידער מיין מיינונג. דאָך וועל איך אָנ־הויבען פון האַנאַטשקאַ'ן. איהר קענט זיך פאָרשטעלען, אַז אויך מיר איז היינט באַשטימט געוואָרען צו קומען צו דער גרינער באַנק. איבע־ריגענס, איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען: איך אַליין בין באַשטאַנען אויף אַ ראַנדעוואו, זיך איינגעבעטען, צוגעזאָגט ענטדעקען אַ סוד. איך ווייס ניט, צו בין איך געקומען צו פריה, (עס דוכט זיך, אַז טאַקע צו פריה), נור גלייך ווי איך האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ לעבען אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, גיב איך אַ קוק, עס ערשיינען גאַוורילאַ אַרדאַליאָנאָוויטש און וואַראַוואַרא אַרדאַליאָנאָוונאַ, ביידע געאַרעמט, פּונקט ווי זיי וואָל־טען געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר. עס דוכט מיר, אַז ביידע זיינען געווען זעהר ערשטוינט באַגעגענדיג מיך, ניט דאָס האָבען זיי ערוואַרטעט. זיי האָבען זיך אפילו פאַרשעהמט אויך. אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ איז רויט געוואָרען, און גלויבט יע אָדער גלויבט ניט, זי האָט זיך אַ ביסעל פאַרלאָרען אויך. מעגליך אַז צוליב דאָס וואָס איך בין דאָ געווען, אָדער איינפאַך דערזעהענדיג גאַוורילאַ אַרדאַליאָנאָוויטש, ווייל אין אמת'ן איז ער דאָך זעהר אַ שעהנער. נור זי איז אין גאַנצען רויט גע־וואָרען און דעם עסק האָט זי געענדיגט אין איין מינוט, ס'איז זעהר קאָמיש: זי האָט זיך אויפגעהויבען, געענטפערט אויף גאַוורילאַ אַרדאַליאָנאָוויטשעס באַגריסונג, אויף וואַראַוואַרא אַרדאַליאָנאָוונאַס צושפּיעלטען שמייכעל, און מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: „איך האָב אייך בלויז גערופען צוליב דעם, כדי אייך אויסצודריקען מיין פער־זענליכען פאַרגעניגען פאַר אייערע אויפריכטיגע און פריינדליכע גע־פיהלען און ווען איך וועל זיך אין זיי נויטיגען, דאַן זייט זיכער..." דאָ האָט זי זיך פאַרנויגט, און יענע צוויי זיינען אַוועק — איך ווייס ניט צו מיט אַ נאָז צו מיט טריאומף; האַנאַטשקאַ איז געוויס אַוועק מיט אַ נאָז, ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען און איז רויט גע־וואָרען ווי אַ קרעבס (פונדעסטוועגען האָט ער אָפטמאָל אַ וואונדער־

ליכען געזיכטס־אויסדרוק). נור וואַרוואַרא אַרדאַליאָנאָוונא האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגען און אַז דאָס איז שוין גאַנץ גענוג פון אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ און זי האָט אויך מיטגעשלעפּט דעם ברודער. איז איז קליגער פון איהם און איך גלויב אַז זי טריאומפירט איצט. איך אָבער בין דאָס גע־קומען זיך דורכשמועסען מיט אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ אום צו אָפּרעדען וועגען דעם ווי אַזוי זי זאָל זיך טרעפען מיט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ.

— מיט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ! האָט אויסגעשריען דער פירשט.

— אהאַ! איהר פאַרלירט דוכט זיך, אייער קאַלטבלוטיקייט און הויבט אָן זיך וואונדערען? איך בין זעהר צופרידען, וואָס איהר ווילט ווערען עהנליך צו אַ מענשען. דערפאַר וועל איך אייך מאַכען צום לאַכען, אַט וואָס עס הייסט באַדינען יונגע און ווירדיגע מייד־לאַך: איך האָב היינט פון איהר געקראָגען אַ פּאַטש.

— אַ גייסטיגען? האָט ווי אומווילענדיג געפרעגט דער פירשט.

— יע, ניט קיין פיזישען. מיר דוכט, אַז ביי קיינעם וועט זיך ניט אויפהויבען די האַנט אויף אַזאַ ווי איך; אפילו אַ פרוי, וועט מיר ,איצט אויך ניט געבען קיין קלאַפּ! אפילו האַנאַטשקאַ וועט אויך ניט טשעפּען, כאָטש נעכטען האָב איך איינמאָל געדענקט, אַז ער וועט מיך באַפאַלען... איך קען זיך וועטען, אַז איך וויים וועגען וואָס איהר טראַכט איצט? איהר טראַכט: אמת, איהם דאַרף מען טאַקע ניט שלאָגען, אָבער דערפאַר מעג מען איהם אין שלאָף דער־שטיקען מיט אַ קישען, אָדער מיט אַ נאַסע שמאַטע און ניט נור מעג מען, נור מען דאַרף טאַקע..." אויף אייער געזיכט איז אָנגעשריבען, אַז דאָס דענקט איהר איצט, אין דער דאָזיגער סעקונדע.

— איך האָב עס קיינמאָל גאָר ניט געדענקט! האָט מיט פאַר־אַכטונג ארויסגעזאָגט דער פירשט.

—איך וויים ניט, נור מיר האָט זיך היינט ביי נאַכט, גע'חלום'ט, אַז עס האָט מיך דערשטיקט מיט אַ נאַסער שמאַטע... עפּעס אַ מאַן... נו, איך וועל אייך זאָגען, ווער: שטעלט זיך פאָר, — ראָגאָזשין! ווי דענקט איהר קען מען מיט אַ נאַסער שמאַטע דערשטיקען אַ מענ־שען?

— איך וויים ניט.

— איך האָב געהערט, אַז מען קאָן. גוט, מיר וועלען מעהר וועגען דעם ניט רעדען. נו, זאָגט, פאַר וואָס האַלט מען מיך פאַר אַ רכילות'ניק? פאַר וואָס האָט זי מיך היינט אָנגערופען רכילות'ניק? און באַמערקט זיך, אין דער צייט, ווען זי האָט שוין אַלץ ביז איין וואָרט אויסגעהערט און אַפילו איבערגעפרעגט. נור אַזוי זיינען די פרויען! צוליב איהר האָב איך זיך עס געשטעלט אין פאַרבינדונגען מיט ראָגאָזשינען, מיט אַן אינטערעסאַנטען מענשען; צוליב איהר טאַקע האָב איך געמאַכט אַ פּערזענליכען צוזאַמענקופט מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא. אפשר דערפאַר וואָס איך האָב אַנגעריהרט איהר אייגענליבע, אַנדייטענדיג אַז זי פרעהט זיך מיט די „ברעקלאַך" פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא? איך האָב דאָך די גאַנצע צייט אַלץ געאַרבייט פון איהרעט וועגען, איך לייקען עס ניט. איך האָב איהר צוויי בריף אָנגעשריבען אויף דער טהעמא, און אַט היינט אַ דריטען, אַ צוזאַמענקופט... איך האָב איהר פריהער פון דעם אָנגעהויבען, אַז עס איז אַן ערנידערונג פון איהר זייט... און דערצו איז דאָס וואָרט וועגען די „ברעקלאַך" ניט מיינער, נור אַ פרעמדס; אַמווינציגסטענס, האָבען אַלע ביי האַנאַטשקען אַזוי גערעדט, און זי האָט עס אַליין באַשטעטיגט. נו, איז וואָס בין איך איהר פאַר אַ רכילות'ניק? איך זעה, זעה: ביי אייך קוקט אויס שרעקליך קאָמיש, אויף מיר קוקענדיג, און איך קען זיך וועטען, אַז איהר פּאַסט צו מיר צו די נאַרישע פערזען:

„און אפשר וועט אויך ביי מיין טרויערדיגען אונטערגאַנג
די ליבע אַ גלאַנץ טאָן מיט אַ זיי־געזונד שמייכעל."

— כאַ! כאַ! האָט ער מיט אַמאָל זיך צעלאַכט מיט אַ היסטעריישען געלעכטער און זיך פאַנאַנדערגעהוסט — באַמערקט זיך — האָט ער הוסטענדיג אַרויסגעכריפּעט — וואָס פאַר אַ מענש דער האַנאַטשקא איז! ער רעדט וועגען „ברעקלאַך" און ער אַליין מיט וואָס וויל זיך באַנוצען?

דער פירשט האָט לאַנג געשוויגען; ער איז געוועזען שרעקליך אויפגעבראַכט.

— איהר האָט דערצעהלט וועגען אַ צוזאַמענקונפט מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא? האָט ער ענדליך אַרויסגעמורמעלט.

— ע, ווייסט איהר טאַקע אויף אַן אמת'ן ניט אַז היינט וועט

זיין א צוזאמענקונפט פון אגלאיא איוואנאוונא מיט נאסטאסיא פיליי־פאוונא? צוליב וואס נאסטאסיא פיליפאוונא איז אומישנע געבראכט געווארען פון פעטערבורג, דורך ראגאזשינען. לויט דער איינלאדונג פון אגלאיא איוואנאוונא און מיינע באמיהונגען, און זי געפינט זיך איצט, צוזאמען מיט ראגאזשינען, גאר ניט ווייט פון דאנען, אין דער פריהערדיגער הויז, ביי יענער מאדאם, ביי דאריא אלעקסיעוונא... עפעס זעהר א צווייפעלהאפטע מאדאם, איהר'ס א פריינדין, און אהין, וועט עס היינט, אין דער דאזיגער פארדעכטיגטער הויז וועט עס אגלאיא איוואנאוונא געהן, פאר א פריינדליכען געשפרעך מיט נאסטאסיא פיליפאוונא, און צוליב דער ענטשיידונג פון פארשיעדענע פראבלע־מען, זיי וועלען זיך באשעפטיגען מיט אריפמעטיק. איהר האט ניט געוואוסט? אויף מיין עהרען ווארט!

— דאס איז אוימגלויבליך!

— אויב ס'איז אומגלויבליך, איז פיין. איבעריגענס, פון וואנען זאלט איהר עס וויסען? כאטש דא איז אפילו ווען א פליג פליהט דורך — ווייס מען שוין. אזא ערטעלע איז דאס! אבער איך האב אייך פונדעסטוועגען געמאכט אויפמערקזאם און איהר קענט מיר זיין דאנקבאר. נו, אויפ'ס ווידערזעהן! אויף יענער וועלט געוויס! און אט וואס נאך: כאטש איך האב גענידערטרעכטיגט געגען אייך, דערפאר... ווייל צוליב וואס זאל איך מיינס פארלירען, זאגט אליין? פון אייערטוועגען דען? איהר ווייסט דאך, אז איך האב איהר אויך מיין וידו געווידמעט (איהר האט עס ניט געוואוסט? און ווי שעהן זי האט עס אויפגענומען! כע! כע!) נור געגען איהר אבער האב איך זיך שוין פון גארנישט פארזינדיגט; אבער זי האט מיך געמאכט צו שאנדע און אפגענארט... און אייגענטליך בין איך אויך געגען אייך גאר ניט שולדיג; אויב איך האב דארטען דערמאנט וועגען יענע „ברעקלאך“, איז דערפאר לאז איך היינט וויסען דעם טאג און די שטונדע און דעם אדרעס פון דעם צוזאמענקונפט און ענטדעק פאר אייך דעם גאנצען שפיל... געוועהנליך, פון ערגערניש, און ניט פון גוטסקייט. זייט געזונד. איך האב ליב צו פלוידערן ווי א זאאיקע, אדער ווי שווינדזוכטיגער; זעהט זשע, טוט עפעס, און וואס שנעלער, אויב איהר זייט נור ווערטה דעם נאמען מענש. דער צוזאמענקונפט איז היינט אין אוונט, דאס איז זיכער.

איפּאָליט האָט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פון טהיר, אָבער דער פירשט האָט איהם א רוף געטאָן און יענער האָט זיך אָפּ־געשטעלט.

— הייסט עס ,אז לויט אייערע רעד, וועט אַגלאַיא איוואַנאָוונא היינט אליין קומען צו נאַסטאַסיא פיליפּהוונא ? האָט געפרעגט דער פירשט. רויטע פלעקען זיינען ארויסגעטראָטען אויף זיינע באַקען און שטערן.

— אויף ריכטיג ווייס איך ניט, נור עס ווייזט אויס אז אזוי וועט עס טאַקע זיין, האָט געענטפערט איפּאָליט האַלב אומקוקענדיג זיך.— איבעריגענס, קען דאָך דאָס אנדערש ניט זיין. נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא וועט דען געהן צו איהר ? און אויך ניט ביי האַנאַטשקען. ביי יענעם ליגט דאָך איצט כמעט א געשטאָרבענער, דער גענעראַל מיין איך.

— צוליב דעם אליין איז דאָס שוין ניט מעגליך ! האָט אונטער־געכאַפּט דער פירשט — ווי אזוי וועט זי ארויס ווען זי וואָלט אפילו געוואָלט ? זי קען אליין ניט געהן צו נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא ; דאָס איז א דומהייט.

— אָט זעהט איהר פירשט : קיינער שפּרינגט ניט פון פענסטער. אָבער ווען עס טרעפט א פייער, דאַן וועט אפילו דער פיינסטער דזשענטעלמאַן און די פיינסטע דאַמע ארויסשפּרינגען פון פענסטער. ווען מען מוז קען מען זיך ניט העלפען, און אויך צו נאַסטאַסיא פילי־פּאָוונא וועט אונזער פריילין געהן. און איז דען אמת, אז מען לאָזט זיי דאָרטען אייערע פריילינס טאַקע אין ערגעץ ניט ארויס ?

— ניין, איך האָב ניט וועגען דעם...

— אָ, אויב ניט וועגען דעם, דאַן דאַרף זי מעהר ניט ווי ארונ־טערגעהן פון באַלקאָן און אוועק גלייך, און דאָרט כאָטש קום ניט מעהר אהיים. עס זיינען דאָ פעלע וואָס מען מאָג אפילו פאַרברענען שיפען, און אפילו אהיים ניט קומען. דאָס לעבען באַשטעהט ניט פון בלויז פרישטיקען, און מיטאָגען און פירשטען שטש.. מיר דוכט זיך, אז איהר האַלט אַגלאַיא איוואַנאָוונא פאַר א פריילין אָדער עפּעס א פּאַנסיאָנערקע ; איך האָב שוין וועגען דעם מיט איהר גערעדט, זי האָט דוכט זיך איינגעשטימט. וואַרט ביז א זייגער זיבען אָדער אַכט... איך אויף אייער אָרט וואָלט אהין געשיקט עמיצען צו אָפּהי־טען כדי צו כאַפּען זי פּונקט אין דער מינוט ווען זי וועט ארונטער

פון באַלקאָן; נו, שיקט כאָטש קאָליאַ'ן. ער וועט פאַר אייך מיט פאַרגעניגען אַ שפּאַציר טאָן, זייט אין דעם זיכער... דאָס הייסט, עס רעדט זיך נור אַזוי שפּאַצירן... כאַ, כאַ!

איפּאָליט איז אַרויס. דער פירשט האָט גאָרנישט געדאַרפט עמיצען בעטען שפּאַצירן, אַפילו ווען ער וואָלט דערצו געווען פעהיג. אַגלאַיאַ'ס באַפעהל צו זיצען איצט אין הויז איז איהם כמעט קלאָר געוואָרען. אפשר וויל זי פאַרגעהן נאָך איהם, און אפשר האָט זי פאַרקעהרט געוואָלט אַז ער זאָל אַהין ניט אַריינפאַלען, און דערפאַר האָט זי איהם געהייסען זיצען אין הויז... מעגליך איז אויך דאָס איז די אורזאַכע. זיין קאָפּ האָט זיך געדרעהט; דער גאַנצער צימער איז אַרומגעגאַנגען כאַדראַם... ער האָט זיך געלעגט אויפ'ן דיוואַן און פאַרמאַכט די אויגען.

אַזוי צו אַזוי, נור די זאַך איז געווען אַ באַשלאָסענע, אַן ענדגילטיגע. ניין, דער פירשט האָט ניט גערעכענט אַגלאַיאַ'ן פאַר אַ פרייילין אָדער פאַר אַ פּאַנסיאָנערקע; ער האָט איצט געפיהלט, אַז ער האָט שוין לאַנג זיך געשראָקען, טאַקע פאַר אַזאַ זאַך פון דעם סאָרט; נור צו וואָס וויל זי יענער זעהן? אַ קעלט איז אַריבער איבער דעם פירשט'ס גאַנצען קערפּער; ער האָט ווידער געפיבערט.

ניין, ער האָט זי ניט גערעכענט פאַר אַ קינד! איהם האָבען געשראָקען די לעצטע צייט איהרע אַנדערע בליקען און אַנדערע ווערטער; אַפּטמאָל האָט זיך איהם געדוכט, אַז זי האָט זיך שוין צופיל קאָנטראָלירט, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט איהם געשראָקען. אמת, אַט די אַלע טעג האָט ער זיך געמיהט ניט צו טראַכטען וועגען דעם, ער האָט געטריבען די שווערע געדאַנקען, נור וואָס האָט זיך געטאָן אין דעם דאָזיגען האַרצען? די דאָזיגע פראַגע האָט איהם שוין לאַנג געפייניגט, כאָטש ער האָט דעם דאָזיגען האַרצען געטרויט. און אַט האָט דאָס אַלעס געדאַרפט ענטשיידעט ווערען און ענטדעקט ווערען, היינט טאַקע! אַ שרעקליכער געדאַנק! און ווידער „די דאָזיגע פרוי!... פאַר וואָס האָט זיך איהם אַלע מאָל געדוכט, אַז די דאָזיגע פרוי וועט אונבאַדינגט ערשיינען אין דער לעצטער מינוט און וועט צערייסען זיין גאַנצען שיקזאַל ווי אַ צופוילטען פאָדים? אַז דאָס האָט זיך איהם שטענדיג אַזוי אויסגעדוכט, אין דערין איז ער געווען איצט גרייט זיך שווערען, כאָטש ער איז געווען האַלב אין

אָנמאַכט. ווען ער האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעשטרענגט צו פאַר־געסען אַז א י ה ר, איז דאָס איינציגע בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך פאַר איהר געשראָקען. און וואָס איז דער אמת: האָט ער ליעב געהאַט די דאָזיגע פרוי אָדער פיינט געהאַט? די דאָזיגע פראַגע האָט ער קיין איין מאָל היינט זיך ניט געשטעלט. דאָ איז זיין האַרץ ריין געווען. ער האָט געוואוסט וועמען ער האָט ליעב געהאַט... ער האָט זיך ניט אַזוי געשראָקען פאַר זייערע ביידענס צוזאַמענקונפט, ניט פאַר דער מאַרנעקייט, ניט פאַר די אורזאַכען פון דעם דאָזיגען צוזאַמענ־קונפט, וועלכע ער האָט ניט געוואוסט, אויך ניט פאַר דעם שלום פון דעם דאָזיגען צוזאַמענקונפט — ער האָט זיך געשראָקען פאַר נאַס־טאַסיא פיליפאָווגא אַליין. ער האָט שוין דערנאָך אין עטליכע טעג אַרום זיך דערמאָנט, אַז אין די דאָזיגע פיבערישע שטונדען זיינען כמעט די גאַנצע צייט פאַר איהם געשטאַנען איהרע אויגען, איהר בליק, האָבען זיך געהערט איהרע ווערטער—מאָדנע ווערטער אַזעלכע, כאָטש ס'איז איהם זעהר ווינציג געבליבען אין זיין זכרון פון יענע פיבערישע און אומעטיגע שטונדען. ער האָט, צום ביישפּיל, קוים געדענקט, ווי אַזוי ווערא האָט איהם געבראַכט זיין מיטאָג און ער האָט געגעסען. ער האָט ניט געדענקט, צי האָט ער נאָך מיטאָג גע־שלאָפען אָדער ניט? ער האָט בלויז געוואוסט, אַז ער האָט אין דעם דאָזיגען טאָג ערשט גוט קלאָהר אַלץ אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, נור פון יענער מינוט ווען אַגלאַיא איז פּלוצלינג אַרויף צו איהם אויף דער טעראַסע און ער איז אויפגעשפּרונגען פון דיוואַן און איז אַרוים אויפ'ן מיטען צימער זי באַגעגענען: דאַן איז געווען א פערטיל צו אַכט. אַגלאַיא איז געווען איינע אַליין. געקליידט איינפאַך און אַזוי ווי אויף שנעל, אין א לייכטינקען בורנוס. איהר געזיכט איז געווען בלאַס ווי פריהער, און די אויגען האָבען געגלאַנצט מיט א ליכטיגען און טרוקענעם גלאַנץ; אַזא אויגען־אויסדרוק האָט ער ביי איהר קיין־מאָל ניט באַמערקט. זי האָט איהם אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— איהר זייט אין גאַנצען פאַרטיג, — האָט זי באַמערקט שטיל און ווי מיט רוהיגקייט — איהר זייט אָנגעטאָן און די הוט איז אין האַנט; דאַן הייסט עס אַז מען האָט אייך געלאָזט וויסען פאַראוים און איך וויים ווער דאָס איז: איפּאָליט?

— יע, ער האָט מיר געזאָגט... האָט ארויסגעמורמעלט דער פירשט כמעט א האַלב טויטער.

— קומט זשע! איהר ווייסט דאָך, אַז איהר מוזט מיך אונ־באַדינגט באַגלייטען. איך דענק אַז איהר האָט נאָך אויף אַזוי פיעל כח אום ארויסצוגעהן?

— איך האָב כח, אָבער... איז דען דאָס מעגליך?

ער האָט זיך אויגענבליקליך אָפּגעהאַקט און ער האָט שוין מעהר גאָרנישט געקענט ארויסרעדען. דאָס איז געווען זיין אייצינגער פאָר־זיך אָפּצושטעלען די וואַהנזיניגע, און דערנאָך איז ער אליין אוועק נאָך איהר ווי א שקלאַף.

ווי דונקעל עס זיינען ניט געווען זיינע געדאַנקען, האָט ער פונ־דעסטוועגען פאַרשטאַנען, אַז זי וועט אויך אָהן איהם געהן א ה י ן, און דאָן מיינט עס, אַז ער מוז אַלענפאַלס איהר נאָכגעהן. ער האָט געפיהלט פון וואָס פאַר א קראַפט עס באַשטעהט איהר ענטשלאָסענ־הייט; ניט אין זיין כח איז געווען אָפּצושטעלען דעם דאָזיגען ווילדען דראַנג. זיי זיינען געגאַנגען שטיל, דעם גאַנצען וועג האָבען זיי כמעט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט בלויז באַמערקט, אַז זי ווייס זעהר גוט דעם וועג, און ווען ער האָט געוואָלט אוועקגעהן מיט איין סקווער ווייטער, ווייל דאָרט איז דער וועג געווען פוסטער, און ער האָט עס איהר פאָרגעשלאָגען, האָט זי עס אויסגעהערט ווי אָנשטרענ־גענדיג די אויפמערקזאַמקייט און האָט קורץ געענטפערט: „ס'איז דאָס זעלבע". ווען זיי זיינען שוין צוגעקומען גאַנץ נאָהענט פון דאַריא אַלעקסיעוונאַ'ס הויז (אַן אַלטע און הילצערנע הויז), איז פון באַלקאָן ארונטער א פאַרפּוצטע דאַמע און מיט איהר א יונג מיידעל;ביידע האָבען זיך אריינגעזעצט אין דעם אויף זיי וואַרטענדען עקי־פּאַזש, דערביי הויך לאַכענדיג און רעדענדיג, און זיי האָבען אפילו קיין איין מאָל ניט א קוק געטאָן אויף די צוגעקומענע, פּונקט ווי זיי וואָלטען גאָר ניט באַמערקט. גלייך ווי דער עקיפּאַזש איז אָפּגעפאָה־רען, האָט זיך די טהיר תיכף געעפענט א צווייטען מאָל און דער וואַר־טענדער ראָגאָזשין האָט אריינגעלאָזט דעם פירשט און אַגלאַיאַן און האָט הינטער זיי פאַרשלאָסען די טהיר.

— אין דער גאַנצער הויז איז איצט קיינער אויסער אונז פיערען

ניטאָ, האָט ער באמערקט אין דער הויך, און האָט מאָדנע א קוק גע־טאָן אויפ׳ן פירשט.

אין דעם ערשטען צימער שוין האָט געוואַרט נאסטאסיא פיליפּאָוונא, וועלכע איז אויך געווען זעהר איינפאך געקליידט און אין גאנצען אין שווארצען. זי איז אויפגעשטאנען אנטקעגען צו קומען, נור זי האָט ניט געשמייכעלט און אפילו דעם פירשט ניט דערלאנגט די האנט.

דער צודרינגליכער און אומרוהיגער בליק איהרער איז אומגע־דולדיג געווען געריכטעט אויף אגלאיא׳ן. ביידע האבען זיך געזעצט פון ווייטענס איינע פון דער צווייטער. אגלאיא אויפ׳ן דיוואן אין ווינקעל צימער, נאסטאסיא פיליפּאָוונא ביים פענסטער. דער פירשט און ראגאזשין האבען זיך ניט געזעצט. מען האָט זיי אויך ניט גע־בעטען צו זיצען. דער פירשט האָט פארוואונדערט און אזוי ווי מיט וועהטאג ווידער א קוק געטאָן אויף ראגאזשין, נור יענער האָט גע־שמייכעלט מיט זיין פריהערדיגען שמייכעל. דאס שווייגען האָט זיך געצויגען א ווייל'ע.

עפּעס א אומגליק־אנזאגענדער געפיהל האָט ענדליך דורכגע־שוועבט איבער נאסטאסיא פיליפּאָוונא׳ס געזיכט; איהר בליק איז געוואָרען עקשנות׳דיג, האַרט און כמעט מיט האס. אויף קיין איין מינוט האָט ער זיך ניט אפּגעריסען פון׳ם גאסט. אגלאיא איז קענטיג געווען צוטומעלט, אבער זי האָט זיך ניט געשראקען. אריינקומענדיג האָט זי קוים געשענקט א בליק איהר קאנקורענטקע און דערווייל איז זי די גאנצע צייט געזעסען מיט ארונטערגעלאזענע אויגען, ווי זיי־ענדיג פארטיפט אין געדאנקען. א פּאר מאָל האָט זי ווי ניט ווילענדיג געוואָרפען איהר בליק אויפ׳ן צימער. אן עקעל האָט זיך קענטיג אויסגעדריקט אויף איהר געזיכט, פונקט ווי זי וואָלט מורא געהאט אז זי זאָל זיך דאָ ניט פארפּאטשקען. זי האָט אויף גיך פאררריכט איהרע קליידער און האָט אפילו איינמאָל אומרוהיג געענדערט איהר פּלאץ, רוקענדיג זיך צום ווינקעל פון דיוואן. ס׳איז א צווייפעל אויב זי אליין האָט עס געטאָן באוואוסטזיניג, נור די ניט באוואוסטזיניג־קייט האָט נאך מעהר פארשטארקט זייער באלעדיגונג. ענדליך האָט זי פעסט און גלייך א קוק געטאָן נאסטאסיא פיליפּאָוונא׳ן אין די אויגען, און זי האָט תיכף אלץ איבערגעלייענט, דאס וואס עס האָט

געגלאַנצט אין דעם בעז געוואָרענעם בליק פון איהר קאָנקורענטקע. א פּרוי האָט א פּרוי פאַרשטאַנען; אַגלאַיאַ האָט א ציטער געטאָן.

— איהר ווייסט דאָך געוויס, צוליב וואָס איך האָב אייך איינגע־לאַדען, האָט זי ענדליך ארויסגעזאָגט, נור זעהר שטיל און אפילו א פּאָר מאָל אָפּשטעלענדיג ביי דער דאָזיגער קורצינקער פראַזע.

— ניין, איך וויים פון גאָרנישט ניט, האָט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונא געענטפערט טרוקען און קורץ.

אַגלאַיאַ איז רויט געוואָרען. מעגליך אז איהר האָט מיט א מאָל געגומען אויסקוקען שרעקליך ווילד און אומגלויבליך, וואָס זי זיצט איצט מיט דער דאָזיגער פרוי, אין דער הויז פון דער „דאָזיגער פרוי" און נויטיגט זיך אין איהר ענטפער. ביי די ערשטע קלאַנגען פון נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונא'ס שטימע איז איהר ווי א ציטער דורכגעגאַנגען איבער'ן קערפּער. אַט דאָס אַלעס האָט די דאָזיגע פרוי געוויס גאַנץ גוט באַמערקט.

— איהר פאַרשטעהט אַלץ... נור איהר מאַכט אומישנע אז אַנ־שטעל אז איהר פאַרשטעהט ניט, — האָט כמעט ארויסגעשעפּטשעט אַגלאַיאַ, קוקענדיג פינסטער צו דער ערד.

— צוליב וואָס איז דאָס מיר נויטיג? האָט קוים קוים א שמייכעל געטאָן נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ.

— איהר ווילט זיך באַנוצען מיט מיין לאַגע... וואָס איך בין ביי אייך אין הויז, האָט פאַרטגעזעצט מיט שפּאָט אַגלאַיאַ.

— אין דער דאָזיגער לאַגע זייט איהר שולדיג און ניט איך! האָט פּלוצלינג אויפגעפלאַמט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונא — ניט איך האָב אייך איינגעלאַדען נור איהר מיך, און ביז איצט וויים איך נאָך ניט צוליב וואָס?

אַגלאַיאַ האָט הויכמוטיג פאַרריסען דעם קאָפּ:

— האַלט איין אייער צונג, איך בין ניט מיט דעם דאָזיגען גע־וועהר אייערען געקומען מיט אייך מלחמה האַלטען...

— אַ, הייסט עס, אז פונדעסטוועגען זייט איהר דאָך געקומען „מלחמה האַלטען?" שטעלט זיך פאָר, איך האָב פונדעסטוועגען גע־רעכנט אז איהר זייט... שאַרפזיניגער...

זיי ביידע האָבען שוין געקוקט איינע אויף דער צווייטער מיט אָפענער בעזקייט. איינע פון די דאָזיגע פרויען איז געווען די זעלבע

וועלכע האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געשריבען צו דער צווייטער אזעלכע בריף, און דאָס אַלץ איז צושטערט געוואָרען ביי דער ערשטער באַגעגעניש און פון די ערשטע ווערטער. ווי אַזוי זשע? אין דער דאָזיגער מינוט, האָט דוכט זיך, קיינער פון די פיער וועלכע האָבען זיך געפונען אין דעם דאָזיגען צימער ניט געדענקט אַז עס דאַרף אַזוי ניט זיין.

דער פירשט וועלכער האָט נאָך נעכטען ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט דאָס צו זעהן אפילו אין חלום, איז איצט געשטאַנען, געקוקט, און געהערט אַזוי ווי ער וואָלט שוין לאַנג דאָס פאָראויסגעפיהלט. דער סאַמע פאַנטאַסטישער חלום האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואַנדעלט אין אַ זעהר קלאָרער און רעאַלער ווירקליכקייט. איינע פון די דאָזיגע פרויען האָט אין דעם אויגענבליק, אויף אַזוי פיעל פאַראַכטעט דער צווייטער, און האָט אויף אַזוי פיעל איהר געוואָלט דאָס אַרויסזאָגען (מעגליך, אַז זי איז טאַקע נור צוליב דעם געקומען, ווי עס האָט זיך אויף מאָרגען אויסגעדריקט ראַגאָזשין). דאָס אויף וויפיעל פאַנטאַסטיש ס'איז ניט געוועזען די דאָזיגע צווייטע, מיט איהר צושטערטען פאַרשטאַנד און קראַנקער נשמה, וואָלט דוכט זיך, קיין שום פון פריהער פעסטע אידעע ניט ביינעשטאַנען געגען דער גיפטיגער ריין ווייבערשער פאַראַכטונג פון איהר קאָנקורענטקע. דער פירשט איז געוועזען איבערצייגט, אַז נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ וועט אַליין ניט אָנהויבען רעדען וועגען די בריף; נאָך איהר בליצענדען בליק האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געזונד עס קאָסטען איהר איצט די דאָזיגע בריף; נור ער וואָלט אוועקגעגעבען אַ האַלבען לעבען, אַז אויך אַגלאַיאַ זאָל פון זיי איצט ניט רעדען.

נור פּלוצלינג האָט אַגלאַיאַ געקראָגען מוטה און זיך מיט איין מאָל באַהערשט.

—איהר האָט ניט אַזוי פאַרשטאַנען, האָט זי געזאָגט, — איך בין צו אייך ניט געקומען... זיך קריגען, כאָטש איך האָב אייך ניט ליעב. איך... איך בין געקומען צו אייך... מיט מענשליכע רעד. אַרויסרופענדיג אייך, האָב איך שוין באַשלאָסען, וועגען וואָס איך וועל צו אייך רעדען, און פון מיין ענטשלוס וועל איך ניט אוועק, ווען אפילו איהר זאָלט מיך גאָר ניט פאַרשטעהן. דאָס וועט זיין ערגער פאַר אייך און ניט פאַר מיר. איך האָב אייך געוואָלט ענטפערען אויף דעם

וואס איהר האט מיר געשריבען, און ענטפערען אייך פערזענליך, ווייל דאס האט זיך מיר אויסגעדוכט פיעל באקוועמער. הערט־זשע אויס מיין ענטפער אויף אלע אייערע בריף: איך האב געקראגען מיטלייד צום פירשט לעוו ניקאלאיעוויטש, צום ערשטען מאל נאך אין יענעם טאג, ווען איך האב זיך מיט איהם באקאנט און ווען איך האב זיך נאכדעם דערוואוסט פון אלץ וואס איז פארגעקומען אויף אייער אווענט. איך האב דערפאר געקראגען צו איהם מיטלייד, ווייל ער איז אזא איינפאכער מענש, און אין זיין איינפאכקייט האט ער געגלויבט אז ער קען זיין גליקליך... מיט א פרוי... פון אזא כאראקטער... און דאס וואס איך האב זיך געשראקען פאר איהם, דאס האט אויך פאסירט: איהר האט איהם ניט געקאנט ליעב באקומען, איהר האט איהם אויסגעמוטשעט און אוועקגעווארפען. איהר האט דערפאר ניט געקאנט ליעב באקומען ווייל איהר זייט צו שטאלץ... ניין, ניט שטאלץ, איך האב געמאכט א טעות, נור ווייל איהר זייט פוסט־שטאלציג, אפילו אויך ניט דאס: איהר זייט עגאאיסטיש ביז... וואהנזין, א זאך וואס עס באשטעטיגען אייערע בריף צו מיר. איהר האט איהם, אזא איינפאכען, ניט געקאנט ליעב באקומען און איהר האט איהם אפשר, פאר זיך, אויך פאראכטעט און געלאכט פון איהם. איהר האט בלויז געקאנט ליבען אייער שאנדע און דעם אונאויפהערליכען געדאנק אז מען האט אייך געמאכט צו שאנד און אז מען האט אייך בעלעדיגט. ווען ביי אייך וואלט געווען ווייניגער שאנד, אדער ווען איהר וואלט עס גאר ניט געהאט, וואלט איהר געווען נאך אומגליקליכער... (אגלאיא האט מיט פארגעניגען ארויסגערעדט, אט די ווערטער וועלכע האבען שוין צו שנעל ביי איהר זיך ארויסגעכאפט, נור וועלכע זיינען ביי איהר געווען שוין לאנג צוגעגרייט און באטראכט. נאך דאן באטראכט, ווען זי האט זיך אין חלום פארגעשטעלט דעם איצטיגען צוזאמענקונפט; זי האט מיט גיפטיגען בליק נאכגעפאלגט דעם עפעקט וואס זיי מאכען, נאך נאסטאסיא פיליפאוונא'ס פארענדערטען געזיכט און אויפרעגונג). איהר געדענקט דאך, האט זי פארטגעזעצט — דאן האט ער מיר אנגעשריבען א בריף; ער זאגט, אז איהר ווייסט פון דעם בריף און אז איהר האט איהר אפילו געלייענט אויך, לויט דעם בריף האב איך אלץ פארשטאנען און ריכטיג פארשטאנען; ער האט עס ניט לאנג מיר אליין באשטעטיגט, דאס הייסט אלץ, וואס איך

זאָג איך איצט, וואָרט אין וואָרט אפילו. נאָך דעם בריף האָב איך געקומען וואָרטען. איך האָב געטראָפען, אַז איהר מוזט קומען אהער, ווייל איהר קענט דאָך ניט אויסקומען אָהן פּעטערבורג; איהר זייט נאָך צו יונג און צו שעהן פאַר דער פּראָווינץ... איבעריגענס, זייַנען דאָס אויך ניט מיינע ווערטער, האָט זי צוגעגעבען, שרעקליך רויט ווערענדיג, און פון דער דאָזיגער מינוט איז די פאַרב ניט אַרונטער פון איהר געזיכט, ביז דער סאַמע ענדע פון דער רעדע. — ווען איך האָב נאָכדעם דערזעהן דעם פירשט, האָט מיר שרעקליך אָנגעהויבען פאַרדריסען און ווערה טאָן פאַר איהם. לאַכט ניט. ווען איהר וועט לאַכען, זייט איהר ניט ווערטה דאָס צו פאַרשטעהן...

— איהר זעהט דאָך, אַז איך לאַך ניט, האָט טרויעריג און שטרענג אַרויסגעזאָגט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא.

— איבעריגענס, איז מיר אַלץ איינס, לאַכט, ווי איהר ווילט. ווען איך האָב איהם אליין אָנגעהויבען פרעגען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אייך שוין מעהר ניט ליעב, אַז אפילו די ערינערונג וועגען אייך איז פאַר איהם א מוטשעניש, נור אַז ער האָט אויף אייך רחמנות, אַז ווען ער דערמאָנט זיך אָן אייך, אַז זיין האַרץ איז „דורכ־געשטאָכען אויף אייביג". איך דאַרף אייך נאָך עפּעס זאָגען, אַז איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט באַגעגענט אַזאַ מענשען וואָס זאָל זיין גלייך צו איהם אין ווירדיגער איינפאַכקייט און אונענדליכער צוטרוי־ליכקייט. איך האָב זיך נאָך זיינע ווערטער אָנגעשטויסען, אַז יעדער איינער, ווער עס וויל, קען איהם אָפּנאַרען, און ווער עס זאָל איהם ניט אָפּנאַרען, וועט ער דערנאָך אַלעמען פאַרצייהען, און אָט דערפאַר האָב איך איהם ליעב באַקומען...

אַגלאַיא האָט זיך אויף אַן אויגענבליק אָפּגעשטעלט, ווי אַן ער־שטוינטע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך זעלבסט ניט געגלויבט, אַז זי זאָל קענען אַרויסרעדען אַזאַ וואָרט; נור אין דער זעלבער צייט האָט אַן אונענדליכער שטאָלץ א בליץ געטאָן פון איהר בליק. עס האָט זיך געדוכט, אַז איהר איז איצט אַלץ איינס, ווען די „דאָזיגע פרוי" זאָל אפילו זיך אויסלאַכען פון דער ווידוי וואָס האָט זיך ביי איהר אַרויס־געריסען.

— איך האָב אייך אַלץ געזאָגט, און איהר האָט שוין איצט געוויס פאַרשטאַנען וואָס איך וויל פון אייך?

— מעגליך, אַז איך האָב פאַרשטאַנעז, נור בעסער זאָגט אַליין, האָט שטיל געענטפערט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ.

אַגלאַיאַ'ס געזיכט איז אָנגעצונדעז געוואָרעז פון צאָרען.

— איך האָב זיך געוואָלט דערוויסען פון אייך, האָט זי פעסט און אויסדריקליך אַרויסגעזאָגט — מיט וואָס פאַר א רעכט מישט איהר זיך אַריין אין זיינע געפיהלען צו מיר? מיט וואָס פאַר א רעכט האָט איהר געוואָגט צו שרייבען צו מיר בריף? מיט וואָס פאַר א רעכט ערקלעהרט איהר אַלע ווייַלע, מיר און איהם, אַז איהר האָט איהם ליעב, נאָכדעם ווי איהר האָט איהם אַליין אָוועקגעוואָרפען און איהר זייט פון איהם מיט אַזאַ באַלעדיגונג און... שאַנדע אַנטלאָפען?

— איך האָב ניט איהם און ניט אייך ערקלעהרט, אַז איך האָב איהם ליעב, האָט מיט אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ — און... איהר האָט רעכט, איך בין פון איהם אַנטלאָפען... האָט זי צוגעגעבען קוים וואָס מען האָט געהערט.

— וואָס הייסט, אַז איהר האָט ניט ערקלעהרט „ניט איהם און ניט מיר?" ווער האָט אייך געבעטען אונז שדכן'ען און מיך איינרעדען, אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט איהם? איז דאָס דען ניט קיין ערקלעהרונג? וואָס קריכט איהר צו אונז מיט עצות? איך האָב פון אָנפאַנג געדענקט, אַז איהר ווילט, אין געגענטהייל, אויפוועקען אין מיר א פאַראַכטונג צו איהם מיט דעם וואָס איהר האָט זיך צווישען אונז אַריינגעמישט, און כדי איך זאָל איהם אָוועקוואַרפען; און ערשט דערנאָך האָב איך זיך אָנגעשטויסען וואָס דאָס מיינט: אייך האָט זיך איינפאַך אויסגעדוכט, אַז איהר באַגעהט א גרויסע העלדענטאַט מיט די דאָזיגע אַלע אייערע דרעהדלאַך... נו, קענט איהר דען ליבען, ווען איהר ליעבט אַזוי אייער פוסטען שטאָלץ? פאַר וואָס זייט איהר איינפאַך פון דאַנען ניט אָוועקגעפאָהרען, אַנשטאָט צו שרייבען צו מיר קאָמישע בריף? פאַר וואָס האָט איהר איצט ניט חתונה פאַר אַן עהרווירדיגען מענשען, וועלכער ליעבט אייך אַזוי, און האָט אייך אָנגעטאָן אַן עהרע פאָרשלאָגענדיג זיין האַנט? עס איז זעהר קלאָר צוליב וואָס: ווען איהר ווערט חתונה האָבען מיט ראָגאָזשינען איז וואָס פאַר א באַלעדיגונג ווערט דאַן בלייבען? איהר ווערט דאָך שוין קריגען אפילו צופיעל עהרע! וועגען אייך האָט עווגעני פּאַוולאָוויטש געזאָגט, אַז איהר האָט צופיעל ליידער געלייענט, אַז „איהר זייט צו־

פיעל נעבילדעט לויט אייער... לאַגע" אַז איהר זייט א בור־פרוי, און א פוסט און פּאַסטניצע. גיט נאָך צו צו דעם אייער פוסטען שטאָלץ, איז אַט זיינען אַלע אייערע אורזאַכען...

— און איהר זייט ניט קיין פוסט און פּאַסטניצע?

שוין צו שנעל, צו נאַקעט האָט די זאַך דערגרייכט צו איהר אונערוואַרטעטן פונקט, אונערוואַרטעטן, ווייל נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, האָט פאַהרענדיג אין פּאַוולאָווסק, ניט געטרוימט וועגען עפּעס עהנליכעס כאָטש זי האָט, געוויס, זיך גיכער אויך גערעכט אויף מאוס'עס איידער שעהנעס; אַגלאַיא איז שוין אין גאַנצען געווען אריינגעצויגען אין איין מינוט דורך א דראַנג, פונקט ווי זי וואָלט אונטערגעפאַלען פון א באַרג און זי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען געגען דעם שרעקליכען ראַכע־פאַרגעניגען. נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא'ן האָט אפילו מאָדנע אויסגעקוקט צו זעהן אַגלאַיא'ן אין אַזאַ צושטאַנד; זי האָט געקוקט אויף איהר און פונקט ווי זי וואָלט זיך זעלבסט ניט געגלויבט און זי האָט אין דעם ערשטען אויגענבליק זיך אין אמת'ן פאַרלאָרען. איז זי געווען א פרוי וועלכע האָט זיך אַנגעלייענט א סך ליעדער, ווי עס האָט גערעכענט עווגעני פּאַוולאָוויטש, אָדער זי איז געווען איינפאַך א משוגענע, ווי עס איז געווען איבערצייגט דער פירשט, אַלענפאַלס, איז די דאָזיגע פרוי — אָפּט מיט אַזעלכע צינישע און חוצפּה'דיגע גאַנגען. — אויף אַז אמת'ן געווען א סך שעהמעוודיגער, ווירדיגער, און צוטרויליכער ווי מען האָט געקענט וועגען איהר שליסען. אמת, אין איהר איז געווען א סך פון בוך, א סך אויסגעטראַכטעס, פאַנטאַסטישעס, וועלכעס זי האָט פאַרשלאָסען אין זיך, נור דערפאַר אויך א סך קרעפטיגעס און טיעפעס... דער פירשט האָט עס פאַרשטאַנען; זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט ליידען. אַגלאַיא האָט עס באַמערקט און האָט גענומען ציטערען פון האַס.

— ווי וואַגט איהר אַזוי זיך ווענדען צו מיר? האָט זי ארויסגערעדט מיט גוואַלדיגען שטאָלץ, ענטפערענדיג אויף נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא'ס באַמערקונג.

— איהר האָט געוויס פאַרהערט, האָט זיך געוואונדערט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא — ווי אַזוי האָב איך זיך געווענדט צו אייך?

— ווען איהר האָט געוואָלט זיין אַן ארענטליכע פרוי, טאָ פאַר וואָס האָט איהר דאַן ניט אוועקגעוואָרפען אייער פאַרפיהרער, טאָצקען.

איינפאַך... אַהן טעאַטראַלע פאַרשטעלונגען? האָט געזאָגט פּלוצ־לינג אַגלאַיאַ.

— וואָס ווייסט איהר וועגען מיין לאַגע, אַז איהר זאָלט מיך קענען ריכטען? האָט אַ ציטער געטאָן נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ, שרעקליך בלייך ווערענדיג.

— איך ווייס, אַז איהר זייט ניט אַוועק ארבייטען נור זייט אַוועקגעגאַנגען מיט דעם רייכען ראַגאָזשינען, כדי פאַרצושטעלען מיט זיך אַ געפאַלענעם מלאך. איך וואונדער זיך ניט וואָס טאָצקי האָט צוליעב דעם דאָזיגען געפאַלענעם מלאך שיעור ניט געוואָלט באַגעהן זעלבסטמאָרד!

— לאָזט עס אָפּ! האָט מיט פאַראַכטונג און ווי מיט וועהטאָג ארויסגעזאָגט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ — איהר האָט מיך אַזוי פאַר־שטאַנען ווי... דאַריאַ אַלעקסיעוונאַ'ס דינסט־מיידעל, וועלכע איז אַנומעלט געגאַנגען מיט איהר חתן אין געריכט. יענע וואָלט שוין בעסער פון אייך פאַרשטאַנען...

— יענע איז געווים אַן ארענטליכע מיידעל און לעבט פון איהר ארבייט. פאַר וואָס באַציהט איהר זיך מיט אַזאַ פאַראַכטונג צו אַ דינסט־מיידעל?

— איך באַציה זיך ניט מיט פאַראַכטונג צו ארבייט, נור צו אייך וואָס רעדט פון ארבייט.

— גוען איהר וואָלט געוואָלט זיין ארענטליך, וואָלט איהר גע־וואָרען אַ וועש־וואַשעריןן.

ביידע האָבען זיך אויפגעהויבען און בלייבע געקוקט איינע אויף דער צווייטער.

— אַגלאַיאַ, הערט אויף! דאָס איז דאָך אַן אומרעכט, האָט אויס־געשריען דער פירשט ווי אַ פאַרלאָרענער. ראַגאָזשין האָט שוין מעהר ניט געשמייכעלט, נור האָט געהערט מיט צוזאַמענגעדריקטע ליפּען און פאַרלעגטע הענט.

— אָט קוקט נור אָן, האָט געזאָגט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ, ציטערענדיג פון כעס — די דאָזיגע פריילין! און איך האָב געדענקט אַז זי איז אַ מלאך! אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, איהר זייט צו מיר גע־קומען אַהן אַ גאָווערנאַנטקע? און ווילט איהר... ווילט איהר וועל איך אייך זאָגען אָפען, אַהן באַפּוצונגען. צוליעב וואָס זייט איהר צו

מיר געקומען? איהר האָט זיך דערשראָקען, דערפאַר זייט איהר גע־קומען.

— זיך דערשראָקען פאַר אייך? האָט געפרעגט אַגלאַיאַ, אויסער זיך פון נאַאיוועטעט און חוצפה'דיגער פאַרוואונדערונג, וואָס יענע האָט געוואָגט מיט איהר אַזוי צו רעדען.

— געוויס, פאַר מיר! ווען איהר האָט זיך ענטשלאָסען צו קומען צו מיר, דאַן שרעקט איהר זיך פאַר מיר! פאַר וועמען מען שרעקט זיך, יענעם קען מען ניט פאַראַכטען. און מען דאַרף ער דענקען אַז איך האָב אייך געאַכטעט, אפילו ביז דער איצטיגער מינוט! און ווייסט איהר פאַר וואָס איהר שרעקט זיך פאַר מיר און וואָס איז איצט אייער הויפט ציעל? איהר האָט געוואָלט פערזענליך אליין זיך איבער־ציייגען: האָט ער מיך מעהר ליעב פאַר אייך, אָדער ניט, ווייל איהר זייט שרעקליך אייפערזיכטיג...

— ער האָט שוין מיר געזאָגט, אַז אייך האָסט ער... האָט קוים ארויסגערעדט אַגלאַיאַ.

— מעגליך, מעגליך אַז איך בין איהם ניט ווערטה, אָבער... איך דענק אַז איהר האָט געזאָגט א ליגען! ער קען מיך ניט האַסען, ער האָט אַזוי ניט געקאָנט זיך אויסדריקען! איבעריגענס, בין איך אייך גרייט צו פאַרצייען... נעהמענדיג אין אנבעטראַכט אייער לאַגע... פונדעסטוועגען האָב איך פון אייך בעסערס ערוואַרטעט; איך האָב געדענקט, אַז איהר זייט קליגער און אפילו שעהנער, ביי גאָט! נו, נעהמט אייך אייער אוצר... אָט איז ער, ער קוקט אויף אייך, קען ניט קומען צו זיך, נעהמט זיך איהם, נור מיט דער באַדינג: אַז איהר זאָלט שוין ארויס! שוין, די מינוט!

זי איז געפאַלען אין שטוהל און זיך צעוויינט. נור פּלוצלינג האָט עפּעס נייעס אויפגעבליצט אין איהרע אויגען; זי האָט דורכדרינגליך און עקשנות'דיג א קוק געטאָן אויף אַגלאַיאַ'ן און זיך אויפגעשטעלט:

— און ווילסטו וועל איך באַלד... באַפוילען, הערסטו? איך וועל איהם נור באַפוילען און ער וועט גלייך דיך אַוועקוואַרפען און וועט בלייבען מיט מיר אויף אייביג, און וועט מיט מיר חתונה האָבען און דו וועסט אַוועקלויפען א היים אליין! ווילסטו, ווילסטו? האָט זי אויסגעשריען ווי א וואַהנזיניגע, מעגליך אליין ניט גלויבענדיג, אַז זי קען אויסרעדען אַזעלכע ווערטער.

— אגלאַיא האָט געוועז פון שרעק זיך א וואָרף געטאָן צום טהיר, נור זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי א צוגעשמידטע און געהערט.

— ווילסטו איך זאָל ארויסטרייבען ראַגאָזשינען? דו האָסט געדענקט אז איך האָב שוין חתונה מיט ראַגאָזשינען צוליעב דיין פאַרגעניגען וועגען? אָט וועל איך גלייך פאַר דיר אין די אויגען אויסשרייען: „ראַגאָזשין, געה אוועק!" און דעם פירשט וועל איך זאָגען: „געדענקסט וואָס דו האָסט צוגעזאָגט?" גאָט מיינער! צוליעב וואָס האָב איך זיך עס ערנידעריגט פאַר זיי? און האָסטו, פירשט, מיך אליין ניט פאַרזיכערט, אז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען מיט מיר, וועסטו געהן מיט מיר, און אַז דו וועסט מיך קיינמאָל ניט אוועקוואַרפען, אַז דו ליעבסט און אז דו פאַרצייעסט מיר אַלעס, און אַז דו וועסט מיך... אויך דאָס האָסטו געזאָגט! און איך בין פון דיר אוועק בלויז אום דיך צו באַפרייען. אָבער איצט וויל איך ניט! פאַר וואָס האָט זי מיך ווי אַן אויסגעלאַסענע באַהאַנדעלט? בין איך דען אַן אויסגעלאַסענע, פרעג ביי ראַגאָזשינען וועט ער דיר זאָגען! איצט, ווען זי האָט מיך געמאַכט צו שאַנד און נאָך פאַר דיר אין די אויגען, וועסטו זיך פון מיר אָפּקעהרען און זי מיט זיך גער־ אַרעמט אוועקפיהרען? טאָ זיי זשע פאַרשאָלטען נאָך דעם אַלעמען, דערפאַר ווייל איך האָב בלויז אין דיר איינעם געגלויבט. געה אוועק ראַגאָזשין, איך דאַרף דיך ניט! האָט זי געשריען כמעט אָהן זינען, מיט אָנשטרענגונג ארויסזאָגענדיג די ווערטער פון הארצען. מיט אַ פאַרקרומטען געזיכט, מיט בלייכע ליפּען, קענטיג אליין ניט גלויבענ־ דיג איהר פּלוידעריי, נור אין דער זעלבער צייט וועלענדיג כאָטש נאָך אין איין רגע דאָס פאַרלענגערן און זיך זעלבסט אָפּנאַרען. די אָנשטרענגונג איז געוועז אַזאַ שטאַרקע, אַז מעגליך, זי וואָלט דערפון געשטאָרבען, אַזוי אַמווינציגסטענס, האָט זיך אויסגעדוכט דעם פירשט. — אָט איז ער, קוק! האָט זי ענדליך אַ געשריי געטאָן צו אַגלאַיאַ'ן, אָנצייגענדיג מיט'ן האַנט אויפ'ן פירשט — ווען ער וועט גלייך ניט געהן צו מיר, מיך ניט נעהמען און דיך ניט אוועקוואַרפען, טאָ נעהם איהם זיך, לאָז איך דיר איהם אָפּ, דאַרף איך איהם ניט!

און זי און אַגלאַיא זיינען געבליבען ווי ערוואַרטענדיג, און ביידע האָבען ווי וואהנזיניגע געקוקט אויפ'ן פירשט — נור ער האָט מעגליך, ניט פאַרשטאַנען די גאַנצע קראַפט פון דעם דאָזיגען ארויסרוף, מען

קען אפילו זאגען אויף געווים, אז ער האָט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט בלויז געזעהן פאַר זיך א פאַרצווייפעלט, משוגענעם געזיכט, פון וועל־כען, ווי ער האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט פאַר אַגלאַיאַ'ן, איז ביי איהם „אויף אייביג דורכגעשטאָכען געוואָרען דאָס הארץ". ער האָט מעהר ניט געקאָנט איבערטראָגען און מיט א געבעט און פאַרוואורף האָט ער זיך געווענדט צו אַגלאַיאַ'ן, אָנווייזענדיג אויף נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא:

—איז דען דאָס מעגליך! זי איז דאָך... אַזאַ אומגליקליכע!

נור מעהר איז איהם ניט געלונגען ארויסזאָגען, שטום ווערענדיג אונטער אַגלאַיאַ'ס מוראדיגען בליק. אין דעם דאָזיגען בליק איז געווען אזוי פיעל ליידען און אין דער זעלבער צייט אונענדליכער האַס. אזוי דאָס ער האָט א פּאַטש געטאָן מיט די הענט, א געשריי געטאָן און זיך א וואָרף געטאָן צו איהר. נור ס'איז געווען שפּעט. זי האָט ניט געקענט איבערטראָגען פון איהם אפילו א אויגענבליקליכען צוויי־פעל, זי האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט און אויסגעשריען: „אַך, גאָט מיינער!" און האָט זיך געלאָזט לויפען פון צימער, נאָך איהר ראָגאָזשין, כדי צו אָפּשליסען איהר די טהיר.

אויך דער פירשט האָט זיך געלאָזט לויפען, נור אויפ'ן שוועל האָט מען איהם ארומגעכאַפּט מיט הענט. דאָס דערשלאָגענע, אויס־געקרימטע געזיכט פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא האָט אויף איהם גע־קוקט, פון דער זייט, און די בלויע געוואָרענע ליפּען האָבען זיך גע־ריהרט, פרעגענדיג:

— נאָך איהר? נאָך איהר?

זי איז געפאַלען אין אָנמאַכט צו איהם אויף די הענט. ער האָט זי אויפגעהויבען, אריינגעטראָגען אין צימער, אוועקגעזעצט אין שטוהל און זיך געשטעלט איבער איהר, אין טעמפּער ערוואַרטונג. אויפ'ן טישעל איז געשטאַנען א גלאָז וואַסער; דער צוריקגעקומענער ראָ־גאָזשין האָט עס געכאַפּט און א שפּריץ געטאָן איהר אין געזיכט מיט דעם וואַסער; זי האָט געעפענט די אויגען און ביי א מינוט האָט זי גאָרניט פאַרשטאַנען; נור מיט אמאָל האָט זי זיך ארומגעקוקט, א ציטער געטאָן, א געשריי געטאָן און זיך א וואָרף געטאָן צום פירשט:

— מיינער! מיינער! — האָט זי אויסגעשריען — די שטאָלצע פרייל'ין אין שוין אוועק? כאַ־כאַ־כאַ! האָט זי היסטעריש געלאַכט

— כאַ־כאַ־כאַ ! איך האָב דאָס איהם דער דאָזיגער פּריילין אוועק־געגעבען ! נור צו וואָס ? משוגענע ! משוגענע ! געה אוועק ראָ־גאָזשין, כאַ־כאַ־כאַ !

ראָגאָזשין האָט זי שאַרף אָנגעקוקט, גאָרנישט געזאָגט, גענומען דעם הוט און איז אַרויס.

אין צעהן מינוט אַרום איז דער פירשט געזעסען לעבען נאַסטאַ־סיא פיליפּאָוונא, אָהן אויפהער אויף איהר געקוקט, און איהר געגלעט איבער'ן קעפּעל, און געזיכט, מיטביידע הענט, ווי א קליין קינד. ער האָט געלאַכט פון איהר געלעכטער און איז געווען גרייט צו וויינען אויף איהר געוויין. ער האָט גאָרנישט ניט גערעדט, נור ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איהר אָפּגעהאַקטער, טריאומפירענ־דער און צוטומעלטער פּלוידעריי. ער האָט קוים עפּעס פאַרשטאַנען, נור ער האָט שטיל געשמייכעלט, און קוים עס האָט זיך איהם אויס־געדוכט, אַז זי האָט ווידער אָנגעהויבען טרויערען און וויינען, האָבען טענות און באַקלאַגען זיך, האָט ער איהר ווידער אָנגעהויבען גלעטען איבער'ן קעפּיל, און צאַרט פיהרען מיט די פינגער איבער איהרע באַקען, טרויסטענדיג זי און איינרעדענדיג זי ווי א קינד.

ניינטער קאַפּיטעל

עס זיינען אוועק צוויי וואָכען נאָך דער פּאַסירונג וואָס איז דער־צעהלט געוואָרען אין לעצטען קאַפּיטעל, און די לאַגע פון די האַנדלענדע פּערזאָנען פון אונזער ערצעהלונג, האָט זיך אויף אַזוי פיעל געענדערט, אַז אונז איז זעהר שווער צוצוטרעטען צו דער פאָרטזעצונג אָהן א ספּעציעלער ערקלעהרונג. נור פונדעסטוועגען פיהלען מיר, אַז מיר וועלען זיך מוזען באַגעהן מיט דער איינפאַכער דאַרלעגונג פון די פאַקט־טען, לויט דער מעגליכקייט, אָהן באַזונדערע ערקלערונגען און צוליב דער איינפאַכער אורזאַכע : ווייל פאַר אונז איז גאַנץ אָפט שווער צו ער־

קלעהרען דאס געשעהנע. אזא נאכריכט פון אונזער זייט, מוז אויסקוקען זעהר מאדנע און ניט קלאר פאר'ן לעזער: ווי אזוי דערצעהלט מען דאס וועגען וואס דו האסט אליין ניט קיין קלארע פארשטעלונג און פערזענליכע מיינונג? אום ניט צו שטעלען זיך נאך אין א פאלשער לאגע, טא לאמיר בעסער פרובירען זיך ערקלעהרען מיט א ביישפיעל, און מעגליך, אז דער גוטמוטיגער לעזער, וועט פארשטעהן אין וואס עס באשטעהט אין אמת'ן אונזער שווערקייט. און נאך מעהר, ווען דער דאזיגער ביישפיעל וועט ניט זיין קיין צוריקטריט נור אין געגענטהייל, א גלייכע און אן אונמיטעלבארע פארטזעצונג פון דער ערצעהלונג.

נאך די צוויי וואכען, דאס הייסט שוין אין אנפאנג יולי און אין דעם פארלויף פון די דאזיגע צוויי וואכען, האט די געשיכטע פון אונזער העלד און דערהויפט די לעצטע פאסירונג פון דער דאזיגער געשיכטע, זיך פארוואנדעלט אין א זעהר מאדנעם, זעהר פרעהלאכען, כמעט אונגלויבליכען און אין דער זעלבער צייט כמעט אמת'ן אנעקדאט, וועלכער האט זיך ביסלעכווייז פארשפרייט איבער אלע גאסען, וועלכע זיינען געווען אין שכנות מיט לעבעדעוו'ס פטיצינ'ס, דאריא אלעקסיעוונא'ס און עפאנטשינ'ס דאטשעס. קורצער גערעדט, כמעט איבער'ן גאנצען שטאדט און אפילו אין די אומגעגענדען. כמעט די גאנצע געזעלשאפט — די איינוואוינער, די דאטשניקעס, די וואס פלעגען קומען צו דער מוזיק — אלע האבען זיך גענומען דערצעהלען איינע און די זעלבע געשיכטע, מיט טויזענד פארשידענע וואריציאנען, וועגען דעם, ווי א געוויסער פירשט, מאכענדיג א סקאנדאל אין איינער אן ערענטליכער און באקאנטער הויז און אפזאגענדיג זיך פון דער מיידעל פון דער דאזיגער הויז, וועלכע איז שוין געווען זיין כלה, האט זיך היינגעריסען פון א באוואוסטע קאקאטקע, איבערגעריסען אלע זיינע פריהערדיגע פארבינדונגען, און ניט קוקענדיג אויף גארנישט, ניט אכטענדיג אויף די סטראשונקעס, ניט נעהמענדיג אין אכט דעם אלגעמיינעם צארן פון פובליקום, איז ער גרייט די טעג חתונה האבען, מיט דער אויסגעלאסענער פרוי, טאקע דא אין פאוולאווסק, אפען, פובליטשנע, מיט א פעררייסען קאפ און קוקענדיג אלעמען גלייך אין די אויגען. דער אנעקדאט איז אויף אזוי פיעל געווארען באפארבט מיט סקאנדאלען, ס'איז אויף אזוי פיעל אין איהם אריינגעמישט

געוואָרען באַקאַנטע פּערזאָנען, אויף אַזוי פיעל אָרונגעריגגעלט מיט פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע און געהיימניספולע שאַטירונגען, און פון דער צווייטער זייט, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אין אַזעלכע ניט אָפּ־לייקענדע און אַנזעהענדיגע פאַקטען, אַז די אַלגעמיינע נייגעריגקייט און רכילות'ן, האָט מען זיכער געקענט ענטשולדיגען.

די סאַמע דינע, כיטרע און אין דער זעלבער אויף אַן אמת עהנ־ליכע פאַרטייטשונג איז געבליבען פאַר די עטליכע ערנסטע רכילות־טרייבער, פון יענעם מין קלוגע מענשען, וועלכע איילען זיך אומעדום און אין יעדער געזעלשאַפט, פריהער פון אַלץ ערקלעהרען די געשע־העניש פאַר אַנדערע. אין דערין געפינען זיי זייער באַרוף, און גאַנץ אָפט אויך אַ טרויסט. לויט זייער פאַרטייטשונג, האָט אַ יונגער מענש פון אַ פיינער פאַמיליע, אַ פירשט, כמעט אַ רייכער, אַ נאַרעלע, נור אַ דעמאָקראַט און וועלכער איז משוגע אויף דעם היינטיגען ניהי־ליזם, וועלכער איז ענטדעקט געוואָרען פון דעם הערר טורגענעוו, און וועלכער קען כמעט קיין רוסיש ניט רעדען, האָט זיך פאַרליבט אין דער טאָכטער פון דעם גענעראַל עפּאַנטשין און ער האָט דערגרייכט דאָס, אַז מען האָט איהם אין הויז אויפגענומען ווי אַ חתן. נור פונקט ווי יענער פראַנצויז־סעמינאַריסט, וועגען וועלכען ס'איז נור וואָס געווען אָפּגעדרוקט אַן אַנעקדאָט, און וועלכער האָט אומישנע געלאָזט זיך איינווייזען דעם טשין פון אַ גלח, און האָט אַליין אומישנע גע־בעטען די איינווייאונג, ערפילט אַלע צערעמאָניעס, אַלע בוקונגען, קושונגען, שבועות און דאָס גלייבען, כדי אויפ'ן צווייטען טאָג אומישנע אָפען ערקלעהרען מיט אַ בריף צו זיין עפּיסקאָפּ, אַז ער ניט גלויבענ־דיג אין גאָט, רעכענט אַלס זינד צו נאַרען דאָס פאָלק און אומזיסט פון איהם געשפּייזט ווערען, און דערפאַר, זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין נעכטיגען טשין און דעם בריף דרוקט ער אין די ליבעראַלע צייטונגען — עהנליך צו דעם דאָזיגען אַטעאיסט האָט אויך אויף אַזאַ אופן אָפּ־געטאָן דער פירשט. מען האָט דערצעהלט, ווי ער וואָלט אומישנע געוואַרט אויף דעם פרעהליכען איינגעלאַדענעם אָוועגט ביי די על־טערען פון זיין כלה, אויף וועלכען ער איז פאַרגעשטעלט געוואָרען צו דער פיעל באַוואוסטע פּערזענליכקייטען, כדי ער זאָל אויפ'ן קול און פאַר אַלעמען ערקלעהרען וואָס ער דענקט, אָפּזידלען די ווירדיגע טשינאָווניקעס, אָפּזאָגען זיך אָפען און מיט באַלעדיגונג פון זיין כלה,

און שטעלענדיג זיך אַנטקעגען די דינער וועלכע האָבען איהם גע־וואָלט ארויספיהרען, צוברעכען א פּראַכטפאָלע כינעזישע וואַזע. דערצו האָט מען צוגעגעבען, אלס א כאַראַקטעריסטיק פון היינטיגע אויפ־פיהרונגען, אַז דער צודרעהטער יונגער מאַן, האָט טאַקע אין אמת׳ן ליעב זיין כלה, דעם גענעראַלס טאָכטער, נור אָפּגעזאָגט האָט ער זיך פון איהר בלויז צוליעב ניהיליזם און צוליעב דעם פּאַרקומענדען סקאַנדאַל, כדי ניט אָפּזאָגען זיך אין דעם פאַרגעניגען צו חתונה האָ־בען פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט מיט א געפאַלענער פרוי און דערמיט באַווייזען, אַז פאַר זיינע איבערצייגונגען זיינען ניטאָ ניט קיין געפאַלענע און ניט עהרליכע פרויען, נור עס איז דאָ בלויז איינע, די פרייע פרוי; אַז ער גלויבט ניט אין דער אָנגענומענער און אַלטער פאָרם פון מאַן און ווייב איינטהיילונג, נור אַז ער גלויבט בלויז אין דער „פרויען פראַגע“. און אַז ענדליך שטעהט א געפאַלענע פרוי אין זיינע אויגען אפילו נאָך פיעל העכער ווי ניט קיין געפאַלענע. די דאָזיגע ערקלעהרונג האָט זיך אויסגעוויזען פאַר גאַנץ גלויבענס־ווערטה, און זי איז געווען אָנגענומען פון דער מעהרהייט פון די דאַטשניקעס, און נאָך מעהר, ווען זי האָט זיך באַשטעטיגט מיט טאָג־טעגליכע פאַקטען. אמת, א סך זאַכען זיינען געבליבען ניט ער־קלעהרט; מען האָט דערצעהלט, אַז די אָרימע מיידעל האָט אויף אַזוי פיעל ליעב געהאַט איהר חתן, לויט אנדערע סברות, איהר „פאַרפיה־רער“, אַז זי איז געקומען צולויפען צו איהם אין א טאָג ארום, נאָכ־דעם ווי ער האָט זי אוועקגעוואָרפען און אין דער צייט ווען ער איז געזעסען ביי זיין געליבטער. אנדערע האָבען פאַרקעהרט פאַרזיכערט, אַז ער האָט זי אומישנע פאַרשלעפּט צו זיין געליבטער, בלויז אויס ניהיליזם, דאָס הייסט אום זי מאַכען צו שאַנדע און באַלעדיגונג. ווי עס זאָל ניט זיין, נור דער אינטערעס צו די געשעהנישען איז געוואַקסען טאָג־טעגליך, און מעהר פון אַלץ אַז עס איז ניט געבליבען קיין מינד־סטער צווייפעל אין דעם, אַז די סקאַנדאַליעזע חתונה וועט זיכער פאַרקומען.

און אַט ווי מען זאָל ביי אונז בעטען אַ ערקלעהרונג — ניט אויף דער רעכענונג פון די ניהיליסטישע מאָטיווען פון דער געשעהעניש, אָ, ניין! — נור איינפאַך בלויז אויפ׳ן חשבון, אויף וויפיעל די פּאַר־שטעהענדע חתונה שטעלט צופרידען, די אמת׳ע ווינשע פון פירשט,

און וואָס, אין אמת'ן דריקען זיך אויס אין דער איצטיגער מינוט די דאָזיגע ווינשע, אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָל מען כאַראַקטעריזירען די שטימונג פון אונזער העלד אין דעם איצטיגען מאָמענט און אַזוי ווייטער, אויף דעם אופן? — דאַן זיינען מיר זיך מודה, אַז אונז וואָלט געווען זעהר שווער צו ענטפערען. מיר ווייסען בלויז איינס, אַז די חתונה איז טאַקע זיכער באַשטימט געוואָרען, און דער פירשט זעלבסט האָט בעפּאָלמעכטיגט לעבעדעוו'ן, קעלער'ן און עפּעס קע־לער'ס אַ פריינד, וועלכען יענער האָט אויף דעם פאַל פאָרגעשטעלט פאַר'ן פירשט, צו נעהמען אויף זיך די גאַנצע מיה, פאַר דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט, ווי קירכליכע אַזוי אויך ווירטשאַפטליכע; אַז געלט איז באַפוילען געוואָרען ניט צו זשאַלעווען, אַז געאיילט און באַשטאַנען אויף דער חתונה איז נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ; אַז אַלס דעם פירשט'ס אונטערפיהרער איז באַשטימט געוואָרען קעלער, לויט זיין איינענער פייערדיגער ביטע, און אַלס נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ'ס — בורדאָווסקי, וועלכער האָט אָנגענומען די דאָזיגע באַשטימונג מיט פרייד, און אַז דער טאָג פון דער חתונה איז באַשטימט געוואָרען אין אָנפאַנג יולי. נור אויסער די דאָזיגע זעהר פּינקטליכע פאַקטען, וועלכע פיהרען אונז אין אמת'ן פון וועג, און טאַקע דערפאַר ווייל זיי ווידערשפּרעכען זיך מיט די פריהערדיגע. צום ביישפּיל, מיר פאַרדעכטיגען זעהר שטאַרק, אַז ווען דער פירשט האָט באַפּאָלמעכטיגט לעבעדעוו'ן און די אַנדערע צו נעהמען אויף זיך אַלע באַמיהונגען, האָט דער פירשט אין יענעם טאָג שיעור ניט פאַרגעסען, אַז ביי איהם איז דאָ אַ צערעמאָנימייסטער און אַן אונטערפיהרער, און אַ חתונה, און אַז כאָטש ער האָט אַליין אַזוי שנעל איינגעאָרדענט, איבערגעבענדיג צו אַנדערע די זאָרגען, איז דאָס איינציגע דערפאַר ווייל ער אַליין האָט ניט געוואָלט דענ־קען וועגען דעם און אפילו אפשר גיכער פאַרגעסען אַן דעם. וועגען וואָס זשע האָט ער טאַקע אין אמת'ן געטראַכט, וועגען וואָס האָט ער געוואָלט געדענקען און צו וואָס האָט ער געשטרעבט? עס איז קיין צווייפעל, אַז דאָ איז אויף איהם ניט געמאַכט געוואָרען קיין פאַר־געוואַלדיגונג (צום ביישפּיל פון נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ'ס זייט), אַז נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ האָט טאַקע אין אמת'ן אונבאַדינגט פאַרלאַנגט אַז מען זאָל מאַכען וואָס שנעלער די חתונה, און אַז די חתונה איז דאָס איהר געדאַנק און ניט דעם פירשט'ס; נור דער פירשט האָט

גוטוויליג איינגעשטימט; אפילו אביסעלע צוטראַגעז, און פּונקט אויף אַזאַ אופן, ווי מען וואָלט פון איהם פאַרלאַנגט א גאַנץ געוועהנליכע זאַך. אזעלכע מאָדנע פאַקטען האָבען מיר א סך. נור זיי, ניט נור זיי ערקלעהרען ניט, נור לויט אונזער מיינונג, פאַרטונקלען זיי אפילו די ערקלעהרונגען פון דער זאַך, וויפיעל מיר זאָלען זיי ניט ברענגען; נור פונדעסטוועגען וועלען מיר ברענגען נאָך א ביישפּיל.

אזוי איז אונז אויך גאַנץ באַקאַנט, אַז אין דעם פאַרלויף פון די דאָזיגע צוויי וואָכען האָט דער פירשט גאַנצע טעג און אוועגטען פאַר־בראַכט צוזאַמען מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, אַז זי האָט איהם גענו־מען מיט זיך אויף איהרע שפּאַצירען, צו דער מוזיק; אַז ער איז אומגעפאָהרען מיט איהר יעדען טאָג אין עקיפּאַזש; אַז ער האָט זיך אַנגעהויבען פיהלען אומרוהיג וועגען איהר, ווען ער האָט זי בלויז ניט געזעהן א שטונדע צייט, (דאָס הייסט, אַז לויט די דאָזיגע סמנים, האָט ער זי אויפריכטיג געליבט); אַז ער האָט זי אויסגעהערט מיט א שטילען, ענוות'דיגען שמייכעל, וועגען וואָס זי זאָל מיט איהם ניט רעדען אין פאַרלויף פון א גאַנצע שטונדע, כמעט אליין גאָרנישט רע־דענדיג. נור מיר ווייסען אויך, אַז ער איז טאַקע אין די דאָזיגע טעג, איינציגע מאָל, און אפילו א סך מאָל, פּלוצלינג אוועק צו די עפּאַנט־שינס, ניט באַהאַלטענדיג דאָס פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, פון וואָס יענע פלעגט שיעור ניט אריינפאַלען אין פאַרצווייפלונג. מיר ווייסען, אַז ביי די עפּאַנטשינס, ביז וואַנען זיי זיינען געווען אין פּאַוולאָווסק, האָט מען איהם ניט אויפגענומען, און אַז צו זעהן זיך מיט אַגלאַיאַ איוואַנאָוונא האָט מען איהם כסדר אָפּגעזאָגט; ער פלעגט אוועק־געהן גאָרנישט זאָגענדיג, און אויף מאָרגען פלעגט ער צו זיי ווידער־געהן, ווי אין גאַנצען פאַרגעסענדיג אַז דער נעכטיגער ענטזאָגונג. און זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ער פלעגט קריגען א נייע ענטזאָגונג. אונז איז אויך באַוואוסט, אַז א שטונדע נאָכדעם ווי אַגלאַיאַ איוואַנאָוונא איז ארויסגעלאָפען פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא. און אפשר נאָך פריהער פון א שטונדע, איז דער פירשט טאַקע געווען ביי די עפּאַנטשינס, מיט דער זיכערקייט, צו טרעפען דאָרט אַגלאַיאַ איוואַנאָוונא, און אַז זיין דאָמאָלסדיגע ערשיינונג ביי די עפּאַנטשינס האָט פאַראורזאַכט טו־מעל און שרעק אין הויז, ווייל אַגלאַיאַ יאָז נאָך א היים ניט געקומען און פון איהם האָבען זיי דאָס צום ערשטען מאָל געהערט, אַז זי איז

מיט איהם געגאַנגען צו נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ. מען האָט דערצעהלט, אַז ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, די טעכטער און אפילו פירשט שטש. האָבען זיך דאָן באַגאַנגען מיט'ן פירשט זעהר בעז און ניט פריינדליך, און אַז שוין דאָן האָבען זיי איהם, מיט היציגע רעד, אָפּגעזאָגט אין באַקאַנטשאַפט און אויך אין פריינדשאַפט און דערהויפּט, ווען וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ איז פּלוצלינג ערשינען צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ און ערקלעהרט, אַז אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ איז שוין ביי אַ שטונדע ביי איהר אין הויז, אין אַ שרעקליכען צושטאַנד, און זי וויל גאָר, דוכט זיך, ניט געהן אַהיים. אָט די דאָזיגע נאַכריכט האָט ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ'ן ערשטוינט מעהר פון אַלעם, און ס'איז געווען גאַנץ ריכטיג: אַרויסגעהענדיג פון נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ איז אַגלאַיאַ אין אמת'ן געווען גרייט גיכער צו שטאַרבען, איידער זיך באַווייזען אויף די אויגען פון איהרע היימישע און דאַרום האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ אָבער האָט גלייך פון איהר זייט געפונען פאַר נויטיג צו לאָזען וויסען וועגען דעם, אָהן שהיות, צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. אי די מוטער, אי די טעכטער, אַלע האָבען זיך געלאָזען צו נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. נאָך זיי דער פאַמיליען־פאָטער, איוואַן פיעדאָראָוויטש זעלבסט, וועלכער האָט זיך נור וואָס אומגעקעהרט אַהיים; נאָך זיי האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט דער פירשט לעוו ניקאָלאַיעוויטש, ניט אַכטענדיג אויף דער פאַרטרייבונג און האַרבע ווערטער; נור לויט דעם באַפעהל פון וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ האָט מען איהם דאָרט צו אַגלאַיאַ'ן ניט אַריינגעלאָזט. איבעריגענס, האָט זיך די זאַך געענדיגט, מיט דעם, דאָס ווען אַגלאַיאַ האָט דערזעהן די מוטער און די שוועסטער, וועלכע האָבען איבער איהר געוויינט און גאָר ניט געמאַכט קיין פאָרווירפע, האָט זי זיך געוואָרפען צו זיי אין די אָרעמס און האָט זיך גלייך אומגעקעהרט מיט זיי אַהיים. מען האָט דערצעהלט, כאָטש די קלאַנגען זיינען געווען ניט גאָר קיין פּינקטליכע, אַז גאַווּרילאַ אַרדאַליאָנאָוויטש'ן איז אויך דאָ שרעקליך ניט געגאַנגען; אַז ווען ער האָט אַריינגעכאַפּט די צייט, ווען וואַרוואַראַ אַרדאַליאָנאָוונאַ איז אַוועקגעלאָפען צו ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ, האָט ער בלייבענדיג אַליין מיט אַגלאַיאַ'ן געפּרואווט מיט איהר אַ רעד טאָן וועגען זיין ליבע; און אַז הערענדיג איהם, האָט אַגלאַיאַ ניט קוקענדיג אויף איהר

גאנצען טרויער און טרערען, זיך פלוצלינג צעלאכט און איהם פלוצ־לינג פארגעבען א מאדנע פראגע: וועט ער איצט צוברעכען אלס באוויז פון זיין ליבע, אויף א ליכט זיין פינגער? גאווירילא ארדא־ליאנאוויטש איז, זאגט מען, געווען אזוי איבעראשט פון דעם פאר־שלאג, און האט זיך אויף אזוי פיעל פארלארען, האט אויף אזוי פיעל אויסגעדריקט אויף זיין געזיכט פארוואונדערונג, אז אגלאיא האט זיך צעלאכט ווי אין א היסטעריקע, און איז פון איהם אנטלאפען אויבען צו נינא אלעקסאנדראווא, און דארטען האבען איהר די עלטערן שוין געטראפען. דער דאזיגער אנעקדאט האט אויף מארגען דערגרייכט צום פירשט דורך איפאליט'ן. איפאליט, וועלכער האט שוין מעהר ניט פארלאזען זיין בעט, האט אומישנע געשיקט רופען דעם פירשט, כדי איהם איבערצוגעבען די דאזיגע נאכריכט. ווי אזוי דער דאזיגער קלאנג איז געקומען צו איפאליט'ן, איז אונז אונבאקאנט. נור ווען דער פירשט האט דערהערט וועגען דער ליכט מיט'ן פינגער, האט ער זיך אזוי צעלאכט, אז דאס האט אפילו פאר'חידושט איפאליט'ן; דערנאך האט ער מיט א מאל אנגעהויבען זיך טרייסלען און זיך בא־גאסען מיט טרערען... אין אלגעמיין איז ער געווען די דאזיגע טעג אין גרויסער אומרוהיגקייט און אויסערגעוועהנליכער אונבאשטימטער און פיינליכער צוטראגענקייט. איפאליט האט אפען געזאגט, אז ער דענקט, אז ער איז ניט ביים זינען; נור דאס האט מען נאך בשום אופן ניט געקאנט זאגען אויף באשטימט.

פארלעגענדיג אט די אלע פאקטען און אפזאגענדיג זיך זיי צו ערקלעהרען, ווילען מיר גאר ניט ריין וואשען אונזער העלד אין די אויגען פון אונזערע לעזער. נאך מעהר, מיר זיינען אין גאנצען גרייט צו טהיילען אויך דעם צארן וועלכען ער האט ערוועקט אפילו ביי זיינע פריינד. אפילו ווערא לעבעדעוו איז־א געוויסע צייט געווען אויף איהם אין כעס; אפילו קאליא, אין כעס איז אויך געווען קעלער, ביז יענער צייט ווען מען האט איהם אויסגעקליבען אלס אונטערפיהרער. שוין ניט רעדענדיג וועגען לעבעדעוו'ן אליין, וועלכער האט אפילו אנגעהויבען אינטריגירען געגען פירשט. און אויך פון כעס און אפילו אויך אויפריכטיגען כעס. נור וועגען דעם ווילען מיר שפעטער רעדען. אין אלגעמיין זיינען מיר אין גאנצען איינשטימיג מיט די שטארקע און אפילו גאנץ טיעפע לויט זייער פסיכאלאגיע, ווערטער פון יעווגעני

פּאוולאָוויטש, וועלכער יענער האָט אָפּגעגעבן, אַהן צערעמאָניעס, אַרויס־געזאָגט דעם פירשט, אין אַ פריינדליכען געשפּרעך, אויף דעם זעקס־טען אָדער זיבעטען טאָג נאָך דער פּאַסירונג ביי נאַסטאַסיא פיליפּאָוו־נאַ. דערביי וועלען מיר באַמערקען, אַז ניט נור די עפּאַנטשינ׳ס אַליין, נור אַלע די וואָס האָבען געהאַט וועלכע ס׳ניט איז שייכות צו דער הויז פון די עפּאַנטשינ׳ס, האָבען געפונען פאַר נויטיג איין גאַנצען איבערצורייסען אַלע באַציהונגען מיט׳ן פירשט. דער פירשט שטש. צום ביישפּיעל, האָט זיך אפילו אָפּגעקעהרט ווען ער האָט באַגעגענט דעם פירשט און זיך צו איהם ניט באַגריסט. נור עווגעני פּאוולאָ־וויטש האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען צו קאָמפּראָמענטירען זיך, באַזו־כענדיג דעם פירשט, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער האָט ווידער אָנ־געהויבען יעדען טאָג קומען צו די עפּאַנטשינ׳ס און ער פלעגט אויפ־גענומען ווערען מיט קענטיג פאַרשטאַרקטער צופרידענהייט. ער איז געקומען צום פירשט פונקט אין צוויי טעג נאָכדעם ווי די עפּאַנטשינ׳ס האָבען פאַרלאָזען פּאַוולאָווסק. אַריינקומענדיג, איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט די אַלע קלאַנגען וואָס האָבען זיך פאַרשפּרייט צווישען פּובליקום. מעגליך, אַז ער אַליין האָט זיי אויך טהיילווייז געהאָלפען פאַרשפּרייטען. דער פירשט האָט זיך מיט איהם זעהר דערפרעהט און האָט גלייך פאַרפיהרט אַ געשפּרעך וועגען די עפּאַנטשינ׳ס; אַזאַ איינפאַכער און גלייכער אָנהויב האָט אויך פריי געמאַכט עווגעני פּאוולאָוויטש׳ן, אַזוי דאָס ער איז אַהן שום אָנשטרענגונג צוגעטראָטען צום ענין.

דער פירשט האָט נאָך געווען ניט געוואוסט אַז די עפּאַנטשינ׳ס זיינען שוין אַרויסגעפאָהרען; ער איז געוואָרען ערשטוינט און בלאַס, נור אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, פאַרטראַכט און צוטומעלט, און ער האָט זיך מודה געווען: „אַז אַזוי האָט גע־דאַרפט זיין“. דערנאָך האָט ער זיך האַסטיג ערקונדיגט: „וואוהין זשע זיינען זיי אַרויסגעפאָהרען?“

עווגעני פּאוולאָוויטש האָט דערווייל איהם אויפמערקזאַם באַ־טראַכט, און דאָס אַלץ, דאָס הייסט, די האַסטיגקייט פון די פראַגען און זייער איינפאַכקייט און צוטומעלטקייט און אין דער זעלבער צייט אַזאַ מאָדנע אָפענהערציקייט, אומרוהיגקייט און נערוועזיטעט — דאָס אַלץ האָט איהם זעהר ווייניג ערשטוינט. איבעריגענס, האָט ער וועגען

אַלץ, ליבליך און מיט איינצעלהייטען דערצעהלט דעם פירשט; יענער האָט נאָך פיעלעס ניט געוואוסט, און דאָס איז געווען דער ערשטער נאָכירכט־ברענגער פון הויז. ער האָט באַשטעטיגט, אַז אַגלאַיאַ איז טאַקע אויף אַן אמת'ן געווען קראַנק, און איז דריי מעת לעת האָט זי כמעט אין גאַנצען ניט געשלאָפען קיין נעכט. אַז זי האָט געהאַט היץ; אַז איצט איז איהר גרינגער, און אַז זי איז ארויס פון געפאַהר, נור דאָך איז זי אין אַ נערוועזען, היסטערישען צושטאַנד... „עס איז נאָך גוט וואָס אין הויז הערשט אבסאָלוטער פרידען! וועגען דער פאַרגאַנגענהייט, מיהט מען זיך ניט צו דערמאָנען אפילו פאר זיך, ניט נור פאר אַגלאַיאַ'ן. די עלטערען האָבען שוין באַשלאָסען צווישען זיך וועגען אַ רייזע אין אויסלאַנד, אין אָסיען, גלייך נאָך אַדעלאַאידאַ'ס חתונה; אַגלאַיאַ האָט שווייגענד אויפגענומען די ערשטע רעד וועגען דעם. ער עווגעני פּאַוולאָוויטש, וועט אויך מעגליך אוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד. אפילו פירשט שטש. וועט מעגליך זיך אויך אויסקלייבען אויף אַ פּאָר מאָנאַטען, מיט אַדעלאַאידאַ'ן, ווען די געשעפטען וועלען ערלויבען. דער גענעראל נור וועט ניט פאָהרען. איצט זיינען זיי אַלע אריבערגעפאָהרען קיין קאָלמינאָ אין זייערס אַ גוט, אַ וויאָרסט צוואַנציג פון פּעטערבורג, וואו זיי האָבען אַ גרויסע פּריצישע הויז. די בעלקאָנאָסקאַיאַ איז נאָך פון מאָסקווע ניט אָפּגעפאָהרען. עס דוכט זיך אַז זי האָט זיך אפילו אומישנע אָפּגעשטעלט. ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא איז שטאַרק באַשטאַנען דערויף, אַז עס איז ניטאָ קיין מעגליכקייט צו בלייבען אין פּאַוולאָווסק נאָך דעם אַלעמען וואָס ס'איז פאָרגעקומען. ער, עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט איהר יעדען טאָג געלאָזט וויסען פון די קלאַנגען וואָס געהען אַרום איבער'ן שטאָט. אויף דעם עלאַגינסקען אינזעל האָבען זיי אויך ניט געפונען פאַר מעגליך זיך צו באַזעצען.

— נו, יע, און טאַקע, אין אמת'ן, האָט צוגעגעבען עווגעני פּאַוולאָוויטש — שטימט אליין צו, קען מען דען אויסהאַלטען. דערהויפּט, וויסענדיג אַלעס וואָס עס טוט זיך יעדע שטונדע. ביי אייך אין הויז, און נאָך אייערע טעגליכע באַזוכען אַהין, ניט קוקענדיג אויף די ענטזאַגונגען...

— יע, נעווים, געווים, איהר האָט רעכט, איך האָב געוואָלט זעהן אַגלאַיאַ איוואַנאָוונא... האָט ווידער גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ דער פירשט.

— אַך, מיין ליבער פירשט, האָט פּלוצלינג אויסגעשריען עווגעני פּאַוולאָוויטש, מיט באַגייסטערונג און טרויער צוזאַמען — ווי אַזוי האָט איהר דאָן געקענט דערלאָזען... אַלץ וואָס עס איז פאַרגעקומען ? געוויס, געוויס, דאָס אַלץ איז פאַר אייך געווען אַזוי אונערוואַרטעט... איך שטים איין, אַז איהר האָט זיך געאַרפט פאַרלירען און... איהר האָט ניט געקענט אָפּשטעלען די משוגענע מיידעל, דאָס איז געווען ניט פאַר אייערע קרעפטען ! נור דאָך האָט איהר דאָך געדאַרפט פאַרשטעהן, ווי ערנסט און שטאַרק די דאָזיגע מיידעל האָט זיך צו אייך באַצויגען. זי האָט זיך ניט געוואָלט טהיילען מיט אַ צווייטער און איהר.. האָט געקענט אַוועקוואַרפען און פאַרלירען אַזאַ אוצר !

— געוויס געוויס, איהר האָט רעכט, יע, איך בין שולדיג, האָט דער פירשט ווידער אָנגעהויבען רעדען אין שטאַרקען אומעט. — און איהר ווייסט, דאָס האָט זי, בלויז איין אַגלאַיאַ אַזוי געקוקט אויף נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ... פון די איבעריגע, האָט דאָך קיינער אַזוי ניט געקוקט.

— מיט דעם איז דאָך די זאַך שוידערליכער, וואָס דאָ איז קיין ערנסטעס גאָר ניט געווען ! האָט אויסגעשריען עווגעני פּאַוולאָוויטש ווערענדיג שטאַרק הינגעריסען — ענטשולדיגט מיר, פירשט, אָבער... איך... איך האָב געטראַכט וועגען דעם, פירשט, איך האָב אַ סך איבערגעטראַכט ; איך ווייס אַלץ וואָס ס'איז פאַרגעקומען פריהער. איך ווייס אַלץ וואָס ס'איז פאַרגעקומען מיט אַ האַלב יאָהר צוריק, אַלץ — און דאָס אַלץ איז ניט געווען ערנסט ! דאָס אַלץ איז בלויז געווען אַ קאָפּ-הינרייסונג אַ בילד, אַ פאַנטאַזיע, אַ רויך, און נור די איבערגעשראָקענע אייפערזוכט פון דער ניט ערפאַהרענער מיידעל האָט עס געקענט אָננעהמען אַלעס עטוואָס ערנסטעס !!..

דאָ האָט עווגעני פּאַוולאָוויטש, שוין גאָר אָהן צערעמאָניעס, געגעבען די פרייהייט צו זיין צאָרען. קלוג און קלאָר, און מיר ווידערהאָלען מיט פיעל פּסיכאָלאָגיע. האָט ער פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר'ן פירשט אַ בילד פון אַלע געוועזענע באַציהונגען פון דעם פירשט צו נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ. עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט אַלע מאָל באַזעסען די מתנה פון פיין רעדען. איצט האָט ער אפילו דערגרייכט צו שעהן-רעדנעריי. „פון סאַמע אָנפאַנג“ האָט ער אַרויס-

געזאָגט, „האָט זיך ביי אייך אָנגעהויבען מיט ליגען און דאָס וואָס עס
האָט זיך אָנגעהויבען מיט ליגען דאָס האָט זיך מיט ליגען געמוזט
ענדיגען ; דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ. איך בין ניט איינשטימיג, און
איך ווער אפילו אויפגעבראַכט — ווען עמיצער — זאָל ער דאָרטען
זיין ווער עס וויל — רופט אייך אידיאָט ; איהר זייט צו קלוג אום
אזוי גערופען צו ווערען נור איהר זייט אויף אַזוי פיעל מאָדנע, אַז
איהר זייט פאָרט ניט ווי אַלע מענשען, איהר וועט דאָך דערצו אליין
איינשטימען. איך האָב באַשלאָסען, אַז דער פונדאַמענט פון אַלץ
וואָס עס איז פאָרגעקומען איז צוזאַמענגעשטעלט ערשטענס, פון
אייער אַזוי צו זאָגען, איינגעבוירענער אונערפאַרענהייט, (באַמערקט
פירשט דעם וואָרט איינגעבוירענער) דערנאָך פון אייער אונגעווענ־
ליכער איינפאַכקייט ; ווייטער פון דעם פענאָמענאַלער אבוועזענ־
הייט פון מאָס־געפיהל, (אין וואָס איהר האָט זיך פיעלע מאָל אליין
מודה געווען — און ענדליך פון דער גוואַלדיגער פארפלייצונג פון
דער מאסע קאָפּ־איבערצייגונגען וועלכע איהר ,מיט אייער אונגע־
וועהנליכער אָרענטליכקייט נעהמט אן נאָך ביז איצט פאַר אמת'ע,
נאַטירליכע, און אונמיטעלבאַרע ! איהר וועט דאָך אליין איינשטי־
מען, פירשט, אַז אין אייערע באַציהונגען צו נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ
האָט זיך פון סאַמע אָנהויב געלעגט עפּעס, „קאָנווענציאָנעל־דע־
מאָקראַטישעס". איך דריק זיך אויס צוליב קורצקייט, אזוי צו זאָ־
גען דער צויבער פון דער „פרויען־פראַגע" (אום זיך אויסצודריקען
נאָך קירצער). איך וויים דאָך מיט אַלע פּינקטליכקייטען, אַז די דאָ־
זיגע גאַנצע מאָדנע סקאַנדאַליעזע סצענע וועלכע איז פאָרגעקומען
ביי נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, ווען ראָגאָזשין האָט געבראַכט די געלט.
אויב איהר ווילט וועל איך אליין צוגליעדערען, איך וועל אייך ווייז
זען אייך אליין, ווי אין שפּיגעל, אויף אַזוי פיעל וויים איך וועגען
וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדעלט און פאַר וואָס דאָס האָט זיך אַזוי
אויסגעלאָזט ! איהר, א יונגעל, האָט געדורשט אין דער שווייץ
נאָד'ן פאַטערלאַנד, איהר האָט זיך געצויגען צו רוסלאַנד, ווי אַן
אונבאַקאַנטער לאַנד, נור אַ פארשפּראַכענער ; איהר האָט דורכגע־
לייענט אַ סך ביכער וועגען רוסלאַנד, מעגליך אויסגעצייכענטע בי־
כער, אָבער פאַר אייך שעדליכע ; איהר זייט אָראָפּגעקומען מיט
דעם ערשטען פלאַמיגען הונגער נאָד טהעטיגקייט ,איהר האָט זיך,

אַזוי צו זאָגן, אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער טהעטיגקייט! און אָט אין דעם זעלבען טאָג גיט מען אייך איבער אַ טרויערדיגע און האַרץ־ריהרענדע געשיכטע וועגען אַ באַלעדיגטער פֿרוי, מען גיט אייך איבער, דאָס הייסט אייך, דעם ריטער, דעם מיידעליש־אומשולדיגען — און נאָך וועגען אַ פֿרוי! און אין דעם זעלבען טאָג דערזעהט איהר די פֿרוי, איהר זייט באַצויבערט פֿון איהר שענקייט, אַ פֿאַנטאַסטישע, דעמאָנישע שענקייט (איך שטים איין, אַז זי איז אַ שענהייט), דער־צו לעגט צו אייערע נערווען לעגט צו אייער פֿאַליגע, לעגט צו אונ־זערע פּעטערבורגער נערווען־אויפֿטרייסלענדע וואַרימע ווינטער־טעג; לעגט צו אָט דעם גאַנצען טאָג, אין אַן אונבעקאַנטער פֿאַר אייך כמעט פֿאַנטאַסטישער שטאָט אַ טאָג פֿון באַגעגענישען, סצענעס, אַ טאָג פֿון אונערוואַרטעטע באַקאַנטשאַפֿטען, אַ טאָג פֿון אַן אמת אונערוואַרטערטער ווירקליכקייט, אַ טאָג פֿון דריי שענהייטען עפּאַנטשענס אין דעם צאָל, אגלאיא, דערצו גיט צו די מידקייט, קאָפּ־דרעהעניש, גיט צו נאַסטאַסיא פֿיליפּאָוונאס גאַסט־צימער און דער טאָן פֿון דעם דאָזיגען גאַסט־צימער און... וואָס האָט איהר גע־קאָנט ערוואַרטען פֿון זיך אַליין אין יענער מינוט, ווי דענקט איהר?

— געוויס, געוויס, האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ דער פֿירשט ווערענדיג רויט — יע, דאָס איז כמעט אַזוי; און ווייסט איהר, איך האָב טאַקע אין אמת'ן אַ נאַכט באַפֿאַר ניט געשלאָפֿען, אין וואַגאָן, און די גאַנצע פֿריהערדיגע נאַכט, און איך בין געוועזן זעהר נערוועז...

— נו, געוויס, וואָס זשע וויל איך דאָ אויספֿיהרען? האָט פֿאָרטגעזעצט מיט היץ עווגעני פּאַוולאָוויטש — ס'איז אַ קלאָרע זאַך, אַז איהר, אַזוי צו זאָגן, אין דער שכרות פֿון פֿרייד, האָט איהר זיך אַרויסגעוואָרפֿען אויף דער מעגליכקייט צו ווייזען פֿאַר אַלעמען אין די אויגען, אייער גרויסמוטיגען געדאַנק אַז איהר זייט אַ געבוי־רענער פֿירשט, און אַ ריינער מענש און איהר רעכענט ניט פֿאַר אַן אויסגעלאָסענער, אַ פֿרוי וואָס איז געפֿיהרט געוואָרען צו שאַנדע ניט צוליב איהר שולד, נור צוליב דער שולד פֿון אַ גרויסוועלטיגען פֿאַרפֿיהרער. אַי, גאָט מיינער, דאָס איז אַזוי פֿאַרשטענדליך! נור ניט אין דעם געהט עס, ליבער פֿירשט, נור אין דעם, צו איז דאָ געוועזן דער אמת, צו איז געוועזן די וואַרהייט אין אייערע געפֿיהלען, צו איז דאָס געוועזן אַ נאַטירליכער געפֿיהל צו בלויז נור אַ קאָפּ־פֿרייד?

ווי דענקט איהר. אין דעם טעמפּעל פלעגט מען אזא פרוי פארגיבען, אָבער מען האָט דאָך איהר דאָן ניט געזאָגט, אז זי טוט פיין, און אז זי איז ווערטה אלע עהרעס און כבוד׳ען? האָט אייך דאָן, אייער אייגענער געזונטער פארשטאַנד ניט אונטערגעזאָגט, אין עטליכע מאָנאַטען שפּעטער, אין וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדעלט? נו, לאָז זיין, אז זי איז איצט ניט שולדיג — איך וועל דערויף ניט באשטעהן, ווייל איך וויל ניט — נור צו קענען דען אלע איהרע אוואַנטורען ריינוואשען איהר אונערטרעגליכע טייוועלשע גאוה, און אזא חוצפּה׳דיגען, פרעסערישען עגאָאיזם? ענטשולדיגט, פירשט, איך האָב זיך פאַררעדט...

— געוויס, דאָס אלץ קען זיין. מעגליך, אז איהר האָט רעכט... האָט ווידער אָנגעהויבען מורמלען דער פירשט — זי איז אין אמת׳ן טאַקע זעהר אָן אויפגערעגטע און איהר האָט געוויס רעכט, אָבער...

— זי איז ווערטה מען זאָל אויף איהר האָבען מיטלייד? דאָס ווילט איהר איהר זאָגען, מיין ליבער פירשט? נור קען מען דען צו־ליב מיטלייד און צוליב איהר פארגעניגען מאַכען צו שאַנדע א צווייטע פיינע און ריינע מיידעל? ערנידריגען זי אין י ע נ ע ר ם פארהאַס־טע אויגען? טאָ צו וואָס, וועט מען שוין נאָכדעם קומען מיט אונ־זער מיטלייד? דאָס איז דאָך אונגלויבליכע איבערטרייבונגען? צו קען מען דען, ליעב האָבען א מיידעל און איהר אזוי ערנידריגען פאַר איהר געגנערין, אוועקוואַרפען זי צוליב א צווייטער, טאַקע אין די אויגען פון דער דאָזיגער צווייטער, אין דער צייט, ווען איהר אליין האָט איהר געמאַכט אָן אָרנעטליכען פארשלאַג... און איהר האָט דאָך איהר געמאַכט א פאַרשלאַג, ארויסגעזאָגט איהר אין די אויגען פון די עלטערין און די שוועסטער! און נאָך דעם אלעמען, זייט איהר דען אָן אָרענטליכער מענש, פירשט, ערלויבט מיר אייך צו פרעגען? און... האָט איהר דען ניט אָפּגענאַרט א געטליכע מיידעל, מאַכענדיג איהר צו גלויבען אז איהר האָט זי געליעבט?

— געוויס, געוויס איהר האָט רעכט. אַך איך פיהל, אז איך בין שולדיג! האָט ארויסגעזאָגט דער פירשט אין שטאַרקען טרויער.

— און איז דען דאָס גענוג? האָט אויסגעשריען עווגעני פּאַוו־לאָוויטש אין גרויס צאָרען — איז דען גענוג נור אויסצושרייען: „אַך, איך בין שולדיג!“ איהר זייט שולדיג און דאָך זייט איהר איינ־

געשפּאַרט! און וואו איז דאָן געוועזן אייער האַרץ, אייער „קריסטליך" האַרץ! איהר האָט דאָך דאָן אין יענער מינוט געזעהן איהר געזיכט; האָט זי דען ווענינער געליטען ווי יענע, ווי איי ער צווייטע, די צושיידערין? ווי אַזוי זשע האָט איהר דאָס אַלעס געזעהן און דערלאָזט? ווי אַזוי?

— אָבער... איך האָב דאָך ניט דערלאָזט... האָט אַרויסגעמורמעלט דער אומגליקליכער פירשט.

— ווי אַזוי האָט איהר ניט דערלאָזט?

— איך האָב, איך שווער אייך מיט גאָט, גאַרנישט דערלאָזט. איך פאַרשטעה נאָך ביז איצט ניט ווי אַזוי אַלעס דאָס האָט זיך אָפּגעטאָן... איך — איך בין דאָן נאָכגעלאָפען נאָך אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, נור נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ האָט גע'חלש'ט; און דערנאָך לאָזט מען מיך ביז איצט נאָך ניט צו צו אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ.

— דאָס מאַכט ניט! איהר האָט געדאַרפט נאָכלויפען נאָך אַגלאַיען כאָטש די צווייטע איז געלעגען אַ גע'חלש'טע!

— יע... יע, איך האָב געדאַרפט... זי וואָלט דאָך אָבער געשטאָרבען! זי וואָלט דאָך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איהר קענט זי ניט און... אַלץ איינס, וואָלט איך דאָך דערנאָך אַלץ דערצעהלט צו אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ און... פאַרשטעהט איהר מיך, עווגעני פּאַוולאָוויטש, איך זעה, אַז איהר, דוכט זיך, ווייסט ניט אַלעס. זאָגט, פאַר וואָס לאָזט מען מיך ניט צו אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ? איך וואָלט דאָך איהר אַלץ ערקלעהרט. איהר פאַרשטעהט; זיי ביידע האָבען דאָן גערעדט ניט וועגען דעם וואָס מען דאַרף רעדען, גאַר ניט וועגען דעם, דערפאַר איז דאָס ביי זיי אַזוי אַרויסגעקומען... איך קען עס אייך בשום אופן ניט ערקלערען; אָבער אַגלאַיאַן, מעגליך, וואָלט איך עס יע ערקלעהרט... אַך, גאָט מיינער, גאָט מיינער! איהר רעדט וועגען איהר געזיכט ווען זי איז דאָן אַרויסגעלאָפען... אָ, גאָט מיינער, איך געדענק!... קומט, קומט! האָט ער פּלוצלינג אויפשפּרינגענדיג פון אָרט געכומען שלעפּען עווגעני פּאַוולאָוויטש'ן פאַר'ן אַרבעל.

— וואוהין?

— לאָמיר געהן צו אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ, לאָמיר שוין געהן!...

—אָבער זי איז דאָך ניט אין פּאַוולאָווסק, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, און צו וואָס געהן?

— זי וועט פאַרשטעהן, פאַרשטעהן! האָט געמורמעלט דער פירשט, אויפלעגענדיג תפלה׳דיג די הענט — זי וועט פאַרשטעהן, אז דאָס אַלץ איז ניט ד אָ ס, נור גאָר גאָר עפּעס אַנדערש!

— וואָס הייסט, עפּעס אַנדערש? אָט פונדעסטוועגען קלייבט איהר זיך דאָך חתונה האָבען? הייסט דאָך, אז איהר זייט נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט... קלייבט איהר זיך חתונה האָבען אָדער ניט?

— נו, געוויס... וועל איך חתונה האָבען; געוויס וועל איך חתונה אָבען!

— איז, וואָס זשע מיינט איהר מיט דעם ניט דאָס?

— אָ, ניין ניט דאָס ניט דאָס! דאָס איז אַלץ איינס צו איך וועל חתונה אָבען צו ניט, דאָס איז גאַרנישט!

— וואָס הייסט, דאָס איז אַלץ איינס און ס׳איז גאַרנישט? דאָס איז דאָך ניט קיין קליינינקייט? איהר האָט חתונה מיט א גע־ליבטער פרוי, כדי צו פאַרשאַפען איהר גליק, און אַגלאַיא איוואַנאָוו־נא ווייסט דאָס און זעהט עס, איז ווי זשע איז דאָס אַלץ איינס?

— גליק? אָ, ניין! איך וועל גלאַט אַזוי חתונה האָבען; זי וויל; און וואָס מאַכט עס אויס וואָס איך וועל חתונה האָבען; איך... נור דאָס איז אַלץ איינס! נור זי וואָלט אונבאַדינגט גע־שטאָרבען. איצט זעה איך, אז די דאָזיגע חתונה מיט ראָגאָזשינען איז געווען א משוגעת! איצט האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען, דאָס וואָס איך האָב פריהער ניט פאַרשטאַנען. און פאַרשטעהט איהר מיך. ווען זיי ביידע זיינען דאָן געשטאַנען איינס געגען דער צווייטער, האָב איך דאָן ניט געקאָנט איבערטראָגען נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַס גע־זיכט! ... איהר ווייסט ניט, עווגעני פּאַוולאָוויטש, (ער האָט געהיימ־ניספול אַרנטערגעלאָזט די שטימע), איך האָב עס קיינמאָל, קיינעם ניט דערצעהלט, אפילו אַגלאַיאַ׳ן אויך ניט. נור איך קען ניט איבער־טראָגען נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ׳ס געזיכט... איהר האָט פריהער ריכ־טיג געזאָגט וועגען יענעם אָוונט ביי אַסטאַסיא פיליפּאָוונא. נור דאָ איז געווען נאָך איין זאַך וואָס איהר האָט דורכגעלאָזט, ווייל איהר ווייסט עס ניט; איך האָב געקוקט אויף א י ה ר ג ע ז י כ ט! איך האָב נאָך דאָן אין דער פריה, דערזעהענדיג זי אויף׳ן פּאָרטרעט ניט געקאָנט איבערטראָגען... אָט האָט ווערא לעבעדעוו גאָר גאַנץ

אַנדערע אויגען ; איך... איך שרעק זיך פאַר איהר געזיכט !... האָט ער צוגעגעבען אין גרויס שרעק.

— איהר שרעקט זיך ?

— יע. זי איז — אַ וואהנזיניגע ! האָט ער ארויסגעשעפּטשעט בלייך ווערענדיג.

— איהר ווייסט עס אויף זיכער ? האָט געפרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט עווגעני פּאוולאָוויטש.

— יע, אויף זיכער ! איצט שוין אויף זיכער ; איצט, אין די דאָזיגע טעג, האָב איך זיך שוין גאָר אויף זיכער דערוואוסט !

— וואָס זשע קלייבט איהר זיך טאָן מיט זיך ? האָט מיט שרעק אויסגעשריען עווגעני פּאוולאָוויטש — הייסט עס, אַז איהר ווערט חתונה האָבען אוים מורא ? דאָ איז זעהר שווער זיך פאַנאַנדער־פּלאָנטערן... און אפילו, מעגליך גאָר אָהן ליבע ?

— אָ, ניין, איך האָב זי ליעב מיט'ן גאַנצען הארצען ! איהר פאַרשטעהט דאָס איז דאָך... אַ קינד. איצט איז זי שוין גאָר אַ קינד ! איהר ווייסט גאָרנישט ניט !

— און אין דער זעלבער צייט האָט איהר פאַרזיכערט אין אייער ליבע אַגלאַיא איוואַנאָווגא אויך ?

— אָ געוויס, געוויס !

— ווי אזוי זשע איז דאָס מעגליך ? הייסט עס אַז איהר ווילט ליבען ביידען ?

— אָ געוויס, געוויס !

— ענטשולדיגט פּירשט, וואָס רעדט איהר ? באַדענקט זיך ?

— איך וועל אָהן אַגלאַיען... איך מוז זי אונבאַדינגט זעהן ! איך... איך וועל אין גיכען שטאַרבען אין שלאָף. איך האָב געדענקט, אַז איך וועל היינטיגע נאַכט שטאַרבען אין שלאָף. אָ, ווען אַגלאַיאַ וואָלט געוואוסט, פון אַלץ... דאָס הייסט אונבאַדינגט אַלץ. ווייל די הויפּט זאַך מוז מען דאָ וויסען אַלץ ! פאַר וואָס קענען מיר קיינ־מאָל ניט וויסען אַ ל ץ ווענען אַ צווייטען, ווען דאָס איז נויטיג, ווען דער דאָזיגער צווייטער איז שולדיג ! איבעריגענס, ווייס איך ניט וואָס איך רעד, איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט ; איהר האָט מיך

שרעקליך ערשטוינט... און איז דען מעגליך, אַז זי האָט אויך איצט דעם זעלבען געזיכט ווי דאַן, ווען זי איז ארויסגעלאָפען? אַ, יע, איך בין שולדיג! זיכערער פון אַלץ אז איך בין שולדיג אין אַלץ! איך ווייס נאָך ניט באַשטימט אין וואָס, אָבער איך בין שולדיג... דאָ איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איך קען אייך ניט ערקלעהרען, עווגעני פּאוו־לאָוויטש, און מיר פעהלען ווערטער, אָבער אַגלאַיא איוואַנאָוונאַ וואָלט פאַרשטאַנען! אַ, איך האָב אַלעמאָל געגלויבט, אַז זי וואָלט פאַרשטאַנען.

— ניין, פּירשט, זי וועט ניט פאַרשטעהן! אַגלאַיא איוואַנאָוונאַ האָט געליבט ווי אַ פרוי, ווי אַ מענש און ניט ווי... אַן אַבסטראַקטער גייסט. ווייסט איהר גאָר וואָס, מיין ארימער פּירשט; זיכערער פון אַלץ איז, אַז איהר האָט ניט די און די צווייטע קיינמאָל ניט גע־ליבט!

— איך ווייס ניט... מעגליך, מעגליך. איהר זייט אין פיעל זאַכען גערעכט, עווגעני פּאוולאָוויטש. איהר זייט זעהר קלוג עווגעני פּאוולאָוויטש; אַך, מיין קאָפּ הויבט מיר ווידער אַן וועה צו טאָן, קומט זשע לאָמיר געהן צו איהר! כ'בעט אייך, כ'בעט אייך!

— אָבער איך זאָג דאָך אייך, אַז זי איז ניטאָ אין פּאוולאָווסק, אַז זי איז אין קאַלמינאָ.

— לאָמיר פאָהרען אין קאַלמינאָ, לאָמיר שוין פאָהרען!

— דאָס איז אונ־מעג־ליך! האָט אויסגעצויגען עווגעני פּאוו־לאָוויטש אויסשטעלענדיג זיך.

— הערט מיך אוים איך וועל אָנשרייבען אַ בריף; פּיהרט אָפּ דעם בריף.

— ניין, פּירשט, ניין! באַפרייט מיך פון אַזעלכע שליחות'ן, איך קען ניט!

זיי האָבען זיך צושיידט. עווגעני פּאוולאָוויטש איז אוועק מיט מאָדנע איבערצייגונגען און לויט זיין מיינונג איז אויסגעקומען, אַז דער פּירשט איז אַביסעלע ניט ביים זינען. און וואָס אַזעלכעס מיינט דאָס דאָזיגע געזיכט פאַר וועלכען ער שרעקט זיך אַזוי און וועלכען ער האָט אַזוי ליעב! און אין דער זעלבער צייט, איז מעג־ליך, אַז ער וועט טאַקע שטאַרבען אָהן אַגלאַיען, אַזוי, דאָס אַגלאַיא

וועט מעגליך זיך ניט דערוויסען, אַז ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליעב! כאַ־כאַ! און ווי אַזוי קען מען עס ליבען צווייען מיט אמאָל? צווייען מיט באַזונדערע ליבעס אַזעלכע? דאָס איז אינטערעסאַנט... אָרימער אידיאָט! און וואָס וועט מיט איהם איצט זיין?

צעהנטער קאַפּיטעל

פּונדעסטוועגען איז דער פירשט ביז זיין חתונה ניט געשטאָרבען, ניט אויף דער וואָך און ניט אין שלאָף, ווי ער האָט פּאָראויסגעזאָגט עווגעני פּאַוולאָוויטשען. מעגליך, אַז ער האָט טאַקע שלעכט געשלאָפען און געזעהען שלעכטע חלומות; נור ביי טאָג, מיט מענשען האָט ער אויסגעקוקט גוט און אפילו צופרידען, אָפּטמאָל בלויז זעהר פאַרטראַכט, נור דאָס פלעגט געשעהן ווען ער פלעגט בלייבען אליין, מיט דער חתונה האָט מען זיך צוגעאיילט; זי איז אויסגעקומען מיט אַ וואָך שפּעטער נאָך עווגעני פּאַוולאָוויטשעס באַזוך. ביי אַזאַ איילעניש וואָלטען אפילו, דעם פירשט׳ס בעסטע פריינד, ווען ער וואָלט אַזעלכע געהאַט, ענטוישט געוואָרען אין זייערע באַמיהונגען צו „רעטען“ דעם אומגליקליכען משוגענעם. עס האָבען זיך אַרומגעטראָגען קלאַנגען אַז אין עווגעני פּאַוולאָוויטשעס באַזוך זיינען טהיילווייז געווען שולדיג דער גענעראַל איוואַן פּיאָדאָראָוויטש און זיין פרוי, ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיעוונאַ. נור ווען אפילו זיי ביידע וואָלטען פון גרענצלאָזער גוטסקייט געוואָלט רעטען דעם אָרימען משוגענעם פון אַבגרונד, האָבען זיי זיך געוויס, געמוזט באַגרענצען מיט דעם דאָזיגען שוואַכען פאַרזוך; ניט זייער לאַגע, ניט אפילו זייער הערצענס־וואונש (אַ זאַך וואָס איז נאַטירליך), זיינען ניט געווען פּאַסיג פאַר מעהר ערנסטערע באַמיהונגען. מיר האָבען אויך דערמאָנט, אַז אפילו די וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט אַרום פירשט זיינען אויך געווען געגען איהם. איבעריגענס, ווערא לעבעדעוו האָט

האט זיך בלויז באנוגענט מיט טרערען פאר זיך, און נאך מיט דעם, וואס זי איז מעהרער געזעסען ביי זיך אין הויז און איז ווענינער ארייננעקומען צום פירשט ווי פריהער. קאליא האט אין דער צייט באגראבען דעם פאטער; דער אלטער איז געשטארבען פון א צווייטער אפאפלעקסיע־פאל, וועלכער איז געשעהן מיט אכט טאג שפעטער נאך'ן ערשטען. דער פירשט האט גענומען א גרויסען אנטהייל אין דעם פאמיליען־אומגליק און אין די ערשטע טעג האט ער צו עטליכע שטונדען פארבראכט ביי נינא אלעקסאנדראווא; ער איז געוועזען צו דער קבורה, און אין קירכע. א סך'ן האבען באמערקט, אז דאס פובליקום, וועלכע איז געוועזען אין קירכע האט מיט א שעפטשען באגעגענט און באגלייט דעם פירשט; דאס זעלבע איז געוועזען אויך אין גאס, און אין גארטען ווען ער פלעגט דורכגעהן אדער דורכפאהרען, עס פלעגט זיך הערען א גערעדעריי, מען פלעגט אנרופען זיין נאמען מען האט אויף איהם אנגעוויזען, עס האט זיך געהערט דער נאמען, מען האט אויף איהם אנגעוויזען, עס האט זיך געהערט דער לויה, נור זי איז אויף דער לויה ניט געוועזען. אויך די קאפיטאנשע איז אויף דער שלויה ניט געוועזען. דאס זינגען האט אויך דעם פירשט געמאכט א שטארקען און קרענקליכען איינדרוק; נאך זייענדיג אין קירכע האט ער א שעפטשע געטאן לעבעדעווען אלס ענטפער אויף זיינער א פראגע, אז דאס איז דאס ערשטע מאל וואס ער טוט בייוואינען א „פראוואסלאוונע מעססע", און נור אין דער קינדהייט געדענקט יזר נאך אזא „מעססע", אין עפעס א דארפישער קירכע.

— עס איז אזוי, עס איז פונקט ווי גאר ניט דער אייגענער מענש ליגט עס אין קאסטען, דער מענש וועלכען מיר האבען ניט לאנג געמאכט פאר פארזיצענדען, געדענקט איהר? האט לעבעדעוו א שעפטשע געטאן צום פירשט — וועמען זוכט איהר עס?

— אזוי זיך, גארנישט, מיר האט זיך אויסגעדוכט?

— אפשר ראגאזשינען?

— איז ער דען דא?

— יע, ער איז דא.

— האט זיך מיר אויסגעדוכט אזוי ווי איך וואלט זיינע אויגען געזעהען, האט דער פירשט צוטראגענערהייט געמורמעלט — אבער ווי אזוי קומט ער אהער? האט מען איהם דען געלאדען?

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. ער איז דאָך אפילו גאָר מיט זיי ניט באַקאַנט. דאָ קומט דאָך יעדער, ס׳קומט א פּובליקום. נור וואָס האָט איהר זיך אַזוי פאַרוואונדערט ? איך באַגעגען זיך מיט איהם איצט גאַנץ אָפט ; איך האָב איהם שוין לעצטע וואָך דאָ, אין פאַוו־לאָווסק, אמאָל דריי באַגעגענט.

— איך האָב איהם נאָך קיין איין מאָל ניט געזעהן... פון יע־נער צייט אָן... האָט דער פירשט אַרויסגעמורמעלט.

אַזוי ווי נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא האָט נאָך איהם קיין איין מאָל ניט געלאָזט וויסען וועגען דעם, אַז זי האָט פון „דאַמאָלט אָן" באַ־געגענט ראָגאָזשינען, האָט דער פירשט איצט באַשלאָסען, אַז ראָ־גאָזשין ווייזט זיך צוליב עפּעס וואָס אומישנע ניט אין די אויגען. דעם גאַנצען דאָזיגען טאָג איז ער געווען זעהר פאַרטראַכט. נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא אָבער איז געווען אויסערגעוועהנליך פרעהלאַך יענעם גאַנצען טאָג און אין יענעם אָוונט.

קאָליא, וועלכער האָט זיך איבערגעבעטען מיט׳ן פירשט, נאָך פאַר דעם פאָטערס טויט האָט איהם פאַרגעשלאָגען צו איינלאַדען, (ווייל די זאַך איז געווען א בעשטימטע) אלס אונטערפיהרער קע־לערן און בורדאָווסקין. ער האָט גוט געזאָגט פאַר קעלערן ,אַז יענער וועט זיך פיהרען אַנשטענדיג און אפשר וועט ער אויך „צונוטץ קומען" און וועגען בורדאָווסקען איז ניט געווען וואָס צו רעדען דאָס איז א שטילער און באַשיידענער מענש. נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און לעבעדעוו האָבען באַמערקט דעם פירשט, אַז אויב עס איז שוין באַ־שלאָסען געוואָרען די חתונה, טאָ צו וואָס עפּעס זי מאַכען אין פאַוו־לאָווסק, און נאָך אין א דאַטשע־און מאָדע־סיזאָן, צו וואָס אַזוי עפענטליך ? איז דען ניט גלייכער אין פּעטערבורג און טאָקע אין דער היים ? דעם פירשט איז שוין צופיעל קלאָר געוואָרען צו וואָס עס האָבען געפיהרט אָט די אַלע זאָרגען, נור ער האָט געענטפערט קורץ און איינפאַך, אַז אַזוי וויל אונבעדינגט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא.

אויף מאָרגען איז אַראָפּגעקומען צום פירשט אויך קעלער, וועלכער האָט געקראָגען דעם אָנזאָג, אַז ער איז דער אונטערפיהרער. איידער ער איז אַריין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין טיהר, און גלייך ווי ער האָט דערזעהן דעם פירשט, האָט ער אויפגעהויבען אין דער

הויך די רעכטע האַנט מיט אַ פֿאַרבויגטען צייגע־פינגער און האָט אויסגערופען אין דער פֿאָרם פון אַ שבועה:

— איך טרינק ניט!

דערנאָך איז ער צוגעקומען צום פירשט האָט פעסט געדריקט און געטרייסעלט איהם ביידע הענט און ער האָט ערקלעהרט, אַז געוויס, נועז ער האָט פון אָנפאַנג דערהערט איז ער געוועזן פיינדליך געשטימט, אַ זאַך וואָס ער האָט אויך געלאָזט וויסען ביים ביליארד־שפּיעל, און ניט פאַר קיין אַנדער זאַך, נור בלויז צוליב דעם, ווייל ער האָט געזאָרגט פאַר'ן פירשט. און יעדען טאָג, האָט ער מיט דעם אומגעדולד פון אַ פריינד, געוואַרט צו זעהן איהם חתונה האָבען ניט אַנדערש, ווי מיט אַ פּרינצעסין דע־ראָגאַן, אָדער אמווינציגסטענס, דע־שאַבאַ; נור איצט זעהט ער אליין, אז דער פירשט דענקט אמווינציגנגסטענס, צוועלף מאָל ערענטליכער פון זיי אלעמען „צוזאַמען גענומען"! ווייל ער דאַרף ניט קיין גלאַנץ, און קיין רייכטהום און אפילו ניט קיין עהרע, נור בלויז דעם אמת! די סימפּאַטיעס פון די הויכגעשטעלטע פּערזאָנען זיינען צו גוט באַקאַנט, און דער פירשט איז צו הויך מיט זיין בילדונג אום ניט צו זיין אַ הויכע פּערזענליכקייט, אין אַלגעמיין רעדענדיג. נור יעדער גאַרנישט אין יעדער שנעק דענקט אַנדערש; אין שטאָט, אין די הייזער אויף פּאַרזאַמלונגען, אויף די דאַטשעס, אויף דער מוזיק, אין די שענקלאַך, ביי די ביליאַרדען, האַלט מען נור אין איין רעדען, האַלט מען נור אין איין פילדערן וועגען דעם פאַרשטעהענדער געשעהעניש, ער האָט געהערט, אַז מען וויל אפילו מאַכען אַ „קאַצען־קאָנצערט" אונטער די פענסטער, און דאָס אַזוי צו זאָגען אין דער ערשטער נאַכט! „אויב איהר, פירשט, דאַרפט אַ פּיסטאָלעט פון אַן ערענטליכען מענשען בין איך גרייט אויסצושיסען אַ האַלבען טוצען עהרווירדיגע אויסשיסע איידער נאָך איהר ווערט זיך אויף מאָרגען אויפהויבען פון אייער „האָניג־בעט". ער האָט אויך געראַטען, אום צו פאַרהיטען פון אַ גרויסען צופלוס פון נייגעריגע, נאָך'ן ארויסגאַנג פון קירכע, צוצוגרייטען אויפ'ן הויף די פּאַזשאַרנע טרובע; נור לעבעדעוו איז געווען דאַגעגען; מען וועט די הויז אויף שפּענדלעך פאַנאַנדערטראָגען ווען מען וועט אזוי טאָן.

— דער דאָזיגער לעבעדעוו אינטריגירט געגען אייך. פירשט אויף

מיין וואָרט ! זיי ווילען אייך נעהמען אונטער רעגירונגס־אַפּעקע, קענט איהר זיך דאָס פאָרשטעלען, אז מען זאָל עס קענען טאָן מיט אַ מענשען פון אייער פרייען ווילען, און מיט אייער געלט. דאָס הייסט, מיט צוויי זאַכען וועלכע אונטערשיידען יעדען איינעם פון אונז פון אַ פיערפיסיגער חיה ! איך האָב עס געהערט ! סאיז דער ריינער אמת !

דער פירשט האָט זיך דערמאָנט, אז אויך ער האָט עפּעס אזוינס געהערט, נור עס פאָרשטעהט זיך, אז ער האָט דערצו ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. אויך איצט האָט ער זיך בלויז צולאַכט און טאַקע גלייך ווידער פאַרגעסען. לעבעדעוו האָט טאַקע אַ געוויסע צייט געבלאָפּאָטשעט ; די פּלענער פון דעם דאָזיגען מענשען פלעגען ביי איהם שטענדיג געבוירען ווערען ווי אין שטימונג, און פון צופיעל היציקייט האָבען זיי זיך פאַרגרעסערט און צוצווייגט און זיינען אוועק פון זייער ערשטען פונקט, אין פאַרשיעדענע זייטען ; אָט דערפאַר איז איהם זעהר ווייניג וואָס זאַכען געלונגען אין זיין לעבען.

ווען ער איז נאָכדעם געקומען שוין כמעט אַ טאָג פאַר דער חתונה צום פירשט בעטען פאַרגעבונג, (ער האָט געהאַט אַ געוואוינ־הייט אונבאַדינגט צו קומען בעטען פאַרגעבונג ביי די, געגען וועלכע ער האָט געאינטריגירט און דערהויפּט ווען עס פלעגט איהם ניט גע־לינגען), האָט ער איהם ערקלעהרט, אז ער איז געבאָרען געוואָרען צו זיין אַ טאַילעיראַן און ס'איז אונבאַקאַנט צוליעב וואָס פאַר אַן אור־זאַכע איז ער געבליבען בלויז אַ לעבעדעוו. און דערנאָך האָט ער פאַר איהם אויפגעדעקט דעם גאַנצען שפּיעל מיט וואָס ער האָט זעהר שטאַרק פאַראינטערעסירט דעם פירשט. לויט זיינע ווערטער, האָט ער אָנגעהויבען דערפון וואָס ער האָט זיך גענומען זוכען דעם שוץ פון הויכגעשטעלטע פּערזענליכקייטען, אויף וועלכע ער זאָל זיך קע־נען אָנשפּאַרען אין פאַל ווען עס וועט זיין נויטיג. און ער איז גע־גאַנגען צום גענעראַל איוואַן פּעאָדאָראָוויטש. דער גענעראַל איוואַן פּיאָדאָראָוויטש איז געוועזען ערשטוינט, ער האָט געוואונשען זעהר פיעל גליק דעם „יונגען מענשען“. נור ער האָט ערקלעהרט, אז ביי זיין גאַנצען ווילען צו רעטען איהם, פּאַסט דאָס ניט פאַר איהם. ליזאַוועטאַ פּראָקאָפּיאָוונאַ האָט איהם ניט געוואָלט הערען און זעהן. עווגעני פּאַוולאָוויטש און פירשט שטש. האָבען זיך בלויז מיט די

הענט אָפּגעשאָקעלט. נור ער, לעבעדעוו האָט דעם מוטה ניט פאַר־לאָרען און ער האָט זיך באַראַטען מיט איינעם א גוואַלדיגען יוריסט. אַז עהרווירדיגער אַלטיטשקער זיינער א גרויסער פריינד און כמעט א וואָהלטהעטער; יענער האָט באַשלאָסען, אַז דאָס איז אַ גאַנץ מעג־ליכע זאַך, מען דאַרף בלויז האָבען קאָמפּעטענטע עדות אַז דער פאַר־שטאַנד איז אין אונאָרדנונג און וואָהרען וואַהנזין, און דערצו די הויפּט זאַך, דער שוץ פון הויכגעשטעלטע פּערזענליכקייטען. לעבע־דעוו האָט זיך דאָ אויך ניט פאַרלאָרען, און ער האָט איינמאָל גע־בראַכט אפילו צום פירשט א דאָקטאָר, אויך אַן עהרווירדיגען אַל־טיטשקען א דאַטשניק, מיט אַן „אננא“ אויפ’ן האַלז, איינציג בלויז צוליעב דעם כדי צו באַטראַכטען, אַזוי צו זאָגען, דעם פּלאַץ, זיך באַקאַנען מיט’ן פירשט און דערוויַיל ניט אָפיציעל, נור אַזוי צו זאָ־גען מעשה פריינד, געבען ווענען איהם זיין מיינונג. דער פירשט האָט געדענקט דעם דאָזיגען באַזוך פון דאָקטאָר, ער האָט געדענקט, אַז לעבעדעוו איז נאָך מיט א טאָג בעפאָר צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער איז ניט געזונט און ווען דער פירשט האָט זיך ענטשיעדען אָפּגע־זאָגט פון מעדיציַן, איז ער פּלוצלינג אָראָפּגעקומען מיט אַ דאָקטאָר, מיט דעם אויסרייד, אַז זיי גּעהען עם איצט ביידע פון דעם הערר טער־רענטיעוו, וועלכען עס איז זעהר ניט גוט און אַז דער דאָקטאָר האָט עפּעס־וואָס צו איבערגעבען דעם פירשט וועגען דעם קראַנקען. דער פירשט האָט געגלויבט לעבעדעוו’ען און האָט אויפגענומען דעם דאָקטאָר מיט גרוים פריינדליכקייט. באַלד האָט מען זיך פאַנאַנ־דערגערעדט וועגען דעם קראַנקען איפּאָליט דער דאָקטאָר האָט גע־בעטען צו דערצעהלען מיט מעהר איינצעלהייטען די דאַמאָלסדיגע סצענע מיט’ן זעלבסטמאָרד און דער פירשט האָט איהם אין גאַנצען הינגעריסען מיט זיין ערצעהלונג, און מיט דער ערקלעהרונג פון דער געשעהעניש. מען האָט זיך צורעדט וועגען דעם פּעטערבורגער קלי־מאַט, ווגען דער קראַנקהייט פון דעם פירשט זעלבסט, וועגען דעו־שווייץ, וועגען שניידער’ן מיט דער פּאַרלעזונג פון שניידערס סיסטעם פון קורירונג און מיט דעם פירשט’ס ערצעהלונגען האָט ער אויף אַזוי פיעל פאַראינטערעסירט דעם דאָקטאָר, אַז יענער איז אָפּגעזעסען צוויי שטונדען, דערביי האָט ער געברויכט דעם פירשט’ס אויסגע־צייכענטע סיגאַרען און פון לעבעדעוו’ס זייט האָט זיך באַוויזען א

געשמאַקער ליקער, וועלכע עס האָט געבראַכט צוטראָגען ווערא. דער־
ביי האָט דער דאָקטאָר א פארהייראַטער און פאַמיליען מענש גענו־
מען געבען ווערא'ן קאָמפּלימענטען מיט וועלכע ער האָט זי ארייג־
געבראַכט אין גרויס כעס. מען איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַלס
פריינד. ארויסגעהענדיג פון פירשט האָט דער דאָקטאָר געלאָזט ווי־
סען לעבעדעווען אז ווען מען זאָל אַזוינע נעהמען אונטער אַפּעקע
איז ווען ווענען וואָלט מען געקענט מאַכען פאַר אַפּעקונעס ? אויף דער
טראַגישער דערצעהלונג פון לעבעדעוו, וועגען דער פארשטעהענדער
באַלדיגער געשעהעניש, האָט דער דאָקטאָר כיטרע געשאָקעלט מיט'ן
קאָפּ, און האָט ענדליך באַמערקט, אז שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם,
„וואָס מאַלע וואָס ווער מיט ווען ווענען עס האָט חתונה" באַזיצט די באַצוי־
בענטע פּערזאָן, אַמווינציגסטענס, אויף ווי פיעל ער האָט געהערט,
באַזיצט אויסער גוואַלדיגע שענקייט, וואָס דאָס אַליין קענען באַצוי־
בערען א מענשען מיט געלט, אויך דערצו א גרויסען קאַפּיטאַל פון
טאַצקין און ראַגאַזשינען, פערל און בריליאַנטען, טיכער און מעבעל,
און דארום באַווייזט דער פארשטעהענדער אויסוואַהל, ניט נור ניט
פון דער זייט פון דעם טהייערען פירשט, אַזוי צו זאָגען, א באַזונדער
אין די אויגען זיך ווארפענדע נאַרישקייט, נור פאַרקעהרט, ער באַ־
שטעטיגט גראַדע וועגען דער כיטרעקייט, דינעם וועלטליכען פאַר־
שטאַנד און קלוגער אויסרעכענונג. און פאַלגליך פיהרט עס צו א
פערקעהרטען און אנגענעהמען אויספיהר און פאַר דעם פירשט"..
דער דאָזיגער געדאַנק האָט ערשטוינט אויך לעבעדעווען ; און דער־
ביי איז ער געבליבען, און איצט האָט ער צוגעלעגט דעם פירשט.
„איצט איז אויסער איבערגעבענהייט ביז בלוט־פאַרגיסונג וועט איהר
מעהר פון מיר ניט זעהן און דערמיט בין איך געקומען".

אונטערהאַלטען האָט דעם פירשט אויך אין די לעצטע טעג
איפּאָליט ; ער האָט זעהר אָפט געשיקט נאָך איהם. זיי האָבען גע־
וואוינט ניט ווייט, אין א קלייניקער הויז, די קליינע קינדער, דער
ברודער און די שוועסטער פון איפּאָליט, זיי זיינען געווען שוין דער־
מיט אַמווייניגסטענס צופרידען פון דער דאַטשע, וואָס וואָס זיי
האָבען געקענט אַנטלויפען פון דעם קראַנקען אין סאַד ; די אָרימע
קאַפּיטאַנשע אָבער איז געבליבען אין זיין רשות און אַלס זיין
פאַלקאָמענער קרבן. דער פירשט האָט געמוזט זיי פאַנאַנדערנעהמען

און מאַכען שלום צווישען זיי יעדען טאָג. און דער קראַנקער האָט פאַרטגעזעצט איהם צו רופען „מיין ניאַנקע" אין דער זעלבער צייט פאַראַכטענדיג איהם פאר זיין ראָלע פון א שלום־מאַכער. ער האָט געהאַט גרויסע טענות צו קאַליא'ן פאר וואָס יענער געהאט צו איהם, כמעט, ניט פריהער בלייבענדיג מיט'ן שטארבענדען פאָטער און דערנאָך מיט דער אלמנה־געוואָרענער מוטער. דערנאָך האָט ער גע־מאַכט פאר דעם ציעל פון זיין שפּאָט די נאָהענטע חתונה פון פירשט מיט נאַסטאסיא פיליפּאָוונא, און ער האָט געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט באַלעדיגט דעם פירשט און איהם ענדליך ארויסגעבראַכט פון די כלים, יענער האָט איהם אויפגעהערט באַזוכען. אין א פּאָר טעג ארום איז אין דער פריה, זיך געקומען צושלעפען די קאַפּיטאַנשע און מיט טרערען אין די אויגען געבעטען דעם פירשט צו געהן צו זיי, וויל ווען ניט וועט י ע נ ע ר זי אויפעסען. זי האָט צוגעגעבען, אז ער וויל ענטדעקען אַ גרויסען סעקרעט. דער פירשט איז אוועק. איפּאָליט האָט געוואָלט שליסען שלום, זיך צעוויינט, און זעלבסט־פאַרשטענדליך אז ער איז נאָך מעהר בעז געוואָרען, נור ער האָט זיך געשראָקען ארויסצעווייזען זיין בייזקייט. ער איז געווען זעהר שוואַך, און מען האָט געקענט זעהן אז ער וועט שוין גאָר אין גיכען שטאַר־בען, קיין סעקרעט האָט ער ניט געהאַט, אויסער די איינציגע שטאַר־קע אזוי צו זאָגען, פון אויפרעגונג קוים ארויסגערעדטע, ביטעס (מעג־ליך, געמאַכטע) „צו היטען זיך פון ראַגאָזשינען". „דאָס איז אַזאַ מענש, וועלכער וועט זיינס ניט איבערלאָזען, דאָס איז, פירשט, ניט אייער און מיינס גלייכען; אָט דער דאָזיגער ווען ער וועט עפּעס וועלען טאָן וועט ער שוין זיך ניט אָפּשרעקען"... און אז. וו. און אז. וו. דער פירשט האָט גענומען פאַנאַנדערפרעגען מעהר איינצעלהייטען, האָט געוואָלט דערגעהן וועלכע ס'ניט איז פאַקטען; נור קיין שום פאַקטען זיינען ניט געווען אויסער איפּאָליט'ס פערזענליכע פיהלונגען און איינדריקע. צו זיין גרוים צופרידענהייט, האָט איפּאליט געענ־דיגט דערמיט וואָס ער האָט שרעקליך אנגעשראָקען דעם פירשט. פון אַנהויב האָט דער פירשט ניט געוואָלט ענטפערען אויף איניגע פון זיינע פראַגען און ער האָט בלויז געשמייכעלט צו די עצות; „אז ער זאָל לויפען כאָטש אין אויסלאַנד, רוסישע גלחים זיינען דאָ אומעדום און מען קען אויך דאָרטען פראַווען די צערעמאָניע". נור ענדליך האָט

איפּאָליט גענענדיגט מיט פאָלגענדען געדאַנק: איך שרעק זיך דאָך בלויז פאַר אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ; ראָגאָזשין ווייס ווי שטאַרק איהר האָט זי ליעב. אַ ליבע פאַר אַ ליבע. איהר האָט ביי איהם אָפּגענומען נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ און ער וועט דער׳הרג׳ענען אַגלאַיאַ איוואַנאָוונאַ; כאָטש זי איז איצט ניט אייערע נור פונדעסטוועגען וועט עס דאָך אייך זיין שווער צו איבערטראָגען, איז דאָס ניט אַזוי?״ ער האָט זיין ציעל דערגרייכט; דער פירשט איז פון איהם אַוועק זעהר אַ צוטראָגענער.

אָט די דאָזיגע וואַרנונגען וועגען ראָגאָזשין זיינען געקומען שוין אַ טאָג פאַר דער חתונה. אין דעם דאָזיגען אָוונט, דעם לעצטען מאָל פאַר דער חופּה, האָט זיך דער פירשט געזעהן מיט נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ; נור נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ איז ניט געווען בכח איהם צו באַרוהיגען, און אפילו אין גענענטהייל, זי האָט די לעצטע צייט נאָך פאַרשטאַרקט זיין צעטראָגענקייט. פריהער, מיט עטליכע טאָג צוריק, האָט זי ביי זייערע צוזאַמענקונפטען באַנוצט אַלע קרעפטען איהם פרעהלאַך צו מאַכען, זי האָט זיך שרעקליך געשראָקען פאַר זיין טרויערדיגען אויסזעהן; זי האָט אפילו געפּרואווט פאַר איהם זינגען, נאָר מעהרער פון אַלץ האָט זי איהם דערצעהלט אַלע וויציגע זאַכען וועלכע נור זי האָט זיך געקאַנט דערמאָנען. דער פירשט האָט כמעט שטענדיג געמאַכט אַז אָנשטעל ווי ער וואָלט זעהר געלאַכט. און אָפטמאָל האָט ער טאַקע אין אמת׳ן געלאַכט פון דעם גלענצענדען פאַרשטאַנד און ליכטיגען געפיהל מיט וועלכע זי האָט אָפט דערצעהלט ווען זי פלעגט הינגעריסען ווערען. און זי פלעגט הינגעריסען ווערען זעהר אָפט. אָבער דערזעהענדיג דעם פירשט׳ס לאַכען, דערזעהענדיג דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף איהם געמאַכט, פלעגט זי ווערען זעהר פרעהלאַך און געשטאָלצירט מיט זיך.

נור איצט איז איהר אומעטיקייט און פאַרטראַכטקייט געוואַקסען כמעט מיט יעדער שטונדע. זיינע מיינונגען וועגען נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ זיינען שוין געווען באַשטימט. פאַרשטענדליך, אַז ניט אַלץ אין איהר האָט זיך איהם אויסגעוויזען געהיימניספולעס און אונפאַרשטענדליכעס און ער האָט אייפריכטיג געלויבט, אַז זי קען נאָך אָפּלעבען. ער האָט גאַנץ ריכטיג געזאָגט צו עוגעני פּאַוולאָוויטש אַז ער ליבט זי אייפריכטיג און פאָלקאָם, און אין זיין ליבע צו

איהר איז טאַקע געווען פאַרבאַרגען עפּעס ווי אַ ליבע צו אַן עלענ־דען קראַנקען קינד, וועלכען עס איז שווער און אפילו אונמעגליך צו איבערלאָזען צו זיין אייגענעם שיקזאַל. ער האָט קיינעם ניט ער־קלעהרט וואָס פאַר אַ געפיהלען ער האָט צו איהר, און ער האָט אפילו ניט ליעב געהאַט צו רעדען וועגען דעם. ווען מען האָט ניט געקענט אויסמיידען קיין געשפּרעך; מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא אליין האָט ער קיינמאָל זיצענדיג צוזאַמען, ניט געשמועסט וועגען „זייערע גע־פיהלען". פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך געגעבען דאָס וואָרט ניט צו רעדען וועגען דעם. אין זייער געוועהנליכען, פרעהלאַכען און לעבע־דיגען געשפּרעך האָט יעדער איינער געקאָנט אנטהייל נעהמען. דאריא אלעקסעיוונא האָט נאַכדעם דערצעהלט, אַז יענע גאַנצע צייט האָט זי בלויז זיך געפרעהט און אַנגעקוואָלען אויף זיי קוקענדיג.

נור דער דאָזיגער בליק זיינער אויף דעם גייסטיגען און שכל'־דיגען צושטאַנד פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, האָט איהם טיילוויין אויסגעלייזט אויך פון אַ סך אנדערע מיספאַרשטענדניסע. איצט איז דאָס געווען גאַר אין גאַנצען אַן אנדער פרוי ווי יענע, וועלכע ער האָט געקאָנט מיט דריי מאָנאַטען צוריק. ער האָט, שוין איצט, צום ביי־שפּיל זיך ניט פאַרטראַכט, פאַר וואָס האָט זי דאַן מיט טרערען, קללות און פאָרווירפע ניט געוואָלט מיט איהם חתונה האָבען, און איצט באַ־שטעהט זי אליין וואָס שנעלער אויף דער חתונה? „דאָס מיינט, אַז איצט שרעקט זי זיך שוין ניט מעהר ווי דאַן, אַז חתונה האָבענדיג מיט איהם וועט זי איהם מאַכען אומגליקליך", האָט געטראַכט דער פירשט. אַזאַ האַסטיג־געבוירענער גלויבען אין זיך, האָט לויט זיין בליק, ניט געקענט ביי איהר זיין אַ נאַטירליכער, און ווידער איינמאָל איז ניט בלויז צוליב האַס צו אגלאיא'ן האָט אין איהר געקענט גע־בוירען ווערען דיער גלויבען: נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא האָט געקענט פיה־לען פיעל טיעפער, און געווים ניט אויס מורא פאַר איהר גורל מיט ראַגאָזשינען? מיט איין וואָרט, דאָ האָבען געקענט זיין פאַרמישט אויך די אלע אורזאַכען צוזאַמען מיט נאָך עפּעס; נור פאַר איהם איז געווען קלעהרער פון אלץ, אַז דאָ איז אונבעדינגט דאָס וואָס ער פאַר־דעכטיגט פון לאַנג, און אַז די אָרימע קראַנקע נשמה האָט עס ניט גע־קענט איבערטראָגען. דאָס אלעס כאָטש עס האָט איהם אויף אַ גע־וויסען אופן באַפרייט פון מיספאַרשטענדניסען, האָט איהם דאָך די

גאנצע צייט ניט געקאנט געבען ניט קיין רוהיגקייט און ניט קיין אפרוה. צייטענווייז האט ער זיך געמיהט פון גארנישט ניט טראכטען; אויף דער חתונה האט ער טאקע אין אמת'ן געקוקט עפעס ווי אויף א ניט וויכטיגער פארמאליטעט; זיין אייגענעם שיקזאל האט ער גענומען זעהר לייכט. און וואס עס געהערט זיך, צו די טענות, צו אזעלכע געשפרעכען, ווי צום ביישפיל דער געשפרעד מיט עווגעני פאוולאוויטש איז אויף דעם האט ער גאר קיין ענטפער ניט געהאט. און ער האט זיך געפיהלט אלס גאר ניט קאמפעטענט, און דערפאר האט ער אויסגעמידען אזעלכע געשפרעכען.

איבעריגענס, האט ער באמערקט, אז נאסטאסיא פיליפאוונא האט צו גוט געוואוסט און פארשטאנען, וואס עס האט פאר איהם באדייט אגלאיא. זי האט בלויז גאר ניט געזאגט, נור ער האט געזעהן איהר „געזיכט" אין יענער צייט ווען זי פלעגט איהם אפטמאל טרעפען זיך קלייבענדיג צו די עפאנטשינס. ווען די עפאנטשינס זיינען אוועקגעפאהרען האט זי ווי אויפגעשיינט. ווי וועניג ער האט באמערקט, נור איהם האט אנגעהויבען באאומרוהיגען דער געדאנק, אז נאסטאסיא פיליפאוונא וועט זיך באשליסען צו מאכען עפעס א סקאנדאל כדי ארויס'פטר'ן אגלאיא פון פאוולאווסק. דער טומעל און רעש איבער אלע דאטשעס, וועגען דער חתונה איז טהיילווייז געווען צוגעהאלפען פון נאסטאסיא פיליפאוונא צוליב דעם, כדי צו אויפרייצען איהר געגנערין. אזוי ווי די עפנאטשינס איז געווען שווער צו באגעגענען, האט נאסטאסיא פיליפאוונא איינמאל אריינגעזעצט אין איהר עקיפאזש דעם פירשט, און געהייסען פאהרען מיט איהם פארביי די פענסטער פון זייער דאטשע. דאס איז פאר'ן פירשט געווען א שרעקליכער סורפרייז; ער האט זיך געכאפט, לויט זיין שטייגער, ווען מען האט שוין די זאך ניט געקאנט פארריכטען, און ווען דער עקיפאזש איז שוין געווען דורכגעפאהרען הארט פארביי די פענסטער ער האט גארנישט געזאגט, נור נאך דער געשיכטע איז ער געווען צוויי טאג כסדר קראנק; נאסטאסיא פיליפאוונא האט עס שוין מעהר ניט ווידערהאלט. אין די לעצטע טעג פאר דער חתונה האט זי זיך זעהר שטארק גענומען פארטראכטען, נור זי האט שטענדיג געענדיגט דערמיט וואס זי האט באזיגט איהר טרויער, און איז ווידער געווארען פרעהלאך, נור עפעס ווי אביסעלע שטילער, ניט אזוי טומעלדיג, ניט

אזוי גליקליך־פרעהלאך ווי פריהער, נאָר גאָר ניט לאַנג. דער פירשט האָט פאַרדאָפּעלט זיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז געווען נייגעריג וואָס זי האָט מיט איהם קיינמאָל ניט אנגעהויבען רעדען וועגען ראַגאַזשינען, נור בלויז איינמאָל, א טאָג פינף פאַר דער חתונה, האָט מען פלוצלינג איהם געשיקט רופען פון דאריא אלעקסעיעוונא, אז ער זאָל גלייך קומען, ווייל נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא פיהלט ניט גוט. ער האָט זי געפונען אין א צושטאַנד וואָס איז עהנליך צו אמת'ער משוגעת; זי האָט געכליפּעט, געציטערט, געשריען אז ראַגאַזשין איז באַהאַלטען אין סאַד, טאַקע אין זייער הויז, אז זי האָט איהם ערשט געזעהן, אז ער וועט זי ביי נאַכט דער׳הרג׳ענען... קוילענען! א גאַנצען טאָג האָט זי זיך ניט געקענט באַרוהיגען, נור אין דעם זעלבען אָווענט, ווען דער פירשט איז אויף א ווײַלע פאַרגאַנגען צו איפּאָליטען, האָט די קאַפּיטאַנשע, וועלכע האָט זיך נור וואָס צוריקגעקעהרט פון שטאָט, וואוהין זי איז געפאָהרען צוליב געוויסע אנגעלעגענהייטען, דערצעהלט, אז צו איהר אויף דער קוואַרטיר אין פּעטערבורג איז היינט פאַרגאַנגען ראַגאַזשין און זיך נאָכגעפרעגט וועגען פּאַוולאָווסק. אויף דעם פירשט'ס פראַגע ווען באַשטימט איז ראַגאַזשין געווען, האָט די קאַפּיטאַנשע אָנגערופען כמעט די זעלבע שטונדע, אין וועלכער עס האָט איהם ווי געזעהן נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא אין איהר סאַד. די זאַך האָט געקענט ערקלעהרט ווערען בלויז מיט א מיראַזש; נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא איז אליין געגאַנגען צו דער קאַפּיטאַנשע כדי אויסצוגעפינען אלע איינצעלהייטען און זי איז געווען פאָלקאָם געטרייסט.

א טאָג פאַר דער חתונה, האָט דער פירשט איבערגעלאָזט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא אין גרוים באַגייסטערונג: פון פּעטערבורג זיינען אָנגעקומען פון דער מאָדיסטקע די מאָרגענדיגע קליידער, א חופּה־קלייד, א קאָפּ־באַפּוצונג, און אזוי ווייטער און ווייטער. דער פירשט האָט ניט ערוואַרטעט, אז זי וועט אויף אזוי פיעל באַגייסטערט ווערען פון די קליידער; ער אליין האָט אלץ געלויבט, און פון זיין לויב איז זי געוואָרען נאָך גליקליכער. נור ביי איהר האָט זיך ארויסגעכאַפּט; אז זי האָט געהערט, אז די שטאָט איז אויפגעבראַכט, און אז עטליכע מוטיגע יונגען האָבען טאַקע עפּעס געמאַכט א „קעצישען קאָנצערט", מיט מוזיק און שיעור ניט מיט ספּעציעל פאַרפאַסטע ליעדער און אז דאָס וועט שיעור ניט גוטגעהייסען פון דער גאַנצער גע־

זעלשאפט. און אַט האָט זיך איהר אונבאַדינגט פאַרוואָלט איצט נאָך מעהר פאַררייסען פאַר זיי דעם קאָפּ, פאַרדונקעלען אַלעמען מיט דעם געשמאַק און דער רייכקייט פון איהרע קליידער. — „און זאָלען זיי מאַכען קולות, זאָלען זיי פּייפען, ווען זיי ווילען וואגען!“ פון בלויז דעם געדאַנק וועגען דעם האָבען ביי איהר זיך צובליצט די אויגען. זי האָט געהאַט נאָך א געהיימען געדאַנק, נור אין דער הויך האָט זי עס ניט ארויסגעזאָגט: איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אז אגלאַיא, אדער אמווינצייגסטענס, עמיצער געשיקט פון איהר, וועט אויך זיין צווישען פּובליקום, באַהאַלטענערהייט אין קירכע, און זי וועט זעהן. און הערען און זי האָט זיך צוגעגרייט. צושיידט האָט זי זיך מיט׳ן פירשט זייענדיג נאָך אלץ פאַרנומען מיט די דאָזיגע געדאַנקען, ארום עלף אזייגער אין אווענט; נור עס איז נאָך ניט געוואָרען האַלבע נאַכט, ווי מען איז געקומען צולויפען צום פירשט פון דאַריא אלעקסעיעוונא, „אז ער זאָל געהן וואָס שנעלער, ווייל איהר איז זעהר שלעכט“. דער פירשט האָט געפונען די כלה פאַרשפּאַרט אין שלאָף־צימער, א פאַרוויינטע, א פאַרצווייפעלטע, א היסטערישע; א לאַנגע צייט האָט זי גאָר ניט געהערט, וואָס מען האָט איהר גערעדט דורך דער פערשפּאַרטער טיר. ענדליך האָט זי געעפענט און אריינגעלאָזט צו זיך בלויז דעם פירשט, פאַרשפּאַרט נאָך איהם די טיר, און איז געפאַלען פאַר איהם אויף די קניע. (אזוי, אמווינציגסטענס, האָט דערנאָך איבערגעגעבען דאַריא אלעקסעיעוונא, וועלכער איז געלונגען עפּעס וואָס צו באַמערקען).

— וואָס טו איך! וואָס טו איך! וואָס טו איך דאָ מיט דיר! האָט זי אויסגעשריען ציטערדיג ארומנעהמענדיג זיינע פיס.

דער פירשט איז מיט איהר אפּגעזעסען א גאַנצע שטונדע. דאַריא אלעקסעיעוונא האָט דערצעהלט, אז זיי זיינען זיך אין א שטונדע ארום פאַנאַנדערגעגאַנגען פרידליך און גליקליך. דער פירשט האָט געשיקט אין דער דאָזיגער נאַכט נאָכאַמאָל זיך צו ערקונדיגען, נור נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא איז שוין איינגעשלאָפען. אין דער פריה, נאָך איידער זי האָט ערוואַכט, זיינען ערשיענען נאָך צוויי שלוחים פון פירשט, צו דאַריא אלעקסעיעוונא, און ערשט דעם דריטען שליח האָט מען געהייסען איבערגעבען, „אז ארום נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא׳ן ארבייט איצט א גאַנצע מחנה מיט מאַדיסטקעס און פאַריקמאַכערס פון פּעטערבורג, און פון נעכטיגער אויפרעגונג איז קיין סמן ניטאָ. אזוי איז

פארנומען, ווי עס קען נור זיין פארנומען מיט איהר קליידונג אזא שענהייט, פאר דער חופה, אז איצט טאקע אין דער דאזיגער מינוט, ווערט אפגעהאלטען אן אויסערגעוועהנליכע בעראטונג וועגען דעם, וואס באשטימט זי זאָל אנטאן פון די בריליאנטען און ווי אזוי זיי אנ־צוטאן ?" דער פירשט האט זיך אין גאנצען בארוהיגט.

די גאנצע נאכפאלגענדע געשיכטע וועגען דער דאזיגער חתונה איז דערצעהלט געווארען פון מענשען וואס ווייסען, אויף אזא אופן, און ווי עס דוכט טאקע ריכטיג אויך :

די חופה איז געווען באשטימט אויף אכט אזייגער נאך מיטאג ; נאסטאסיא פיליפאָוונא איז געווען פארטיג נאך אום זיבען. שוין פון זעקס אזייגער אן האבען זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אנגעהויבען צונויפקלייבען א מאסע לעדיג־געהער ארום לעבעדעוו'ס דאטשע, נור דערהויפט ארום דאריא אלעקסעיעוונא'ס הויז ; פון זיבען אזייגער אן האט זיך אויך אנגעהויבען אנפילען די קירכע. ווערא לעבעדעוו און קאליא זיינען געווען אין דעם גרעסטען שרעק פאר דעם פירשט ; דאך האבען זיי געהאט גענוג צו טאן אין הויז ; זיי האבען צוגעגרייט דעם פירשט'ס צימערן מיט כיבוד. איבעריגענס, האט נאך דער חופה, ניט געדארפט פארקומען קיין שום פארזאמלונג ; אויסער די נויטיגע פערזאנען, וועלכע וועלען זיין ביי דער צערעמאניע, האט לעבעדעוו אויך איינגעלאדען די פטיצינס, האניא'ן דעם דאקטאר מיט דער „אננא" אויפ'ן האלז, דאריא אלעקסעיעוונא. ווען דער פירשט איז געווען נייגעריג צו פרעגען לעבעדעוו'ן צו וואס איז איהם איינגעפאלען צו איינלאדען דעם דאקטאר, „כמעט אן אונבאקאנטען ?" האט לע־בעדעוו מיט זעלבסט־צופרידענהייט געענטפערט : „דער מאן טראגט אן ארדען אויפ'ן האלז, אן אנגעזעהענער מענש, נו איז עס א שטיקעל כבוד." — דער פירשט האט זיך צולאכט. קעלער און בורדאָווסקי, אין פראקען, און אין האנד־שוה, האבען אויסגעקוקט זייער אנשטענ־דיג ; נור קעלער האט נאך אליץ אביסעל געמאכט אונאנגענעהם דעם פירשט און די וואס האבען איהם פארטרויט, מיט זיינע געוויסע נייר־גונגען צו שלאגען זיך, און מיט דעם וואס ער האט געקוקט אויף די לעדיג־געהער, וועלכע האבען זיך ארומגעקליבען ארום הויז זעהר פיינד־ליך. ענדליך, ארום האלב אכט איז דער פירשט אוועקגעפאהרען אין קירכע, אין אן עקיפאזש. דערביי ווילען מיר באמערקען, אז ער אליין

האָט ספּעציעל ניט געוואָלט דורכלאָזען קיין איינע פון די אנגענומענע מנהגים און געוואוינהייטען; אַלץ איז געטאָן געוואָרען אָפען, פאַר אַלעמען אין די אויגען, און ווי „ס'בעדאַרף צו זיין.“ אין קירכע, דורכשפּאַרענדיג ווי ס'ניט־איז דורכ'ן פּובּליקום, ביי די אונאויפ־הערליכע שושקערייען און אויסגעשרייען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון קעלער, וועלכער האָט געוואָרפען בייזע בליקען אויף רעכטס און לינקס, איז דער פירשט אויף א צייט געבליבען שטעהן הינטער דעם אַלטאַר, און קעלער איז אוועק נאָך דער כלה, וואו ער האָט ביים באַלקאָן פון דאריא אַלעקסעיעוונא געטראָפען א מאַסע ניט נור צוויי מאָל אָדער דריי מאָל אזוי פיעל גרעסער ווי ביים פירשט, נור אפשר אויך דריי מאָל אזוי פיעל פרעכער. ארויפגעהענדיג אויפ'ן באַלקאָן, האָט ער דערהערט אזעלכע אויסרופען, אז ער האָט ניט געקאָנט אויס־האַלטען, און ער האָט זיך שוין אין גאנצען געוועזען געווענדט צום פּובּליקום מיט דעם צוועק צו האַלטען פאַר זיי די ריכטיגע רעדע, נור צום גליק, האָט איהם בורדאָווסקי און דאריא אַלעקסעיעוונא, וועלכע זיינען ארויסגעלאָפען אויפ'ן באַלקאָן אַפּגעהאַלטען דערפון. זיי האָבען איהם אונטערגעכאַפּט און אוועקגעשלעפּט מיט גוואַלד אין די צימערן. קעלער איז געוועזען אויפגערעגט און האָט זיך געאיילט. נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא האָט זיך אויפגעהויבען, האָט נאָכאַמאָל א קוק געטאָן אין שפּיגעל, האָט באַמערקט מיט א „קרומען שמייכעל“, ווי עס האָט נאָכדעם איבערגעגעבען קעלער, אז זי איז „בלאַס ווי א טויטע,“ האָט פרום זיך פאַרנויגט פאַר דער איקאָנע און איז ארויס אויפ'ן באַלקאָן. א ליאַרעם פון שטימען האָט באַגריסט איהר ערשיינונג. אמת, אין דעם ערשטען אויגענבליק האָט זיך דערהערט א געלעכטער, אַפּלאָדיס־מענטען, שיעור ניט קיין פייפעריי; נור אין א צווייטען אויגענבליק האָבען זיך דערהערט אנדערע אויסרופען:

— אוי, וואָס פאַר א שענהייט! האָט מען געשריען אין פּובּ־ליקום.

— זי איז ניט די ערשטע, און איז ניט די לעצטע!

— נאַראָנים, די חופּה פאַרדעקט אַלעס!

— ניין, פּרובּט נור געפינען אזא שענהייט, הורא! האָבען גע־שריען די וואָס זיינען געשטאַנען נעהענטער.

— א פירשטין! פאַר אזא פירשטין וואָלט איך די נשמה פאַר־

קויפט! האָט אויסגעשריען עפּעס א קאַנצעליאַריסט. — א לעבענס־פּרייז פאַר א נאַכט!

נאַסטאַסיא פיליפּאָווּנא איז ארויס געקומען טאַקע אין אמת'ן בלייך ווי א טיכעל; נור איהרע גרויסע שווארצע אויגען האָבען געגלאַנצט אויפ'ן פּובליקום, ווי צוברענטע קויהלען; אָט דעם דאָזיגען בליק האָט די מאַסע ניט געקענט אויסהאַלטען; דער כעס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ענטציקענדע אויסגעשרייען. עס האָבען זיך געווען צועפּענט די טירלאַד פון די קאַרעטע, קעלער האָט שוין געווען דערלאַנגט דער כלה די האַנט, ווי פּלוצלינג האָט זי אויסגעשריען און זיך א וואַרף געטאָן פון די טרעפּ גלייך אין פּובליקום. אלע וואָס דאָס פּובליקום האָט זיך צערוקט פאַר איהר, און אין פינף־זעקס טריט האָבען זי באַגלייט זייַנען פאַרגליווערט געוואָרען פון ערשטוינונג. פון די טרעפּ האָט זיך פּלוצלינג באַוויזען ראָגאָזשין. זיין בליק, האָט עס פון פּובליקום אויפגעכאַפּט נאַסטאַסיא פיילפּאָווּנא. זי איז צוגעלאָפען צו איהם ווי א משוגענע און איהם אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט.

ראַטעווע מיך! פיהר מיך אוועק! וואוהין דו ווילסט, גלייך.

ראָגאָזשין האָט זי אונטערגעכאַפּט כמעט אויף די הענט און שיעור ניט צוגעטראָגען צום קאַרעט. נאָכדעם האָט ער אין איין אויגענבליק ארויסגענומען פון פּאַרטמאָנע א הונדערט רובעלדיגע און זי דערלאַנגט דעם פוהרמאַן.

— צום באַהן, און ווען דו וועסט אוספּעיען צום באַהן, קריגסטו נאָך א הונדערט רובעלדיגע!

און ער אליין איז אריינגעשפּרונגען אין קאַרעטע נאָך נאַסטאַסיא פיליפּאָווּנא, און פאַרמאַכט די טירלאַד. דער פוהרמאַן האָט ניט געמאַכט קיין שהיות און א שמיים געטאָן די פערד. קעלער האָט דערנאָך אלץ ארויפגעוואָרפען אויף דער פּלוצלימדיגקייט; נאָך איין רגע און איך וואָלט געקומען צו זיך און וואָלט ניט דערלאָזט! האָט ער ערקלעהרט, דערצעהלענדיג וועגען דער געשעהענים. ער מיט בורדאָווסקען האָבען געוועז געכאַפּט א צווייטען עקיפּאַזש, וועלכער האָט זיך צופעליג דאָ געפונען, און ער האָט זיך געלאָזט אָניאָגען, נור שוין אין וועג האָט ער זיך באַדענקט, אזוי צו אזוי, איז שוין שפּעט! מיט גוואַלד וועסטו זי ניט אומקעהרען!

— און אויך דער פירשט וועט ניט וועלען! האָט באַשלאָסען בורדאָווסקי.

און ראַגאָזשין מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָווגאַ זיינען צוגעפאָהרען צו דער סטאַנציע אין צייט, אַרויסגעהענדיג פון קאַרעט, האָט ראַגאָזשין שוין כמעט זיך זיצענדיג אין וואַגאָן, נאָך אויסגעפּעיעט אַ פאַרבייגעהענדע מיידעל אין אַן אַלטיינקען נור נאָך אַנשטענדיגען שוואַרצען מאַנטעל און אין אַ פוליאַרעווע טיכעל, אויפ׳ן קאָפּ.

— ווילט איהר פופציג רובעל פאַר אייער מאַנטעל! האָט ער פלוצלינג דערלאַנגט דער מיידעל געלט. ביז וואַנען יענע האָט געהאַט צייט צו וואונדערן זיך, ביז וואַנען זי האָט זיך ערשט געקליבען צו פאַרשטעהן וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער איהר שוין אַריינגערוקט אין האַנט אַ פופציג רובעלדיגע, אַרונטער גענומען דעם מאַנטעל מיט דער טיכעל און האָט עס אַלץ אַרויפגעוואָרפען אויף נאַסטאַסיא פיליפּאָווגאַ׳ס אַקסלען און קאָפּ. איהרע צו פּראַכטפאָלע קליידער וואָלטען זיך געוואָרפען אין די אויגען, וואָלט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט, און וואַגאָן, און ערשט דערנאָך האָט דאָס מיידעל פאַרשטאַנען, צו וואָס מען האָט עס ביי איהר געקויפט, מיט אַזאַ גרויסען פאַרדינסט, איהרע אַלטע, ביליגע שמאַטעס.

דער געפילדער וועגען דער געשעהעניש האָט מיט אַן אונגעוועהנליכער האַסטיקייט דערגרייכט אין קירכע. ווען קעלער איז דורכגעגאַנגען צום פירשט, האָבען אַסך מענשען, גאַר אומבאַקאַנטע, זיך געלאָזט צו איהם פאַנאַנדערפרעגען. מען האָט הויך געשמועסט, געשאָקעלט מיט די קעפּ און אפילו אויך געלאַכט; קיינער האָט ניט פאַרלאָזען די קירכע, אַלע האָבען געוואַרט ווי אַזוי עס וועט אויפנעהמען די נאַכריכט דער חתן. ער איז בלייך געוואָרען, נור האָט אויפגענומען די נאַכריכט שטיל, אַרויסרעדענדיג קוים וואָס מען האָט געקענט הערען; „איך האָב זיך געשראָקען, נור האָב פונדעסטוועגען ניט געדענקט אז עס וועט געשעהן דאָס“... און דערנאָך אַפּשווייגענדיג אביסעל האָט ער צוגעגעבען: „איבעריגענס... אין איהר צושטאַנד... האָט מען דאָס געקאָנט ערוואַרטען.“ אַזאַ אָפּרופען זיך, האָט שוין קעלער אַליין דערנאָך גערופען: „אַ מאָדנע פילאָסאָפיע.“ דער פירשט איז אַרויס פון קירכע, קענטיג, אַ רוהיגער און אַ מוטיגער; אַזוי אַמ־

ווינציגסטענס, האבען פיעלע באמערקט און דערנאך דערצעהלט. עס האט זיך געדוכט, אז איהם האט זיך זעהר געוואָלט וואס שנעלער דערשלאָגען זיך א היים און בלייבען אליין; נור דאס האט מען איהם ניט געלאזט. נאך איהם זיינען אריינגעקומען אין צימער איניגע פון די איינגעלאדענע, צווישען זיי, פטיצין, גאווריליא ארדאליאנאוויטש און מיט זיי דער דאקטאר, וועלכער האט אויך ניט געדענקט אוועק־געהן. אויסער דעם, איז די גאנצע הויז בוכשטעבליך באלאגערט גע־ווארען מיט א לעדיג געהענדער פובליקום. נאך פון טעראסע האט דער פירשט דערהערט ווי קעלער און לעבעדעוו האבען זיך אריינגע־לאזט אין א שטארקע דעבאטע, מיט איניגע, גאנץ אוונבאקאנטע, כאטש לויט'ן אויסזעהן ווי טשינאווניקעס, וועלכע האבען אונבאדינגט געוואלט ארויף אויף דער טעראסע. דער פירשט איז צוגעקומען צו די דעבאטירענדע האט זיך ערקונדיגט אין וואס עס האנדעלט זיך, און העפליך אפשטויסענדיג לעבעדעוו'ן און קעלער'ן, האט ער זיך געווענ־דעט צו איינעם שוין א גרויען און פעטען הערר, וועלכער איז גע־שטאנען אויף די טרעפלאך פון באלקאן, און דער שפיץ פון נאך עט־ליכע וועלכע האבען זיך אויך געריסען אריינגעהן, און ער האט איהם געבעטען, אנצוטאן די עהרע מיט זיין באזוך. דער הערר האט זיך פארשעהמט, נור דאך אריין, נאך איהם א צווייטער, א דריטער. פון דער גאנצער מאסע האבען זיך געפונען זיבען - אכט באזוכער, וועלכע זיינען אריינגעגאנגען, מיהענדיג זיך צו מאכען דאס וואס מעהר ניט אנ־געצייגענער; נור מעהר קיין פרייוויליגע זענען ניט געווען. און באלד האט מען פון פובליקום גענומען בארעדען די חוצפה'ניקעס. די אריינ־געקומענע האט מען צוזעצט, און עס האט זיך אנגעהויבען א גע־שפרעך, מען האט גענומען דערלאנגען טיי, — דאס אלץ זעהר אנ־שטענדיג, באשיידען, צו דער פארוואונדערונג פון די אריינגעקומענע געוויס, זיינען אויך געמאכט געווארען עטליכע פארזוכען צו אויפלע־בען דעם געשפרעך און ארויפפיהרען אויף דער „ריכטיגער" טהעמא. עס זיינען געשטעלט געווארען איניגע ניט קיין באשיידענע פראגען, עס זיינען געמאכט געווארען איניגע „בייזע" באמערקונגען. דער פירשט האט אלעמען געענטפערט אזוי איינפאך און גוטמוטיג, און אין דער זעלבער צייט מיט אזוי פיעל צוטרויען צו דער אנשטענדיקייט פון זיינע געסט, אז די אונבאשיידענע פראגען האבען אויפגעהערט פון

זיך זעלבסט. ביסלעכווייז, איז דער געשפּרעך אפילו געוואָרען כמעט ערנסט. איין הערר, וועלכער האָט געהאַט חשק צו רעדען, האָט מיט אמאָל זיך גענומען שווערען אין גרויס גרימצאָרן, אַז ער וועט ניט פאַרקויפען זיין גוט, וואָס עס זאָל דאָרט ניט פּאַסירען; אַז אין גע־גענטהייל, ער וועט זיצען און וואַרטען און זיך אויסוואַרטען, אַז אַן אונטערנעמונג איז בעסער ווי געלט; „אַט איז וואָס, גנעדיגער הערר, עס באַשטעהט מיין עקאָנאָמישע סיסטעם, איהר קענט עס וויסען.' אַזוי ווי ער האָט זיך געווענדעט צום פירשט, האָט דער פירשט היציג איהם אונטערגעגעבען מוטה, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס לעבעדעוו האָט איהם געשעפּטשעט אויפ'ן אויער, אַז דער דאָזיגער הערר איז אַ גרויסער ארימאַן אַז ער האָט קיינמאָל קיין גוט ניט געהאַט. עס איז כמעט אַוועק אַ שטונדע, מען האָט אָפּגעטרונקען טיי, און נאָכ'ן טיי, האָבען די געסט געפיהלט אַז זיי האָבען שוין דאָ ניט מעהר וואָס צו זיצען. דער דאָקטאָר און דער אַלטער הערר האָבען זיך הייס גע־זעגענט מיט'ן פירשט; און אויך די איבעריגע האָבען זיך הייס און מיט טומעל געזעגענט. עס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען ווינשונגען און מיינונגען, ווי צום ביישפּיעל: „אַז עס איז ניטאָ וואָס צו דאגה'־נען און אַז אפשר איז גאָר אַזוי פיעל בעסער און אַזוי ווייטער. אמת, עס זיינען אויך געווען געמאַכט געוואָרען פּראָבעס צו בעטען שאַמ־פּאַניער, נור די עלטערע פון די געסט האָבען אָפּגעשטעלט די יונגערע. ווען אַלע זיינען זיך צוגאַנגען, האָט קעלער זיך אָנגעבויגען צו לעבע־דעוון; איך מיט דיר וואָלטען אָנגעמאַכט אַ טומעל, געבראַכט צו אַ געשלעג, געמאַכט צו שאַנדע, און צוגעצויגען די פּאָליציי, און ער האָט זיך גאָר געמאַכט נייע פריינד, און נאָך וואָס פאַר אַ מענשען. איך קען זיי!" לעבעדעוו וועלכער איז געווען גענוג „פול" האָט אַ קרעכץ געטאָן און ארויסגעזאָגט: „גאָט האָט באַהאַלטען פון קלוגע און פאַר־שטאַנדיגע און ענטדעקט צו קליינע קינדער." איך האָב עס נאָך פריי־הער געזאָגט וועגען איהם, נור איצט וועל איך צוגעבען אַז אויך דאָס קינד זעלבסט האָט גאָט פאַרהיט פון אבגרונד, ער און אַלע הייליגע זיינע!"

ענדליך, ארום האַלב עלף האָט מען דעם פירשט איבערגעלאָזט אַליין, ער האָט געהאַט קאָפּ־שמערצען; שפּעטער פון אַלעמען איז אַוועק קאָליאַ, וועלכער האָט איהם געהאָלפען איבערבייטען די חתונה־

קליידער אויף היימישע זאַכען. זיי האָבען זיך צושיידט זעהר וואַרים. קאַליא האָט ניט גערעדט וועגען דאָס געשעהענע, נור ער האָט צו־געזאָגט, מאָרגען קומען וואָס פריהער. ער האָט אויך דערנאָך עדות געזאָגט, אַז דער פירשט האָט איהם וועגען גאָרנישט ניט אויפמערק־זאַם געמאַכט ביי דער לעצטער געזעגענונג, הייסט עס, אַז ער האָט אויך פון איהם באַהאַלטען זיינע אַבזיכטען. באַלד איז אין גאַנצען כמעט קיינער ניט געבליבען: בורדאָווסקי איז אוועק צו איפּאָליט'ן, קעלער און לעבעדעוו האָבען זיך ערגעץ אוועקגעשלעפּט. וואַרא לע־בעדעוו איז נאָך געבליבען אַביסעל אין די צימערען, ברענגענדיג זיי אויף שנעל פון אַ יום טוב'דיגען אין אַ וואָכעדיגען אויסזעהן. אוועק־געהענדיג האָט זי אריינגעקוקט צום פירשט. ער איז געזעסען ביים טיש, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף איהם מיט ביידע עלענבויגען און פאַר־דעקענדיג מיט די הענט דעם קאָפּ. זי איז שטיל צוגעגאַנגען צו איהם און איהם אָנגעריהרט ביים פּלייצע. דער פירשט האָט מיט ערשטוינונג אויף איהר אַ קוק געטאָן און אַ ווייל'ע כמעט ניט דער־קאָנט. נור דערמאָנענדיג זיך און קומענדיג צו זיך איז ער פּלוצ־לינג געוואָרען זעהר אויפגערעגט. איבעריגענס, האָט זיך אַלץ אויס־געלאָזט צו אַ שטאַרקער און הייסער ביטע, אַז וואַרא זאָל מאָרגען אין דער פריה, מיט דער ערשטער באַהן אַ זיבען אַ זייגער, אָנקלאַפּען צו איהם אין צימער. וואַרא האָט צוגעזאָגט; דער פירשט האָט מיט היץ איהר אָנגעהויבען בעטען, אַז זי זאָל וועגען דעם קיינעם ניט אויס־זאָגען; זי האָט אויך דאָס צוגעזאָגט. און ענדליך, ווען זי האָט שוין אין גאַנצען געעפענט די טיר כדי ארויסצוגעהן, האָט דער פירשט איהר אָפּגעשטעלט נאָך אַ מאָל, אָנגענומען פאַר די הענט, זיי אַ קוש געטאָן, דערנאָך אַ קוש געטאָן איהר זעלבסט אין שטערען, און מיט עפּעס אַזאַ אונגעוועהנליכען אויסזעהן ארויסגעזאָגט: „ביז מאָרגען!" אַזוי אמווינציגסטענס, האָט דערנאָך איבערגעגעבען וואַרא. זי איז אוועק אין גרוים ציטערניש פאַר איהם. אין דער פריה איז זי אַ ביסעלע מונטערער געוואָרען, ווען זי האָט צו איהם זיבען אַ זייגער, לויט דעם אָפּמאַך, אָנגעקלאַפּט אין טהיר, און זי האָט איהם אָנגעזאָגט אַז די באַהן וועט אוועק נאָך פּעטערבורג אין אַ האַלבע שטונדע ארום. איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט איהר געענטפערט זעהר אַ מונטערער און אפילו מיט אַ שמייכעל. ער האָט זיך ביי נאַכט כמעט

ניט אויסגעטאָן, נור ראָד האָט ער געשלאָפען. לויט זיין מיינונג, האָט ער געקענט קומען צוריק אפילו היינט נאָך. הייסט עס, אז בלויז איהר האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו באַנאַכריכטען אין דער דאָזיגער מינוט, אז ער פאָהרט אין שטאָט.

עלפטער קאַפּיטעל

אין א שטונדע ארום איז ער שוין געווען אין פעטערבורג, און אום צעהן א זייגער האָט ער שוין געקלונגען ביי ראָגאָזשינען. ער איז אריין פונ'ם הויפּט־ארייננאַנג און מען האָט איהם לאַנג ניט געעפענט. ענדליך האָט זיך דער טיר געעפענט פון דער אַלטיטשקער'ס ראָגאָזשין'ס קוואַרטיר און עס האָט זיך באַוויזען אַן אַלטינקע אויפגעראַמטע דינסט.

— פאַרפען סעמעניטש איז ניטאָ אין דער היים, האָט זי ארויס־געזאָגט, שטעהענדיג אין טהיר: איהר ווענען דאַרפט?

— פאַרפען סעמעניטש'ן.

— זיי זיינען ניטאָ אין דער היים.

די דינסט האָט באַטראַכט דעם פירשט מיט ווילדער נייגירדע.

— זאָגט כאָטש אמווינציגסטענס: האָט ער גענעכטיגט אין דער היים? און... צי האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נעכטען אליין?

די דינסט האָט פאַרטגעזעצט צו קוקען, נור זי האָט ניט געענט־פערט.

— איז מיט איהם נעכטען צו אווענט צו דאָ... אין אווענט... געווען נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא?

ערלויבט מיך צו פרעגען, ווער זייט איהר אליין דאָס?

—פירשט לעוו ניקאָלאיעוויטש מישקין. מיר זיינען זעהר באַ־פריינדעט.

— זיי זיינען ניטאָ אין דער היים.

די דינסט האָט ארונטערגעלאָזט די אויגען.

— און נאַסטאַסיא פיליפאָוונא ?

— ווענגען דעם ווייס איך גאָרנישט.

— וואַרט נור ! וואַרט נור ! ווען זשע וועט ער קומען צוריק ?

— אגיך דאָס ווייסען מיר ניט.

די טהיר האָט זיך פאַרמאַכט.

דער פירשט האָט באַשלאָסען אין א שטונדע ארום צו קומען נאָך א מאָל. ארייגקוקענדיג אין הויף האָט ער באַגעגנט דעם הויז־דיענער.

— איז פאַרפען סעמעניטש אין דעם היים ?

— אין דער היים.

— פאַר וואָס זשע האָט מען מיר ערשט געזאָגט אַז ער איז ניטאָ ?

— מען האָט עס געזאָגט, ביי איהם ?

— ניין, די דינסט פון זייער מוטער, און צו פאַרפען סעמעניטש'ן האָב איך געקלונגען און קיינער האָט ניט געעפענט.

— מעגליך, אַז ער איז ארויסגעגאַנגען, האָט באַשלאָסען דער הויז־דינער. — ער זאָגט דאָס קיינמאָל ניט אַז, און אָפטמאָל נעהמט מיט מיט זיך אויך דעם שליסעל. די צימערען בלייבען א מאָל גאַנצע דריי טאָג פאַרשלאָסען.

— נעכטען ווייסטו אויף זיכער, אַז ער איז געווען אין הויז?

— געווען. אָפטמאָל קומט ער אריין פון הויפט־אריינגאַנג און מען קען ניט באַמערקען.

— און נאַסטאַסיא פיליפאָוונא איז מיט איהם נעכטען ניט געווען?

— דאָס ווייסען מיר שוין ניט. זי פלעגט ניט זיין קיין אָפטער גאַסט ; ווען זי וואָלט אהער געקומען וואָלט מען געוואוסט.

דער פירשט איז ארויס און א קורצע צייט איז ער ארומגעגאַנגען פאַרטראַכט איבר'ן טראָטואר, די פענסטער פון די צימערען, וועלכע עס האָט באוואוינט ראָגאזשין זיינען אַלע געווען פאַרהאַקט. די פענסטער פון דער העלפט וואָס עס האָט פאַרנומען זיין מוטער, זיינען כמעט אַלע געווען אָפען. דער טאָג איז געווען א פיינער, א הייסער ; דער פירשט איז אריבער איבער'ן גאַס אויף דעם געגענאיבערדיגען טראָטו־

אַר און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן נאָך אַמאָל אויף די פענסטער. ניט נור זיינען זיי געווען פאַרהאַקט נור כמעט אומעטום זיינען געווען אַרונטערגעלאָזט די ווייסע פאַרהאַנגען.

ער איז אויף געשטאַנען און — מאָדנע — פּלוצלינג האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז דער עק פון איין פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, און עס האָט דורכגעשוועבט ראָגאָזשינס געזיכט, אַ שוועב געטאָן און איז פאַרשוואונדען אין דעם זעלבען אויגענבליק. ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַ ווײַלע און ער האָט שוין באַשלאָסען צו געהן ווידער קלינגען, נור ער האָט זיך באַדענקט און אָפּגעלעגט אויף אַ שטונדע: „ווער ווייס, אפשר האָט זיך עס בלויז אויסגעדאַכט“...

די הויפּט זאַך האָט ער זיך איצט געאיילט אויף'ן „איזמאַילאָוועו פּאָלק“, אויף דער ניט לאַנג געוועזענער קוואַרטיר פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא. איהם איז געווען באַוואוסט, אַז אריבערקלייבענדיג זיך, לויט זיין פאַרלאַנג, מיט דריי מאָנאַטען צוריק פון פּאַוולאָווסק, האָט זי זיך באַזעצט אויף דעם „איזמאַילאָוועו פּאָלק“, ביי איינער, איהרער אַ געוועזענער גוטער פריינדין, אַן אלמנה פון אַ לעהרער, אַ פיל־פאַמיליגע און עהרווירדיגע דאַמע וועלכע האָט פאַרדונגען אַ פיינע געמעבלירטע קוואַרטיר, און פון דערפון האָט זי אייגענטליך געלעבט. זיכערער פון אַלץ, איז נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא, האָט איבערקלייבענדיג זיך צוריק קיין פּאַוולאָווסק, איבערגעלאָזט די קוואַרטיר פאַר זיך, אַמווינציגסטענס, האָט זיך געלעגט אויפ'ן שכל, אַז זי האָט גענעכטיגט אין דער דאָזיגער קוואַרטיר, וואוהין ראָגאָזשין האָט זי געוויס געבראַכט. דער פירשט האָט גענומען אַן עקיפּאַזש. אויפ'ן וועג איז איהם איינגעפאַלען, אַז טאַקע פון דאָרטען האָט ער געדאַרפט אָנהויבען ווייל, עס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אַז זי זאָל גלייך ביי נאַכט אריינפאָהרען צו ראָגאָזשינען. דאָ האָט ער זיך אויך דערמאָהנט אָן די רעד פון דעם הויז־דינער, אַז נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא איז ניט געווען קיין אָפּטער גאַסט. אויב אפילו אזוי איז זי ניט געווען קיין אָפּטער גאַסט, איז וואָס פאַר אַ זין האָט עס איצט אָפּצושטעלען זיך ביי ראָגאָזשינען? ערמוטיגענדיג זיך מיט די דאָזיגע טרויסטונגען, איז דער פירשט, ענדליך געקומען אויפ'ן „איזמאַילאָווסקן פּאָלק“ ניט טויט ניט לעבעדיג.

צו זיין גרויסען וואונדער, האָט מען ביי דער לעהרערין ניט נור ניט געהערט, ניט נעכטען און ניט היינט פון נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא.

נור מען איז איהם אליין ארויסגעלאָפען אַנקוקען ווי א וואונדער. די גאַנצע פיעל צאָהליגע פאמיליע פון דער לעהרערין, אלע מיידלעך, אַנהויבענדיג פון פופצען ביז זיבען — האָט זיך ארויסגעשאָטען נאָך דער מוטער, און האָט איהם ארומגערינגעלט מיט אפענע מיילער. נאָך זיי איז ארויסגעגאַנגען א מאָגערע, געלע טאַנטע זייערע, אין א שווארץ טיכעל. און ענדליך האָט זיך אויך באוויזען די באָבע פון דער פאמיליע, אַן אלטיטשקע אין ברילען. די לעהרערין האָט זעהר געבעטען ארייַנצוקומען זיך צוזעצען אביסעל. וואָס דער פירשט האָט אויך געטאָן. ער האָט גלייך פארשטאַנען, אז זיי ווייסען זעהר גוט ווער ער איז אזוינס, און דאָס זיי ווייסען אויסגעצייכענט, אז נעכטען האָט געדאַרפט זיין זיין חתונה, און אז זיי שטאַרבען פון חשק צו פאַנאַנדערפרעגען וועגען דער חתונה, און וועגען דעם דאָזיגען וואונדער, וואָס אָט פרעגט ער ביי זיי וועגען יענער, וועלכע האָט געדאַרפט זיין ניט אנדערש, ווי מיט איהם אין פּאַוולאָווסק — זיי האָבען גע'חלש'ט פרעגען — נור זיי האָבען זיך געשעהמט. אין קורצע שטריכען האָט ער באַפרידיגט זייער נייגעריגקייט וועגען דער חתונה. עס האָבען זיך אַנגעהויבען פארוואונדערונגען, אויסגעשרייען און אויקענישען, אזוי דאָס ער איז שוין געווען געצוואונגען צו דערצעהלען כמעט אלעס אין די הויפּט שטריכען, פארשטעהט זיך. ענדליך האָט דער ראַטה פון די קלוגע און אויפגערעגטע דאַמען באַשלאָסען אז מען דאַרף אונבאַדינגט און פריהער פון אלץ זיך דערקלאַפּען צו ראַגאָזשינען און דערגעהן פון איהם וואָס דאָ טוט זיך אזוינס. אויב אבער ער איז ניטאָ אין דער היים (וועגען וואָס מען מוז זיך אויף זיכער דערוויסען). אָדער ער וועט ניט וועלען זאָגען, טאָ זאָל מען אריבערפאָהרען אויף דעם „סעמענעווסקען פּאָלק" צו א געוויסער דאַמע, א דייטשקע, נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַס א באַקאַנטע, וועלכע וואוינט מיט דער מוטער; אפשר האָט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ אין איהר צוטומעלטקייט, וועלענדיג זיך באַהאַלטען, איבערגענעכטיגט ביי זיי. דער פירשט איז אויפגעשטאַנען א פּאַלקאַם דערשלאָגענער; זיי האָבען נאָכדעם דערצעהלט, ווי אזוי ער איז שרעקליך בלייך געווארען, אין אמת'ן האָבען זיך ביי איהם כמעט אונטערגעהאַקט די פיס. ענדליך, אונטער דעם שרעקליכען ליאַרעם פון קולות, האָט ער דערגאַנגען, אז זיי רעדען איהם איין צו ארבייטען מיט איהם צוזאַמען און בעטען זיין שטאָטיגען אדרעס.

קיין אדרעס האָט ער ניט געהאַט; האָבען זיי איהם געראַטען, ער זאָל זיך אָפּשטעלען איבערגעץ אין א האָטעל. דער פירשט האָט א מיראַכט געטאָן און געגעבען דעם אדרעס פון זיין פריהערדיגען האָטעל. דער זעלבער האָטעל וואו עס האָט מיט איהם, מיט פינף וואָכען צוריק פּאַסירט דער אָנפאַל. דערנאָך איז ער ווידער אוועק צו ראָגאָזשינען. נור דאָס מאָל האָט זיך ניט געעפענט די טיר אפילו ביי דער אַלטיטשקער. דער פירשט איז אוועק צום הויז־באַדינער און ער האָט איהם קוים אָפּגעזוכט אין הויף. דער הויז־באַדינער איז געווען מיט עפּעס פאַרנומען און ער האָט קוים געענטפערט. ער האָט אפילו אויף איהם געקוקט, נור דאָך האָט ער ערקלעהרט אויף זיכער, „אז פּאַר־פען סעמעניטש איז ארויס פון סאָמע אין דער פריה, איז אוועק קיין פּאַוולאָווסק און אז ער וועט היינט אין דער היים ניט זיין.“

— איך וועל אָפּוואַרטען, אפשר וועט ער קומען צו אָוועגט צו?

— און אפשר וועט ער ניט זיין א גאַנצע וואָך. ווער ווייס איהם.

— אָבער דאָך, מיינט עס, אז ער האָט היינטיגע נאַכט דאָ גע־נעכטיגט?

— יע, נעכטיגען האָט ער גענעכטיגט...

דאָס אַלץ איז געווען פאַרדעכטיג און ניט כשר, דער הויז־באַדי־נער, האָט מעגליך, אוספּעיעט אין פאַרלויף פון דער צייט צו קריגען נייע אינסטרוקציעס: ווייל פריהער האָט ער אזוי פיעל גערעדט און איצט קערט ער זיך אָפּ. נור דער פירשט האָט באַשלאָסען צו פאַרגעהן נאָך אַמאָל אין א פּאָאר שטונדען ארום, און אפילו אָפּוואַרטען דאָ ביים הויז, ווען עס וועט זיין נויטיג, און איצט איז נאָך געבליבען א האָפנונג אויף דער דייטשקע און ער איז אוועקגעלאָפען אויף דעם „סעמיאָנאָווסקען פּאָלק“. נור ביי דער דייטשקע האָט מען איהם אפילו ניט אנגעהויבען צו פאַרשטעהן. פון אייניגע ווערטער, האָט ער אפילו זיך געקענט אנשטויסען, אז די שענהייט, די דייטשקע, האָט מיט צוויי וואָכען צוריק, זיך צוקריגט מיט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ, אזוי אז זי האָט די גאַנצע לעצטע צייט פון איהר גאָרניט געהערט, און זי האָט איצט שאַרף געגעבען צו ערקלעהרען, אז זי וויל פון איהר ניט הערען, „כאָטש זי זאָל חתונה האָבען פאַר אַלע פירשטען פון דער וועלט.“ דער פירשט האָט זיך געאיילט אוועקגעהן. צווישען אנדע־רעס, איז איהם איינגעפאַלען, אז מעגליך, אז זי איז אפשר אוועק־

געפּאָהרען, ווי דאָן, קיין מאָסקווע, און ראַגאָזשין זעלבסטפאַרשטענד־ליך נאָך איהר, און אפשר טאַקע מיט איהר. „אמווינציגסטענס כאָטש אַפּזוכען וועלכע ס'ניט איז שפּורען!" ער האָט זיך פונדעסטוועגען דערמאָנט, אז ער דאַרף זיך אָפּשטעלען אין טראַקטיר, און ער האָט זיך געאיילט אויף דער „ליטעינער". דאָרטען האָט מען איהם גלייך אָפּגערייניגט א צימער. דייר באַדיענער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צו וויל ער אפשר עפּעס צובייסען, ער האָט אין צוטראַגענהייט געענט־פערט אז ער וויל, און כאַפּענדיג זיך, איז ער גלייך געוואָרען שרעק־ליך אין כעס אויף זיך. וואָס דאָס צובייסען האָט ביי איהם אוועק־גענומען אן איבעריגע האַלבע שטונדע, און ער האָט זיך נאָכדעם באַ־דענקט, אז קיינער האָט איהם ניט געצוואונגען ניט צו איבערלאָזען דעם דערלאַנגטען צובייסען. א מאָדנער געפיהל האָט איהם באַהערשט אין יענעם דונקעלען און פאַרשטיקטען קאָרידאָר, א געפיהל וועלכער האָט פּיינליך געשטרעבט צו געשטאַלטען זיך אין א געדאַנק; נור ער האָט ניט געקענט דערגעהן אין וואָס אזוינס ס'איז באַשטאַנען דיזער נייער אַנקומענדער געדאַנק. ענדליך, איז ער א צודולטער אַרויסגעגאַנגען פון טראַקטיר, זיין קאָפּ האָט זיך געדרעהט; נור פונדעסטוועגען וואו־הין פאָרט זאָל ער פאָהרען? ער האָט זיך ווידער געלאָזט צו ראַגאָז־שינען.

ראַגאָזשין האָט זיך ניט אומגעקעהרט; אויפ'ן קלינגען האָט מען ניט געענטפערט. ער האָט אָנגעקלונגען צו דער אַלטיטשקער ראַגאָזשין מען האָט געעפענט און מען האָט אויך ערקלעהרט, אז פאַרפען סעמיאָ־נאָוויטש איז ניטאָ, און מעגליך, ער וועט ניט זיין א טאָג דריי. ער־שטוינט האָט דעם פירשט דאָס, וואָס מען האָט איהם ווי פריהער אַלץ באַטראַכט מיט א ווילדער נייגעריגקייט. דעם הויף־דינער האָט ער דאָס מאָהל גאָר ניט געפונען. ער איז אַריבער ווי פריהער, אויף דעם געגענאיבערדיגען טראָטואַר, געקוקט אויף די פענסטער און איז אַרום געגאַנגען אין דער פּיינליכער היץ, ביי א האַלבע שטונדע, אפשר נאָך מעהר. דאָסמאָל האָט זיך גאָר ניט באַוועגט; די פענסטער האָ־בען זיך ניט געעפענט, די ווייסע פאָרהאַנגען זיינען געווען אונבאַוועג־ליך. איהם איז אַרויף אויפ'ן זינען, אז אויך פריהער האָט זיך עס איהם בלויז אויסגעדוכט; דאָס די פענסטער, זיינען קענטיג, געווען אזוי טונקעל, פון אזוי לאַנג ניט געוואַשען, אז עס וואָלט געווען שווער

צו באמערקען עפעס, אפילו ווען עמיצער, וואלט טאקע אין אמת'ן א קוק געטאן דורכ'ן גלאז. דערפרעהענדיג זיך מיט דעם דאזיגען געדאנק, איז ער ווידער אוועק געפאהרען אויפ'ן „איזמאלאווסקען פאלק“ צו דער לעהרעריז.

דארטען האט מען שוין אויף איהם געווארט. די לעהרערין איז שוין געוועז אויף דריי, פיער פלעצער און איז אפילו צוגעפאהרען צו ראגאזשינען, אבער אזוי ווי אין וואסער אריין. דער פירשט האט אויסגעהערט שווייגענדיג, אריין אין צימער, זיך געזעצט אויפ'ן דיוואן און גענומען קוקען אויף אלעמען פונקט ווי ער וואלט ניט פארשטאנען וואס מען רעדט צו איהם. ס'איז געוועז מאדנע: אט איז ער געוועז שוין צופיעל אויפמערקזאם און אט איז ער מיט אמאל געווארען צוטראגען אויפ'ן אונמעגליכסטען אופן. די גאנצע פאמיליע האט נאכדעם ערקלעהרט, אז דאס איז געוועז „א ביז גאר מאדנער מענש“ אין דעם דאזיגען טאג אזוי „דאס מעגליך שוין דאן האבען זיך געוויזען די סמנים.“ ענדליך האט ער זיך אויפגעהויבען און ער האט געבעטען אז מען זאל וויזען נאסטאסיא פיליפאוונא'ס צימערען. דאס זיינען געוועז צוויי גרויסע, ליכטיגע הויכע צימערן, זעהר אנשטענדיג מעבעלירטע, און פאר וועלכע מען האט גענומען א הויכע פרייז. אט די אלע דאמען האבען נאכדעם דערצעהלט, אז דער פירשט האט באטראכט אין די צימערן יעדע זאך, ער האט דערזעהן אויף א טישעל אן אפענעם בוך פון דער ביבליאטעק צום לעזען, דער פראנצויזישער ראמאן „מאדאם באווארי“, האט באמערקט, פארבויגט א בלעטעל, וואו עס איז געוועז אפען דער בוך, געבעטען עלויבעניש מיט נעהמען עם מיט זיך און טאקע דא, ניט אויסהערענדיג דעם ענטפער, אז דער בוך איז פון ביבליאטעק, האט ער עס אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע, זיך געזעצט ביים אפענעם פענסטער און דערזעהענדיג א טישעל א פארשריבענעם מיט קרייד האט ער געפרעגט: ווער האט עס געשפילט? זיי האבען איהם דערצעהלט, אז געשפילט האט עס יעדען אווענט נאסטאסיא פיליפאוונא מיט ראגאזשין אין „דוראטשקעס“ אין פרעפעראנס, אין מיהלנער. אין וויסט — אין אלע שפילען, אז קארטען האבען זיך באוויזען ערשט גאר אין דער לעצטער צייט, נאך זייער אריבער קליבען זיך פון פאוולאווסק אין פעטערבורג, ווייל נאסטאסיא פיליפאוונא האט זיך אלץ באקלאגט, אז איהר איז אומעטיג, און אז

ראגאזשין זיצט גאנצע אווענטען און שווייגט, און וויים ניט וועגען וואס צו רעדען, און אז זי האָט אָפט געוויינט; און פּלוצלינג אויף מארגען אין אווענט נעהמט ראגאזשין ארוים פון קעשענע קאָרטען. דאָ האָט זיך נאסטאסיא פיליפּאָוונא צעלאכט און זיי האָבען גענומען שפּילען, דער פירשט האָט געפרעגט: וואו זיינען די קאָרטען, מיט וועלכע מען האָט געשפּילט? נור קיין קאָרטען זיינען ניט געווען; די קאָרטען פלעגט שטענדיג ברענגען ראגאזשין מיט זיך אין קעשענע, און יעדען טאָג א נייע פּעקעל און דערנאָך פלעגט ער עס צוריק פיה־רען מיט זיך.

די דאָזיגע דאמען האָבען געראָטען, אז ער זאָל איבערפאָהרען נאָך א מאָל צו ראָגאָזשינען, און נאָך א מאָל פיעל שטארקער דאָרט אנקלאפּען, אָבער ניט באלד נור שוין אין אווענט „אפשר וועט ער שוין זיין“. און זי די לעהרערין זעלבסט האָט זיך דערוויל ארויס־גערופען צו צופאָהרען ביז אווענט אין פּאַוולאָווסק צו דאריא אלעק־סעיעוונא: צו ווייסען זיי דאָרטען ניט עפּעס? דעם פירשט האָ־בען זיי געבעטען אזוי צו אזוי, צו קומען א זייגער צעהן אין אווענט, כדי אפּצורעדען וואס צו טאָן מארגען. ניט אכטענדיג אויף אלע טרויסטונגען און האָפענונגען האָט דאך א פארצווייפלונג באהערשט דעם פירשט׳ס נשמה. אין גוואלדיגען טרויער איז ער צוגעגאנגען צו פוס ביז זיין האָטעל. דער זומערדיגער, שטויביגער, שטיקענדיגער פּעטערבורג האָט איהם געשטיקט. ער האָט זיך געשטופּט צווישען דעם בעזען אָדער שיכור׳ן עולם. האָט זיך צילאָז איינגעקוקט אין פּנים׳ער. מעגליך, אז ער איז דורכגעגאנגען פיעל מעהר ווי ער האָט באדארפט; עס איז געווען כמעט אין אווענט, ווען ער איז אריין אין זיין נומער. ער האָט באשלאָסען זיך אָפּצורוהען א וויילע און דער־נאָך ווידער געהן צו ראָגאָזשינען, ווי מען האָט געראָטען. ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן דיוואן, זיך אנגעשפּארט מיט ביידע עלענבויגען׳ס אויפ׳ן טיש און זיך פארטראכט.

גאָט ווייסט וויפיעל צייט און גאָט ווייסט וועגען וואס ער האָט געטראכט. פאר פיעלעס האָט ער זיך געשראָקען און ער האָט געפיהלט וועהטאָגדיג און פּיינליך אז ער שרעקט זיך שרעקליך. עס איז איהם ארויף אויפ׳ן זינען ווערא לעבעדעוו; דערנאָך האָט זיך א טראכט געטאָן, מעגליך, אז לעבעדעוו וויים עפּעס וועגען דעם. און אויב ער

ווייס ניט, קען ער זיך דערוויסען פיעל גיכער און שנעלער פון איהם. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אַן איפּאָליט'ן. און וועגען דעם וואָס ראָגאָזשין פלעגט פאָהרען צו איפּאָליט'ן. דערנאָך האָט ער זיך דער־מאָנט אַן ראָגאָזשינען אַליין: אָט ניט לאַנג אין קירכע, דערנאָך אין פּאַרק, — דערנאָך פּלוצלינג דאָ אין קאָרידאָר, ווען ער האָט זיך דאָ באַהאַלטען אין ווינקעל און געוואַרט אויף איהם מיט א מעסער. ער האָט זיך איצט אַן זיינע אויגען דערמאָנט, די אויגען וועלכע האָבען דאַן געקוקט אין דער פינסטער. ער האָט אויפגעשוידערט: דער פריהער זיך בעטענדיגער געדאַנק האָט איהם פּלוצלינג אויפגעשיינט אין קאָפּ.

ער איז טהיילוויז באַשטאַנען אין דעם, אַז ווען ראָגאָזשין איז אין פּעטערבורג, איז כאָטש ווען ער זאָל זיך א צייט אויסבאַהאַלטען, נור דאָך וועט ער אונבאַדינגט ענדיגען דערמיט וואָס ער וועט קומען צו איהם, דעם פירשט, מיט א גוטע צו מיט א שלעכטע אַבזיכט, אפשר טאַקע ווי דאַן... אַמווינציגסטענס, ווען ראָגאָזשין וואָלט צוליב עפּעס וואָס באַדאַרפט קומען, האָט ער אין ערגעץ ניט צו קומען ווי נור אַהער. ווידער אַמאָל אין דעם דאָזיגען קאָרידאָר. קיין אַדרעס ווייס ער ניט; דאַן הייסט עס, אַז ער קען גאַנץ גוט רעכענען, אַז דער פירשט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם פריהערדיגען האָטעל; אַמווינציגסטענס, וועט ער פּרובירען דאָ צו זוכען... אויב ער וועט שוין זעהר נויטיג דאַרפען האָבען. און ער ווייס, מעגליך אַז ער וועט טאַקע זעהר דאַרפען האָבען?

אַזוי האָט ער געטראַכט, און דער דאָזיגער געדאַנק, האָט זיך איהם צוליב עפּעס וואָס אויסגעוויזען פאַר גאַנץ מעגליך. ער וואָלט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכענונג, ווען ער וואָלט זיך אפילו אין דעם דאָזיגען געדאַנק פאַרטיפט: „פאַר וואָס" צום ביישפּיל, וועט ער מיט א מאָל ווערען נויטיג פאַר ראָגאָזשינען, און פאַר וואָס זאָל עס ענדליך זיין אונמעגליך אַז זיי זאָלען זיך „צוזאַ־מענקומען?" נור דער דאָזיגער געדאַנק איז געווען א שווערער: „ווען עס וועט איהם זיין גוט דאַן וועט ער ניט קומען — האָט דער פירשט פאַרטגעזעצט צו טראַכטען; ער וועט גיכער קומען, ווען עס וועט איהם ניט גוט זיין, און איהם וועט דאָך זיכער ניט גוט זיין..."

געוויס, ביי אַזא איבערצייגונג, האָט מען געדאַרפט וואַרטען אויף

ראַגאָזשינען דאָ, אין טומער; נור ער האָט הפנים ניט געקענט איבער־טראַגען זיין נייעם געדאַנק, ער איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט די הוט און איז אוועקגעלאָפן. אין קאָרידאָר איז שוין געווען כמעט גאָר פינסטער; וואָס וואָלט געווען ווען ער וואָלט פּלוצלינג אַרויסגעגאַנגען פון יענעם ווינקעל און מיד אָפּגעשטעלט ביי די טרעפּ? האָט ביי איהם אַ שוועב געטאָן אין מוח, ווען ער איז צוגעקומען צום באַקאַנטען פּלאַץ. נור קיינער איז ניט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך געלאָזט אין טויער, אַרוים אויפ'ן טראָטואַר, האָט זיך פאַרוואונדערט וואָס אַזאַ מאַסע מענשען האָט זיך אַרויסגעשאָטען אויפ'ן גאַס מיט דעם זונען־אונטערגאַנג (ווי עס איז שטענדיג אין פּעטערבורג אין דער וואַקאַציע צייט), און ער איז אוועק אין דער ריכטונג פון דער גאָראָ־כאָוואַיאַ גאַס. אַרום אַ פופציג טריט פון האָטעל, אויף ערשטען שיידע־וועג, האָט איהם פּלוצלינג אין עולם, עמיצער אַ ריהר געטאָן ביים עלענבויגען און האָט שטיל כמעט אויפ'ן אויער אַרויסגעזאָגט:

— לעוו ניקאָלאַיעוויטש, קום ברודער, נאָך מיר, איך דאַרף דיך. דאָס איז געווען ראַגאָזשין.

מאָדנע: דער פירשט האָט איהם מיט אַ מאָל, פון פרייד, גע־נומען דערצעהלען, שטאַמלענדיג און כמעט ניט דערערענדיג די ווער־טער, ווי אַזוי ער האָט אויף איהם אַט ערשט געוואַרט אין קאָרידאָר פון האָטעל.

— איך בין דאָרט געווען, האָט אונערוואַרטעט געענטפערט ראַ־גאָזשין; — קום!

דער פירשט האָט זיך פאַרוואונדערט פון דעם ענטפער, נור ער האָט זיך פאַרוואונדערט ערשט מיט צוויי מינוט, שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַדענקט. באַדענקענדיג דעם ענטפער, האָט ער זיך דער־שראָקען און זיך גענומען צוקוקען צו ראַגאָזשינען. יענער איז שוין געגאַנגען כמעט מיט אַ האַלבען טראָט פאָראויס, קוקענדיג גלייך פאַר זיך, און ניט קוקענדיג אויף קיינעם פון די געהענדע, מיט אַ שנעלער פאַרזיכטיגקייט דורכלאָזענדיג יעדען איינעם.

— טאָ פאַר װאָס זשע האָסטו אויף מיר ניט געפרעגט אין צי־מער... ווען דו ביזט שוין געווען אין האָטעל? האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן דער פירשט.

ראַגאָזשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויף איהם אַ קוק געטאָן, אַ

טראַכט געטאָן, און אַזוי ווי ער וואָלט די פראַגע גאָר ניט פאַרשטאַנען, געזאָגט: — אָט וואָס, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, דו גײַה דאָ גלייך, ביז סאַמע הויז, ווייסט ווי? און איך וועל אַוועק מיט יענער זייט. און גיב אַכטונג אַז מיר זאָלן צוזאַמען...

דאָס זאָגנדיג, איז ער אריבער איבער'ן גאַס, זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן געגענאיבערדיגען טראָטואַר, א קוק געטאָן אויב דער פירשט געהט, און דערזעהענדיג אַז ער שטעהט און קוקט אויף איהם איז גרויס פאַרוואונדערונג, האָט ער צו איהם אַנגעוויזען מיט'ן האַנט אין דער זייט פון גאָראָחאָוואַיאַ, און האָט זיך געלאָזט געהן, אַלע ווײַלע אומדרעהענדיג זיך, א קוק צו טאָן אויפ'ן פירשט און ווי בעטענדיג איהם נאָכצוגעהן. ער איז קענטיג געווען ערמוטיגט, דערזעהענדיג, אַז דער פירשט האָט איהם פאַרשטאַנען און געהט צו איהם אריבער פון צווייטען טראָטואַר. דעם פירשט איז געקומען אויפ'ן זינען, אַז ראָגאָזשין דאַרף דאָס אויף עמיצען אַכטונג געבען און ניט דורכלאָ־זען אויפ'ן וועג, און דערום איז ער דאָס אריבערגעגאַנגען אויפ'ן צווייטען טראָטואַר. „אָבער פאַר וואָס האָט ער ניט געזאָגט, אויף וועמען מען דאַרף עס אַכטונג געבען? אַזוי זיינען זיי דורכגעגאַנגען א פינף הונדערט טריט. און מיט א מאָל האָט דער פירשט ניט ווי־סענדיג פאַר וואָס, אָנגעהויבען ציטערען. ראָגאָזשין כאָטש שוין ניט אַזוי אָפט, אָבער דאָך ניט אויפגעהערט אומצוקוקען זיך. דער פירשט האָט ניט אויסגעהאַלטען און איהם א מאַניע געטאָן מיט'ן האַנט. יע־נער איז גלייך צו איהם אריבער איבער'ן גאַס.

— איז דען נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ ביי דיר?

— ביי מיר.

— און פריהער האָסטו עס אין פענסטער דורך די גאַרדינען אויף מיר געקוקט?

— איך...

— ווי אַזוי זשע האָסטו...

נור דער פירשט האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו פרעגען און מיט וואָס פאַרענדיגען די פראַגע; און דערצו האָט איהם דאָס האַרץ אַזוי געקלאַפּט אַז עס איז שווער געווען צו רעדען. ראָגאָזשין האָט אויך געשוויגען און האָט אויף איהם געקוקט ווי פריהער. דאָס הייסט ווי פאַרטראַכטערהייט.

— נו, איך וועל אוועק, האָט ער פּלוצלינג געזאָגט, צוגרייטענדיג זיך ווידער אריבערצוגעהן — און דו געה זיך. לאָמיר אויפ׳ן גאַס געהן באַזונדער... אַזוי איז פאַר אונז בעסער... אויף באַזונדערע זייטען... דו וועסט זעהן.

ווען זיי האָבען ענדליך, זיך פאַרקירעוועט פוןביידע באַזונדערע טראָטואַרען אויף דער גאָראָחאָוואַיאַ גאַס, און גענומען צוגעהן צו ראַגאָזשין׳ס הויז, האָבען זיך ביים פירשט ווידער גענומען אונטער־האַקען די פיס, אַזוי דאָס עס איז כמעט שווער געווען צו געהן. עס איז שוין געווען ארום צעהן א זייגער אין אָווענט. די פענסטער איז דער אַלטיטשקער׳ס צימערען זיינען געווען אָפען ווי פריהער. ביי ראָגאָזשינען פאַרמאַכטע און אין דער פינסטער זיינען ווי געווען נאָך באַמערקבאַר די אויף זיי ארונטער געלאָזטע גאַרדינען. דער פירשט איז צוגעקומען צום הויז פון דעם געגענאיבערדיגען טראָטואַר; ראָגאָזשין אָבער איז פון זיין טראָטואַר ארויף אויף די טרעפּ און איהם געגעבען צייכענס מיט די הענט. דער פירשט איז אריבער צו איהם אויף די טרעפּ.

— וועגען מיר ווייס אפילו איצט ניט דער הויף־דינער ניט אַז איך האָב זיך צוריקגעקעהרט א היים. איך האָב פריהער אָנגעזאָגט, אַז איך פאָהר קיין פּאַוולאָווסק, און אויך ביי דער מאַמע האָב איך אָנגעזאָגט. האָט ער געשעפּטשעט מיט א כיטרען און אפילו צופריעדענעם שמייכעל — מיר וועלען אריין און קיינער וועט ניט הערען.

אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטען דעם שליסעל. ארויפגעהענדיג אויף די טרעפּ האָט ער זיך אומגעדרעהט און א סטראַשע געטאָן דעם פירשט אַז יענער זאָל געהן שטילער. שטיל האָט ער אָפּגעשלאָסען די טהיר פון זיינע צימערען, אריינגעלאָזט דעם פירשט, פאָרזיכטיג אריין נאָך איהם, פאַרשלאָסען הינטער זיך די טהיר און אריינגעלעגט דעם שליסעל אין קעשענע.

— קום, האָט ער ארויסגעזאָגט שעפּטשענדיג.

דער האָט נאָך אויפ׳ן טראָטואַר, אויף דער ליטעינע גאַס, אָנגעהויבען רעדען שעפּטשענדיג. ניט אַכטענדיג אויף זיין גאַנצער אויסערליכער רוהיגקייט, איז ער געווען אין אַזאַ טיפער אינערליכער אומרוהיגקייט. ווען זיי זיינען אריין אין זאַל, פאַר׳ן סאַבינעט, איז ער

צוגעקומען צום פענסטער און געהיימניספול א וואונק געטאָן צום פירשט:

— אַט ווען דו האָסט פריהער צו מיר אָנגעקלונגען, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס ביזטו; געה איך צו צום טהיר אויף די שפּיץ־פינגער און איך הער אַז דו רעדסט מיט דער פּאַנפוטינא, און איך האָב יענער ווי נור ס'איז געוואָרען טאָג אָנגעזאָגט: ווען דו, אָדער עמיצער פון דיר, אָדער ווער עס זאָל ניט זיין, וועט צו מיר אָנקלאַפּען, זאָל מען גאָר נישט זאָגען; און דערהויפּט, ווען דו אליין וועסט קומען, און איך האָב איהר דיין נאָמען געזאָגט. און דערנאָך ווען דו ביזט ארויס איז מיר געקומען אויפ'ן זינען: וואָס וועט זיין, ווען ער שטעהט דאָ איצט און קוקט ארויס, אָדער ער היט עפּעס אויפ'ן גאַס? בין איך צוגעגאַנגען צו דעם זעלבען פענסטער, אוועקגענומען דעם גאַרדין, איך גיב א קוק, ערשט דו שטעהסט זיך דאָרטען און קוקסט גלייך אויף מיר... אַט ווי אזוי די זאַך איז געווען.

— וואו זשע איז נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא? האָט דער פירשט קוים ארויסגערעדט.

— זי... איז דאָ, האָט לאַנגזאַם ארויסגערעדט ראָגאָזשין, אַזוי ווי א ווייליטשקע אָפּוואַרטענדיג צו ענטפערען.

— וואו זשע?

ראָגאָזשין האָט אויפגעהויבען די אויגען אויפ'ן פירשט און האָט דורכדרינגענד אויף איהם א קוק געטאָן.

— קום.

ער האָט נאָך אַלץ גערעדט שעפּטשענדיג און ניט אייל‏ענדיג זיך, לאַנגזאַם, און אזוי ווי פריהער, עפּעס מאָדנע פאַרטראַכט. אפילו דאַן ווען ער האָט דערצעהלט וועגען דעם גאַרדין, איז ווי ער וואָלט מיט זיין ערצעהלונג געוואָלט ארויסזאָגען גאָר עפּעס אנדערש, ניט קוקענדיג אויף דעם גאַנצען אויפגערעגטען טאָן פון זיין ערצעהלונג.

זיי זיינען אריין אין קאַבינעט. אין דעם דאָזיגען צימער, איז פון דער צייט וואָס דער פירשט איז דאָרט געווען, פאָרגעקומען א געוויסע ענדערונג: איבער'ן גאַנצען צימער איז געווען פאַרצויגען פאָר־טיערען, זיידענע פאָרטיערען מיט צוויי אריינגאַנגען פון ביידע עקען. און זיי האָט אָפּגעטיילט פון קאַבינעט א צימער'ל וואו עס איז געשטאַנען ראָגאָזשין'ס בעט. די שווערע פאָרהאַנג איז געווען ארונ־

טערגעלאָזט און די אריינגאַנגע פּאַרדעקט. נור איז צימער איז גע־
ווען זעהר פינסטער; די זומערדיגע „ווייסע פּעטערבורגער נעכט"
האָבען אנגעהויבען דונקעל ווערען. און ווען ניט די פולע לבנה,
וואָלט אין די ראַגאָזשין׳ס פינסטערע צימערען, מיט די ארונטערגע־
לאָזטע גאַרדינען, געווען שווער עפּעס צו זעהן. אמת, מען האָט נאָך
געקאָנט באַמערקען געזיכטער, כאָטש ניט זעהר קלאָר. ראַגאָזשין׳ס
געזיכט איז געווען זעהר בלייך, ווי געוועהנליך. די אויגען האָבען
געקוקט אויפ׳ן פירשט דורכדרינגליך, מיט א שטאַרקען גלאַנץ, נור
עפּעס ווי פאַרגליווערט.

— פאַר וואָס צינדסטו ניט אָן קיין ליכט? האָט געזאָגט דער
פירשט.

— ניין, מען דאַרף ניט, האָט געענטפערט ראַגאָזשין, און גע־
מענדיג דעם פירשט ביים האַנט, האָט ער איהם אַנגעבויגט צום שטול.
אליין געזעצט זיך אַנטקעגען, צורוקענדיג דעם שטול, אזוי אַז זייערע
קניע האָבען כמעט אנגעריהרט דעם פירשט׳ס קניע. צווישען זיי,
אביסעלע פון דער זייט, איז געשטאַנען אַ קליינינקער קיילעכדיגער
טישעלע. — זעץ זיך, לאָמיר דערווייל זיצען! האָט ער געזאָגט פּונקט
ווי ער וואָלט געוואָלט איינרעדען מען זאָל זיצען. א ווייַלע האָבען
זיי געשוויגען. — איך האָב טאַקע אזוי פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט זיך
אין דעם דאָזיגען האָטעל אָפּשטעלען, האָט ער אַנגעהויבען רעדען.
אויף אַזאַ אופ׳ן, ווי עס טרעפט אָפּט, אַז איידער מען טרעט צו צום
הויפּט געשפרעך, הויבט מען אָן פון זייטיגע זאַכען וועלכע באַלאַנגען
ניט צום ענין. — ווי איך בין אריינגעקומען אין קאָרידאָר: איז
מעגליך אַז ער זיצט איצט און וואַרט אויף מיר, ווי איך אויף איהם,
און אין דער זעלבער מינוט? ביי דער לעהרערין ביזטו געווען?

— געווען, האָט פון גרויס האַרץ קלאַפּעניש קוים געקענט ארויס־
רעדען דער פירשט.

— איך האָב אויך וועגען דעם געדענקט. מען וועט נאָך וועגען
דעם רעדען, טראַכט איך... און דערנאָך טראַכט איך: איך וועל
איהם ברענגען נעכטיגען אהער,, אזוי אַז מיר זאָלען די דאָזיגע נאַכט
זיין צוזאַמען...

— ראַגאָזשין! וואו איז נאַסטאַסיא פיליפּאָווּנאַ? האָט ארויס־
געשעפּטשעט דער פירשט און ער האָט זיך אויפגעהויבען ציטערענדיג

מיט אַלע גלידער. אויך ראַגאָזשין האָט זיך אויפגעהויבען.

— דאָרטען, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן, אַ שאָקל טוענדיג מיט'ן קאָפּ אויף דער גאַרדין.

— זי שלאָפט? האָט אַ שעפּטשע געטאָן דער פירשט.

ווידער האָט איהם ראַגאָזשין אָנגעקוקט דורכדרינגענד ווי פריהער.

— ווייסט גאָר וואָס, לאָמיר שוין אריין! אבער דו... נו יע, לאָמיר געהן! ער האָט אויפגעהויבען די פּאָרטיערען, זיך אָפּגעשטעלט און זיך ווידער געווענדט צום פירשט:

— קום אריין! האָט ער געוואונקען פון הינטער די פּאָרטירען, איינלאַדענדיג אריינצוקומען. דער פירשט איז אריין.

— דאָ איז פינסטער, האָט ער געזאָגט.

— ס'איז גענוג ליכטיג! האָט ארויסגעמורמעלט ראַגאָזשין.

— איך זעה קוים... אַ בעט.

— געה צו אַ ביסעלע נעהענטער, האָט שטיל פאָרגעלעגט ראַגאָזשין.

דער פירשט האָט אַ טראָט געטאָן נאָך נעהענטער. נאָך אַ טראָט, אַ צווייטער, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אַ מינוט אָדער צוויי; ביידע האָבען אין דער צייט ווען זיי זיינען געשטאַנען ביים בעט גאָרנישט גערעדט; ביים פירשט האָט געקלאַפּט דאָס הארץ, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט עס געהערט אין צימער, ביים דעם טויטען־שווייגען פון צימער. נור ער האָט זיך שוין צוגעקוקט אַזוי דאָס ער האָט געקענט באַמערקען די גאַנצע בעט; אין איהר איז עמיצער געשלאָפען, מיט אַ גאַנץ האַרטען שלאָף. מען האָט ניט געקענט הערען דעם קלענסטען ריהר, דאָס שוואַכסטע אָטעמען. דער שלאָפענדער איז געווען איבער־געדעקט איבער'ן קאָפּ, מיט אַ ווייסער ליילאַך, און די קליידער האָ־בען זיך ניט קלאָר געמערקט. מען האָט בלויז געקענט זעהן נאָך דער הויכקייט אַז דאָ ליגט אויסגעצויגען אַ מענש. ארום אין אונ־אָרדנונג, אויף'ן בעט, ארום די פיס, אויף שטולען ביים בעט, אויפ'ן דיל אפילו, איז געווען צעוואָרפען אויסגעטאָנענע קליידער, אַ רייכע, ווייסע, זיידענע קלייד, בלומען, ליענטעס, אויף דעם קליינינקען טי־שעלע, צוקאָפּענס, האָבען געגלאַנצט אראָפּגענומענע און צעוואָרפענע ברילי־אַנטען. ארום די פיס, זיינען געלעגען צונויפגעדרעהט אין אַ

קנויל, עפּעס אַזעלכע זיידענע שפּיצען, און פון די ווייסע שפּיצען האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער דער לייליאַך אַ שטיקעל נאַקעטע פוס. זי האָט אויסגעזעהן ווי אויסגעהאַקט פון מראַמאָר און איז געווען שרעקליך אונבאַוועגליך. דער פירשט האָט געקוקט און געפיהלט, אַז וואָס מעהר ער קוקט אַלץ טויטער און שטילער ווערט אין צימער. פּלוצלינג האָט זיך צעזשוזשעט אַן אויפגעוועקטע פליג, זיך דורכגעטראָגען איבער'ן בעט און איז אַנטשוויגען געוואָרען ביים צוקאָפּענס. דער פירשט האָט זיך געטרייסעלט.

— קום אַרויס, האָט איהם אַ ריהר געטאָן ביים האַנט ראָגאָזשין.

זיי זיינען אַרויס, זיך ווידער צוזעצט אויף די זעלבע שטולען, ווידער איינער אַנטקעגען דעם צווייטען. דער פירשט האָט זיך געטרייסעלט אַלץ מעהר און מעהר און האָט ניט אַרונטערגענומען זיין פרעגענדען בליק פון ראָגאָזשין'ס געזיכט.

— ווי איך באַמערק, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, טרייסעלסטו זיך, האָט ענדליך אַרויגערעדט ראָגאָזשין, — דו ציטערסט אַזוי, פּונקט ווי עס טרעפט ביי דיר אין דיין פּאַליגע? אָדער ביזט אפשר טאַקע פּונקט פאַר דער פּאַליגע, און איך ווייס ניט וואָס וועל איך מיט דיר איצט טאָן...

דער פירשט האָט זיך איינגעהערט, אַנשטרענגענדיג אַלע קרעפטען צו פאַרשטעהן און ער האָט אַלץ געפרעגט מיט זיין בליק.

— דאָס האָסטו?... האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט אַ שאַקעלטענדיג מיט'ן קאָפּ אויף די פּאַרטיערען.

— דאָס... האָב איך... האָט אַרויסגעשעפּטשעט ראָגאָזשין און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַ מינוט פינף האָבען זיי געשוויגען.

— ווייל, האָט מיט אַ מאָל פאַרטגעזעצט ראָגאָזשין, פּונקט יוי ער וואָלט גאָר ניט איבערגעריסען דעם געשפּרעך — ווייל, ווען מיט דיר פּאַסירט איצט דיין קראַנקהייט, דיין אַנפאַל, און דו גיסט איצט אַ געשריי, וועט מען אודאי פון גאַס דערהערען, אָדער עמיצער וועט פון הויף דערהערען, און מען וועט זיך אַנשטויסען, אַז אין דער קוואַרטיר נעכטיגען מענשען; וועלען זיי אָנהויבען קלאַפּען, וועלען אַריינקומען... ווייל זיי אַלע דענקען, אַז איך בין ניטאָ אין דער היים. איך האָב קיין ליכט ניט אָנגעצונדען, כדי מען זאָל פון גאַס אָדער פון הויף

זיך ניט אָנשטויסען, ווייל ווען איך בין אין דער חיים, נעהם איך מיט זיך די שליסלען, און קיינער קומט ניט אין מיין אַבוועזענהייט צו דריי און צו פיער טעג די צימערען אויפראַמען, אַזוי האָב איך איינגעפיהרט. איז אָט כדי מען זאָל זיך ניט דערווייסען, אַז מיר וועלען דאָ נעכטיגען...

— ווארט אויף, האָט געזאָגט דער פירשט — איך האָב פריהער ביים הויף־דינער און ביי דער אַלטע געפרעגט: צו האָט דאָ ניט גע־נעכטיגט נאַסטאַסיא פיליפּאָוונאַ, הייסט דאָך שוין, אַז זיי ווייסען.

— איך ווייס, אַז דו האָסט געפרעגט. איך האָב דער פאַנפנר־טיעוונאַ אָנגעזאָגט, אַז נעכטען איז אַהער געקומען נאַסטאַסיא פילי־פּאָוונאַ און אַז נעכטען שוין איז זי אָפּגעפאָהרען אין פּאַוולאָווסק, און אַז ביי מיר איז זי בלויז געווען צעהן מינוט. און זיי ווייסען קיינער ניט אַז זי האָט דאָ גענעכטיגט — קיינער ניט. נעכטען זיי־נען מיר אויך אריין, זעהר שטיל, ווי היינט מיט דיר. איך האָב נאָך אויפן וועג, פאַר זיך געטראַכט, אַז זי וועט ניט וועלען אריינגעהן אין דער שטיל. אָבער ווייס איך וואָס! זי איז אריין. זי האָט גע־שעפּטשעט, אויף די שפּיץ־פינגער געגאַנגען, די קלייד פאַרהויבען, כדי עס זאָל ניט שורשען, און זי אַליין סטראַשעט מיך אויף די טרעפּ מיט'ן פינגער, — דאָס האָט זי זיך אַלץ פאַר דיר געשראָקען. אויפ'ן באַהן האָט זי אין גאַנצען אויסגעקוקט ווי אַ משוגענע, אַלץ פון שרעק. און זי אַליין האָט איינגעשטימט צו מיר געהן נעכטיגען. איך האָב געדענקט אַ פריהער נעהמען זי אויף דער קוואַרטיר, צו דער לעהרעריז

— אָבער ווייס איך וואָס! „דאָרטען, זאָגט זי, וועט ער מיך נאָך איידער עס וועט טאָג ווערען אויסזוכען, אָבער דו וועסט מיך באַהאַל־טען, און מאָרגען ווי ס'וועט נור טאָג ווערען קיין מאָסקוואַ". און דערנאָך אין אָראַל האָט זי ערגעץ געוואָלט. און ווען זי האָט זיך געלעגט, האָט זי אַלץ גערעדט אַז זי וועט פאָהרען אין אָראַל...

— ווארט זשע, וואָס זשע ווילסטו איצט פאָרפען, וואָס ווילסטו טאָן?

— אָט, איך וואונדער זיך אַלץ אויף דיר וואָס דו טרייסעלסט זיך אַלץ. מיר וועלען דאָ איבערנעכטיגען די נאַכט צוזאַמען. אַ בעט אויסער יענער, איז דאָ ניטאָ, און איך האָב אַזוי צוגעטראַכט, אַז פון ביידע דיוואַנען, אַרונטערנעמען די קישענס און אָט ביי די פּאַרטיע־

רען וועל איך דאָ אויסבעטען אי פאַר דיר אי פאַר מיר, אַזוי אַז עס זאָל זיין צוזאַמען. ווייל, ווען מען וועט אַריינקומען, וועט מען נעמען באַקוקען אָדער זוכען, וועט מען זי דאַך באַלד דערזעהן און אַרויס־טראָגען. וועט מען מיך אָנהויבען אויספרעגען, וועל איך דערצעהלען, אַז איך, און מען וועט מיך באַלד וועקפיהרען. טאָ זאָל זי שוין איצט דאָ ליגען לעבען אונז, לעבען מיר און דיר...

— געוויס, געוויס! האָט מיט היץ איינגעשטימט דער פירשט.

— הייסט עס, אַז מען זאָל זיך ניט מודה זיין, און ניט לאָזען אַרויסטראָגען.

— ניין, ניין, אין קיין פאַל ניט! האָט באַשלאָסען דער פירשט

— ניין, ניין, ניין!

— אָט אַזוי האָב איך אויך באַשלאָסען, אַז אין קיין פאַל ניט און קיינעם זי ניט אָפּגעבען! די נאַכט וועלען מיר איבערנעכטיגען שטיל. איך בין היינט בלויז אויף איין שטונדע, אין דער פריה, אַרויס פון הויז, און די איבעריגע בין איך אַלץ אַרום איהר געווען. און דערנאָך אין אָוונט, בין איך אַוועק נאָך דיר. איך שרעק זיך אָט פאַר וואָס נאָך, אַז עס איז פאַרשטיקט און עס וועט זיך דערהערען אַ גערוך, הערסטו אַ גערוך אָדער ניט?

— מעגליך, אַז איך הער, איך ווייס ניט. ביז אין דער פריה וועט זיך געוויס הערען.

—איך האָב זי איבערגעדעקט מיט אַ קלעיאַנקע, מיט אַ גוטער קלעיאַנקע, אַן אַמעריקאַנישער. און איבער דער קלעיאַנקע מיט אַ ליילאַך און פיער פלעשער מיט זשדאַנאָווסקע פליסיגקייט, האָב איך אָפּענע אוועקגעשטעלט, זיי שטעהען נאָך איצט אויך דאָרטען.

— דאָס איז אַזוי ווי דאָרטען... אין מאָסקווע?

— עס איז צוליב דעם ברודער, ווייל עס הערט זיך אַ גערוך. און וואָלסט זי זעהן ווי זי ליגט... אין דער פריה, ווי עס וועט נור ליכטיג ווערען, וועסטו אַ קוק טאָן. וואָס, דו קענסט זיך ניט אויפ־הויבען? האָט מיט שרעקעדיגער פאַרוואונדערונג געפרעגט ראָגאָ־זשין, זעהענדיג אַז דער פירשט טרייסעלט זיך אַזוי, דאָס ער קען זיך ניט אויפהויבען.

— די פיס ריהרען זיך ניט. האָט אַרויסגעמורמעלט דער פירשט

— דאָס איז פון שרעק, דאָס ווייס איך... עס וועט אריבער דער שרעק און איך וועל אויפשטעהן..

— וואָרט־זשע, און איך וועל דערוויילּ אויסבעטען פאר אונז דעם געלעגער, און דו וועסט זיך לעגען... און איך מיט דיר... און מיר וועלען ליגען און הערען... ווייל איך ברודער, ווייס נאָך ניט... איך ברודער ווייס נאָך איצט ניט אלעס, איך זאָג דאָס דיר פריהער, כדי דו זאָלסט עס אלץ פריהער וויסען...

מורמלענדיג די דאָזיגע אומקלאָרע ווערטער, האָט ראָגאָזשין אָנגעהויבען אויסבעטען דעם געלעגער. עס איז געוועזען קענטיג, אַז ער האָט וועגען דעם דאָזיגען געלעגער, מעגליך, נאָך אין דער פריה געדענקט. די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט ער זיך אליין געלעגט אויפ'ן דיוואַן. נור אויפ'ן דיוואן איז פאר צווייען געווען שווער צו ליגען, און ער האָט אונבאַדינגט איצט געוואָלט אויסבעטען צוזאַמען, דערפאַר האָט ער צוזאמענגעשלעפּט מיט אַנשטרענגונג, איבער'ן גאַנצען צימער, צו דעם סאמע אריינגאַנג ביי די פּאַרטיערען, פאַרשיעדענע קאָלירטע קישעלאַך פוןביידע דיוואַנען. קויב מיט צרות געמאַכט די געלעגער. ער איז צוגעגאַנגען צום פירשט, האָט צאַרט און מיט ענטציקונג איהם גענומען אונטער'ן האַנט, איהם אויפגעהויבען און צוגעפיהרט צום געלעגער; נור עס האָט זיך ארויסגעשטעלט אַז דער פירשט זעלבסט קען אליין אויך געהן, חייסט עס, אַז „די שרעק איז שוין פאַראיבער“; און פונדעסטוועגען האָט ער נאָך אלץ פאָרטגעזעצט צו טרייסלען זיך.

— עס איז דערפאר ברודער, חאָט פּלוצלינג אָנגעהויבען ראָגאָזשין, אוועקלעגענדיג דעם פירשט אויף דער לינקער בעסערער קישען און אויסציהענדיג זיך אליין אויף דער רעכטער, ניט אויסטוענדיג זיך און פאַרוואָרפענדיג ביידע הענט אונטער'ן קאָפּ. — הייגט איז הייס און ס'מוז שמעקען... עפענען די פענסטער האָב איך מורא; אָבער ביי דער מאַמען זייגען דאָ טעפּ מיט בלומען, א סך בלומען און זיי גיבען ארוים פון זיך זעהר א פיינעם ריח... אָבער פּאַנפוטיעוונאַ וועט זיך אַנשטויסען, ווייל זי איז א נייגעריגע.

— זי איז א נייגעריגע, האָט נאָכגעזאָגט דער פירשט.

— אפשר קויפען, און ארומלעגען זי אין גאַנצען מיט בלומען?

אָבער איך דענק, ברודער'ל, אַז עס וועט זיין אַ רחמנות צו קוקען אויף איהר אין די דאָזיגע בלומען!

— הער... האָט געפרעגט דער פירשט, פונקט ווי ער וואָלט זיך פארפלאָנטעט, פונקט ווי ער וואָלט נאָכגעזוכט וואָס מען מוז אונבאַדינגט פרעגען — הער, זאָג מיר, מיט וואָס האָסטו איהר? מיט אַ מעסער? טאָקע מיט יענעם?

— יע, מיט יענעם...

— וואַרט זשע נאָך אביסעל! איך וויל פארפען דיך נאָך עפּעס פרעגען... איך וועל דיך אַ סך פרעגען וועגען אַלעם... נור דו זאָג מיר בעסער פון אָנהויב, כדי איך זאָל וויסען: האָסטו זי געוואָלט דער־הרג'נען פאר דער חתונה, פאר דער חופה, מיט אַ מעסער? האָסטו געוואָלט אָדער ניט?

— איך ווייס ניט, צו האָב איך געוואָלט אָדער ניט געוואָלט... האָט טרוקען געענטפערט ראָגאָזשין, אזוי ווי ער וואָלט זיך אביסעל פארוואונדערט אויף דער פראַגע, און ניט באַנעהמענדיג זי.

— האָסטו דעם מעסער מיט זיך אין פּאַוולאָווסק קיינמאָל ניט געפיהרט?

—ניין, קיינמאָל. איך קען דיר, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, וועגען מעסער אָט וואָס זאָגען, האָט ער צוגעגעבען נאָך אַ ווייל׳ע שווייגען — איך האָב איהם פון פארשלאָסענעם קאסטען היינט אין דער פריה ארויסגענומען, ווייל די גאַנצע זאַך איז געשעהן אין דער פריה, פיער אזייגער. ער איז געלעגען ביי מיר פארלעגט אין בוך... און... און... און אָט וואָס ס'איז מיר נאָך אַ חידוש: דער מעסער איז אין גאַנ־צען דורכגעגאַנגען בלויז אויף אָנדערהאַלבען... אָדער דאָס העכסטע אויף צוויי ווערשאָק... אונטער דער לינקער ברוסט... און בלוט איז אויסגערונען אויפ'ן העמד אין גאַנצען אפשר אַ האַלבע עס־לעפעל; מעהר איז ניט געווען...

— דאָס, דאָס, דאָ, האָט זיך דער פירשט פּלוצלינג אויפגעהויבען פון שרעקליכער אויפרעגונג — דאָס ווייס איך, דאָס האָב איך גע־לייענט... דאָס רופט מען אַן אינערליכע אויסגיסונג... עס טרעפט אַז עס ווייזט זיך אפילו קיין טראָפּען אויך ניט... דאָס איז ווען דער קלאַפּ טרעפט פונקט אין האַרצען...

— וואַרט נור, הערסט? האָט פּלוצלינג האָסטיג איבערגעשלאָגען

ראָגאָזשין און אַז איבערגעשראָקענער זיך אויפגעזעצט אויפ'ן אונטער־בעט: דו הערסט?

— ניין! האָט אויך אַזוי האַסטיג און דערשראָקען אַרויסגערעדט דער פירשט, קוקענדיג אויף ראָגאָזשינען.

— זי גערט אַרום! הערסט? אין זאַל...

ביידע האָבען זיך גענומען צוהערען.

— איך הער, האָט פעסט אַרויסגעשעפּטשעט דער פירשט.

— זי גערט אַרום?

— זי גערט אַרום.

— פאַרמאַכען די טהיר אָדער ניט?

— פאַרמאַכען...

מען האָט פאַרמאַכט די טהיר. און ביידע האָבען זיך ווידער אַוועקגעלעגט. אַ לאַנגע צייט האָבען זיי געשוויגען.

— אַך, יע. האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען שעפּטשען דער פירשט, מיט זיין פריהערדיגען אויפגערעגטען און איילענדען שעפּטשען, פּונקט ווי ער וואָלט ווידער געכאַפּט אַ געדאַנק און געשראָקען זיך ווידער איהם צו פאַרלירען, ער האָט זיך אפילו דערביי אויפגעהויבען אויפ'ן בעט, — יע... איך האָב דיך געוואָלט... אָט די דאָזיגע קאָרטען! קאָר־טען... מען זאָגט, אַז דו האָסט מיט איהר אין קאָרטען געשפּילט?

— געשפּילט, האָט ראָגאָזשין געזאָגט נאָך אַ ווייל שוויינען.

— וואו זשע זיינען... די קאָרטען?

— די קאָרטען זיינען דאָ... האָט אַרויסגעזאָגט ראָגאָזשין שוויי־גענדיג נאָך מעהר ווי פריהער, — אָט...

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ געשפּילטע, אין אַ פּאַפּיר פאַרוויקעלטע טעשיל קאָרטען און זיי דערלאַנגט דעם פירשט. יענער האָט גענומען, נור אַזוי ווי מיט פאַרוואונדערונג. אַ נייער, טרויער־דיגער, און ניט פרעהלאַכער געפיהל האָט איהם צוזאַמענגעדריקט דאָס הארץ; ער האָט מיט אַמאָל פאַרשטאַנען, אַז אין דער מינוט, און אַז שוין לאַנג, רעדט ער ניט וועגען דעם, וועגען וואָס ער דאַרף רעדען. און ער טוט אַלץ ניט דאָס, וואָס מען דאַרף טאָן. און אַז אָט די קאָרטען, וועלכע ער האַלט אין האַנט, און מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי דערפרעהט, וועלען איצט קיין זאַך, קיין זאַך ניט העלפען. ער איז אויפגעשטאַנען און פאַרבראַכען מיט די הענט. ראָגאָזשין איז

געלעגען אונבאוועגליך און אזוי ווי ער וואלט ניט געהערט און ניט געזעהן זיינע באוועגונגען; נור זיינע אויגען האבען ליכטיג געגלאנצט פון דער פינסטערניש און זיי זיינען געווען אין גאנצען אפען און אונבאוועגליך. דער פירשט האט זיך געזעצט אויף א שטוהל און גענומען קוקען אויף איהם מיט שרעק. עס איז אוועק ביי א האלבע שטונדע. פלוצלינג האט ראגאזשין הויך און אפגעהאקט, זיך צושרייען און צעלאכט, פונקט ווי ער וואלט פארגעסען אז מען דארף רעדען שעפטשענדיג:

— דעם אפיצער, דעם אפיצער... געדענקסטו, ווי אזוי זי האט דעם אפיצער יענעם, אויף דער מוזיק א שמיים געטאן, געדענקסט, כא, כא, כא! עס איז נאך צוגעלאפען א קאדעט... א קאדעט...

דער פירשט איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל אין נייעם שרעק. ווען ראגאזשין איז שטיל געווארען (און ער איז מיט אמאל שטיל געווארען), האט דער פירשט זיך שטיל איבערגעבויגען צו איהם, זיך אוועקגעזעצט גלייך מיט איהם און מיט א שטארק קלאפענדען הארצען, און שווער אטעמענדיג איהם גענומען באטראכטען. ראגאזשין האט צו איהם ניט אויסגעדרעהט דעם קאפ, און עס דוכט זיך, אז ער האט אפילו אן איהם פארגעסען. דער פירשט האט געקוקט און געווארט; די צייט איז געגאנגען, עס האט אנגעהויבען ווערען ליכטיג. ראגאזשין פלעגט צייטענוויייז און פלוצלינג אנהויבען מורמלען הויך, שארף און אהן א צוזאמענהאנג. פלעגט אויסשרייען און לאכען; דער פירשט האט אויסגעצויגען צו איהם דאן זיין ציטערדיגע האנט און שטיל זיך צוגעריהרט צו זיין קאפ, צו זיינע האר, האט זיי געגלעט און געגלעט זיינע באקען... מעהר האט ער גארניט געקאנט טאן! ער אליין האט ווידער אנגעהויבען זיך טרייסלען און ווידער האבען מיט אמאל איהם אפגענומען די פיס. עפעס גאר א נייע עמפפינדונג האט געדריקט זיין הארץ מיט אונענדליכען טרויער. דערווייל איז שוין געווארען גאר ליכטיג; ענדליך האט ער זיך צוגעלעגט אויפ'ן קישען, זייענדיג גאר מאכטלאז און פארצווייפעלט, און ער האט זיך צוגעדריקט מיט'ן געזיכט צו ראגאזשין'ס בלייכען און אונבאוועגליכען געזיכט; טרערען זיינען גערונען פון זיינע אויגען אויף ראגאזשין'ס באקען, נור מעגליך, אז ער האט שוין דאן ניט געהערט זיינע אייגענע טרערען און ער האט שוין גאר וועגען זיי ניט געוואוסט...

אמווינציינגסטענס, ווען נאָך פיעל שטונדען, האָט זיך געעפענט די טהיר און עס זיינען אריינגעקומען מענשען האָבען זיי געפונען דעם מערדער אין פולער באוואוסטלאָזיקייט און היץ. דער פירשט איז געזעסען לעבען איהם אויפ׳ן אונטערבעט אונבאַוועגליך און שטיל, ביי יעדען אויסגעשריי אָדער הייץ־רעד פון דעם קראַנקען, זיך געאיילט דורכצופיהרען מיט אַ ציטערדיגער האַנט איבער זיינע האָר און באַקען אזוי ווי לאַשטשענדיג און איינשטילענדיג איהם. נור ער האָט שוין גאָר ניט געוואוסט וועגען וואָס מען האָט איהם געפרעגט און ער האָט ניט דערקאַנט די אריינקומענדע און איהם ארומרינגלענדע מענשען. און ווען שניידער אליין וואָלט איצט געקומען פון דער שווייץ אַ קוק טאָן אויף זיין געוועזענעם שילער און פאַציענט, וואָלט אויך ער, געדענקענדיג יענעם צושטאַנד, אין וועלכען עס איז אַ מאָל געווען דער פירשט, אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין לעהרע, אין דער שווייץ, איצט אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט און געזאָגט ווי דאַמאָלס: „אידיאָט!“

צוועלפטער קאַפּיטעל

ד י ע נ ד ע

ווען די לעהרערין איז געקומען צופליהען אין פּאַוולאָווסק און גלייך ערשיינען צו דאַריאַ אַלעקסיעוונאַ, וועלכע איז געווען צוטומעלט פון נעכטיגען טאָג, און איהר דערצעהלט וואָס זי ווייס, האָט זי זיך אין גאַנצען איבערגעשראָקען. ביידע דאַמען האָבען גלייך באַשלאָסען זיך צו שטעלען אין פאַרבינדונג מיט לעבעדעוו׳ן, וועלכער איז אויך געווען אומרוהיג אַלס אַ פריינד פון זיין קוואַרטיראַנט און אַלס בעל הבית פון דער קוואַרטיר. ווערא לעבעדעוו האָט דערצעהלט אַלץ וואָס זי ווייס. לויט לעבעדעוו׳ס ראָטה, האָט מען באַשלאָסען אוועקצו־

פאָהרען אין פעטערבורג, אין דרייען, כדי וואָס שנעלער צו פאַרהיטען „דאָס וואָס האָט געקאָנט פּאַסירען", אויף אַזאַ אופן איז ארויסגעקר־מען אַז אויפ'ן צווייטען פריהמאָרגען, ארום א זייגער עלף, איז ראַ־גאָזשין'ס קוואַרטיר אויפגעעפענט געוואָרען אין דער אַנוועזענהייט פון דער פּאָליציי, פון לעבעדעוו, פון די דאַמען און פון ראָגאָזשין'ס ברודער, סעמען סעמענאָוויטש ראָגאָזשין, וועלכער האָט געוואוינט אין פליגעל פון הויז. צו דעם ערפאָלג פון דער זאַך האָט איהר פון אַלעמען ארויסגעהאָלפען דאָס עדות זאָגען פון דעם הויף־דינגער, אז ער האָט נעכטען אווענט געזעהן פאַרפען סעמענאָוויטש'ן מיט'ן גאַסט, וועלכע זיינען אריין מיט די פאָדערשטע טרעפּ און ווי גע'גנב'עט זיך. נאָך די דאָזיגע עדות זאָגען, האָט מען שוין ניט געצווייפעלט אז מען דאַרף אויפברעכען די טהיר, וועלכע מען האָט ניט געעפענט אויפ'ן קלינגען.

ראָגאָזשין האָט אויסגעהאַלטען צוויי מאָנאַטען, א מאָרד־ענט־ציגדונג, און ווען ער איז געזונט געוואָרען — אַן אונטערזוכונג און א געריכט'ס פאַרהאַנדלונג. ער האָט געגעבען אויף אַלץ א גלייכען און גאַנץ צופרידענשטעלענדען עדות זאָגען, אויפ'ן גרונד פון וועלכע, דער פירשט איז שוין פון סאַמע אָנפאַנג געווען באַזייטיגט פון גע־ריכט.

ראָגאָזשין איז געווען א שווייגענדיגער אין דער צייט פון זיין פּראָ־צעס. ער האָט ניט ווידערגעשפּראָכען דעם פלינקען און שעהן־רעדע־נערישען אדוואָקאט זיינעם, וועלכער האָט קלאָר און לאָגיש באַוויזען, אז דער געשעהנער מאָרד איז געווען די פאָלגע פון א מאָרד־ענטציג־דונג, צוליב דעם גע'משפּט'ענם ערגערניש. נור ער האָט גאָרנישט ניט צוגעגעבען פון זיך אלס באַשטעטיגונג פון דער דאָזיגער מיינונג, און האָט ווי פריהער קלאָר און פּינקטליך באַשטעטיגט און געדענקט אַלע קלענסטע אומשטענדען פון דער געשעהניש. ער איז פאַראור־טהיילט געוואָרען, מיט א מעגליכקייט פון פאַרלייכטערונג, אויף קאָ־טאָרגע, אין סיביר, אויף פופצעהן יאָהר. און ער האָט אויסגעהערט זיין אורטהייל, שטרענג, שטום און „פאַרטראַכט", זיין גאַנצער גרוי־סער פאַרמעגען, חוץ א זעהר קליינעם טהייל, רעדענדיג אין פאַרגלייך, וועלכע איז פון איהם גע'פטר'ט געוואָרען אויף קוטעזשען גאָר אין סאַמע אָנפאַנג, איז אריבער צו זיין ברודער, סעמען סעמענאָוויטש.

צו דעם גרויסען פאַרגעניגען פון דעם לעצטען. די אַלטיטשקע ראָגאָזשין לעבט נאָך. און פון צייט צו צייט דערמאָנט זי זיך אָן דעם געליבטען זון פאַרפען, אָבער ניט קלאָר: גאָט האָט אויסגעלייזט איהר פאַרשטאַנד און האַרץ פון באַוואוסטזיין, פון דעם שרעק וואָס האָט געטראָפען איהר הויז.

לעבעדעוו, קעלער, האַניא, פּטיצין און פיעלע פון די אנדערע פּערזאָנען פון אונזער ערצעהלונג, האָבען זיך וועניג געענדערט. און מיר האָבען כמעט זעהר וועניג וואָס איבערצוגעבען וועגען זיי. איפּאָליט איז געשטאָרבען אין שרעקליכער אויפרעגונג, און אביסעל פריהער ווי ער האָט גערעכענט, א פּאָר וואָכען נאָך נאַסטאַסיא פיליפּאָוונא. קאָליא איז געוועזען טיף געטראָפען פון דאָס געשעהנע, און ער האָט זיך אין גאַנצען צוזאמענגעקומען מיט דער מוטער. נינאַ אלעקסאַנדראָוונא שרעקט זיך פאַר איהם וואָס ער איז ניט נאָך לויט זיינע יאָהרען פאַרטראַכט; פון איהם וועט מעגליך, ארויסקומען א פעהיגער מענש. צווישען אנדערעס, טהיילווייז צוליב זיינע באַמיהונגען, האָט זיך איינגעאָרדענט דעם פירשט'ס ווייטערדיגער שיקזאַל: שוין לאַנג האָט ער אויסערוועהלט פון די מענשען וועלכע ער האָט דערקאָנט די לעצטע צייט, עווגעני פּאַוולאָוויטש ראַדאָמסקען; ער איז דער ערשטער אוועקגעגאַנגען צו איהם און איהם איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען פון דער געשעהניש, וועלכע ער האָט געוואוסט, און וועגען דעם פירשט'ס איצטיגער לאַגע. ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט: עווגעני פּאַוולאָוויטש האָט גענומען א זעהר הייסען אַנטהייל אין דעם שיקזאַל פון דעם אומגליקליכען „אידיאָט“, און צוליב זיינע באַמיהונקען און זאָרגונגען איז דער פירשט ווידער אָנגעקומען אין אויסלאַנד אין שניידער'ס שווייצארישען אַנשטאַלט. עווגעני פּאַוולאָוויטש זעלבסט, וועלכער איז ארויסגעפאָרען אין אויסלאַנד און וועלכער האָט באַשלאָסען צו בלייבען אויף לאַנג אין אייראָפּא, און וועלכער האָט אָפען זיך גערופען: אלס „איבעריגער מענש אין רוסלאַנד“ — באַזוכט גאַנץ אָפט, אמווייניגסטענס, איין מאָל אין עטליכע מאָנאַטען, זיין קראַנקען פריינד, ביי שניידער'ן; נור שניידער איז אַלץ מעהר און מעהר טרויערדיג און ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ; ער גיט אָנצוהערעניש וועגען דער וואָהרער צושטערונג פון די פאַרשטאַנד־אָרגאַנען. ער זאָגט נאָך ניט אויף זיכער וועגען אונהיילבאַר־

קייט. נור ערלויבט זיך די סאמע טרויערדיגסטע אנצוהערענישען. עווגעני פאוולאוויטש נעהמט עס זעהר צום הארצען. און א חארץ פארמאגט ער, א זאך וואס ער האט באוויזען שוין מיט דעם וואס ער קריגט בריעף פון קאליא'ן און ער ענטפערט אפילו גאנץ אפט אויף די דאזיגע בריעף. נור אויסער דעם איז באקאנט געווארען נאך א מאדנער שטריך פון זיין כאראקטער; און אזוי ווי דער דאזיגער שטריך איז א פיינער, ווילען מיר איילען איהם צו באצייכענען: נאך יעדען באזוך אין שניידער'ס אנשטאלט, איז אויסער צו קאליא שיקט עווגעני פאוולאוויטש נאך איין בריעף אין פעטערבורג מיט א זעהר איינצעלהייטליכע און סימפאטישע דארלעגונג פון דעם פירשט'ס צושטאנד אין דעם איצטיגען מאמענט. אויסער די זעהר ווירדיגע ערקלעהרונג פון איבערגעבענהייט, הויבען אין די בריעף אן זיך ווייזען (און אלץ מעהר און מעהר) איינציגע אפענע פארלעגונגען פון געוויסע בליקען אויף זאכען, פארשטענדעניסע און געפיהלען — מיט אייןווארט, עס הויבט אן זיך ווייזען עפעס עטוואס עהנליכעס אויף פריינדליכע און נאהענטע געפיהלען. די דאזיגע פערזאן וועלכע האט זיך איבערגעשריבען (כאטש זעהר ניט אפט), מיט עווגעני פאוולאוויטש און וועלכע האט אויף אזוי פיעל פארדיענט זיין אויפמערקזאמקייט און אכטונג, איז — ווערא לעבעדעוו. מיר האבען בשום אופן זיך ניט געקאנט דערוויסען אויף זיכער די איינצעלהייטען, אויף וואס פאר אן אופן האט זיך ביי זיי געקאנט פארבינדען אזעלכע באציהונגען; און פארבונדען האבען זיי זיך געוויס, אלץ צוליב דער געשיכטע מיט'ן פירשט. ווען ווערא לעבעדעוו איז געווען אזוי געטראפען דערפון, אז זי איז אפילו קראנק געווארען. נור ביי וועלכע אומשטענדען ס'איז פארגעקומען די באקאנטשאפט און פריינדשאפט איז אונז אונבאקאנט. און דערמאנט האבען מיר וועגען די דאזיגע בריעף מעהרסטענס, מיט דעם צוועק, וואס איינציגע פון זיי האבען ענטהאלטען ידיעות וועגען דער פאמיליע עפאנטשין און דערהויפט, וועגען אגלאיא איוואנאוונא עפאנטשין. וועגען איהר האט אין איין בריעף פון פאריז באנאכריכטעט עווגעני פאוולאוויטש, אז זי האט נאך א קורצער און אונגעוועהנליכער ליבשאפט צו אן אימיגראנט, א פוילישען גראף, מיט איהם פלוצלינג חתונה געהאט, געגען דעם ווילען פון איהרע עלטערען וועלכע, כאטש זיי האבען ענדליך געגעבען זייער צושטימונג, איז

דאָס דערפאר, ווייל פון דער זאך האָט זיך געקענט אויסלאָזען א גרויסער סקאַנדאַל. דערנאָך, כמעט נאָך א האַלב יאָהריגען שווייגען, האָט עווגעני פּאַוולאָוויטש געלאָזט וויסען זיין קאָרעספּאָנדענטקע, ווידער אין א לאַנגען און פול מיט איינצעלהייטען בריעף, אַז ער האָט אין דער צייט פון זיין לעצטען וויזיט צו פּראָפעסאָר שניידער אין דער שווייץ, זיך ביי איהם צוזאַמענגעטראָפען מיט אַלע עפּאַנטשין'ס, (אויסער, פאַרשטעהט זיך איוואן פיאָדאָראָוויטש, וועלכער בלייבט צוליב געשעפטען אין פּעטערבורג). און מיט דעם פירשט שטש. די צוזאמענטרעפונג איז געווען א מאָדנע; עווגעני פּאַוולאָוויטשען האָבען זיי כמעט אַלע באַגעגענט מיט פרייד; אַדעלאַידא און אַלעקסאַנדרא האָבען אפילו געפונען פאר נויטיג איהם צו דאַנקען „פאר זיין מלאך'שען זאָרגען וועגען דעם אומגליקליכען פירשט“. ליזאַוועטא פּראָקאָפּיעוונא דערזעהענדיג דעם פירשט אין זיין ערנידעריגטען צושטאַנד האָט זיך פון גאַנצען האַרצען צעוויינט. קענטיג, אַז איהם האָט מען שוין געקאָנט אַלעם מוחל זיין. דער פירשט שטש. האָט דערביי ארויסגעזאָגט עטליכע גליקליכע און קלוגע וואַרהייטען. עווגעני פּאַוולאָוויטשען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער און אַדעלאַידא האָבען זיך נאָך ניט צוזאמענגעלעבט איינער מיט'ן צווייטען; נור אין דער צוקונפט האָט זיך ארויסגעוויזען אונפאַרמיידליך די אמת'ע פרייוויליגע און האַרציגע אונטערטעניגקייט פון דער היציגער אַדעלאַידא צו דעם פאַרשטאַנד און דער ערפאהרונג פון פירשט שטש. דערצו האָבען אויך די לעקציעס וועלכע די פאַמיליע האָט געקראָגען, אויף איהר שרעקליך געווירקט, און דערהויפּט דער לעצטער פאַל פון אַגלאַיא מיט דעם עמיגראַנט דעם גראַף.

אלעם פאַר וואָס די פאַמיליע האָט זיך געשראָקען אָפּלאָזענדיג דעם דאָזיגען גראַף צו אַגלאַיאַן, אלעם איז פאַרווירקליכט געוואָרען. מיט א צוגאָב פון אזעלכע סורפּריזען וועגען וועלכע מען האָט אפילו ניט געדענקט. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט אַז דער גראַף איז אפילו קיין גראַף ניט און אויב ער איז טאַקע אין אמת'ן אַן עמיגראַנט איז דאָס מיט אַזאַ דונקעלע און צוויידייטיגע היסטאָריע. באַצויבערט האָט ער אַגלאַיאַ'ן דערהויפּט מיט דער אונגעוועהנליכער פיינקייט פון זיין, פון ליידען, צוריסענעם האַרץ, נאָך זיין פאָטערלאַנד. און אויף אַזוי פיעל האָט ער זי באַצויבערט, אַז יענע, איז נאָך איידער זי האָט מיט

איהם חתונה געהאט, געווארען א מיטגליד פון עפעס אן אויסלענדישען קאמיטעט פאר דער אויפלעבונג פון פוילען, און אויסער דעם, איז זי אריינגעפאלען אין א קאטוילישען אנשטאלט פון עפעס א פאסטאר, וועלכער האט באהערשט איהר פארשטאנד ביז גאר. דאס ריזיגע רייכטהום פון גראף, וועגען וועלכען ער האט פארגעשטעלט ליזאוועטא פראקאפיעוונא און פירשט שטש. האט זיך לויט זיכערע ידיעות ארויסגעשטעלט אלס נישט געשטויגען און ניט געפלויגען. און נאך ווינציג דאס, איז אין א וועלכען ס'גיט איז האלבען יאהר נאך דער חתונה, איז דער גראף און זיין פריינד דער בארימטער פאסטאר, געלונגען אין גאנצען צו צוקריגען אגלאיא מיט איהר פאמיליע, אז דאס יענע האבען זי שוין עטליכע מאנאטען ניט געזעהן... מיט איין ווארט, עס איז דא א סך פון וואס צו דערצעהלען, נור ליזאוועטא פראקאפיעוונא, איהרע טעכטער, און אפילו פירשט שטש. זיינען שוין געווען אויף אזוי פיעל געטראפען פון אט דעם דאזיגען גאנצען „טעראר“, אז זיי האבען אפילו שוין מורא געהאט צו דערמאנען וועגען איניגע זאכען, אין דעם געשפרעך מיט עווגעני פאוולאוויטש, כאטש זיי האבען געוואוסט, אז ער ווייס אויך די געשיכטע פון אגלאיא איוואנאוונא'ס הינרייסונגען. דער ארימער ליזאוועטא פראקאפיעוונא האט זיך זעהר געוואלט פאהרען צוריק אין רוסלאנד, און לויט דער באשטעטיגונג פון עווגעני פאוולאוויטש האט זי גיפטיג און פארטייאיש געקריטיקירט פאר איהם אלעם אויסלענדישעם: „זיי קאנען אין ערגעץ ניט קיין רעכט שטיקעל ברויט אפבאקען, ווינטער פרוירען זיי ווי מייז אין קעלער“, — האט זי געזאגט — „אמווינציגסטענס, האב איך דא כאטש אויף דעם דאזיגען ארימען, אויפ'ן רוסישען שטייגער געוויינט“. האט זי צוגעגעבען אין אויפרעגונג, אנווייזענדיג אויפ'ן פירשט, וועלכער האט זי אבסאלוט ניט דערקענט. „שוין גענוג לאזען זיך פיהרען פון געפיהלען, שוין צייט נוצען פארשטאנד אויך. און דאס אלעס, פון אט דער גאנצער אויסלאנד, פון אט דער דאזיגער גאנצער אייראפא אייערע, איז דאס אלץ בלויז א פאנטאזיע, בלויז א פאנטאזיע... געדענקט מיינע ווערטער, איהר וועט נאכדעם אליין זעהן!“ האט זי פארענדיגט שיעור ניט מיט כעס, ווען זי האט זיך געזעגענט מיט עווגעני פאוולאוויטש.

(ע נ ד ע)

פאַרלאַג
מאַקס יאַנקאָוויטש
179 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

THE FLIRT (אין ענגליש) — — — — — — — — .25

ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאָרלעזער — .30 .70

אַ בוך צום לאַכען:

הומאָריסטישע פאָרלעזונגען — — — — — — — 1.50

חיים שוים:

די גרויסע אידישע געשיכטע, 4 בענדער 10.00

לאָרד בייראָן:

אידישע מעלאָדיעס — — — — — — — — — — — .40

ראָמאַן ראָלאַן:

שוועסטער אַנעט און סילוויא — — — — — 1.75

זומער (פאַרכישופטע נשמה) ראָמאַן אין 3 טיילען — — — — — — — — — — — 2.25

מוטער און זון, ראָמאַן אין 3 טיילען — — 2.25

ישראל זאַנגוויל:

טרוימער פון דער גהעטא אין 2 בענדער — 4.50

ראָבערט אינגערסאָל:

טעות'ן פון משה רבנו — — — — — — — .40 .75

אַרטור שאָפּענהויער:

די חכמה פון לעבען און אַנדערע עסייען — 2.00

דר. מוזיקאַנט:

דאָס נייע אָפּערא בוך מיט 40 אָפּעראַס — 2.25

ברוך שפּינאָזא:

טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט — — — 2.25

אנאַטאָל פראַנס:

דער אויפשטאַנד פון די מלאכים — — — — 2.00

אָסקאַר וויילד:

דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי — — — — — 1.50

מ. אַרציבאַשעוו:

סאַנין — — — — — — — — — — — — 1.50

מיליאָנען — — — — — — — — — — — 1.20

פרויען — — — — — — — — — — — — 1.00

אייפערזוכט — — — — — — — — .50 1.00

דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער) — 3.50

לאה קאפּילאָוויטש האָפמאַן:

אין קינדער לאַנד, פאַר קינדער צו דעקלאַ־
מירען — — — — — — — — — — 2.00

לעאָניד אַנדרעיעוו:

דער רויטער געלעכטער — — — — — — — .40 .70

פ. דאָסטאָיעווסקי:

אָרימע מענשען — — — — — — — — — 1.00
ערנידעריגטע און באַליידיגטע (אין 2 בענד) 3.00
פאַרברעכען און שטראָף (אין 2 בענד) — 3.50
אידיאָט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — — 5.00

טאָמאַס פיין:

די צייט פון פאַרשטאַנד — — — — — — 2.00

ווינטשענקאָ:

ערליך צו זיך אַליין — — — — — — — — — 2.00

וויקטאָר הוגאָ:

דער מענש וואָס לאַכט (אין 2 בענדער) — 3.00

אויגוסט סטרינבערג:

דאָס רויטע צימער, ראָמאַן — — — — — — 1.50
געזאַמעלטע דראַמען (אין 2 בענדער) — 3.00
„די פאַרברעכער" דראַמע — — — — — — .25

פּראָפ. א. פאָרעל:

געשלעכטס פראַגע פולשטענדיג אין 2 ב. — 4.00

ס. פּשיבישעווסקי:

דעם טייוועלס קינדער — — — — — — — 1.50

מאַרק ארענשטיין:

מיין ווייב'ס משוגעת, קאָמעדיע — — — — .20

ה. געלבוים:

מרדכי עטינגער, ראָמאַן פון אידישען לע־
בען אין אַמעריקאַ — — — — — — — 2.50

פעטער אַלטענבערג:

ווי איך זעה עם — — — — — — — — — — 1.75

ז. לעווין:

אין לעבען — — — — — — — — — — — 1.50

ראובן לודוויג:

שריפטען — — — — — — — — — — — 2.00

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.
Telephone Dry Dock 7695